STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06988

GYU DE MOPASAN'S GEZAMELTE VERK

Guy de Maupassant

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער שעהנער פריינד

(Bel-Ami)

ראָמאַן

פון

גיז דע מאָפּאַסאַן

אין צוויי טהיילען

איבערזעצט פון

לעאָן קאָברין

V

ארויסגעגעבען פון
„פאָרווערטס"
1923

ערשטער טייל

ערשטער טהייל.

1

זשארזש דוראי האט דערלאנגט דער קאסירערין א פינף־פראנק שטיק, בעקומען פון איהר רעשטע און האט פערלאזען דעם רעסטאראן.

א שענער, שטארק־געבויטער קערל און אן אמאליגער אונטער־אפיציער, האט ער בעזונדערס גוט אויסגעזעהן אין זיין מיליטערישער האלטונג.

ער האט זיך אויסגעגלייכט, אויסגעשטעלט די ברוסט אין פאראויס, פערדרעהט די וואנצען מעשה כוואט און געווארפען א שנעלען און שארפען בליק אויף די פערשפעטיגטע געסט אין'ם רעסטאראן.

די פרויען האבען איהם אנגעקוקט, דריי ארבייטערינען, א מוזיק־לעהרערין אין מיטעלע יאהרען, וועלכע איז געוועזן נאכלעסיג פערקאמט און אנגעטאן אין א פערשטויבטען הוט און צודרעהטען קלייד, און צוויי בירגער־פרויען, וואס זיינען דארטען געזעסען מיט זייערע מענער.

אין דרויסען איז ער א רגע געשטאנען אויף'ן טראטואר און האט זיך מיישב געווען, וואס ער זאל טהאן. היינט איז דער אכט און צוואנציגסטער יוני און געלד בייזיך האט ער אין גאנצען א דריי פראנק מיט עפעס. ווי אזוי קומט ער אוים די לעצטע פאאר טעג פון'ם מאנאט מיט אזוי ווייניג? די דאזיגע דריי פראנק מיט עפעס קאנען איהם סטאיען אדער אויף צוויי מיטאגען אהן

א פריהשטיק אדער אויף צוויי פריהשטיקען אהן א מיטאג. ער האט אויסגערעכענט אז א פריהשטיק דארף איהם קאסטען צוויי און צוואנציג סו און א מיטאג — דרייסיג; הייסט עס, ווען ער בענוגענט זיך בלויז מיט פריהשטיקען, שפארט ער דעמאלט איין א פראנק מיט צעהן סו, פונקט אזוי פיעל, צו קאנען בעצאהלען פיר נאך צוויי פארציאנען ברויט מיט ווארשטלעך און צוויי גלאז ביער ערגעץ אין א ביליגען פלאץ אויף'ן בולוואר.

מיט די דאזיגע געדאנקען איז ער אוועק איבער דער גאס נאטר־דאם־דע־לארעטט.

ער איז געגאנגען פונקט אזוי, ווי אין די פריהערדיגע צייטען, בעת ער האט אויף זיך א הוסארען יוניפארם געטראגען — די ברוסט ווייט אויסגעשטעלט, די פיס אביסעלע צושפרייט, אקוראט ווי ער וואלט נור־וואס געהאט פון'ם פערד ארונטער. ער האט זיך בעוועגט צווישען דער מענגע מענשען שטאלץ מיט א פערריסענעם נאז, געשטופט די פערבייגעהערם, געשטייסען זיי מיט די אקסלען, ארויפגעטראטען דא איינעם, דא אנדערען אויף די פיס און קיינעם ניט אויף א שפאן אפגעטראטען דעם וועג. זיין אלטען צילינדער האט ער אויף'ן אויער ארונטערגערוקט און זיינע טריט האבען הויך אבגעהילכט אויף דעם פלאסטער. ער האט געטראטען מיט אזא מינע, אקוראט ווי ער וואלט פעראכטעט אלעמען און אלסדינג — די פערבייגעהערם, די הייזער, די גאנצע שטאדט.

והגם ער האט געטראגען אויף זיך א גארניטור פיר זעכציג פראנק, ער האט דאך אויסגעזעהן אין איהם גאנץ עלעגאנט, אמת אפילו, עלעגאנט פון דעם געוועהנליך־ביליגען סארט.

ער איז געווען הויך, שטארק, בלאנד, רויטליך־בלאנד, מיט פערדרעהטע וואנצעס, וועלכע האבען זיך געקרייזט אויף זיין אויבערשטער ליפ. ער האט געהאט בלויע, קלארע אויגען און גאנץ קליינע שווארץ־אפעלס, נאטירליך־געקרייזטע האאר, וואס זיינען פונאנדערגעטהיילט געווען אין מיטען אין א פאלקע, און האט אין גאנצען אויסגעזעהן ווי א העלד אין א שונד־ראמאן.

עס איז געווען איינער פון יענע זומער־אבענדען, ווען עס

ווייזט זיך אוים אז פאריז האט קיין לופט ניט. די אנגעברענטע געביידעס האבען, דאכט זיך, געשוויצט ביי דער שטיקענדער לופט. די מיסט־קאנאלען האבען, דורך זייערע מיילער פון גראניט, ארויס־געלאזען רוחות, צו פער׳סמ׳ט צו ווערען, און דורך די אפענע פענ־סטער פון די קעלערס האט זיך געטראגען אויף דרויסען ארויס א שרעקליכער גערוך פון צוגעברענטען געקעכץ און ניט ריינעם וואסער.

די פארטיערס זיינען געזעסען אין איינע העמדער, אהן רעק־לאך, רייטענדיג אויף זייערע שטרויענע שטולען און האבען גע־רויכערט פיפקעס נעבען די טויערען פון די הייזער. די פערביי־געהער האבען זיך געשלעפט מיט מידע טריט, מיט הוילע קעפ, האלטענדיג די היט אין די הענד.

צוגעקומען צום בולוואר, האט זיך זשארזש דוראי ווידער אפגעשטעלט און ווידער זיך גענומען מיישב זיין, וואס ער זאל טהאן. ער האט חשק געהאט צו געהן צו די יעליסייער פעלדער און צו דער עוועניו פון דעם בולאנעם וואלד, אום דארט אונטער די ביימער אביסעלע פרישע לופט צו אטהעמען; אבער אין דער אייגענער צייט האט איהם געמוטשעט נאך אנאנדער וואונש: צו טרעפען עפעס א פרוי, א ליעבע־בענגעניש האבען.

ווי אזוי דאס זאל פאסירען, האט ער נאך ניט געוואוסט. אבער ער האט געווארט אויף דעם, זייט דריי מאנאטען, יעדען טאג, יעדען אבענד.

א דאנק זיין שענעם אויסזעהן און זיינע גאלאנטע מאניערען, זיימען איהם ביז היינט, גאנץ אפט, אריינגעפאלען ברעקלאך ליעבע, אבער ער איז ניט צופריעדען געוועזען מיט ברעקלאך, ער האט געהאפט אויף מעהר און אויף בעסערס.

מיט זיין לעדיגען פארטמאנע און הייסער בלוט האט ער זיך יעדעס מאל אויפגערעגט, ווען די "פראפעסיאנעלע" מיידלאך זיי־נען איהם פערבייגעגאנגען און צו איהם געפליסטערט:

— קום מיט מיר, אינגעלע!

אבער ער האט זיך ניט דערוועגט צו געהן מיט זיי, ווייל ער האט קיין געלד ניט געהאט; און אויסער דעם האט ער געהאפט

אויף עפּעס אנדערש, אויף עפּעס רעכטס, אויף אנאנדערע, וועני־גער געמיינע, ווענינער וואולגארע ליעבע.

און דאך האט ער געליעבט די ערטער, וואו די עפּענטליכע מיידלאך האבען זיך ארומגעטריבען, זייערע באלל־לאָקאלען, זיי־ערע קאפע־הייזער, זייערע גאסען. ער האט ליעב געהאט זיך צו טרעפען מיט זיי, צו „דוצען" זיי און שפּאסען מיט זיי, זייער שטאר־קער פּערפיום צו שמעקען, זייער נאהענטקייט צו פיהלען. זיי זיי־נען דאך געווען פרויען, פרויען, פרויען, וועלכע מען קאן ליעבען, און ער האט זיי נים פעראכטעט מיט יענעם געפיהל, וואס איז איינגעבארען דעם מאן, וועלכער איז אויפגעוואקסען אין א פאַ־מיליע.

ער האט זיך פערקירעוועט צו דער מאַדעלען־קירכע און איז אוועק נאך דעם מענשען־שטראהם, וואס האָט זיך געטראָגען, פון היץ געדריקט, אין יענער ריכטונג.

די גרויסע קאפע־הייזער זיינען איבערפּאקט געווען מיט מענ־שען. מענשען זיינען געזעסען אויף'ן טראָטואר ביים העלען, שיי־נענדינען ליכט, וואס איז געפאלען דורך די בעלויכטענע געשלי־פענע שויבען. אויף קליינע פיער־עקיגע טישלאך זיינען געשטאנען גלעזער מיט רויטע, געלע, גרינע, ברוינע משקאות. און אין די גראפינען האָבען געגלאַנצט די גרויסע, דורכזיכטיגע שטיקער אייז, וואס האָבען געקיהלט דאס קרישטאהל־קלארע וואסער.

דוראָי האָט גענומען געהן לאנגזאמער. אין האלז איז איהם געווען טרוקען און א דורשט האָט איהם געמוטשעט.

א ברענענדיגער דורשט, ווי מען פיהלט אמאָל אין די הייסע זומער־אבענדען, האט איהם געקוועלט, און ער האט געטראכט, ווי ער וואלט זיך מחיה געווען, ווען ער זאל האבען ארונטערגע־לאזט אט דעם דאזיגען קוויקענדען, קאלטען געטראנק צו זיך אין האלז אריין. אבער ווען ער זאל זיך נאכגעבען, דאן מוז ער זיך זעגענען מיט דעם מארגענדיגען מאהלצייט. און די הונגער־קוואַ־לען פון די לעצטע טעג אין'ם מאנאט קאָן ער צו גוט.

האָט ער צו זיך געזאגט: ביז צעהן דרעה איך זיך ארום, דערנאך טרינק איך אין „אמעריקאן" א גלאז ביער. בין איך אבער

דורשטיג, טייפעל!

און ער האט א קוק געטהאן אויף די אלע מענשען, וואס זיינען געזעסען ארום די טישלאך און האבען געטרונקען, אויף די דאזיגע אלע, וואס האבען געקאנט זייער דורשט לעשען, פיעל זייער הארץ האט געלוסט. און ער האט פעררוסען דעם קאפ און איז אוועק מיט א פרעבער און אן ארויספאדערענדיגער מינע פערביי די טישלאך און געפרובט מיט איין בליק, אפצושאצען די מענשען, וואס זיינען דארט געזעסען, נאך'ן אויסזעהן און נאך דער קליידונג, וויפיעל געלד וועט פון זיי האט ביי זיך. ווען מען טהוט א זוך אין זייערע קעשענעס, וואלט מען געווים דארט געפונען גאלדענע, זילבערנע און קופערנע מטבעות. דורכשניטליך וואלט מען מסתמא ביי יעדען פון זיי געפונען א צוויי צוואנציג־פראנקען שטיק. אין דעם קאפע הויז זיינען געזעסען, מינדעסטענס, א הונדערט פערזאן, הונדערט מאהל צוויי צוואנציג־פראנקען־שטיק — דאס מאכט אוים פיער טויזענד פראנק. ער האט ארויסגעמורמעלט: שוויינען! און האט זיך געוויגט גראציעז אויף די פיס. ווען ער פארצאפעט נור איינעם פון זיי ערגעץ אין א פינסטערען ווינקעלע, דרעהט ער איהם ארונטער דעם קאפ. ביי גאט, ער טהוט עס און איז זיך אפילו ניט איין מינוט מיישב, ווי ער פלעגט עס פריהער טהאן מיט די היהנער אין די דערפער, בעת די גרויסע מאנעווערען.

ער האט זיך דערמאנט אן די צוויי יאהר, וואס ער האט פערבראכט אין אפריקא.... ווי ער האט זיך דעמאלט אין זידען מיט די אראבער בעגאנגען. א גרויזאם־לוסטיג שמייכעל האט אויף זיינע ליפען געשומען שפיעלען, בעת ער האט זיך דערמאנט אן איין שטיקעל אהבייט זיינס, וואס האט דריי מענער פון דעם שטאם אולעטאלאנא דאס לעבען געקאסט און איהם און זיינע חברים צוואנציג היהנער, צוויי שעפסען און א סך גאלד ארייגעבראכט. אך, ווי ער און זיינע חברים האבען דערנאך געלאכט, גאנצע זעקס חדשים העבען זיי דערנאך פון דעם געלאכט.

די שולדיגע וואלט מען קיינמאל ניט אויסגעפונען. אגב האט מען זיי ניט געזוכט אויך, ווייל עס איז כמעט ווי נאטירליך געווען,

די סאלדאטען זאלען מארדען און בערויבען די אראבער.

אין פאריז איז שוין ניט אזוי. דא קען מען ניט אפען רויבען און מארדען מיט א סאבליע אויף דער זייט און מיט א רעוואלווער אין האנד אזוי ווי דארט, ווייט פון'ם געריכט, אויף דער פרייהייט. אך, א שאד וואס ער איז דארט ניט פערבליבען! ער האט אלץ געהאפט, אז דא וועט איהם זיין בעסער. און איצט?... יא, בעשערט אויסגעריסען צו ווערען!....

ער האט גענומען דרעהן און קלאפען מיט דער צונג אין'ם מויל, אקוראט ווי ער וואלט זיך געוואלט איבערצייגען, אויב דער גומען איז גענוג טרוקען. די מענגע האט זיך בעוועגט ארום איהם, מאט און לאנגזאם, און ער האט נאך אלץ געטראכט: שווייגען! יעדער פון די דאזיגע פראים האט ביי זיך געלד אין קעשענע.

ער האט געשטויסען אין גאנג די מענשען מיט די שולטערען און פרעהלאך געפייפט א ליעדעל. א פאאר הערען, וואס ער האט זיי אויף די פיס ארויפגעטראטען, האבען זיך אומגעדרעהט צו איהם מיט א זידלעריי און א פאאר פרויען האבען אויסגעשריען:

— אזא ווילדער!

ער איז פערביינעגאנגען דעם טהעאטער וואדעוויל און האט זיך אפגעשטעלט נעבען דער קאפע־אמעריקאן. ער האט געטראכט: אפשר זאל ער האך אויסטרינקען א גלאז ביער, ער ווערט פערברענט פאר דורשט. איידער ער האט זיך עס ענטשלאסען, האט ער א קוק געטהאן אויף'ן זייגער מיט דעם בעלויכטענעם ציפערבלאט אויף דער גאס. עס איז געווען א פערטעל אויף צעהן. ער האט זיך גוט געקאנט: ווי נור מען שטעלט פיר איהם אוועק א גלאז ביער, אזוי גלייך איז עס ארונטערגעשלונגען. און וואס טהוט ער דערנאך ביז עלף?

האט ער זיך מיישב געווען, ער וועט געהן ביז צו מאדעליין און פון דארט צוריק גאנץ שטיל, ניט געאיילט. און ער איז אוועק.

ווען ער איז צוגעקומען צו דעם אפערא־פלאץ, האט ער אנגעטראפען א דיקען יונגענמאן, וועלכער האט איהם אויסגעוויזען עפעס בעקאנט.

ער איז אוועק נאך איהם און זיך אלץ געסטארעט צו דערמא־

נען, וואו ער האט איהם געזעהן.

— וואו האב איך איהם געזעהן, טייפעל! — האט ער גע־מורמעלט צו זיך. און פלוצים, דורך א מערקווירדיגען קאפריז פון זיין זכרון, האט זיך דער דאזיגער יונגערמאן איהם פארגעשטעלט מאגערער, איינגער, אין הוסארען־יוניפארם, און ער האט אויסגע־שריען.

— דאס איז דאך פארעסטיע!

ער האט גענומען געהן שנעלער, דעריאגט דעם יונגענמאן און איהם א קלאפ געטהאן איבער'ן שולטער.

יענער האט זיך אומגעדרעהט, אנגעקוקט איהם און זיך אנ־גערופען:

— וואס פערלאנגט איהר, מיין העיר?

דוראי האט זיך צולאכט:

— וואס, דו דערקענסט מיך ניט?

— ניין.

— זשארזש דוראי, פון זעקסטען הוסארען...

פארעסטיע האט צו איהם אויסגעשטרעקט ביידע הענד:

— וואס מאכסטו, אלטער פריינד? ווי געהט עס דיר?

— זעהר גוט. און דיר?

— אה, ניט אם בעסטען.. איך לייד אויף דער ברוסט. זעקס מאנאטען אין'ם יאהר הוסט איך. דאס קומט פון א בראנכיט־קאַ־טאר, וואס איך האב געקראגען פאר פיער יאהרען אין בוזשיוואלי בעת איך האב זיך צוריקגעקעהרט קיין פאריז.

— אבער דו זעהסט דאך אוים גאנץ געזונד!

פארעסטיע האט גענומען זיין אמאליגען חבר אונטער'ן ארעם און אנגעהייבען איהם צו דערצעהלען וועגען זיין קראנקהייט, וועגען דעם, וואס די דאקטוירים האטהען איהם צו טהאן און וועגען דעם, ווי אונמעגליך עס איז פיר איהם אויסצופיהרען זייער ראטה. צום ביישפיעל, זיי ראטהען איהם צו פערברענגען ווינטער אין די זווארעמע געגענדען, אבער ווי אזוי קאן ער עס אויספיהרען? ער איז פערהייראטה, א זשורנאליסט און פערנעהמט א בכבוד'יגע שטעלע....

— איך רעדיגיר די פּאָליטישע אָפּטהיילונג אין דער צייטונג "פראנצויזישע לעבען", שרייב וועגען סענאט אין דער "רעטונג" און פון צייט צו צייט דרוק איך ליטעראַרישע פעליעטאָנען אין דער "פּלאנעטע". יאָ, איך האָב מיין קאַריערע געמאַכט!

דוראָי האט אויף איהם אויסגעגלאצט א פּאָאר אויגען. ער האט זיך זעהר פערענדערט, — האט אויסגעקוקט אסך מענשישער. זיין האַלטונג, זיין גאַנג, די קליידער אויף איהם — דאס אלעס איז געוועזן אזוי ובכבוד'יג, אזוי סאָליד און אָן זיין בייכעל האט מען געקאָנט זעהן, אז עסען פעהלט איהם אויך ניט. פריהער איז ער געוועזן מאָגער, דאַר, לייכטזיניג, א שרייער און א סקאנדאַלען־מאַכער. די דריי יאהר אין פּאַריז האָבען פון איהם א גאַנץ אנדערען מענשען געמאַכט, א דיקען, געזעצטען מאַן, מיט גרויליכע האָאר אויף די שלייפען, כאָטש ער איז ערשט אלט געוועזן זיעבען און צוואנציג יאהר.

פאָרעסטיע האט געפרעגט:

— וואוהין געהסטו?

דוראָי האט געענטפערט:

— ערגעץ נים. איך וועל נאך א ווייליע שפּאַצירען און דערנאך געה איך אהיים.

— ווילסט מיר אפשר בעגלייטען ביז דער רעדאַקציאָן? איך דאַרף איבערקוקען קאָרעקטורען. דענאך געה איך מיט דיר טרינקען א גלאז ביער.

— געהם עס.

און זיי זיינען אוועק געאָרמט, מיט יענער לייכטער פאַמיליאַריטעט, וואס מען קאָן זעהן צווישען שוהל־חברים און רעגימענט־קאַמעראַדען.

— וואס טהוסטו אין פּאַריז? — האט פאָרעסטיע געפרעגט.

דוראָי האט א דריק געטהאָן די אַקסלען.

— איך קראַפּיר פאַר הונגער. ווען איך האָב אָבגעדיענט מיין טערמין, האט זיך מיר פערגלוסט צו קומען אהער, מיין מזל צו פּרובען. איצט בין איך שוין זייט אנדערטהאלבען יאהר אנגעשטעלט אין דער ביוראָ ביי דער נאָרד־באַהן און קריעג געהאלט פונפצעהן

הונדערט פראנק א יאהר, נים איין סו מעהר.
פארעסטיע האט ארויסגעמורמעלט:
— טייפעל, דאס איז אביסעלע צו זעניג!
— יא, איך מיין אויך, אז עס איז אביסעלע צו ווענינ. אבער וואס קען איך העלפען? איך בין דא עלענד, קיינעם קען איך נים, קיינער שטיצט מיך נים. איך וואלט וועלען זיך ארויפארבייטען, אבער ווי אזוי?
זיין חבר האט איהם בעקוקט פון קאפ ביז די פיס מיט אויגען פון א פראקטישען מענשען און דערנאך געזאגט מיט זיכערקייט אין'ם קול: — ווייסטו, אלטער פריינד, דא העננט אלסדינג אפ פון אפלאמב, פון דעם, ווי אזוי מען האלט זיך, ווי מען טרעט ארוים צווישען מענשען. א מענשען מיט שכל איז לייכטער צו ווערען א מיניסטער ווי א ביורא־שעף. מען דארף קאנען אימפאני־רען און נים בעטען. אבער האסטו זיך גאר קיין בעסערס נים געקענט אויסגעפינען, ווי די שטעלע אויף דער נארד־באהן?
דוהאי האט געענטפערט:
— איך האב געזוכט, אבער קיין בעסערס נים געפונען. איצט גראד האב איך עטוואס אנדערס אין'ם אויג. מען שלאגט מיר פאר א שטעלע פון א רייטער אין מאנעזש פעלערען. דארט, וועניגסטענס, וועל איך קריעגען א דריי טויזענד פראנק א יאהר.
פארעסטיע האט איהם אונטערבראכען:
— דאס זאלסטו נים טהאן פאר קיין געלד אין דער וועלט, דו הערסט? טהוסטו דאס, האסטו זיך דער'הרג'עט דיין גאנצע צו־קונפט. אין דיין ביורא ביזטו וועניגסטענס פערבארגען. קיין מענש זעהט דיך דארט נים. ווען דיר זאל אפגליקען, קענסטו זיך נאך מאכען א קאריערע. אבער ווערסטו א רייטער — ביזטו א בעגראבענער. דאס איז פונקט אזוי, ווי דו זאלסט ווערען א קעל־נער אין א רעסטאראן, וואו גאנץ פאריז פערקעהרט. ווען דו וועסט געבען די הערען פון דער געזעלשאפט רייס־לעקציאנען, וועלען זיי דיך מעהר קיינמאל נים קענען בעטראכטען אלס זייער גלייכען.
ער איז אנשוויגען געווארען, האט א ווייל נאכגעטראכט און דערנאך געפרעגט:

— דו האסט דאך א דיפלאם פון א באקקאלאוור (בעטשלאָר)?
— ניין, איך בין צוויי מאל דורכגעפאלען.
— דאס מאכט נישט. ווען מען רעדט פון ציצערא אדער טי־בעריאוס, ווייסטו דאך אונגעפעהר, ווער זיי זיינען?
—יאָ, אונגעפעהר.
—מעהר איז ניט נויטהיג צו וויסען. קיינער ווייסט ניט מעהר, חוץ א פאאר צעהנדליג עזלען, וואס וועלען מיט דעם סיי־ווי קיין ערפאלג אין׳ם לעבען קיינמאל ניט האבען. עס איז גאר ניט אזוי שווער צו קריגען א נאמען פון א געבילדעטען מענשען. מען דארף נור זיך היטען ניט ארייגצופאלען. מען דארף נור פער־שטעהן, ווי ארויסצודרעהן זיך פון שוועריגקייטען, ווי ארומצוגעהן הינדערנישען און ווי צו מאכען אן איינדרוק מיט שווערע, וויסענ־שאפטליכע פראזען, ארויסגעכאפט פון א קאָנווערזאציאָנס־לעקסי־קאָן. די מענשען זיינען אלעדום ווי גענז און אונוויסענד ווי פיש.
ער האָט גערעדט מיט א מינע פון א מענשען, וואס קאָן דאס לעבען, און געקוקט מיט א שמייכעל אויף די פערבייגעהערס. אבער פלוצים האט ער זיך צוהוסט, איז שטעהן געבליבען און האָט געזאגט:
— איך קען גאר פון דעם קאטאר ניט פטור ווערען! זעהסט דאך, אין מיטען זומער! אָה, דעם קומענדען ווינטער פאהר איך אונבעדינגט אין מענטאָן. מאָג דער טייפעל דאָ אלסדינג צונעהמען, דאס געזונד איז טהייערער!
זיי זיינען אוועק צום בולוואר פואנסאניער און האָבען זיך אפגעשטעלט פאר א גרויסער גלעזערנער טיר, אויף וועלכער איז אנגעקלעפט געווען א צושפרייטער נאָמער פון א צייטונג. דריי מענשען זיינען דארט געשטאנען פאר דער טיר און האבען געלעזען.
איבער דער טיר איז געהאנגען א שילד מיט גרויסע פייער־דיגע ווערטער: "דאס פראנצויזישע לעבען". די פערבייגעהער, בעת זיי זיינען געווען נאָהענט פון דעם שילד, זיינען פלוצים בע־לייכטעט געווארען שארף און העל ווי אין מיטען טאג, און אפ־געטראָטען פון דעם דאזיגען שילד, זייגען זיי באלד פערשלונגען געווארען פון דער דונקעלהייט.

פארעסטיע האט א שטוים געטהאן די טיר און געזאגט:

— קום!

דוראי איז אוועק נאך איהם איבער שמוציגע טרעפ, וועלכע מען האט פון דער גאס געקאנט ארויסזעהן, איז אריין אין א פארצימער, וואו צוויי לאקעען האבען זיך פערגוינגט פאר זיין חבר, דערנאך איז ער אריין נאך פארעסטיע'ן אין א צימער, א סארט גאסט־צימער, וואס איז געווען מיט געלזגרינע סאמעטענע טא־פעטען בעשלאגען. עס איז געווען פערשטויבט און ערטערווייז אזוי ארומגעריסען, אזוי ווי מייז וואלטען ארומגעגריזשעט.

— זיץ—האט פארעסטיע געזאגט—איך קום גלייך צוריק.

און ער איז פערשוואונדען הינטער איינער פון די דריי טי־רען, וואס האבען זיך געפונען אין דעם האזיגען צימער.

א מין בעזונדערער, אונערקלערליכער גערוך, דער גערוך פון רעדאקציאן, האט זיך געטראגען אין דעם האזיגען צימער.

דוראי איז געשטאנען צומישט, צוטומעלט. — יעדע ווייל־ע זיינען פערביי איהם דורכגעלאפען מענשען פון איין טיר אין דער אנדערער אזוי שנעל, מיט אזא אימפעט, דאס ער האט קיין מעגליכקייט ניט געהאט אפילו זיי אנצוקוקען.

דאס זיינען געווען אדער גאנץ יונגע מענשען מיט פערהא־וועטע מינעס, מיט בייגענס פאפיר, וואס האבען געפלאטערט אין זייערע הענד פון דעם שנעלען לויפען; אדער זעצערס אין ליי־ווענדע, פון טינט פערפלעקטע בלוזעס, פון אונטער וועלכע עס האבען זיך ארויסגעזעהן א קלארער, ווייסער קראגען און געווענטע־נע הויזען, ווי ביי די הערען; זיי האבען פארזיכטיג געטראגען לאנגע פאסען פאפיר אין דער האנד, פרישע קארעקטורען, וואס זיינען נאך גאנץ נאס געווען. יעדע ווייל־ע זיינען אריינגעקומען אויסגעפראנטעווטע הערען אין זעהר ענגע, שמאלע רעק, אין שיך מיט זעהר שפיציגע נעזלאך — הפנים רעפארטערס פון דער פיי־נער געזעלשאפט, וועלכע האבען פרישע נייעס געבראכט.

עס זיינען געקומען נאך אנדערע הערען מיט ערנסטע, וויכ־טיגע מינעס, מיט הויכע היט מיט פלאכע ברעגעס, אקוראט ווי דער דאזיגער פאסאן הוט וואלט זיי אונטערשיידעט פון אלע אנ־

דערע מענשען.

פארעסטיע האט זיך צוריקגעקעהרט געארעמט מיט א הויכען מאגערען הערר. דער האזיגער הערר, אין א שווארצען פראק און ווייסער קראוואטע, האט אויסגעקוקט צווישען דרייסיג און פערציג יאהר אלט. ער איז געווען גאנץ דונקעל, האט געטראגען די וואנצעס פערדרעהט מיט די שפיצען ארויף און געשמייכעלט פרעך און זעלבסטצופריעדען.

פארעסטיע האט צו איהם געזאגט:

— אויף ווידערזעהן, ליעבער לעהרער!

יענער האט איהם א דריק געטהאן די האנד:

— אויף ווידערזעהן, ליעבער פריינד!

דוראי האט געפרעגט:

— ווער איז דאס?

— דאס איז דזשאק ריוואל, דער בעריהמטער פעליעטאנען-שרייבער און דועליסט. ער האט נור וואס דורכגעזעהן די קארעקטור. גארען, מאנטעל און ער זיינען די דריי איינציגע פעליעטאניסטען אין פאריז, וואס האבען טאלענט. ער פערדינט ביי אונז דרייסיג טויזענד פראנק א יאהר פיר צוויי ארטיקלען א וואך.

ארויסגעהענדיג, האבען זיי אנגעטראפען נאך א מאן מיט לאנגע האאר, א דיקען און א ניט גאר זויבערען, וועלכער איז קייכענדיג געקראכען אויף די טרעפ.

פארעסטיע האט זיך טיעף פערנויגט פאר איהם.

— דאס איז נארבער-דע-ווארען — האט ער געזאגט — דער דיכטער, דער פערפאסער פון די "פערלאשענע זונען". פערדינט אויך פיעל געלד. יעדע קליינע סקיצע, וואס ער גיט אונז, קאסט דריי הונדערט פראנק און די לענגסטע פון זיינע סקיצען זיינען קיין צוויי הונדערט צייל׳ען ניט לאנג. אבער איך ווער פערברענט פאר דורשט. קום אין קאפאליטען.

באלד ווי זיי זיינען געזעסען ביים טישעל אין׳ם קאפע-הויז, האט פארעסטיע אויסגערופען:

— צוויי ביער!

און ער האט אויסגעטרונקען זיין ביער אין איין אטחעם,

וועהרענד דוראַי האָט געטרונקען זיינס לאַנגזאַם, פּאַסמאַקעוועג־דיג זיך ביי יעדען זופּ, ווי ער וואָלט געטרונקען עפּעס א זעלטענע משקה.

זיין חבר האָט געשוויגען, קאָנטיג ער האָט עפּעס ארומגע־טראַכט, דערנאָך האָט ער זיך פּלוצים אָנגערופען:

— ווארום זאָלסטו ניט פּרובען ווערען א זשורנאַליסט?

דוראַי האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט.

— וואס מיינסטו ווערען א זשורנאַליסט? ווי אזוי?.. איך האָב דאָך קיינמאָל קיין צייל ניט געשריעבען.

— ווייס איך, דו פּרוב נור, פאַנג אָן. איך וואָלט פּיליכט דיך געקאָנט בענוצען אלס רעפּאָרטער, צו זאַמלען פיר מיר נייעס, צו שיקען דיך אַמאָל א נויטיגען גאַנג. די ערשטע צייט וועסטו קריגען צוויי הונדערט און פופציג פראַנק א מאָנאַט. אז דו ווילסט, וועל איך ריידען מיט׳ן שעף־רעדאַקטאָר.

— ביי מיר האסטו גע׳פּועלט.

— דאַן וועל איך דיר מאַכען א פאָרשלאַג. קום מאָרגען צו מיר אויף דינער, עס וועלען זיין ביי מיר א פינף־זעקס מענשען, דער אייגענטהימער פון דער צייטונג הערר וואַלטער, זיין פרוי, זשאַק ריוואַל, נאָרבער־דע־וואַרען, וועלכען דו האסט ערשט געזעהן, און נאָך איינע, א פריינדין פון מיין פרוי. קומסטו?

דוראַי איז רויט געוואָרען און האָט באַלד ניט געענטפערט. צום סוף האָט ער ארויסגעמורמעלט:

— אָבער... איך וועל דיר די וואַרהייט זאָגען... איך האָב ניט קיין אַנשטענדיגען אַנצוג...

פאָרעסטיע האָט זיך זעהר פערוואונדערט:

— דו האסט ניט קיין פראַק? טייפעל! דאָס מוזטו אוּנבע־דינגט האָבען. דו ווייסט, אין פאַריז קאָן מען גיכער אויסקומען אָהן א בעט ווי אהן א פראַק.

דאַן האָט ער גענומען זוכען אין זיין וועסטען־טאַש, האָט ארויסגענומען פון דאָרט עטליכע גאָלדענע מטבעות און אוועק־לייגענדיג אויף׳ן טיש צוויי צוואַנציג־פראַנק שטיק, האָט ער גע־זאָגט איינפאַך און הארציג:

— דו וועסט עס מיר אמאָל אפגעבען, ווען דו וועסט האָבען. איצט פערשאַף זיך, לייה אדער קויף, אויף מאנאטליכע אבצאהלונ־גען, א פראק. דאס מוזטו האבען. קורץ, דו פערשאַף זיך אלס־דינג, וואס דו דארפסט, און קום צו מיר אויף דינער, מארגען אום האלב אכט, רוע פאנטאן, 17.

דוראָי איז געריהרט געווארען, האט גענומען דאס געלד און ארויסגעשטאמעלט:

— דו ביזט זעהר ליעבענסווירדיג. איך דאנק דיר טויזענד מאל. איך וועל עס קיינמאל ניט פערגעסען, דו קאנסט זיכער זיין.....

פארעסטיע האט איהם אונטערבראכען:

— אך, רייד גאר ניט פון דעם. וועסטו טרינקען נאך איינס?

און ער האט א געשריי געטהאן:

— גארסאן, צוויי ביער!

אויסגעטרונקען, האט פארעסטיע געזאגט:

— ווילסטו ווילען זיך דורכגעהן אונגעפעהר נאך א שטונ־דע?

— געוויס, מיט פערגעניגען.

און זיי זיינען אוועק אין דער ריכטונג צו דער מאדעלען־קירכע.

— וואוהין געהט מען? — האט זיך פארעסטיע אנגערו־פען — מען זאגט, אז אין פאריז איז פאר יעדען דא, וואו צו פערברענגען. דאס איז ניט אמת. יעדעס מאל, ווען איך שפאציר ביי נאכט, ווייס איך קיינמאל ניט, וואוהין צו געהן. צו פאהרען אין בולאָנעם וואלד האט נור א זין, ווען מען האט מיט זיך א פרויענצימער, און אזא פרויענצימער קען מען ניט אימער קריעגען. די קאנצערטען און די קאפע־הייזער קאָנען אמוזירען מיין אפטהע־קער און זיין פרוי, אבער ניט מיך. אלזא, וואס קאן טהאן אזא מענש ווי איך? גאר נישט. דא האט געדארפט זיין א זומער־גארטען, אונגעפעהר ווי דער פארק מאנסא, וועלכער זאל זיין אפען א גאנצע נאכט, וואו מען זאל קאנען הערען גוטע מוזיק און טרינ־קען קאלטע געטראנקען אונטער די ביימער. עס דארף ניט זיין קיין אמוזמענט־פלאץ, נור אן ארט, צו שפאצירען. איינטריטס־

פרייז דארף זיין הויך, אום עלעגאנטע דאמען זאלען וועלען אהין געהן. מען וואלט געשפאצירט איבער די ווייסע, בעשאטענע מיט א זעמדעל, אלעען, פון עלעקטרישען ליכט בעלייכטעט, מען וואלט זיך צוגעהערט צו דער מוזיק. אמאל, ווייסטו, האט מוזאר געהאט אזא גארטען, אבער דארט האט זיך געפיהלט דער נאכגעשמאק פון שענק און ער איז געווען מעהר טאנץ־לאקאל, ווי גארטען. ער איז געווען ניט גענוג גרויס, האט ניט געהאט גענוג שאטען און דונ־קעלהייט! עס מוז זיין זעהר א שענער, זעהר א גרויסער גארטען. דאס וואלט געווען רייצענד. זאג נור, וואוהין וואלסטו געוואלט געהן?

דוראי האט צוערשט ניט געוואוסט, וואס צו ענטפערען. צום סוף האט ער געזאגט:

— איך בין נאך קיינמאל ניט געווען אין פאלי־בערזשער. איך וואלט אמאל וועלען געהן אהין.

זיין בעגלייטער האט אויסגעשריען:

— פאלי־בערזשער? טייפעל, דארט וועלען מיר דערשטיקט ווערען פאר היץ! נור אויב דיר ווילט זיך זעהר שטארק, געה איך מיט דיר אהין. קום. פרעהלאך איז דארט!

און זיי האבען זיך פערקירעוועט אין דער ריכטונג צו דער גאס פאבור־מאנמארטר.

דער בעלייכטעטער פראנט פון דער געביידע האט געווארפען א העל ליכט אויף די פיער גאסען, וואס האבען זיך דארט בעהעפט. און אנטקעגען איז געשטאנען א גאנצע רייהע דראזשקעס.

פארעסטיע איז אריין. דוראי האט איהם געוואלט אפשטע־לען.

— מיר מוזען דאך אפריהער צוגעהן צו דער קאססע.

אבער פארעסטיע האט איהם געענטפערט מיט א וויכטיגע מינע:

— דער וואס געהט מיט מיר, צאהלט ניט.

ביי דער טיר האבען די דריי קאנטראליארען זיך פערנויגט פאר איהם און דער, וואס איז געשטאנען אין מיטען, האט צו איהם אויסגעשטרעקט די האנד.

דער זשורנאליסט האט א פרעג געטהאָן :

— האט איהר עפּעס א גוטע לאזשע ?

— געוויס, הערר פּארעסטיע.

ער האט גענומען דעם קופּאָן, וואס מען האט איהם דער־לאנגט, האט א שטויס געטהאן די טיר, וועלכע איז בעשלאגען גע־וועזען מיט לעדער, און באלד זיינען זיי געווען אינווענינ אין'ם זאאל.

א רויך פון טאבאק האט פערשלייערט, ווי א לייכטער נעבעל, די ווייט ליגענדע פּלעצער, די ביהנע און די אנדערע זייט פון'ם טהעאטער. פון אלע זייטען האבען זיך געצויגען און געשלענגעלט ווייסליכע פּאסען רויך פון די סיגארעטען און סיגארען, וואס די דאזיגע אלע מענשען האבען גערויכערט. זיי האבען זיך געצויגען און געשלענגעלט ארויף, ארויף, העכער און העכער, און געבילדעט אונטער'ן דאך, ארום דעם קרוין־לייכטער איבער דער גאלערעע, וואס איז פול געפּאקט געווען מיט מענשען, א וואלקען־הימעל.

אין דעם ברייטען ארייגאנגס־קארידאר, וואס האט זיך גע־צויגען ארום דעם גאנצען זאאל, וואו אויסגעפּוצטע „פּראפעסיאנע־לע" פרויען האבען זיך ארומגעטריבען צווישען דונקעל־געקליידעטע מענער, האבען א גרופּע פרויען אפּגעוואָרט די ארייגקומענדיגע, ביי איינעם פון די דריי לאָדענ־טישען, הינטער וועלכע דריי גע־סמינקטע פערקויפערינס פון ליעבע און געטראנקען זיינען געזע־סען.

די הויכע שפּיעגלען הינטער זיי האבען אפּגעשפּיעגעלט זייע־רע רוקענס און די פּנים'ער פון די פערביינעהערס.

פּארעסטיע האט זיך שנעל דורכגעשטופּט דורך די מענגע, ווי א מענש, וואס איז ביי זיך זיכער, אז ער האט א רעכט אויף דעם רעספּעקט פון אנדערע.

ער איז צוגעגאנגען צו דעם מאַן, וואס האט אונטער זיין אויפ־זיכט די לאזשעס :

— לאזשע נומער זיעבענצעהן !

— דא, מיין הערר !

און זיי זיינען אריין אין א קליינע הילצערנע שטייגעל, וואס איז בעשלאגען געווען מיט רויטע טאפּעטען, וואו פיער שטולען

פון דעם אייגענעם פארב זיינען געשטאנען אזוי ענג איינער נעבען אנדערן, האס מען האט קוים געקאנט דורכגעהן צווישען זיי.

רעכטס און לינקס פון דער ביהנע האט זיך געצויגען א לאנגע רייהע שטייגלאך, פונקט ווי זייערע, וואו מענשען זיינען געזעסען. נור די קעפ און די שולטערען פון יענע מענשען האבען זיך ארויסגעזעהן פון די שטייגלאך.

אויף דער ביהנע האבען דריי יונגע לייט אין טריקא, א הויבער, א מיטעלער און א קורצער, געוויזען קונצען אויף א טראפעץ.

צוערשט איז דער הויכער געגאנגען מיט דראבנע און שנעלע טריט, שמייכלענדיג צו דער מענגע און צו־ווארפענדיג צו איהר קושען מיט דער האנד.

אונטער די טריקא האבען זיך אבגעצייכענט די מוסקולען פון זיינע ארמס און פיס; ער האט אויפגעבלאזען די ברוסט, אום צו פערבארגען זיין הויכען בויך. ער האט אויסגעזעהן ווי א בארביער מיט די האאר אין מיטען זארגפעלטיג פערקאמט אויף צוויי גלייכע העלפט. מיט א גראציעזען שפרונג האט ער זיך אנגעכאפט אן דעם טראפעץ און הענגענדיג אויף די הענד, האט ער זיך געדרעהט אין א קרייז ווי א ראד, אדער, אויסציהענדיג די הענד און אויסגלייכענדיג דעם קערפער, איז ער געבליבען האריזאנטאל הענגען ווי פערגליווערט אין דער לופטען, נור דורך די קראפט פון די פויסטען געהאלטען.

דאן איז ער אונטערגעשפרונגען אויף ד׳רערד, האט זיך נאך אמאל פערנייגט פאר דאס פובליקום, וואס האט איהם שטארק אפּלאדירט, און איז אוועק הינטער די קוליסען, ארויסווייזענדיג ביי יעדער בעוועגונג די מוסקולאטור פון זיינע פיס.

דער צווייטער נאך איהם, קירצער און שטארקער, האט געוויזען די אייגענע קונצען. דערנאך האט דער ערשטער ווידער אנגעהייבען אונטער אלע גרעסערע ״בראוואס״ און אפלאדיסמענטען פון׳ם פובליקום.

אבער דורא׳ין האט די דאזיגע פארשטעלונג ניט אנגעהייבען צו אינטערעסירען. ער האט נאכאנאנד געקוקט ארונטער די לאזשעס וואו די ״פראפעסיאנעלע״ דאמען און הערען האבען זיך

ארומגערדערהם.

פארעסטיע האט זיך צו איהם געווענדעט:

— די טהו נור א קוק אויף דאס פובליקום אין די ערשטע רייהען: — לויטער בורזשואס מיט זייערע פרויען און קינדער. זיי זיינען געקומען אהער, זיך אמוזירען. אין די לאזשעס — בול־ווארהעלדען, א פאאר קינסטלער און עטליכע "פראפעסיאנעלע" דאמען פון צווייטען ראנג; און הינטער אונז, א מיש־מאש פון מענשען, וואס מען קען טרעפען נור אין איין פאריז. ווער זיינען זיי? קוק זיי אן. אלע זיינען דא פערטראטען, אלע קלאססען, אלע פראפעסיאנען: באנק־בעאמטע, מענשען פון מיניסטעריאום, קרעמער, רעפארטערס, אלפאנסען, אפיצירען אין ציוויל־קליידער, דיענדיס אין פראקען, וואס זיינען געקומען אהער גלייך פון רעסטאראן אדער פון דער אפערא, און נאך א גאנצע מיינגע צווייפעלהאפטע פערזאנען, וועגען וועלכע עס איז אפילו שווער צו זאגען, ווער און וואס זיי זיינען. די פרויען, פערקעהרט, זיי געהערען צו איין בעשטימטען קלאסס: "פראפעסיאנעלע". פרייז — צוויי צוואנציג־פראנקען־שטיק, פון אויסלענדער — פינף... זיי זעהט מען דא יעדען אבענד, א גאנצען יאהר, אויף דעם אייגענעם פלאץ, סיידען ווען זיי ליעגען אין לאזארעט....

אבער דוראי האט איהם מעהר ניט געהערט. איינע פון יענע פרויען האט זיך אנגעלעהנט אן דער פארענצע פון איהר לאזשע און געקוקט אויף איהם. דאס איז געווען א דיקע ברונעטין, מיט א ווייס־געשמינקטען פנים, שווארצע לענגליכע אויגען אונטער גרויסע געפארבטע ברעמען.

איהר הויכער בוזים האט ארויסגעשפארט דורך די דונקעלע זייד פון איהר קלייד, און איהרע געמאלטע ליפען, רויט ווי א בלוטענדיגע וואונד, האבען צוגעגעבען איהר פנים עטוואס טהירישעס, גליהענדיגס, וואס האט געבריצט און געוועקט די תאוה.

דורך א צייכען מיט דעם קאפ האט זי א רוף געטהאן איינע פון איהרע פריינדינען, וואס איז גראד דעמאלט פערבייגעגאנגען, א בלאנדע מיט רויטע האאר, אויך אזוי דיק ווי זי, און האט צו איהר געזאגט אומיבטענע הויך, אום מען זאל הערען:

— זעה נור דעם שעהנעם יונג דארט. פיר צעהן לואים וואלט איך מיט איהם גלייך געגאנגען.

פארעסטיע האט זיך א קעהר געטהאן צו דוראי'ן און איהם א קלאפ געטהאן איבער'ן שולטער.

— דאס מיינט מען דיך. דו האסט ערפאלג, מיין ליעבער. איך גראטוליר!

דער אמאליגער אונטער־אפיציר איז רויט געווארען און האט מעכאניש אנגעטאפט מיט די פינגער די גאלדענע מטבעות אין זיין וועסטען־טאש.

דער פארהאנג האט זיך ארונטערגעלאזט און די מוזיק האט גענומען שפיעלען א וואלצער.

דוראי האט פארגעלויגט:

— קום, מיר וועלען דא אביסעלע ארומגעהן.

זיי זיינען ארויס פון דער לאזשע און גלייך זיינען זיי אוועקגעטראגען געווארען פון דעם מענשען־שטראם. מען האט זיי גע־שטויסען, געשטופט, געדריקט פון אלע זייטען. זיי האבען זיך בעוועגט, אין מיטען א גאנצען וואלד פון שולטערען, קעפ און הים.

די "פראפעסיאנעלע" דאמען האבען זיך געטראגען צו פאאר־וויז צווישען דער דאזיגער מענגע מענער, הין און צוריק, האבען זיך בריה'ש געדרעהט צווישען זייערע רוקענס, שולטערען, עלענ־בויגענס, ווי ביי זיך אין דער היים, און געפיהלט זיך ווי פיש אין'ם וואסער צווישען דער דאזיגער מענגע פון זכרים.

דוראי האט זיך בעוועגט נאך'ן שטראהם בעגייסטערט, און מיט פערגעניגען אריינגעזויגט אין זיך די לופט, וואס איז אנגע־זאפט געוועזן מיט טאבאק־רויך, שוויים און סמינקע פון די "פרא־פעסיאנעלע" דאמען. אבער פארעסטיע האט די לופט ניט געקענט פערטראגען און זיך שטארק צוהוסט.

— קום ארויס אין גארטען — האט ער געזאגט.

זיי האבען זיך גענומען רעכטס און זיינען אריין אין גארטען, וואו עס האבען זיך געפונען צוויי פאנטאנען. אונטער די ביימער זיינען דארט געזעסען ביי טישלאך מענער און פרויען און האבען געטרונקען.

— ווועסט טרינקען נאך איינס ? — האט פארעסטיע גע־פרעגט.

— מיט פערגעניגען.

זיי האבען זיך געזעצט און געקוקט אויף די פערבייגעהערס. יעדע ווײלע איז צו זיי צוגעגאנגען א דאמע און האט געפרעגט מיט א באנאלען שמייכעל :

— וועט איהר מיך טראקטירען, מיין העדר ?

— און ווען פארעסטיע האט געענטפערט : "מיט א גלאז וואסער פון פאנטאן," איז זי אוועק פון זיי, מורמלענדיג : "עזעל !"

די דיקע ברונעטין, וואס האט פריהער זיך געהאט אנגע־לעהנט אן די פארענצען פון איהר לאזשע, האט זיך ווידער בע־וויזען געארמט מיט דער דיקער בלאנדע. זיי זיינען געווען זעהר א פאסענדע פאאר.

ווען זי האט בעמערקט דוראי, האט זי צו איהם א שמייכעל געטהאן. זיי האבען זיך אנגעקוקט, און זייערע בליקען האבען זיך, דאכט זיך, גע׳סוד׳עט. זי האט גענומען א שטול, זיך רוהיג אוועקגעזעצט ניט ווייט פון איהם, און ווען איהר חבר׳טע האט זיך נעבען איהר אויך געזעצט, האט זי אויסגערופען :

— גארסאן, צוויי גרענאדינען !

פארעסטיע האט זיך פערוואונדערט אנגערופען :

— דו זשעניר'סט זיך גאר ניט, ווי עס שיינט !

זי האט איהם געענטפערט :

— דיין פריינד איז אין דעם שולדיג. ער איז אזא שענער יונג. מיר דאכט זיך, אז צוליעב איהם וואלט איך געטהאן אלער־ליי נארישקייטען.

דוראי איז צומישט געווארען און האט ניט געוואוסט וואס צו זאגען. ער האט א דרעה געטהאן די וואנצעס און נאריש גע־שמייכעלט.

דער גארסאן האט געבראכט דעם געטראנק, וואס די פרויען האבען אויסגעטרונקען מיט איין זופ. דערנאך האבען זיי זיך אויפ־געהויבען. די ברונעטין האט פריינדליך א מאך געטהאן מיט׳ן קאפ צו דוראי׳ן, א קלאפ געטהאן איהם מיט׳ן פעכער איבער׳ן

שולטער און געזאגט:

— א דאנק, קעצעלע. ווי איך זעה, האלסטו ניט פון ריידען.

און זיי זיינען אוועק, דרעהענדיג מיט די היפטען.

פארעסטיע האט זיך צולאכט:

— ווירקליך, פריינד, דו האסט ערפאלג ביי פרויען. דו מוזט זיך מיט דעם בענוצען. מיט דער הילף פון פרויען קאנסטו זיך מאכען די שעהנסטע קאריערע.

און אזוי ווי דוראי האט נאך אלץ געשוויגען מיט א שמייכעל אויף די ליפען, האט ער פלוצום געפרעגט:

— דו בלייבסט דא? איך געה. פאר מיר איז גענוג.

דוראי האט ארויסגעמורמעלט:

— איך וועל דא נאך א וויילע פערברענגען. עס איז נאך פריה.

פארעסטיע האט זיך אויפגעהייבען.

— נו, אלזא, אויף ווידערזעהן, ביז מארגען. פערגעס ניט, האלב אכט, פאנטאן, נומער 17.

— אונבעדינגט. ביז מארגען. א דאנק.

זיי האבען זיך געדריקט די הענד, און דער זשורנאליסט איז אוועק.

גלייך ווי יענער איז אוועק, אזוי האט דוראי זיך דערפיהלט פריי און ווידער מיט שמחה אנגעטאפט די גאלדענע מטבעות אין וועסטען־טאש. דערנאך האט ער זיך אויפגעהויבען און איז אוועק זוכען צווישען עולם. באלד האט ער דערזעהן די ביידע דאַמען, די בלאנדע און די ברונעטין, ווי זיי האבען זיך דארט ארומגעדרעהט צווישען די מענער מיט א מינע פון געפאלענע קעניגינען.

ער האט זיך א לאז געטהאָן געהן צו זיי, אבער ווען ער איז צוגעגאנגען נאהענט, האט ער זיך ניט ענטשלאסען....

די ברונעטין האט זיך אנגערופען צו איהם:

— נו דו האסט שוין געקראגען לשון?

ער האט ארויסגעמורמעלט:

— ענטשולדיגט.

האט דאזיגע איינציגע ווארט האט ער נור געקאנט ארויס־

ברענגען.

זיי זיינען געשטאנען זאלבע־דריט און האבן פערשטעלט דעם דורכגאנג.

דערנאך האט זי פלוצום געפרעגט :

— געהסט מיט מיר ?

און ער, ציטערענדיג אין גאנצען פאר בעגעהר, האט ברוטאל געענטפערט :

— יאָ. אבער איך האב ביי זיך נור איין לואיס.

זי האט גלייכגילטיג א שמייכעל געטהאָן :

— דאס מאכט נישט.

און זי האָט גענומען זיין ארם.

ווען זיי זיינען ארויסגעגאנגען, האט ער א טראכט געטאָהן, אז מיט דעם צווייטען לואיס וועט ער לייכט קאָנען קריגען א פראק אויף פראקאט פיר דעם מארגענדיגען אבענד.

2

— וואָהנט דא, הערר פארעסטיע ?

— אויף'ן דריטען שטאָק לינקס.

דער פארטיער האט געענטפערט מיט א ליעבענסווירדיגער שטימע, מיט קאָנטיגען דרך ארץ פיר פאָרעסטיע. און דוראָי האָט אנגעהויבען צו געהן די טרעפ ארויף. צום ערשטען מאל אין זיין לעבען האט ער געטראגען א פראק און זיך געפיהלט אביסעלע אונרוהיג און ניט גאר זיכער וועגען זיין טואלעט. די שטיוועל זיינען ניט געווען לאקירט, דאס העמד, וואָס ער האָט היינט געקויפט פיר פיער פראנק, איז ניט גענוג שטייף געווען ביי דער ברוסט און האט זיך געקנייטשט. די הויזען זיינען געווען צו־ברייט און האבען זיך געדרעהט ארום זיינע פיס. מען האט גלייך געקאנט זעהן אז זיי זיינען אלטע, נור דער פראק איז געזעסען גאנץ גוט.

ער איז לאנגזאם געגאנגען ארויף די טרעפ, אונרוהיג, מיט א קלאפענדיג הארצען. מעהר פון אלץ האט ער מורא געהאט, ער זאל ניט אויסזעהן לעכערליך; און פלוצום האט ער בעמערקט גע־

גענאַיבער זיך אַן עלעגאַנטען הערר, וואָס האָט געקוקט אויף איהם. זיי זיינען געווען אַזוי נאָהענט איינער פון דעם אַנדערן, דאַס דור־ראַי האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן צוריק, אום יענעם דעם וועג אָפּצו־טרעטען, און דאַן איז ער געבליבען שטעהן שטאַרק פערוואונדערט. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז יענער עלעגאַנטער הערר איז עס ער אַליין. דער הויכער שפּיעגעל אין'ם קאָרידאָר אויף'ן ערשטען שטאָק האָט עס אָפּגעשפּיעגעלט זיין בילד אין זיין גאַנצען וואוקס. ער האָט אַ ציטער געטהאָן פאַר פרייד: ער האָט פיעל בעסער אויסגעזעהן, ווי ער האָט ערוואַרטעט.

אין דער־היים האָט ער געהאַט נור אַ קליין שפּיעגעלע, וואָס ער האָט בענוצט, בעת ראַזירען זיך. אין דעם דאָזיגען שפּיע־געלע האָט ער געקאָנט בעטראַכטען נור טהיילען פון זיין פיגור, דערפאַר האָט ער געמיינט, אַז ער איז זעהר שלעכט געקליידט. אָבער איצט, ווען ער האָט זיך פּלוצלים דערזעהן אין'ם שפּיעגעל אין זיין גאַנצען וואוקס, האָט ער זיך גאַר ניט דערקענט. ער האָט געמיינט, אַז אַ פרעמדער שטעהט פאַר איהם, אַ הערר פון דער פיינער געזעלשאַפט, אַ הערר, וואָס האָט אויסגעזעהן זעהר שען און זעהר עלעגאַנט.

און איצט, ווען ער האָט זיך גוט בעטראַכט פאַר דעם שפּיע־געל, איז ער געקומען צום שלום, אַז ער וועט מאַכען אַ גוטען איינדרוק.

דערנאָך האָט ער זיך אַליין עקזאַמינירט, ווי דאָס טהוען די אַקטיאָרען, בעת זיי שטודירען זייערע ראָלען. ער האָט אַ שמיי־כעל געטהאָן, אויסגעשטרעקט די האַנד, געמאַכט אַלערליי האַ־וואַיעס, וואָס האָבען געזאָלט אויסדריקען געפיהלען: פערוואונ־דערונג, פערגעניגען, צושטימונג. דאַן האָט ער פּראָבירט פערשי־דענע מינים שמייכלען און בליקען, מיט וועלכע צו מאַכען אַן איינדרוק אויף די דאַמען.

אין'ם קאָרידאָר האָט זיך געעפענט אַ טיר. ער האָט זיך צו־שראָקען אַ כאַפּ געטהאָן און גענומען לויפען אַרויף די טרעפּ. ער האָט מורא געהאַט, טאָמער האָט ווער פון די איינגעלאַדענע געסט בעמערקט, ווי אַזוי ער האָט קאָקעטירט פאַר דעם שפּיעגעל.

ווען ער איז ארויף אויף דעם צווייטען שטאק, האט ער ווי־דער דערזעהן א שפיעגעל. ער האט גענומען געהן לאנגזאמער, אום נאך אמאל א קוק צו טהאן אויף זיך. און ווידער איז ער געבלי־בען צופריעדען מיט זיין אויסזעהן. אלסדינג זיצט אויף איהם אזוי גוט. ער קוקט אוים אזוי עלעגאנט. און פלוצום האט ער אליין דערפיהלט צו זיך טיעפען רעספעקט. ער, מיט זיין אויסזעהן, מיט זיין ענערגיע, מיט זיין דורשט נאך ערפאלג וועט זיכער מא־כען א קאריערע! עס האט איהם אנגעכאפט א חשק צו לויפען, צו שפרינגען, אום וואס־גיכער צו זיין אויף'ן דריטען שטאק.

אויף'ן דריטען שטאק האט ער זיך ווידער אפגעשטעלט פאר א שפיעגעל, פערדרעהט די וואנצעם און ארונטערגענומען די הוט, אום די האאר צו פעריכטען; דאן האט ער ארויסגעמורמעלט פאר זיך, ווי ער האט עס אפט געטהאן:

— א בריליאנטענע אידעע!

דערנאך האט ער אויסגעשטרעקט די האנד צום טיר־גלאק און אנגעקלונגען.

גלייך האט זיך די טיר געעפענט, און פאר איהם איז געשטא־נען א דיענער אין א שווארצען פראק, א גלאט־ראזירטער מאן, מיט אזא וואזשנער מינע, דאס דוראי איז ווידער צומישט און אונ־רוהיג געווארען. אפשר איז ער דערפאר צומישט געווארען, ווייל ער, דוהאי, האט אונבעוואוסט פערגליכען זיין קאסטיום און דעם דיענער'ס. דער דאזיגער דיענער, אין לאקירטע שיך, האט גע־פרעגט, צונעהמענדיג ביי דוראי זיין אויבעררא͏ק, וועלכען ער האט אויף'ן ארם געטראגען, אום מען זאל ניט זעהן אויף איהם די פלעקען:

— וועמען דארף איך מעלדען?

דאן האט ער פונאנדערגערוקט די פארטיערען פון'ם סאלאן און אויסגערופען דעם נאמען.

דוהאי איז נאך מעהר צומישט געווארען און האט זיך אין גאנצען פערלארען. איצט האט ער געזאלט מאכען דעם ערשטען שריט אין דעם נייעם לעבען אריין, פון וועלכען ער האט אזוי פיעל געטרוימט. דאך האט ער זיך בעהערשט און איז אריין הינטער

די פארטיערען.

דארט איז געשטאנען א בלאנדע יונגע פרוי גאנץ אליין אין א גרויסען, העל־בעלייכטענטען צימער, וואס איז געווען פול מיט בלומען און פפלאנצען, ווי אן אראנזשערעע.

ער איז געבליבען שטעהן. ווער איז די דאזיגע פרוי, וואס שמייכעלט צו איהם? דאן האט ער זיך דערמאנט, אז פארעסטיע איז פערהייראט, און דער געדאנק, אז די דאזיגע שענע בלאנדע פרוי איז זיין פריינד'ס ווייב, האט איהם אין גאנצען אין פער־לעגענהייט געשטעלט......

ער האט ארויסגעשטאמעלט:

— מאדאם, איך בין...

זי האט איהם דערלאנגט די האנד:

— איך וויים, הערר דוראי, שארל האט מיר דערצעהלט, ווי איהר האט זי נעכטען געטראפען, און עס פרעהט מיך זעהר, וואס ער האט אייך איינגעלאדען צו אונז היינט אויף דינער.

ער איז רויט געווארען ביז איבער די אויערען און האט ניט געוואוסט, וואס ער זאל זאגען. ער האט געפיהלט, ווי זי בעקוקט איהם פון קאפ ביז די פים, ווי זי מעסט איהם אוים, ווי זי זוכט איהם אפצושאצען.

ער האט זיך געוואלט ענטשולדיגען, אויסטראכטען עפעס א תירוץ, ווארום ער איז ניט אזוי ריכטיג אויסגעפוצט. אבער ער האט קיין תירוץ ניט געפונען און ניט געוואגט דעם דאזיגען פיינ־ליכען פונקט אנצוריהרען.

ער האט זיך געזעצט אויף א שטול, אויף וועלכען זי האט איהם אנגעוויזען. און ווען ער האט דערפיהלט, ווי אונטער איהם האט זיך דער ווייכער סאמעט פון'ם שטול איינגעדריקט, ווי זיינע ווייכע פארענצען האבען איהם ארומגענומען און אונטערגעהאל־טען, האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער טרעט באמת אין א נייעם לעבען אריין, אז ער דערגרייכט שוין עפעס, אז ער איז שוין געראַ־טעוועט; און ער האט א קוק געטהאן אויף מאדאם פארעסטיע, וועלכע האט זיך געהאלטען ערענסט און מיט ווירדע.

זי האט געטראגען א קלייד פון בלייך־בלויען קעשימיר, וועל־

כע האט שארף אפגעצייכענט איהר שלאנקע פיגור און הויכען בו־זים. איהרע נאקעטע ארמס און ברוסט האבען ארויסגעלייכטעט פון א מענגע ווייסע שפיצען, מיט וועלכע די טאליע און די קור־צע ארבעל זיינען בעפוצט געווען. איהרע האאר, וואס זיינען צו־נויפגענומען געווען אויף'ן קאפ אין איין קופקעלע, האבען זיך פון הינטען אביסעלע געקרויזט און עס האט זיך אויסגעדאכט, ווי א העלער וואלקען פון לייכטען פוך וואלט איבער איהר נאקען גע־קרויזט.

דוראי האט זיך אביסעל בערוהיגט אונטער איהר בליק, וואס האט איהם דערמאָנט—ער האט אליין ניט געוואוסט ווארום—אָן דעם בליק פון דער מיידעל, וועלכע ער האט נעכטען געטראָפען אין פאָלי־בערזשער. זי האט געהאט גרויע אויגען, בלויליך־גרויע, וואס האבען געמאכט א גאנץ בעזונדערען איינדרוק, א שמאלע נאָז, דיקע ליפען, א פליישיגען קין־באק, אן אונרעגעלמעסיגען, פערפיהרערישען פנים, וואס האט אויסגעזעהן ליעב און בייז אין דער איינענער צייט. עס איז געווען איינע פון יענע פרויען־געזיכ־טער, וואס יעדער שטריך אויף זיי איז פול חן, וואס יעדע מינע אויף זיי האט א בעזונדערע בעדייטונג, דריקט אוים נייעם רייץ...

נאך א קורצען שווייגען האט זי איהם געפרעגט:

— זייט איהר שוין לאנג אין פאריז?

ער האָט געענטפערט, קומענדיג אלץ מעהר און מעהר צו זיך:

— זייט עטליכע מאנאטען, מאדאם. איך האב א שטעלע אויף דער אייזענבאהן; אבער פארעסטיע מיינט, אז פילייכט וועל איך מיט זיין הילף קאנען קריעגען בעשעפטיגונג אין א צייטונג...

זי האט א שמייכעל געטהאָן נאך ליעבער, נאך חן'עווודיגער און שטיל ארויסגעמורמעלט:

— איך וויים.

דער גלאק האט ווידער געגומען קלינגען. דער דינער האט געמעלדעט:

— מאדאם דע־מארעל!

דאס איז געווען ניט קיין הויכע ברונעטין.

זי איז אריין פלינק, איז געווען איינפאך געקליידעט, נור א

רויטע ראזע אין די שווארצע האָר האט צוגעגעבן איהר פּנים א פער'עקשנ'טען און פּיקאנטען אויסזעהן.

הינטער איהר איז געגאנגען א קליין מיידעל — אין א דונ־קעלען קלייד. מאדאם פּערעסטיע האט זיך א ווארף געטהאָן צו זיי אנטקעגען:

— גוטען טאָג, קלאטילדע!

— גוטען טאָג, מאגדאלענא!

זיי האבען זיך צוקושט. דערנאָך האט דאס קינד אויסגע־שטעלט איהר שטערן צו מאדאם פּערעסטיע מיט דער זיכערקייט פון אן ערוואקסענער און האט געזאגט:

— גוטען טאג, קוזינע!

מאדאם פערעסטיע האט זי א קוש געטהאָן. דערנאך האט זי פארגעשטעלט:

— הערר זשארזש דוראי, מיין שארל'ס א נאהענטער פריינד. מאדאם דע־מארעל, מיינע א פריינדין, א וויטע קרובה, און זי האט צוגעלעגט:

— איך בעט אייך, זיך ניט צו זשענירען; ביי אונז פערהאלט מען זיך גאנץ איינפאך איינער מיט'ן אנדער'ן, אהן די מינדסטע צערעמאניעס. איך האף אז איהר וועט אויך — ניט אמת?

דער יונגערמאן האט זיך פערנייגט.

די טיר האט זיך ווידער געעפענט, און עס זיינען אריינגע־קומען א קורצער דיקער מאן, געארמט מיט א הויכער שענער דא־מע, וועלכע האט אויסגעזעהן העכער און יינגער פון איהם און וועלכע האט זיך געהאלטען ערענסט און מיט ווירדע.

דער דאזיגער מאן איז געווען הערר וואלטער, א איד, א דע־פּוטאט, א פינאנסיסט, א בערזען־ספּעקולאנט און דער שעף־רעדאק־טאר פון "פראנצויזישען לעבען". די דאזיגע דאמע איז געווען זיין פרוי, א טאכטער פון א באנקיר.

דערנאך זיינען געקומען איינער נאך'ן אנדערען: זשאק ריי־וואל, זעהר עלעגאנט אנגעטאן, און נארבער־דע־ווארען, ביי וועמען דער קראגען פון'ם פראנק איז געווען פערשמאלצען און האט גע־גלאנצט פון דעם פעטס, מיט וועלכען ער האט זיך גע־

שמירט זיינע לאנגע האאר, וואס זיינען איהם געפאלען ביז אויף די אקסלען, בעשיטענדיג זיי מיט ווייסע שופען.

זיין האלזטוך איז געווען שלעכט פערבונדען און האט אויס־געקוקט ווייט ניט אנציהענד. ער האט זיך געהאלטען מיט דער עלעגאנץ פון אן אלטען לעבע־מאן. ער האט גענומען מאדאם פא־רעסטיע'ס האנד און זי א קוש געטהאן, און בעת ער האט זיך צוגעבויגט צו איהר, האט זיין לאנגער גרויער זשמוט האאר, ווי א וואסער־כוואליע, בעדעקט איהר נאקעטען ארעם.

דערנאך איז געקומען פארעסטיע אויך און האט זיך ענטשול־דיגט, ווארום ער האט זיך פערשפעטיגט. די געשיכטע מיט מא־רעל האט איהם פערהאלטען אין דער רעדאקציאן — האט ער זיך פערענטפערט. דער ראדיקאלער דעפוטאט מארעל האט ערשט געהאט געשטעלט אן אנפראגע דער רעגירונג וועגען א קרעדיט־פארדערונג, צו קאלאניזירען אלזשיר.

דער דינער האט געמעלדעט:

— דער טיש איז געגרייט.

און מען איז אריבער אין עס־צימער.

דוראי איז געזעסען צווישען מאדאם מארעל און איהר מיי־דעלע. ער איז ווידער געווארען אונרוהיג, ווארום ער איז ניט גע־ווען זיכער, אויב ער בענעהמט זיך ווי געהעריג ביים טיש, אויב ער האלט ריכטיג דעם מעסער, דעם גאפעל, די לעפעל אדער די גלאז.

פאר איהם זיינען געשטאנען פיער גלעזער, איינע מיט א בלויליכער פליסיגקייט. וואס פאר א מין געטראנק קען עס זיין?

ביים סוף האבען אלע געשוויגען. דערנאך האט נארבען־דע־ווארען זיך [illegible]:

— האט איהר געלעזען דעם פראצעס פון גאטיע? א גאנץ אינטערעסאנטע געשיכטע.

און מען האט גענומען ריידען וועגען דעם דאזיגען העסליכען פאמיליען־סקאנדאל. מען האט גערעדט וועגען איהם ניט אזוי ווי מען בעשפרעכט אין א פאמיליע א פאסירונג, וואס איז פער־עפענטליכט געווען אין א סענזאציאנעלער צייטונג, נור ווי דאקי

טויריםריידען צווישען זיך וועגען א געוויסע קראנקהייט אדער ווי גרינצווייגהענדלער וועגען גרינצווייג. קיינער איז ניט געוואָרען אויסער זיך, קיינער האט זיך ניט געוואונדערט איבער די פאקטען, וואס זיינען ארויסגעבראכט געווארען אזוי ברוטאל אפען; מען האט זיך געגריבעלט אין די פערבארגענסטע סודות פון דעם פערברעכען, געזוכט צו ערקלערען, אויפצודעקען און צוגליעדערען די מינדסטע אורזאכען, וואס האבען געפיהרט צו דעם דאזיגען פאטאלאגישען פערברעכען.... די דאמען האבען אויך אנטהייל גענומען אין דעם דאזיגען געשפרעך, האבען אויך אונטערזוכט און צוגליעדערט..... דערנאך האט מען גענומען ריידען וועגען פערשיעדענע אנדערע פאסירונגען פון'ם טאג און אלץ אין דעם אייגענעם גלייכגילטיגען און אפענעם טאן. די דאזיגע אלע פאסירונגען זיינען אונטערזוכט, צוגליעדערט, געוויגען און געמאסטען געוואָרען, ווי סחורה אין א קראם.

דערנאך איז געקומען צו רייד וועגען א געוויסען דועל, און זשאק ריוואל האט גענומען דאס ווארט. דועלען — דאס איז געווען זיין ספעציאליטעט. קיינער איז אין דעם ניט געווען אזא בקי ווי ער.

דוראי האָט מורא געהאט אויסצוריידען א וואָרט. יעדער ווייַלע האט ער געווארפען א בליק אויף זיין שכנה און אויף איהר רונדען בוזים, וואס האט איהם געצייצט.

אויף'ן אויער איז ביי איהר געהאנגען א בריליאנט, ווי א וואסער-טראפען, צוגעטשעפעט צו א גאלדענעם פאדעם. צייטענווייז האט זי א בעמערקונג געמאכט, וואס האט ארויסגערופען געלעכטער . זי איז געווען קלוג, וויציג, האט זיך געהאלטען מעשה שמיפערין און גערעדט וועגען זאכען אין א לייכטען, גוטמוטהיגען סקעפטישען טאָן.

דוראי האט אלץ געוואלט איהר מאכען א קאמפלימענט און פיר קיין פאל ניט געפונען די ריכטיגע ווערטער. דאן האט ער זיך פערנומען מיט איהר מיידעלע, אנגעגאסען איהר גלאז, דערלאנגט איהר די טעלער און זי צוגעזעהן. דאס קינד, וואס איז געווען ערענסטער פון איהר מוטער, האט איהם געדאנקט אין אן

ערענסטען טאן, מאכענדיג שנעל צו איהם מיט'ן קאפ: — איהר זייט זעהר ליעבענסווירדיג.

און דאן האט זי זיך צוגעהערט צו דעם געשפרעך פון די ער־וואקסענע מיט א פערטראכטער מינע.

דער דינער איז געווען זעהר א גוטער און אלע זיינען פון איהם ענטציקט געווען. הערר וואלטער האט געפרעסען פאר צעהן, האט קיין ווארט ניט ארויסגערעדט, אין גאנצען אריינ־געטהאן אין דער אכילה. ער האט געקוקט פון דער זייט דורך די ברילען אויף די נייע געריכטען, וואס מען האט איהם דער־לאנגט, און האט געגעסען. גאהבער־דע־ווארען איז אויך געווען א נישקשה'דיגער עסער. ער האט געפאקט אין זיך און דערביי זיך פערפלעקט דאס העמד ביים בוזים מיט טראפענס פון דעם סאוס.

פארעסטיע האט מיט אן ערענסטען שמייכעל אכטונג געגע־בען אויף אלעמען און אלסדינג. צייטענווייז האט ער זיך קאנ־טעט איבערגעקוקט מיט זיין פרוי, א שטייגער, ווי צוויי מענשען, וואס זיי איז געלונגען א שטיקעל שווערע ארבייט גוט דורכצו־פיהרען.

די באקען האבען זיך פעררויטעלט, די שטימען האבען גענו־מען קלינגען העכער און לעבעדיגער. פון צייט צו צייט האט דער דינער איינגערוימט יעדען פון די געסט אויף'ן אויער:—קאר־טאן — שאטא — לא — האז?

דוראי'ן האט דער קארטאן שטארק פערשמעקט, און יעדעס מאל האט ער געלאזט דעם דיענער זיין גלאז אנפילען. א לייכטע פרעהליכקייט האט זיך צוגאסען איבער זיין נשמה; א הייסע כוואליע האט איהם אין גאנצען צו־ווארעמט, און ער האט זיך דער־פיהלט אזוי לייכט, אזוי גוט אין זיינע אלע געדאנקען און גע־פיהלען, קערפערליך ווי גייסטיג.

איהם האט זיך פערגלוסט צו ריידען, צו לאזען זיך הערען, ארויסצורופען צו זיין מיינונג דעם זעלביגען רעספעקט, וואס אלע די דאזיגע הערען, צו וועמענס ווערטער מען האט זיך צוגעהערט זעהר אויפמערקזאם.

דער געשפרעך, וואס איז געשפרונגען פון איין טהעמא צו דער אנדערער, האט זיך צום סוף ווידער צוריקגעקעהרט צו מא־רעל'ס אנפראגע וועגען קאלאניזירען אלזשיר.

הערר וואלטער האט צווישען צוויי געריכטען געזאגט א פאאר וויצען, איבער דעם, ווארום ער האט זיך צו אלסדינג פערהאלטען סקעפטיש. פארעסטיע האט דערצעהלט דעם אינהאלט פון זיין מארגענדיגען ארטיקעל, זשאק ריוואל האט פערלאנגט מיליטער־געוואלט און אז אלע אפיצירען, וואס וועלען האבען אפגעדיענט אין די קאלאניעס דרייסיג יאהר, זאלען דארט בעקומען לאנד.

— אויף אזא אויף'ן — האט ער גערעדט — וועט מען קא־נען בעשאפען א טיכטיגע געזעלשאפט, וואס וועט מיט דער צייט ליעב קריעגען דאס לאנד, קאנענדיג זיין שפראך און זיינע געוואנ־הייטען, בעהאווענט אין אלע יענע וויכטיגע ארטיגע פראגען, פון וועלכע ניי־אנגעקומענע קענען ניט האבען דעם מינדסטען בעגריף.

דע־ווארען האט איהם אונטערבראכען :

— יא, אייער טיכטיגע געזעלשאפט וועט אלסדינג קאנען און וויסען. נור ניט ווי מען בעארבייט דאס לאנד. זיי וועלען ריידען אראביש, אבער זיי וועלען קיין אהנונג האבען, ווי מען פערפלאנצט בוריקעס און ווי מען פערזייהט געטריידע. זיי וועלען זיין גוטע פעכטערס, אבער שלעכטע לאנד־ארבייטער. פערקעהרט, נאך מיין מיינונג האט מען געדארפט עפענען די טירען פון די קאלאניעס פיר אלעמען און וואס ברייטער, דאן וועלען די פעהי־גע מענשען אויסקעמפפען זיך דארט אן עקזיסטענץ און די אונ־פעהיגע זאלען אונטערגעהן. דאס איז א סאציאלע געזעץ.

א ווײלע האט מען דערנאך געשוויגען. אלע האבען געשמיי־כעלט.

זשארזש דוראי האט געעפענט דעם מויל און געזאגט, פער־וואונדערט פון זיין אייגענעם קול, אזוי ווי ער וואלט איהם קיינ־מאל פריהער ניט געהערט :

— וואס דארט פעהלט אם מעהרסטען — איז א גוטע לאנד. דאס פרוכטבארע לאנד איז דארט פונקט אזוי טהייער, ווי אין פראנקרייך און עס בעלאנגט צו רייכע פאריזער. די ווירקליכע

קאלאניסטען, וועלכע געהן אהין אין די קאלאניעס, ווייל זיי זייד נען ארים, ווייל זיי האבען ניט וואס צו עסען, זיינען דארט אנ־געוויזען אויף די וויסטע לאנד, וואו עס קען גאר נישט וואקסען, ווייל עס פעהלט וואסער.

אלע האבען איהם אנגעקוקט. ער האט דערפיהלט, ווי ער ווערט רויט. הערר וואלטער האט א פרעג געטהאן:

— איהר קענט אלזשיר, ווי עס שיינט?

ער האט געענטפערט:

— יא, מיין הערר. איך האב דארט פערבראכט אכט און צוואנציג מאנאטען און בין געווען אין אלע דריי פראווינצען.

פלוצים האט דער־וואָרען זיך געווענדעט צו איהם מיט א פראַ־גע וועגען א געוויסען מנהג, וועגען וועלכען אן אפיציר האט איהם מיטגעטהיילט. עס האט זיך געהאנדעלט וועגען מזאב, די קליי־נע אראבישע רעפובליק אין מיטען זאהארא, אין דעם וויסטעסטען טהייל פון יענער גליהענדער געגענד.

דוראי איז אין מזאב צוויי מאל געווען, און ער האט אנגע־הייבען צו דערצעהלען וועגען די זיטען אין יענעם מערקווירדיגען לאנד, וואו א טראפען וואסער ווערט געוואויגען אויף גאלד, וואו יעדער איינוואהנער נעהמט אנטהייל אין אלע גזעלשאפטליכע ענינים און וואו דער האנדעל און וואנדעל געהט אָן אויף א סך אן עהרליכערען אופן ווי ביי די קולטורעלע פעלקער.

ער האט גערעדט שען, האט געוואלט געפעהלען. ער האט דערצעהלט אנעקדאטען פון סאלדאטען־לעבען, וועגען די אראבער און געוויסע פאסירונגען פון'ם קריעג. עס איז איהם זאגאר געלונ־גען צו געפינען עטליכע פארבען־רייכע אויסדריקען פיר די שיל־דערונג פון יענע געלע, וויסטע זאמדיגע שטרעקעס לאנד, וואס ליגען דארט אונטער דער פייער־גליהענדער זון.

די דאמען האבען איהם אנגעקוקט. מאדאם וואלטער האט זיך אנגערופען אין איהר ציהענדיגען טאָן:

— איהר וואלט געקאנט שרייבען א רייהע אינטערעסאנטע ארטיקלען איבער אייערע ערפאהרונגען אין אלזשיר.

דאן האט הערר וואלטער אנגעקוקט דעם יונגענמאן איבער

די ברילען, ווי ער פלעגט עס תמיד טהאָן, ובעת ער האט געוואלט זיך גוט איינקוקען אין א געזיכט.

פארעסטיע האט זיך בענוצט מיט דעם האזיגען מאמענט:

— ליבער שעף — האט ער געזאגט — איך האב שוין מיט אייך גערעדט וועגען הערר זשארזש דוראַי; איך האב ביי אייך געבעטען די ערלויבניש אנצושטעלען איהם אלס מיין געהילף פיר די פאליטישע אינפארמאציאנען. זייט מאראָנבא איז אוועק פון אונז, האב איך ניט קיין ריכטיגען מענשען, אויף וועמען איך זאל זיך קאנען פערלאזען. אונזער צייטונג ליידעט דערפון.

הערר וואלטער איז געווארען ערענסט און האט ארויפגערוקט זיינע ברילען אויף'ן שטערן, אום א קוק צו טהאָן דוראַי'ן גלייך אין פנים אריין. דערנאך האט ער געזאגט:

— אהן צווייפעל, הערר דוראי האָט א גאנץ אריגינעלען בליק אויף זאכען. אויב ער וויל, קאן ער מארגען זיך זעהן מיט מיר אום דריי און מיר וועלען זיך דורכריידען וועגען דעם.

דאן האט ער א רגע נאכגעדאכט און דערנאך זיך געווענדעט צום יונגענמאן:

— אבער יעדענפאלס קאנט איהר זיך גלייך זעצען שרייבען פיר אונזער צייטונג א רייהע פון קליינע פאנטאסטישע ארטיק־לען איבער אלזשיר. גיעט איבער אין זיי אייערע ערפאהרונגען, איינדריקען, בעריהרט אין זיי די קאלאניזאציאנס־פראגע, אזוי ווי איהר האט ערשט וועגען דעם גערעדט. מיט דער האזיגער פרא־גע אינטערעסירט זיך היינט יעדער און איך בין זיכער, אז אזעלכע ארטיקלען וועלען אויסנעהמען ביי אונזערע לעזער. דעם ערשטען ארטיקעל מוז איך האבען מארגען אדער איבערמארגען, כל זמן די האזיגע פראגע ווערט דיסקוטירט אין'ם דעפוטירטען־קאמער, קאן זי האבען א לעבעדיגען אינטערעס און ציהען לעזער.

מאדאם וואלטער האט צוגעלייגט מיט ערענסטער ליעבענס־ווירדיגקייט:

— איך וויים א גוטען נאמען פיר די דאזיגע ארטיקלען: "די ערינערונגען פון אן אפריקאנישען יעגער". א פאסענדער נאָמען. ניט אמת, הערר נארבעט?

דער אלטער דיכטער, וואס האט זעהר שפעט, נאך יאהרען און יאהרען ארבייט, געקראגען א נאמען אין דער ליטעראטור, האט געהאסט און מורא געהאט פיר אלע נייע שרייבער. ער האט געענטפערט אין א טרוקענעם טאן:

— געווים, אויב נור די ארטיקלען ועלען אין גאנצען געשריבען ווערען אין דעם דאזיגען סטיל, דאס איז דער עיקר. ניט אויסהאלטען דעם סטיל איז פונקט ווי אין מוזיק — נעהמען א פאלשען טאן....

מאדאם פארעסטיע האט געווארפען אויף דוראי'ן א פריינדליכען און פיעלדייטענדיגען בליק, וואס האט גערעדט: דו וועסט שוין מאכען דיין קאריערע. מאדאם מארעל האט זיך יעדע ווייל א קעהר געטהאן צו איהם און דער בריליאנט אין איהר אויער האט נאכאנאנד געציטערט און עס האט זיך געדאכט, אז דער דאזינער העלער טראפען וועט באלד-באלד ארונטערפאלען....

דאס קליין מיידעלע איז געזעסען ערענסט און אונבעוועגליך, דעם קאפ צום טעלער צוגעבויגט.

דער דיענער איז ווידער ארומגעגאנגען דעם טיש און אנגעגאסען אין די פארביגע גלעזער יאהאנעסבערגער וויין, און פארעסטיע האט פארגעלייגט א טאסט לכבוד הערר וואלטער:

— פיר דעם ערפאלג פון'ם "פראנצויזישען לעבען!"

אלע אנוועזענדע האבען זיך פערנויגט פאר הערר וואלטער, וועלכער האט צופריעדען געשמייכעלט. און דוראי, בערוישט פון זיין ערפאלג, האט אויסגעטרונקען זיין גלאז אין איין אטהעם. איהם האט זיך אויסגעדאכט, אז ער וואלט איצט געקאנט אזוי אויסטרינקען א גאנצע פאס. אויפעסען א גאנצען אקס, דערשטיקען א לייב. ער האט געפיהלט אין זיינע גליעדער אן איבערמענשליכע קראפט און אין זיין מוח אן אונבעזיעגבארע ענערגיע און א גרענעצלאזע האפפנונג. איצט האט ער זיך געפיהלט צווישען די דאזיגע מענשען, ווי אן אייגענער צווישען אייגענע. ער האט שוין געקוקט אויף אלעמען מיט זיכערקייט און צום ערשטען מאל האט ער זיך דערוועגט צו ווענדען זיך צו זיין שכנה מיט א ווארט:

— מאדאם, איהר האט די שעהנסטע אויערינגען, וואס איך

האָב אַמאָל־ווען געזעהן.

זי האָט זיך אַ קעהר געטהאָן צו איהם מיט אַ שמייכעל:

— דאָס איז מיין אייגענע ערפינדונג, אויפצוהענגען אַזוי די בריליאַנטען אויף אַ פעדערמיל... ניט אמת, מען קען מיינען, אַז דאָס זיינען טהוי־טראָפּענס ....

ער האָט אַרויסגעמורמעלט, צומישט פון זיין געוואַגטקייט און אין מורא, ער זאָל אַ נאַרישקייט ניט אַרויסריידען:

— שען, זעהר שען! אָבער אייער אויערל איז נאָך שענער פון דעם בריליאַנט.

זי האָט איהם בעדאַנקט מיט אַ בליק, מיט איינעם פון יענע ליכטיגע פרויען־בליקען, וואָס געהן צום האַרצען.

און ווען ער האָט אַ קעהר געטהאָן דעם קאָפּ, האָבען זיך זיינע אויגען אָנגעטראָפען מיט מאַדאַם פאָרעסטיע'ס פריינדליכע בליק, אין וועלכען ער האָט איצט בעמערקט אַ מין קאָקעטעריי און אַן ערמוטהיגונג.

איצט האָבען אַלע מענער גערעדט אויף איינמאָל הויך און מאַכענדיג מיט די הענד. מען האָט גערעדט וועגען דעם גראַנד־יעזען פּראָעקט, צו בויען אַן אונטעראירדישען באַהן אין פּאַריז. ערשט צו ענדע פון'ם דעסערט איז מען אַנשוויגען געוואָרען, ווען יעדער האָט זיך געהאַט אויסגערעדט זיין האַרץ וועגען די אונבעקוועמליכקייט פון די פערד־באַהנען, די אונפּראַקטישקייט פון די אָמניבוסען און די גראָבקייט פון די דראָזשקען־קוטשערס. דער־נאָך האָבען זיך אַלע אויפגעהויבען פון זייערע ערטער, אום צוגעהן טרינקען קאַפּע.

דוראַי האָט אויף־שפּאַס אָנגעבאָטען דער קליין מיידעלע זיין אָרעם. זי האָט מיט אַן ערענסטער מינע איהם בעדאַנקט און זיך אויסגעצויגען אויף די שפּיץ־פינגער אין איהר גאַנצען וואוקס, אום צו לייגען איהר האַנד אונטער זיין אָרעם.

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין סאַלאָן, האָט זיך איהם ווי־דער אויסגעוויזען, אַז ער געפינט זיך אין אַן אָראַנזשערעע.

גרויסע פּאַלמען האָבען צוואָרפען זייערע צווייגען אין אַלע פיער עקען פון'ם צימער ביז צו דער סטעליע אַרויף. פון ביידע

זייטען קאמין זיינען געשטאנען גומען־ביימער מיט רונדע שטאמען, ווי א פאאר זיילען, און האבען צוגעדעקט איינע די אנדערע מיט זייערע לאנגע דונקעל־גרינע בלעטער. און אויפ׳ן קלאוויר זיינען געשטאנען צוויי זעלטענע פפלאנצען, אין גאנצען בעדעקט מיט בליטהען — איינע ראָז, די אנדערע שנעע־וויים. זיי האבען אויס־געזעהן ווי קינסטליכע בלומען ,צו שען, אום צו זיין נאטירליך....

די לופט איז געוועזן פריש, און א זיסער, אנגבעשטימטער דופט האט זיך געטראגען דורך׳ן צימער, א דופט, וואס לאזט זיך נים מיט ווערטער ערקלערען.

און דוראי, וועלכער איז שוין איצט ביי זיך פעסט געוועזן, האט זיך גענומען בעטראכטען דאס צימער. עס איז געוועזן נים גרויס און גאר נישט, אויסער די בלומען אויפ׳ן קלאוויר, האט זיך דארט אין די אויגען געווארפען. קיין סימן פון בונט־פארביגעס, קיין שפור פון שרייענדיגעס; אבער מען האט זיך געפיהלט דארט רוהיג און בערוהיגט. דאס צימער האט געמוזט געפעהלען, ער האט געהאט עטוואס געמיטהליכעס אין זיך. און אלסדינג דארט, די ווייכע טענער, די צארטע פארב פון די שטאפען, — אלסדינג האט געלאסצעט און געצערטעלט אויג און געפיהל.

די ווענד זיינען בעשלאגען געוועזן מיט אלטע שטאפען פון וויאלעטען־פארב, וועלכע זיינען בעשפרינקעלט געוועזן מיט זייד־דענע בלומען, ווי פליעגען די גרויס.

די פארטיערען אויף די טירען זיינען געוועזן פון גרוי־בלויען סאלדאטען־טוך געמאכט, אויף וועלכען עס זיינען אויסגענעהט געוועזן בלומען מיט רויטער זייד. זיצע פון אלערליי פארמען, פון אלערליי גרויס זיינען צוּוואָרפען געוועזן איבער׳ן צימער: זא־פעס, קליינע אדער גרויסע שטוהלען, שאקעל־שטוהלען, פופס, טא־בורעטען, אלע מיט זייד בעצויגען אין׳ם סטיל פון לודוויג דעם זעכ־צעהנטען, אדער מיט שעהנעם אוטרעכטישען סאמעט.

— ווענט איהר טרינקען קאפע, הערר דוראַי ?

און מאדאם פארעסטיע האט איהם דערלאנגט א פולע טאס קאפע מיט א ליעבענסווירדיגען שמייכעל, וואס איז נים ארונטער פון איהרע ליפען.

— מיט פערגעניגען, מאדאם. איך דאנק אייך.

ער האט גענומען די טאס קאפע און ווען ער האט זיך איינגעבויגט צו דער צוקערניצע, אום צונעהמען צוקער מיט די זילבערנע צוועננעלאך, האט מאדאם פארעסטיע צו איהם א פליס־טער געטהאן:

— פערברענגט אביסעל מיט מאדאם וואלטער.

און איידער ער האט נאך צייט געהאט דעם מויל צו עפע־נען, איז זי אוועק צו די אנדערע געסט.

ער האט צוערשט אויסגעטרונקען זיין קאפע, היטענדיג זיך, ניט צו פערגיסען עס איבער'ן טעפיך; דערנאך, ווען ער האט עס אויסגעטרונקען, האט ער גענומען זוכען א געלעגענהייט, ווי צו פערפיהרען א שמועס מיט דער פרוי פון זיין נייעם בעל הבית.

פלוצום האט ער בעמערקט, אז זי האלט אין איהרע הענד א לעדיגע טאס און אזוי ווי ארום איהר איז קיין טיש ניט געווען, האט זי ניט געוואוסט, וואו זי זאל זי אוועקשטעלען. ער איז צו־געלאפען צו איהר:

— ביטטע, מאדאם.

איך דאנקע אייך, מיין הערר.

ער האט אוועקגעטראגען די טאס און באלד זיך צוריקגע־קעהרט.

— ווען איהר וואלט געוואוסט, מאדאם — האט ער געזאגט — וויפיעל מינוטען פון פערגעניגען האט די צייטונג "פראנצוי־זישע לעבען" מיר פערשאפט, בעת איך האב זיך געפונען דארט אין דער וויסטע. זי איז די איינציגע צייטונג, וואס מען קען לע־זען אין אויסלאנד, ווייל זי איז ליטעראַרישער, גייסטרייכער און פיעל־זייטיגער ווי די אלע אנדערע. אין איהר געפינט מען אלסדינג.

זי האט געשמייכעלט מיט ליעבענסווירדיגער גלייכגילטיגקייט און האט געענטפערט אין אן ערנסטען טאן:

— הערר וואלטער'ן האט ניט ווייניג מיה געקאסט, ביז ער האט בעשאפען אזא צייטונג.

און זיי האבען זיך צורעדט. ער האט גערעדט באנאלע זאכען

מיט אן איינשמייכלענדיגען קול, געוואָרפען אויף איהר ליעבענסוויר־דיגע בליקען און בעציובערט זי מיט זיינע שענע, בלאַנדע וואָנצעס, וואָס האָבען זיך געקרויזט אין מיטען איבער דער אויבערשטער ליפ.

זיי האָבען גערעדט וועגען פּאַריז, וועגען דער אומגעגענד, וועגען די ברעגעס פון דעם טייך סיינע, וועגען די קור־ערטער, זומער־פערגעניגונגס פּלעצער; קורץ, וועגען אַלסדינג, וואָס פאָדערט ניט קיין בעזונדערען שכל, אום וועגען דעם צו קאָנען ריידען.

דאָן איז צוגעגאַנגען צו זיי הערר נאָרבער־דע־וואַרען מיט א גלאָז ליקער אין האַנד און דוראַי איז טאַקטפול אפּגעטראָטען אַן א זייט.

מאַדאַם מאַרעל, וועלכע האָט מיט איין רגע פריהער זיך דאָרט אונטערהאַלטען מיט מאַדאַם פאָרעסטיע, האָט איהם צוגערופען צו זיך:

— אַלזאָ, מיין הערר — האָט זי געזאָגט — איהר ווילט ווערען א זשורנאַליסט, הא?

ער האָט אָנגעהייבען צו ריידען וועגען זיינע פּראָעקטען, דער־נאָך איז ער אַרויסגעקומען אויף דעם זעלביגען געשפּרעך, וואָס ער האָט נור־וואָס געהאָט מיט מאַדאַם וואַלטער. אָבער אַזוי ווי ער האָט איצט דעם ענין פון דעם געשפּרעך בעסער געוואוסט, האָט ער איצט גערעדט מיט מעהר זיכערקייט אין'ם קול, האָט א גלאַנץ געטהאָן מיט זיינע קענטניסען, אַרויסגעבענדיג ווערטער, וואָס ער האָט נור־וואָס געהערט פון מאַדאַם וואַלטער, פאַר זיינע אייגענע. בעת דעם האָט ער נאָכאַנאַנד געקוקט איהר טיעף אין די אייגען אריין, אַקוראַט ווי ער וואָלט וועלען צוגעבען זיינע ווערטער א טיעפערען זין.

זי פון איהר זייט האָט איהם אויך דערצעהלט פערשיעדענע אַנעקדאָטען מיט דער אונגעצוואונגענער פרעהליכקייט פון א פרוי, וועלכע ווייסט, אז זי איז גייסטרייך, און וועלכע וואָלט תמיד נור געשפּאַסט און געשטיפט. זי איז געוואָרען מיט איהם פאַמיליאַר, האָט איהם געלייגט די האַנד אויף'ן אַקסעל, דערצעהלט איהם פער־שיעדענע נאַרישקייטען אין א פליסטערענדיגען טאָן און צוגעגע־

בען אויף אזא אויפן זייער אונטערהאלטונג א מין אינטימען כא־ראקטער. ער איז געווען בעגייסטערט פון איהר און האט געפיהלט, אז ער איז איהר געפעלען. איהם האט זיך פערגלוסט אויסדריקען איהר זיין איבערגעבענהייט, זאגען איהר, אז ער איז בערייט צו פערטהיידיגען זי געגען דער גאנצער וועלט, אויפצואפפערען זיך פיר איהר. אבער ער האט עס איהר גלייך ניט געזאגט, ווייל ער האט ארומגעטראכט, ווי אזוי עס צו זאגען.

פלוצום האט מאדאם מארעל א רוף געטהאן צו זיך איהר מיי־דעלע:

— זיץ דא, מיין קינד, דו קאנסט זיך נאך פערקיהלען נע־בען פענסטער!

און פלוצום האט דוראי'ן געכאפט א חשק, דאס קליין מיידע־לע צו קושען, אזוי ווי אויף אזא אופן וואלט א טהייל פון די דא־זיגע קושען זיך איבערגעגעבען צו דער מוטער.

ער האט זיך געווענדעט צו איהר אין א פאטערליכען טאָן:

— פריילען, וועט איהר מיר ערלויבען אייך א קוש צו טהאָן?

דאס קינד האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט און מאדאם מארעל האט זיך צולאכט:

— זאָג איהם, מיין קינד, אז איצט מאָג ער, אבער שפעטער ניט.

דוראי האט זיך גלייך צוגעזעצט צו דער מיידעלע, גענומען זי אויף די קניע און צוגעלויגט זיינע ליפען צו איהרע געקרייזעלטע פיינע האָאר.

די מוטער האט זיך פערוואונדערט:

— זעהט, זי אנטלויפט ניט. דאס איז מערקווירדיג. גע־וועהנליך וויל זי ניט ליידען, ווען א מאן קושט זי. הערר דוראי, איהר זייט אונווידערשטעהליך!

ער איז רויט געווארען, האט גאר נישט געענטפערט און גע־נומען וויגען דאס מיידעלע אויף איין קניע.

מאדאם פארעסטיע איז צוגעגאנגען און האט פערוואונדערט אויסגעשריען:

— זעה נור, ער האט געקאנט צוימען לאָרינע'ן. דאס איז

א וואונדער !

זשאק ריוואל איז אויך צוגעגאנגען מיט א סיגאר אין׳ם מויל. דוראי האט זיך גלייך אויפגעהייבען און גענומען זיך זעגענען, ווייל ער האט מורא געהאט, ער זאל מיט אן אונגעלונגענעם ווארט ניט איבערפיהרען דעם גוטען איינדרוק, וואס ער האט געמאכט.

ער האט זיך פערנויגט, ווארעם געדריקט די הענד אלע דא־מען, דערנאך שטארק געטרויסעלט די הענד פון די מענער. דער־ביי האט ער בעמערקט, אז זשאק ריוואל׳ס האנד איז געווען טרו־קען און ווארעם און האט פריינדליך געענטפערט אויף זיין דרוק; אז דע־וואלטער׳ס האנד איז געווען פייכט און קאלט און האט קוים בעריהרט זיינע פינגער; וואלטער׳ס — קאלט, ווייך, אהן ענערגיע און אויסדרוק, און פארעסטיע׳ס האנד — ווייך און פייכט.

זיין פריינד האט איהם שטיל געזאגט :

— פערגעס ניט, מארגען אום דריי.

— אה, זיי רוהיג, איך וועל שוין ניט פערגעסען.

ווען ער איז ארויסגעגאנגען אויף די טרעפ, האט זיך איהם פערגלוסט לויפען, שפרינגען פון די טרעפ, אזוי גליקלאך איז ער געווען. ער האט גענומען שפרינגען פון די טרעפ; אבער פלוצים האט ער דערזעהן אין דעם שפיעגעל אויפ׳ן צווייטען שטאק א הערר, וועלכער איז געלאפען איהם אנטקעגען, און ער האט זיך אפגע־שטעלט פערשעהמט, אזוי ווי מען וואלט איהם געכאפט ביי א ניט־שענער געשיכטע.

דערנאך האט ער א לאנגע צייט זיך בעטראכט אין׳ם שפיעגעל און בעוואונדערט זיין שענקייט. און צולעצט האט ער זיך פער־נויגט מיט רעספעקט פאר זיין שפיעגעל־בילד און איז אוועק.

3

ווען זשארזש דוראי איז ארויסגעגאנגען אויף דער גאס, האט ער זיך גענומען מיישב זיין, וואס ער זאל טהאן. איהם האט זיך געוואלט לויפען, חלום׳ן וועגען זיין צוקונפט, אטהעמען די פריי־שע ביינאכטיגע לופט, אבער דער גדאנק וועגען די רייהע אר־

טיקלען, וואס וואלטער האט ביי איהם בעשטעלט, האט איהם רוהען ניט געלאזט, און ער האט בעשלאסען, צו געהן אהיים און זעצען זיך גלייך צו דער ארבייט. ער האט זיך פערקירעוועט און איז שנעל אוועק איבער דעם בולוואר ביז צו דער גאס בורסא, וואו ער האט געוואהנט.

דאס זעקס־שטאָקיגע הויז איז בעוואהנט געווען פון צוואנ־ציג פאמיליען, לויטער ארבייטער און קליינע געשעפטס־לייט.

געהענדיג איבער די טרעפ און בעלייכטענדיג זיך דעם וועג מיט וועקסענע שוועבעלאך, האט ער יעדע ווייליע ארויפגעטראטען אויף שטיקער שמוציגע פאפיר, רעשטלאך פון אויסגערויכערטע סיגארעטען, אויף גרינס־אָבפאל, און א געפיהל פון עקעל האט איהם אנגעכאפט און א דריגענדיגע בעדירפניש צו אנטלויפען פון דא־נען און צו וואהנען ווי א רייכער מאן אין א ריינעם הויז מיט טע־פיכער אויף די טרעפ. א שווערער גערוך פון עסען־ווארג, קלאזעט־געשטאנקע און פאמאַיניצע האט אנגעפילט דאס הויז פון אויבען ביז אונטען.

דאס צימער פון דעם יונגענמאן אויף'ן פינפטען שטאק איז ארויסגעקומען פונקט געגען דעם אייזענבאהן־טונעל, נעבען דעם וואקזאל באטינאל.

דוראי האט געעפענט דאס פענסטער און ארויסגערוקט דעם קאפ.

אונטער איהם, טיעף אונטען, אין דעם פינסטערין טונעל־גרוב, האבען געקוקט דריי, אונבעוועגליכע סיגנאל־לאטערנעס, ווי די אוי־גען פון א מעכטיגער חיה, און ווייטער דארט האבען ארויסגע־בלישצעט נאך אנדערע און גאנץ ווייט דארט נאך אנדערע.

יעדע ווייליע האט אין דער שטילקייט פון דער נאכט זיך דער־הערט א פייף, דא א לאנגער, דא א קורצער, דא נאהענט און דא ווייט. די דאזיגע אלע פייפען האבען געהאט א פערשיעדענעם אויסדרוק, ווי מענשען־שטימען. איינע פון זיי איז צוגעקומען אלץ נעהענטער און נעהענטער, ווי א יאמער־געשריי, וועלכער האט זיך, פון רגע צו רגע, געהערט שטארקער, שניידענדיגער. און באלד האט זיך בעוויזען א גרויסע געלע ליכט, וואס האט זיך

געטראגען מיט ליארם און געפילדער. און דוראי האט געזעהן ווי א לאנגע רייהע פון וואגאנעס זיינען פערשוואונדען אין'ם טומעל.

דאן האט ער געזאגט:

— איצט זאל זיין געארבייט!

ער האט אוועקגעשטעלט זיין לאמפ אויף'ן טיש. אבער ווען ער האט זיך געוואלט זעצען שרייבען, האט ער זיך געכאפט, אז ער האט נור בריעף־פאפיר.

ער האט א ווײלע געטראכט, דערנאך האט ער בעשלאסען: וואס מאכט עס אוים, ער וועט שרייבען אויף דעם דאזיגען פאפיר.

ער האט צושפרייט דאס פאפיר פאר זיך, איינגעטונקט די פעדער אין די טינט און אנגעשריעבען מיט זיין שעהנסטער האנדשריפט:

"די עראינערונגען פון אן אפריקאנישען יעגער."

דאס האט געזאלט זיין דאס קעפעל פון זיינע ארטיקלען; אבער ער האט גערארפט דאך שרייבען די ארטיקלען אויך, און ער האט גענומען טראכטען, ווי אזוי מען הייבט אן דעם ערשטען ארטיקעל.

ער איז געזעסען, האט גערריקט דעם שטערן מיט דער האנד און געקוקט אויף דאס ווייסע פאפיר, וואס איז געלעגען פאר איהם.

ווי אזוי הייבט מען אן?

פון די אלע פאסירונגען און פאקטען, וואס ער האט ניט לאנג דערצעהלט ביי פארעסטיע אין הויז, איז ביי איהם איצט גאר נישט אין'ם מוח פערבליבען. גאר נישט, גאר נישט. פלוצים איז איהם איינגעפאלען: איך מוז אנפאנגען מיט מיין אפרייזע. און ער האט אנגעשריעבען:

"דאס איז געווען אין'ם יאהר 1874, אן ערך דעם 15טען מאי, ווען דאס אויסגעמוטשעטע פראנקרייך האט אנגעהייבען צו קומען צו זיך נאך די אונגליקען פון דעם שרעקליכען־יאהר"...

ער האט זיך אפגעשטעלט: וואס ווייטער? וואס ווייטער? און ער האט ניט געוואוסט, וואס צו שרייבען ווייטער, ווי אזוי צו איבערגעבען זיין רייזע, זיינע ערשטע איינדריקען אויף'ן פאפיר.

צום סוף, נאכדעם ווי ער האט א צעהן מינוט לאנג געבראכען דעם מוח, איז ביי איהם געבליבען אבצולויגען דעם אנפאנג

אויף מארגען און איצט גלייך אנהייבען מיט א בעשרייבונג פון אלזשיר.

ער האט אנגעשריבען:

"אלזשיר איז א גאנץ ווייסע שטאדט."

און ווידער האט ער ניט געוואוסט, וואס ווייטער צו שרייבען. אין זיינע געדאנקען האט ער געזעהן די שענע, העל־גלאנצענדיגע שטאדט, די הייזער מיט די פלאכע דעכער, וועלכע האבען פון די שפיצען בערג זיך צום ים ארונטערגעבויגט, אבער ער האט ניט געפונען קיין ווערטער, אום אויסצודריקען, וואס ער האט געזעהן און געפיהלט.

נאך לאנגע מאטערנים האט ער צוגעלייגט:

"זי איז טהיילווייז פון אראבער בעוואהנט"...

דערנאך האט ער א ווארף געטהאן די פעדער אויף'ן טיש און איז אויפגעשטאנען.

אויף זיין אייזערנעם בעטעל האט זיך געוואלגערט זיין וואכעדיגער קאסטיום, ווי א בינטעל אלטע שמאטעס. און אויף א שטרייענעם שטול איז געלעגען זיין אייניציגער צילינדער מיט דער אפענער זייט ארויף, אזוי ווי ער וואלט געבעטען א נדבה.

אויף די גרויע, בלוי־געבלומטע וועגד זיינען געווען אזוי פיעל פלעקען ווי בלומען, אלטע, פערדעכטיגע פלעקען. עס איז שווער געווען צו בעשטימען, וואס דאס איז אזוינס: צו צודריקטע וואנצען, אדער טראפענס־אויל, שפורען פון פעטע פינגער אדער זייפען־שוים, מיט וועלכען מען האט די וועגד פערשפריצט, בעת מען האט געוואשען וועש. דא האט זיך געפיהלט דער גאנצער שרעקליכער עלענד פון די מעבלירטע צימערען אין פאריז. און פלוצום האט זיך אין איהם ערוועקט א געפיהל פון פערביטערטקייט געגען דעם דאזיגען עלענד. ער האט בעשלאסען, אז ער מוז אנטלויפען פון דאנען וואס שנעלער, אז שוין מארגען מוז ער זיך ארויסקלייבען פון דאנען.

ער האט זיך ווידער געזעצט ביים טיש און ווידער גענומען זוכען ווערטער, אום איבערצוגעבען דעם מערקווירדיגען און רייצענדען איינדרוק, וואס אלזשיר מאכט, אלזשיר, דאס דאזיגע פארצי־

מער פון דעם מיסטעריעזען און טיעפען אפריקא, דעם אפריקא
פון די ארומוואנדערענדע אראבער און די אונבעקאנטע ניגער־
שבטים, פון דעם אונערפארשטען, געהיימען אפריקא, פון וואנען
מען ברענגט אין די זאאליגישע גארטענס די אלע וואונדערליכע
שטראוסען, היהנער, ציעגען, זשיראפען, גאזעלען, קעמלען, די מורא־
דיגע ים־פערד (היפפאטאמוסען), די עקעלדיגע רהינאצעראסען און
די דאזיגע שרעקליכע גארילעס, וואס זיינען אזוי עהנליך צו אונז
מענשען.

ער האט גענומען פיהלען, ווי אין זיין מוח ריהרען זיך געד־
דאנקען; ער וואלט זיי פיליכט געקאנט אויסדריקען מיט'ן מויל,
אבער אויף'ן פאפיר, ווי ער האט זיך ניט געמאטערט, האט ער ניט
געקענט ארויסברייינגען קיין איין געדאנק. זיין הילפלאזיגקייט האט
איהם צורייצט און ער האט זיך ווידער אויפגעהייבען. זיינע הענד
זיינען געווען נאס פון שוויים און דאס בלוט האט איהם געהאמערט
אין די שלייפען.

און ווען זיינע אויגען זיינען געפאלען אויף די רעכנונג פון
דער וועשערין, וואס דער פארטיער פון'ם הויז האט דעם אייגע־
נעם אבענד ארויפגעבראכט, איז ער פלוצים פערצווייפעלט געווא־
רען. זיין גאנצע פריהערדיגע פרייד איז דאן אוועק, דאס גלויבען
אין זיך און אין זיין צוקונפט.

אויס, אויס, פון איהם וועט גאר נישט ארויסקומען, ער וועט
פערבלייבען אזוי אויף זיין לעבען לאנג!.. ער האט זיך דערפיהלט
קליין, נישטיג, אונפעהיג צו גאר נישט, איבריג אין גאנצען אויף
דער וועלט.

ער איז ווידער צוגעגאנגען צום פענסטער פונקט אין יענעם
מאמענט, בעת א צוג איז ארויסגעפאהרען פון'ם טונעל מיט אן
אימפעט און א געפילדער. ער האט זיך געטראגען אהין איבער
פעלדער און טהאלען צום ים צו. און אין דוראים הארצען האט
זיך ערוועקט א מין בענקעניש נאך זיינע עלטערן.

דער דאזיגער צוג וועט דורכפאהרען יענע געגענד. א
פאאר מיילען נור פון זייער הויז. און פאר איהם האט זיך גענר־
מען טראגען א קליין הייזעל אויף א שפיץ בארג, איבער רואן און

דעם גרויסען סיינע־טהאל, ביים ארייןפאהר פון דארף קאנטעלע.
זיינע עלטערען האבען געהאלטען דארט א קליינעם שענק,
וואוהין מענשען פון דער ארומיגער געגענד פלעגען זונטאג קומען
עסען פרישטאק.

זיי האבען געוואלט פון זייער זוהן א לייט מאכען און איהם
אריינגעגעבען אין א גימנאזיאום. ווען ער האט געענדיגט און איז
דורכגעפאלען ביים עקזאמען אויף באקאלאוור, איז ער אריינגע־
טראטען אין דער ארמיע מיט דער האפנונג צו ווערען אפיציער,
אבערסט, גענעראל. אבער די דיענסט האט איהם דערעסען נאך
איידער ער האט אפגעדיענט זיינע פינף יאהר און ער האט גענו־
מען חלום'ען וועגען א קאריערע אין פאריז.

באלד ווי ער האט אפגעדיענט, אזוי גלייך האט ער זיך אוועק־
געלאזען נאך פאריז. זיינע עלטערען האבען זיך געבעטען ביי איהם,
ער זאל בלייבען מיט זיי, ער האט אבער ניט געוואלט אפילו הערען
פון דעם. ער האט געגלויבט אין זיך, אין זיין גליק. ער האט גע־
גלויבט, אז א גליקליכער צופאל וועט איהם דערהייבען.

אין'ם רעגימענט האט ער אלע מאל געהאט גליק. ער האט
געפיהרט ליעבעס־אינטריגעס מיט פרויען פון דעם העכערען
קלאסס, האט פערפיהרט די טאכטער פון א צינזען־איינעהמער,
וועלכע האט פון זייטענוועגען געוואלט אלעמען און אלסדינג פער־
לאזען, און א פרוי פון אן אדוואקאט, וועלכע פאר מורא, טאמער
ווארפט ער זי, האט זיך געפרובט דערטרינקען.

זיינע חברים האבען וועגען איהם גערעדט: „ער איז א בי־
טערער חברה־מאן, א ביטערער יונגאטש, ער פערשטעהט שוין, ווי
אזוי זיך ארויסצודרעהען!"

זיין ריינע זעעל פון א נארמאנדענץ, וואס איז איבערגעפיהרט
געווארען דורך דעם סאלדאטען־לעבען אין'ם רעגימענט, דורך די
פערשידענע פליגדערייען, ראבירען, אלערליי סקאנדאלען,
סאלדאטישען איבערמוטה און פאטריאטיזמוס דורך די פער־
שיעדענע מעשיות וועגען העלדענטהאטען, מיט וועלכע די
אפיציערען האבען זיך בעריהמט, — קורץ, זיין ריינע זעעל, וואס
איז איבערגעפיהרט געווארען דורך די פינף יאהר לעבען אין'ם רע

גימענט, איז איצט עהנליך געווען צו א קאסטען מיט א דאפעל־טער דעק, אין וועלכען מען האט געקאנט געפינען אלסדינג.

אבער דער וואונש, צו ווערען עפעס, ארויפצוארבייטען זיך, האט דארט אלסדינג אנדערעס בעהערשט.

גאנץ אונבעמערקט פיר זיך אליין, האט ער ווידער גענומען חלום'ן ווי יעדען אבענד. ער האט זיך געמאָהלען א וואונדערבאַרע ליעבעס־געשיכטע, דורך וועלכער ער וועט דערהייבען ווערען. ער האט חתונה מיט א טאכטער פון א רייכען באנקיר, וועלכע ער האט אויף דער גאס געטראָפען און זי בעצויבערט.

א שניידענדיגער פייף פון א לאקאמאטיוו, וועלכער איז אליין פון'ם טונעל ארויסגעשפרונגען, ווי א קראָליק פון אונטער ד'רערד, און זיך אוועקגעטראגען איבער די שינען מיט פולען דאמפף, האט איהם פון זיין חלום אויפגעוועקט.

אן אונבעשטימטע פרעהדיגע האפנונג האט איהם ווידער אנגעכאפט. ער האט געווארפען אין די פינסטערע נאכט אריין א האנד־קוש, א קוש פון ליעבע, צו דעם בילד פון יענער פרוי, וואס האט זיך אין זיין פאנטאזיע געמאהלען, א בענקעניש־קוש נאך דעם גליק. דאן האט ער צוגעמאכט דעם פענסטער און זיך אנגעהייבען אויסצוטאן. בעת דעם האט ער געמורמעלט :

— מארגען וועט עס ביי מיר בעסער געהן. דער קאפ אר־בייט ניט היינט. איך האב צופיעל געטרונקען. מיר איז שווער צו שרייבען.

ער האט זיך געלייגט אין בעט, פערלאשען דעם לאמפ און איז כמעט באלד איינגעשלאפען.

ער האט זיך אויפגעכאפט אין צייט, ווי מען כאפט זיך אויף אין טעג, ווען מען ריכט זיך אויף א גרויס גליק אדער אונגליק, איז ארונטערגעשפרונגען פון'ם בעט, צוגעלאפען צום פענסטער, האט איהם געעפענט, אום אריינצואטהעמען אביסל פרישע לופט.

די הייזער אויף דער אנדער זייט פון דעם ברייטען אייזענ־באהן־וועג האבען געשטראהלט אין דעם ליכט פון דער אויפגעהענדיגער זון און האבען אויסגעזעהן, ווי זיי וואלטען געמאהלט געווען מיט שטראהלענדיגער ווייסקייט. רעכטס אין דער בלוי־

ליכער ווייטקייט האבען זיך געזעהן די בערגלאך פון ארזשאנטעל, די שפיצען פון סאנוא און די מיהלען פון ארזשעמאן, ווי דורך א בלויליכען, דורכזיכטיגען, שוועבענדיגען שלייער, וואס מען האט איבער׳ן האריזאנט צושפרייט.

דוראי האט א ווײלע געקוקט אין דער ווייטקייט: — אין אזא טאג ווי היינט מוז דארט זיין זעהר שען.—

ער האט בעשלאסען, נעהמען זיך צו דער ארבייט, א רוף געטהאן דעם פארטיער׳ס זוהן און איהם אוועקגעשיקט אין דער ביורא, וואו ער האט ביז היינט געארבייט, צו זאגען, אז ער איז קראנק.

דערנאך האט ער זיך געזעצט ביים טיש, איינגעטונקט די פעדער אין טינטער, אנגעשפארט דעם שטערן אן האנד און זיך פערטראכט. אבער אומזיסט — קיין איין געדאנק האט ער נית אויסגעטראכט.

איצט אבער האט ער נית פערלארען דעם מוטה. ער האט געטראכט:

— איך בין נאך נית געוועהנט. דאס איז אזא מלאכה ווי יעדע אנדערע. מען דארף זי לערנען. פארעסטיע מוז מיר ארויסהעלפען. איך וועל געהן צו איהם. ער מאכט עס אין צעהן מינוט.

ער האט זיך אנגעטאן.

ארויסגעגאנגען אויף דער גאס, איז איהם איינגעפאלען, אז עס טאך צופריה צו געהן צו זיין פריינד, וועלכער שלאפט נאך מסתמא. ער האט בעשלאסען צו שפאצירען נאך א ווײלע איבער׳ן בולוואר.

דער זייגער איז נאך געוועזן פאר ניין, בעת ער איז צוגעגאנגען צו דעם פארק מאנסא.

ער האט זיך געזעצט אויף א באנק און האט אנגעפאנגען צו טרוימען. אן עלעגאנטער יונגערמאן האט דארט געשפאצירט הין און צוריק, מסתמא האט ער געווארט אויף עפעס א דאמע.

זי איז טאקי געקומען אויך, טיעף פערשלייערט און אין גרויסער איילעניש. זי האט גענומען זיין האנד, א דריק געטהאן און

איז אוועק מיט איהם.

א בענקעניש האט זיך ערוועקט אין איהם. א בענקעניש נאך ליעבע, נאך צערטליכער, פארפיומירטער ליעבע.

ער איז אויפגעשטאנען און איז אוועק צו פארעסטיע, דענ־קענדיג וועגען איהם:

— האט אבער דער קערל גליק!

ווען ער איז צוגעגאנגען צום הויז, האט ער גראד גע־טראפען פארעסטיע'ן ארויסגעהן פון דער טיר.

— דו? אזוי פריה? ווי קומסטו עפעס?...

דוראי איז צומישט געווארען פון דער דאזיגער אונערווארטע־טער בעגעגעניש און האט ארויסגעמורמעלט:

— אזא.... אזא געשיכטע... איך האב בשום אופן נים גע־קענט אנשרייבען דעם ארטיקעל, וואס הערר וואלטער האט ביי מיר בעשטעלט. און קיין וואונדער איז דאס אויך נים; ביז אהער האב איך דאך קיינמאל נים געשריבען. מען מוז דאך האבען ער־פאהרונג אביסעל. אבער איך וועל די ערפאהרונג באלד קריגען, איך פערזיכער דיך. געדאנקען האב איך גענוג, נור איך קען זיי נים אויסדריקען.

פארעסטיע איז געשטאנען און האט ביטרע געשמייכעלט:

— איך קאן עס. מיר איז עס בעקאנט.

דוראי האט ווידער אנגעהויבען.

— יא, יעדען אנפאנגער מוז הפנים אזוי געהן. איך בין גע־קומען צו דיר... געוואלט דיך בעטען, דו זאלסט מיר ארויסהעל־פען. אין א צעהן מינוט ווייזטו מיר, ווי אזוי דאס זאל געשריע־בען ווערען. אהן דיר וועל איך עס נים אנשרייבען.

פארעסטיע האט פרעהלאך געשמייכעלט. דערנאך האט ער א קלאפ געטהאן זיין אמאליגען חבר איבער'ן אקסעל און געזאגט:

— ווייסטו וואס, געה גאר צו מיין פרוי, זי וועט דיר העלפען אזוי גוט ווי איך. איך האב זי שוין אויסגעלערענט, ווי אזוי עס צו טהאן. איך אליין האב היינט קיין צייט נים. איך וואלט עס גערן געטהאן פיר דיר.

דוראי איז צומישט געווארען, האט זיך געקווענקעלט און ניט געזאגט.

— אבער אזוי פריה קען איך דאך ניט געהן....

— זי איז שוין אויפגעשטאנען. דו וועסט זי טרעפען אין מיין ארבייטס־צימער. זי שרייבט דארט איבער עפעס פיר מיר.

דוראי האט זיך איינגעשפארט :

— ניין, איך וועל ניט געהן.

פארעסטיע האט איהם אנגענומען ביי די שולטערן, אויס־געדרעהט איהם אויף די אפזאצען און איהם א שטויס געטהאן אין טיר אריין :

— געה דו נאר, געה ! דו קאנסט דאך געהן, ווען איך הייס דיר. דו וועסט דאך ניט פערלאנגען, אז איך זאל ווידער קריכען די דריי שטאק, אום דיך נאך אמאל פארצושטעלען.

דוראי האט זיך ענטשלאסען :

— איך דאנק. איך געה. איך וועל איהר זאגען, אז דו האסט מיך געצוואונגען, איינפאך געצוואונגען, איך זאל צו איהר ארויפ־געהן.

— גוט, גוט. זי וועט דיך ניט אויפעסען, קאנסט זיין רו־היג. דער עיקר, פערגעס ניט אום דריי.

— זיי רוהיג, איך וועל ניט פערגעסען.

פארעסטיע איז אוועק מיט זיינע איילענדיגע טריט און דוראי האט לאנגזאם גענומען געהן ארויף די טרעפ, ארומטראכטענדיג, וואס איהר צו זאגען. ער איז געווען ניט זיכער, אויב זי וועט איהם גוט אויפנעהמען און דערפאר אביסעלע אונרוהיג.

דער דיענער, אין א בלויען שירץ, מיט א בארשט אין האנד, האט איהם געעפענט די טיר :

— דער הערר איז ניט צו־הויז — האט ער געזאגט.

דוראי האט זיך ניט געריהרט פון׳ם ארט :

— פרעגט די מאדאם, אויב זי קאן מיך אויפנעהמען; איהר מאן האט מיך צו איהר געשיקט.

דערנאך האט ער א ווײלע געווארט, ביז דער דיענער האט זיך צוריקגעקעהרט. ער האט זיך צוריקגעקעהרט און איהם אנגעווי־

זען אויף א טיר רעכטס :

— זי מאדאם איז הארט; זי בעט אייך אריינקומען.

זי איז געזעסען ביי א שרייב־טיש אין א קליין צימערל, וואס זיינע ווענד זיינען אין גאנצען פערשטעלט געווען מיט רייהען ביכער אויף שווארצע הילצערנע פאליצעס. די איינבאנדען אין פערשיעדענע קאלירען, רויט, געל, וויאלעט און בלוי, האבען אריינגעבראכט פארב אין דעם רום און אביסעל פערשיעדענארטיגקייט אין די מאנאטאנע רייהען פון די ביכער.

זי האט זיך אויסגעדרעהט צו איהם, א שמייכלענדיגע, אין א ווייסען רייכען מארגענ־קלייד, בעזעצט מיט שפיצען, און איהם דערלאנגט די האנד.

— אזוי פריה? — האט זי געפרעגט און גלייך זיך פערכאפט:

— מיינט ניט, אז איך מאך אייך א פארוואורף, ניין, איך פרעג נור אזוי.

— אה, מאדאם, איך האב ניט געוואלט ארויפגעהן, אבער אייער מאן, וועלכען איך האב געטראפען אונטען, האט מיך געצוואונגען . איך בין אזוי צומישט, דאס איך וואג גאר ניט צו זאגען, וועגען וואס איך בין געקומען.

זי האט איהם אנגעוויזען אויף א שטול :

— זעצט זיך און דערצעהלט.

צווישען די פינגער האט זי געדרעהט א געגזענע פעדער און פאר איהר איז געלעגען א גרויסער בויגען פאפיר, שוין האלב בעשריבען. ווען ער איז אריינגעקומען, האט זי אויפגעהערט צו ארבייטען.

ביים שרייב־טיש האט זי זיך געפיהלט ווי ביי זיך אין דערהיים, ווי אין איהר סאלאן, ווי ביי איהר געוועהנליכער בעשעפטיגונג. א לייכטער דופט האט ארויסגעשטראהמט פון איהר מארגענקלייד, דער דופט פון פרישער וועש. און דוראי׳ן האט זיך אויסגעוויזען, אז דורך דעם ווייכען שטאף פון איהר מארגענ־קלייד זעהט ער איהר יונגען, ווייסען, רונדען און ווארימען קערפער.

זי האט ווידער געפרעגט :

— נו, וואס האט איהר געוואלט זאגען?

ער האט אונענטשלאסען ארויסגעשטאמעלט:

—ווירקליך.... איך וויים ניט, צו האב איך א רעכט... עס איז אזא געשיכטע... נעכטען האב איך געארבייט זעהר שפעט... היינט אין דער־פריה ווידער... האב געפרובט אנשרייבען אן ארטיקעל וועגען אלזשיר... עס קומט אבער גאר נישט ארויס... דאס, וואס איך האב אנגעשריעבען, האב איך צוריסען. איך בין ניט געוועהנט צו אזא ארבייט... איך בין געגאנגען צו פארעסטיע, אום איהם צו בעטען, ער זאל מיר דאס ערשטע מאל ווייזען, ווי אזוי און וואס צו טהאן... נור דאס מאל, ווייטער וועל איך שוין אליין...

זי האט איהם אונטערבראכען מיט א הארציגען געלעכטער, צופריעדען און פרעהליך:

— און ער האט אייך געזאגט, איהר זאלט זיך ווענדען צו מיר? זעהר שען פון איהם.

זי האט זיך געפיהלט געשמייכעלט פון דעם.

יא, מאדאם, ער האט מיר געזאגט, אז איהר קאנט מיר אין דעם העלפען נאך בעסער ווי ער. אבער איך האב ניט געוואגט, ניט געוואלט... איהר וועט דאך פערשטעהן...

זי איז אויפגעשטאנען.

— יא, עס וועט מיר ווירקליך פערגעניגען פערשאפען צו ארבייטען צוזאמען מיט אייך. זעצט זיך אויף מיין פלאץ, דען מיין האנדשריפט קאן מען אין דער רעדאקציאן. מיר וועלען באלד אנשרייבען אן ארטיקעל, אזא, אז איהר וועט שוין זעהן.

ער האט זיך געזעצט, גענומען די פעדער, אויסגעשפרייט פאר זיך א בויגען פאפיר און געווארט.

מאדאם פארעסטיע איז געשטאנען און האט געקוקט ווי ער גרייט זיך צו צו דער ארבייט, דאן האט זי גענומען א סיגארעט פון קאמין און איהם פעררויכערט.

— אהן א סיגארעט קען איך ניט ארבייטען. נו וואס ווילט איהר דערצעהלען?

ער האט זי פערוואונדערט אנגעקוקט:

— איך וויים ניט. דערפאר בין איך דאך געקומען צו אייך.

— יאָ, איך וועל עס שוין פיר איך מאכען. דעם געריכט וועל איך שוין פאר אייך אבקאכען, איך מוז דאך אבער האבען פון וואס צו קאכען דעם געריכט....

ער איז געווען אין גרויסער פערלעגענהייט. צולעצט האט ער געזאגט:

— איך וויל דערצעהלען מיין רייזע פון אָנפאנג אָן.

זי האט זיך געזעצט געגען איהם אויף די אנדערע זייט פון׳ם טיש און איהם ארייגעקוקט אין די אויגען.

— גוט, דערצעהלט מיר צוערשט, מיר אליין, אבער רוהיג, ניט געכאפט, דערצעהלט פון סאמע אנפאנג אָן; איך וועל שוין אויסוועהלען דאס, וואס מיר דארפען פיר אונזער ארטיקעל.

ער האט ניט געוואוסט, ווי און פון וואס אנצוהייבען. דאן האט זי איהם גענומען אויספרעגען, געשטעלט איהם פראגען און געזוכט ארויסצוקריגען פון איהם פערשידענע איינצעלהייטען פון זיין רייזע און פון זיינע בעגעגנישען.

זי האט איהם אזוי אויסגעפרעגט ביי א פערטיל שעה און פלוצום האט זי איהם אונטערבראכען:

— און איצט פאנגען מיר אָן. מיר וועלען עס שרייבען אין דער פארמע פון א בריעף צו א פריינד. דאס וועט אונז געבען די מעגליכקייט אנצורייד[ע]ן גאנצע פעק נארישקייטען, ארייגצו־פלעכטען אלערליי בעמערקונגען, וואס זאלען קלינגען אי זעהר נא־טירליך, אי זעהר קאמיש. פאנגט אָן:

״מיין ליעבער אנרי, דו ווילסט וויסען, וואס איז אזוינס אל־זשיר. אלזא הער. איך וויל דיר צושיקען פון מיין קליין שטי־בעלע א מין טאגע־בוך, וואו עס איז פערשריעבען דאס דארטיגע לעבען פון טאג צו טאג און פון שעה צו שעה. צייטענווייז, אפילו, וועט דיר דארט אויסקומען צו לעזען אזוינע זאכען, וואס וועלען דיר אויסווייזען אביסעלע געפעפערט, אבער דו ביזט דאך ניט פער־פליכטעט צו געבען עס לעזען דיינע בעקאנטע דאמען״....

זי האט זיך אונטערבראכען, אנגעצונדען דעם פערלאשענעם סי־גארעט, און גלייך האט דאס סקריפען פון דער געגזענער פעדער איבער׳ן פאפיר אויך אויפגעהערט.

— שרייבט ווייטער האט זי געזאגט.

— אלזשיר איז א גרויסע טעריטאָריע, וואָס געהערט צו פראנקרייך. זי געפינט זיך אויף דער גרענעץ פון יענע גרויסע אונבעקאנטע געגענדען, וועלכע מען רופט צענטראל אפריקא, דער מדבר זאהארא און א. וו.

אלזשיר איז די ארייננאנגס־טיר, די ווייסע, רייצענדע ארייג־גאנגס־טיר, וואס פיהרט צו דעם דאזיגען מערקווירדיגען ערד־טהייל. אבער מען מוז קאנען אהין צוקומען, און דאס איז גאר ניט קיין לייכטע זאך. דו ווייסט דאך, אז איך בין א גוטער רייטער, אז איך ברעך איין דעם קאלאנעל׳ס פערד. מען קאָן אבער זיין א גוטער רייטער און א שלעכטער ים־רייזענדער. איך מיין עס זיך אליין.

געדענקסטו דעם מאיאר סימדערט, וועלכען מיר האבען א נאַ־מען געגעבען דאקטאר איפעקא? ווען אונז האט זיך אמאָל פער־גלוסט אפרוהען א מעת לעת אין לאזארעט, זיינען מיר געקומען צו איהם און געזאגט, אז מיר זיינען קראנק.

ער איז געזעסען אויף זיין שטול, די דיקע פיס אין די רויטע פאנטאלאנעס פונאנדערגעשפרייט, די הענד אויף די קניע, די עלענבויגענס הויך פערריסען, האט געגלאצט די גרויסע רונדע אוי־גען און געביסען זיינע ווייסע וואנצעס.

געוויס געדענקסטו נאך זיין דיאגנאז אויך:

— דער און דער סאלדאט האט א שלעכטען מאגען. גיט איהם ברעכמיטעל נומער דריי, לויט מיין רעצעפט, צוועלף שעה רוה, און ער איז ווידער געזונד.

דער דאזיגער ברעכמיטעל האט געארבייט שטארק, און וועמען עס האָט איהם איינגענומען, דער האָט זיך, טאקי, דערנאך גענוי־טיגט אין די צוועלף שעה רוה אין׳ם לאזארעט.

אלזא, ליעבער פריינד, אום צו דערגרייכען אפריקא, מוז מען גאנצע פערציג שטונדען נאכאנאנד אנדערע סארטען ברעכ־מיטלען איבערקומען, לויט דעם רעצעפט פון דער טראנסאנטלאנ־טישער קאמפאניע.

זי האט זיך געריבען די הענד, זעהר צופריעדען פון דעם

דאזיגען איינפאל איהרען.

זי איז אויפגעשטאנען, האט פעררוויכערט א צווייטען סיגא־רעט, געגאנגען איבער'ן צימער הין און צוריק און דיקטירט. בעת דעם האט זי ארויסגעלאזט רינגלאך רויך פון די דינע צונויפגע־פרעסטע ליפען. די רינגלאך רויך האבען זיך געהויבען און גע־דרעהט ארויף, האבען זיך צושפרייט און צושוואומען, איבערלא־זענדיג דא און דארט אין דער לופט גרויע ליניען, א מין דורכזיכ־טיגען נעבעל, עהנליך צו שפינוועבס. זי האט געטריעבען פון זיך דעם לייכטען רויך דא מיט דער האנד און דא מיט'ן צייגע־פינגער און האט מיט אן ערענסטער מינע געקוקט, ווי עס זיינען לאנגזאם צוגאנגען די גרויע רינגעלאך.

און בעת זי האט זיך אזוי געשפיעלט, האט דוראי געקוקט אויף איהר און נאכגעפאלגט יעדע בעוועגונג פון איהרע הענד, יע־דען בויג פון איהר קערפער, יעדע מינע אויף איהר פנים.

זי האט אויסגעטראכט פערשיעדענע רייזע־פאסירונגען, בע־שריעבען א פאאר אויסגעטראכטע מיטרייזענדער, דערצעהלט א געשיכטע וועגען א ליעבע פון אן אפיציער'ס א פרוי, וועלכע האט זיך צוריקגעקעהרט צו איהר מאן אין אלזשיר.

דערנאך האט זי זיך געזעצט און אויסגעפרעגט דוראי וועגען די טאפאגראפיע*) פון אלזשיר, פון וועלכער זי האט קיין אה־נונג ניט געהאט.

אין א צעהן מינוטען ארום האט זי שוין געוואוסט וועגען דעם, וויפיעל ער, און זי האטגעגעבען א קורצע אבהאנדלונג איבער די פאליטישע און קאלאניאלע געאגראפיע פון אלזשיר, אום פאר־צובערייטען דעם לעזער פיר די ערענסטע פראגען, וואס וועלען בע־האנדעלט ווערען אין די וויטערדיגע ארטיקלען.

דערנאך האט זי אונטערנומען אן ארויספאהר אין די פרא־ווינץ אראן, און האט בעשריעבען די דארטיגע פרויען, איבערהויפט די פרויען, אידישע, אראבישע און שפאנישע.

— נור דאס אליין אינטערעסירט די לעזער — האט זי גע־

---

*) טאפאגראפיע — ארט־בעשרייבונג.

זאגט.

זי האט געענדיגט מיט א ליעבעס־געשיכטע, וואס דער און־טעראפיציער זשארזש דוראי האט געפיהרט מיט א שפאנישער פאבריק־ארבייטערין אין סאנדי. האט בעשריעבען זייערע צוזא־מענקונפטען אין די פעלזיגע בערג אין מיטען נאכט, בעת די שא־קאלען, היגיענען און די אראבישע הינט שרייען און בילען צווישען די פעלזען.

דאן האט זי פרעהלאך געזאגט:

— פארטזעצונג פאלגט!

און האט צוגעלויגט:

— אט אזוי, מיין פריינד, שרייבט מען ארטיקלען. שרייבט אונטער אייער נאמען.

ער האט זיך געקווענקעלט.

— נו, וואס טראכט איהר? שרייבט אונטער.

ער האט זיך צולאכט און אונטערגעשריעבען: זשארזש דוראי.

זי האט ווייטער געריכערט און געשפרייזט איבער'ן צימער הין און צוריק. ער האט די אויגען פון איהר ניט ארונטערגענו־מען און ניט געוואוסט, ווי איהר צו דאנקען. ער איז געווען גליק־לאך צו זיין נאהענט נעבען איהר און א שטארקע פרייד איבער דער פריינדשאפט, וואס האט זיך אנגעהייבען צווישען איהם און דער דאזיגער שענער פרוי, האט איהם אין גאנצען איבערוועל־טיגט. איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז אלסדינג אין'ם צימער איז א טהייל פון איהר, אלסדינג, אפילו די ווענד, וואס זיינען פער־שטעלט געווען מיט ביכער. די שטוהלען, די מעבעל, די לופט, וואס איז אנגעזאפט געווען מיט טאבאק־רויך, האבען עטוואס בע־זאנדערעס, אנגענעהמעס, חן'עוודיגעס, רייצענדיגעס, וואס האט פון איהר ארויסגעשטראמט.

פלוצום האט זי זיך אנגערופען:

— וואס דענקט איהר פון מיין פריינדין מאדאם מארעל?

ער האט זיך פערוואונדערט:

— איך דענק... איך דענק, אז זי איז זעהר אנגענעהם.

— ניט וואהר?

— געוויס.

ער האט געוואלט צולעגן: אבער זי איז ניט אזוי אנגענעהם, ווי איהר. ער האט עס אבער ניט געוואגט צו זאגען.

זי האט ווידער אנגעהייבען:

— איהר ווייסט גאר ניט, ווי קאמיש, ווי אריגינעל, ווי קלוג זי איז! זי איז א מין ציגיינער־נאטור, א ריכטיגע ציגיינערין. דערפאר זעהט איהר מאן נור איהרע שלעכטע אייגענשאפטען און פערשטעהט ניט איהרע גוטע, און דערפאר האט ער זי אזוי ניט ליעב.

דוראי האט זיך אזוי פערוואונדערט, בעת ער האט דערהערט, אז מאדאם מארעל האט א מאן, הגם דאס איז געווען גאנץ נאטירליך.

ער האט געפרעגט:

— אזוי? זי איז פערהייראטעט? וואס טהוט איהר מאן?

מאדאם פארעסטיע האט לייכט א דריק געטהאן מיט די אקסלען און געזאגט:

אה, ער איז אנגעשטעלט אויף דער נארד־באהן. אין פאריז איז ער נור איין וואך אין'ם מאנאט. זיין פרוי רופט עס: "איהר דיענסט־צייט", אדער "איהר ציענז־וואך", אדער גאר "איהר הייליגע וואך." ווען איהר וועט זיך נעהענטער בעקאנען מיט איהר, וועט איהר אליין זעהן, ווי ליעב זי איז. בעזוכט זי אמאל די טעג!

דוראי האט גאר ניט געטראכט וועגען אוועקגעהן, אזוי גוט און לייכט האט ער זיך געפיהלט אין דעם דאזיגען צימער נעבען דער דאזיגער פרוי.

אבער פלוצום האט זיך די טיר שטיל געעפענט, און א הויכער מאן איז אריין, גאר אונגעמעלדעט.

ער איז געבליבען שטעהן, בעת ער האט דערזעהן אן אונבעקאנטען מאן. מאדאם פארעסטיע איז אויף רגע צומישט געווארען, א לייכטע רויטקייט האט זיך צוגאסען איבער איהר האלז און פנים. דערנאך האט זי זיך אנגערופען אין איהר נאטירליכען טאן:

— קומט אריין, ליעבער פריינד. איך וועל אייך פארשטעלען

מיין שארל'ס פריינד: זשארזש דוהאַי, אַ צוקונפטיגער זשורנאַליסט.

דאן האט זי געזאגט אין אן אנדער טאָן:

— אונזער בעסטער און נאהענסטער פריינד — גראף־דע־וואדרעק.

די מענער האבען זיך פערנויגט איינער פאר דעם אנדערן, שארף זיך אנגעקוקט, און דוהאי האט גלייך פערלאזען דאס צימער.

מען האט איהם ניט געבעטען צו בלייבען. ער האט ארויסגעמורמעלט א דאנק, געדריקט די האנד פון דער יונגער פרוי, האט זיך נאך אמאל פערבויגט פיר דעם גאסט, וועלכער איז געשטאנען מיט א קאלטער און ערענסטער מינע פון א וועלט־מאן, און איז ארויס גאנץ פערווירט, אזוי ווי ער וואלט נור־וואס געהאט בעגאנגען עפעס א נארישקייט.

ווען ער איז ארויסגעגאנגען אויף דער גאס, איז איהם געווארען שטארק אומטוטהיג, א שווערער שטיין האט זיך איהם אוועקגעלייגט אויף דאס הארץ און געדריקט.

ער איז געגאנגען און האט זיך געוואונדערט, ווארום איז איהם מיט אמאל אזוי שווער געווארען אויף'ן הארצען; און קיין ערקלערונג האט ער ניט געפונען; אבער דער שטרענגער פנים פון דעם אלטען, גרויען גראף־דע־וואדרעק מיט זיין רוהיגער און פרעכער מינע האט זיך פאר זיינע אויגען ניט אויפגעהערט צו טראגען.

ער האט בעמערקט, אז ווי נור דער אונבעקאנטער איז אין צימער אריינגעקומען, אזוי גלייך האט אויף איהם א וועהע געטהאן מיט קעלט און פערצווייפלונג. אזא מין געפיהל ערוועקט אין אונז אמאל א צופעליג־געזאָגטעם ווארט, א בליק, די מינדסטע קליינינקייט.

און עס האט זיך איהם נאך אויסגעוויזען, אז דער דאזיגער אונבעקאנטער איז ניט צופריעדען געווען, וואס ער האט איהם דארט געטראפען. ווארום? דאס האט ער ניט געוואוסט.

ביז דריי האט ער ניט געהאט וואס צו טהאן און עס איז ערשט געווען צוועלף. ער האט געהאט ביי זיך זעקס פראנק פונפציג סאנטים, איז ער אוועק עסען מיטאג צו דוואַוואלען. דערנאך

האָט ער אַרומגעשפּאַצירט איבער'ן בולוואַר. פּונקט דריי איז ער געקומען אין די רעדאַקציאָן „פראַנצויזישע לעבען".

די אָנגעשטעלטע זיינען געזעסען אויף אַ באַנק מיט פערלייג־טע אָרעמס און האָבען געוואַרט; הינטער אַ טיש איז געשטאַנען אַ דיענער און האָט פונאַנדערסאָרטירט די בריעף, וואָס זיינען נור וואָס געהאַט אָנגעקומען. די גאַנצע איינריכטונג דאָרט איז געווען אַזאַ, וואָס זאָל אימפּאָנירען די אַריינגעהערס. די אָנגעשטעלטע האָבען געוואוסט, ווי זיך צו האַלטען, ווי צו בענעהמען זיך, האָ־בען אַרויסגעוויזען אַ געוויסע ווירדע, אַ געוויסען שיק, ווי עס האָט זיך געפּאַסט פיר דאָס פאָרצימער פון אַ גרויסער צייטונג.

דוראַי האָט געפרעגט:

— קאָן מען זעהן הערר וואַלטער?

דער דיענער האָט געענטפערט:

— דער רעדאַקטאָר האָט איצט אַ זיצונג. ווילט איהר אַ ווייַלע וואַרטען?

און ער האָט איהם אַריינגעפיהרט אין וואַרטע־צימער, וואָס איז איבערפילט געווען מיט מענשען.

דאָ זיינען געזעסען אָנגעזעהענע מענער מיט אָרדענס אינ'ם קנאָפּ־לאָך, עלענדע מענשען, אָרעם אָנגעטאָן, אין רעק, פער־שפּיליעט ביז גאַנץ אַרויף און מיט פלעקען, עהנליך צו די שטריי־כען פון ים'ען און קאָנטינענט אויף אַ לאַנד־קאַרטע. אויך דריי פרויען האָבען זיך דאָ געפונען. איינע פון זיי איז געווען שען און האָט געשמייכעלט. זי איז געווען אָנגעטאָן מיט שיק און האָט אויסגעקוקט ווי איינע פון דער האַלבער וועלט; די צווייטע האָט געהאַט אַ טראַגישען פּנים, אַ צוקנויטשטען שטערן און איז אָנגע־טאָן געווען מעהר איינפאַך, אָבער זי האָט געהאַט אין זיך עפּעס געקינצעלטעס, אוננאַטירליכעס, ווי אַן אָפּגעלעבטע אַקטריסע, עפּעס, וואָס האָט דערמאָהנט אָן געפעלשטער יוגענד, אָן דעם דופט פון פערטוכלטען ליעבעס־פּאַרפיום.

די דריטע פרוי, אין טרויער, איז געשטאַנען אין אַ ווינקעלע מיט אַ מינע פון אַ פערצווייפעלטער אַלמנה. דוראַי האָט אַ טראַכט געטהאָן, אַז זי איז מסתמא געקומען בעטען אַ נדבה.

מען האט קיינעם ניט אויפגענומען, הגם עס איז שוין פאר־איבער העכער צוואנציג מינוט.

דאן איז הוראַי צוגעגאנגען ווידער צום דיענער:

— הערר וואלטער האט מיך בעשטעלט צו קומען אום דריי. זעהט, אויב מיין פריינד פארעסטיע איז דא.

דאן האט דער דיענער איהם אריינגעפיהרט דורך א לאנגען קארידאר אין גרויסען זאאל אריין, וואו ביי א גרינעם טיש האבען פיער העררן געארבייט.

פארעסטיע איז געשטאנען נעבען קאמין. האט גערויכערט א סיגארעט און געשפיעלט מיט א הילצערנעם באלל, וואס ער האט זעהר געשיקט אונטערגעכאפט אין א קליינעם הילצערנעם בעכער.

ער האט געצעהלט:

—22 — 23 — 24 — 25 —

דוראי האט געזאגט:

— 26 — און זיין פריינד האט איהם אנגעקוקט, וואהפענ־דיג נאך אליין דעם באלל:

— אָה, דו ביזט עס. נעכטען האב איך געמאכט 57 ווארף נאכאנאנד און קיין איין מאל ניט פערפעהלט. פון אונזערע שפיעלט נור איין סען־פאטען בעסער פון מיר. האסטו שוין געזעהן דעם שעף? דו האסט געדארפט זעהן, ווי דער אלטער נארבער שפיעלט אין דעם! איך זאג דיר, קיין קאמישערע זאך איז גאר אויף דער וועלט ניטא. ער עפענט פונאנדער ברייט דעם מויל, אקוראט ווי ער וואלט דעם באלל געוואלט ארונטערשלינגען.

איינער פון די מיטארבייטער האט אויפגעהייבען דעם קאפ:

— פארעסטיע, הער נור: איך וויים עמיצען, וואס וויל פער־קויפען א טהייערען באלל־סעט פון זעהר גוטען האלץ. עס האט אמאל געהערט צו דער שפאנישער קעניגין. זעכציג פראנק דארף עס קאסטען. גאר ניט טהייער.

פארעסטיע האט געפרעגט:

— ווער האט עס צו פערקויפען?

און אזוי ווי ער האט דעם זיבען און דרייסיגסטען ווארף פערפעהלט, האט ער געעפענט א שראנק, וואו דוראי האט בעמערקט

א צוואנציג שענע באלל־סעטס, וואס זיינען געשטאנען אין איין רייהע, יעדער מיט א בעזונדערען נומער אויף זיך, ווי א זאמלונג פון טהייערע אנטיקען. דאן האט ער אוועקגעשטעלט דעם שפיעל־צייג אויף זיין שטענדיגען פּלאַץ און נאך אמאל געפרעגט:

— ווער האט עס צו פערקויפען?

דער זשורנאליסט האט געענטפערט:

א בילעט־שפעקולאנט פון טהעאטער וואדעוויל. אויב דו ווילסט, קאן איך עס דיר מארגען ברענגען..

— גוט. איך וועל עס קויפען, אויב עס איז נור ווירקליך גוט.

דאן האט ער זיך א קעהר געטהאן צו דוראי'ן:

— קום מיט מיר צום שעף, אגיט קאנסטו אזוי זיצען ביז ביינאכט.

זיי זיינען געגאנגען דורך דאס ווארטע־צימער, וואו עס האבען נאך געווארט די זעלביגע מענשען אויף די זעלביגע פּלעצער. ווי נור פארעסטיע איז אהין אריין, אזוי גלייך זיינען צו איהם צוגעלאפען די יונגע פרוי און די אלטע אקטריסע.

ער האט צוגעפיהרט יעדע פון זיי צום פענסטער, אפריהער איינע, דערנאך די אנדערע, און הגם זיי האבען שטיל גערעדט, האט דאך דוראי בעמערקט, אז ער זאגט זיי ביידען "דו".

דערנאך האט ער א שטויס געטהאן א בעשלאגענע טיר, און זיי זיינען אריין צום רעדאקטאר.

די "זייטונג", וואס האט זיך געצייגען שוין העבער א שטונדע, איז בעשטאנען אין פּארטיע עקארטע מיט אייניגע פון די הערען אין די פלאכע היט, וועלכע דוראי האט מיט א טאג פריהער גע־האט געזעהן.

הערר וואלטער האט געהאלטען די קארטען און געשפיעלט מיט זעהר אן ערענסטער מינע, וועהרענד זיין געגנער האט גע־ווארפען די פיעל־פארביגע קארטען־בלעטער אויף'ן טיש, געהיי־בען זיי און געמישט מיט דער געשיקטליכקייט און גיכקייט פון אן אלטען שפיעלער.

נארבער־דע־ווארען איז געזעסען אויף'ן רעדאקטאר'ס שטול

און האט געשריעבען אן ארטיקעל און זשאק ריוואל איז געלעגען אויסגעצויגען אויף א זאפע און האט גערויכערט א סיגאר מיט צוגעמאכטע אויגען.

עס האט דארט געשמעקט מיט אלטען לעדער, מיט אלטען טאבאק און דרוק־טינט.

אויף'ן טיש אויס שווארצען האלץ, מיט מעסענע בעפוצונגען, זיינען געלעגען גאנצע קופעס פאפיר, בריעף, קארטלאך, צייטונגען, מאנאטס־שריפטען, רעכנונגען פון די ליפעראנטען און אזוי ווייטער.

פארעסטיע האט אלעמען געדריקט די הענד, אלעמען, וואס זיינען געשטאנען הינטער די ביידע שפיעלערס, און ניט ארויסרייענדיג קיין ווארט, האט ער אויך זיך געשטעלט קוקען, ווי די ביידע האבען געשפיעלט. ווי־נור וואלטער האט געוואונען, אזוי גלייך האט ער זיך צו איהם געווענדעט:

— דא איז מיין פריינד דוראָי.

דער רעדאקטאר האט שנעל א קוק געטהאן איבער די ברילענגלעזער אויף דוראָי'ן און געפרעגט:

— געבראכט דעם ארטיקעל? היינט צו דער דעבאטע פון מארעל וועט ער זעהר גוט פאסען.

דוראי האט ארויסגעשלעפט פון א קעשענע דעם מאנוסקריפט.

— דא האב איך איהם.

דער רעדאקטאר איז געווען, דאכט זיך, צופריעדען.

— גוט, גוט. איהר האט געהאלטען ווארט. דארף איך עס דורכזעהן, פארעסטיע?

— ניט נויטיג, הערר וואלטער. איך האב מיט איהם צוזאמען דעם ארטיקל געשריעבען, ווייל איך האב איהם געוואָלט ווייזען, ווי אזוינע ארטיקלען דארפען געשריבען ווערען. דער ארטיקעל איז א גוטער.

דער רעדאקטאר האט גענומען די קארטען, וואס האט געגעבען א הויכער מאגערער מאן, א דעפוטאט פון לינקען צענטרום, און געזאגט:

— נו, איז גוט.

אבער פארעסטיע האט איהם ניט געלאזט אנהייבען די נייע פארטיע; ער האט זיך צוגעבויגט צו איהם און שטיל געזאגט איהם אויף'ן אויער:

— איהר האט מיר פערשפראכען אנצושטעלען דוראַי'ן אויף מאראמבא'ס פּלאַץ. קאָן ער אנגעשטעלט ווערען אויף די זעלביגע בעדינגונגען?

— געוויס.

דאן האט פארעסטיע א כאפּ געטהאן זיין פריינד אונטער'ן ארעם און איהם אוועקגעשלעפּט, וועהרענד הערר וואלטער האט ווידער אנגעהייבען צו שפּיעלען א נייעם קאָן.

נארבער־דע־וואַרען האט זיך ניט אומגעקוקט אויף דוראַי'ן, אזוי ווי ער וואלט איהם גאר ניט בעמערקט. זשאק ריוואל האט פערקעהרט, איהם פעסט געדריקט די האנד, ווי א גוטער חבר, אויף וועמענ'ס פריינדשאפט מען קאן זיך פערלאזען.

ווען זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט אין ווארטע־צימער, האבען אלע זיי אנגעקוקט. פארעסטיע האט זיך געווענדעט צו דער יונגער פרוי, אומיסטנע הויך אויף'ן קול, אום אלע זאלען הערען, וואס ער זאגט:

— דער רעדאקטאר וועט אייך גלייך אויפנעהמען. ער האט דארט א וויכטיגע קאנפערענץ מיט צוויי מיטגליעדער פון דער בודזשעט־קאמיססיאָן.

דערנאך איז ער איילענדיג אוועקגעלאפען ווייטער מיט אזא פערהאוועטער און וויכטיגער מינע, אקוראט ווי ער וואלט געדארפט עפּעס א זעהר וויכטיגע טעלעגראמע ערגעץ וואוהין שיקען.

צוריקגעקעהרט זיך אין רעדאקציאנס־צימער, האט פארעסטיע זיך גלייך ווידער גענומען צו זיין באלל און וועהרענד ער האט געצעהלט יעדען וואַרף זיינעם, האט ער גערעדט צו דוראַ'ן:

— דו וועסט קומען יעדען טאג אום דריי, איך וועל דיר זאגען, וואוהין דו וועסט דארפען געהן אין דער־פריה, בייטאג אדער פארנאכט. — איינס! — איך וועל דיר געבען א רעקאמענדאציאנס־בריעף צום פערוואלטער פון דער פאליציי פרעפעקטור — צוויי! — ער וועט דיך אפשיקען צו זיינעם א בעאמטען, מיט

וועלכען דו מוזט זיך דורכשמועסען וועגען אלערליי וויכטיגע נייעס — דריי! — וואס קומען ארויס פון דער פרעפעקטור, אפיציעלע נייעס, ווי האלב־אפיציעלע. וועגען איינצעלהייטען מוזטו זיך ווענדען צו סענ־פאַטען, ער ווייס שוין אלעס. — פיער! — דו וועסט איהם דא טרעפען שפעטער אדער מאָרגען. דער עיקר, דו מוזט ארויספרעסען פון די מענשען, צו וועלכע איך וועל דיך שיקען, אלסדינג, וואס מיר דארפען. — פינף! — און וועסטו דארפען וואוהין אריינגעהן, טאר דיך גאר נישט ניט צוריקהאלטען, אפילו קיין פערשלאָסענע טיר אויך ניט. — זעקס! — און געהאלט וועסטו קריעגען צוויי הונדערט פראנק א חודש און אויסער דעם פיר יעדע צייל אינטערעסאנטע נייעס, וואס דו אליין וועסט ברענגען, וועסטו קריעגען צוויי סו — זיעבען! — און פיר די ארטיקלען עקסטרא — אכט!

דערנאך האט ער זיך היינגעריסען מיט זיין שפיעל, ניט גערעדט מעהר צו דוראָי'ן און נור געווארפען און געצעהלט:

ניין, צעהן, עלף, צוועלף, דרייצעהן....

דער פערצעהנטער ווארף איז איהם ניט געלונגען און ער האט זיך גענומען זידלען:

— די שלימזל'דיגע דרייצעהן. איך בין זיכער, אז דעם דרייצעהנטען וועל איך שטארבען.

איינער פון די מיטארבייטער, געענדיגט זיין ארבייט, איז צוגעגאנגען צום שראנק און האט אויך ארויסגענומען א באלל.

דאס איז געווען א קליין מענשעלע, וואס האט אויסגעזעהן ווי א קינד, כאטש ער איז אלט געווען א יאהר פינף און דרייסיג. נאך אנדערע זשורנאליסטען זיינען אריינגעקומען און האבען ארויסגענומען פון'ם שראנק זייערע באללס.

באלד זיינען געשטאנען זעקס זייערע איינער נעבען אנדערן, מיט די רוקענס זיך אנגעשפארט אן דער וואנד, און האבען געווארפען מיט רעגעלמעסיגע בעוועגונגען זייער רויטע, געלע אדער שווארצע באלל אין דער לופט.

נאך צוויי זשורנאליסטען, וואס האבען געארבייט ביים טיש, האבען זיך אויפגעהייבען און צוגעקוקט צום שפיעל.

פארעסטיע האט געוואונען מיט עלף פונקטען. דער קליין מענשעלע, וואס איז עהנליך געווען צו א קינד, האט פערלארען. ער האט א רוף געטהאן דעם דינער און געזאגט:

— ניין גלאז ביער!

און ער האט ווידער גענומען שפיעלען.

דוראי האט אויסגעטרונקען א גלאז ביער מיט זיינע נייע חברים, דערנאך האט ער געפרעגט זיין פריינד:

— דו האסט עפעס פאר מיר צו טהאן?

— היינט גאר נישט. קאנסט געהן.

— און אונזער... אונזער ארטיקעל? געהט ער אריין אין היינ־טיגען נומער?

— יא. אבער דו דארפסט זיך ניט קימערען וועגען איהם. איך וועל שוין לעזען די קארעקטור. מאך נור די פארטזעצונג פיר מארגען און זיי דא אין צייט, אום דריי, ווי היינט.

דוראי האט זיי אלעמען געדריקט די הענד, ניט וויסענדיג, ווי ווער פון זיי הייסט, און איז אוועק א מונטערער און א גליקליכער.

4

די גאנצע נאכט האט דוראי ניט געקענט רוהיג שלאפען, מיט אזא אונגעדולד האט ער געווארט, צו זעהן זיין ערשטען געדרוקטען ארטיקעל. ווי־נור ער איז טאג געווארען, איז ער שוין געווען אויף דער גאס און איז ארומגעלאפען פון איין צייטונגס־ביידעל צו דער אנדערער.

ער איז אוועקגעלאפען צום וואקזאל סען־לאזאר, דענקענדיג אז דא וועט ער קאנען קריגען א "פראנצויזישע לעבען" פריהער ווי אין דער געגענד, וואו ער האט געוואהנט. און אזוי ווי עס איז געווען נאך זעהר פריה, האט ער א היבשע צייט זיך ארומגעדרעהט איבער'ן טראטואר.

ער האט געזעהן, ווי א צייטונגס־פערקויפערין איז געקומען עפענען איהר ביידעל און דערנאך האט זיך בעוויזען א מאן מיט א גרויסען פאק צייטונגען אויף'ן קאפ. ער האט זיך א ווארף גע־

טהאן צו איהם. דאס זיינען געווען די ציימונגען ״פיגארא״, ״זשיל־בלאז״, ״גאלוא״, נאך צוויי־דריי מארגען־בלעטער אבער דאס ״פראנצויזישע לעבען״ איז ניט געווען.

ער איז געווארען אונרוהיג: ווי, ווען מען האט דעם ארטי־קעל אבגעליגט אויף א צווייטען נומער אדער גאר, ווען ער איז אין דער לעצטער מינוט ניט געפעהלען געווארען דעם אלטען וואלטער׳ן?

ער האט זיך צוריקגעקעהרט צו דער ציימונגס־ביידעל און דער־זעהן, אז דאס ״פראנצויזישע לעבען״ פערקויפט זיך שוין. ער איז ווידער אויפגערעגט געווארען, צוגעלאפען צו דער ציימונגס־פערקויפערין, געכאפט א ״פראנצויזישע לעבען״, א וואָרף געטהאן דריי סו, נערוועז פונאנדערגענומען די ציימונג און שנעל איבער־געלאפען די קעפלאך. — גאר נישט.

פלוצים האט ער דערזעהן אונטער א שפאלט זיין נאמען מיט גרויסע בוכשטאבען ״זשארזש דוראי״, און ער האט זיך א צאפעל געטהאן פאר שמחה.

— דא, דא, געדרוקט... וואס פאר א גליק!

און ער איז אוועק מיט דער ציימונג אין די הענד איבער׳ן טראטואר, ניט טראכטענדיג וועגען קיין זאך, מיט דער הוט אויפ׳ן זייט און דערביי האט זיך איהם געוואלט אפשטעלען יעדען פערביי־געהער און איהם זאגען:

— קויפט די ציימונג, דא איז מיין ארטיקעל געדרוקט.

איהם האט זיך פערגלוסט אויסרופען, ווי דאס טהוען די ציי־טונגס־פערקויפערס אויף די בולווארען:

— לעזט דאס ״פראנצויזישע לעבען״. לעזט דעם ארטיקעל פון זשארזש דוראי: ״די ערינערונגען פון אן אפריקאנישען יע־גער״.

און פלוצים האט איהם אנגעכאפט א חשק, דעם ארטיקעל אליין צו לעזען אין אן עפענטליכען פלאץ, ערגעץ אין א קאפע־הויז צווישען מענשען.

ער האט גענומען זוכען אזא פלאץ, וואו מענשען זיינען שוין געזעסען. ער האט געמוזט ווייט געהן, ביז ער איז אריין אין א

ווײַן־געשעפט, וואו אייניגע מענשען זיינען געזעסען. ער האָט זיך געזעצט בײַ אַ טישעל און בעשטעלט אַ גלעזעל ראָם. דערנאָך האט ער צוגערופען דעם קעלנער און געהייסען איהם דערלאַנגען אַ "פראַנצויזישען לעבען". אבער דער קעלנער, אין אַ ווייסען שירץ, האט ערקלעהרט:

— מיר האלטען ניט די צייטונג, מיר בעקומען אנדערע.

דוראַי איז אויסער זיך געוואָרען, וועז ער האט עס דערהערט, און ער האט אויסגעשריען מיט צארן:

— געהט און קויפט מיר די צייטונג.

יענער איז ארויסגעלאָפען און האט זיך באלד צוריקגעקעהרט מיט אַ צייטונג.

דאן האט זשאָרזש דוראַי אנגעהייבען צו לעזען זיינע "ער־אינערונגען" און דערבײַ האָט ער עטליכע מאָל אויסגערופען הויך אויף'ן קול: "אויסגעצייכענט... אויסגעצייכענט... זעהר גוט!"..

ער האט עס אומיסטנע געטהאן, אום צו ערוועקען נייגעריג־קייט בײַ די אנדערע מענשען, וואס זיינען דארט געזעסען.

דערנאָך האט ער אוועקגעלייגט די צייטונג אויף'ן טיש און איז אוועק.

דער בעל הבית האט עס בעמערקט און איהם נאָכגעשריען:

— מיין הערר! איהר האט פערגעסען די צייטונג!

— איך האָב זי געלעזען, איך וויל זי אייך איבערלאַזען. אַ זעהר אינטערעסאנטער ארטיקעל איז דארט היינט געדרוקט.

ער האט ניט אנגערופען דעם ארטיקעל. אבער ווען ער איז ארויסגעגאנגען, האט ער בעמערקט, ווי איינער פון די געסט האט גענומען די צייטונג פון'ם טיש.

ארויסגעגאנגען אויף דער גאַס, האט ער אַ טראַכט געטהאן:

— וואס טהוט מען איצט?

און ער האט בעשלאָסען צו געהן אין זיין ביוראָ, אום צו קריגען זיין מאָנאטליכען געהאַלט און אפזאגען זיך פון דער שטעלע. ער האט געציטערט פאר פרייד בײַ דעם איין געדאַנק, ווי דער פערוואלטער פון דער ביוראָ און די אנדערע אנגעשטעלטע וועלען אויסגלאָצען אויף איהם די אויגען, ווען זיי וועלען זיך דער־

ווייסען, אז ער איז געווארען א זשורנאליסט.

ער איז געגאנגען לאנגזאם, אום ניט צו קומען אהין פאר צעהן, ווייל די קאססע האט זיך ערשט אום צעהן געעפענט.

דאס ביורא איז געווען א גרויס דונקעל צימער מיט פענסטער, פערשטעלט פון אנדערע ביוראס. ווינטער האט דארט א גאנצען טאג געברענט גאז. אכט אנגעשטעלטע האבען דארט געארבייט און אין א ווינקעל, הינטער א שפאנישען ווענטעל, איז געזעסען דער סעקרעטאר פון'ם פערוואלטער.

דוראי איז צוערשט אוועק צו דער קאססע און האט געקראגען זיינע הונדערט און אכצעהן פראנק און פינף און צוואנציג סענטימעס, וואס דער קאסירער האט איהם דערלאנגט אין א געלען קאנווערט. דערנאך איז ער אריין מיט א מינע פון א זיעגער אין דאס גרויסע ארבייטס־צימער, וואו ער האט פערבראכט אזוי פיעל טעג.

ווי־נור ער איז אריינגעקומען, האט דער סעקרעטאר הערר פאטעל איהם צוגערופען און געזאגט:

— אה, דאס זייט איהר, הערר דוראי! דער פערוואלטער האט שוין עטליכע מאל זיך נאכגעפרעגט אויף אייך. איהר ווייסט דאך, אז ער פערלאנגט, ווען עמיצער פון די אנגעשטעלטע קומט ניט אין ביורא צוויי טעג נאכאנאנד, מוז ער שריפטליך אנגעבען די אורזאכען. צום ביישפיעל, ווען מען איז קראנק, מוז מען אריינשיקען א שריפט פון א דאקטאר.

דוראי, וועלכער איז געשטאנען אין מיטען צימער, האט זיך מיישב געווען, אז איצט איז דער ריכטיגער מאמענט, צו מאכען אן עפעקט און ער האט געזאגט הויך אויף'ן קול:

— איך שפיי אויף אייער פערוואלטער!

די אנגעשטעלטע האבען אויסגעגלאצט אויף איהם צושראקענע אויגען און הערר פאטעל האט ארויסגעשטעקט זיין קאפ פון הינטער דער שפאנישער ווענטעל.

א טויטע שטילקייט איז איינגעטראטען. מען האט געקאנט הערען דאס זשומען פון א פליעג. צום סוף האט הערר פאטעל ארויסגעמורמעלט:

— וואס האט איהר געזאגט ?

— איך האב געזאגט, אז איך שפיי אויף איהם. איך בין געקומען, אום אפצוזאגען זיך פון דער שטעלע. איך בין אריינגעטראטען אלס מיטארבייטער אין דער רעדאקציאן פון'ם "פראנצויזישען לעבען", בעקום פינף הונדערט פראנק א מאנאט, פיר עקסטרא ארטיקלען בעקום איך האנאראר בעזונדער. הייגט איז געדרוקט מיין ערשטער ארטיקעל.

דער עפעקט איז געווען א גוואלדיגער. אלע זיינען געזעסען ווי פערשטיינערט.

דערנאך האט דוראי זיך אנגערופען :

— איך געה גלייך צו הערר פערטואי, איהם זאגען, אז איך פערלאז די שטעלע. דאן קום איך צו אייך זיך זעגענען.

און ער איז אוועק צום פערוואלטער, וועלכער האט איהם בעגעגענט מיט א געשריי :

— דאס זייט איהר!... ווייסט איהר, אז איך וויל ניט...

אבער דוראי האט איהם אונטערבראכען :

— גענוג... שרייט ניט אזוי...

הערר פערטואי, א דיקער מאן, מיט א פנים רויט ווי א קאם פון א האהן, האט פאר שרעק אזש פערגלאצט די אויגען.

דוראי האט גערעדט ווייטער :

— אייער פינסטערע קאנורע האט מיר שוין דערעסען... איך בין אריינגעטראטען אין א צייטונג אלס מיטארבייטער... אדיע!

און ער איז אוועק.

ער האט זיך צוריקגעקעהרט צו זיינע פריהערדיגע חברים, אום צו זעגענען זיך מיט זיי. זיי האבען אבער ניט געוואגט צו ריידען צו איהם, אויס מורא פאר דעם פערוואלטער, ווייל זיי האבען געהערט דורך דער אפענער טיר אין וואס פאר א טאן דוראי האט צו יענעם גערעדט.

דערנאך איז ער ווידער ארויס אויף דער גאס מיט זיין געהאלט אין דער קעשענע.

ער האט אפגעגעסען פריהשטיק אין א ביליגען רעסטאראן, וועלכער איז איהם גוט בעקאנט געווען, האט ווידער געשיקט נאך

א צייטונג און זי איבערגעלאזט אויף'ן טיש.

דערנאך האט ער בעזוכט פערשיעדענע מאגאזינען, וואו ער האט זיך אנגעקויפט פערשיעדענע קלייניגקייטען, נור צוליעב דעם, אום מען זאל זיי איהם צושיקען אויף זיין נאמען זשארזש דוראי... דערביי האט ער ניט פערגעסען צו זאגען:

— איך בין רעדאקטאר פון'ם "פראנצויזישען לעבען".

דאן האט ער אנגעגעבען די גאס, די נומער פון זיין הויז מיט דער בעמערקונג:

— לאזט עס איבער ביים פארטיער פון'ם הויז.

אזוי ווי ער האט נאך געהאט גענוג פרייע צייט, איז ער פערגאנגען צו א ליטאגראף, וועלכער האט אין פערלויף פון א פינף מינוט געקאנט אפקלאפען א הונדערט וויזיט־קארטען, און ביי איהם בעשטעלט א הונדערט שטיק מיט אזא מינע, וואס זאל פאסען פיר אזא וויכטיגען נאמען ווי זשארזש דוראי.

בעקומען זיינע קארטען, איז ער דערנאך אוועק אין די רעדאקציאן.

פארעסטיע האט איהם אויפגענומען עטוואס פון אויבען אראפ, ווי אן אונטערגעגעבענעם.

— דו ביזט דא... גוט. איך דארף דיך שיקען ערגעץ. ווארט דא א ווייליגקע. איך וועל נור ענדיגען מיין ארבייט.

און ער האט ווייטער געשריעבען זיין בריעף, וואס ער האט ניט לאנג אנגעהייבען.

אויף דעם צווייטען עק פון'ם גרויסען טיש האט געארבייט א קורצער, זעהר בלייכער, פליכעוואטער מאן, מיט אן אויפגעבלאזענעם פנים און ווייסען, גלאנציגען שיידעל. ער איז געזעסען און האט כמעט מיט דער נאז געטורקעט אויף'ן פאפיר, ווייל ער איז געוועזן זעהר קורצזיכטיג.

פארעסטיע האט איהם געפרעגט:

— זאג נור סען־פאטען, ווען האסטו דיין אינטערוויאו מיט די העררן?

— אום פיער.

— דו נעהם מיט זיך דוראי'ן, דעם יונגענמאן, וואס שטעהט

נעבען דיר, און באקאן איהם מיט די סודות פון דער פראפעססיאָן.

— גוט.

דערנאך האט זיך פארעסטיע געווענדעט צו דוראי'ן ?

— האסטו געבראכט די פארטזעצונג פון דיין ארטיקעל ווע־גען אלזשיר ? דער אנפאנג האט שטארק אויסגענומען.

דוראי האט צושראקען ארויסגעשטאמעלט :

— ניין, איך האב געמיינט, אז איך וועל קאנען שרייבען נאכ־מיטאג... איך האב געהאט אזוי פיעל צו טהאן. איך האב ניט געקענט.

פארעסטיע האט א דריק געטהאן די אקסלען מיט אן אונצו־פריעדענע מינע :

— ווען דו וועסט ניט זיין פינקטליך, קאנסטו פערלירען דיין שטעלע. וואלטער האט שוין גערעכענט אויף דיין ארטיקעל. איך וועל איהם זאגען, אז דו ברענגסט איהם מארגען. אויב דו דענקסט, אז מען וועט דיר צאהלען פיר גאר נישט טהאָן, האסטו א גרויסען טעות, מיין פריינד !

נאך א קורצען שווייגען האט ער צוגעלויגט :

— מען מוז האם אייזען שמיעדען, כל זמן עס איז הייס !

אין דיזער צייט האט סען־פאטען זיך אויפגעהויבען :

איך בין פארטיג.

דאן האט פארעסטיע זיך אומגעדרעהט אויף זיין שטול און מיט כמעט א פייערליכע מינע, האָט ער זיך געווענדעט צו דוראי'ן :

— אלזא... אין פאריז געפינט זיך זייט צוויי טעג דער כינע־זישער גענעראל לי־טציאני־פאָא. ער שטעהט איין אין'ם האטעל "קאנטינענטאל". און ראדזשי טאפאזיכיב־ראמאדערכא־פאלי אין'ם האטעל בריסטאל. איהר מוזט זיי ביידען זעהן און אינ־טערוויאוען.

און ער האט זיך א קעהר געטהאָן צו סען־פאטען :

— דער עיקר, פערגעס ניט די הויפטפונקטען, וועלכע איך האב דיר אנגעגעבען. פרעג דעם ראדזשי און דעם גענעראל, וואס דענקען זיי וועגען ענגלאנד'ס האנדלונגען אין איסט־אזיען, וועגען

איהר קאלאניזאציאנס־פאליטיק און איהר הערשאפט אין די קאָ־לאניעס. וואס ערוואַרטען זיי פון אייראפּאַ'ס אריינמישונג און איבערהויפּט פון פראנקרייך'ס...

ער איז אנשוויגען געוואָרען. דאן האט ער געזאגט, ווי צו זיך אליין:

— אונזערע לעזער וועט אינטערעסירען צו וויסען, וואס מען דענקט אין בינא און אין אינדיען וועגען די פראגען, וואס בעשעפ־טיגען אין דעם דאזיגען אייגענבליק די עפענטליכע מיינונג.

דערנאך האט ער מיט א וויכטיגער מינע ווידער גענומען די פעדער און ווייטער געשריבען זיין בריעף.

ווי נור זיי זיינען געוועזען הינטער דער טיר, האט סען־פאטען זיך שטארק צולאַכט.

— אט דאס איז א פּאַקוס־מאכער! — האט ער געזאגט צו דוראַי'ן — ער האט פיר אונז געשפּיעלט, אקוראט ווי מיר וואלטען זיינע לעזער געוועזען!

זיי זיינען אוועק איבער'ן בולוואר און דער רעפּארטער האט געפרעגט:

— איהר וועט עפּעס טרינקען?

— מיט פערגעניגען. עס איז זעהר הייס.

זיי זיינען אריין אין א קאפע־הויז און האבען בעשטעלט א קאלטען געטראנק. סען־פאטען האט א סך גערעדט, דערצעהלט וועגען דער צייטונג, וועגען די מיטארבייטער.

— דער רעדאקטאר? ער איז א ריכטיגער איד! איהר ווייסט, די אידען קען מען ניט איבערמאכען. גאט, איז עס אביסעל א ראססע!

און ער האט גענומען דערצעהלען, ווי קארג וואלטער איז, אן אמת'ער זוהן פון זיין פאלק ישראל, ווי אזוי ער זוכט איינשפּארען א סענטים, ווי אזוי ער דינגט זיך, אן אמת'ער וואכערער, פּראָ־צענטניק.

— און דערביי איז ער א דורכגעטריבענער געשעפטסמאן, וועלכער פערלאזט זיך אויף קיינעם און פיהרט די געשעפטען אליין.

—זיין צייטונג איז אן אפיציעלע, א קאטוילישע, א ליבעראלע, א רעפובליקאנישע, אן ארלעאניסטישע — דאס איז א מין קרע־מעל, וואו מען קריגט אלסדינג. און די גאנצע צייטונג גיט ער ארויס מיט דעם איין־איינציגען צוועק, צו שטיצען זיינע בערזען־ספעקוליאציאנען און צו מאכען אלערליי געשעפטען. אויף מא־כען געלד איז ער א גרויסער בריה, גרינדעט גוזעלשאפטען אהן איין גראשען קאפיטאל און מאכט פון זיי מיליאנען...

ער האט ווייטער גערעדט און אנגערופען דערביי דורא'ין "ליעבער פריינד".

— דער לומפ האט איינפעלע ווי באלזאק. שטעלט זיך נור פאר: די טעג קום איך איינמאל אריין צו איהם אין קאבינעט, זיצט דארט דער אלטער עובר בטול נארבער און דאן קיכאט ריוואל. קומט פלוצום אריין אונזער פערוואלטער מאנטעלען מיט זיין סאפיאנענעם פארטפעל אונטער'ן ארעם, דער פארטפעל, וואס גאנץ פאריז קאן — וואלטער קוקט איהם אן און פרעגט:

— וואס עפעס נייעס?

ענטפערט מאנטעלען גאנץ נאאיוו:

— איך האב נור וואס בעצאהלט די זעכצעהן טויזענד פראנק, וואס מיר זיינען שולדיג געווען דעם פאפיר־הענדלער.

הערד וואלטער שפרינגט אויף, ווי אן אבגעבריעטער:

— וואס זאגט איהר?

— איך זאג, אז איך האב בעצאהלט העררן פריווא.

— איהר זייט פון זינען ארונטער!

— ווארום?

— ווארים... ווארום... ווארום..

ער האט ארונטערגענומען די ברילען, זיי אויסגעווישט, דער־נאך האט ער א שמייכעל געטהאן מיט יענעם מערקווירדיגען שמיי־כעל, וואס הייבט אן תמיד צו שפיעלען אויף זיינע גראבע באקען בעת ער וויל זאגען עפעס וויכטיגעס, און ער האט געזאגט אין א שפאטישען און איבערצייגטען טאן:

— ווארום? ווייל מיר וואלטען געקענט ארונטערנעהמען האבאט מינדעסטענס א פיער־פינף טויזענד פראנק.

מאַנטעלען האָט זיך פערוואונדערט:

— אָבער, הערר רעדאַקטאָר, די רעכנונגען האָבען געשטימט. איך האָב זיי דורכגעזעהן און איהר אליין האָט זיי אויך אנערקענט פיר ריכטיג.

דאָן האָט וואַלטער געזאָגט גאַנץ ערענסט:

— איהר זייט זעהר נאַאיוו, הערר מאַנטעלען. מען מוז אַלע מאָל אָנקלייבען שולדען און דערנאָך ערשט זעהן, ווי אַזוי דורכצוקומען מיט די קרעדיטאָרען, אום מען זאָל עפּעס דערביי קאָנען פערדיענען. נו — האָט דע־פּאַטען אויסגעשריען — איז עס דען ניט אין דעם סטיל פון באַלזאַק?

דוראַי האָט באַלזאַק'ן קיינמאָל ניט געלעזען, דאָך האָט ער געענטפערט:

— גאַנץ ריכטיג. טייפעל, ווירקליך אין באַלזאַק'ס סטיל!

דערנאָך האָט דער רעפּאָרטער אָנגערופען מאַדאַם וואַלטער פעטע גאַנז, נאַרבער־דע־וואַרען'ען — אַלטער אימפּאָנטענטער נאַרר; ריוואַל, האָט ער געזאָגט, מאַכט נאָך פערוואַק'ן און געענדיגט האָט ער מיט פאָרעסטיע'ן.

— נו, דעם האָט אָפּגעגליקט. ער האָט געהייראַט אַזאַ פרוי. ווייטער גאָר נישט.

דוראַי האָט געפרעגט:

— וואָס איז אייגענטליך זיין פרוי?

סען־פּאַטען האָט זיך גענומען רייבען די הענד.

— אַה, זי איז אַ פיינע שטיקעל סחורה. זי איז די געליעבטע פון דעם אַלטען לעבע־מאַן וואָדרעק, פון גראַף וואָדרעק. ער האָט איהר נדן געגעבען און זי פערהייראַטעט.

דוראַי האָט אַ ציטער געמהאַן. אַ קעלט איז איהם איבער'ן לייב אַריבער. איהם האָט זיך געוואָלט אויסזידלען, די בייזער אָנברעכען דעם דאַזיגען אַלטען שוואַצער, אָבער אַנשטאָדט דעם האָט ער איהם אונטערבראָכען און איינפאַך געפרעגט:

— איז אייער נאָמען טאַקי סען־פּאַטען?

יענער האָט געענטפערט:

— ניין, מיין נאָמען איז טאָם: סען־פּאַטען האָט מען מיר אַ

נאמען געגעבען אין דער רעדאקציאן.

דוראי האט בעצאהלט פיר דעם געטראנק און געזאגט:

— שוין דאכט זיך גאנץ שפעט און מיר מוזען נאך בעזוכען די צוויי הערךן.

סען־פאטען האט זיך צולאכט:

— וואס פיר א נאאיווער מענש איהר זייט! און איהר האט געמיינט, אז איך געה טאקי צו דעם כינעזער און דעם אינדיער, פרעגען זייער מיינונג וועגען ענגלאנד? איך וויים בעסער פון זיי, ווי זיי דארפען דענקען וועגען דעם, אום זייער מיינונג זאל געפעהלען ווערען די לעזער פון'ם "פראנצויזישען לעבען". איך האב מינדענסטענס אינטערוויאוט א פינף הונדערט שטיק אזעלכע כינעזער, פערסער, הינדוסען, יאפאנער און דער רוח וויים, ווי זיי הייסען נאך דארט. ביי מיר ריידען זיי אלע דאס אייגענע. איך דארף נור נעהמען מיין לעצטען ארטיקעל, וואס איך האב געשריעבען וועגען איינעם פון זיי, און איהם איבערשרייבען ווארט פיר ווארט. מען מוז נור ענדערען דאס קעפעל, דעם נאמען, טיטעל, אלטער און סוויטע. אה, דא מוז מען זיך היטען, אין דעם טאר מען קיין טעות ניט האבען, אניט קאן נאך די "פיגארא" אדער "גאלוא" ארויסטרעטען מיט טענות געגען מיר. אבער אלסדינג וועגען דעם קריג איך ארוים אין פינף מינוט פון די פארטיערס פון בריסטאל און קאנטינענטאל. קומט, מיר געהן אהין צו־פוס. אויף'ן וועג רויכען מיר נאך א סיגאר. און דער וויץ איז, וואס מיר וועלען נאך אין דער רעדאקציאן קריגען אויסגעצאהלט פינף פראנק פיר אונזער דראזשקע, אויף וועלכער מיר זיינען... ניט געפאהרען. איהר זעהט, מיין פריינד, אזוי האנדלען פראקטישע מענשען!

דוראי האט זיך אנגערופען:

— אויב אזוי, קאן דאך א רעפארטער פערדינען פיעל געלד.

דער רעפארטער האט איהם געענטפערט מיט א געהיימער מינע:

— יא, אבער עס לוינט זיך נאך בעסער לאקאלע נייעס צו שרייבען — דאס איז אלע מאל פערמאסקירטע רעקלאמען, פיר וועלכע מען לאזט זיך גוט בעצאהלען.

זיי זיינען אוועק איבער'ן בולוואר צו דער קירכע מאדעלען צו. פלוצום האט סען־פאטען געזאגט צו דוראַי'ן :

— איהר ווייסט, אויב איהר האט וואס צו טהאן, קאנט איהר געהן. איך דארף אייך ניט.

דוראַי האט איהם געדריקט די האנד און איז אוועקגעגאנגען.

דער געדאנק וועגען דעם ארטיקעל, וואס ער האט ביינאכט געדארפט שרייבען, האט איהם געמוטשעט און ער האט זיך פער־טראכט.

ער איז געשטאנען און האט זיך געסטארעט צו דערמאנען אָן פערשיעדענע פאקטען, אנעקדאטען. אזוי איז ער געגאנגען ביז דער עוועניו פון עליסעער פעלדער. דארט האבען זעהר ווענינ מענשען געשפאצירט, ווייל אין די הייסע מאנאטען איז פאריז לעדיג.

אפגעגעסען מיטאג אין א קליינעם רעסטאראן, איז ער דערנאך אוועק צו־פוס אהיים און באלד ווי ער איז אריין צו זיך אין צימער, אזוי גלייך האט ער זיך געזעצט ביים טיש.

אבער ווי־נור ער האט דערזעהן פאר זיך דעם גרויסען בויגען פאפיר, איז אלסדינג, די אלע פאקטען און אנעקדאטען, וואס ער האט אנגעזאמעלט אין'ם מוח, געהענדיג אהיים, פערשוואונדען געווארען פון זיין זכרון, אזוי ווי עמיצער וואלט זיי אוועקגעבלאָזען. ער האט זיך געסטארעט צונויפנעהמען ברעקלאך פון זיינע עראינערונגען און פערשרייבען זיי; אבער אזוי שנעל ווי ער האט זיך אן זיי דערמאָנט, אזוי גיך זיינען זיי פערשוואונדען, אדער זיי זיינען איהם אויף'ן זינען ארויף אין א צופלאנטערטען סדר און ער האט ניט געוואוסט, ווי אזוי צו איבערגעבען זיי, אין וואס פיר א פארמע, ווי אזוי אנצוהייבען.

נאכדעם, ווי ער איז אבגעזעסען א גאנצע שטונדע און האט איבערגעפיהרט גאנצע פינף בויגען פאפיר מיט לויטער אנפאנגען, האט ער א טראכט געטהאן : "איך בין נאך ניט גענוג איינגעאיבט, איך מוז נאך איין לעקציאן נעהמען."

און דאס הארץ האט זיך אין איהם א צאפעל געטהאן, בעת ער האט זיך דערמאָנט, ווי אזוי ער וועט פערברענגען נאך א

פריהמארגען אליין מיט דער רייצענדער מאדאם פארעסטיע.

ער האט זיך שנעל געלעגט אין בעט, מורא געהאט, טאמער, ווען ער וועט נאך א ווײלע זיצען, וועט די ארבייט ביי איהם אוועקגעהן און דאן וועט ער ניט האבען ווענען זואס צו געהן צו מאדאם פארעסטיע.

אויף מארגען איז ער אויפגעשטאנען שפעטלעך, האט זיך ניט געאיילט, אזוי ווי ער וואלט וועלען דאס פערגעניגען, וואס האט איהם ערווארטעט אפריהער גוט איבערלעבען אין זיינע געדאנקען.

נאך צעהן האט ער אנגעקלונגען אין דער טיר פון זיין פריינד.

דער דיענער האט געענטפערט:

— דער הערר איז איצט פערנומען.

דוראי האט זיך ניט געריכט, אז דער מאן זאל איצט זיין אין דער־היים, דאך האט ער געזאגט:

— מעלדעט איהם, אז דאס בין איך וועגען זעהר א נויטיגער זאך.

ער האט געווארט א פינף מינוט. דערנאך האט מען איהם אריינגעפיהרט אין דאס אייגענע צימער, וואו ער האט פערבראכט אזא שענעם פריהמארגען.

אויף דעם פלאץ, וואו ער איז דאן געזעסען, איז איצט געזעסען פארעסטיע אין א שלאף־ראק און פאנטאפעל מיט אן ענגליש מיצעל אויף'ן קאפ, און האט געשריעבען. זיין פרוי איז ווידער געשטאנען נעבען קאמין אין דעם ווייסען מארגען־קלייד מיט א סיגארעט אין'ם מויל און האט דיקטירט.

דוראי איז געבליבען שטעהן אויף'ן שוועל און האט געמורמעלט:

— ענטשולדיגט, אויב איך שטער....

— וואס שוין ווידער? זאג אויף גיך, מיר האבען קיין צייט ניט!

דוראי איז שטארק צומישט געווארען און האט ארויסגעשטאמעלט:

— גאר נישט, גאר נישט, ענטשולדיגט...

אבער פארעסטיע האט מיט כעם אויסגעשריען:

— נו זאג, וואס פערלאנגסטו? די ביזט דאך ניט געקומען צו אונז, פרעגען וואס מיר מאכען? נו, רייד ארויס, אבער מאך עס שנעל!

דוראי איז נאך מעהר צומישט געווארען און האט געמורמעלט:

— פערשטעהסטו מיך... מיין ארטיקעל... איך קען ווידער ניט אנשרייבען... און דו... און איהר זייט פאריגען מאל אזוי פריינד־ליך געווען... דערפאר האב איך געוואגט צו קומען נאך אמאל...

פארעסטיע האט איהם אונטערבראכען:

— צום טייפעל! דו לאכסט הפנים פון אונז! דו מיינסט, אז איך וועל פאר דיר טהאן די ארבייט און דו וועסט נור קריגען יע־דען ערשטען דעם געהאלט. שלאג זיך עס ארויס פון'ם קאפ!

די יונגע פרוי האט געדויכערט און קיין ווארט ניט געזאגט. זי האט נור געשמייכעלט מיט אן אונבעשטימטען שמייכעל, וואס האט ווי א ליעבענסווירדיגע מאסקע איהרע איראנישע געדאנקען פערדעקט.

און דוראי, רויט ווי פייער, האט געשטאמעלט:

— ענטשולדיגט... איך האב געדאכט... איך האב געהאפט..

דערנאך האט ער פלוצים געזאגט דייטליך און הויך:

— מאדאם, איך ענטשולדיג זיך פאר אייך טויזענד מאל און איך דאנק אייך פון'ם טיעפסטען הארצען פאר דעם רייצענדען ארטיקעל, וואס איהר האט מיר נעכטען אנגעשריעבען.

דאן האט ער זיך פערנויגט און געזאגט צו פארעסטיע'ן:

— איך וועל זיין אום דריי אין דער רעדאקציאן.

און ער איז ארויסגעגאנגען.

מיט איילינגע טריט האט ער זיך צוריקגעקעהרט אהיים און געמורמעלט צו זיך אליין:

— גוט, איך וועל אליין אנשרייבען. מיר וועלען זעהן.

און געקומען אהיים, האט ער זיך גלייך געזעצט שרייבען.

ער האט פארטגעזעצט די פאסירונגען, וואס פרוי פארעסטיע האט אנגעהייבען, דערביי האט ער אריינגעמישט זאכען, וועלכע ער האט ארויסגענומען פון שונד־ראמאנען; דאס אלעס איז געווען

געשריבען אין אן אומגעלומפערטען סטיל פון א גימנאזיסט. אין א שטונדע ארום האט ער געענדיגט דעם ארטיקעל, וועלכער איז געווען א מיש־מאש פון אומגעלומפערטקייטען, און איהם געבראכט אין רעדאקציאן.

דער ערשטער מענש, וואס ער האט דארט געטראפען, איז געווען סען־פאטען. דער רעפארטער האט איהם געדריקט די האנד, ווי א מיטארבייטער, און געפרעגט:

— — האט איהר שוין געלעזען מיין אינטערוויאו מיט דעם כי־נעזען און דעם אינדוס? קאמיש, הא? גאנץ פאריז האט זיך גע־האלטען ביי די זייטען פאר געלעכטער. און איך האב דאך אפילו זייער שפיץ־נאז ניט אנגעזעהן.

דוראי, וועלכער האט נאך גאר נישט געלעזען, האט גענומען די ציימונג און דורכגעלאפען א לאנגען ארטיקעל מיט'ן קעפיל: "אינדיען און כינא", וועהרענד דער רעפארטער האט איהם אנגע־וויזען די אינטערעסאנטסטע שטעלען, וואס ער האט מיט א בלייפע־דער אונטערשטריכען.

פארעסטיע איז געקומען, פערסאפעט מיט א פערהאוועטער מינע:

— גוט, וואס איהר זייט דא, איך דארף אייך ביידען.

און ער האט זיי אנגערופען א גאנצע מאססע פאליטישע ער־קונדיגונגען, וואס האבען ביז פארנאכט געמוזט געמאכט ווערען.

דוראי האט איהם דערלאנגט זיין ארטיקעל:

— דא איז די פארטזעצונג

— גוט, גיעב אהער. איך וועל עם דעם שעף געבען.

מיט דעם האט זיך דער געשפרעך געענדיגט.

סען־פאטען האט אוועקגעשלעפט מיט זיך זיין נייעם קאלעגע און ווען זיי זיינען ארויסגעגאנגען אין קארידאר, האט ער איהם געפרעגט:

— זייט איהר שוין געווען אין דער קאססע?

— ניין. ווארום?

— ווארום? אום צו נעהמען אייער געהאלט. שטענדיג מוז מען נעהמען געהאלט פאר א מאנאט אין פאראוים. ווער ווייס,

וואס עס קאָן פּאסירען.

— אויב איך וואלט געקאנט קריגען, וואלט איך געווים גענו־מען.

— איך וועל אייך פארשטעלען דעם קאסירער, וועט ער אייך געבען. ביי אונז צאהלט מען גוט.

און ער האט איהם אוועקגעפיהרט צום קאסירער.

דוראי האט געקראגען צוויי הונדערט פראנק און אכט און צוואנציג פראנק האט ער בעקומען פיר זיין נעכטיגען אר־טיקעל, דערצו האט ער נאך ביי זיך געהאט אביסעל געלד, וואס האט זיך ביי איהם אבגעשטעלט פון דעם געהאלט, וואס ער האט אפגענומען אין דעם אייזענבאהן־ביורא. ארום און ארום האט ער ביי זיך איצט געהאט דריי הונדערט און פערציג פראנק, אזא סו־מע, וואס ער האט קיינמאל ניט פערמאגט, און איהם האט זיך אויס־געוויזען, אז ער איז א שטיק עשיר.

דערנאך האט סען־פאטען איהם אוועקגעשלעפט מיט זיך אין די רעדאקציאנען פון פיער־פינף אנדערע צייטונגען, וואס האבען קאנקורירט מיט זייערע, אום דארט אביסעל צו שוואצען. ער האט געהאפפט, אז אויף אזא אופן וועט ער די ערקונדיגונגען, וואס זיי האבען געזאלט מאכען, קאנען ארויסציהען פון די דארטיגע רעפאר־טערס.

פארנאכט האט דוראי ניט געהאט וואס צו טהאן, איז איהם איינגעפאלען צו געהן אין "פאָלי־בערזשער". ער איז צוגעגאנגען מיט א פרעכער מינע צום קאסירער און האט געזאגט:

— איך בין זשארזש דוראָי, א מיטארבייטער פון'ם "פראנ־צויזישען לעבען." מיט עטליכע טעג צוריק בין איך דא געוועזען מיט הערר פארעסטיע, וועלכער האט מיר פערשפראכען צו שאפען פריי־ען איינטריט. האט ער עס געטהאָן?

מען האט איבערגעקוקט דעם צעטעל, וואו — עס זיינען פער־שריעבען געוועזען די נעמען פון די מענשען, וואס האבען דארט גע־האט א פרייען איינטריט, אבער זיין נאמען איז דארט ניט געוועזען. דאך האט דער קאסירער זיך אנגערופען אין א פריינדליכען טאָן:

— געהט אריין און ווענדעט זיך צום דירעקטאר, ער וועט

געווים אייער פערלאנג בעפריעדיגען.

ער איז אריינגעגאנגען און באלד האט ער דערזעהן ראשעל, די פרוי, וועלכע האט איהם אוועקגעשלעפט מיט זיך יע־נעם אבענד, בעת ער איז דעם ערשטען מאל געווען אין "פאלי־בער־זשער."

זי איז צוגעגאנגען צו איהם:

— גוט אבענד, מיין ליעבער, ווי געהט עס?

— זעהר גוט. און דיר?

— ניט שלעכט. דו ווייסט, איך האב דיך שוין א פאאר מאל געזעהן אין'ם חלום.

דוראי האט צופריעדען א שמייכעל געטהאן:

— אזוי? און וואס איז עס פאר א סמן?

— א סמן, אז דו געפעהלסט מיר און אז דו קאנסט צו מיר קומען, ווען דו ווילסט נור אליין.

— היינט אויך?

— היינט אויך.

— גוט, אבער... היינט האב איך ניט קיין געלד. איך בין געווען אין'ם קלוב און האב אלעס פערלארען.

זי האט א קוק געטהאן איהם גלייך אין די אויגען אריין. זי האט געפיהלט, אז ער זאגט איהר א ליגען, מיט דעם פראקטישען אינסטינקט פון א פראסטיטוטקע, וועלכע איז געוועהנט צו די בע־טריגערייען און דעם דינגען זיך פון מענער. זי האט געזאגט:

— דו ליינגסט. עס איז ניט שען פאר דיר.

ער האט צומישט א שמייכעל געטהאן:

— אויב דו ווילסט צעהן פראנק. דאס אלעס, וואס איך האב ביי זיך.

זי האט ארויסגעמורמעלט מיט דער גלייכגילטיגקייט פון א פראסטיטוטקע, וועלכע וויל בעפריעדיגען איהרען א קאפריז:

— וויפיעל דו וועסט געבען, וועט זיין גענוג. איך וויל דיך.

און זי האט א קוק געטהאן מיט די אויגען, פול בעגעהר, אויף די שענע וואנצעס פון דעם יונגענמאן, גענומען איהם אונטער'ן ארעם, צוגעדריקט זיך צו איהם און געזאגט:

— קום, מיר וועלען פריהער אויסטרינקען א גלעזעל גרענאַדין, דערנאך וועלען מיר אביסעלע שפאצירען. איך וואלט וועלען זיך דורכגעהן מיט דיר אזוי אין אפערא, אום דיך צו ווייזען. מיר וועלען דאך פארפריה געהן אהיים, ניט אמת? . . . . . .

. . . .

ער האט ביי איהר גענעכטיגט. און ווען ער האט זיך אויפגעכאפט, איז שוין געווען גרויסער טאג און ער איז אוועק קויפען א "פראנצויזישע לעבען". מיט ציטערענדיגע הענד האט ער צוגומען די צייטונג. זיין ארטיקעל איז דארטען ניט געווען. ער איז געבליבען שטעהן און מיט אונזיכיגע אויגען האט איבערגעקוקט אלע שפאלטען פון דער צייטונג, געהאפפט אלץ, טאמער איז דער ארטיקעל פארט געדרוקט.

ווי א שווערער שטיין וואלט זיך איהם אויף'ן הארצען אוועקגעלייגט. ער איז געווען מיעד פון א גאנצער נאכט ליעבע און די דאזיגע פלוצומדיגע אונאנגענעהמליכקייט האט איהם אין גאנצען צובראכען.

ער איז אוועק צו זיך אהיים און איז אנשלאפען געווארען אויף'ן בעט אין די קליידער, אזוי ווי ער איז געווען אנגעטאן.

א פאאר שטונדען שפעטער, ווען ער איז געקומען אין רעדאקציאן, איז ער אריין צו הערר וואלטער און געזאגט:

איך בין היינט אין דער-פריה גאנץ פערוואונדערט געווען, ווען איך האב דערזעהן, אז מיין צווייטער ארטייקעל איז ניט אריין.

דער רעדאקטאר האט אויפגעהייבען דעם קאפ און קאלט געענטפערט:

— איך האב איהם געגעבען אייער פריינד פארעסטיע דורכצוזעהן און ער דענקט, אז דער ארטיקעל איז ניט גוט; איהר וועט איהם מוזען איבערמאכען.

דוראָי האט גאר נישט געזאגט און מיט כעס פערלאזען הערר וואלטער'ס צימער. ער איז האסטיג אריינגעלאפען צו פארעסטיע'ן אין צימער און האט געפרעגט:

— ווארום האסטו ניט אריינגעגעבען מיין ארטיקעל אין היינטיגען נומער?

דער זשורנאליסט מיט א סיגאר אין'ם מויל איז געלעגען אפ־געווארפען אין א פאטעל, האט געהאלטען די פיס אויף'ן טיש און פערשמירט מיט די אפזאצען פון זיינע שיך אן ארטיקעל, וואס ער האט ערשט אנגעפאנגען צו שרייבען.

רוהיג און לאנגווייליג מיט א דומפפען קול, וואס וואלט זיך ווי פון א גרוב געטראגען האט ער געענטפערט:

— דיין ארטיקעל איז דעם רעדאקטאר ניט געפעהלען געווא־רען און ער האט מיך געבעטען, איך זאל איהם דיר צוריק אפגעבען, אום דו זאלסט איהם איבערמאכען. נא, דא איז ער!

דערביי האט ער איהם אנגעוויזען אויף בלעטלאך, וואס זיי־נען געלעגען אויף'ן טיש.

דוראי איז צוטומעלט געווארען און האט ניט געוואוסט, וואס ער זאל זאגען.

ער האט אריינגעלייגט דעם ארטיקעל אין קעשענע. דוראי האט ווייטער גערעדט:

— היינט וועסטו צוערשט מוזען געהן אין פרעפעקטור....

דאן האט ער איהם אנגעגעבען א גאנצע מאססע פלעצער, וואס ער האט נאך היינט געמוזט בעזוכען.

דוראי איז אוועק און האט גאר נישט געזאגט, הגם עס האט זיך איהם זעהר שטארק געוואלט זאגען עפעס א שטאך־ווארט פא־רעסטיע'ן.

אויף מארגען האט ער ווידער געבראכט זיין ארטיקעל. ער האט איהם ווידער בעקומען צוריק. ער האט איהם א דריטען מאל איבערגעמאכט און ער האט ווידער ניט געטויגט. דעמאלט האט דוראי פערשטאנען, אז נור איין פארעסטיע קאן איהם העלפען.

ער האט מעהר ניט גערעדט וועגען זיינע "ערא־נערונגען", האט גענומען אויף זיך צו זיין נאכגיביג און כיטרע, ביז עס וועט זיך מאכען עפעס בעסערס, און דערווייליע ארבייטען אייפריג אלס רעפארטער.

ער איז גוט בעקאנט געווארען מיט די הינטער־קוליסען פון טהעאטער און פאליטיק, מיט די קארידארען און פארצימערען פון די שטאטס־מענער און דעפוטאטען, מיט די וויכטיגע פערזאנען

פון מיניסטעריום און מיט די פערכמורעטע פנים'ער פון די פער־שלאפענע טיר־שטעהער.

ער האט נאכאנאנד צו טהאן געהאט מיט מיניסטארען, גענע־ראלען, פרינצען, אלפאנסען, פראסטיטוטקעס, קאנסולען, בישא־פען, מענשען פון דער פיינער געזעלשאפט, צבועקעס, קוטשערק קעלנערס און אזוי ווייטער. ער איז געווארען זייער אלעמענס פריינד; זיי אלע זיינען איהם גלייך געווען, זיי אלע האט ער גע־מאסטען מיט דער זעלביגער מאס, האט געקוקט אויף זיי מיט די זעלביגע אויגען, ווייל ער האט זיי אלעמען יעדען טאג געזעהן, מיט זיי אלעמען גערעדט וועגען די אייגענע זאכען, וואס זיינען נגוע געווען זיין פראפעססיאן. ער אליין האט זיך פערגליכען צו א מענשען, וואס מוז אויספרובען אלע סארטען ווייז, ביז צולעצט קען ער מעהר ניט אונטערשיידען צווישען שאמפאניער און פשוט'ן קוואס.

מיט דער צייט איז ער געווארען אן אויסגעצייכענטער רע־פארטער, פלינק, קלוג, אן אמת'ער אוצר פיר א צייטונג, ווי וואל־טער האט זיך וועגען איהם אויסגעדריקט.

אבער אזוי ווי ער האט נור געקראגען צעהן סענטימס פיר א ציילע אויסער זיינע צוויי הונדערט פראנק געהאלט, און דאס לעבען אויף די בולווארען, אין די קאפע־הייזער און רעסטאראנען האט געקאסט טהייער, האט ער ביי זיך קיינמאל ניט געהאט קיין איב־ריגען גראשען און ער איז שטענדיג געווען אונצופריעדען.

און ער האט געטראכט, ווען ער האט געזעהן, אז מאנכע פון זיינע קאלעגען האבען די קעשענעס אנגעשטאפט מיט געלד: וואו נעהמען זיי דאס?... עפעס איז דא א סוד. ער האט חושד געווען, אז זיי קריגען דאס געלד דורך געוויסע געהיימע מיטלען. ער האט בעשלאסען עס אויסצוגעפינען, בעפריינדען זיך נעהענטער מיט זיינע קאלעגען און ארויסקריגען פון זיי דעם סוד.

אפט, זיצענדיג ביינאכט ביי זיך אין'ם צימער און ארויסקו־קענדיג פון'ם פענסטער אויף די וואגאנעס, וואס האבען זיך פערביי געטראגען, האט ער זיך דעם קאפ געבראכען, זוכענדיג אלץ מיטלען, ווי אזוי ארייגצוקריגען אסך געלד.

עס זיינען אוועק צוויי מאנאטען און דוראַי איז ניט רייכער געוואָרען. ער האט איינגעזעהן, אז רייך ווערען גיך און מיט אמאל איז גאר ניט אזוי לייכט. מעהר פון אלץ האט איהם געמור־טשעט דער געדאנק, אז ער פערנעהמט אן אונבעדייטענדע שטעלע אין דער געזעלשאפט. ער האט געפיהלט, אז איהם וועט שווער זיין, ארויסצורייסען זיך פון זיין איצטיגער פראפעסיאן, אז ער וועט מוזען בלייבען א רעפארטער. אמת, אפילו, מען האט איהם געשעצט, אבער נור אלס רעפארטער. אפילו פארעסטיע אליין האט איהם אויך בעטראכט ווי זיינעם אן אונטערגעגעבענעם און ניט איינגעלאדען איהם מעהר צו א מיטאג, הגם ער האט איהם נאך אלץ געזאגט "דו", ווי אן אלטען פריינד.

אמת, פון צייט צו צייט האט ער געדרוקט אין צייטונג זיי־נעם אן ארטיקעל. ער האט זיך איינגעאיבט, אויסגעלערענט זיך צו שרייבען אין א לייכטען סטיל און האט איצט ניט געדארפט מורא האבען, מען זאל איהם צוריקגעבען זיינע ארטיקלען. אבער צווישען זיינעם אן ארטיקעל און אן ארטיקעל, אדער א לייט־אר־טיקעל פון אנדערע שרייבער, געשריעבען נאך דער אייגענער פאנ־טאזיע און דעם אייגענעם וואונש, איז אזא אונטערשייד געוועזען ווי צווישען דעם קוטשער און זיין בעל הבית, וואס פאהרען ארוים שפאצירען אין בולאָנעם וואלד. וואס איהם האט מעהר פון אלעס געמוטשעט, איז געוועזען דאס געפיהל, אז די העכ־ערע געזעלשאפט איז פיר איהם פערשלאסען, אז ער האט ניט קיין פריינד צווישען די מענשען פון דער פיינער געזעלשאפט, וואס זאלען איהם בעטראכטען ווי זייער גלייכען, אז ער האט ניט קיין פריינדליכע בעציהונגען מיט זייערע פרויען, הגם איינינע אקטע־ריסעס מיט א נאמען האבען אמאל יאָ געגרערט צו איהם מיט קאָ־קעטישער פאמיליאריטעט.

דערביי האט ער נאך געוואוסט אוים אייגענער ערפאהרונג, אז זיי אלע, די דאמען הייסט עס, ווי פון דער פיינער וועלט אזוי די פראסטיטוטקעס, האבען גע'חלשט נאך איהם. ער האט זיך געריסען צונויפצוקומען זיך נעהענטער מיט די דאזיגע פרויען, פון וועלכע עס האט, מעגליך, זיך געווענדעט זיין גאנצע צוקונפט; ער

האט אבער ניט געקענט צוקומען צו זיי, ווי א געפּענטעטער פערד.

גאנץ אפט האט זיך איהם געוואלט געהן בעזוכען מאדאם פאַרעסטיע, אבער יעדעס מאל האט ער זיך דערמאנט אן זייער לעצטער בעגעגעניש און איז ניט געגאנגען. אויסער דעם האט ער געוואַרט, פארעסטיע אליין זאל איהם איינלאדען.

און איינמאל האט ער זיך פּלוצים דערמאַנט אַן מאדאם מאַרעל און אַן דעם, אז זי האט איהם געבעטען, זי צו בעזוכען. ער איז אוועק צו איהר נאָך מיטאָג, ווען ער האט ניט געהאט וואס צו טהאָן.

— ביז דריי בין איך שטענדיג אין דער־היים — האט זי געזאגט.

ער האט אנגעקלונגען אין איהר טיר אום האלב דריי.

זי האט געוואהנט אויף דער גאס ווערנייל, אויף א פערטען שטאָק.

א מיידעל מיט צושויבערטע האאר האט איהם געעפענט. זי האט געענטפערט:

— יאָ, די מאדאם איז אין דער־היים. אבער איך וויים ניט, אויב זי איז שוין אויף.

און זי האט געעפענט די טיר פון׳ם סאלאן, וועלכע איז ניט געווען פערשלאסען.

דוראַי איז אריין.

דער רום איז געווען גאנץ גרויס, מיט ווייניג מעבעל און האט אויסגעזעהן א היבש ביסעל אפגעלאזען. די אפּגעקראכענע פאטעלען זיינען געשטאנען פּאזע וואנד, לויט דעם געשמאק פון דער דיענסט. אויף קיין זאך האט זיך ניט בעמערקט די האנד פון א בעל־הבית׳טע, וואס האט ליעב איהר היים. אויף די ווענד זיינען געהאנגען אויף שנירלאך פיער ארעמזעליגע בילדער, — וואס האבען פארגעשטעלט א שיף אויף׳ן טייך, און אקרענט אויף׳ן ים, א מיהל אין טהאל און א האלץ־העקער אין וואלד. מען האט געקאנט זעהן, אז זיי הענגען אזוי שוין לאנג, ווייל עס פעהלט אין׳ם הויז א ריכטיגע בעל הבית׳טע.

דוראַי האט זיך געזעצט און גענומען ווארטען. געווארט

האט ער א היבשע צייט. צום סוף האט זיך די טיר געעפענט. מאַדאם מארעל איז אריינגעלאפען אין א יאפאנעזישען מארגען־ראָק אויס האזעווען זייד, אויף וועלכען עס זיינען אויסגעשטיקט געווען גאלדענע לאנדשאפטען מיט בלויע בלומען און ווייסע פייגעל, און זי האט אויסגערופען:

— שטעלט זיך נור פאָר, איך בין ערשט אויפגעשטאנען. זעהר פיין פון אייך, וואס איהר זייט געקומען מיך בעזוכען. איך האָב שוין געהאט געמיינט, אז איהר האט מיך פערגעסען!

זי האט אויסגעשטרעקט צו איהם מיט א פריידיגער מינע איהרע ביידע הענד און דוראָי, וועלכער איז געווארען דרייסטער און זיכערער ביי זיך, בעת ער האט דערזעהן איהר ניט עלעגאנטע וואהנונג, האט געוואגט א קוש צו טהאָן איהר האנד. ער האט איינמאל געזעהן, ווי נארבער־דע־ווארען האט עס געטהאן.

זי האט איהם געבעטען, זיך זעצען. דאן האט זי איהם בעקוקט פון קאפ ביז די פיס:

— איהר ווייסט, פאריז האט זעהר גוט געווירקט אויף אייך, איהר זעהט אויס פיעל בעסער. נו, דערצעהלט מיר עפעס נייעס.

און גלייך האבען זיי אנגעפאנגען צו פלוידערען, אזוי ווי זיי וואלטען אלטע בעקאנטע געווען. און זיי האבען געפיהלט, אז א שטראהם פון פערטרויען און צונייגונג האט זיי פלוצים פערבונדען, ווי עס טרעפט גאנץ אפט מיט מענשען פון דעם זעלביגען כאראקטער און אייגענשאפטען, וועלכע בעפריינדען זיך אין פערלויף פון פינף מינוט.

פלוצים האט די יונגע פרוי אונטערבראכען דעם געשפרעך מיט א פערוואונדערטע מינע:

— עס איז דאך מערקווירדיג, וואס איך רייד מיט אייך אזוי פריי. מיר דאכט זיך, אז מיר קענען זיך שוין א יאהר צעהן. ווירקליך, מיר וועלען זיין גוטע פריינד. ווילט איהר?

ער האט געענטפערט:

— געוויס.

און זיין שמייכעל האט דערדערט דאס איבריגע.

זי האט זיך איהם אויסגעוויזען זעהר פערפיהרעריש אין איהר

מארגען־ראָק, אזוי שטראַהלענד און ווייך. ווענינער פיין ווי מאַדאם פּארעסטיע אין איהר ווייסען מארגען־קלייד, ווענינער צארט, ווענינער קאַץ, אבער אויפרעגענדער, געפעפערטער.

ווען ער האט מאַדאם פּארעסטיע געפּיהלט נעבען זיך, מיט איהר איינגעהאַלטענעם, גראַציעזען שמייכעל, וועלכער האט צוגעצויגען און אפּגעשטויסען אין דער אייגענער צייט און וועלכער האט, דאכט זיך, אין גלייכער צייט גערעדט: "דו געפעהלסט מיר" און "היט זיך" —— וואס דעם אמת'ן זין פון דעם האט ער קיינמאל ניט געקענט פערשטעהן, — האָט האט זיך אין איהם ערוועקט א פערלאנג, וואַרפען זיך צו איהרע פיס אדער צו קושען די פיינע שפּיצען ארום איהר האלז און איינצוּאטהעמען לאַנגזאַם דעם ווארימען, פּערפיומירטען דופט, וואס האט פון איהר בוזים ארויסגעשטראַהמט.

נעבען מאַדאם מארעל האט ער געפּיהלט א גרעבערעס, בעשטימטערעס געפיהל, א וואונש, וואס האט איהם געמאכט ציטערען, קוקענדיג אויף איהרע פּארמען, וועלכע האבען זיך היים געצאַפּעלט אונטער דעם לייכטען זייד.

זי האט גערעדט אָהן אויפהער און יעדער זאַץ איהרער איז פול געווען מיט שאַרפזין, מיט נאטירליכען הומאָר, אַט ווי א מייסטער אַן ארבייטער למשל טהוט אָב די שווערסטע ארבייט אָהן שום אנשטרענגונג, ווייל דאס איז זיין זאַך און ער איז דערצו געוועהנט. און דוראַי האט זיך צוגעהערט און געטראכט ביי זיך: "איהרע רייד האט מען געמעגט אריינעהמען גוט אין קאָפּ. מען קען אָנשרייבען רייצענדע פּאריזער פעליטאנען, הערענדיג ווי זי רעדט אדער די טאגעס פּאסירונגען."

עמיצער האט גאַנץ לייכט אנגעקלאַפּט אין טיר. זי האט אויסגערופען:

— דו קאָנסט אריינקומען, מיין קינד!

עס האט זיך בעוויזען דאס קליין מיידעלע. זי איז גלייך צוגעגאנגען צו דוראַי און איהם דערלאנגט די האנד.

די מוטער האט געזאגט פערוואונדערט:

— איהר האט דא געהאַט אַן אמת'ן זיעג! איך דערקען זי

גארנישט.

דער יונגערמאן האט א קוש געטהאָן דאָס מיידעלע, אוועקגע־זעצט זי נעבען זיך און מיט אן ערנסטען און פריינדליכען טאָן גע־נומען זיך נאכפרעגען, ווי זי האט פערבראכט די גאנצע צייט זייט זיי האָבען זיך געטראָפען.

זי האט געענטפערט מיט איהר קינדערשען, קלינגענדען קול־כעל און מיט א וויכטיגער מינע פון אַן ערוואקסענער.

דער זייגער האט געשלאָגען דריי. דער זשורנאליסט איז אויפ־געשטאַנען.

—קומט אָפטער—האט געזאגט פרוי מארעל—מיר וועלען פלוידערן דאן ווידער אזוי ווי היינט. עס וועט מיר פערשאפען גרויס פערגעניגען. פארוואס זעהט מען אייך ניט מעהר ביי די פארעסטיעס ?

ער האט געענטפערט :

— איך ווייס אליין ניט, איך האב זעהר פיעל ארבייט. פי־לייכט וועלען מיר זיך דארט טרעפען די טעג.

און ער איז אוועק אין א געהויבענער שטימונג מיט א הארץ פול אונבעשטימטע האפנונגען.

פארעסטיע'ן האט ער וועגען דעם בעזוך גארנישט דערצעהלט.

עטליכע טעג נאכאנאנד האט ער דעם דאזיגען בעזוך ניט גע־קענט פארגעסען; נאכמעהר — ער האט די גאנצע צייט געפיהלט די אויפרעגענדיגע נאהענטקייט פון דיעזער פרוי; איהם האט זיך אויסגעוויזען, ווי ער וואלט א טהייל פון איהר מיט זיך מיטגענומען. איהר בילד איז איהם געשטאַנען פאר די אויגען און דער גאנצער חן פון איהר האלטען זיך און פון איהרע רייד האט זיך איהם טיעף אין הארצען איינגעקריצט.

אין עטליכע טעג ארום האט ער איהר געמאכט א צווייטען בעזוך.

דאָס דיענסט מיידעל האט איהם אריינגעפיהרט אין סאלאָן און גלייך אויף'ן אָרט איז אריינגעקומען די קליינע לאָרינא.

דיעזעס מאל האט זי איהם אונטערגעשטעלט דעם שטערן א קוש צו טהאָן און האט געזאגט :

די מאמא האט איך געבעטען ווארטען א ווײלע. זי וועט דא זײן אין א פערטעל שעה ארום, ווײל זי איז נאך נישט אנגעטהאָן. דערווײל וועל איך מיט אײך פערברענגען.

דוראָי, וועמען די ערענסטע האלטונג פון דאס קלײן מײדעל, האט פערשאפט שפאס, האט געענטפערט:

— זעהר גוט, גנעדיגעס פרײלען. איך בין גליקלאך צו פער־ברענגען מיט אײך א פיערטעל־שטונדע. אבער איך זאג אײך אין פאראוים, איך בין גאר ניט אויפגעלעגט צו זײן ערנסט, איך האב ליעב צו שטיפען! טאמער וואלטען מיר געשפיעלט אין קאץ און מויז?

דאס מײדעלע איז געבליבען שטעהן גאנץ ערשטוינט. דער־נאך האט זי א שמײכעל געטהאן ווי א דאמע, וועלכע איז אי פער־וואונדערט אי געקרײנקט פון אזא מין פארשלאג און האט ארויס־געדרעדט:

— אין צימער קען מען דאס ניט שפיעלען.

ער האט געענטפערט:

— מיר איז גאנץ גלײך. איך שפיעל איבעראל. אלזא איצט הויבען מיר אן. כאפט מיך!

ער האט זיך גענומען דרעהען ארום טיש, רײצענדיג זיך מיט מיט איהר, זי זאל איהם כאפען. זי האט איהם נאכגעפאלגט מיט א שמײכעל אויף די ליפען, האט מיט העפליכער ארטיגקײט אויס־געצויגען וועגן ניט ווען נאך איהם א האנד, האט אבער נאך אלץ ניט געקענט בײ זיך פועלן נאכצולויפען נאך איהם.

ער האט זיך אבגעשטעלט, אײנגעבויגען זיך און ווען זי איז צו־געקומען מיט אונזיכערע קלײנע טריט, האט ער א שפרונג געטהאן אין לופטען, און מיט אלע קרעפטען גענומען לויפען פון איהר אויף'ן אנדער'ן עק פון סאלאָן. זי האט זיך צולאכט, עס איז איהר געפעלען און זיך אלײן הינגעריסען האט זי גענומען לויפען נאך איהם, ארויסלאזענדיג אלע ווײלע א פרעהליכען אדער אנגסטליכען געשרײ, ווען עס האט זיך איהר געדאכט, אז אט כאפט זי איהם. ער האט איבערגעשטעלט די שטולען, פארשטעלט איהר דעם וועג, געצוואונגען זי צו דרעהען זיך א צײט לאנג אויף אײן פלאץ ארום

אַ שטול און דערנאָך איהם פּלוצום געוואָרפען און געכאַפּט אַן אַנ־דערען. די קליינע לארינא איז איצט געלאָפען נאָך איהם שטאַר־קער הנאה האָבענדיג פון דעם דאָזיגען שפּיעל. מיט אַ צופלאַמטען פּנים האָט זי זיך געיאָגט נאָך איהם און מיט אַן אמת קינדערשער פרייד זיך געפרעהט איבער אַלע גאַנגען, אַלע שלויקייטען און אַלע קונצען פון איהר נייעם פריינד.

און דאַ פּלוצום, ווען איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז איצט כאַפּט זי איהם שוין, האָט ער זי אַ כאַפּ געטהאָן אין זיינע אָרעמס, זי אַ הויב געטהאָן ביז צום באַלקען און אויסגערופען:

— די קאַץ איז געפאַנגען!

דאָס ענציקטע מיידעלע האָט געטראַמפּעלט מיט די פיס, אום זיך אויסצורייסען און האָט געלאַכט פון גאַנצען האַרצען.

דאַ איז אריין פרוי מארעל און האָט אויסגערופען אַ פערוואונ־דערטע:

— אבער וואָס זעה איך! לארינא... לארינא שפּיעלט זיך... איהר האָט זי פערכשופט, הערר דוראַי, איהר זייט איינפאַך אַ כשוף מאַכער!

דוראַי האָט אראָבגעלאָזט דאָס מיידעלע אויף'ן פּאָל, האָט אַ קוש געטהאָן די האַנד דער מוטער און זיי האָבען זיך אַלע געזעצט, דאָס קינד אין מיטען צווישען זיי ביידע. עס האָט זיך זיי געוואָלט פּלוידערן, אָבער לארינא, נועלכע איז שטענדיג געווען אַזוי רוהיג און שטיל, האָט איצט ניט אויפגעהערט צו שוואַצען, זייענדיג נאָך אין גאַנצען אונטער'ן איינפלוס פון דעם פרעהליכען, אויפרעגענדיגען שפּיעל. מען האָט זי געמוזט אוועקשיקען אין איהר צימער.

זי האָט געפאָלגט שטיל אָבער מיט טרערען אין די אויגען.

ווען זיי זיינען געבליבען אליין האָט פרוי מארעל גענומען רע־דען מיט אַ שטילערן קול:

— שטעלט זיך פאָר, איך האָב אַ גרויסאַרטיגען פּלאַן און דערביי האָב איך געדענקט וועגען אייך. די זאַך איז די. יעדע וואָך עס איך איין מאָל ביי די פאַרעסטיעס. דערפאַר לאַד איך זיי פון מיין זייט איין פון צייט צו צייט אין אַ רעסטאָראַן אויף אַ דינער. איך ליעב ניט צוצונעהמען קיין געסט ביי זיך אין דער

היים., איך טויג זיך נישט דער צו. אויסער דעם פארשטעה איך נישט א האאר פון דער ווירטשאפט און פון קיך איז שוין גאר אָב־גערעדט. איך האב ליעב צו לעבען פריי, אונגעשטערט. אלזא לאד איך זיי פון צייט צו צייט איין אין א רעסטאראן. אבער אזוי ווי מיר עסען בלויז זאלבע דריט, געהט עס ניט אימער צו זעהר לוסטיג! מיינע איבעריגע בעקאנטע פאסען זיך ניט גוט צוזאמען און איך לאד זיי נישט איין. איך דערצעהל אייך דאָס אלעס, אום אייך קלאהר צו מאכען וועגען וואס דא האנדעלט זיך. איהר פער־שטעהט דאָך מסתמא, אז איך וויל אייך בעטען צו עסען מיט אונז צוזאמען אין קאפע ריש, שבת אום האלב אכט אזייגער. איהר ווייסט דאך וואו דער רעסטאראן איז ?

ער האט איינגעוויליגט מיט גרויס פרייד און זי האט ווייטער גערעדט:

— מיר זיינען בלויז זאלבע פערט! צוויי הערן און צוויי דאמען. אזעלכע קליינע באנקעטען פערשאפען אונז פרויען זעהר פיעל שפּאַס, ווייל מיר זיינען ניט געוועהנט צו אזעלכע מינים פער־געניגענס.

זי האט געטראגען א טונקעל ברוינע קלייד, וועלכע האט קאָ־קעט און ארויספאדערענד ארומגעכאפט איהר ברוסט, איהרע היפ־טען, איהרע ארעמס. און דוהאי איז געווארען פערוואונדערט, כמעט צומישט פון דעם וואס די רייצענדע עלעגאנץ פון איהר קאס־טיום איז געוועזן אזא שטארקער ווידערשפרוך צו איהר מערקווירדיגער, אבגעלאזענער וואהנונג.

אלעס וואס זי האט געטראגען אויף זיך, אלעס וואס האט די־רעקט איהר קערפער בעריהרט, איז געוועזן צארט און פיין, אבער צו דעם אויסזעהן פון איהר הויז האט זי געשיינט צו זיין גאנץ גלייכגילטיג.

ער האט זי פערלאָזען — מיטנעהמענדיג ווי דעמאָלט האָס געפיהל פון איהר נאהענטקייט, און האט ערווארט דעם טאג פון׳ם דינער מיט וואקסענער אונגעדולד.

ער האָט ווידער אמאָל גענומען א שווארצען פראק אויף פּראַ־קאָט, ווארים זיינע מיטלען האבען איהם נאָך נישט ערלויבט צו

קויפען זיך אן איינענעם. ער איז געווען דער ערשטער אויף דעם פלאץ פון דער צוזאמענקונפט. א פאאר מינוט פאר דער בעשטימטער שטונדע.

מען האט איהם ארויפגעפיהרט אויף'ן צווייטען שטאק אין א קליינעם סאלאן מיט רויטע טאפעטען און מיט איין פענסטער צום בולוואר צו.

אויף א פיערקאנטיגען טיש געדעקט פאר פיערען איז אויסגעשפרעהט געווען א קלאהר ווייסע טישטוך. די גלעזער, דאס זילבער, די ספּירטאווע מאשינקע האבען לוסטיג געפינקעלט ביי דעם שיין פון די צוועלף ליכט אין די צוויי הויכע קאנדעלאבערס.

פון דרויסען האט זיך געזעהן א העל גרינער פלעק: דאס זיינען געווען די בלעטער פון א בוים אויף וועלכען עס איז געפאלען דאס ליכט פון די פערשיעדענע ארומיגע פענסטער.

דוראי האט זיך געזעצט אויף א נידעריגער זאפע, אויך אזא רויטע ווי די טאפעטען. די אבגענוצטע ספרונזשינעס האבען זיך ארונטערגעלאזט אונטער דער שווערקייט פון זיין קערפער און איהם האט זיך געדאכט, אז ער פאלט אין א גרוב אריין. איבער דעם גאנצען, גרויסען הויז האט זיך געטראגען א אונבעשטימטער ליארעם, יענער גערויש וואס הערט זיך געוועהנליך אין די גרויסע רעסטאראנען, פון הין און הער געטראגענע געשיר, פון גלעזער, זילבער, פון איילענדיגע טריט פון די קעלנער איבער די ווייכע קאוויארען, פון'ם קלאפען פון געעפענטע טירען הינטער וועלכע עס הערען זיך די שטימען פון די געסט.

פארעסטיע איז אריינגעקומען און האט איהם א דריק געטהאן די האנד מיט פריינדליכער פאמיליאריטעט, וואס ער האט קיינמאל ניט געטהאן אין דער רעדאקציאן פון'ם "פראנצויזישען לעבען".

— ביידע דאמען וועלען באלד קומען — האט ער געזאגט

— דיעזע קליינע דינערס זיינען זעהר אנגענעהם!

דאן האט ער בעטראכט דעם טיש, האט אין גאנצען אריינגעדרעהט דעם גאז פייער, וועלכער האט שוואך געברענט, פערמאכט איין האלבען פענסטער אוים מורא פאר א צוג, זיך געזעצט אין א בעקוועמען ווינקעל און געזאגט:

— איך מוז אויף זיך גוט אכטונג געבען. א גאנצען מאנאט האב איך זיך געפיהלט גוט און איצט בין איך שוין ווידער עטליכע טעג קראנק. איך האב זיך אפנים דיענסטאג, ארויסגעהענדיג פון טעאטער פערקיהלט.

די טיר האט זיך געעפענט און געפאלגט פון דעם אבערקעלנער האבען זיך בעוויזען ביידע יונגע פרויען טיעף פערשלייערט, און מיט יענער געוויסער געהיימניספולקייט, וועלכע פרויען נעהמען אן, ווען זיי בעווייזען זיך אין פלעצער פון א צווייפעלהאפטען כא־ראקטער.

ווען דוראי האט בעגריסט פרוי פארעסטיע האט זי איהם אויסגערעדט, פארוואס ער האט זי מעהר ניט בעזוכט. און א קוקו טהוענדיג מיט א שמייכעל אויף איהר פריינדין, האט זי צוגעלייגט:

"איהר ציהט פאר פרוי מארעל. פאר איהר האט איהר גענוג צייט."

ווען אלע האבען זיך צוזעצט, האט דער אבערקעלנער דערלאנגט פארעסטיען די וויין קארטע. פרוי מארעל האט אויסגערופען:

— גיט די הערען, וואס זיי פערלאנגען. און אונז גיט גע־פרארענעם שאמפייניער אבער פון דעם בעסטען און זיס מוז ער זיין. מעהר גארנישט.

ווען דער קעלנער איז ארויס, האט זי ערקלעהרט מיט א פרעה־ליכען געלעכטער:

— איך וויל זיך היינט אנשיכורען. קינדער היינט ביינאכט מוזען מיר זיין לעבעדיג, לאמיר לעבען א טאג, אבער טאקע אויף אן אמת, ווי עס געהער צו זיין!

פארעסטיע האט זיך געמאכט ניט הערענדיג און געפרעגט:

— איהר האט דאך ניט דאגעגען איך זאל צומאכען דאס פענסטער? איך בין זיים אייניגע טעג שטארק פערקיהלט.

— געווים ניט!

ער האט צוגעמאכט דעם אנדער'ן האלבען פליגעל פון פענס־טער און זיך געזעצט א צופריעדענער און בערוהיגטער.

זיין פרוי האט געשוויגען פארטהאן אין זיך; און, אראבגעלא־זען די אויגען אויפ'ן טיש, האט זי געשמייכעלט קוקענדיג אויף די

גלעזער, מיט איהר אונבעשטימטען שמייכעל, וועלכער האט דאכט זיך אלעם פערשפראכען און קיין מאל גארנישט געהאלטען.

מען האט זיי געבראכט קליינע, זאפטיגע, אסטענדער אויס־טערס, עהנליך צו קליינינקע אויערלאך אין מושלו בעהאלטען, וועלכע זיינען צוגאנגען אין מויל ווי געזאלצענע צוקערקעס.

נאך דעם סוף האט מען דערלאנגט פארעלען, ראזאווע ווי די הויט פון א יונגער מיידעל. דערנאך האט מען זיך גענומען אונ־טערהאלטען.

צוערשט האט מען גערעדט וועגען א פאסירונג, וואס האט אנגעמאכט א גרויסען טומעל, וועגען א מעשה מיט א רייכער חאמע, וועמען איהר מאנס פריינד האט געכאפט אין א בעזונדער'ן צי־מער, אין די ארעמס פון אן אויסלענדישען פרינץ.

פארעסטיען האט די מעשה שטארק אמוזירט. און די פרויען האבען געזאגט, אז דער פריינד, וועלכער האט די מעשה אויסגע־פלוידערט איז א שופט און לומפ. דוראי איז געווען אין גאנצען מיט זייער מיינונג און האט זיך אויסגעדריקט, אז דער מאן צו ער איז א פריינד, צו דער שולדיגער, צו א פערטרויטער, דארף אין אזעלכע פעלען זיין שטום ווי א קבר. ער האט צוגעלייגט:

— ווי שען וואלט געווען דאס לעבען, ווען מען וואלט זיך געקענט פערלאזען אויף דער אבסאלוטער פערשוויגענקייט פון ביי־דע צדדים. איך גלויב, אז די איינציגע זאך וואס האלט די פרויען כמעט אימער צוריק, איז די מורא, אז זייער געהיימנים זאל ניט ענטדעקט ווערען.

און ער האט געשלאסען מיט א שמייכעל:

— האב איך דען ניט רעכט? וויפיעל פון זיי וואלטען ניט טראכטענדיג זיך אבגעגעבען צו א מאמענטאלער הינרייסונג, צו א פלוצימדיגען פערלאנג, צו אן איינשטונדיגען ליעבעסטרוים, ווען זיי וואלטען ניט מורא געהאט, אז פאר א מיגוט גליק וועט זיי אויס־קומען צו בעצאהלען מיט א שענדליכען סקאנדאל און מיט טרעה־רען!....

ער האט גערעדט מיט איבערצייגענדער ווארעמקייט, ווי ער וואלט זיינע אייגענע אינטערעסען פערטהיידיגט, עפעס ווי ער וואלט

וועלען זאגען: מיט מיר איז נישטא וואס מורא צו האבען פאר אזעלכע אונאנגענעהמליכקייטען. פרובירט נור און איהר וועט זעהן.

די פרויען האבען אויף איהם געקוקט מיט צושטימענדע בליקען און איהם שטום געדעכט געגעבען. מיט זייער שוויגען האבען זיי צוגעגעבען, אז די שוואכע מאראל פון די פאריזערקעס וואלט ניט איינגעשטאנען זייענדיג איבערצייגט, אז זייער געהיימנים וועט ניט אויפגעדעקט ווערען.

און פארעסטיע, וועלכער איז האלב געלעגען אויף דער זאפע מיט דער סערוועטקע ארום האלז, אום ניט איינצושמוצען זיין וועסט, האט געזאגט מיט א האלב איבערצייגטען, האלב סקעפטישען שמייכעל:

— צום טייפעל, מען וואלט זיך שוין פיעלעס ערלויבט, ווען מען זאל זיין זיכער אין יענעמס שווייגען. אבער דאן איז א רחמנות אויף די ארימע פערהייראטע מענער!

און דא האט מען זיך צורעדט וועגען ליעבע.

דוראָי האָט ניט געדענקט, אז די ליעבע איז עביג, אבער, האָט ער ערקלעהרט, זי קען אָנהאלטען א גאנצע לאנגע צייט, אויב זי איז געגרינדעט אויף צוטרויען און פריינדשאפט. די קערפערליכע ליעבע פערזיגעלט בלויז דעם בונד פון די הערצער. ער איז אָבער געווען אויפגעבראכט געגען די קוואלען פון אייפערזוכט, געגען די דראמען, די סקאנדאלען און אלע אונגליקען וואָס קומען ארויס, ווען א פּאָארעל צושיידעט זיך.

ווען ער איז אנשוויגען געווארען, האט פרוי מארעל א זיפץ געטהאָן:

— יא, דאס איז די איינציגע שענע זאך אין לעבען און מיר פערדאַרבען עס אונז אימער אליין דערמיט, וואס מיר פאָדערען אונמעגליכעס.

פרוי פּאָרעסטיע האט צוגעלייגט שפּיעלענדיג זיך מיט איהר מעסער.

— יא... יא... עס איז אנגענעהם געליעבט צו ווערען!

און זי האט זיך ווידער אין איהרע געדאנקען פארטהאן, אין איהרע חלומות וועגען וועלכע זי האט ניט געוואגט צו ריידען.

עס האט גענומען א צייט איידער מען האט זיי געבראכט דעם וויטערדיגען געריכט און דערווייל האבען זיי פון צייט צו צייט גענומען א זופ שאמפאניער און פארביסען מיט קליינע שטיקלאך ווייסע ברויט.

דער געדאנק וועגען ליעבע, דער הייסער, פערפיהרערישער געדאנק איז ביסלאכווייז אין זייערע נשמות אריינגעדרונגען און זיי פארשיכורט, ווי דער ליכטיגער וויין, וואס זיי האבען געזופט א טראפען נאך א טראפען, האט זייער בלוט צוהיצט און זייערע קעפ צומישט.

דער קעלנער האט געבראכט צארטע, קליינע קאלבס־קאטלעטען, אויסגעלייגט אין דייהען און בעפוצט מיט גרינסען.

— צום טייפעל! דאס איז אן אנטיקעל! — האט אויסגערופען פארעסטיע. און זיי האבען געגעסען לאנגזאם, הנאה האבענדיג פון דאס געשמאקע פלייש, און די גרינסען, וועלכע זיינען געווען ווייך ווי פוטער.

דוראי האט פארגעזעצט זיין פריהערדיגען געשפרעך:

— ווען איך בין פערליעבט אין א פרוי, הערט פאר מיר די גאנצע וועלט אויף צו עקזיסטירען.

ער האט עס געזאגט מיט איבערצייגונג, אויפגערעגט פון דעם געדאנק וועגען ליעבעס פריידען און א צופריעדענער פון דעם געשמאקען דינער, וואס ער האט נור וואס אבגעגעסען

פרוי פארעסטיע האט ארויסגעמורמעלט אויף איהר רוהיגען גלייכגילטיגען שטייגער:

— עס איז ניטא אזא גליק וואס מען זאל קענען פערגלייכען מיט יענעם, וואס עס פערשאפט דער ערשטער האנד־דריק, ווען איין האנד פרעגט: ליעבסטו מיך? און די אנדערע ענטפערט: יא, איך ליעב דיך.

פרוי מארעל וועלכע האט מיט איין ציה אויסגעליידיגט איהר באקאל שאמפאניער, האט געזאגט פרעהליך אוועקשטעלענדיג איהר גלאז אויף'ן טיש:

— איך בין ניט אזוי פלאטאניש.

אלע האבען זיך צולאכט פון איהר בעמערקונג און זייערע אוי־

גען האבען זיך צופלאמט.

פארעסטיע האט זיך אויסגעצויגען אויף'ן זאפע, אנגעשפארט מיט די עלענבויגענס אויף קישענס און האט געזאגט מיט אן ערענס־טען טאן :

— אייער אפענקייט מאכט אייך עהרע און בעווייזט, אז איהר זייט א פראקטישע פרוי. אבער קען מען אפשר וויסען, ווי הערר מארעל דענקט וועגען דער האזיגער פראגע ?

זי האט לאנגזאם און מיט גרויס פערזאכטונג א דריק געטהאן מיט די אקסלען און געענטפערט :

— הערר מארעל דענקט איבערהויפט ניט פון אזעלכע זאכען ער וויים נור... פון ענטזאגונג.

פון די העכערע אידעען וועגען ליעבע איז דאס געשפרעך איצט געזונקען אויף גראבע, צינישע הגם פערפיינערטע וויצען. זייער געשפרעך איז בעשטאנען פון צווייידייטיגע ווערטער, פון אפענע צינישע אויסדריקען, פון פארמאסקירטע אנצוהערענישען, פון אונפערשעהמטע צבועצסטווא, הינטער וועלכער עס זיינען פערבארגען געוועזן בילדער און זאכען, וואס מען קען אפען ניט ארויס־ריידען. אזא סארט אונטערהאלטונג פערשאפט די מענשען פון דער פיינער געזעלשאפט א בעזונדער מין אויפרעגענדיגען פערגעניגען, ווי א אונזויבערע פארשטעלונג פון פערבארגענע אונאנשטענדיגע איינצעלהייטען, וואס זיינען פערבונדען מיט דעם געשלעכטס פער־קעהר....

מען האט געבראכט געבראטענע רעבהיהנער מיט וואכטעל פוי־גלאך, דאן ארבעס, דערנאך געגזענע לעבער פאסטעטען מיט סא־לאט.

זיי האבען געגעסען אהן שום פערגעניגען אין גאנצען ארייגגע־טהאן אין זייער געשפרעך, ווי באדענדיג זיך אין כוואליעס פון ליע־בע.

די פרויען זיינען געוועזן אויפגערעגט און האבען גערעדט פראנק און פריי איבער פרעכע אונערלויבטע זאכען. פרוי מארעל מיט איהר נאטירליכער געוואגטקייט, וואס האט געקלונגען כמעט ווי אן ארויספאדערונג, און פרוי פארעסטיע מיט רייצענדער צור־

ריקנעהאלטענקייט, מיט א מין פערשעהמטקייט אין טאָן, שטימע, שמייכעל, אין דער גאנצער האלטונג, וועלכע האבען דאפעלט אונטערשטריכען די געוואנטע זאכען, הגם זי האט זיי געזוכט אבצושוואכען.

פּארעסטיע, צולייגט אויף די קישענס, האט געלאכט, געטרונקען, געהאלטען אין איין עסען און פון צייט צו צייט האט ער אריינגעווארפען אזא גראבע אדער אונפערשעהמטע פראזע, אז די פרויען האבען זיך לפנים וועגען געמוזט בעליידיגען אויף עטליכע סעקונדען. נאכדעם ווי ער האט געזאגט א פאאר צו גראבע וויצען, האט ער אליין בעמערקט:

— קינדער, ווען עס וועט אזוי ווייטער געהן, וועט איהר היינט נאך מאכען דומהייטען!

מען האט דערלאנגט דעסערט און קאפע. די ליקערס האבען די אזוי אויך אויפגערעגטע גייסטער נאך מעהר צוהיצט.

פרוי מארעל האט אזוי גוט אריינגעגאסען און וועלענדיג אמוזירען איהרע געסט האט זי זיך געמאכט נאך מעהר שכור ווי זי איז געווען אין דער אמת'ן.

פרוי פארעסטיע האט געשוויגען, פיליכט אוים פארזיכטיגקייט, און דוראַי, וועלכער האט אויך געבאפט אן איבעריגע גלעזעלע, האט זיך געסטארעט מיט אלע קרעפטען אויסצוזעהן ניכטער.

מען האט פאררויכערט פאפיראסען און פארעסטיע האט זיך צוהוסט.

ער האט געקראָגען א שרעקליכען אַנפאל, וועלכער האט איהם דאס הארץ צוריסען און מיט א פעררויטיגטען פנים און פערשוויצטען שטערן האט ער זיך געשטיקט, פארשטעלענדיג דעם מויל מיט א סערוועטקע. ווען דער אנפאל איז אריבער, האט ער אויסגערופען מיט רוגזה:

— אזעלכע פערגעניגענס זיינען שוין ניט פאר מיר! איך קען זיי ניט פערטראגען.

זיין גוטער מוט, זיין פרעהליכקייט איז פערשוואונדען, בעהערשט פון'ם שרעק פאר זיין קראנקהייט, וועלכע האט איהם ניט אויפגעהערט צו פערפאלגען.

— לאמיר געהן אהיים! — האט ער געזאגט.

פרוי מארעל האט אנגעקלונגען נאך'ן קעלנער און געבעטען א רעכענונג. זי האט עס גלייך געקריגען. זי האט געוואלט די רעכנונג איבערקוקען, אבער די ציפערען האבען געטאנצט פאר איהרע אויגען און זי האט דאס פאפיר איבערגעגעבען דוראי'ן.

— צאהלט איהר, איך בעט אייך, איך קען דא ניט דערגעהן קיין שום טאלק, איך בין צו שכור.

און זי האט ארייגערוקט איהר טייסטער איהם אין האנד אריין.

דער רעכענונג האט בעטראפען הונדערט און דרייסיג פראנק. דוראי, האט איהם איבערגעקוקט און געפונען ריכטיג, האט ער דערלאנגט צוויי באנק נאטען, גענומען אויסגאב און געפרעגט אין דער שטיל:

— וויפיעל דארף מען איבערלאזען טרינק געלד?

— וויפיעל איהר ווילט, איך ווייס איצט גארנישט.

ער האט אוועקגעלייגט פינף פראנק אויף'ן טעלער און דער־לאנגט דער יונגער פרוי איהר בייטעלע, האט ער געפרעגט:

— וועט איהר מיר ערלויבען אייך בעגלייטען?

— געוויס. איך בין ניט אימשטאנד אליין זיך צו דערשלע־פען אהיים...

זיי האבען זיך געזעגענט מיט די פארעסטיערס און באלד איז דוראי געווען איינער אליין מיט פרוי מארעל אין א קויטש.

ער האט זי געפיהלט נעבען זיך, נאהענט, זעהר נאהענט, פערמאכט מיט איהם אין דעם דאזיגען דונקעלען קאסטען, וועלכער איז נור צייטענווייז אויף איין סעקונדע בעלויכטען געווארען פון די גאסען לאנטערענס. ער האט דערפיהלט דורך'ן ארבעל די וואַ־רימקייט פון איהר שולטער. ער האט ניט געקענט ריידען, ניט געקענט ארויסברייגען קיין איין איינציג ווארט, ווייל זיין מארך איז געווען פאראליזירט פון דעם ברענענדיגען פערלאנג, זי צו אומ־ארמען.

ער האט געטראכט ביי זיך: ווען איך זאל עס וואגען, וואס וועט זי דאן טהאן? און דער געדאנק אן אלע צווייד־ייטיגקייטען,

וואס זי האט געזאגט בעת׳ן עסען האט איהם צוגעגעבען מוט, אבער אין דער זעלבער צייט האט די מורא פאר א סקאנדאל איהם צו־ריקגעהאלטען.

זיא האט אויך נישט גערעדט און איז געזעסען אונבעוועגליך אבגעווארפען אין א ווינקעל פון קאוטש. ער וואלט געקענט מיינען אז זי שלאפט, ווען ער וואלט יעדעס מאהל, ווען א ליכט שטראהל איז אין וואגען געפאלען, ניט געזעהן ווי איהרע אויגען בלישטשען.

”פון וואס האט זי געטראכט?” ער האט געפיהלט, אז ער דארף נישט ריידען. אייןווארט, איין איינציג ווארט, וועלכער וואלט איבערגעריסען די שטילקייט וואלט איצט געקענט צושטע־רען אלע זיינע אויסזיכטען. אבער איהם האט געפעהלט מוט, דער מוט צו דער טהאט.

פלוצום האט ער דערפיהלט, ווי איהר פוס האט זיך בעוועגט. אונגעדולדיג האט זי געמאכט א קורצע, נערוועזע בעוועגונג, און ביי דער האזיגער לייכטער בעריהרונג איז איהם א שוידער אי־בער׳ן גאנצען לייב אריבער. און פלוצום האט ער זיך א קעהר געטהאן, א ווארף געטהאן זיך אויף איהר און גענומען מיט׳ן מויל זוכען איהרע ליפען און מיט די הענד איהר ענטבלויזטען קערפער.

זי האט ארויסגעלאזט א שוואכען געשריי, האט זיך געוואלט אויפהויבען, זיך וועהרען, איהם אבשטויסען, דאן האט זי נאכגעגע־בען, ווי איהר וואלט געפעהלט די קראפט לייננער צו ווידערשטעהן.

אבער דער קאוטש האט זיך באלד אבגעשטעלט פאר איהר הויז, און דוראי, האט פון גרויס איבערראשונג ניט געפונען קיין ווערטער אויסצודריקען זיין ליידענשאפט, זיין ליעבע צו איהר. אבער זי האט זיך ניט אויפגעהויבען, האט זיך ניט גערירט פון ארט, זי איז געווען אין גאנצען צומישט און צוטומעלט דורך דעם וואס איז נור וואס געשעהן. דא האט ער גענומען מורא האבען, אז דער קוטשער זאל זיך אנשטויסען און קריעגען א פערדאכט, און ער איז ארויס דער ערשטער און דערלאנגט דער יונגער פרוי די האנד. צום סוף איז זי ארויסגעקראכען פון׳ם קויטש וואק־לענדיג אויף די פיס און נישט ריידענדיג קיין ווארט. ער האט אנגעקלונגען און ווען די טיר האט זיך געעפענט, האט ער געפרעגט

מיט א ציטערענדען קול :

— ווען וועל איך אייך ווידערזעהן ?

זי האט ארויסגעמורמעלט אזוי שטיל, אז ער האט קוים גע־הערט :

— קומט מארגען צו מיר צו פריהשטיק.

און זי איז פעשוואונדען אין דער דונקעלהייט פון קארידאר; הינטער איהר האט די שווערע טיר זיך געשלאסען מיט א טראסק.

ער האט געגעבען דעם קוטשער פינף פראנק און איז אוועק זיין וועג, שנעל און טריאומפירענד, מיט א הארץ פול גליק.

ענדליך האט ער בעזיגט א פערהייראטע פרוי, א דאמע פון דער הויכער געזעלשאפט, פון דער אמת'ער פאריזער געזעלשאפט. ווי לייכט און ווי פלוצום דאס האט פאסירט !

ביז אהער האט ער זיך איינגעבילדעט, אז די נאהענטקייט און דער זיעג איבער יענע רייצענדע פיעל־באגעהרטע פרויען איז פערבונדען מיט א סך מיה, מיט לאנגען אויסדויער, מיט אונענד־ליכער געדולד, מיט אלערליי העפליכקייטען, מיט ליעבעס ערקלעה־רונגען, זיפצען און פרעזענטען. און דא פלוצום האט זיך די ערשטע פרוי וואס ער האט באגעגענט איהם איבערגעגעבען ביי דעם ערשטען אנגריף, אזוי שנעל, אז ער אליין איז צומישט גע־ווארען.

זי איז געוועזען שכור, האט ער געטראכט, מארגען וועט זיין א גאנץ אנדער ליעדעל, מארגען וועט זי מסתמא כאפען א היס־ריקע. דער דאזיגער געדאנק האט איהם א ביסעל בעאונרוהיגט אבער באלד האט ער א טראכט געטהאן : זאל זיין וואס עס וויל ! האב איך זי איין מאהל בעזיעגט וועל איך איהר פון מיינע הענד שוין ניט ארויסלאזען !

און אין זיין פאנטאזיע, וועלכע איז פול געוועזען מיט האפנונג וועגען גרויסקייט, ערפאלג, בעריהמטקייט, גליק און ליעבע, האט ער פלוצום דערזעהן א גאנצע פראצעסיאן פון עלעגאנטע, שענע, איינ־פלוסרייכע פרויען, וועלכע האבען זיך שמייכלענדיג בעוויזען איינע נאך דער אנדערער און זיינען באלד ווידער פערשוואונדען אין די וואלקענס פון זיינע גאלדענע חלומות.

ווען ער איז אויף'ן צווייטען טאג געגאנגען אויף די טרעפ צו פרוי מארעל, איז ער געווען אביסעל אויפגערעגט. ווי וועט זי איהם אויפנעהמען? און טאמער וועט זי איהם גארנישט וועלען זעהן? וואס וועט זיין, ווען זי האט פערבאטען איהם ארייַנצולאזען אין הויז! אפשר האט זי דערצעהלט... אבער ניין, זי האט גאר־נישט געקענט דערצעהלען ניט ארויסרופענדיג קיין פערדאכט ווע־גען דעם, וואס האט פאסירט... און וויבאלד אזוי איז ניט זי גור ער דער שטארקערער.

ווידער האט דאס קליינע דיענסט־מיידעל געעפענט די טיר. ער האט אויף איהר פנים גארנישט באמערקט. ער האט זיך בע־רוהיגט אזוי ווי ער וואלט ערווארטעט צו טרעפען זי א בעאונרו־היגטע און פארזארגטע.

ער האט געפרעגט:

— ווי פיהלט זיך די גנעדיגע פרוי? איז זי געזונד?

זי האט געענטפערט:

— יא, ווי אימער.

ער איז צו צום קאמין, אום א קוק צו טהאן אויף זיך אין שפיעגעל. פאריכטענדיג זיין שלייף, האט ער אין שפיעגעל דער־זעהן די יונגע פרוי, וועלכע האט געקוקט אויף איהם, שטעהענדיג אויף'ן שוועל פון איהר צימער.

ער האט זיך געמאכט, ווי ער וואלט זי ניט בעמערקט און עטליכע סעקונדען נאכאנאנד האבען זיי מיט אנגעשטרענגטער אויפ־מערקזאמקייט בעטראכט איינער דעם אנדער'ן אין שפיעגעל איי־דער זיי האבען זיך געשטעלט פנים לפנים.

ער האט זיך אומגעקעהרט. זי האט זיך ניט גערוהרט פון ארט און האט געשיינט צו ווארטען. ער איז צוגעגאנגען צו איהר און האט ארויסגעשטאמעלט:

— איך ליעב אייך! איך ליעב אייך... איך ליעב אייך משוגע!!

זי האט געעפענט איהרע ארעמס און איז איהם געפאלען אויף'ן ברוסט. דאן האט זי אויפגעהויבען דעם קאפ צו איהם ארויף און זייערע ליפען האבען זיך צונויפגעגאסען אין א לאנ־

גען קוש.

ער האט א טראכט געטהאן: עס געהט לייכטער ווי איך האב ערווארטעט!

און ווען זייערע ליפען האבען זיך אבגעטהיילט, האט ער גע־שמייכעלט ניט זאגענדיג קיין ווארט און זיך געסטארעט אויסצו־דריקען אין זיין בליק אונענדליכע ליבע.

זי האט אויך געשמייכעלט מיט יענעם בעזונדער'ן שמייכעל, מיט וועלכע די פרויען דריקען אויס זייער וואונש, זייער צושטי־מונג, זייער בערייטוויליגקייט זיך אבצוגעבען.

זי האט געשעפטצעט:

— מיר זיינען אליין... איך האב אוועקגעשיקט לארינא'ן פריהשטיקען צו איהרע א פריינדין.

ער האט א זיפץ געטהאן קושענדיג איהר די האנד:

—טויזענד דאנקען. איך ליעב דיך, איך פערגעטער דיך!

דאן האט זי איהם גענומען אונטער'ן ארעם, ווי ער וואלט געווען איהר מאן און איהם צוגעפיהרט צו דער זאפע, וואו זיי האבען זיך געזעצט זיים ביי זייט.

ער האט גענומען זוכען עפעס אן אינטערעסאנטע טעמא פאר א געשפרעך, אבער אזוי ווי ער האט גארנישט געקענט געפינען, האט ער ארויסגעשטאמעלט:

— דו ביזט אלזא ניט שטארק אין כעס אויף מיר?

זי האט איהם ארויפגעלייגט די האנד אויף'ן מויל:

— שווייג!

שווייגענדיג זיינען זיי געבליעבען זיצען אויף דער זאפע, אנ־קוקענדיג איינער דעם אנדער'ן, דריקענדיג זיך אויפגערעגט די הענד, און ער האט געזאגט:

— ווי שטארק איך האב דיך באגעהרט!

זי האט ווידערהאלט :—

— שווייג!

מען האט געהערט ווי דאס מיידעל קלאפט אין צווייטען צי־מער מיט די טעלער.

ער איז אויפגעשטאנען:

— איך קען ניט זיצען אזוי נאהנט לעבען דיר. איך פער־ליער אין גאנצען דעם קאפ.

די טיר האט זיך געעפענט:

— דער טיש איז געגרייט!

ער האט איהר פייערליך דערלאנגט די האנד און זי געפיהרט צום טיש.

זיי האבען געפרישטיקט זיצענדיג איינער אנטקעגען אנדער'ן און האבען זיך נאכאנאנד אנגעקוקט, אין גאנצען פערנומען מיט זיך אליין, פערכשוף'טע פון דעם רייץ פון זייער יונגער ליעבע.

זיי האבען געגעסען מעכאניש, ניט ווויסענדיג וואס זיי עסען. דערפיהלענדיג די בעריהרונג פון א קליינעם פוס אונטער'ן טיש, האט ער איהם אריינגענומען צווישען זיינע און מיט אלע קרעפטען גענומען דריקען.

דאס מיידעל איז אריין און ארוים, האט געבראכט און אוועק־גענומען שפייזען מיט א גלייכגילטיגען פנים, ווי זי וואלט גאר ניט באמערקט.

פערטיג געווארען מיט'ן עסען, זיינען זיי צוריק אריין אין סאלאן און זיך ווידער געזעצט אויף דער זאפע זייט ביי זייט.

ער האט זיך צוגעדריקט צו איהר און זי געוואלט ארומנעה־מען. אבער זי האט איהם רוהיג אבגעשטויסען.

— פארזיכטיג, אימיצער קען אריינקומען!

ער האט געשעפטצעט:

— ווען קען איך דיך זעהן אליין, אום צו קענען דיר זאגען ווי שטארק איך ליעב דיך?

זי האט זיך צוגעבויגען צו איהם און געזאגט איהם שטיל אויף'ן אויער:

— די טעג וועל איך דיר קומען בעזוכען.

ער האט געפיהלט ווי ער ווערט רויט:

— אבער ביי מיר... ביי מיר איז זעהר ארעם...

זי האט א שמייכעל געטהאן:

— דאס מאכט נישט. איך קום צו דיר און ניט צו דיין וואהנונג!

דא איז ער צו איהר צוגעשטאנען זי זאל איהם זאגען ווען זי קומט. זי האט בעשטימט א טאג אויף'ן סוף פון נעקסטער וואך. ער האט זיך גענומען ביי איהר בעטען, זי זאל קומען פריהער. אן אויפגערעגטער מיט א פאררויטיגט פנים און בליסטשענדיגע אויגען, פול הייסע אונבעזיגבארע פערלאנגען, האט ער געשטאמעלט עפעס אונפערשטענדליכע פראזען, דריקענדיג און מאטערנדיג איהרע הענד.

עס האט זי אמוזירט, וואס ער האט זיך געבעטען מיט אזא היץ און אזא אונגעדולד. ביסלאכווייז האט זי אראבגעלאזען א טאג נאך א טאג. אבער ער האט אלץ געבעטען:

— מארגען, זאג מארגען!...

זי האט נאכגעגעבען:

— גוט, מארגען פינף אזייגער!

ער האט פאר פרייד א טיעפען זיפץ געטהאן, דערנאך האבען זיי גענומען פלוידערען רוהיג און פריינדליך, ווי זיי וואלטען זיך געקענט א יאהר צוואנציג.

עס האט אנגעקלונגען און זיי האבען ביידע א ציטער געטהאן. זוי אויף א באפעהל האבען זיי זיך אבגערוקט איינער פון'ם אנדערען. זי האט ארויסגעשעפטשעט:

— דאס איז אודאי לארינא.

דאס קינד איז אריין און געבליעבען שטעהן צומישט, דאן איז זי צוגעלאפען צו דוראי'ן, האט גענומען פאטשען מיט די הענטלאך פאר פרייד און האט אויסגערופען:

— אך, אונזער שענער פריינד!

פרוי מארעל האט זיך צולאכט.

— אונזער שענער פריינד! לארינא האט אייך זעהר ריכטיג א נאמען געגעבען. דאס וועט פון איצט אן זיין אייער צונעמעניש. איך וועל אייך אויך רופען אונזער שעהנער פריינד!

ער האט גענומען דאס מיידעלע אויף די קניע און געמוזט מיט איהר שפיעלען אין שפיעלען, וואס ער האט זי געלעהרענט.

אזייגער דריי האט ער זיך אויפגעהויבען צו געהן אין רעדאקציע און אויף די טרעפ אין דער האלב אפענער טיר, האט ער צו

איהר א שעפּטצע געטהאָן:

— עלזאַ מארגען אום פינף!

די יונגע פרוי האָט געענטפערט:

— יאָ.

און ער איז פערשוואונדען מיט א שמייכעל.

אזוי שנעל ווי ער האט אבגעטהאָן זיין טעגליכע ארבייט, האט ער גענומען ארומטראכטען, ווי אזוי ער זאל אויספוצען זיין צימער, אום זיין געליבטע הארט צו עמפפאנגען און די ארעמקייט פון זיין וואהנונג וויפיעל עס איז צו בעהאלטען. און עס איז איהם איינגעפאלען אויפצוהייננען אויף די וואנד אלערליי קליינע יאפּאנעזישע צאצקעס. פאר פינף פראנק האט ער געקויפט א גאנצען הויפען פערשיעדענע קליינע פעכערלאך און שירעמלאך און האט מיט זיי פארקלעבט די אויפפאלענדע פלעקען אויף די טאפּעטען. אויף די שויבען פון די פענסטער האט ער אנגעקלעבט דורכזיכטיגע בילדלאך, וועלכע האבען פארגעשטעלט א שיף אויף'ן וואסער, פויגלען פליהענדיג איבער'ן רויטען הימעל, אלערליי פארביגע דאמען אויף'ן באלקאָן און א פּראָצעסיאָן פון קליינע מענשעלאך, וועלכע בעוועגען זיך אויף שנעע באדעקטע פעלדער.

זיין קליין צימערל אין וועלכען איין מענש האט זיך קוים געקענט א קעהר טהאָן, האט באלד אויסגעזעהן ווי א קאלירטער לאנטערנע פון אינעווייניג. ער איז געבליבען צופריעדען מיט דעם אויסזעהן פון זיין צימער און האט דעם גאנצען אבענד פערבראכט דערמיט, וואס ער האט צוגעקלעבט צום באלקען פויגלען, וועלכע ער האָט אויסגעשניטען פון די איבערגעבליבענע קאלירטע בילדער.

דערנאך האט ער זיך געלייגט שלאפען, פארוויגט פון דאס פייפען פון די פארביילויפענדיגע לאָקאָמאָטיווען.

אויף'ן צווייטען טאג האט ער זיך פריה צוריקגעקעהרט אהיים מיט א פעקעל צוקער־געבעקס און א פלאש מאדערא, וואס ער האָט געקויפט אויף'ן וועג. ער האט געמוזט ארונטערגעהן נאָך אמאָל, אום זיך צו פערשאפען צוויי טעלער און צוויי גלעזער. ער האט אוועקגעשטעלט דאס צובייסען אויף'ן וואשטיש און צוגעדעקט די שמוציגע ברעט מיט א טישטוך. די וואש־שיסעל מיט'ן קרוג האט

ער בעהאלטען.

און ער האט גענומען װארטען.

זי איז געקומען א פיערטעל אויף זעקס. און דערזעהן די בולטע, פיעלפארביגע בילדער, האט זי אויסגערופען:

— ביי דיר איז דאך זעהר שעהן! אבער אויף די טרעפ זיי־נען דא צופיעל מענשען...

ער האט זי ארומגענומען, קושענדיג ליידענשאפטליך איהרע האאר דורך'ן שלייער.

אין אנדערהאלבען שעה ארום האט ער זי בעגלייט ביז צו דער רוימישער גאס און האט צוגערופען א קארעטע. װען זי איז שוין געזעסען אינעװייניג, האט ער צו איהר א שעפטצע געטהאן:

— דיענסטאג אין דער זעלבער צייט!

זי האט געענטפערט:

— אין דער זעלבער צייט דיענסטאג.

און אזוי װי עס שוין געװען פינסטער, האט זי אריינגעצויגען זיין קאפ אין דער קארעטע און איהם א קוש געטהאן אין די ליפען. װען דער קוטשער האט א טרייב געטהאן זיין פערד, האט זי אויסגערופען:

— צום װידערזעהן, שענער פריינד!

און די אלטע קארעטע, געשלעפט אין מיעדען גאנג פון אן אלט פערדעל, האט זיך געריהרט פון ארט.

און אזוי איז פרוי מארעל דריי װאכען נאכאנאנד אלע צװיי־דריי טעג, אין דער פריה אדער ביינאכט געקומען צו דורא'ין.

איין מאל א נאכמיטאג, װען ער האט אויף איהר געװארט, איז פלוצום געװארען א גרויסער גערודער אויף די טרעפ. ער האט געעפענט די טיר און ארויסגעשטעקט דעם קאפ. א קינד האט גע־װיינט און א צורייצטע מענער־שטימע האט געשריען:

— װאס שרייט דארט דער טייפעל אזוי?

א פרוי האט געענטפערט מיט א קװיטשעדיגען, צורייצטען קול:

— די לופערקע, װאס שלעפט זיך אלץ צום זשורנאליסט, האט אראבגעװארפען ניקאליי'ען פון די טרעפ מען האט ניט

געדראפט אריינלאזען אהער אזעלכע פראוויאנצימער; בלינד זיינען זיי, זעהן ניט, אז א קינד איז אויף די טרעפ!

דוראַי האט זיך א צושראקענער א כאפ געטהאן צוריק, ער האט דערהערט דאס רוישען פון א קלייד און אייליגע טריט אויף די טרעפ אונטער איהם.

גלייך האט מען אנגעקלאפט אין טיר, וועלכע ער האט נור וואס געהאט צוגעמאכט. ער האט געעפענט. פרוי מארעל איז אריינגעפאלען אין צימער אהן אן אטהעם און האט פערצווייפעלט אויסגעשריען:

— האסטו געהערט?

ער האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג און געפרעגט:

— ניין, וואס איז?

— ווי זיי האבען מיך געשימפפט?

— ווער דען?

— די העסליכע מענשען וואס וואהנען אונטען.

— אבער וואס האט פאסירט?

זי האט זיך צו־וויינט און ניט געקענט ריידען.

ער האט איהר געמוזט אויסטהאן דעם הוט, אבשפיעלען דאס קלייד, לייגען אויף דער בעט און איינרייבען איהר די שלייפען מיט א נאסער טיכעל. זי האט געקרעכצט און ניט געקענט קומען צו זיך. ווען זי האט זיך אביסעל בערוהיגט, האט זי גענומען ריי־דען צורייצט און נערוועז.

זי האט פערלאנגט ער זאל גלייך ארונטערגעהן, זיי אויסרוי־פען אויף א דועל און זיי טויטען.

ער האט געזאגט:

— אבער זיי זיינען דאך ארבייטער, גראבע יונגען; מען קען אז מען וויל געהן אין דער פאליציי און זיך אויף זיי בעקלאגען, אבער דאן וועט מען זיך דערוויסען דיין נאמען און דו וועסט בע־שמוצט ווערען. מיט אזעלכע לייט טאר מען ניט האבען צו טהאן.

זי איז איבערגעגאנגען אויף אן אנדער געשפרעך:

— וואס ווילען מיר איצט טהאן? איך קען מעהר אהער ניט קומען.

ער האט געענטפערט :

— גאנץ איינפאך, איך וועל זיך אריבערקלייבן אויף אן אנדער קווארטיר.

אומעדיג האט זי ארויסגעשעפטצעט :

— יא, דאס וועט אבער געדויערן א לאנגע צייט.

דאן איז איהר פלוצום איינגעפאלען א געדאנק און ווערענדיג ווידער פרעהליך, האט זי געזאגט :

— ווייסטו, איך האב געפונען אן אויסוועג. פארלאז זיך אויף מיר און זיי גאנץ רוהיג, איך וועל שוין אלעס בעזארגען. מארגען שיק איך דיר א פערמאכטע, שטאדטישע טעלעגראם.

איצט האט זי געשמייכעלט ענטציקט פון איהר איינפאל, וועלכען זי האט איהם נישט געוואלט אויסזאגען, און האט געהאט פאר איהם טויזענד ליעבעס ווערטער און שפאסען.

דאך איז זי געווען שטארק נערוועז, ווען זי איז צוריק פון די טרעפ ארונטער און מיט אלע קרעפטען האט זי זיך אנגעשפארט אויף איהר געליעבטענס ארעם, אזוי האבען איהר די קניע געציטערט.

אויף די טרעפ האבען זיי קיינעם ניט געטראפען.

אויף'ן צווייטען טאג, ארום עלף אזייגער, ווען דער בריעף טרעגער האט איהם געבראכט דעם פערשפראכענעם בריעף, איז ער נאך געלעגען אין בעט, ווייל ער איז געווען געוואינט שפעט אויפצושטעהן.

דוראי האט איהם געעפענט און איבערגעלעזען :

״צוזאמענקונפט היינט פינף אוהר. רוע דע קאנסטאנטינאפאל 127. לאז זיך וויזען די וואהנונג, וואס פרוי דוראי האט געדונגען. עס קושט דיך קלא.״

פונקט פינף אזייגער איז ער אריין צום שווייצאר פון א גרויסען הויז, וואו מען האט פערדונגען מעבלירטע וואהנונגען און האט געפרעגט :

— האט פרוי דוראי דא געדונגען א וואהנונג ?

— יא, מיין הערר !

— זײט אזוי גוט און פיהרט מיך דארט אװעק.

דער שװײצאר, װעלכער איז װארשײנליך געװאהנט געװעזען צו זײן פּאַרזיכטיג, האָט איהם שאַרף אנגעקוקט און, ארױסגענומען א שליסעל פון א גרױסען בונד שליסלען, האָט ער געפרעגט :

— איהר זײט הערר דוראי ?

— געװיס.

און ער האָט געעפענט א קלײנע װאהנונג פון צװײ צימערן אויף'ן אונטערשטען עטאַזש פונקט אנטקעגען דעם שװײצארס טיר.

דער סאלאָן איז געװען בעשלאגען מיט כמעט נײע געבלומטע טאפעטען. די מעבעל פון רויטען האלץ מיט גרינליכען, געמוסטער־טען ריפּס בעצױגען, אויף'ן פאָל איז געלעגען א ביליגער, געבלומ־טער טעפּיך, אזא דינער, אז דער פוס האָט אנגעטאַפּט אונטער איהם די ברעטער פון'ם פאָל.

דער שלאָף־צימער איז געװען א פיטשינקער. דרײ פיער־טעל פון'ם צימער האָט פערנומען דאס בעט. זי איז געשטאנען אין הינטערגרונד און האָט געגרײכט פון אײן װאנד צו דער אנדע־רער. א גרויסע בעט, װי מען טרעפט אָפט אין מעבלירטע צימערן מיט שװערע, בלױע ריפּסענע פּארהאנגען און א פּוכאָװער דעקע מיט רויטע זײדענע בעצוג, אויף װעלכער עס האבען זיך געזעהן עטליכע פערדעכטיגע פלעקען.

דוראי האָט זיך ארומגעקוקט א אונצופריעדענער און בעאונ־רוהיגטער: — די דאזיגע װאָהנונג װעט מיך קאָסטען אן אוצר מיט געלד — האָט ער געטראכט — איך װעל װידער מוזען זעהן צו לײהען געלד. זי איז גאר משוגע געװארען !

די טיר האָט זיך געעפענט און קלאָטילדא האָט ארײנגעשטור־רעמט װי א װירבעל װינד, רױשענדיג מיט איהרע זײדענע קלײדער. זי האָט געעפענט איהרע ארעמס און אױסגערופען א גליקליכע :

— איז דאס ניט אן אנטיק ! זאג, איז דאס ניט אױסגעצײ־כענט ? און מען דארף זיך ניט שלעפּען אויף קײן טרעפּ ! עס איז גלײך אונטען אויף'ן אונטערשטען עטאַזש ! מען קען דורך'ן פענס־טער ארײן און ארויס און דער שװײצאר זאל גארנישט בעמערקען.

אך, וועלען מיר זיך דא ליעב האבען!

ער האט זי קאלט א קוש געטהאן און ניט געוואגט צו שטע־לען די פראגע, וואס האט איהם אויף די ליפען געברענט.

אויף דעם רונדען טישעלע, וואס איז געשטאנען אין מיטען, האט זי אוועקגעלייגט א פעקעל. זי האט איהם געעפענט און ארויס־גענומען פון דארט זייף, א־דע־קאלאן, א שוואם, א שאכטעלע מיט האארשפילקעס און א ברענ־אייזען, אום די שפיצען פון איהרע האאר וועלכע האבען זיך אימער ארויסגעצויגען, ווידער אנצו־קרויזען.

און עס האט איהר פערשאפט גרויס פערגעניגען דאס אלעס צו צולייגען און פאר יעדען געגענשטאנד א פלאץ צו געפינען.

עפענענדיג די שופלאדען, האט זי געזאגט: איך וועל מוזען אויף יעדען פאל ברייגנען אהער אביסעל וועש. דאס וועט זיין זעהר בעקוועם. טאמער וועט מיר כאפען א רעגען אין גאס, וועל איך קומען אהער זיך אויסטריקענען. יעדער פון אונז וועט האבען א שליסעל און איינער מוז בלייבען ביים שווייצאר, אין פאל מיר וועלען פערגעסען אונזער'ן אין דערהיים.

דאן האט ער געפרעגט:

— דו וועסט דאך מיר זאגען, ווען מען וועט דארפען צאהלען, ניט אמת?

זי האט געענטפערט:

— עס איז שוין בעצאהלט.

ער האט ווייטער גערעדט:

— דאן אלזא, בין איך דיר שולדיג דאס געלד?

— ניין, קעצעלע מיינס, דאס געהט דיר גארנישט אן, דאס איז מיין קליינער קאפריז.

ער האט געמאכט אן אנשטעל, ווי ער איז בייז:

— ניין, ניין, דאס וועל איך נישט דערלאזען!

זי איז צו צו איהם און ארומנעהמענדיג איהם, האט זי גענו־מען בעטען:

— איך בעט דיך, דזשאדזש, דאס פערשאפט מיר אזוי פיעל פערגעניגען! איך פערלאנג, אז אונזער נעסט זאל געהערען צו מיר,

נור צו מיר אליין. דאס קען דיך דאך נישט בעליידיגען? ווארום דען? איך וויל דאס בייטראגען אלס מתנה צו אונזער ליע־בע. זאג יא, איך בעט דיך, זאג יא!

און זי האט איהם געבעטען מיט בליקען, מיט ווערטער, מיט קושען און מיט איהר גאנצען וועזען.

ער האט זיך געלאזט לאנג בעטען און זיך אלץ אבגעזאגט מיט א כלומרשט כעס'דיגען אויסזעהן. צום סוף האט ער נאכגעגעבען, דיינקענדיג ביי זיך אין הארצען, אז זי איז אייגענטליך גאנץ גע־רעכט.

ווען זי איז אוועק, האט ער ארויסגעמורמעלט, רייבענדיג די הענד און סטארענדיג זיך ניט אריינצודרינגען אין די פערבארגע־נע ווינקעלאך פון זיין נשמה, וואו עס האט זיך היינט אויסגעביל־דעט א מיינונג וועגען איהר:

— און דאך איז זי זעהר ליעב!

אין א פאאר טעג שפעטער האט ער פון איהר ווידער געקרא־גען א בריעף מיט דעם פאלגענדען אינהאלט:

„מיין מאן קומט היינט ביינאכט אהיים נאך אן אבוועזענ־הייט פון זעקס וואכען. מיר מוזען אלזא זיך שיידען אויף אכט טאג. איך בין טרויסטלאז, מיין ליעבער! דיין קלא."

דוראי איז געווארען גאנץ ערשטוינט. ער האט אין גאנצען פערגעסען, אז זי איז פערהייראט. איהם האט זיך פערוואלט כאטש איין מאל זעהן איהר מאן, אום צו האבען וועגען איהם וועלכען ניט איז בעגריף.

ער האט גערולדיג געווארט אויף דעם מאן'ס אבפאהרען און דערווייל פערבראכט צוויי אבענדען אין פאלי־בערזשער, וועלכע האבען זיך געענדיגט ביי ראשעל'ן...

דאן איז איין מאל אין דער פריה ווידער געקומען א טעלעג־ראם מיט די דאזיגע פיער ווערטער:

„היינט פינף אוהר, קלא."

ביידע זיינען געקומען אויף דער צוזאמענקונפט עטוואס פרי־הער פון דער בעשטימטער צייט. זי האט זיך איהם ארויפגעווואר־פען מיט שטורעם אויף'ן האלז און איהם ליידענשאפטליך געקושט,

דאן האט זי געזאגט:

—אויב דו ווילסט, קענען מיר, נאכדעם ווי מיר וועלען זיך גוט אנלאסטשען, גערן עסען אין א רעסטאראן. איך האב זיך פריי געמאכט אויף היינטיגען טאג.

עס איז געווען אין אנהויב מאנאט און הגם ער האט זיין געהאלט שוין לאנג אבגענומען אין פאראויס און האט זיך ווי עס איז דורכגעשלאגען פון טאג צו טאג, לייהענדיג דא ביי דעם און דא ביי יענעם א פאאר פראנק, האט ער אבער איצט צופעליג געהאט ביי זיך עפעס געלד. און עס איז איהם געווען אנגענעהם, וואס עס האט זיך געמאכט א געלעגענהייט אויף איהר עפעס אויסצובריינגען. און ער האט געזאגט:

— געווים, מיין ליעבע, איך וועל גערן וואוהין דו ווילסט.

ארום זיעבען אזייגער זיינען זיי ארוים פון הויז און אוועק צום גרויסען בולוואר. זי האט זיך אנגעשפארט אויף זיין ארעם און איהם געשעפטשעט אויף'ן אויער:

—ווען דו זאלסט וויסען ווי גליקליך איך בין מיט דיר אויסצוגעהן, ווי צופריעדען איך בין דיך צו פיהלען נאהענט לעבען זיך!

ער האט געפרעגט:

— ווילסטו גערן עסען צום אלטען לאטויל?

זי האט געענטפערט:

—ניין, דארט איז צו גוט. איך וואלט בעסער געהן אין אן אייגפאכען טראקטיר'ל, וואו עס עסען קליינע בעדיענטע און ארבייטערינען. איך האב ליעב די שיינקען. אך, ווען מיר וואלטען געקענט ארויספאהרען הינטער'ן שטאדט!

אזוי ווי ער האט ניט געוואוסט אזא פלאץ אין יענער געגענד, זיינען זיי זיך דורכגעגאנגען איבער'ן בולוואר און דערנאך אריין אין א וויין־שענק, וואו מען האט געקענט קריעגען עפעס עסען אין א צווייטען צימער דערביי... דורך דער גלעזערנער טיר האט זי דערזעהן צוויי קליינע מיידלאך אהן היט, זיצענדיג ביי א טיש אנטקעגען צוויי סאלדאטען.

אין הינטערגרונד פון דעם לאנגען און שמאלען צימער זיינען געזעסען און געגעסען דריי קוטשערס און עפעס א מענש פון א

אומבעשטימטער בעשעפטיגונג האט גערויכערט א פיפקע, אויס־ציהענדיג די פיס, די הענד און די הויזען פערלויגט און דעם קאפ פון הינטען, אויף'ן וועכטעל פון שטול אבגעווארפען. אויף זיין רעקעל איז געווען א פלעק אויף א פלעק, פון די צושפרייטע קע־שענעס האט זיך געזעהן די העלזעל פון א פלעשעל, א שטיק ברויט, א פעקעלע איינגעוויקעלט אין א צייטונג און א ברעג פון א שטרי־קעל. ער האט געהאט געדיכטע, געקרייזטע האאר, גרויע פון שמוץ, זיין היטעל האט זיך געוואלגערט אויף ד'הערד אונטער'ן שטול.

ווי קלאטילדע איז אריינגעקומען, האט זי מיט איהר עלעגאנ־טען אויסזעהן צוגעצויגען אלעמענס אויפמערקזאמקייט.ביידע פאראלאך האבען אויפגעהערט צו שעפטצען, די דריי קוטשערס צו דיסקוטירען און דער מאן מיט דער פיפקע צו רויכערען, ער האט אויסגעשפיגען אויף'ן פאל, און א קוק געטהאן אויף איהר, שאק־לענדיג לייכט מיט'ן קאפ.

פרוי מארעל האט ארויסגעמורמעלט:

— ווי פיין דא איז! אונז וועט דא זיין זעהר גוט; א צווייטען מאל וועל איך זיך פארקליידען פאר אן ארבייטערין.

און אהן פערלעגענהייט, אהן עקעל האט זי זיך געזעצט פאר'ן הילצערנעם טיש, וועלכער האט נאך געגלאנצט פון פערגאסענע פעטס און די געטראנקען, וואס א קעלנער האט אין דער גיך אבגע־ווישט מיט א סאלפעטקע. הוראי, אביסעל צומישט און פאר־שעהמט, האט גענומען זוכען א פלאץ, וואו אויפצוהייגען זיין צי־לינדער. אבער אזוי ווי ער האט אזא פלאץ ניט געקענט געפינען, האט ער איהם אוועקגעלייגט אויף א שטול.

מען האט דערלאנגט פלייש מיט סאלאט. קלאטילדא האט זיך אנגערופען:

— איך פיהל זיך דא זעהר גוט. אייגענטליך האב איך א פלעבעאישען געשמאק. מיר איז דא פרעהליכער, ווי אין ענגלישען קאפע־הויז.

דאן האט זי צוגעלייגט:

— אויב דו ווילסט מיך גאנץ גליקלאך מאכען, דאן פיהר מיך איצט אוועק אין א שענק צו א באל. איך ווייס פון א געווי־

סען לאָקאַל דא דערביי, עס איז זעהר א פּרעהליכער פּלאַץ, ער הייסט: "די ווייסע קעניגין".

דוראי האט ערשטוינט געפרעגט:

— ווער האט דיך אהין געפיהרט?

ער האט זי אָנגעקוקט און בעמערקט ווי זי איז געווארען רויט און עטוואס בעוועגט, ווי די דאזיגע פּלוצימדיגע פראגע וואלט אין איהר אויפגעוועקט א צארטע עראינערונג. זי האט געטראכט אן אויגענבליק און דאן געענטפערט:

— מיינער א פריינד.

דאן האט זי א ווייל געשוויגען און דערנאָך צוגעלייגט:

— ער איז טויט.

און מיט אן אויסדרוק פון אויפריכטיגען טרויער האט זי ארונ־טערגעלאזען די אויגען.

דוראי'ן איז צום ערשטען מאָל איינגעפאלען, אז ער וויים גאר־נישט פון דער פערגאנגענהייט פון דער דאזיגער פרוי און ער האט זיך פערטראכט. זי האט געוויס געהאט ליעבהאבער נאָך פאר איהם אויך. אבער וועלכע? פון וועלכער געזעלשאפט? און אן אונ־בעשטימטע אייפערזוכט, א מין פיינדשאפט האט זיך אין איהם אויפגעהויבען אנטקעגען איהר און אנטקעגען אלעס, וואס ער האט ניט געוואוסט, אנטקעגען אלעס, וואס האט ניט געהערט צו איהם אין דעם דאזיגען הארצען, אין דעם דאזיגען לעבען. ער האָט זי אָנגעקוקט; דאָס געהיימניס, וואס איז בעהאלטען געווען אין דעם דאזיגען שעהנעם קעפּעלע, וועלכער האט אין דיעזען אויגענבליק אפשר געטראכט מיט בעדויערען וועגען אן אנדער'ן, וועגען אַנ־דערע, האט איהם געמאַטערט. ווי גערן וואלט ער וועלען ארייג־קוקען אין איהר פערגאנגענהייט, אויפמישען איהרע ערינערונגען און אלעם דערוויסען, אלעם דערזעהן!

זי האט געזאגט נאך א אמאל:

— ווילסטו געהן מיט מיר אין דער "ווייסער קעניגין"? דאס וועט ביי מיר זיין אן אמת'ער יום טוב!

ער האָט א טראכט געטהאָן: עט, וואס געהט מיך אָן איהר פערגאנגענהייט? איך בין א נאר, וואס מיך רעגט עס אויף. און

מיט א שמייכעל האט ער געענטפערט:

— גערויס, מיין ליעבע.

ווען זיי זיינען ארויס אויף דער גאס, האט זי ווידער אָנגע־הויבען גאנץ שטיל מיט א געהיימניספולען טאָן:

— איך האָב ביז אהער גארנישט געוואגט דיך וועגען דעם צו בעטען. אבער דו קענסט זיך גאר ניט פאָרשטעלען, ווי גערן איך מאַך זיך משוגע און געה אין פּלעצער, וואו מען טאר אלס אנ־שטענדיגע פרוי גאָר נישט פארשמעקען. ווייסטו, אין צייט פון קארנאוואל, וועל איך זיך פערקליידען אלס סטודענט. איך זעה אויס זעהר קאמיש אין אזא קאסטיום.

אריינגעקומען אין דעם באל זאאל, האט זי זיך צוגעדריקט צו איהם עטוואס צושראקען און דאך צופריעדען, קוקענדיג ענט־ציקט אויף די פּראָסטיטוטקעס און זייערע אַלפאָנסען און פון צייט צו צייט, אזוי ווי זי וואלט זיך געוואלט פארהיטען פון א מעגליכער געפאהר, האט זי געזאגט אָנווייזענדיג אויף דעם פּאליציסט, וועל־כער איז געשטאנען ערנסט און אונבעוועגליך:

— אט דער פּאָליציסט שיינט צו זיין א געזונדער יונג!

אין א פערטעל שעה ארום איז איהר דאס דערעסען און ער האָט זי אבגעפיהרט אהיים.

פון דאן אָן האָבען זיי גענומען בעזוכען אלע פערדעכטיגע פּלעצער, וואוהין דער ניעדעריגער המון קומט זיך אמוזירען. און דוראי האט ענטדעקט ביי זיין געליעבטער א מערקווירדיגע ליידענ־שאפט פאר די דאזיגע פערגעניגענס.

אויף זייערע צוזאמענקונפטען איז זי איצט געקומען אין א פּראָסט ציצען קליידעל און א הייבעל אויף'ן קאָפּ; און ניט קוקענ־דיג אויף דער איינפאבקייט פון איהרע קליידער, האט זי אויף זיך געטראגען איהרע רינגען, בראסלעטען און בריליאנטענע אויער־רינגלאך, און ווען ער האט זיך ביי איהר געבעטען, עם אויסצוטהאָן, האט זי געזאגט:

— אך וואס מאכט עס אויס, זיי וועלען דיינקען, אז דאס זיינען פּראָסטע גלעזלאך.

דיינקענדיג אז זי איז אויסגעצייכענט פערמאסקירט, הגם אין

דער אמת'ען, האט זי זיך נור ווי דער שטראוס פויגעל בעהאלטען, איז זי געגאנגען אין שמוציגסטע פלעצער.

זי האט דורכאוים פערלאנגט, אז דוראי זאל זיך אנטהאן אלס ארבייטער, אבער ער האט זיך געוועהרט דאגעגען און איז געבליבען אין זיין געוועהנליכען אנצוג פון א פראנט. ער האט אפילו ניט געוואלט אומבייטען זיין צילינדער אויף א ווייכען פילצענעם הוט.

זי האט זיך געטרייסט איבער זיין הארטנעקיגקייט און געטראכט ביי זיך: "גוט, זאלען זיי מיינען, אז איך בין א דיענסט אין א רייכען הויז און האב געהאט דאס גליק צו כאפען א רייכען געליעבטען." דיעזער געדאנק איז איהר זעהר געפעלען און זי האט פון איהם שטארק הנאה געהאט.

און אזוי זיינען זיי געגאנגען אין אלערהאנד פערוואָרפענע שיינקען, האבען זיך געזעצט אויף צובראכענע שטולען נעבען א הילצערנעם טיש; א געדיכטער וואלקען רויך אויסגעמישט מיט די רוחות פון געבראטענע פיש האט אנגעפילט דעם צימער. מענער אין בלוזען האבען געשריען מיט בענומענע קולות זיצענדיג ביי זייער גלאז ביער און דער קעלנער האט גאנץ ערשטוינט אנגעקוקט דאס מערקווירדיגע פאארעל, בעת ער האט פאר זיי אוועקגעשטעלט די קארשען־שנאפס.

ציטערענדיג פאר שרעק און דאך ענטציקט האט זי לאנגזאם געזופט דעם רויטען זאפט קוקענדיג ארום זיך מיט אונרוהיגע און ברענענדיגע אויגען. יעדער זופ שנאפס, וואס זי האט געטהאן, איז איהר פארגעקומען ווי א פערברעכען, יעדער טראפען פון דער ברענענדיגער, געפעפערטער פליסיגקייט, וואס איז איהר אין האלז־אראבגערונען, האט איהר פערשאפט אהן א ברעג פערגעניגען, די פרייד פון דעם געניסען זינדיגע, פערבאטענע פרוכט.

צום סוף האט זי שטיל ארויסגערעדט:

— לאמיר געהן.

און זיי זיינען אוועק. זי איז געלאפען שנעל, מיט אן אראבגעלאזענעם קאפ אין קליינע טריט, ווי אן אקטריסע, וועלכע פערלאזט די ביהנע, צווישען די בעזוכער, וועלכע האבען זי בעגלייט

מיט פערדעכטיגע, אונצופריעדענע בליקען. און ווי נור זי איז ארויס אין דרויסען, האט זי ערלייכטערט אפגעאָטהעמט, ווי זי וואלט נור וואס פון א מורא'דיגער געפאהר אנטלאפען.

מאנכעס מאָל האט זי ציטערענדיג געפרעגט ביי דוראַי'ן:

— וואָס וואלסטו געטהאָן, ווען מען וואלט מיך דא בעליידיגט?

ער האט געענטפערט מיט בעריהמעריי:

— צום טייפעל, איך וואלט דיך שוין דאן פערטהיידיגט.

און א גליקליכע האט זי געדריקט זיין אָרעם, ווינשענדיג ביי זיך אין הארצען, מען זאָל זי בעליידיגען, אום ער זאָל זי פערטהיידיגען און אז די מענער זאלען זיך פון איהרעטוועגען שלאָגען, יענע נידעריגע, שיכורע יונגען מיט איהר געליעבטען.

אבער ווען די האזיגע ארויספארעכצען האבען זיך גענומען ווידערהאלען צוויי־דריי מאל א וואך, זיינען זיי דוראַי'ן איבערדריסיג געווארען, דערצו נאך איז איהם אנגעקומען מיט גרויסע צרות יעדעס מאל צו קריעגען כאטש צעהן פראנק אויף א דראשקע און אנדערע קליינע הצאות.

איצט איז איהם געווען א סך שווערער אויסצוקומען, ווי אין דער צייט ווען ער איז געווען אן אייזענבאהן־בעאמטער. אין די ערשטע מאָנאַטען פון זיין זשורנאליסטישער קאריערע האט ער פערשווענדעט געלד גאר אהן א רעכנונג, האפענדיג אימער, אז אט־אט וועט ער רייך ווערען, און אויף אזא אופן האט ער אויסגעשעפט זיינע עטליכע אייגעשפאָרטע פראנקען און אויך די מעגליכקייט וואו עס איז צו קריעגען געלד.

דאס איינפאכע מיטעל — נעהמען פאראויס — האט ער זעהר שנעל אויסגענוצט. ער האט אבגענומען ביי דער צייטונג פאר פיער מאָנאַטען אין פאראויס, דערצו נאָך זעקס הונדערט פראנק פאר די עקסטרא ארטיקלען. דאן איז ער נאָך שולדיג געווען פארעסטיע'ן הונדערט פראנק, זשאק ריוואל'ן, וועלכער איז געווען זעהר פרייגעביג, דריי הונדערט פראנק און צו דעם אלעמען האט ער זיך נאָך פארדרעהט מיט א גאנצען נעץ אַנדערע קליינע שולדען פון פינף ביז צוואנציג פראנק.

סען פאטען, מיט וועמען ער האט זיך בעראטען ווי אזוי צו קריעגען נאך הונדערט פראנק, האט ניט געקענט געפינען קיין שום מיטעל, הגם ער איז געווען א קלוגער יונג און האט שטענדיג געהאט גוטע איינפאלען. דוראי איז געווען פערצווייפעלט פון זיין ארעמקייט, וועלכע ער האט איצט געפיהלט שטארקער ווי פריהער, ווייל ער האט געהאט מעהר באדערפענישען. א פערשטיקטער בעס אנטקעגען דער גאנצער וועלט האט אין איהם ניט אויפגעהערט צו קאכען. און זיין שטענדיגע אויפגערעגקייט האט ארויסגעפלאצט ביי יעדער געלעגענהייט, און יעדען אויגענבליק, צוליעב די קלענסטע קלייניגקייטען.

מאנכעס מאל האט ער זיך געפרעגט: ווי איז דאס מעגליך אז ער זאל פערברויכען טויזענד פראנק א מאנאט, בעת ער ערלויבט זיך ניט אויסצוגעבען קיין שום בעזונדערע אויסגאבען. און ער האט אויסגערעכענט, אז א פריהשטיק פאר אכט פראנק און א דיענער פאר צוועלף אין איינעם פון די בעסערע רעסטאראנען אויפ'ן בולוואר מאכען שוין אויס צוואנציג פראנק; דערצו נאך צעהן פראנק טאשען געלד, וועלכע געהען גלאט דורך די פינגער אזוי, אז מען באמערקט אפילו נישט וואו זיי זיינען אהינגעקומען, מאכט עס שוין דרייסיג פראנק. און דרייסיג פראנק א טאג מאכען צום סוף מאנאט אויס ניין הונדערט פראנק און דערביי האט ער נאך ניט גערעכענט קיין קליידונג, שיך, וועש און אזוי ווייטער.

אויף אזא אופן איז ער דעם פיערצעהנטען דעצעמבער געבליעבען אהן א גראשען אין קעשענע און האט ניט געזעהן קיין מעגליכקייט וואו צו קריעגען עפעס לייהען.

יענעם טאג, ווי עס האט שוין אפט פאסירט, האט ער גאר ניט געהאט צו עסען און האט פערבראכט א גאנצען טאג אין רעדאקציאן ביי דער ארבייט א הונגעריגער, א צורייצטער און פערזארגטער.

ארום פיער אזייגער האט ער געקראגען א טעלעגראם פון זיין געליבטער מיט אזא מין אינהאלט:

"ווילסטו היינט עסען דיענער צוזאמען מיט מיר? דערנאך וועלען מיר וואו עס איז ארויספאהרען."

ער האט גלייך געענטפערט:
"עסען דיענער אונמעגליך."

דאן האט ער א טראכט געטהאן, אז עס איז נאריש פון זיין זייט, זיך אבצוזאגען פון די אנגענעהמע מאמענטען וואס זי האט איהם געשענקט און ער האט צוגעלייגט:

"איך וועל דיר ערוואַרטען ניין אזייגער אין אונזער נעבט."

ער האט אוועקגעשיקט דאס צעטעלע מיט א אינגעל פון דער רעדאקציע אום איינצושפארען דעם פרייז פון א טעלעגראם און האט גענומען טראכטען — וואו צו קריגען א פאר גראשען אויף ו.עטשערע.

ביז אזייגער זיעבען האט ער נאך אלץ גארנישט אויסגעטראכט און א מורא'דיגער הונגער האט איהם געפייניגט. דאן איז ער גע־פאלען אויף א פערצווייפעלטען מיטעל. ער האט אבגעווארט ביז אלע זיינע קאלעגען זיינען אוועק איינער נאך'ן אנדערען און ווען ער איז געבליבען איינער אליין, האט ער אנגעקלונגען. דער רע־דאקציאנס דיענער, וועלכער איז נאך ניט געווען אוועקגעגאנגען, איז אריין.

דוראַי איז געשטאנען און אויפגערעגטער, האט נערוועז גע־זוכט אין די קעשענעס און געזאגט:

— הערט אויס, פוקאר, איך האב פארגעסען מיין פארטמאנע אין דערהיים און איך דארף געהן עסען אין לוקסעמבורג. לייהט מיר פופציג סו אויף א דראשקע.

דער דיענער האט ארויסגענומען פון זיין זשילעט דריי פראנק אין געפרעגט:

— דארפט איהר אפשר מעהר, הערר דוראי?

— ניין, ניין. דאס איז גאנץ גענוג. איך דאנק אייך.

און געכאפט די זילבערנע מטבעות, איז דוראי ארונטערגעלאַ־פען פון די טרעפ און איז אוועק עסען אין א טראקטיר, וואוהין ער פלעגט אריינקוקען ווען עס איז אין זיינע שלעכטע צייטען.

ארום ניין אזייגער האט ער ערווארט זיין געליעבטע אין קליי־נעם סאלאָן, ווארעמענדיג זיינע פיס ביים קאמין.

זי איז אריינגעלאפען א פרעהלאכע, א מונטערע, א פרישע

פון דער קאַלטער לופט.

— ווייסטו וואָס, האָט זי געזאָגט, לאָמיר פריהער זיך אַבי־סעל ארומשלעפּען און ארום עלף אזייגער וועלען מיר קומען צוריק אַהער. עס איז אַזאַ שענער וועטער אין דרויסען.

ער האָט געענטפערט ווארטשענדיג:

— צו וואָס דאַרף מען אוועקגעהן? דאָ איז אויך גוט.

זי האָט געזאָגט ניט ארונטערנעהמענדיג דעם הוט:

—אָך, עס איז א וואונדערשענע לבנה־נאַכט און עס איז אן אמת'ער פערגעניגען אין אַזאַ נאַכט צו געהן שפּאַצירען.

— דאָס איז מעגליך, אבער מיר ווילט זיך ניט געהן.

ער האָט דאָס געזאָגט מיט א בייזען, צורייצטען טאָן, דאָס האָט איהר פערדראָסען און זי האָט געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס ביזטו אַזוי גראָב? מיר ווילט זיך זעהר נאָך אַביסעל דורכגעהן, פאַרוואָס ערגערט דאָס דיך אַזוי?

ער איז אויפגעשפּרונגען א פערצווייפעלטער:

— דאָס ערגערט מיך ניט. אַבער עס לאַנגווייַלט מיך. אָט וואָס!

זי איז געוועזען איינע פון יענע פרויען, וועמען ווידערשטאַנד רעגט אויף און גראָבקייט ברייננגט ארויס פון זיך, און זי האָט געזאָגט מיט פעראַכטונג און איינגעהאַלטענעם כעס:

— איך בין ניט געוועהנט, מען זאָל אַזוי צו מיר רעדען, איך געה בעסער אַליין אוועק. אַדיע!

ער האָט פערשטאַנען אז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, און, זיך א וואַרף געטהאָן צו איהר, האָט ער זי געכאַפּט פאַר די הענד געננומען זיי קושען, שטאַמלענדיג:

— פערצייה מיר, מיין ליעבע איך בין היינט זעהר אויפגע־רעגט, זעהר נערוועז. דאָס איז דערפאַר, ווייל איך האָב אונאַנ־גענעהמליכקייטען, שוועריגקייטען אין רעדאַקציאָן...

זי האָט געענטפערט עטוואָס מילדער אַבער נאָך ניט אין גאַנ־צען בערוהיגט:

—דאָס געהט מיר גאָר גישט אָן. און איך וועל נישט דול־

דען, אז דו זאלסט צו מיר אויסלאזען דיין שלעכטע לוינע.

דאן האט ער זי ארומגענומען און צוגעצויגען צו דער זאפע:

—הער אויס, מיין טהייערע, איך האב דיך ניט געוואלט בע־ליידיגען. איך האב ניט געוואוסט וואס איך רייד.

ער האט זי געצוואונגען זיך צו זעצען און האט זיך פאר איהר אראבגעלאזט אויף די קניע:

— האסטו מיר פארגעבען? זאג אז דו פערגיבסט מיר!

זי האט ארויסגעמורמעלט מיט א קאלטען טאן:

— נו, היינטיגעס מאל בין איך דיר מוחל, אבער היט זיך מיט מיר נישט אן א צווייטען מאל.

און זיך אויפגעהויבען האט זי צוגעלייגט:

— און איצט לאמיר געהן שפאציערען.

ער איז געבליעבען ליעגען אויף די קניע און, ארומגעכאפט איהרע פיס, האט ער געשטאמעלט:

— איך בעט דיך, לאמיר בלייבען דא, טהו דאס מיר צוליעב. מיר ווילט זיך אזוי פארברענגען מיט דיר אליין היינטיגען אבענד, נעבען קאמין, וואו עס איז אזוי ליכטיג און ווארעם. זאג יא, איך בעט דיך, זאג יא!

— ניין, איך וויל ארויסגעהן; איך וויל ניט נאכגעבען דיי־נע משוגעת׳ן.

ער האט זיך ווידער גענומען בעטען:

— איך בעט דיך, איך האב א גרונד, א ערנסטען גרונד!

זי האט ווידערהאלט:

— ניין, און ווען דו ווילסט ניט געהן מיט מיר, דאן געה איך אליין. אדיע!

מיט איין רוק האט זי זיך פריי געמאכט און איז צו צו דער טיר. ער איז איהר נאכגעלאפען און זי ארייגעכאפט אין זיינע ארעמס:

— קלא, הער מיך אויס, מיין קליינע קלא! טהו מיר די טובה!

זי האט געשאקעלט מיט׳ן קאפ אויף ניין, האט זיך ארויסגע־דרעהט פון זיינע קושען און זיך געזוכט פון איהם פריי צו מאכען, אום אוועק צו געהן.

ער האט געשטאמעלט :

— קלא, מיין קליינע קלא, גלויב מיר, איך האב אן ערנסטען גרונד !

זי איז געבליעבען שטעהן און האט איהם אנגעקוקט גלייך אין די אויגען :

— דו ליגסט ! וואס פאר גרונד האסטו ?

ער איז רויט געווארען און ניט געוואוסט וואס צו זאגען און דאן האט זי געענטפערט א צורייצטע :

— זעהסטו, אז דו ליגסט !... דו פערדארבענער בעטריגער !

און מיט א ווייטענדער בעוועגונג און טרערען אין די אויגען האט זי זיך פון איהם ארויסגעריסען.

ער האט זי ווידער אנגעכאפט פאר די שולטערן און, אום אויסצומיידען א קריעג, איז ער בערייט געווען איהר אלעס מודה צו זיין, און ער האט געזאגט מיט א פערצווייפעלטען טאן :

— דער גרונד איז דער, וואס איך האב ניט קיין גראשען ביי דער נשמה.

זי איז געבליעבען שטעהן און איהם ארייגגעקוקט אין די אויגען, אום איבערצולעזען אין זיי די וואהרהייט :

— וואס זאגסטו ?

ער איז רויט געווארען ביז איבער די אויערען :

— איך זאג דיר אז איך האב ניט קיין געלד, פערשטעהסטו? איך האב ניט קיין איין פראנק ! ניט אפילו א האלבען פראנק ! איך האב ניט אפילו אזוי פיעל אום צו בעצאהלען פאר א שנאפס, אים פאל, אז מיר זאלען וואו עס איז אריינגעהן. דו צווינגסט מיך, דיר צו דערצעהלען זאכען, פאר וועלכע איך שעהם זיך אליין. איך האב דאך ניט געקענט מיט דיר ארויסגעהן און דאן, ווען מיר האבען אין א רעסטאראן עטוואס בעשטעלט, זאל איך דיר גאנץ רוהיג דערצעהלען, אז איך האב נישט מיט וואס צו בעצאהלען.

זי האט איהם נאך אלץ געקוקט גלייך אין די אויגען :

— איז דאס טאקע אמת ?

אין איין אויגענבליק האט ער אויסגעקעהרט אלע זיינע קעשענעס, פון די הויזען, פון זשילעט, פון רעקעל, שטאמלענדיג :

— נו, איצט ביזטו צופריעדען ?

דאן האט זי געעפענט איהרע ארעמס און האט זיך איהם לייד־דענשאפטליך ארויפגעווארפען אויף'ן האלז, שעפטצענדיג :

— אך, מיין ארימער זשארזש ! מיין ארימער זשארזש ! ווען איך זאל דאס וויסען ! ווי אזוי האט עס מיט דיר פאסירט ?

ער האט זיך געמוזט זעצען און זי האט זיך אנגעשפארט אויף זיינע קניע, האט ארומגעכאפט זיין האלז מיט איהרע הענד און קור־שענדיג איהם אין די וואנצעס, אויף'ן מויל, אין די אויגען, האט זי איהם געצוואונגען צו דערצעהלען ווי אזוי דער אונגליק איז איהם געקומען....

ער האט אויסגעטראכט א ריהרענדע געשיכטע. ער האט געמוזט העלפען זיין פאטער, וועלכער האט זיך געפונען אין שלכ־טע אומשטענדען, און נים נור האט ער איהם אוועקגעשיקט אלע זיינע אבגעשפארטע געלד נור ער איז נאך צוליעב איהם פארקרא־כען אין חובות ביז איבער'ן האלז.

ער האט צוגעלייגט :

— איצט וועט מיר אויסקומען א גאנצען האלב יאהר צו הונ־גערן ! ווארים איך האב אוועקגעגעבען אלעס וואס איך האב גע־האט. וואס קען מען זיך העלפען ? אין לעבען קומט אלעס פאר. און דאן איז דאס געלד נים ווערט, זא מען זאל זיך וועגען דעם אזוי אויפרעגען.

זי האט איהם אריינגעשושקעט אין אויער :

— ווילסטו ביי מיר עפעס לייהען ?

ער האט געענטפערט מיט שטאלץ :

— עס איז זעהר שען פון דיר, מיין ליעבע, וואס דו שלאגסט עס מיר פאר, אבער לאמיר דערפון מעהר נישט רעדען, איך בעט דיך, דאס בעליידיגט מיך.

זי האט א ווײלע געשוויגען דאן האט זי איהם ארומגענומען און ארויסגעמורמעלט :

— דו וועסט קיין מאל נישט פערשטעהן, ווי היים איך ליעב דיך.

עס איז געווען איינער פון זייערע הייסעסטע ליעבעס אבענ־

רען.

איידער ער איז אוועקגעגאנגען האט זי געזאגט שמייכלענדיג:

— ווייסטו, ווען מען געפינט זיך אין אזא לאגע ווי דו, מוז זיין א שענע זאך צו געפינען אין א קעשענע א גאלדשטיק, וועלכע האט זיך דארט ערגעץ אונטער'ן אונטערשלאג פערוואלגערט.....

ער האט געענטפערט מיט איבערצייגונג:

— יא, געוויס!

זי האט געוואלט געהן צופוס אהיים, אונטער דעם אויס־רייד, אז די לבנה שיינט אזוי ליכטיג, און די גאנצע וועג איז זי געווען בעגייסטערט פון דעם אנבליק.

עס איז געווען א קאלטע, קלאהרע נאכט אין אנהויב ווינטער. די מענשען און פערד זיינען געגאנגען שטיל צוליעב דער קעלט. זייערע טריט האבען אבגעהילכט אויף'ן טראטואר.

ווען זיי האבען זיך צושיידעט, האט זי געפרעגט:

— וועלען מיר זיך איבערמארגען ווידער טרעפען?

— געוויס.

— צום ווידערזעהן, מיין ליעבער!

און זיי האבען זיך צערטליך צוקושט.

ער איז אוועק אהיים מיט שנעלע טריט און האט זיך געבראכען דעם קאפ ווי אזוי צו קריגען אביסעל געלד. אבער עפענדיג די טיר פון זיין צימער, האט ער גענומען זוכען אין דער קעשענע פון זיין וועסט א שוועבעלע און איז געבליעבען שטעהן א צומישטער, אנטאפענדיג דארט צווישען די פינגער א גאלדשטיק.

אזוי שנעל ווי ער האט אנגעצונדען פייער, האט ער ארויסגענומען די מטבעה, אום עס אנצוקוקען. עס איז געווען א צוואנציג פראנקען שטיק.

ער האט געמיינט אז ער איז משוגע געווארען.

ער האט עס ארומגעדרעהט צווישען די פינגער אהין און אהער און זיך געסטארעט צו דערגעהן דורך וואס פאר א נס עס איז אהין אריינגעפאלען. עס האט דאך ניט געקענט פאלען צו איהם אין קעשענע פון הימעל ארונטער.

צולוצום האט ער זיך געכאפט פון וואנען עס קומט און א

ווילדער כעס האט איהם אנגעכאפּט. זיין געליעבטע האט דאך גע־
רעדט פון געלד, וואס מען געפינט ביי זיך אונטער'ן אונטערשלאג.
אלזא זי האט עס איהם די נדבה געגעבען! וואס פאר א שאנדע!

ער האט געשווארען: — גוט, איך וועל זיך שוין מיט איהר
אברעכענען, מארגען וועל איך איהר פארגעבען אזא גאב, אז זי
וועט מיך האבען צו געדענקען!

און ער האט זיך געלעגט שלאפען א צוקאכטער און ערנידע־
ריגטער.

ער האט זיך אויפגעכאפּט שפעט. עס האט זיך איהם געוואלט
עסען. ער האט זיך געמאטערט ווידער אנשלאפען צו ווערען, וויל
ער האט געוואלט ערשט ארום צוויי אזייגער אויפשטעהן. דאן
האט ער איינגעזעהן, אז עס העלפט ניט און ער האט געזאגט צו
זיך אליין: מען מוז אויפשטעהן און זוכען געלד.

דערנאך איז ער אוועק מיט דער האפנונג, אז אין גאס וועט
איהם עפּעס איינפאלען.

אבער עס איז איהם גארנישט איינגעפאלען און פאר יעדען
רעסטאראן, וואס ער איז פארבייגעגאנגען איז איהם די שפייעכץ
פון מויל גערונען פאר הונגער. און ווען ער האט צו מיטאג צייט
נאך אלץ ניט געפונען קיין רעטונג פון דער נויט, האט ער שנעל
געפאסט א בעשלוס: איך וועל געהן אבעסען אויף קלאטילדע'ס
געלד, מארגען וועל איך סיי־ווי־סיי איהר עס אבגעבען.

ער האט געפריהשטיקט אין א טראקטיר פאר צוויי און א
האלב פראנק. און ווען ער איז געקומען אין דער רעדאקציאן, האט
ער דערפון אבגעגעבען דעם דיענער די דריי פראנק:

— אט, פוקאר, דא האט איהר די דריי פראנק, וואס איהר
האט מיר נעכטען געליהען אויף א דראשקע.

און ער האט געארבייט ביז זיעבען אזייגער. דאן איז ער אוועק
עסען און האט ווידער אויסגעגעבען פון'ם געלד דריי פראנק. מיט
די צוויי גלאז ביער, וואס ער האט ביינאכט געטרונקען איז איהם
פאר'ן טאג אוועק ניין פראנק מיט דרייסיג סו.

אבער אזוי ווי ער האט ניט געקענט קריעגען קיין קרעדיט
און אין פערלויף פון די פיער און צוואנציג שטונדען האט ער נישט

געקענט אויסטראכטען עפעס אנדערע מיטלען ווי אזוי צו קריגען געלד, האט ער אויף'ן צווייטען טאג ווידער געמוזט אויסגעבען זעקס פראנק פופציג סו פון די צוואנציג פראנק, וועלכע ער האט געמוזט אומקעהרען אין דעם זעלבען אבענד. אויף אזא אופן איז ער צו דער אבגערעדטער צייט געקומען אויף דער צוזאמענקונפט מיט פיער פראנק צוואנציג סו אין קעשענע.

ער איז געווען אויפגעלעגט ווי א משוגענער הונד און האט געהאט בדעה איהר גלייך צו ערקלעהרען קורץ און שארף. ער וועט זאגען צו דער געליעבטער: הער אוים: איך האב געפונען די צוואנציג פראנק, וועלכע דו האסט מיר אנומעלט אריינגעשטעקט אין קעשענע. איך גיעב זיי דיר היינט ניט צוריק, ווייל מיין לאגע האט זיך נאך ניט געענדערט און ווייל איך האב נאך קיין צייט ניט געהאט צו קריגען קיין געלד. אבער איך וועל זיי דיר אבגעבען דעם צווייטען מאל, ווען מיר וועלען זיך ווידער זעהן.

זי איז געקומען פול מיט צערטליכקייט און געהיימער מורא. וועט ער זי עמפפאנגען? און זי האט איהם ארומגענומען און לאנג געקושט אום די ערקלעהרונג אביסעל אבצושטופען.

ער פון זיין זייט האט געטראכט: עס האט נאך צייט וועגען דעם צו ריידען. מען דארף געפינען עפעס אן אויסרייד.

אבער ער האט ניט געפונען קיין געלעגענהייט דערצו און האט גארנישט געזאגט, ווייל ער האט מורא געהאט אנצוריהרען די פיינליכע פראגע.

זי האט אבער ניט דערמאנט א ווארט וועגען געהן שפאצירען און איז געווען רייצענד אין אלע הינזיכטען...

ארום האלבע נאכט האבען זיי זיך צושיידט, אברייידענדיג זיך צו טרעפען אויף דער צווייטער וואך מיטוואך, ווייל פרוי מארעל איז אויף די נעכסטע טעג געווען איינגעלאדען צו וויכטיגע דינערס.

אויף'ן צווייטען טאג, בעצאהלענדיג פאר זיין פריהשטיג, האט דוראי געוואלט ארויסנעהמען פון קעשענע די איבערגעבליעבענע פיער מטבעות. ער האט ארויסגענומען פינף. איינס פון זיי איז געווען א גאלדענע.

אין ערשטען אויגענבליק האט ער געדענקט, אז עמעצער האט א טעות געהאט נעכטען, ווען מען האט איהם געגעבען רעשטע: דאן האט ער בעגריפען פון וואנען דאס איז געקומען און זיין הארץ האט גענומען קלאפען ביי דעם געדאנק אָן דער נייער, ערניעדעריגענדער נדבה.

עס האט איהם איצט פערדראסען פארוואס ער האט איהר גארנישט געזאגט! ווען ער זאָל געווען מיט איהר רעדען, אויסדריקען איהר זיין ענטריסונג, וואלט עס נאך א מאל ניט פארגעקומען.

אין פערלויף פון די נעקסטע פיער טעג איז ער געקראכען פון הויט צו קריגען וואו עס איז הונדערט פראנק. אבער עס האט זיך געענדיגט דערמיט וואס ער האט דאס צווייטע גאלדשטיק קלאטילדעס אויך פערברויכט.

הגם ער האט צו איהר געזאגט מיט א בייז פנים: — הער אויס, מאך ניט מעהר דיינע שפאסען, ווי אנומעלט, אז ניט ווער איך בייז אויף אן אמת! — דאך איז איהר געלונגען ווידער אריינצושמוגלען צוואנציג פראנק אין הייזען־קעשענע, ווען זיי האבען זיך צום צווייטען מאל געטראפען.

ווען ער האט זיי געפונען, האט ער זיך אויסגעזידעלט:

— צום טייפעל!... — און האט זיי אריינגעשטעקט אין דער וועסט־קעשענע אום צו האבען ביי דער האנד, ווייל ער האט ניט געהאט קיין איין סו.

ער האט בערוהיגט זיין געוויסען מיט דעם דאזיגען געדאנק:

„איך וועל איהר אבגעבען אלעס מיט אמאל. איך לייה דאס בלויז ביי איהר אויף א געוויסער צייט.”

צום סוף האט דער קאסירער פון דער צייטונג דערהערט זיין פערצווייפעלטע געבעט און איז מרוצה געווארען איהם צו געבען פינף פראנק א טאג. דאס דאזיגע געלד איז געווען גענוג אויף עסען, אבער צו בעצאהלען דערפון די זעכציג פראנק האט גאר קיין רייד ניט געקענט זיין.

און אזוי ווי אויף קלאטילדא'ן איז ווידער אנגעפאלען איהר משוגעת זיך ארומצושלעפען איבער אלע פערדעכטיגע ווינקלען פון

פאריז, האט ער זיך שוין מעהר ניט אזוי שטארק אויפגערעגט, געפינענדיג נאך זייערע געוואגטע אונטערנעהמונגען א גאלדשטיק דא אין א קעשענע, דא אין א שוך און איין מאל זאגאר אין דער קעסטעלע פון׳ם זייגערל.

זי האט פערלאנגט געוויסע זאכען, פאר וועלכע ער איז איצט ניט געוועזן אים שטאנד צו בעצאהלען און עס איז געוועזן גאנץ נאטירליך, אז זי זאל בעסער אליין בעצאהלען פאר איהרע פערגעניגענס, איידער זיך פון זיי אבצוזאגען.

אויסער דעם האט ער אלעס, וואס ער האט פון איהר גענומען גענוי פערשריעבען, אום עס איהר ווען עס איז מיט אמאל אבצוגעבען.

איין מאל, אן אבענד זאגט זי צו איהם:

— שטעל זיך פאר, איך בין נאך קיין איין מאל ניט געוועזן אין פאלי־בערזשער. ווילסטו מיך אהין בעגלייטען?

ער האט א ווייל געטראכט, ער האט מורא געהאט זיך צו באגעגענען מיט ראשעל׳ן. אבער דערנאך האט ער א טראכט געטהאן:

—עט, וואס מאכט עס אויס, איך בין דאך ניט פערהייראט, און ווען די אנדערע זאל מיך אפילו זעהן, וועט זי אליין אויך פארשטעהן וואס דאס מיינט און וועט מיך לאזען צופריעדען, און אויסער דעם וועלען מיר ווידער נעהמען א לאזשע.

איהם האט דערצו נאך געפרייט דער געדאנק, וואס ער קען פארשלאגען פרוי מארעל א לאזשע און דערמיט בעצאהלען כאטש א טהייל פון זיין חוב. און א לאזשע האט ער געקענט קריעגען פריי.

ער האט געבעטען קלאטילדא׳ןווארטען א וייל אין קארעטע, ניט וועלענדיג, אז זי זאל וויסען דאס ער קריעגט אן אומזיסטען בילעט. דערנאך האט ער זיך אומגעקעהרט צו איהר און זיי זיינען אריין אין טעאטער בעגריסט פון די טיר־שטעהער.

דער טהעאטער איז געוועזן געפאקט מיט מענשען. מיט גרויס מיה האבען זיי זיך דורכגעשטופט צווישען דעם עולם מענער און פרויען. צום סוף האבען זיי זיך דערשלאגען צו זייער לאזשע און זיך געזעצט צווישען דעם שוויגענדיגען עולם און ארקעסטער און דעם אהין און אהער לויפענדיגען, טומולדיגען המון אויף דער

גאלעריע.

פרוי מארעל האט קוים א קוק געטהאָן אויף דער ביהנע, זי איז געווען שטארק פּעראינטערעסירט אין די גאסען־מיידלאך, וועל־כע האבען ארומגעשפּאצירט אהין און צוריק הינטער איהר רוקען. זי האט זיך אלע ווײלע אומגעדרעהט, אום זיי צו זעהן, מיט א ברע־נעדיגען וואונש זיי צו בעריהרען, אָנצוטאַפּען זייערע קליידער, זיי־ערע באקען, זייערע האאר, וועלענדיג דערגעהן פון וואס פאר א שטאָף די דאזיגע וועזענס זיינען געמאכט.

פּלוצום האט זי געזאגט:

— זעה, די פולע ברונעטקע האָרט נעהמט די גאנצע צייט פון אונז די אויגען ניט אראָב. נור וואס האָט זיך מיר געדאכט, אז זי וויל מיט אונז עפּעס ריידען. האָסטו זי בעמערקט?

ער האט געענטפערט:

— ניין, דו האסט א טעות.

אבער ער האָט זי שוין לאנג בעמערקט. דאָס איז געווען ראַ־שעל, וועלכע האט זיך ארומגעדרעהט ארום זייער לאזשע מיט א בייזען בליק און גראבע רייד אויף די ליפּען.

ער האט זיך נור וואס אנגעשטויסען אויף איהר צווישען עולם. זי האָט איהם א שעפּטשע געטהאָן:

— "וואס מאכסטו," — און האט א ווינק געטהאָן פּיעלדיי־טיג מיט אן אויגעל, ווי זי וואלט וועלען זאָגען: איך פערשטעה שוין... אבער ער האט ניט געענטפערט אויף איהר פריינדליכען גרוס, מורא האָבענדיג זיין געליעבטע זאל עס ניט בעמערקען. ער איז קאלט פערביי געגאנגען מיט אן אויפגעהויבענעם קאָפּ און פער־עכטליכען אויסדרוק אויף'ן פּנים. געפּייניגט פון א אינסטינקטי־ווער אייפערזוכט, איז די פּראסטיטוטקע אוועק נאָך איהם, האט זיך ווידער אָנגעשטויסען גאנץ נאהנט אָן זיי און געזאגט שוין אבי־סעל העכער:

— וואס מאכסטו, דזשארזש!

ער האט ווידער ניט געענטפערט. דאַן האט זי זיך אריינגע־נומען אין קאָפּ, אז ער מוז זי אונבעדינגט דערקענען און איהר גריי־סען און — זי האט זיך אהן אויפהער ארומגעדרעהט ארום דער

לאזשע און געווארט אויף א גינסטיגען אויגענבליק.

דערזעהן, אז פרוי מארעל קוקט אויף איהר, האט זי א קלאפ געטהאָן דוראַי'ן אויף'ן שולטער:

— גוטען אבענד, וואס מאכסטו?

ער האט זיך נישט אומגעקעהרט.

זי האט נאך אמאָל געפרעגט:

— דו ביזט הפּנים טויב געווארען זייט דאנערשטאג?

ער האט גארנישט געענטפערט, און איז געזעסען מיט א פּע־רעבטליכען פּנים, וואס האט אפען ארויסגעוויזען, אז ער וויל זיך נישט קאמפּראמעטירען, רייידענדיג מיט אזא צולאזענע פרוי.

זי האט זיך צולאכט מיט גאל און געזאגט:

— דו ביזט הפּנים געווארען שטום אויך! די דאמע האט דיר מסתמא אפּגעריסען די צונג.

דאן האט ער זיך בייז א קעהר געטהאָן און אויסגערופען מיט כעס:

— ווי וואגט איהר מיט מיר צו ריידען? טראגט זיך גלייך אב פון דאנען, אז ניט לאז איך אייך ארעסטירען!

דאן האט זי גענומען שרייען מיט בענומענע קולות און פון איהרע אויגען האבען געשפּריצט פונקען:

— אך, אזוי גאר! דו אויסוואורף! איין מאָל האסטו מיט א פרוי געשלאפען, טא גרים זי אם וויינינגסטען נאך דעם. דאס וואס דו ביזט מיט אן אנדערער, איז נאך ניט קיין בעוויז, אז דו דארפסט מיך נישט דערקענען. ווען דו וואלסט צו מיר פריי־הער, ווען איך בין פערבייגעגאנגען, א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, וואלט איך דיך געלאזט צופריעדען. אבער דו האסט געוואלט אנטקעגען מיר שפּיעלען דעם שטאָלצען און דערפאר וועל איך זיך מיט דיר אפּרעכענען! ווארט, דו וועסט נאָך ביי מיר א טאנץ טהאָן! אזוי גאר, דו ווילסט מיך אפילו ניט גריסען..

זי וואלט נאך ווייטער געשריען, אבער פרוי מארעל האט גע־עפענט די טיר פון דער לאזשע און גענומען לויפען צווישען עולם, ווי א משוגענע, זוכענדיג אן ארויסגאנג.

דוראַי האט זיך א ווארף געטהאָן נאך איהר און געוואלט זי

דעריאגען.

דערזעהן ווי זיי אנטלויפען, האט ראשעל גענומען שרייען מיט נצחון:

— האלט זי! האלט די גנב'טע! זי האט ביי מיר צוגע'גנבעט מיין געליעבטען!

די צושויער האבען זיך צולאכט. צוויי מענער האבען אנגע־כאפט פרוי מארעל פאר די שולטערן און זי געוואלט א קוש טהאָן. אבער דוראי האט זי דעריאגט, בעפרייט זי מיט געוואלט פון זיי־ערע הענד און ארויסגעפיהרט אין גאס.

זי איז אריינגעשפרונגען אין א לעדיגע קארעטע, וואס איז גע־שטאנען דערביי, ער נאך איהר און ווען דער קוטשער האט גע־פרעגט:

— וואוהין פאהרען מיר? האט ער געפרעגט:

— וואוהין איהר ווילט!

די קארעטע האט זיך לאנגזאם גענומען בעוועגען איבער'ן שטיינערנעם ברוק. קלאטילדא אין א נערוועזען אָנפאל, דעם פנים מיטביידע הענד פארשטעלט, האט זיך געטרייסעלט מיט'ן גאנצען קערפער, האט געשלוכצעט און געקרעכצעט. דוראי האט ניט גע־וואוסט וואס צו זאגען.

צום סוף, ווען ער האט דערזעהן ווי זי וויינט, האט ער גע־נומען שטאמלען:

— הער מיך אוים קלא, מיין קליינע קלאָ! איך וועל דיר אלעס ערקלעהרען, איך בין ניט שולדיג... איך האב דאס מיידעל געקענט אמאל... שוין לאנג... אין די טעג פון מיין יוגענד.

זי האט פלוצום אבגעדעקט איהר פנים און מיט א מורא'דיגען כעס, מיט דעם כעס פון א בעטראגענער פערליעבטער פרוי, האט זי שווער אטהעמדיג ארויסגעשיפעט:

— אך דו עלענדער! דו אויסוואורף! דו לומפ! ווי קען דאס גאר אזא זאך מעגליך זיין! אזא ערניעדריגונג, אזא שאנדע! מיין גאט, וואס פאר א שאנדע!...

און וואס מעהר זי איז געקומען צו זיך און האט זיך דערמאָנט אן דער פריהערדיגער סצענע, איז איהר די זאך אלץ קלאהרער גע־

ווארען און זי איז אלץ בייזער, אלץ צוקאכטער געווארען:

— דאס האסטו איהר געצאהלט מיט מיין געלד!.. און איך האב איהם נאך געגעבען געלד... פאר דער פראסטיטוטקע... אך דו שופט!....

א פאאר סעקונדען האט זי געזוכט עפעס א שטארק ווארט און, ווען זי האט עס ניט געקענט געפינען, האט זי פלוצום אויס־געראפען מיט א בעוועגונג, ווי זי וואלט וועלען אויסשפייען:

— דו שוויין! שוויין! שוויין! מיט מיין געלד האסטו איהר בעצאהלט. שוויין! שוויין!

זי האט ניט געפונען קיין אנדער שטארקען אויסדרוק און האט ניט אויפגעהערט צו שרייען:

— שוויין! שוויין!

פלוצום האט זי זיך ארויסגעבויגט פון פענסטער, געכאפט דעם קוטשער פאר אן ארבעל און אויסגערופען:

— האלט!

דאן האט זי געעפענט די טירעל פון דער קארעטע און איז ארויסגעשפרונגען.

דזשארזש האט געוואלט ארויס נאך איהר, אבער זי האט גע־נומען שרייען: "דו זאלסט זיך ניט דערוועגען געהן נאך מיר!" אזוי הויך, דאס פארבייגעהער האבען זיך אבגעשטעלט און גענומען זיך ארומקלייבען ארום איהר. דוראי איז געבליעבען זיצען אונבעוועג־ליך, מורא האבענדיג פאר א סקאנדאל.

דאן האט זי ארויסגענומען איהר בייטעלע פון קעשענע און ביים שיין פון א לאנטערנע גענומען זוכען געלד. זי האט ארויסגע־נומען צוויי פראנק פופציג סענטים, זיי אריינגערוקט דעם קוטשער אין האנד און געזאגט מיט א ציטערענדער שטימע:

— דא האט איהר אייער געלד! איך בעצאהל!... און דעם גע־מיינעם נפש פיהרט אב אין רו בורסאל אין דעם באטיניאלער קווארטאל.

א געלעכטער האט אויסגעבראכען צווישען עולם, וואס האט זיי ארומגערינגעלט, און עפעס א מאן האט אויסגערופען:

— בראווא קליינע!

און א גאסען אינגעל, וועלכער איז געשטאנען נעבען דער קארעטע, האט אריינגערוקט דעם קאפ אין דער אפענער טיר און א געשריי געטהאָן מיט א שניידענדיגען קול:

— פאהרט געזונד!

דאן האט זיך די קארעטע ווידער גענומען בעוועגען און איז אוועק ווייטער, בעגלייט פון אן אלגעמיינעם פרעהלאכען געלעכ־טער.

6

אויפ'ן צווייטען טאג איז זשארזש דוראַי אויפגעשטאנען אין זעהר א שלעכטען געמיטה. ער האט זיך לאנגזאם אנגעטהאָן, איז צוגעגאנגען צום פענסטער און גענומען ארומטראכטען. ער האט זיך געפיהלט צובראכען און אלע גליעדער האבען איהם וועה געטהאָן, ווי מען וואלט איהם נעכטען מיט שטעקענס צושלאגען.

צום סוף האט ער ביי זיך בעשלאסען אז ער מוז אונטער אלע אומשטענדען קריעגען געלד און ער איז אוועק צו פארעסטיע'ן.

זיין פריינד האט איהם צוגענומען ביי זיך אין קאבינעט, זי־צענדיג ביים קאמין.

— וואס האט דיך געבראכט אהער אזוי פריה?

— א זעהר וויכטיגע זאך. איך מוז בעצאהלען א נויטיגען חוב, א עהרען־שולד.

— האכט פערשפיעלט אין קארטען?

ער האט א ווײלע געטראכט, דאן האט ער געענטפערט:

— יא, איך האב פערשפיעלט.

— א סך?

פינף הונדערט פראנק.

ער איז בלויז שולדיג געווען צוויי הונדערט אכציג פראנק.

פארעסטיע האט געפרעגט מיט מיסטרויען אין טאָן:

— וועמען ביזטו עס שולדיג?

דוראַי האט ניט גלייך געוואוסט וואס צו ענטפערען:

— העררו... העררו פון קארלעוויל.

— אהא... וואו וואהנט ער דען, יענער הערר?

— אין דער... אין דער...

פארעסטיע האט זיך צולאכט:

— אויף דער לבנה, ניט אמת? נו ווייסטו, די דאזיגע מעשות קענען מיר גוט. ווען דו ווילסט האבען צוואנציג פראנק, קענסטו ביי מיר קריגען, אבער מעהר ניט!

דוראי האט גענומען דאס גאלדשטיק. דאן איז ער אוועק קלאפען פון טיר צו טיר ביי אלע זיינע בעקאנטע און א זייגער פינף פארנאכט האט ער געהאט צוזאמענגעבעטעלט אכציג פראנק.

אבער אזוי ווי ער האט געדארפט נאך צוויי הונדערט פראנק, האט ער בעשלאסען צו לאזען דערוויל דאס געליהענע געלד ביי זיך און האט ארויסגעברומט פאר זיך:

— נו, עס איז ניט כדאי זיך אזוי צו נעהמען דאס לעבען איבער אזא פרוי. איך וועל איהר בעצאהלען, ווען איך'ל זיין ביי געלד.

פיערצעהן טעג נאכאנאנד האט ער געלעבט רוהיג, שטיל און איינגעהאלטען. דאן האט איהם פלוצים אנגעכאפט א מורא'דיגער פערלאנג נאך ליעבע און איהם האט זיך געדאכט, אז יאהרען גאנצע זיינען אוועק זייט ער האט א פרוי אין זיינע ארעמס געהאלטען.. און ווי א מאטראז ווערט פערציטערט, ווען ער דערזעהט נאך א לאנגער רייזע א פעסטען באדען אזוי האט ער זיך געטרייסעלט ביי יעדער קליידעל וואס ער האט געטראפען.

אין אזא מין מוטה איז ער איין מאל ביינאכט אוועק אין פאלי בערזשער האפענדיג דארט צו טרעפען ראשעל'ן. און ער האט זי ווירקליך דערזעהן אזוי גיך ווי ער איז אהין אריין, ווייל זי איז כמעט אין ערגעץ ניט געגאנגען אויסער אהין.

שמייכלענדיג איז ער צוגעגאנגען און איהר אויסגעשטרעקט זיין האנד.

זי האט איהם אבגעמאסטען פון קאפ ביז די פיס מיט א בליק פול פעראכטונג און געפרעגט:

— וואס פערלאנגט איהר פון מיר?

ער האט פרובירט מאכען א שפאס:

— געה, מאך זיך נישט נאַריש, וואס טויג דיר דער אָנשטעל?

זי האט זיך צו איהם אומגעדרעהט מיט'ן רוקען און געזאגט:

— איך האב פיינד אַלפאָנסען!

זי האט אויסגעקליבען די שטארקסטע בעליידיגונג. ער האט דערפיהלט, ווי דאס בלוט האט איהם א זעץ געטהאָן אין פנים און האט זיך אומגעקעהרט אהיים אייגער אליין.

פארעסטיע, א קראנקער, א שוואכער און נאך אנאנד הוס־טענדיג, האט איהם אין רעדאקציאן אויך גוט דאס לעבען פערבי־טערט. עס האט געשיינט, אז ער זוכט אויס די אונאנגענעהמס־טע ארבייטען און גיט עס אומיסטנע איהם איבער. און איין מאָל ווען ער איז געווען זעהר נערוועז נאך א שטארקען הוסט אנפאל און דוראַי האט איהם די נויטיגע אויסקונפט ניט געבראכט, האט ער ארויסגעוואָרטשעט:

— צום טייפעל, דו ביזט דאך נאך א גרעסערער נאר, ווי איך האב גערענקט!

דוראַי'ן האט זיך שטארק געוואלט איהם דערלאנגען אין באק, אבער ער האט זיך איינגעהאלטען און איז ארויס, ברומענדיג אונ־טער דער נאז:

— ווארט, איך וועל זיך שוין מיט דיר אברעכענען!

פלוצום איז איהם א געדאנק דורכגעלאפען אין מוח און ער האט צוגעלייגט:

— איך וועל דיר ארויפזעצען הערנער, מיין טהייערער!

און ער איז אוועק, פרעהלאך רייבענדיג די הענד פון זיין גליק־ליכען איינפאל.

גלייך אויף מארגען האט ער זיך געוואלט נעהמען צום אויס־פיהרען זיין פלאן, און איז אוועק מיט א וויזיט צו פרוי פא־רעסטיע.

ער האט זי געפונען אויסגעצויגען אויף דער זאפע איבער א בוך.

ניט אויפהויבענדיג זיך פון ארט, האט זי איהם דערלאנגט די האנד, א קעהר געטהאָן דעם קאפ און געזאגט:

— גוט מאָרגען, שענער פריינד!

איהם האָט זיך געדאכט, אז ער האָט געקראגען אין באק;
— ווארום רופט איהר מיך אזוי ?
זי האט געענטפערט מיט א שמייכעל :
— איך האב לעצטע וואך געטראפען פרוי מארעל און פון איהר האב איך זיך דערוואוסט וואס פאר א צונעמעניש מען האט אייך דארט געגעבען.
דער פריינדליכער טאָן פון דער יונגער פרוי האט איהם בעד רוהיגט. און חוץ דעם... פאר וואס האט ער מורא צו האבען ?
זי האט געזאגט :
— איהר בעזוכט פרוי מארעל אזוי אפט און צו מיר קומט איהר איין מאָל אין א יובל.
ער האט זיך געזעצט נעבען איהר און זי גענומען נייגעריג בעטראכטען, ווי א ליעבהאבער פון אנטיקען א נייעם געגענשטאנד. זי איז געווען בעצויבערנד, און איהר צארטער, העלער בלאנדקייט, ווי צו קושען געשאפען, און ער האט געטראכט : "זי איז געווים ליעבער פון יענער". ער האט א מינוט ניט געצווייפעלט אין זיין ערפאלג, ער האט בלויז געדארפט אויסציהען די האנד, אום זי צו נעהמען, ווי מען נעהמט ארונטער רייפע פרוכט פון'ם בוים. און ער האט געזאגט ענטשלאסען :
— עס איז בעסער, ווען איך בין ניט געקומען צו אייך.
זי האט ניט פערשטאנען :
— וואס הייסט ? ווארום ?
— ווארום ? פערשטעהט איהר דען ניט ?
— ניין, גארנישט.
— ווייל איך ליעב אייך. אך, דערווייל נור א קליין ביסעלע... אבער איך וויל נישט עס לאזען געהן צו וויים....
זי האט, ווי עס שיינט, זיך ניט פערוואונדערט, ניט בעליי־ דיגט און ניט געפיהלט געשמייכעלט, אויף איהרע ליפען האט נאך אלץ געשפיעלט דער זעלבער רוהיגער, גלייכגילטיגער שמייכעל און זי האט געזאגט :
— עט, איהר האָט פון דעסטוועגען געקענט קומען, אין מיר פערליעבט מען זיך קיין מאָל ניט אויף לאנג.

איהר טאן האט איהם מעהר פערוואונדערט ווי איהרע ווער־טער און ער האט געפרעגט :

— ווארום ?

— ווייל דאס איז גאנץ אומזיסט און דאס זעהט יעדער גלייך איין. ווען איהר וואלט מיר פריהער געהאט דערצעהלט וועגען אייער ליעבע, וואלט איך אייך בערוהיגט און געראטען צו קומען וואס אפטער.

ער האט אויסגערופען טעאטראליש :

— קען מען דען אנטהאן א שלאם אויף די געפיהלען ?

זי האט זיך א קעהר געטהאן צו איהם :

— א פערליעבטער ווערט ביי מיר אויסגעמעקט פון'ם בוך פון די לעבעדיגע מענשען. ער ווערט נאריש, ווערט אן אידיאט, נאך מעהר, ער ווערט געפעהרליך... מיט לייטע, וועלכע זיינען פער־ליעבט אין מיר, אדער מאכען אן אנשטעל, אז זיי זיינען פערליעבט, האב איך גארנישט צו טאהן, איך רייס מיט זיי איבער אלע פער־בינדונגען. ערשטענס, לאנגווייל'ען זיי מיך און דאן זיינען זיי פשוט פערדעכטיג, ווי משוגענע הינד, וועלכע קענען פלוצים קריגען אן אנפאל. דערפאר האלט איך זיי פון ווייטען ביז זייער קראנק־הייט וועט אריבער. פערגעסט דאס ניט. איך וויים גאנץ גוט, אז פאר אייך איז די ליעבע ניט מעהר ווי עפעס א מין מאלצייט, ווערענד ביי מיר איז דאס א מיטעל, א הייליגער מיטעל צו פער־בינדען די נשמות און דאס פאסט אייך, מענער, ניט און איהר אנערקענט עס ניט. איהר ווילט דעם קערפער, איך דעם גייסט. אבער קוקט מיך אקארשט אן גלייך אין די אויגען....

זי האט מעהר נישט געשמייכעלט. איהר פנים איז געווען קאלט און רוהיג און זי האט געזאגט, אונטערשטרייכענדיג יעדעס ווארט בעזונדער :

— איך וועל קיין מאל, קיין מאל ניט זיין אייער געליעבטע. געדענקט עס! אלע אייערע בעמיהונגען זיינען ארויסגעווארפען און וועלען אייך זאגאר שאדען. און... איצט, אז די אפעראציאן איז שוין געמאכט געווארען... פרעג איך אייך: ווילט איהר מיר זאלען בלייבען גוטע פריינד, אבער אמתע פריינד, אהן אלע היפ־

טער־חכמות ?

ער האט פערשטאנען, אז יעדער פערזוך וועט דא זיין אומזיסט און ער האט צו איהר אויסגעשטרעקט ביידע הענד, פרעהענדיג זיך, וואס ער קריעגט אזא שטארקע פרוי אלס זיין פריינד:

— גנעדיגע פרוי, איך געהער אייך אין גאנצען.

זי האט דערפיהלט אויפריכטיגקייט אין זיין טאָן און איהם דערלאנגט ביידע הענד.

ער האט זיי א קוש געטהאָן איינע נאך דער אנדערער און דערנאך געזאגט איינפאך, אויפהויבענדיג דעם קאפ:

—מיין גאט, ווען איך זאל טרעפען אזא פרוי ווי איהר, וואלט איך גליקליך געווען זי צו הייראטען!

די דאזיגע פראזע האט זי גערירט, ווי אלע פרויען ווערען גערירט פון געוויסע קאמפלימענטען. און זי האָט געווארפען אויף איהם איינעם פון יענעווארעמע, דאנקבארע בליקען, וועלכע פערשקלאפען אונז אויף אויביג צו דער פרוי.

און אזוי ווי ער האט ניט געפונען קיין טהעמא צו אן אנדער געשפרעך, האט זי געזאגט מיט א ווייך קול, ארויפלייגענדיג איהם א פינגער אויף'ן ארעם:

און איך וועל זיך גלייך נעהמען צו מיינע פפליכטען אלס פריינדין. הערט אויס, מיין פריינד, איהר זייט אונגעשיקט...

זי האט זיך אויף א ווייל'ע אבגעשטעלט און געפרעגט:

— קען איך מיט אייך רעדען גאנץ אפען?

— געוויס!

— גאנץ אפען?

— גאנץ אפען!

— נו — טא ווייסט איהר וואס, מאכט דער פרוי וואלטער א בעזוך. זי שעצט אייך זעהר און עס וועט ניט שאדען, איהר זאלט זיך צו איהר אביסעל צושארען. דארט קענט איהר אויסברייננען אייערע שענסטע קאמפלימענטען, הגם זי איז אן אנשטענדיגע פרוי, זעהר און זעהר אן אנשטענדיגע. אויך דארפט איהר ניט האָפען זי צו געווינען... אבער איהר קענט געווינען אסך מעהר, ווען איהר וועט פארשטעהן, ווי זיך דארט צו האלטען. איך ווייס

אז אייער שטעלונג אין דער צייטונג איז דערווייל נאך גאר ניט קיין וויכטיגע. אבער איהר דארפט ניט מורא האבען, די וואלטערס בעהאנדלען אלע זייערע מיטארבייטער מיט דער זעלבער ליעבענס־ווירדיגקייט. פאלגט מיך, געהט אריבער אהין!

ער האט געזאגט מיט א שמייכעל:

— דאנקע, איהר זייט אן אמת'ער מלאך! מיין גוטער מלאך!

דאן האבען זיי גערעדט פון עפעס אנדערעס.

ער איז נאך פערבליעבען א צייט לאנג, וועלענדיג איהר צייגען, אז איהם איז אנגענעהם מיט איהר צו פערברענגען. און ווען ער איז אוועק, האט ער נאך אמאל געפרעגט:

— מיר בלייבען אלזא פריינד, ניט אמת?

— געוויס!

און בעמערקט, אז זיין פריהערדיגער קאמפלימענט האט אויף איהר געמאכט אן איינדרוק, האט ער צוגעלייגט.

— און ווען איהר זאלט ווען עס איז ווערען אן אלמנה, בעט איך אייך, מיך צו האבען אין זינען.

דאן איז ער שנעל אוועק, ניט געבענדיג איהר קיין צייט בייז צו ווערען.

דוראי האט ניט געוואוסט ווי אזוי מען מאכט פרוי וואלטער א בעזוך, ווייל זי האט איהם קיין מאל צו זיך ניט איינגעלאדען און האנדלען אנטקעגען דער עטיקעטע האט ער אויך ניט געוואלט. דער שעף האט זיך פערהאלטען צו איהם גאנץ פריינדליך; האט גע־שעצט זיינע פערדיענסטען און איהם אפט איבערגעגעבען שווערע פעראנטווארטליכע ארבייטען. פארוואס זאל ער ניט אויסנוצען די דאזיגע פריינדליכקייט, אום זיך אריינצוכאפען צו זיי אין הויז?

האבענדיג דאס אין זינען, איז ער איין טאג אויפגעשטאנען פריה און איז אוועק אויף'ן מארק, וואו ער האט געקויפט פאר צעהן פראנק א פאאר צעהנדליג פראכטפאלע בארען.

ער האט זיי פארזיכטיג איינגעפאקט אין א קערבעלע, אום עס זאל אויסזעהן, אז זיי זיינען איהם צוגעשיקט געווארען פון ער־געץ ווייט און עס אבגעטראגען צום שווייצאר פון די וואלטערס מיט זיין קארטע, אויף וועלכער ער האט אנגעשריעבען:

„דזשאָרזש דוראָי"
בעט פרוי וואלטער, אָנצונעהמען די דאזיגע פּרוכטען, וועלכע ער האָט היינט אין דער פריה געקריגען צוגעשיקט פון נארמאנדיען.

אויף'ן צווייטען טאג האט ער אין זיין בריעף־קאסטען אין דער רעדאקציאן געפונען א קאָנווערט מיט א קארטע פון פרוי וואל־טער, וועלכע, „דאנקט הערר זשארזש דוראי און וועלכע נעהמט צו געסט יעדען שבת."

דעם נעכסטען שבת איז ער אהין אוועק.

הערר וואלטער האט געוואָהנט אין א גרויסען אייגענעם הויז אויף דעם בולוואר מאַלערב. אלס פּראקטישער און שפּארזאמער מענש האָט ער איין העלפט דערפון פערדונגען.

דער שווייצאר, וועלכער האט זיך געפונען צווישעןביידע אריינגאַנגס טירען, האָט געעפענט די טיר אי פאר דעם בעל הבית אי פאר דעם שכן און מיט זיין רייכער ליוורעע, די קורצע הויזלאך, מיט די ווייסע זאקען, און דעם רייך בעפוצטען ראָק מיט די גאל־דענע קנעפ האָט ער צוגעגעבען דעם הויז אן אויסזעהן פון א רייכען האטעל.

די גאסט־צימערן האבען זיך געפונען אין ערשטען שטאָק. פאר זיי האָט זיך געפונען א פּיהר־הויז מיט שענע שטאפענע טא־פּעטען און שווערע פּאָרטיערען.

צוויי פערשלאפענע דיענער זיינען דארט געזעסען; איינער האָט צוגענומען ביי דוראי'ן זיין ראק, דער אנדערער דעם שטעקען, אבגעטראטען אָן א זייט און אויסגערופען זיין נאמען איי דעם ליידיגען צימער אריין.

דער יונגער מאן האט זיך צומישט ארומגעקוקט אין אלע זיי־טען. דאן האָט ער אין שפּיעגעל בעמערקט א גרופּע מענשען, וועל־כע זיינען, קאָנטיג, געזעסען ערגעץ ווייט. פריהער האט ער א טעות געהאט אין דער ריכטונג, ווייל דאס שפּיעגעל האט איהם צו־מישט. דאן איז ער דורכגעגאנגען נאָך צוויי ליידיגע זאאלען און איז אריין אין א מין סארט בודואר, וועלכער איז געווען בעשלאגען מיט בלויען געבלומטען זייד. דארט זיינען פיער פרויען געזעסען ביי א רונדען טיש, אויף וועלכען איז געשטאנען טהעע, און הא־

בען זיך אונטערהאלטען.

ניט קוקענדיג אויף זיין פרייער האלטונג, וואס ער האט גע־קריגען, לעבענדיג אין פאריז און איבערהויפט דורך זיין רעפאר־טער־שטעלע, וועלכע האט איהם געבראכט אין בעריהרונג מיט די העכסטע פערזענליכקייטען, האט זיך דוראי, דאך געפיהלט פער־לעגען פון דעם דאזיגען עמפפאנג און פון דעם וואנדערען איבער די ליידיגע זאאלען.

ער האט דרייסט ארויסגעשטאמעלט:

— גנעדיגע פרוי, איך האב זיך ערלויבט — און דערביי האט ער צווישען די פרויען געזוכט די ווירטהין פון הויז.

זי האט איהם דערלאנגט די האנד, וועלכע ער האט גענומען מיט א פערנויגונג, און געזאגט: — איהר זייט זעהר ליעבענס־ווירדיג, מיין הערר, מיך צו קומען בעזוכען — און זי האט איהם אנגעוויזען אויף א שטול. ער האט זיך געוואלט זעצען און איז כמעט אריינגעפאלען אין פאטעל ווייל ער איז געווען א סך ניעדעריגער ווי דוראי האט געדענקט.

אלע זיינען אנשוויגען געווארען. דאן האט איינע פון די פרוי־ען פערפיהרט א געשפרעך. זי האט גערעדט פון דער קעלט, וואס איז געווען ניט גענוג שטארק, אום אפצוהאלטען די טיפוס־עפי־דעמיע. און יעדע פון די פרויען האט ארויסגעזאגט איהר מיינונג איבער דעם ערשטען פראסט אין פאריז. דאן האבען זיי גערעדט איבער די פערשיעדענע סעזאנען און וועלכען סעזאן זיי ציהען פאר. און זיי האבען אנגעגעבען אלערליי אויסגעדראשענע, באנא־לע אורזאכען, וועלכע האבען זיך זיי איינגעגעסען אין די קעפ, ווי דער שטויב אין די מעבעל.

עס האט זיך דערהערט א לייכטער גערויש אין טיר און דו־ראי האט זיך אומגעקוקט. דורך צוויי גרויסע שפיעגלען האט ער בעמערקט, ווי א דיקע פרוי געהט צו זיי צו. אזוי שנעל, ווי זי איז אריין אין בודואר איז איינע פון די פריהערדיגע דאמען אויפגע־שטאנען, האט א דריק געטהאן די איבעריגע די הענד און איז אוועק; דער יונגער מאן האט בעגלייט מיט די אויגען איהר דונקעלע גע־שטאלט אין א קלייד, אויף וועלכען עס האבען געבליסטשעט גלע־זערנע פערל.

ווען מען האָט זיך ווידער געזעצט און עס איז געוואָרען רוהיג, האט מען פּלוצום אהן א איבערגאנג גענומען רעדען פון מאראקאָ און דעם קריעג אין אריענט און אויף פון די שוועריגקייטען, וואס ענגלאנד האט אין אפריקא.

די דאמען האבען גערעדט, ווי זיי וואלטען געשפּיעלט א געזעלשאפטליכע קאָמעדיע, וואס זיי האבען שוין פריהער אמאל געשפּיעלט און זיך אויסגעלערנט אויף אויסווייניג.

עס איז אריין א נייער גאסט. א קליינע אנגעקרויזטע בלאנדינקע, און באלד נאכדעם איז ארוים א הויכע, מאגערע, מיטעליאהריגע פרוי.

איצט האט מען גענומען רעדען פון די אויסזיכטען, וואס הערר לינעט האט, אויפגענומען צו ווערען אין דער אקאדעמיע. די ניי אנגעקומענע האָט בעהויפּטעט מיט זיכערקייט, אז ער וועט ווערען געשלאגען פון הערר קאבאנאָן־לעבאס, וועלכער האָט אזוי געלונגען בעארבּייט דאן קיכאט אין פערזען פאר דער ביהנע.

— שטעלט זיך פאר, מען וועט עס היינטיגען ווינטער אויפפיהרען אין אָדעאָן.

— ווירקליך? איך'ל אונבעדינגט געהן זעהן, ווי ער האט עס איבערגעמאכט!

פרוי וואלטער האט געענטפערט זעהר ליעבענסווירדיג, רוהיג, גלייכגילטיג, ניט טראכטענדיג קיין איין אויגענבליק, וואס זי זאל ענטפערן, דען אויף אלסדינג איז ביי איהר שוין פריהער געווען א פעסטגעשטעלטע מיינונג.

בעמערקט, אז עס ווערט דונקעל, האט זי געהייסען אנצינדען די לאָמפּען, ניט אבּרייסענדיג זיך פון'ם געשפּרעך, וואס האט געהערשט, ווי א שטיל פליסענד טייכעלע, און דערביי האָט זי געטראכט, אז זי האט פארגעסען אבצוגעהמען אין דער דרוקעריי די איינלאדונגס־קארטען פאר דעם נעכסטען דינער.

זי איז געווען עטוואס צו דיק אבער נאך שען, אין יענעם קריטישען אלטער, ווען די טעג פון א פרוי'ס שענהייט זיינען שוין געצעהלט. זי האט זיך נאך געהאלטען א דאנק די פערשיעדענע קינסטליכע מיטעל, די פּודער און אנדערע זאכען. זי האט געמאכט אן

איינדרוק פון אן איינגעהאלטענער און קלוגער פרוי, וועמענס מיי־נונגען זיינען גראד און גלייך, ווי א פראנצויזישער גארטען, אין וועלכען דו שפאצירסט אהן שום איבערראשונגען און דאך האט עס פאר דיר א געוויסען רייץ. זי האט געהאט א גלייכען שכל, א געזעצטע מיינונג איבער מענשען, א געוויסען גוטען רוהיגען גע־פיהל פאר אלע מענשען און אלע זאכען, אבער זעהר ווינציג פאנ־טאזיע.

בעמערקט, אז דוראי שוויינט, און קיינער ווענדעט זיך ניט צו איהם און אז דאס מאכט איהם פיהלען אונבעקוועם, האט זי זיך געווענדעט צו איהם מיט דער פראגע:

— וואס זאגט איהר, הערר דוראי, איהר דארפט עס דאך זיכער וויסען. ווער וועט נאך אייער מיינונג אריין אין דער אקא־דעמיע?

ער האט געענטפערט גלייך אויף'ן ארט:

—גנעדיגע פרוי, ביי דער דאזיגער פראגע וואלט איך קיין מאל ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט די פערזענליכע פער־דיענסטען פון די קאנדידאטען, וועלכע קענען צו יעדער צייט אב־געלייקענט ווערען, נור אויף זייער עלטער און זייער געזונד. איך לייג קיין ווערטה ניט אויף דעם, צו זיי האבען געמאכט א גוטע איבערזעצונג פון סערוואנטעס. פאר מיר איז א סך וויכטיגער דער צושטאנד פון זייער לעבער, פון זייערע ניערען, פון זייער רוקען־מארך. פיעל בעסער איז, ווען דער קאנדידאט האט עפעס א גוטע קריינק, ווען ער ליידעט פון צו פיעל פעטס אדער אנדערע צרות, ווי אז ער האט אנגעשריעבען פיערציג בענדער אונטערזוכונ־גען וועגען דער פאטערלאנד אידעע אין דער בארבארישער פא־עזיע.

ערשטוינט האבען אלע אויסגעהערט די דאזיגע מיינונג און האבען געשוויגען.

פרוי וואלטער האט געפרעגט מיט א שמייכעל: — אבער פארוואס דען?

דוראי האט געענטפערט: — ווייל איך טראכט אימער נור פון איין פראגע: צו וועט עס אינטערעסירען די דאמען? און פאר

איך, גנעדיגע פרוי האט דאך די אקאדעמי נור דאן אן אינטערעס, ווען א אקאדעמיקער שטארבט. וואס מעהר פון זיי עס שטארבען אלץ גליקליכער זייט איהר. אבער אום זיי זאלען שנעל שטאר־בען, דארפען נור אזעלכע אנגענומען ווערען, וואס זיינען אלט און קראנק.

בעמערקט די פערוואונדערטע פנים'ער פון די דאמען, האט ער צוגעלייגט: — אייגענטליך האב איך אליין אויך ליעב צו לע־זען אין דער צייטונג וועגען דעם טויט פון אן אקאדעמיקער. דאן שטעל איך זיך גלייך די פראגע, ווער וועט פערנעהמען זיין פלאץ און איך שטעל אויס א גאנצע ליסטע פון קאנדידאטען. דאס איז אזא מין שפיעל, זעהר אן אנגענעהמע שפיעל, וועלכע ווערט גע־שפיעלט אין אלע פאריזער סאלאנען, אזוי גיך ווי איינער פון די אונשטערבליכע נעהמט קייען די ערד. די דאזיגע שפיעל הייסט אונגעפעהר: "דער טויט און די פיערציג נאראנים."

די דאמען האבען זיך צולאכט, אזוי ריכטיג איז געווען זיין בעמערקונג.

און אויפהויבענדיג זיך, האט ער געענדיגט: — מיינע דא־מען, איהר ערוועהלט די אקאדעמיקער; און איהר ערוועהלט זיי נור, אום צו זעהן, ווי זיי שטארבען. טא וועהלט אויס די עלטסטע, די שוואכסטע, די קראנקסטע און זארגט זיך ניט וועגען קיין אנ־דער זאך.

און דאן איז ער אוועק, זיך העפליך פערנויגענדיג.

ווי נור ער איז אוועק, האט איינע פון די דאמען זיך אבגע־רופען: — א לעבעדיגער יונגער מאן! ווער איז ער?

פרוי וואלטער האט געענטפערט:

— דאס איז איינער פון אונזערע מיט־ארבייטער. ביז אהער האט ער געטהאן בלויז קליינע ארבייט פאר דער צייטונג, אבער איך צווייפעל ניט, אז ער וועט אוועקגעהן ווייט.

דוראי איז געגאנגען איבער'ן בולוואר מאלערב אונטערטאנ־צענדיג, צופריעדען מיט זיך אליין און געמורמעלט פאר זיך: "א שענער אנפאנג, פול עפעקט."

אין יענעם אבענד האט ער זיך איבערגעבעטען מיט ראשעל'ן.

אויף דער צווייטער וואך האבען געטראפען צוויי וויכטיגע פאסירונגען. מען האט איהם געמאכט פאר'ן רעדאקטאר פון די לאקאלע נייעס און פרוי וואלטער האט איהם איינגעלאדען צו זיך אויף א דינער. ער האט גלייך פערשטאנען, אזביידע פאסירונגען האבען א צוזאמענהאנג.

"דאס פראנצויזישע לעבען" איז פריהער פאר אלע געווען אן אונטערנעהמונג צו מאכען געלד; דער בעזיצער פון דער ציימונג האט געמאכט גרויסע ספעקולאציאנען, פאר וועלכע די פרעסע און די פאליטיק האבען איהם געדיענט אלס מיטעל.

אונטער דער מאסקע פון א גוטמוטיגען און פרעהליכען פראסטאק האט ער אויסגעפיהרט אלע זיינע ריעזיגע אונטערנעהמונגען. אבער צו אלע זיינע געשעפטען, פון וואס פאר א סארט זיי זאלען נישט זיין, האט ער אימער אויסגעקליבען נור אויסגעפרובירטע מענשען, וועלכע ער האט גאנץ גוט געקענט פאר געוואגטע, דרייסטע, ריקזוכטסלאזע מענשען. דוראי אלס רעדאקטאר פון די לאקאלע נייעס האט איהם אויסגעוויזען צו זיין א בעזונדערס ווערטפולע קראפט.

ביז אהער האט די דאזיגע שטעלע פערנומען דער סעקרעטאר פון רעדאקציאן בוארענאר, אן אלטער, ערפאהרענער זשורנאליסט, פינקטליך און פיינליך ווי א בעאמטער. אין פערלויף פון דרייסיג יאהר, איז ער געווען סעקרעטאר אין עלף פערשיעדענע ציימונגען, דאך האט עס ניט געהאט קיין ווירקונג, ניט אויף זיינע אנשויאונגען און ניט אויף זיינע האנדלונגען. ער איז איבערגעגאנגען פון איין רעדאקציאן אין דער צווייטער, ווי מען געהט אריבער פון איין רעסטאראן אין אן אנדער'ן, קוים באמערקענדיג, אז דאס עסען האט עפעס אן אנדער טעם. פאליטישע און רעליגיעזע פראגען האבען איהם ניט אינטערעסירט. אין וועלכער ציימונג ער האט נישט געארבייט, האט ער זיך איהר איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען און איז איבעראל געווען א זעהר ניצליכע און ווערטהפולע קראפט צוליעב זיין רייכער ערפאהרונג. ער האט געארבייט, ווי א בלינדער, וואס זעהט גארנישט, ווי א טויבער, וואס הערט גארנישט און ווי א שטומער, וואס זאגט גארנישט. אין דער אייגענער צייט

איז ער געווען זעהר אן עהרליכער שרייבער און האט קיין מאל ניט געארבייט פאר קיין זאך, וואס איז נאך זיין אנזיכט נאך גע־ווען אונאנשטענדיג אדער אונעהרליך.

הערר וואלטער האט איהם זעהר געשעצט, דאך האט ער גע־טרוימט פון אן אנדער מענשען, וועמען מען זאל קענען אבגעבען די אבטהיילונג פון די נייעס, ווייל די דאזיגע אבטהיילונג האט ער געהאלטען פאר דער וויכטיגסטער אין דער גאנצער ציימונג. דורך דער כראניק ווערען פערשפרייט אלע מעגליכע נייעס, וועל־כע האבען א ווירקונג אויף דעם עולם און אויף דער בערזע.

צווישען דער בעשרייבונג פון צוויי אונטערהאלטונגען אין דער געזעלשאפט מוז מען פערשטעהן, ווי אזוי ארייאנצושמוגלען עפעס א וויכטיגע זאך. דאס ניט געזאגטע צווישען די שורות מוז זאגען מעהר ווי דאס געזאגטע... די דאזיגע אבטהיילונג מוז מען פיהרען אזוי, דאס יעדער מענש זאל יעדען טאג דארט געפינען כאטש איין שורה, וואס זאל קענען קריעגען לעזער אין אלע קרייזען. מען דארף טראכטען וועגען אלעם און אלעמען : וועגען אלע שיכ־טען פון דער געזעלשאפט, וועגען אלע פראפעסיאנען, וועגען פא־ריז און דער פראווינץ, וועגען דער ארמיי און די קינסטלער, וועגען די גייסטליכע און די אוניווערזיטעטס-פראפעסארען, וועגען די שטאדט פערוואלטער און די פראסטיטוטקעס.

דער פיהרער פון דער דאזיגער אבטהיילונג האט אונטער זיך א גאנצען שטאב רעפארטערס און ער מוז זיין זעהר פארזיכטיג ביי יעדער קלייניגקייט, ער מוז אלעם בעאבאכטען, פאראויסזעהן, זיך קענען ארויסדרעהען ווען נויטהיג און מוז פון דער נאטור בעזיצען אן אינסטינקט צו אונטערשיידען די ריכטיגע פון די פאלשע נאכריכטען, אויסקלייבען דאס ריכטיגע, דאס נויטיגע און אינטערעסאנטע פאר'ן פובליקום. און דאס אלעס מוז ער געבען אין אזא פארמע, דאס דער לעזער זאל שטארק בעאיינפלוסט ווערען.

הערר בוארענאר, טראץ זיין לאנג יעהריגער פראקטיק, האט דאך געפעהלט שלויקייט און שיק, און איבערהויפט האט איהם געפעהלט די כיטרעקייט צו טרעפען די געהיימע פערלאנ־

גען פון זיין שעף.

דוראָי וועט די דאזיגע אבטהיילונג זיכער פיהרען אויסגעצייכענט, ווייל ער האט זיך מערקווירדיג גוט צוגעפּאסט צו דעם גייסט פון דער צייטונג, וועלכע, ווי נארבער דע־ווארען האט זיך אויסגעדריקט: "האט געשוואומען צווישען די שטראהמען פון שטאאטס־פּאַנדען און פּאָליטיק."

די גייסטיגע פיהרער און רעדאקטארס פון דאס "פּראנצויזישע לעבען" זיינען געווען א האַלבע טוץ אבגעארדענטע, וועלכע זיינען געווען פּעראינטערעסירט אין אלע אונטערנעהמונגען און ספּעקולאציאָנען פון דעם שעף. אין סענאט האט מען זיי גערופען "וואלטער'ס קליקע" און מען האט זיי מקנא געווען, ווייל דורך איהם האבען זיי געמאכט א סך געלד.

פּאָרעסטיע, וועלכער האט רעדאקטירט די פּאָליטישע אבטהיילונג, איז געווען ניט מעהר ווי א ווערקצייג אין די הענד פון פּעהיגע געשעפּטסלייט — און אויספיהרער פון זייערע אבזיכטען און פּראיעקטען. זיי האָבען איהם געגעבען שטאָף פאר די לייט־ארטיקלען, וועלכע ער האט געשריעבען אין דערהיים, "אום מעהר רוה צו האבען", ווי ער האט געזאגט.

אום צו געבען די צייטונג א ליטעראַרישען כאראַקטער, זיינען איינגעלאַדען געוואָרען צוויי בעריהמטע שרייבער. זשאַק ריוואַל, א בעגאַבטער פּעלעטאָניסט, און נארבער־דע־ווארען, א פּאָעט און נאָוועליסט פון דער נייער ריכטונג.

און דאן האט מען פאר א מעסיגען פּרייז אנגעשטעלט א קונסט קריטיקער פיר מאַלעריי, מוזיק און טהעאטער, א ספּעציאַליסט אין קרימינאַלע פּראצעסען און א ספּעציאַליסט אין פערשיעדענע ספּאָרטס. זיי זיינען אויסגעקליעבען געוואָרען פון דער גרויסער מאַסע שרייבער, וועלכע שרייבען פאר א שטיקעל ברויט און זיינען מייסטערס אויף אַלע סאָרטען אַרבייט. צוויי דאַמען פון דער געזעלשאפט אונטער די פּסעוודאָנימען "ראַזאַווע דאָמינאַ" און "ווייסע לאַפּקע" האבען מיטגעטהיילט די נייעס פון דער הויכער געזעלשאַפט, בעשפּראָכען די נייע מאָדעס, דעם עטיקעט, דעם טאָן און אויך פערשיעדענע געהיימע מעשות פון דעם לעבען

פון פארנעהמע פרויען.

און געפיהרט פון די דאזיגע אלע פערשיעדענע הענד, האט זיך דאס "פראנצויזישע לעבען" געטראגען איבער שטראהמען און שטילע וואסערן.

דוראי האט זיך נאך ניט אויפגעהערט צו פרעהן דערמיט, וואס מען האט איהם געמאכט פאר א רעדאקטאר פון די נייעס, ווען ער האט געקריגען א קליין געדרוקט קארטעל מיט אן איינלאדונג: "העררר און פרוי וואלטער נעהמען זיך די עהרע איינצולאדען העררר דוראי אויף א דינער דאנערשטאג דעם צוואנציגסטען יאנואר."

דער דאזיגער נייער ערפאלג האט איהם אזוי דערפרעהט, דאס ער האט א קוש געטהאן די איינלאדונג, פונקט ווי דאס וואלט געווען א ליעבעס־בריעף.

דאן איז ער אוועק צום קאסירער, אום זיך דורכצוריידען מיט איהם וועגען דער וויכטיגער געלד־פראגע.

דער פערוואלטער פון דער בראניק קריעגט געוועהנליך א געוויסע סומע געלד, פון וועלכער ער צאהלט זיינע מיטארבייטער פאר וויכטיגע אדער מיטעלמעסיגע מיטטהיילונגען, וועלכע זיי ברינגען איהם, ווי די גערטנער למשל ברינגען זייערע פרוכטען צו די גרינס־הענדלער.

פאר דעם דאזיגען צוועק האט דוראי צוערשט געקראגען צוועלף הונדערט פראנק א מאנאט, פון וועלכע ער האט זיך פארגענומען צו בעהאלטען דעם גרעסטען טהייל פאר זיך.

דער קאסירער האט איהם אויך נאכגעגעבען זיין דרינגענדען פערלאנג און האט איהם געגעבען פיער הונדערט פראנק אין פאראוים. אין דער ערשטער מינוט איז ער געווען פעסט ענטשלאסען אבצושיקען דער פרוי מארעל די צוויי הונדערט און אכציג פראנק, וואס ער איז איהר שולדיג געווען. אבער באלד האט ער זיך בערעכענט, אז דאן וועט איהם בלייבען בלויז הונדערט און צוואנציג פראנק — א סומע וואס וועט ניט סטאיען, אום זיין נייע טהעטיגקייט אין גאנג צו לאזען, און ער האט זיך בעשלאסען אבצולייגען דעם חוב אויף אן אונבעשטימטער צייט....

צוויי טעג נאָכאַנאַנד איז ער געווען פערנומען מיט זיין ניי־ער איינריכטונג, דען ער האָט פון דעם פריהערדיגען רעדאקטאר גע'ירשנט א שרייב־טיש און א בריעף קאַסטען אין דעם גרויסען צימער, וואו עס האָט זיך געפונען די גאנצע רעדאקציאָן.. ער האָט פערנומען איין ווינקעל פון'ם צימער, וועהרענד אין דעם צווייטען האט זיך געזעהן בוּארגנאר'ס פעך שווארצער קאָפּ ארי־בערגעבויגען איבער א בלאט פאַפּיער.

דער גרויסער טיש אין מיטען האָט געהערט צו די מיטארביי־טער פון דער רעדאקציאָן. געוועהנליך איז מען אויף איהם געזע־סען מיט די פיס פערלייגט איינע אויף דער אנדערער, אדער ווי די טערקען — רייטענדיג.

מאנכעס מאָל זיינען פינף־זעקס מענשען געזעסען אויפ'ן טיש און געשפיעלט אין באָל.

צום סוף האָט דוראָי זיך אויך אריינגעצויגען אין דער דאָ־זיגער שפּיעל און אונטער דער לייטונג פון סענ־פּאָטען האָט ער אין גיכען געמאַכט גרויס ערפאָלג.

פארעסטיע, וועלכער איז אליץ שוואכער און שוואכער געוואָ־רען, האָט איהם איבערגעגעבען זיין נייעם, פּראַכטפולען באַמבוס־באָל, א צו שווערען פאר זיינע שוואכע כוחות. און דוראָי האט מיט זיין קרעפטיגען אָרעם געוואָרפען דעם גרויסען, שווארצען באָל, וועלכער איז צוגעבונדען געווען צו א שטריקעל און האט געצעהלט פאר זיך:

— איינס, — צוויי, — דריי, — פיער, — פינף, — זעקס.

אין דעם טאג, ווען מען האָט איהם איינגעלאדען צו די וואל־טער'ס אויף דינער, איז איהם צום ערשטען מאָהל געלונגען צו כאַפּען דעם באָל צוואנציג מאָל נאָכאַנאַנד. "א גליקליכער טאָג האט ער א טראכט געטהאָן, היינט גליקט מיר אלעס." און אין דער רעדאקציאָן פון דאס "פּראָנצוויזישע לעבען" האט איהם זיין געשיקטליכקייט אין באָל־שפּיל פערשאפט א געוויסע בעריהמט־קייט.

ער האָט פריה פערלאָזען די רעדאקציאָן, אום צו האָבען צייט זיך אָנצוטהאָן און איז געגאנגען איבער דער לאָנדאָנער גאס.

פלוצום האָט ער דערזעהן פאר זיך א פרוי, וועלכע האָט מיט איהר גאנג אין גאנצען דערמאָנט אָן פרוי מארעל. ער האָט דערפיהלט ווי דאס בלוט האָט איהם א זעץ געטהאָן אין פנים און זיין הארץ האָט גענומען קלאפען. ער איז אוועק אויף דער אנדערער זייט גאס, אום איהר א קוק צו טהאָן אין פנים. זי האט זיך אבגעשטעלט, אום אויך אריבערצוגעהן. ער האָט דערזעהן, אז ער האט א טעות געהאט און לייכטער אבגעאטהעמט.

ער האָט זיך אָפט געפרעגט, ווי ער זאָל זיך האלטען אין פאל, ווען ער וועט זי צופעליג בעגעגענען. זאל ער זי גריסען אדער זיך מאכען, אז ער זעהט זי נישט ?

איך וועל זי נישט בעמערקען, האָט ער געטראכט.

עס איז געווען קאלט. אין די קאנאוועס האט דאס וואסער געפראָרען. די טראטוארען זיינען געווען טרוקען און גרוי פון דער גאז־בעלייכטונג.

ווען דער יונגער מאן איז געקומען אהיים, האט ער א טראכט געטהאָן: איך מוז נעהמען אן אנדער וואהנונג, די פאסט שוין ניט מעהר פאר מיר. ער האָט זיך געפיהלט מונטער, לוסטיג, פעהיג אויף אלסדינג, און האָט געזאָגט אויף'ן קול, שפרייזענדיג הין און צוריק פון זיין בעט צום פענסטער: ״עס גליקט מיר, עס גליקט מיר שטארק ! מען דארף דאָס שרייבען דעם פאפא'ן.״

פון צייט צו צייט האט ער געשריעבען צום פאטער, און זיין בריעף האט אימער אריינגעטראגען גרויס פרייד אין דעם קליינעם נארמאנישען שיינק, וועלכער האט זיך געפונען פון אויבען אויף'ן בערגעל, אונטער וועלכען עס ליעגט רואן אין א טיעפען טהאָל.

פון צייט צו צייט האָט ער אויך געקריעגען א בריעף אין א בלויען קאנווערט, אויף וועלכען דער אדרעס איז געשריעבען געווען מיט א גראבער ציטערענדער האנד. און אימער האט זיך דעם פאטער'ס בריעף אנגעהויבען מיט דעם זעלבען נוסח :

״מיין ליעבער זוהן, איך לאז דיר וויסען, אז מיר, איך און דיין מאמע — זיינען געזונד. ביי אונז אין דאָרף איז קיין נייעס נישטאָ. דאָך קען איך דיר מיטהיילען...״

און דוראַי האָט זיך מיט'ן גאַנצען האַרצען אינטערעסירט מיט אַלעם וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דאָרף, מיט דעם וואָס עס מאַכען די שכנים, מיט דעם צושטאַנד פון די פעלדער, מיט דער גערעטעניש אויף תבואה און אַזוי ווייטער.

ווען ער איז געשטאַנען ביים קליינעם שפּיגעל און האָט זיך דעם ווייסען שניפּס פערבונדען, האָט ער נאָך אַמאָל געזאָגט צו זיך אַליין: ״מאָרגען מוז איך שרייבען צו מיין פּאַפּאַ. אָך, ווען דער גוטער אַלטינקער וואָלט מיך היינט געקענט זעהן, איך שטעל מיר פאָר וואָס פאַר אַ פּנים ער וואָלט געמאַכט. אַזאַ דינער, ווי דער, צו וועלכען איך געה היינט, האָט זיך דאָך איהם אפילו ניט געחלומט!״ און ער האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אָן דער שוואַרצער פערראויכערטער קיך, דאָרט אין דערהיים הינטער דעם ליידיגען גאַסט־צימער, מיט די פענדלאַך איבער די ווענד, מיט דער קאַץ, וואָס וואַרעמט זיך ביים אויווען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם הילצערנעם טיש, פערפלעקט פון די פערשיעדענע געטראַנקען, אָן דעם שיסעל זופּ, וואָס שטעהט דאָרט, פון וועלכער עס שלאָגט אַ פּאַרע, אָן דאָס ליכט, וואָס ברענט דאָרט צווישען צוויי טעלער. און דאַן האָט ער אין די געדאַנקען דערזעהן זיינע עלטערן, פאָטער און מוטער, ווי זיי זיצען ביים טיש און זופּען מיט לאַנגזאַמע בעוועגונגען זייער זופּ. ער האָט געקענט דעם קלענסטען שטריך אין זייערע אַלטע געזיכטער, יעדע בעוועגונג פון זייערע הענד און זייערע קעפּ און ער האָט גענוי געוואוסט וואָס זיי רעדען צווישען זיך יעדען אָבענד, ווען זיי זיצען איינער אַנטקעגען אַנדערן ביים עסען.

און דאַן האָט ער נאָך אַ טראַכט געטהאָן: ״איך מוז זיי נאָך אַמאָל בעזוכען.״

פאַרטיג געוואָרען מיט זיין טואַלעט, האָט ער פערלאָשען די ליכט און איז אַוועק.

אויפ'ן בולוואַר זיינען איהם בעפאַלען פּראָסטיטוטקעס.

ער האָט זיך פון זיי אַרויסגעריסען און געענטפערט: — טראָגט זיך אָב, לאָזט מיך צופריעדען! — מיט אַזאַ ענטריסטונג, ווי זיי וואָלטען איהם שרעקליך בעליידיגט.

פאר וועמען האלטען זיי איהם דען? די דאזיגע פערפלוכ־טע ווייבער וויסען ניט דעם אונטערשיעד פון איין מאן און דעם צווייטען... ער האָט געפיהלט אויף זיך דעם שווארצען פראק, אנ־געטהאָן אום צו געהן אויף א דינער צו רייכע, בעוואוסטע, איינ־פלוסרייכע מענשען, און מחמת דעם האט זיך איהם אויסגעווי־זען, ווי ער וואלט געווען גאר א נייער מענש, א מענש פון דער הויכער, דער רייכער געזעלשאפט.

ער איז מיט גרוים זיכערקייט אריין אין פארצימער, וועלכער איז בעלויכטען געווען פון א גרויסען בראָנזענעם לייכטער, און מיט א גאנץ פרייער בעוועגונג האט ער אבגעגעבען זיין שטעקען און אויבערראָק צו די ביידע דיענער, וועלכע זיינען צו איהם צו־געקומען.

אלע צימערן זיינען געווען בעלויכטען. פרוי וואלטער האט אויפגענומען די געסט אין דעם צווייטען סאלאן, וועלכער איז געווען דער גרעסטער. זי האט איהם בעגעגענט מיט א רייצענ־דען שמייכעל און איהם פארגעשטעלט פאר צוויי הערן, וועלכע זיינען געקומען פאר איהם — הערר פירמין און הערר לאראש־מאטיע, דעפוטאטען און געהיימע מיטארבייטער פון דאס "פראנ־צויזישע לעבען". הערר לאָראָש־מאָטיע איז געווען א גרויסער אויטאריטעט אין דער צייטונג, ווייל ער האט אין דער קאמער געהאט א גרויסען איינפלוס. מען האָט ערווארטעט, אז ער וועט אונבעדינגט ווערען א מאָל א מיניסטער.

דערנאָך זיינען געקומען די פארעסטיעס. פרוי פארעסטיע האט אויסגעזעהן. רייצענד אין איהר ראזאווען קלייד. דוראָי איז געווארען גאנץ ערשטוינט זעהענדיג, ווי אינטים זי איז מיט ביידע אבגעארדענטע. א מינוט פינף איז זי געשטאנען אין א אבגעזונדערטען ווינקעל און געפלוידערט מיט לאראש־מאטיען. הערר פארעסטיע האט אויסגעזעהן זעהר שלעכט. פאר'ן לעצ־טען מאנאט איז ער געווארען שטארק אויסגעמאָגערט, האט נישט אויפגעהערט צו הוסטען און געטראַכט ביי זיך: "איך מוז סוף פון ווינטער פערברענגען ערגעץ־וואו אין זידען."

נארבער־דע־ווארען און זשאק ריוואל זיינען געקומען צוזא־

מען. דערנאָך האט זיך פון די הינטערשטע צימערן בעוויזען הערר וואלטער מיט צוויי טעכטער פון זעכצעהן ביז אכצעהן יאהר. איינע איז געווען העסליך — די אנדערע א גאנץ שענינקע.

דוראי האט געוואוסט, אז זיין שעף האט קינדער, דאָך האָט ער זיך זעהר פערוואונדערט. ער האָט וועגען די טעכטער קיינמאָל ניט געטראכט אנדערש ווי וועגען א פרעמדעס לאנד, וואוהין מען ערווארט קיינמאָל ניט צו קומען. און דאן האט ער געדענקט, אז זיי זיינען נאָך קליינע קינדער. איצט האט ער פלוצום דערזעהן פאר זיך ערוואקסענע פריילענס. דאס האט איהם אביסעל צומישט.

זיי האָבען איהם דערלאנגט די האנד איינע נאָך דער אנדערער, און דאן האבען זיי זיך געזעצט פאר א קליין טישעל, וועלכער איז הפנים פאר זיי בעשטימט געווען, און האָבען גענומען אויסקלייבען שפולקעלאך זייד פון א קערבעלע.

מען האָט נאָך עפּעס עמעצען ערווארטעט און אלע האבען געשוויגען אין א געוויסער פערלעגענהייט, ווי עס טרעפט אָפט, ווען מענשען פון פערשיעדענע פּראָפעסיאָנען קלייבען זיך צוזאמען.

אויס לאנגוויילינקייט האָט דוראָי גענומען בעטראכטען די וואנד, און הערר וואלטער האט פון וויטען צו איהם א געשריי געטהאָן:

— איהר בעטראכט מיינע בילדער?—בעטאנענדיג שטארק דאס ווארט "מיינע",

— קומט איך וועל זיי אייך צייגען!

און ער האָט גענומען א לאָמפּ, אום מען זאל בעסער קענען זעהן די איינצעלהייטען.

— דא זיינען די לאנד־שאפטען!

אין מיטען וואַנד איז געהאנגען א גרויסע בילד פון גילמע "א נארמאנישער ברעג אין צייט פון א שטורעם". אונטער דעם "א וואלד" פון גארפיני און דערנאָך "א לאנדשאפט אין אלזשיר" פון גילמע מיט א קעמעל ביים האריזאנט, וועלכער האט אויסגעזעהן ווי עפּעס א מאנומענט.

הערר וואלטער איז אריבער צו דער צווייטער וואנד און האט אויסגערופען מיט דעם טאָן פון א צערעמאָני־מייסטער: — איצט קומען די גרויסע קונסטווערק! — עס זיינען געווען פיער ביל־דער: "א בעזוך אין קראנקען־הויז" פון זשעווריע, דאן "די שני־טערין" פון באסטיען לעפאזש; "די אלמנה" פון בורגא און "די היינריכטונג" פון זאן־פאָל־לאָרען. דאס לעצטע בילד האט פאר־געשטעלט א פריסטער אויס וואנד, וועמען אן אבטהיילונג רעפובּ־ליקאנער האט צוגעשפארט צו דער וואנד פון זיין קירכע, אום איהם דארט צו דערשיסען.

א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף דעם ערנסטען פנים פון'ם שעף, ווען ער האט אָנגעוויזען אויף דער אנדערער וואנד.

— דא קומט א לייכטער שטאָף.

צוערשט האָבען זיי בעטראכט א קליינעם בילד פון זשאַן בערא מיט'ן נאָמען "אונטען און אויבען". עס האט פארגעש־טעלט א שענע פאריזערין, וועלכע כאפט זיך ארויף אויף די טרעפּלאך פון'ם לויפענדיגען טראמוויי. פון אויבען בעווייזט זיך איהר קאָפּ, און די מענער, וואָס זיצען אין טראמוויי בעטראכ־טען מיט גרויס בעפריעדעגונג איהרע שענע געזיכטסציגע, וועהד־רענד די הערען, וואס שטעהען אונטען בעטראכטען די פיס פון דער יונגער פרוי מיט פערשיעדענע אויסדריקע, איינע מיט פער־דרוס, די אנדערע מיט ענטציקונג.

הערר וואלטער, האלטענדיג דעם לאָמפּ אין האנד, האט ווי־דערהאָלט מיט א כיטרען שמייכעל: — איז דאָס ניט אמוזאנט? זאגט איז דאס ניט אמוזאנט?

דערנאָך האט ער בעלויכטען "די לעבענסרעטונג" פון לאמ־בער. אין מיטען פון א געדעקטען טיש איז געזעסען א קליין קע־צעל און האט ערשטוינט, מיט שטארע בליקען בעטראכט א פליעג, וואס האט זיך געטרונקען אין א גלאז וואסער. דאס קעצעלע האט אויפגעהויבען א לאפּקע, ווי עס וואלט וועלען מיט איין רוק ארויסציהען די פליג, אבער עס האט זיך נאָך ניט ענטשלאָסען, עס האט זיך אלץ מיישב געווען, וואס צו טהאָן.

דאן האָט דער שעף געצייגט "די שטונדע" פון דעטייל'ן. עס

האָט פאַרגעשטעלט א סאלדאט אין דער קאזארמע, וועלכער לערענט זיין הונד קלאַפּען אין באראבאן. דערביי האט ער גע־זאָגט: — דאס איז גייסטרייך!

דוראַי האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאפ און איז געווען גאנץ בעגייסטערט.

— דאס איז רייצענד, וואונדער־שען, גאנץ רייצ...

פּלוצום האָט ער זיך איבערגעהאקט אין מיטען די רייד, דער־הערענדיג הינטער זיך די שטימע פון פרוי מאַרעל, וועלכע איז נור־וואס אריין אין זאאל.

דער שעף האָט נאָך אלץ בעלויכטען די בילדער און זיי ער־קלעהרט. דאן האט ער געזאגט: — אין די אנדערע צימערן האָב איך נאָך א גאנצע מאַסע בילדער פון וויינינגער בעריהמטע מאַהלער. אבער די בעריהמטקייט איז די הויפּטזאך. איך קויף איצט בילדער פון יונגע קינסטלער, פון גאנץ יונגע און העגג זיי דערווייל אויף אין צימערן, וואו קיינער געהט ניט. איך ווארט ביז די מאהלער וועלען בעריהמט ווערען, דאן וועל איך זיי גע־בען א פּלאַץ אין סאלאָן.

דערנאָך האָט ער געזאָגט גאנץ שטיל:

—איצט איז די צייט צו קויפען בילדער, די מאַהלער קראַפּירען איצט פאר הונגער. זיי זיצען איצט אלע אהן א גראשען... אהן א גראשען.....

אבער דוראַי, האָט גאַרנישט געזעהן, געהערט און גארנישט פארשטאנען. פרוי מארעל איז געווען דא, הינטער איהם. וואס זאל ער טהאן? ווען ער זאל זי גריסען, וועט זי זיך נישט אומקעהרען צו איהם מיט'ן רוקען, וועט זי איהם נישט אבזידלען? און אויב ער וועט צו איהר נישט צוגעהן, וואס וועט זי פון איהם דענקען?

ער האָט געזאגט צו זיך: — איך מוז געווינען צייט. ער איז געווען אזוי אויפגערעגט, דאס ער האט איין מינוט א טראכט געטהאָן צו זאגען, אז ער פיהלט זיך ניט גוט און אויף אזא אופן זיך ארויסדרעהען.

איצט האָבען זיי שוין געהאַט אלע בילדער איבערגעקוקט.

דער שעף האָט אוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ צוריק אויף'ן טיש, אום צו בּעגריסען די נייע געסט, ווערענד דוראַי האָט נאָך אַלץ בּעטראַכט די בּילדער, ווי ער וואָלט זיך פון זיי גאַרנישט געקאָנט אבּרייסען. אין קאָפּ האָט איהם געמישט, ער האָט געהערט שטימען, טהיילען פון א געשפּרעך. פרוי פאָרעסטיע האָט איהם צוגערופען:

— זייט אזוי גוט, הערר דוראַי... — ער איז צוגעלאָפען צו איהר. זי האָט איהם געוואָלט בּעקאַנט מאַכען מיט איהרער א פריינדין, וועלכע האָט געגעבּען אַן אָבּענד און האָט געוואָלט אז אין דער כראָניק פון דאס "פראנצויזישע לעבּען" זאל וועגען דעם דערמאָנט ווערען.

ער האָט אויסגעשטאַמעלט:

— געוויס, גנעדיגע פרוי, געוויס.

איצט איז פרוי מארעל געשטאַנען גאַנץ נאָהנט נעבּען איהם. ער האָט ניט געוואַגט זיך אומצודרעהען.

און פּלוצום האט זיך איהם געדאַכט, אז ער איז פערריקט געוואָרען: זי האָט געזאָגט הויך אויף'ן קול: — ווי געהט עס, שענער פריינד? ווי איז דאס, איהר ווילט מיך גאַרנישט דערקענען?

ער האָט זיך שנעל א קעהר געטהאָן צו איהר. זי איז געשטאַנען פאר איהם א שמייכלענדיגע און איהרע בּליקען האָבּען געשטראַהלט פול פריינדשאַפט און ליעבּע. זי האָט צו איהם אויסגעשטרעקט איהר האַנד.

ציטערענדיג, האָט ער זי גענומען. ער האָט אַלץ מורא געהאָט פאר עפּעס א שפּיצעל אדער א פּאַסטקע. זי האָט צוגעלייגט פריינדליך:

— וואס איז מיט אייך געוואָרען? מען זעהט אייך גאר אין ערגעץ נישט אָן?

ער האָט געשטאַמעלט, זוכענדיג זיך צו בּעהערשען:

— אָה, איך האָבּ געהאַט זעהר פיעל צו טהאָן, זעהר פיעל. הערר וואַלטער האָט מיר איבּערגעגעבּען זעהר א פעראַנטוואָרטליכע ארבּייט און איך בּין זעהר שטאַרק פערנומען.

זי האָט געענטפערט, קוקענדיג איהם אין די אויגען מיט

אויפריכטיגען מיטגעפיהל: — איך ווייס, אבער דאס איז נאך נישט קיין גרונד אין גאנצען צו פארגעסען אייערע פריינד.

זייער געשפרעך איז איבערגעריסען געווארען דורך דער ערשיינונג פון א דיקער דאמע, וועלכע איז אריין אין סאלאן. א דיקע דאמע מיט געבלויזטע שולטערן, רויטע הענד, א רויט פנים און עפעס א מאדנעם טואלעט און פריזור. זי האט געטראטען אזוי שווער, אז ביי יעדען טריט איהרען האט זיך געפיהלט די שווערע וואג פון איהרע פיס.

בעמערקט, אז מען בעהאנדעלט זי מיט א בעזונדערער אויסצייכנונג, האט דוראי געפרעגט ביי פרוי פארעסטיע:

— ווער איז די דאמע?

— דאס איז די גרעפין דע־פערסעמיור, וועלכע שרייבט אונטער דעם פסעוודאנים "ווייסע לאפקע."

ער איז געווארען ערשטוינט און האט זיך קוים איינגעהאלטען פון לאכען.

— ווייסע לאפקע! ווייסע לאפקע! און איך האב זיך איינגעבילדעט, אז דאס מוז זיין א שענע יונגע פרוי, אזוי ווי איהר! אזוי, אלזא, קוקט אויס די ווייסע לאפקע! שען, פיין, נישטא וואס צו ריידען!

א דיענער האט זיך בעוויזען אין טיר און געמעלדעט:

— דער טיש איז געגרייט.

דער דינער איז געווען באנאל און פרעהלאך. איינער פון יענע דינערס, וואו מען רעדט פון אלעם און פון גארנישט.

דוראי איז געזעסען צווישען דער עלטערער טאכטער פון זיין שעף, דער העסליכער פריילען ראזא וואלטער און פרוי מארעל. די נאכבארשאפט פון דער לעצטער האט איהם אביסעל געשטערט, הגם זי איז געווען זעהר פרעהלאך, זעהר אונגעצוואונגען און האט געפלוידערט מיט איהר געוועהנליכער וויציגקייט. אין אנהויב איז ער געווען פערלעגען, צומישט און האט ניט געקענט קומען צו זיך ווי א מוזיקער, וואס האט פערלארען דעם טאן. אבער ביסלעכווייז האט ער זיך בעהערשט, האט צוריק געקריגען זיין זיכערקייט און זייערע אויגען האבען זיך געטומען בעגעגענען, גע־

שטעלט און געענטפערט פראגען, קוקענדיג איינער אויף'ן צוויי־טען מיט פערטרויען, און פערלאנגען, ווי פריהער.

פלוצום האט ער דערפיהלט, ווי עמעצער האט אונטער'ן טיש זיין פוס בעריהרט. ער האט פארזיכטיג אויסגעצויגען זיין פוס און זיך געטראפען מיט דעם פוס פון זיין שכנה, וועלכע האט זיך ניט דערשראקען פאר זיין בעריהרונג. אין דעם האזיגען אויגענ־בליק האבען זיי ניט גערעדט און האבען זיך ביידע אומגעקעהרט צו זייערע שכנים פון דער אנדערער זייט.

דוראי האט מיט א קלאפעדיגען הארצען זי אנגעריהרט מיט זיין קניע. א לייכטער דריק האט איהם געענטפערט. דאן האט ער פערשטאנען, אז זייערע צערטליכע בעציהונגען האבען זיך ווי־דער אנגעהויבען.

נאכדעם האבען זיי ווייניג גערעדט, אבער זייערע ליפען האבען געציטערט יעדעס מאל, ווען זיי האבען אנגעקוקט איינער דעם אנדער'ן.

פון צייט צו צייט, האט דוראי, וועלענדיג זיין פריינדליך מיט דער טאכטער פון זיין שעף, זיך געווענדעט צו איהר מיט פער־שיעדענע פראגען. זי האט געענטפערט פונקט אזוי ווי איהר מו־טער, וועלכע האט קיין מאל קיין מינוט ניט געטראכט, וואס זי זאל זאגען.

רעכטס פון הערר וואלטער איז געזעסען די גרעפין דע־פער־סעמיור און האט געמאכט אן אנשטעל ווי א פרינצעסין, און הערר דוראי, וועמען עס האט אמוזירט איהר אנבליק, האט געפרעגט גאנץ שטיל ביי פרוי מארעל :

— קענט איהר אויך די אנדערע, די וואס שרייבט זיך אונ־טער "ראזאווע דאמינא" ?

— געוויס, דאס איז די באראנעסע ליוואר.

אויך פון דעם זעלבען סארט ?

— ניין, אבער פונקט אזוי קאמיש; הויך, מאגער, א יאהר זעכציג אלט, מיט פאלשע לאקען, אריינגעשטעלטע צייהן, מיט א גייסט און טואלעטען פון דער אלטער צייט.

— וואו האבען זיי אויסגעגראבען אזעלכע ליטעראטור־וואונ־

דער ?

— דער אפפאל פון דעם אדעל ווערט אימער אויפגעכאפט פון די ארויפגעקומענע בורזשואס !

— קיין אנדערע אורזאכען זיינען נישטא ?

— ניין !

דאן האט זיך אנגעהויבען א פאליטישער געשפרעך צווישען דעם שעף מיט ביידע אבגעארדענטע, נארבער דע ווארען און זשאק ריוואל, וועלכער האט אנגעהאלטען ביז צום דעסערט.

ווען זיי זיינען ווידער אריין אין סאלאן, איז דוראי ווידער צוגעגאנגען צו פרוי מארעל און האט איהר ארייגעקוקט אין די אויגען.

— קען איך איך היינט בעגלייטען אהיים ?

— ניין.

— פארוואס ניט ?

— ווייל הערר לאראש־מאטיע, ברענגט מיך אימער ביז צו מיין טיר, ווען איך עס דא דינער.

— ווען זעה איך איך ווידער ?

— קומט מארגען צו מיר אויף פריהשטיק.

און זיי האבען זיך צושיידט, ניט ריידענדיג מעהר קיין ווארט.

דוראי איז אין גיכען אוועק אהיים, געפינענדיג די געזעל־שאפט צו לאנגווייליג.

אראבגעהענדיג פון די טרעפ, האט ער אנגעיאגט נארבער־דע־ווארען, וועלכער איז אויך אוועקגעגאנגען.

דער אלטער דיכטער האט איהם גענומען אונטער'ן ארעם. אזוי ווי ער האט ניט געדארפט מורא האבען פאר דער קאנקורענץ פון דעם יונגען מאן, ווייל זיי האבען דאך געארבייט אויף צוויי גאנץ פערשיעדענע געביעטען, האט ער זיך פערהאלטען צו איהם מיט א מין פאטערליכער פריינדליכקייט.

— ווילט איהר מיך אביסעל בעגלייטען ?

דוראי האט געענטפערט :

— געוויס, מיט דעם גרעסטען פערגעניגען.

און זיי זיינען לאנגזאם אוועק איבער דעם בולוואר מאלערב.

פאריז איז געווען כמעט אויסגעשטארבען יענע נאכט. עס איז געווען קאלט, איינע פון יענע נעכט, ווען עס דאכט זיך, אז אלעס איז ווייטער, גרעסער, ברייטער, די שטערען העכער און דער אייזיגער ווינט ברענגט פון ערגעץ ווייט, ווייט, הינטער די וואל־קענס דעם אטהעם פון׳ם טויט... אין דער ערשטער מינוט האבען ביידע מענער גארנישט גערעדט.

דאן האט דוראי געזאגט, אום צו פערפיהרען א געשפרעך:

— דיעזער לאַראש־מאטיע שיינט צו זיין א גאנץ קלוגער און אינטעליגענטער מענש!

דער אלטער דיכטער האט ארויסגעמורמעלט:

— דענקט איהר אזוי?

דער יונגער מאן איז צומישט געווארען און האט ערשטווינט געזאגט:

— מען האלט דאך איהם פאר דעם פעהיגסטען מענשען אין דער דעפוטאטען־קאמער?

— דאס קען זיין. אונטער די בלינדע איז דער איין־אויגיקער אויך א קעניג. ווייסט איהר, די אלע מענשען זיינען גרויסע גאר־נישטען; ווייל זיי אלע מיט אלע זייערע געדאנקען, זיינען פער־שפארט צווישען צוויי ווענד — געלד און פאליטיק. דאס זיינען אלטע פעדאנטען, ליעבער פריינד, מיט וועלכע מען קען וועגען קיין זאך ניט רעדען, וועגען קיין זאך, וואס אונז אינטערעסירט. זייער פערשטאנד איז אין גאנצען אויסגעטריקענט געווארען, אדער בעסער געזאגט, אין גאנצען פערזומפיגט געווארען. אך, עס איז אזוי שווער צו געפינען א מענשען מיט א ווייטען בעגריף, נעבען וועלכען דו זאלסט זיך פיהלען עפעס פרייער, פרישער. איך האב געקענט א פאאר אזעלכע, אבער זיי זיינען שוין טויט.

נארבער־דע־ווארען האט גערעדט מיט א קלאהרער, אבער איינגעהאלטענער שטימע, וועלכע וואלט אבגעקלונגען אין דער שטילקייט פון דער נאכט, ווען ער וואלט זי ניט פערשטיקט.

ער האט געשיינט צו זיין טרויעריג, אין איינער פון יענע שטי־מונגען, וועלכע פאלען מאנכעס מאל אַן אויף דער נשמה און מאַ־

כען זי אויפציטערן, ווי די ערד אונטער'ן פראסט.

ער האט ווייטער גערעדט:

— אבער וואס איז די פעולה, צו איינער האט אביסעל מעהר צו אביסעל וויינינער שכל. עס געהט דאך סיי־ווי־סיי אלץ צו גרונד.

ער איז אנשוויגען געווארען.

דוראי, וועלכער איז דעם אבענד געווען זעהר פרעהלאך אויפ־געלייגט, האט געזאגט מיט א שמייכעל:

— איהר קוקט היינט מיט צו שווארצע אויגען, פערעהרטער מייסטער.

דער דיכטער האט געענטפערט:

— דאס טהו איך אימער, ליעבעס קינד. און אין א פאאר יאהר ארום וועט איהר עס אויך טהאן. דאס לעבען איז ווי א בארג, אויף וועלכען מען מוז ארויפקלעטערען. אזוי לאנג ווי מען קוקט ארויף צום שפיץ פיהלט מען זיך גליקליך. אבער איין מאל איז מען ארויפגעקומען אויבען, דערזעהט מען פאר זיך דעם סוף, דעם טויט. לאנגזאם געהט מען דעם וועג ארויף, אבער שנעל געהט מען איהם אראב. אין אייער עלטער שיינט איינעם אלעם אין א ראזאווען ליכט. מען האפט נאך אויף אזוי פיעל, וואס מען ערדייכט אויגענטליך קיין מאל ניט. אין מיינעם אבער האפט מען שוין מעהר אויף קיין זאך נישט אויסער..... דעם טויט.

דוראי האט גענומען לאכען:

— צום טייפעל, פון אייערע רייד לויפט מיר א קעלט איבער'ן רוקען אריבער.

נארבער־דע־ווארען האט ווייטער גערעדט:

„ניין, איך וויים, היינט פערשטעהט איהר מיך ניט, אבער ווען־עס־איז וועט איהר מיך פערשטעהן און וועט זיך דערמאנען אן מיינע רייד.

עס קומט א צייט, און פאר פיעלע קומט זי זעהר פריה, ווען צו שפיעל און טאנץ נעהמט א סוף, ווי מען זאגט, ווייל אויף אלעס, אויף וואס מען קוקט, דערזעהט מען דעם טויט.

אך, איצט פערשטעהט איהר אפילו ניט וואס עס מיינט דאס

ווארט טויט, אין אייער עלטער איז עס א פוסטער קלאנג. אין מיינעם אבער — איז עס מורא׳דיג.....

פלוצום בעגרייפט מען. מען ווייס אליין ניט פאר וואס און ווי אזוי. אבער מיט איין קלאפ קריעגט דאס לעבען גאר אן אנדער פנים. שוין פופצעהן יאהר ווי איך פיהל דעם טויט, איך פיהל ווי ער ארבייט אין מיר, ווי א חיה וואס פרעסט מיך אויף... איך פיהל ווי ער האלט מיך אין איין אונטערגראבען טאג אוים טאג איין ביסלעכווייז ווי אן אלטע הויז, וואס מוז איינפאלען. ער האט מיך אזוי פערענדערט, דאס איך קען זיך אליין ניט דערקענען. פון דעם לעבעדיגען, פרישען, קרעפטיגען מענשען, וואס איך בין געווען צו דרייסיג יאהר, איז גארנישט פערבליבען. איך האב געזעהן, ווי ער פארבט מיר אויף ווייס מיינע שווארצע האאר, און מיט וואס פאר א שלויער בייזער לאנגזאמקייט ער האט עס געטהאן! אך גאט, ער האט ביי מיר צוגענומען מיין פעסטע הויט, מיינע שטארקע מוסקולן, מיינע צייהן, מיין גאנצען קערפער און האט מיר נור איבערגעלאזען א פערצווייפעלטע נשמה, וועלכע ער וועט ביי מיר אויך באלד אוועקרויבען.

דער לופט האט מיך צוברעקעלט, האט לאנגזאם און מורא׳דיג, מינוט נאך מינוט מיין גאנץ לעבען צושטערט און איצט פיהל איך אין אלעם וואס איך טהו—דעם טויט. יעדע שטונדע ברייננגט מיך נעהנטער צו איהם, יעדע בעוועגונג, יעדער אטהעם־צוג מאכט שנעלער דעם וועג צום קבר. אטהעמען, שלאפען, טרינקען, עסען, ארבייטען, טרוימען, אונזער גאנצע טהעטיגקייט בעדייטעט דעם טויט... קורץ — לעבען הייסט שטארבען.

א, איהר וועט דאס אלעם נאך דערפיהלען. ווען איהר וועט נור איין פיערטעל שטונדע וועגען דעם א טראכט טהאן, וועט איהר גלייך דערשפירען זיין הויך. צו וואס שטרעבט איהר, וואס ערווארטעט איהר? ליעבע? נאך א פאאר קושען און איהר פערליערט די פעהיגקייט דערפון הנאה צו האבען.....

אדער געלד? צו וואס? אום צו קויפען ווייבער? א שענער גליק! אום א סך צו עסען? פעט צו ווערען און דאן זיך רייסען אויף די ווענד פון פאדאגרע? אדער גאר בעריהמטקייט? צו וואס

טויג זי אונז, אזוי לאנג ווי זי בעווייזט זיך ניט צו אונז אין דער געשטאלט פון ליעבע?

נו און דאן? אימער ווידער דער טויט, דאס איז די ענדע פון אלע ענדעס.

איך זעה איהם איצט אזוי נאהנט, אז מיר ווילט זיך אויס־ציהען די האנד און איהם אוועקטרייבען. ער בעהערשט די גאנ־צע ערד, דעם גאנצען וועלט־רוים. איך זעה איהם איבעראל. א קליין צוטראטען ווערימעל אויף'ן וועג, דאס פאלען פון די בלע־טער, א ווייסער האאר אין א פריינד'ס בארד, אלעס צורייסט מיר דאס הארץ, אלעס שרייט צו מיר: דאס איז ער!

ער פארביטערט מיר אלעס, וואס איך טהו, אלעס וואס איך זעה, וואס איך עס און טרינק, וואס איך ליעב — לבנה־שיין, ווי זון אויפגאנג, דעם גרויסען ים, די שענסטע טייכען, די מילדעסטע לופט און די שענע זומערדיגע פארנאכטען."

ער איז געגאנגען לאנגזאם, עטוואס פארסאפעט און האט גע־טרוימט אין דער הויך, ווי ער וואלט פארגעסען, אז מען הערט זיך צו צו זיינע רייד. און ער האט ווייטער גערעדט:

"און קיין מאל האט זיך נאך קיין איין וועזען ניט צוריקגע־קעהרט אויף דער ערד... די פארמע אין וועלכער מען גיסט אויס א פיגור—בלייבט. יעדער שטעמפעל בלייבט אום מען זאל איהם קע־נען נאך אמאל אבדריקען. אבער מיין קערפער, מיין פנים, מיי־נע געדאנקען, מיינע האפנונגען און מיינע פערלאנגען — זיי קעה־רען זיך קיין מאל ניט אום צוריק. און דאך וועלען מיליאנען און מיליארדען נפשות קומען, וועלכע וועלען האבען אויף דעם זעלבי־גען פלאץ א נאז, אויגען, שטערן און באקען, וועלכע וועלען א מויל האבען ווי איך, זאגאר א נשמה ווי איך, אבער איך וועל זיך שוין מעהר ניט צוריקקעהרען, און גאר נישט פון מיין אייגענעם נפש, קיין שפור פון מיר וועט ווידער ערשיינען צווישען די דאזי־גע אונצעהליגע און פערשיעדענארטיגע בעשעפענישען, וועלכע זיי־נען אזוי פערשיידען איינס פון דעם אנדערען און אזוי עהנליך איינס צום אנדערען.

אָן וואס זאלען מיר זיך שטיצען? אָן וואס זאלען מיר זיך אנ־

האלטען ? צו וועמען זאלען מיר רופען אין אונזער פערצווייפלונג און נויט ? אין וואס גלויבען ?

אלע רעליגיאנען, מיט זייער קינדערשער מאראל און ענגאאיס־טישע, אידיאטישע פערשפרעכונגען, זיינען ליגען, נישט געשטוי־גען און נישט געפלויגען.

נור דער טויט אליין איז אמת.״

ער האט זיך אבגעשטעלט, אנגענומען דוראַ׳ן ביי די שפיצען פון זיינע לאַצען און געזאָגט לאנגזאם :

— טהוט א טראכט וועגען דעם, יונגערמאן, טראכט זיך אין דעם גוט אריין, און איהר וועט דערזעהן דאס לעבען אין א גאנץ נייעם ליכט. פרובט איינמאָל זיך בעפרייען פון דעם אלעם, וואס רינגעלט אייך ארום, וואס האלט אייך געבונדען, פרובט איינמאָל מיט איבערמענשליכער אנשטרענגונג זיך אפצוזאָגען, וועהרענד איהר לעבט, פון אייער גוף, פון אייערע אינטערעסען, פון אייערע געדאנקען, פון דער גאנצער מענשהייט, אום צו שענקען אייער גאנצע אויפמערקזאמקייט צו עפעס אנדערש, — דאן ערשט וועט איהר בעגרייפען, ווי לעבערליך־קליינליך איז דער שטרייט צווישען די פערשיעדענע שוהלען אין דער ליטעראטור, ווי ניט וויכטיג איז די פראגע וועגען בודזשעט אין׳ם פארלאמענט.

ער האט גענומען געהן שנעלער.

״איהר וועט זיך אויך דאן בעקאנען מיט דעם שרעק פון פערצווייפלונג. איהר וועט זיך צאפלען און וועהרען, פערזונקען, פערלארען אין ספוקות. איהר וועט שרייען נאך הילף און קיין קול וועט אייך ניט ענטפערען. איהר וועט אויסשטרעקען אייערע הענד, וועט זיך בעטען, מען זאל זיך מרחם זיין איבער אייך, מען זאל אייך העלפען, מען זאל אייך טרויסטען, אבער קיינער, קיינער וועט ניט קומען, קיינער, קיינער וועט זיך ניט אנרופען.

און ווארום ליידען מיר אזוי ? ווארשיינליך, ווייל מיר זיי־נען געבארען, אום צו לעבען מעהר לויט די געזעצען פון דער מא־טעריע און וועניגער לויט די געזעצען פון׳ם גייסט. אבער א דאנק דער קראפט פון אונזער דענקען, איז א טיעפער תהום בעשאפען געווארען און זיך געעפענט צווישען אונזער הויך און ברייט־שווע־

בענדען גייסט און די אונערשיטערליכע געזעצען פון אונזער לע־בען. דער דורכשניטליכער מענש, אויב נור עס טרעפט איהם ניט עפּעס אן אונגליק, איז צופריעדען און פיהלט ניט די טראגעדיע פון דער מענשהייט. די חיה פיהלט עס אויך ניט."

ער האט זיך ווידער אפּגעשטעלט, נאכגעדענקט א ווײלע און דערנאך ארויסגערעדט מיט א מיעדער און יאוש'דיגער מינע:

— איך בין א פערלארענע בעשעפעניש. איך האב ניט קיין פאטער, קיין מוטער; קיין ברודער, קיין שוועסטער, קיינע קינדער, קיין גאט.

און ער האט צוגעלויגט:

— איך האב גאר נישט, אויסער דער פּאעזיע.

דאן האט ער אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל, וואו עס האט געשוועבט א בלייכע לבנה, און האט אנגעפאנגען צו דע־קלאמירען:

"איך זוך די לייזונג פון דעם דאזיגען דונקעלען רע־
טענים אויף דעם שווארצען און שטומען הימעל, וואו
עס שוועבט דער בלייכער שטערן."

זיי זיינען צוגעקומען צום קאנקארדען־בריק, זיינען איהם אריבער שווייגענדיגערהייד און האבען זיך דערנאך פערקירעוועט אין דער ריכטונג פון דעם פּאלאץ בורבאָן. דע־וואָרען האט ווי־דער אנגעהייבען:

— האָט חתונה, מיין פריינד, איהר ווייסט גאר ניט, ווי בי־טער עס איז צו לעבען אליין אין מיינע יאהרען. די איינזאמקייט איז א שרעק, די איינזאמקייט אין מיין וואהנונג ביינאכט, ווען איך זיץ ביים קאמין. דאן ווייזט זיך מיר אוים, אזוי ווי איך וואלט גע־ווען איינער אליין אויף דער גאנצער וועלט און מיך רינגלען ארום אלערליי געפאהרען, מורא'דיגע זאכען, וועלכע איך קען ניט. און די וואנד וועלכע טהיילט מיך אפּ פון מיין שכן וועלכען איך קען ניט, ווייזט זיך מיר אוים, איז אזוי ווייט פון מיר, ווי די שטערען, וועלכע איך זעה דורך מיין פענסטער. איך ווער אזוי נערוועז, א מין פיע־בער בעפאלט מיך, א פיעבער פאר שמערץ און מורא, און דאס שווייגען פון די וואנד מאכט מיר שיער משוגע. דאס שווייגען

פון א צימער, אין וועלכען מען וואָהנט גאנץ אליין, איז אזוי טיעף און טרויעריג, דאס עס דריקט שווער ניט נור אויף דיין קערפער, נור אויף דיין נשמה אויך, און יעדער שארף, דער מינדסטער גע־רויש פון די מעבעל, מאכט דיך אויפציטערען ביז אין דער טיעפס־טער טיעפעניש פון דיין זעעל, ווייל אין דעם דאזיגען טויטען הויז ערוואַרטעסט דו דאך ניט קיין שום קלאַנג.

ער איז ווידער אויף א רגע אנשוויגען געווארען און האט דער־נאך צוגעלויגט:

— אויף די עלטערע יאהרען זיינען קינדער דאך א טרויסט!

זיי האבען זיך אפגעשטעלט אין מיטען בורבאָן גאס נעבען א הויכען הויז, וואו דער דיכטער האט געוואהנט.

דע־ווארען האט אנגעקלונגען, א דריק געטהאָן דוראַי'ן די האנד און געזאגט:

— מיין ליעבער פריינד, פערגעסט אט די אלע נארישקיי־טען, וואס איהר האט היינט געהערט פון אן עלטערען מענשען, און לעבט זיך, יונגערמאַן, ווי אייך ווילט זיך. אדיע!

און ער איז פערשוואונדען הינטער דער דונקעלער טיר.

דוראַי איז אוועק ווייטער מיט א שווערען הארצען. איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז פאר איהם האט זיך געעפענט א גרוי־סע גרוב פולביינער און אוברים, אין וועלכער זיינע ביינער וועלען אמאָל אויך מוזען ליגען. ער האט ארויסגעמורמעלט:

— צום טייפעל, ווי עס שיינט, לעבט זיך איהם ניט אזוי פרעהלאך. איך וואלט ניט וועלען זיצען אין א טהעאטער, וואו זיינע געדאנקען און געפיהלען וואלטען אויף דער ביהנע פארגע־שטעלט געווארען. זאָל מיך גאט אויסהיטען פון אזא פארשטע־לונג.

ער האָט זיך אפגעשטעלט, אום אפצוטרעטען דעם וועג א פערפיומירטער דאמע, וועלכע האט פון איהר וואגען ארויסגע־שטייגט און איז אין איהר הויז געגאנגען. ער האט גיעריג איינגע־זויגט דעם גערוך פון דעם געשמאקען פערפיום, וואס זי האט נאך זיך הינטערגעלאזט. זיין הארץ און זיין לונגען האבען פלוצים זיך א צאפעל געטהאָן פאר האפנונג און פרייד און ער האט זיך מיט

אמאָל דערמאָנט אן פרוי מארעל, וועלכע ער האט מארגען ווידער געזאלט זעהן.

אלסדינג האט איהם אנטקעגען געשמייכעלט, דאס לעבען האט איהם צערטליך אויפגענומען, זיינע האפנונגען ווערען מקוים, פערווירקליכט.

מיט דעם דאזיגען געדאנק איז ער איינגעשלאפען און אויף מארגען איז ער אויפגעשטאנען גאנץ פריה, אום א שפאציער־גאנג צו מאכען איבער דער עווענין פון בולאנעם וואלד, איידער ער געהט צו פרוי מאָרעל.

און אזוי ווי דער ווינד האט זיך זייט נעכטען אבענד איבער־געדרעהט, איז דאס וועטער מילדער געווארען. עס איז געוועזן ווארים און די זון האט געשיינט ווי אין אפריל.

אין דעם דאזיגען אין דער־פריה זיינען די שטענדיגע בעזור־כער פון דעם בולאנעם וואלד ארוים שפאצירען, א דאנק דעם שע־נעם וועטער.

דוראי איז לאנגזאם געגאנגען און געזויגען אין זיך די לייב־טע, מחיה׳דיגע לופט פון׳ם פריהלינג. פערביינעגאנגען דעם ארק דע־טריאומף, איז ער אריבער אויף די אנדערע זייט, וואו עס האבען זיך געטראגען רייטערם און רייטערינס. ער האט געקוקט אויף די פרויען און מענער, אלע בעוואוסטע פערזאנען, וואס האבען זיך דארט פערביינעטראגען אויף זייערע פערד, איצט אבער האט ער זיי ניט מקנא געוועזן. ער האט זיי געקאנט כמעט אלעמען נאך׳ן נאמען, געוואוסט, וויפיעל געלד יעדער פון זיי פערמאגט און אויך די פערבארגענע זייט פון זייער לעבען, דען זיין פראפעססיאן האט פון איהם געמאכט א מין קאלענדאר פון בעריהמטהייטען און סקאנדאל־געשיכטען.

רייטערינס זיינען פערביינעפאהרען, שלאנק, אין דונקעלע רייט־קליידער, מיט יענער שטאלצער און ניט־ריהר־מיך־אָן מינע, וועלכע מען זעהט ביי פיעל פרויען, בעת זיי רייטען אויף א פערד. און דוראַי האט זיך אמוזירט מיט דעם, וואס ער האט אין דער שטיל אנגערופען דעם נאמען, דעם ראנג און די איינגעשאפטען פון די ליעבהאבער, וועלכען יעדע פון די דאזיגע פרויען האט גע־

האט אדער, וועלכען, מען האט גערעדט, אז זי האט. און מאנ־כעסמאל זאגאר אנשטאדט צו זאגען:

באראן דע־טאנקעלע,

פרינץ דע־לא־טור־אנגעראן,

האט ער געמורמעלט: דער אינזועל לעסבאס.

לואיזא מישא, פון'ם וואדעוויל.

ראזא מארקעטען, פון דער אפערא.

דער דאזיגער שפאס האט איהם אזוי אמוזירט, אזוי ווי ער וואלט ענטדעקט אונטער דער פרומער אויסערליכקייט פון אן אס־קעט, א פרוש, די גרעסטע געמיינהייט און שאנד און דאס וואלט איהם געפרעהט, ערמונטערט און געטרויסט.

דאן האט ער געזאגט אויף'ן קול: "צבועיקעס!" און האט נאכ־געקוקט יענע רייטערס, פון וועלכע מען האט אם מייסטען דער־צעהלט סקאנדאליעזע געשיכטען.

ער האט געזעהן פיעלע, וועלכע זיינען געשטאנען אונטער א פערדאכט, אז זיי זיינען שולערס, געמבלערס און פאר וועמען די קלובס זיינען געווען די איינציגע קוועלען צו מאכען געלד.

דיעזער בעוואוסטער מאן דארט האט געלעבט פון זיין ווייבס געלד. אויף יענעם דארט, זאגט מען, אז ער לעבט אויף די קאס־טען פון זיין מאטרעסע. און דער דארט האט בעצאהלט זיינע שולדען — דאס איז זעהר עהרליך — אבער מען האט קיין מאל ניט געקענט דערגעהן, וואו ער האט גענומען דאס געלד.

ער האט געזעהן הערען פון דער גרויסער פינאנץ־וועלט, וועמענס ריעזיגער פערמעגען האט געשטאמט פון א גנבה, און דאך האט מען זיי צוגענומען איבעראל, אין די בעסטע הייזער. און דאן מענער, פאר וועמען אלע האבען דרך ארץ געהאט, פאר וועמען דער קליינער בורזשוא האט ארונטערגענומען דאס היטעל און וועמענס פרעכע ספעקולאציאנען ביי גרויסע נאציאנאלע אונטערנעהמונגען זיינען ניט געווען קיין געהיימנים פאר די יעני־גע, וועלכע האבען געקוקט אביסעל טיעפער...

אלע האבען אויסגעזעהן שטאלץ, האבען פרעך געקוקט ארום זיך — אי די וואס האבען געטראגען באקען־בארדען, אי די וואס

האבען נור געהאט וואנצעס.

דוראַי האט א לאך געטהאָן פאר זיך און געזאגט: — א פיי־נע באנדע זשוליקעס. איינער ווי דער אנדערער!

עס איז פערביי געפאהרען אן אפענע, רייצענדע, ניעדעריגע קארעטע פון צוויי קליינע, ווייסע פאָניס געטראגען. א יונגע בלאנ־דע דאמע, א בעריהמטע פראסטיטוטקע האט אנגעטריעבען די פערד, וועהרענד צוויי דיענער זיינען געזעסען פון הינטען אויף דער קעלנע. דוראי איז געבליעבען שטעהן. איהם האט זיך פערוואלט בעגריסען די דאזיגע פריסטערין פון ליעבע, וועלכע האט עפענט־ליך, פרעך און אונפערשעהמט ארויסגעצייגט דעם לוקסוס, וועל־כען זי האט זיך פערדיענט מיט איהר אייגענעם קערפער.

פילייכט האט ער געהאט א אונבעשטימט געפיהל, אז צוויי־שען איהם און איהר איז דא עפעס געמיינזאמעס, עפעס א נאטיר־ליכער באנד, אז זיי ביידע געהערען צו איין מין, צו איין ראסע, אז זיי האבען איין נשמה און אז זיינע ערפאלגען וועט ער ערדייכען מיט די זעלבע ציניש און פרעכע מיטלען ווי זי.

לאנגזאם איז ער אוועק צוריק, ער האט זיך געפיהלט בע־פריעדיגט און איז געקומען עטוואס פריהער פאר דער בעשטימ־טער צייט צו זיין אמאליגער געליעבטער.

זי האט איהם עמפפאנגען מיט א קוש, אזוי ווי צווישען זיי וואלט גארנישט פאסירט, און האט אויף א פאאר מאמענטען זא־גאר פארגעסען די פארזיכטיגקייט, וועלכע זי האט ביי זיך אין דער היים אימער אבגעהיט. דאן האט זי א קוש געטהאָן זיינע געקרייזטע וואנצעס און האט געזאגט:

— דו ווייסט גארנישט, וואס פאר א פערדרוס איך האב, מיין טהייערער, איך האב געהאפפט, אז מיר וועלען האבען א שע־נעם "האניג מאנאט" און דא פלוצים פאלט מיר מיין מאן ארונ־טער אויף'ן קאפ אויף גאנצע זעקס וואכען. אבער איך מוז דיך זעהן, איך וויל ניט זיין אהן דיר אזא לאנגע צייט, בעזונדערס נאך אונזער קליינער קריעגעריי און אָט וואס איך האב אויסגע־טראכט. דו ווערסט מאנטאג איינגעלאדען אהער צום טיש, איך האב איהם שוין דערצעהלט פון דיר. איך וועל דיך מיט איהם

בעקאַנט מאַכען.

דוראַי איז אַוודאי געווען אונענטשלאָסען, איהם איז נאָך קיין מאָל נישט אויסגעקומען זיך צו טרעפען מיט אַ מאַן, מיט וועמענס פרוי ער האָט געהאַט אַ אינטימען פערקעהר. ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל זיך נים פערראַטען דורך עטוואַס — אַ בליק, אַ וואָרט, אַ בעוועגונג, און ער האָט אַרויסגעשטאַמעלט:

— ניין, איך וואָלט בעסער וועלען ניט בעקאַנט ווערען מיט דיין מאַן.

זי איז געווען זעהר ערשטוינט, איז בעשטאַנען אויף איהר וואונש, און, אַנגעקוקט איהם מיט גרויסע נאַאיווע אויגען, האָט זי געפרעגט:

— אָבער פאַרוואָס ניט? וואָס פאַר אַ נאַרישקייטען? דאָס איז דאָך אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך: איך האָב דיך ניט געהאַלטען פאַר אַזאַ נאַר.

דוראַי האָט זיך בעליידיגט:

— גוט, איך קום מאָנטאַג צום עסען.

זי האָט נאָך צוגעלייגט:

— אום עס זאָל ניט זיין אויפפאַלענד, וועל איך די פאָרעס־טיעס אויך איינלאַדען. דו ווייסט דאָך, אַז געוועהנליך ליעב איך ניט צו האָבען ביי זיך געסט.

ביז מאָנטאַג האָט דוראַי ניט געטראַכט וועגען דער דאַזיגער בעגעגעניש; אָבער ווען ער איז געגאַנגען אויף די טרעפ צו פרוי מאַרעל, איז ער דאָך געווען עטוואָס אויפגערעגט, ניט חלילה, ווייל ער האָט זיך געשעהמט דעם מאַן'ס האַנד צו נעהמען, זיין וויין צו טרינקען און זיין ברויט צו עסען, נור ווייל ער האָט געהאַט אַ אונבעשטימטע אַנגסט פאַר עטוואָס, פאַר וואָס האָט ער אַליין ניט געוואוסט.

מען האָט איהם אַריינגעפיהרט אין סאַלאָן און ער האָט גע־וואַרט ווי אימער.

דאַן האָט זיך געעפענט די טיר פון צווייטען צימער און ער האָט דערזעהן אַ הויכען מאַן מיט אַ ווייסער באָרד, זעהר אַ ווירדי־גען מיט אַ אָרדען אין לאַץ, וועלכער איז איהם העפליך אַנטקעגען

געגאנגען מיט די ווערטער:

— מיין פרוי האט מיר פון אייך פיעל דערצעהלט און עס פרעהט מיך מיט אייך בעקאנט צו ווערען.

דוראי איז איהם אנטקעגען געגאנגען און האט זיך געסטא־רעט צו זיין זעהר ליעבענסווירדיג. ער האט שטארק געדריקט די אויסגעשטרעקטע האנד פון דעם ווירט, דאן האבען זיי זיך גע־זעצט, אבער ער האט ניט געוואוסט וועגען וואס צו ריידען.

הערר מארעל האט אריינגעווארפען א שטיק האלץ אין קא־מין און געפרעגט:

— זייט איהר שוין לאנג א זשורנאליסט?

דוראי האט געענטפערט:

— זייט איניגע מאנאטען.

— אויב אזוי, האט איהר שנעל געמאכט א קאריערע!

— יא, זעהר שנעל, — און ער האט גענומען ריידען מיט אלטע אויסגעדראשענע פראזען, וואס עס פאסירט אפט, ווען עס טרעפען זיך גאנץ אונבעקאנטע מענשען. ביסלאכווייז איז ער ביי זיך זיכערער געווארען און זיין לאגע האט איהם גענומען פער־שאפען שפאס. ער האט געקוקט אויף דעם ווירדיגען, ערנסטען פנים פון הערר מארעל און איהם האט זיך שטארק פערוואלט לא־כען. ער האט געטראכט: "נא, מיין אלטינקער, דיר האב איך נישקשה'דיג הערנער ארויפגעזעצט!" און ער האט געפיהלט א געהיימע, נידערטרעכטיגע בעפרידיגונג פון א גנב, וועמען זיין גנבה האט אבגעגליקט אזוי, דאס אויף איהם איז נישט געפאלען אפילו דער מינדעסטער פערדאכט. א פערברעכערישע, א שופטי־שע בעפריעדיגונג! ער האט פלוצום געקריעגען א פערלאנג צו ווערען דער פריינד פון דעם דאזיגען מאן, געווינען זיין צוטרויען און ארויסקריעגען ביי איהם אלע געהיימע און פערבארגענע זא־כען פון זיין לעבען.

פרוי מארעל איז פלוצום אריין אין צימער און, געווארפען אויף זיי א שמייכלענדיגען בליק, איז זי צוגעגאנגען צו דוראי, וועל־כער האט אין דער אנוועזענהייט פון דעם מאן ניט געוואגט א קוש צו טהאן איהר האנד.

זי איז געווען רוהיג און פרעהלאך, אזוי ווי זי וואלט געהאל־טען די דאזיגע באגעגעניש פאר א גאנץ נאטירליכע. די קליינע לארינא איז אריינגעקומען און צוגעגאנגען צו דוראַי'ן, ער זאל איהר א קוש טהאָן אין שטערן, ווי אימער. דעם פאטער'ס גע־גענוווארט האט זי געמאכט פערלעגען. די מוטער האט געפרעגט:

— פארוואס רופסטו איהם היינט ניט: שענער פריינד?

דאס קינד איז הויט געווארען, אזוי ווי די מוטער וואלט ארונ־טערגעריסען דעם שלייער פון עפעס א געהיימען ווינקעלע פון איהר נשמה....

ווען די פארעסטיעס זיינען געקומען, האבען זיך אלע דער־שראקען פון שארל'ס אויסזעהן; אין פערלויף פון א וואך איז ער שרעקליך מאגער און בלייך געווארען און האט אהן אן אויפהער געהוסט. ער האט דערצעהלט, אז דעם קומענדען דאנערסטאג פאהרען זיי אין קאַנן אויף דעם שטרענגען אנזאג פון דאקטאר. זיי זיינען פריה אוועק און דוראַי האט געזאגט שאקלענדיג מיט'ן קאָפּ:

— איך גלויב, ער וועט שוין ניט לאנג ציהען.

פרוי מארעל האט מיט אן ערנסטען טאָן צוגעשטימט:

— יא, ער איז א פערלארענער. אט איז א מענש, וועמען עס האט אבגעגליקט צו קריגען א ריכטיגע ווייב!

דוראַי האט געפרעגט:

— זי העלפט דען איהם פיעל?

— מען קאָן זאגען, אז זי טהוט אלעס. זי ווייס אלעס, וואס עס טהוט זיך ארום, זי קען יעדען מענשען, הגם קוקענדיג אויף איהר קען מען מיינען, אז זי קען קיינעם ניט. זי פיהרט אויס אלסדינג וואס זי וויל, ווען זי וויל און ווי זי וויל. אה, זי איז שלוי־ער, געשיקטער, מעהר אינטריגאנטין, ווי ווער עס איז. זי איז אן אמת'ער אוצר פאר א מענשען, וואס וויל זיך ארויפארבייטען.

דוראַי האט געפרעגט:

— זי וועט וואהרשיינליך באלד ווידער חתונה האבען?

פרוי מארעל האט געענטפערט:

געווים, עס וואלט מיך גארניט וואונדערן, ווען איך זאל זיך

דערוויסען, אז זי האט שוין וועמען עס איז אין אויג... און אבגע־ארדענטען.... דאס הייסט, ווען ער איז איינפערשטאנדען... דען... דען... עס קען זיין הינדערניסע.... מאראלישע שטערונגען... אבער.. איך וויים גארנישט.

הערר מארעל האט געזאגט מיט א לייכטען פערדרוס אין קול:

— אימער פערדעכטיגסטו מענשען אין אזעלכע מיאוסע זא־כען, מיר געפעהלט עס ניט. לאמיר זיך ניט אריינמישען אין פרעמ־דע געשעפטען. זאל יעדער האנדלען נאך זיין אייגענעם געוויסען. עס וואלט געווען גוט, ווען אלע זאלען האנדלען און זיך פיהרען נאך זייער אייגענעם געוויסען.

דוראי איז אוועק מיט א אונרוהיגען הארצען און פערשיעדע־נע אונבעשטימטע פלענער אין קאפ.

אויף'ן צווייטען טאג איז ער אוועק בעזוכען די פארעסטיעס און האט זיי געפונען ביים פאקען.... שארל איז געלעגען אויף דער זאפע, האט שווער געאטהעמט און אלץ גע'טענה'ט:

— איך האב שוין זייט פיער וואכען געמוזט אוועק.

דאן האט ער איבערגעגעבען דוראי'ן א גאנצע מאסע אינס־טרוקציאנען וועגען דער צייטונג, הגם אלסדינג איז שוין פריהער געווען אבגערעדט און אבגעמאכט מיט הערר וואלטער.

ווען דוראי איז אוועקגעגאנגען, האט ער שטארק א דריק גע־טהאן זיין קאלעגע די האנד:

— נא, אלטער פריינד, צום שנעלען ווידערזעהן!

אבער ווען פרוי פארעסטיע האט איהם בעגלייט ביז דער טיר, האט ער צו איהר געזאגט:

— איהר האט דאך נישט פארגעסען אונזער אבמאך? מיר זיינען דאך געבליעבען פריינד, ניט אמת? אלזא אין פאל ווען איהר זאלט מיך דארפען האבען, שיקט מיר א טעלעגראם, אדער א בריעף, און איך טהו אלעס וואס איהר ווילט.

זי האט געמורמעלט:

— א גרויסען דאנק, איך וועל עס ניט פארגעסען.

און איהר בליק האט איהם אויך געדאנקט, אבער נאך זיסער, נאך צערטליכער.

ווען דוראַי איז אַרונטער פון די טרעפּ, האָט ער בּעגעגענט דעם גראַף וואַדרעק, וועלכען ער האָט שוין אַמאָל בּיי איהר געט־ראָפען, געהענדיג לאַנגזאַם אַרויף די טרעפּ. דער גראַף האָט אויס־געזעהן טרויעריג — אפשר ווייל זי פאָהרט אוועק ?

דוראַי האָט זיך געוואָלט ווייזען אַלס וועלט מאַן און ער האָט איהם העפליך געגריססטם.

דער גראַף האָט געענטפערט אויף זיין גרוס העפליך, אָבער שטאָלץ.

הער און פרוי פאָרעסטיע זיינען אָבּגעפאָהרען דאָנערשטאָג בּיי־נאַכט.

7

אַ דאַנק פאָרעסטיעס אָבּוועזענהייט איז דוראַי געוואָרען אַ וויכטיגע קראַפט אין דער רעדאַקציאָן פון דאָס "פראַנצויזישע לע־בען". ער האָט אָנגעשריעבּען אַ פּאָאַר לייט־אַרטיקלען, הגם ער איז געבּליעבּען בּיי זיין אָבּטהיילונג פון די נייעס, ווייל דער שעף האָט פערלאַנגט, אַז יעדער מיטאַרבּייטער זאָל זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר זיין אַרבּייט. איהם איז אויסגעקומען צו האָבּען עטליכע פּאָלעמי־קעס, פון וועלכע ער איז אַרויס דער זיעגער. זיינע שטענדיגע בּעציהונגען מיט שטאַאַטס־מענער האָבּען איהם בּיסלאַכוויין פּאָר־בּערייט צו דער ראָלע פון אַ געשיקטען, שאַרף־זיניגען מיטאַרבּיי־טער פאַר דער פּאָליטישער אָבּטהיילונג.

אויף דעם האָריזאָנט פון זיין לעבּען איז געווען בּלויז איין וואָלקענדעל. אַ געוויסע געגנערישע צייטונג איז שטענדיג אָנגע־פאַלען אויף איהם און ניט אויפגעהערט צו אַטאַקירען איהם אַלס דעם נייעס־רעדאַקטאָר פון דאָס "פראַנצויזישע לעבּען". וואַל־טער'ס שרייבּ־קנעכט האָט איהם גערופען דער אַנאָנימער מיט־אַרבּייטער פון יענעם פיינדליכען בּלאַטט, "די פעדער".

יעדען טאָג זיינען דאָרט געשטאַנען ניעדערטרעכטיגקייטען, שטעבּ־ווערטלאַך און אַלערליי אינסינואַציאָנען.

און איין טאָג האָט זיך זשאַק ריוואַל אָנגערופען צו דוראַי'ן:

— איהר האט צופיעל געדולד.

דער צווייטער האט גענומען שטאמלען:

— וואס זאל איך טהאָן? קיין דירעקטע אנגריפע זיינען דאך דארט נישטאָ.

איין מאָל, ווען ער איז אריינגעקומען אין דער רעדאקציאן, האט איהם בוארענאר דערלאנגט א נומער פון דער "פעדער".

— דא איז ווידער דא זעהר אן אונאנגענעהמע בעמערקונג וועגען אייך.

וועגען וואס האנדעלט עס?

— וועגען א נארישקייט. וועגען א געוויסער פרוי, וועלכע איז ארעסטירט געוואָרען פאר אונאנשטענדיגקייט.

דוראָי האט גענומען די צייטונג און איבערגעלעזען דעם ארטיקעל אונטער דעם טיטעל: "דוראָי'ס קליינע שפאסען".

"דער בעריהמטער רעפארטער פון דאס "פראנצויזישע לעבען" האט אונז היינט ערקלעהרט, אז פרוי אובער, וועגען וועלכער מיר האָבען געשריעבען, אז זי איז ארעסטירט געוואָרען פאר אונאנשטענדיגע אויפפיהרונג, עקזיסטירט נור אין אונזער פאנטאזיע. אבער מיר האבען זיך דערוואוסט, אז די דאזיגע פרוי וואהנט אין דער געגענד מאָנטמאַרטער, רו עקיורעיל נומער אכטצעהן. מיר פערשטעהען גאנץ גוט, וואס פאר א אינטערעס, אדער וועלכע אינטערעסען עס צווינגען וואלטער'ס באנדע צו פערטהיידיגען די אגענטען פון דער פאליציי, וועלכע זעהן כלומרשט ניט זייערע שווינדלערשע געשעפטען. דער רעפארטער אבער, וועגען וועלכען דא האנדעלט זיך, וואלט אונז בעסער געגעבען איינע פון זיינע סענסאציאנעלע נייעס, אויף וועלכע ער איז אזא מייסטער: נייעס וועגען עמעצענס טויט, וואס ווערט אויף מארגען אבגעלייקענט, בעריכטען וועגען מלחמות, וועלכע עקזיסטירען גארניט, וועגען וויכטיגע רייד פון קעניגע, וועלכע יענע האבען ניט גערעדט, קורץ אלע יענע נאכריכטען, וועלכע דיענען וואלטער'ס פראָפיטען. אדער ער וואלט גאר דערצעהלט פיקאנטע געשיכטען וועגען אן אבענד ביי א בעוואוסטער דאמע, צו ער וואלט געלויבט די מעלות פון געוויסע פראדוקטען, וועלכע זיינען א גאָלד־גרוב פאר געוויסע קא־

לעגען.״

דער יונגער מאן איז געווען מעהר פערוואונדערט ווי אין כעס, ער האט אבער פערשטאנען, אז אונטער דעם איז געלעגען עט־וואס אונאנגענעהמעס פאר איהם.

בוארענאר האט דאן געפרעגט:

— ווער האט אייך צוגעשטעלט יענעם בעריכט?

דוראַי האט אומזיסט געזוכט זיך צו דערמאַהנען. פלוצים איז עס איהם איינגעפאלען:

— סען פאטען! — האט ער אויסגערופען.

דערנאך האט ער איבער־א־נייס איבערגעלעזען דעם ארטיקעל אין דער ״פערער״ און איז רויט געווארען פון דעם פארוואורף, אז ער פערקויפט זיך.

— הייסט עס, זיי בעהויפטען, אז מען בעצאהלט מיר פאר...

בוארענאר האט איהם אונטערבראכען:

— געוויס, און דאס איז פאר אייך זעהר אונאנגענעהם. דער שעף פערהאלט זיך זעהר שטרענג צו אזעלכע זאכען. אז ניט וואלטען אזעלכע ארטיקלען געשריעבען געווארען צו אפט...

אין דיעזער צייט איז אריין סען פאטען. דוראַי איז צו איהם צוגעגאנגען.

— האט איהר געלעזען די נאטיץ אין דער ״פעדער״?

— יא, איך קום דאס איצט פון דער פרוי אובער. זי עק־זיסטירט ווירקליך, אבער זי איז נישט ארעסטירט געווארען. וואס אנבעלאנגט איהר ארעסט, אין דעם איז נישטא קיין וואהרעס ווארט.

דאן איז דוראַי אוועק צום שעף. יענער האט איהם צוגענו־מען קאלט און מיסטרויאיש. און, אויסגעהערט די זאך, וועגען וועלכער עס האט זיך געהאנדעלט, — האט ער געענטפערט:

—געהט איהר אליין אוועק צו דער פרוי אובער און לייקענט דאן אלעס אב אין אזא וועג, אז מען זאל אייך לאזען צופריעדען מיט אזעלכע געשיכטען. אזעלכע זאכען זיינען אונאנגענעהם פאר דער צייטונג, פאר מיר און פאר אייך. דער נאמען פון א זשור־נאליסט מוז זיין פונקט אזוי ריין ווי דער נאמען פון א פרוי.

דוראַי האט גענומען א דראשקע און איז אוועק מיט פאטען.

ער האט דעם קוטשער געהייסען פאהרען צו רו דע עקיורעיל 18, מאנמארטער.

דאס איז געווען זעהר א גרויסע הויז. זיי האבען געמוזט ארויפקלעטערען זעקס שטאָק. אן אלטע פרוי אין א וואלענער בלוזע, האט געעפענט די טיר:

— נו, וואס ווילט איהר שוין ווידער? — האט זי געפרעגט, דערזעהענדיג סען פאטען.

ער האט געענטפערט:

— איך ברייננ אייך דא א הערר, וועלכער איז דער פאלי־ציי־קאמיסאר, ער וואלט זעהר גערן וועלען אויסהערען די געשיכ־טע.

זי האט זיי אריינגעלאזען אינעווייניג און דערצעהלט:

— נור וואס זיינען דא געווען עפעס הערען, פאר א צייטונג, איך ווייס ניט פאר וועלכע.

דאן האט זי זיך א קעהר געטהאָן צו דוראָי׳ן:

— אלזא איהר ווילט עס הערען?

— יא. איז דאס אמת, אז אן אגענט פון דער פאליציי וואס היט אב די מאראל, האט אייך ארעסטירט?

זי האט א פאטש געטהאָן מיט די הענד:

"עס הויבט זיך גארנישט אָן, קיין מאָל אין לעבען נישט. עס איז אזא געשיכטע: מיין קצב האט גוטע פלייש, אבער זעהר א שלעכטע וואג. איך האב עס שוין לאנג בעמערקט, אבער איך האב קיין מאָל גארנישט געזאגט. אנומעלט בעט איך צוויי פונט קאָטלעטען, ווייל איך האב זיך געריכט אויף מיין טאכטער און מיין איידעם צו מיטאג. און דא זעה איך אז ער וועגט מיר עפעס אבפאל, שטיקלאך מיט ברעקלאך, אמת אפילו פון קאָטלעטען, אבער ניט פון מיינע. איך האב געקענט פון זיי מאכען א סופ, אבער ווען איך קויף קאטלעטען, וויל איך נישט האבען וואס בלייבט איבער פון אנדערע.

"איך האב עס ניט געוואלט נעהמען. האט ער מיך גענומען זידלען און אנגערופען אלטע מכשפה; זידעל איך איהם צוריק און זאג, אז ער איז אן אלטער בעטריגער, קורץ, א ווארט פאר א ווארט,

מיר האבען זיך אזוי צוקאכט, אז פאר'ן קראם האט זיך צוזאמענגעקליבען אן עולם מענשען, וואס האט זיך געקייקעלט פאר געלעכטער. צום סוף איז צוגעקומען א פאליציסט און האט אונז פארגעשלאגען, מיר זאלען געהן צום קאמיסאר און ער וועט אונז אויסגלייכען. מיר זיינען אוועק אהין, און זיינען באלד צוריקגעקומען צוקריעגטע ווי געוועזן. פון דאן אן קויף איך פלייש ביי אן אנדער קצב און געה קיין מאל ניט פערביי יענעם קראָם, ווייל איך וויל אויסמיידען א סקאנדאל.״

זי איז אנשוויגען געווארען און דוראַי האט געפרעגט:

— איז דאס אלעס?

— דאס איז אלעס און דאס איז די ריינע וואהרהייט, ליעבער הערר!

די אלטע האט איהם פארגעשלאגען א גלעזעל שנאפּס, פון וואס ער האט זיך אבגעזאגט. דאן האט די אלטע גענומען פאדערן, אז אין דעם בעריכט זאל דערמאנט ווערען וועגען די בעטריגערייען פון'ם קצב.

ווען דוראַי איז צוריק געקומען אין רעדאקציאן, האט ער אנגעשריעבען דעם פאלגענדען ענטפער:

״אן אנאנימער שמירער פון דער ״פעדער״ האט ארויסגעשלעפּט די פעדער, אום מיך אריינצוציהען אין א ויכוח וועגען אן אלטער פרוי, וועגען וועלכער ער בעהויפּטעט, אז זי איז געוועזן ארעסטירט פון א פּאליציי־אגענט, וואס היט אב די מאראל. איך לייקען דאס אב. איך האב אליין געזעהן די פרוי אובער, וועלכע איז אם וויינינגסטענס א יאהר זעכציג אלט. זי האט מיר מיט אלע איינצעלהייטען דערצעהלט וועגען איהר קריעג מיט עפּעס א קצב פאר ניט דערוועגען קאָטלעטען. דער דאזיגער שטרייט צווישען איהר און דעם קצב האט זיך געענדיגט ביים קאמיסאר.

דאס איז די גאנצע געשיכטע.

וואס אנבעלאנגט די איבעריגע אינסינואציאנען פון דעם מיטארבייטער פון דער ״פעדער״, פעראכטע איך זיי. אויסער דעם ענטפערט מען ניט אויף אזעלכע אנגריפער, ווען זייער אויטאר בעהאלט זיך אונטער א מאסקע.

דזשארדזש דוראַי".

הערדן וואלטער און זשאק ריוואל איז געפעלען געווארען די דאזיגע בעמערקונג און עס איז בעשלאסען געווארען, אז זי זאל נאך דעם זעלבען טאג ערשיינען אונטער די לאקאלע נייעס.

דוראַי איז פריה אוועק אהיים, עטוואס אויפגערעגט און בעאונרוהיגט. וואס וועט דער אנדערער ענטפערן? ווער איז דאס געווען? פארוואס פערפאלגט ער איהם אזוי גראָב? קענענדיג די העפטיגקייט פון די זשורנאליסטען, האט ער מורא געהאט, אז די דאזיגע נארישע געשיכטע זאל נישט האבען א שלעכטען סוף.

ער האט פערבראכט א זעהר אונרוהיגע נאכט.

ווען ער האט אויף מארגען איבערגעלעזען זיין נאטיץ אין צייטונג, האט זיך איהם געדאכט, אז געדרוקטערהייט קלינגט זי פיעל שארפער, ווי ווען ער האט זי געשריעבען. ער האט געדענקט אז אייניגע אויסדריקע האט ער געדארפט מילדערן.

דעם גאנצען טאג איז ער געווען שטארק אויפגערעגט און איז ווידער שלעכט געשלאפען די נאכט. אזוי שנעל ווי עס איז טאג געווארען, איז ער אויפגעשטאנען, אום וואס גיכער צו קויפען א נומער פון דער "פעדער" וואו עס האט געדארפט ערשיינען אן ענטפער אויף זיין נאטיץ.

עס איז ווידער קאלט געווארען. עס איז געווען א שטארקער פראסט. דאס וואסער אין די קאנאוועס איז פערפרארען געווארען און האט זיך געצויגען איבער די טראטוארען ווי אייז־שטענגעס.

די צייטונגען זיינען נאך ניט אנגעקומען צו די צייטונגס־פערקויפער און דוראי האט זיך דערמאנט אן דעם טאג, ווען עס איז געדרוקט געווען זיין ערשטער ארטיקעל: "עראינערונגען פון אן אפריקאנישען יעגער". הענד און פיס האבען איהם אבגענומען פון קעלט און געטהון שטארק וועה טהאָן. איבערהויפט האבען איהם געשטאכען די שפיץ־פינגער. ער האט גענומען ארומלויפען ארום א צייטונגס־ביידעל, אין וועלכען עס איז געזעסען א פערקויפערין מיט די פיס אויף א פייער־טאָפּ.

צום סוף האט זיך בעוויזען דער מאן מיט די צייטונגען, וועלכע ער האט איבערגעגעבען דער פרוי. זי האט געעפענט דעם בינ־

טעל טאג־בלעטער און דערלאנגט דוראַי׳ן א צוזאמענגעלייגטען נומער ״פעדער״.

ער האט געגומען זוכען זיין נאמען, אבער צוערשט האט ער גאר נישט געזעהן. ער האט שוין פרייער אבגעאטהעמט ערשט פלוצים האט ער בעמערקט דעם ענטפער:

״הערר דוראי פון דאס ״פראנצויזישע לעבען״ האט געוואָלט אלעם אבלייקענען, און אבלייקענדיג זאגט ער ליגען. ער גיט אבער צו, אז פרוי אובער עקזיסטירט און אז אן אגענט האט זי גע־שלעפט אין דער פאליציי אריין. עס בלייבט נור איבער צו צו־זעצען, אז דער אגענט איז געווען פון יענעם סארט, וואס איז גע־שטעלט אויף אבצוהיטען די מאראל און אלעם וועט שטימען.

אבער דער געוויסען פון געוויסע זשורנאליסטען שטעהט אויף איין שטופע מיט זייער טאלאנט.

איך שרייב זיך אונטער

לודוויג לאגרעמאנט.״

דוראַי׳ס הארץ האט גענומען שטארק קלאפען. ער איז אוועק אהיים זיך איבערטהאָן, הגם ער האט ניט געוואוסט, וואס אייגענטליך ער טהוט. מען האט איהם אלזא בעליידיגט און אזוי בעליידיגט דאס קיין זאך וועט דא ניט העלפען. און פאַרוואס? פאר א גארנישט! צוליעב אן אלטער פרוי, וועלכע האט זיך צו־קריעגט מיט דעם קצב.

ער האט זיך שנעל אנגעטהאָן און איז אוועק צו הערר וואל־טער, הגם עס איז נאך ניט געווען קיין אכט אוהר. הערר וואל־טער איז שוין געוועזן אויף און האט געלעזען די ״פעדער״.

— איצט — האט ער געזאגט מיט אן ערנסטען אויסדרוק, ווען ער האט דערזעהן דוראַי׳ן: — איצט איז שוין נישטא קיין צוריק.

דער יונגער מאן האט גארנישט געענטפערט אוז דער שעף האט ווייטער גערעדט:

— געהט גלייך אריבער צו ריוואַל׳ן: ער וועט אייך שוין אלסדינג בעזארגען.

דוראַי האט ארויסגעשטאמעלט א פּאאר אונפערשטענדליכע

ווערטער און איז אוועק צו ריוואל'ן, וועלכער האט נאך געשלא־פען. דערהערט דעם קלונג פון גלעקיל, איז ער ארויסגעשפרונגען פון בעט, און ווען ער האט איבערגעלעזען דעם ארטיקעל, האט ער געזאגט:

— צום טייפעל! דאס איז אונמעגליך אזוי צולאזען. ווער וועט זיין אייער צווייטער סעקונדאנט?

— איך ווייס נאך אליין ניט.

— וואס דענקט איהר וועגען בוארענאר'ן?

— גוט, זאל זיין בוארענאר!

— קענט איהר גוט פעכטען?

— ניין, איך קען א שווערד אפילו אין האנד ניט האלטען.

— צום טייפעל! קענט איהר שיסען?

— אביסעל.

— אויסגעצייכענט. געהט און איבט זיך אביסעל, איך וועל דערווייל בעזארגען דאס איבעריגע. ווארט אויף מיר א ווייל'נקע.

ער איז אוועק אין טואלעט־צימער און אין א ווייל'ע ארום איז ער געקומען א געוואשענער, ראזירטער און אנגעטהאנענער.

— קומט מיט מיר — האט ער געזאגט.

ריוואל האט געוואהנט אין דעם אונטערשטען עטאזש פון א קליינעם האטעל. זיי האבען זיך ארונטערגעלאזען אין א גרויסען קעלער מיט פערשלאגענע פענסטער, וועלכער איז פערוואנדעלט געווארען אין א פלאץ צום פעכטען און שיסען.

נאכדעם ווי ער האט אנגעצונדען א גאנצען ראנד גאז פלא־מען, וועלכע האבען זיך געצויגען ביז דער צווייטער זייט פון'ם קע־לער, וואו עס איז געשטאנען אן אייזערנער פיגור פון א מענשען אין בלוי און רויט געפארבט, האט ער אויף א טיש אוועקגעלייגט צוויי פיסטאלעטען פון דער נייעסטער סיסטעם. דאן האט ער גענומען קאמאנדעווען קורץ און געהאקט, ווי זיי וואלטען זיך גע־פונען אויף דעם קאמפף־פלאץ:

— פערטיג? — שיס! איינס, צוויי, דריי!

דוראי, אין גאנצען א צוטומעלטער, האט געפאלגט: ער האט אויפגעהויבען דעם ארעם, זיך געציעלט, געשאסען, און אזוי

ווי ער האט פיל מאל געטראפען די פיגור אין הארצען — ווייל ער האט אלס איינגל אפט געשאסען פויגלען מיט זיין פאטער'ס אלטען פיסטאלעט — האט זשאק ריוואל ערקלעהרט שטארק צופריעדען:

— גוט, זעהר גוט, עס וועט שוין געהן, עס וועט זיכער געהן!

— שיסט אזוי ביז צו מיטאג. אכט זיינען פאטראנען. זשאלעוועט זיי ניט; איך וועל אייך קומען רופען עסען מיטאג און דאן וועל איך אייך בעריכטען ווי די זאך שטעהט. — דאן איז ער אוועק און איהם איבערגעלאזען אליין.

דוראי האט נאך א פאאר מאל אויסגעשאסען.

דאן האט ער זיך געזעצט און גענומען טראכטען:

ווי נאריש די גאנצע געשיכטע איז! וואס אייגענטליך וועט דערמיט בעוויזען ווערען? וועט דער לומפ אויפהערען צו זיין א לומפ, נאכדעם ווי ער וועט זיך האבען געשלאגען אויף א דועל? וואס געווינט דען דער עהרליכער מענש דערמיט, וואס ער שטעלט אונטער זיין ברוסט אונטער דער קויל פון א לומפ?

און אזוי טראכטענדיג וועגען די טרויעריגע זייטען פון לעבען, האט ער זיך דערמאנט אן אלעס, וואס נארבער־דע־וואראן האט געזאגט איבער די ארעמקייט פון דעם מענשליכען גייסט, איבער זיינע פאראורטהיילע, זיינע שטרעבונגען און די פאלשע בעגריפען פון מאראל, און ער האט אויסגערופען אויף'ן קול:

— צום טייפעל, ער איז גערעכט!

עס האט זיך איהם פערוואלט טרינקען. דערהערענדיג הינטער זיך דעם גערויש פון פאלענדיגע טראפענס, האט ער זיך ארומגעקוקט און דערזעהן אן אפאראט פאר א טיש. ער איז צוגעגאנגען און זיך אנגעטרונקען פון'ם קראן.

דאן האט ער ווידער גענומען טראכטען. אין קעלער איז געווען טרויעריג ווי אין א קבר. דאס דומפפע, ווייטע קלאפען פון קארעטען, האט געמאכט אן איינדרוק פון א ווייטען שטורם. וויפיל האט איצט געקענט זיין דער זייגער? דא האט זיך די צייט געשלעפט ווי אין א געפענגניס, וואו קיין זאך ווייזט ניט אן דעם לויף פון די שטונדען אויסער דעם רעגעלמעסיגען ערשיינען פון

דעם וועכטער, וואס ברייננגט דאס עסען.

פלוצום האט ער דערהערט טריט און שטימען. עס איז אריין ריוואל בעגלייט פון בוארענאר'ן. ער האט געזאגט:

— אלעס איז אין ארדנונג.

דוראי'ען האט זיך לכתחילה אויסגעוויזען, אז ריוואל מיינט, אז קיין דועל וועט שוין ניט זיין, אז יענער האט זיך ענטשולדיגט אין א בריעף. ער איז געווען גליקלאך און האט ארויסגעשטאמעלט א דאנק. אבער ריוואל האט ווייטער געזאגט:

—דער דאזיגער לאנגרעמאנט האט אנגענומען אלע אונזערע בעדינגונגען. פינף און צוואנציג טריט. איין מאל שיסען און הייבען די פיסטאלעטען בײדע גלייך אויף דער קאמאנדע פון די סעקונדאנטען.

ער האט גענומען א פיסטאלעט און אנגעפאנגען צו שיסען, וויזענדיג דערביי, ווי אזוי איהם צו האלטען, אום זיכערער צו טרעפען.

דאן האט ער זיך אנגערופען:

— און איצט וועלען מיר געהן עסען פריהשטיק, עס איז שוין נאך צוועלף.

און זיי זיינען אוועק אין דעם נאהענסטען רעסטאראן. דוראי האט קיין ווארט ניט ארויסגערעדט. ער האט געגעסען, אום ניט צו ווייזען, אז ער שרעקט זיך. שפעטער האט ער בעגלייט בוארענאר'ן אין רעדאקציאן אריין, און צוטראגען, און מעכאניש דארט אפגעטהאן זיין ארבייט. מען האט איהם בעוואונדערט פאר זיין מוטהיגער האלטונג.

נאכמיטאג איז געקומען ריוואל, האט איהם די האנד געדריקט און איהם געלאזט וויסען, אז אויף מארגען אום זיעבען אוהר אין דער פריה וועט ער קומען נאך איהם אין א וואגען, אום דערנאך מיט איהם צו פאהרען אין בעזיענער וואלד, וואו דער דועל וועט פארקומען.

דאס אלעס האט פאסירט אזוי אונערווארטעט, אזוי שנעל, אהן זיין וויסען, דאס ער איז אין גאנצען צוטומעלט געווארען און האט קוים געקאנט בעגרייפען, וואס אזוינס אויגענטליך איז

דא פארגעקומען.

ארום ניין ביינאכט האט ער זיך צוריקגעקעהרט אהיים, נאכ־דעם ווי ער האט א גאנצען טאג פערבראכט מיט בוארענאר'ן וועל־כער אוים פריינדשאפט האט איהם דעם גאנצען טאג ניט פער־לאזען.

באלד ווי ער איז געבליבען אליין, איז ער אייניגע מינוטען ארומגעגאנגען איבער'ן צימער הין און צוריק מיט גרויסע טריט. ער איז געווען צו אויפגערעגט, אום וועגען עטוואס צו טראכטען, נור איין געדאנק האט איהם געערגערט, נור איין געפיהל האט איהם אין גאנצען בעהערשט: מארגען האט ער א דועל. דער דא־זיגער געדאנק האט איהם שטארק נערוועז געמאכט. אמת, ער איז א סאלדאט געווען, האט די אראבער געשאסען, אבער די לעצטע האט ער אלע מאל געשאסען אהן דער מינדעסטער געפאהר פאר זיך, ווי מען דערשיסט, צום ביישפיעל, א האז אויף געיעג.

אזוי האט ער זיך געהאלטען ריכטיג, ווי עס בעדארף צו זיין, ווי א מאן, ווי א העלד. מען וועט פון דעם ריידען, מען וועט איהם לויבען, ריהמען, מען וועט איהם גראטולירען. דאן האט ער ארויס־גערעדט הויך אויף'ן קול, ווי עס טרעפט אמאל, ווען מען איז שטארק אויפגערעגט:

— אזא אויסוואורף, אזא קערל!

ער האט זיך געזעצט און גענומען טראכטען. אויף דעם קליי־נעם טישעל האט ער פאר זיך אוועקגעלייגט די קארטע פון זיין געגנער, וואס ריוואל האט איהם געגעבען, אום ער זאל יענעמ'ס אדרעס וויסען. ער האט זי נאך איין מאל און נאך איין מאל אי־בערגעלעזען. דארט איז נור געשטאנען: "לודוויג לאנגערמאן רוע מאנטמארטער 176."

ער האט בעטראכט די בוכשטאבען פאר זיך, וועלכע האבען זיך איהם אויסגעוויזען אזוי אונגעוועהנליך, אזוי געהיימניספול, ווי זיי וואלטען פערבארגען אין זיך עטוואס שרעקליכעס....

— לודוויג לאנגערמאן! ווער איז ער? ווי אלט איז ער? ווי זעהט ער אויס? איז עס דען ניט שרעקליך, וואס אן אונבעקאנטער, א פרעמדער זוכט איהם צו טויטען אהן שום גרונד, אהן א פאר־

וואס, צוליעב עפּעס אן אלטער פרוי, וואס האט זיך דארט צו־קריעט מיט א קצב!

ער האט נאָך אמאָל אויסגעשריען:

— אזא אויסוואורף! אזא ניעדערטרעכטיגער!

ער איז געבליבען זיצען אונבעוועגליך און האט געקוקט אויף די קארטע. א טיעפער האס האָט זיך אין איהם ערוועקט געגען דער דאָזיגער קאַרטע. ער האָט א כאַפּ געטהאָן פון'ם טיש די שערעלע, מיט וועלכער ער פלעגט זיינע נעגעל שערען, און האָט מיט איהר שפּיץ דורכגעשטאָכען דעם נאָמען, אזוי ווי ער וואלט עמיצען אריינגעזעצט א מעסער אין הארצען.

אלזא ער וועט זיך מוזען שלאָגען, ער וועט זיך מוזען שיסען. ווארום האט ער בעסער ניט אויסגעוועהלט צו שלאגען זיך מיט קינזשאלען? דאן וואלט מען געקאנט אפּקומען מיט א שטאָך אין האנד אדער ארעם, ווערענד ביי פּיסטאלעטען קען מען נאָך...

"אבער, האט ער ארויסגעמורמעלט — איצט איז פערפאלען, איצט צוז מען ווייזען א רוהיגע מינע."

ער האט זיך א צאפּעל געטהאָן, בעת ער האט דערהערט זיין אייגענעם קול, און האט זיך אומגעקוקט. ער איז געוועזען נער־וועז אין העכסטען גראד. ער האט אויסגעטרונקען א גלאז וואסער און איז אוועק שלאָפען.

גלייך ווי ער האט זיך אוועקגעלייגט אין בעט, האט ער אויס־געלאשען דאס ליכט און צוגעמאכט די אויגען.

איהם איז געווען מורא'דיג הייס אונטער דער דעקע, כאטש אין'ם צימער איז געווען קאלט. ער האט ניט געקענט איינשלאָ־פען, האט זיך ארומגעווארפען, געלעגען אויף'ן רוקען, אויף דער לינקער זייט, אויף דער רעכטער און האט זיך קיין רוה ניט גע־פונען.

איהם האט ווידער גענומען דורשטען. ער האט זיך אויפגע־הייבען אום צו טרינקען, דערנאָך האט איהם אנגעכאפּט א פחד:

— דאכט זיך, אז איך שרעק זיך — האט ער א טראכט גע־טהאָן.

ווארום נעהמט אזוי קלאפּען זיין הארץ ביי דעם מינדסטען

שאַרף אין׳ם צימער? ווען זיין קוקו־זייגער האט גענומען שלאָגען, האט ער אַ שפּרונג געטהאָן אין דער הויך פאַר שרעק. און דער־נאָך האָט ער געמוזט דעם מויל עפענען, אום אריינצואָטהעמען לופט, אזוי געשטיקט האט איהם.

ער האט פילאָזאָפיש גענומען ארומטראכטען, אויב ער שרעקט זיך ווירקליך.

ניין, עס קען ניט זיין, ער זאָל זיך שרעקען, ער האט דאָך בע־שלאָסען צו שלאָגען זיך און ניט צו ציטערען.

אָבער ער איז געווען אזוי אויפגערעגט, דאס ער האט זיך גע־פרעגט: איז עס מעגליך, אַז טראָץ זיין בעשלוס זאָל ער דאָך מורא האָבען? און ער האט גענומען צווייפלען אין די פעסטקייט פון זיין ווילען און ער איז געוואָרען שטאַרק אונרוהיג. אויב אַ שטאַר־קערע מאַכט פון זיין ווילען בעהערשט איהם, וואס וועט דאַן זיין?

צום דועל וועט ער אונבעדינגט געהן, ווייל אזוי האט ער בעשלאָסען און אזוי מוז עס זיין, אָבער וואס וועט זיין, ווען ער וועט זיך אין מיטען דעראינגען דערשרעקען און פערלירען דעם קאָפּ? איהם איז אויפ׳ן זינען אַרויף וועגען זיין נאָמען, זיין צוקונפט און פּלוצים האט איהם אנגעכאַפּט אַ מאָדנע בעדירפניס, אויפצושטעהן און אַ קוק טהאָן אין דעם שפּיעגעל אויף זיך.

ער האט ווידער אנגעצונדען דאס ליכט און ווען ער האט דער־זעהן אין דעם גלענצענדיגען גלאָז זיין פּנים, האט ער זיך קוים דער־קענט, און עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, ווי ער וואָלט זיך דאס ערשטע מאָל דערזעהן. די אויגען האָבען זיך איהם אויסגעדאַכט גרויסע, זעהר גרויסע, און ער איז געווען בלייך, בלייך, זעהר בלאַס.

פּלוצים האט איהם אַ געדאַנק אַ ברען געטהאָן און׳ם קאָפּ: מאָרגען אין דיעזער צייט בין איך שוין אפשר גאַר טויט. און זיין האַרץ האט ווידער אנגעהייבען גוואַלדיג צו קלאַפּען.

ער איז ווידער צוגעגאַנגען צום בעט און עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער זעהט דאָרט אויף זיין געלעגער גאַנץ דייט־ליך זיך ליגען אויפ׳ן רוקען. זיין פּנים איז איינגעפאַלען, בעצויגען מיט דער פאַרב פון׳ם טויט און זיינע הענד זיינען ווי ווקסענע און פערשטאַרטע.

עס איז איהם מורא'דיג געווארען צו קוקען אויף זיין געלעגער און אום עס ניט מעהר צו זעהן, האט ער געעפענט דאס פענס־טער און ארויסגעקוקט.

אן אייזיגע קעלט האט אויף איהם אן אטהעם געטהאָן און ער איז אפגעשפרונגען צוריק.

דאן איז איהם איינגעפאלען, צו מאכען פייער און ער האט גענומען לאנגזאם טאפען ארום קאמין, ניט אומקוקענדיג זיך. זיין האנד האט אביסעלע געציטערט, ווען ער האט זיך צו עפעס צו־געריהרט. ער האט פערלארען דעם קאָפּ, זיינע געדאנקען האבען זיך געמישט און געפלאנטערט, דער קאָפּ האט איהם וועה געטהאָן און זיך געדרעהט, אזוי ווי ער וואלט געווען שיכור.

ער האט זיך נאכאנאנד געפרעגט: וואס זאל איך טהאָן? וואס וועט זיין מיט מיר?

ער האט ווידער אָנגעהייבען צו שפרייזען איבער'ן צימער הין און צוריק און געמורמעלט מעכאניש איינעם און דעם זעלביגען ווארט: מוט! מוט! מוט!

ער האט צו זיך געזאגט: יעדענפאלס וועל איך שרייבען צו מיינע עלטערען.

ער האט זיך ווידער געזעצט, גענומען א בויגען פאפיר און געשריעבען:

ליעבער פאפא און ליעבע מאמא!

דאן האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז דער דאזיגער אנפאנג קלינגט צו פאמיליאר ביי אזא טראגישען עניון. ער האט צוריסען דאס פאפיר און אנגעהייבען פון דאס ניי:

מיין ליעבער פאטער, מיין ליעבע מוטער!

ווען די זוהן וועט אויפגעהן, וועל איך זיך שלאגען אויף א דועל און אזוי ווי עס קען נאך געשעהן...

מעהר האט ער ניט געוואגט צו שרייבען און איז אויפגע־שפרונגען פון'ם אָרט.

דער דאזיגער געדאנק האט איהם געדריקט און געשטיקט. ער מוז זיך שלאגען אויף'ן דועל, ער קען עס ניט אויסמיידען. ער מוז זיך שלאָגען און דאך האט ער געפיהלט, אז ער וועט ניט קע־

נען צונויפנעהמען גענוג קרעפטען, אום ביז צום קאמפף׳ס־פלאץ אפילו צו געהן.

יעדע ווײלע האט איהם געשווידערט און עס האט איהם גע־קלאפט א צאהן אן א צאהן, און ער האט זיך געפרעגט: האט מיין געגנער זיך שוין אמאל געשלאגען אויף א דועל? איז ער א גוטער שיסער?

זיין נאמען האט ער ביז אהער קיינמאל ניט געהערט. וואלט דען דער דאזיגער מאן איינגעוויליגט זיך צו שלאגען מיט דער דאזי־גער געפעהרליכער וואפע, ווען ער וואלט ניט געווען א גוטער שי־סער?

און דאן האט דוראי זיך פארגעשטעלט זייער בעגעגענים, ווי אזוי ער וועט זיך בענעהמען און ווי אזוי זיין געגנער. ער האט געמאטערט זיין פאנטאזיע, אום אויסצומאהלען זיך די איינצעל־הייטען פון דעם דועל. און פלוצום האט ער פאר זיך דערזעהן די קליינע, שווארצע טיעפע לאך פון דעם פיסטאלעט, פון וועלכער די קויל פליהט.

א מורא׳דיגע שרעק האט איהם אנגעכאפט. ער האט אנגע־הייבען צו ציטערען מיט׳ן גאנצען קערפער, פערשצעמעט די צייהן, אום ניט צו שרייען, און א משוגענער פערלאנג האט זיך אין איהם ערוועקט, צוווארפען זיך אויף די פאדלאגע, צו רייסען און בייסען.

אבער דאן האט ער דערזעהן אויף׳ן קאמין־געזימס א גלאז און ער האט זיך דערמאהנט, אז אין׳ם שראנק שטעהט נאך ביי איהם א פולע פלאש מיט קאניאק, וואס ער האט יעדען אין דער־פריה געטרונקען, א פערבליבענע געוואהנהייט פון זיינע סאלדאטען־יאהרען.

ער האט גענומען די פלאש און אנגעפאנגען צו טרינקען גי־ריג אין איין אטהעם; ערשט דאמאלט, ווען דער אטהעם איז איהם אויסגעגאנגען, האט ער זי ווידער אוועקגעשטעלט אין שראנק אריין. אן ערך ביי א דריטעל פון איהר האט ער אויסגעטרונקען. באלד האט ער דערפיהלט א היץ אין מאגען, וועלכע האט זיך צוגאסען אין אלע זיינע גליעדער, איהם פער׳שיכור׳ט און איהם צוגעגעבען מוטה.

ער האָט א טראכט געטהאָן: אזוי, איצט האב איך א גוט מיטעל! און אזוי ווי דער קאפּ האט איהם געברענט, האט ער גע־עפענט דעם פענסטער.

רוהיג, קאלט איז דער טאג אנגעקומען. דאָרט אויבען האבען זיך די שטערן געלאשען און אין דעם טונעל פון דער אייזענבאהן האבען אלץ בלאסער און בלאסער געלייכטעט די גרינע, רויטע און ווייסע סיגנאל־ליכטער.

אויס דעם לאָקאמאטיוו־הויז זיינען ארויסגעפאהרען די ערש־טע מאשינען און זיינען אוועקגעפלויגען מיט א פייפען אין די ריכטונג, וואו די וואגאנעס זיינען געשטאנען און געוואַרט אויף זיי. פון וווייט־ווייט האט זיך געהערט זייער פייפעריי, וואס האט געקלונגען קורץ און שארף.

הוראַי האט געטראכט: דאס אלסדינג וועל איך, אפשר, קיין מאָל מעהר ניט זעהן. און, דערפיהלט, אז ער פערלירט ווידער דעם קאפּ, האט ער איבערגוואלד זיך געזוכט צו בעהערשען.

— אך, בעסער ניט טראכטען, אניט וועט זיין שלעכט.

ער האָט זיך אנגעהייבען אנצוטאָן. וועהרענד ער האט זיך ראזירט, האט ער ווידער פערלארען דעם מוט, בעת ער האט א טראכט געטהאָן, אז אפשר ראזירט ער זיך היינט דעם לעצטען מאָל.

אבער ער האט ווידער א זופּ געטהאָן פון דער פלאש קאָניאַק און זיך אנגעטאָן.

די צייט האט זיך געשלעפּט לאנגזאם, מורא'דיג לאנגזאם. ער האט געשפּרייזט איבער'ן צימער הין און צוריק און זיך גע־סטארעט צו בערוהיגען. ווען מען האט אנגעקלאפּט אין זיין טיר, איז ער שיעור ניט אניעדערגעפאלען, אזוי אויפגערעגט איז ער געוועזן. דאס זיינען געווען זיינע סעקונדאנטען. — שוין?

זיי זיינען אנגעטאָן געווען אין פעלצען. ריוואל האט איהם געדריקט די האנד און געזאגט:

— עס איז א ביטערע קעלט, א פראסט ווי אין סיביר.

דאן האט ער געפרעגט:

— נו, ווי געהט עס עפּעס?

— גוט.

— זייט איהר רוהיג ?

—גאנץ רוהיג.

אויב אזוי, וועט זיך אלעס גוט ענדיגען. האט איהר שוין געגעסען, געטרונקען ?

— איך דאנק, איך וויל נישט.

בארענאר האט לכבוד דער ראזיגער געלעגענהייט אנגעטאָן אן אויסלענדישען אָרדען מיט א גרינעם און געלען באַנד, וועלכען דוראַי האט נאך קיינמאָל ביי איהם ניט געזעהן.

זיי זיינען ארונטערגעגאנגען די טרעפ. א הערר האט אויף זיי געווארט אין א וואגען. ריוואל האט פארגעשטעלט :

— דאקטאר לע ברומען.

דוראַי האט איהם דערלאנגט די האנד און עפעס ארויסגע־שטאמעלט, וואס האט געקלונגען, ווי :

— איך דאנק אייך.

דאן האט ער זיך געוואלט זעצען אויף'ן הינטערשטען זיץ, האט ער זיך געזעצט אויף עטוואס הארטעס און איז גלייך אויפגע־שפרונגען ווי אן אבגעקאכטער. דאס איז געווען דער קאסטען, וואו די פיסטאלעטען זיינען געלעגען.

ריוואל האט זיך אנגערופען :

— ניין, זעץ זיך בעסער מיט'ן דאקטאר אין פראנט.

דוראַי האט זיך געזעצט נעבען דאקטאָר.

דיביידע סעקונדאנטען האבען זיך דערנאך אויך אריינגע־זעצט אין וואגען און דער קוטשער האט א שמיץ געטהאָן די פערד. ער האָט שוין געוואוסט, וואוהין צו פאהרען.

אבער דער קעסטעל מיט די פיסטאלעטען איז אלעמען גע־ווען אין וועג, בעזאנדערס דוראַי'ן, וועלכער וואלט איהם בעסער גאר אין גאנצען ניט געזעהן. מען האָט איהם געפרובט אוועקלוי־גען אויף'ן הינטערשטען זיץ, האט ער אבער געשטערט, ווען די רייזענדע האָבען זיך געוואלט אנלעהנען; דאן האט מען איהם אוועקגעשטעלט צווישען ריוואל און בארענאר'ן, אבער ער איז אומגעפאלען. צום סוף האט מען ווי עס־איז געפונען פאר איהם א

פלאץ אין׳ם וואגען.

די רייזענדע האבען זיך ניט בעזאנדערס פרעהלאך אונטער־האלטען, כאטש דער דאקטאר האט דערצעהלט פערשיעדענע אנעק־דאטען. נור איין ריוואל האט געענטפערט אויף דעם דאקטאר׳ס מעשה׳לאך. דוראי וואלט גערן ארויסגעוויזען זיין קאלטבלוטיג־קייט, אבער ער האט מורא געהאט, טאמער, ווען ער הייבט אן צו ריידען, זאל ער זיך ניט פערפלאנטערען און דערמיט ארויסגע־בען זיין צורודערקייט.

דער וואגען איז באלד געפאהרען איבער דעם ברייטען לאנד־וועג. עס איז געווען ארום ניין אין א קאלטען ווינטער פריה־מאר־גען, ווען אלסדינג גליצערט און זעהט אויס הארט און ברעכיג, ווי קריסטאל.

די ביימער זיינען בעדעקט געווען מיט אייז־טהוי, די ערד האט געקלונגען אונטער די פיס פון די פערד, אין דער טרוקענער לופט האט דער מינדסטער גערויש אפגעקלונגען ווייט־ווייט. דער בלויער הימעל האט אויסגעזעהן, ווי א שפיגעל און די זון איבער איהם האט געלייכטעט קאלט און געווארפען אויף די פערשטארטע וועלט שטראהלען, וועלכע האבען ניט געווארעמט.

ריוואל האט זיך אנגערופען צו דוראי׳ן:

— איך האב די פיסטאלעטען ביי רענע גענומען. ער אליין האט זיי אנגעלאדען. דער קאסטען איז פערזיעגעלט. אגב, ווע־לען מיר גורל ווארפען, צו מיר זאלען נעהמען די פיסטאלעטען אדער דעם געגנער׳ס.

דוראי האט געענטפערט מעכאניש: — איך דאנק אייך.

דאן האט איהם ריוואל ערקלערט פערשיעדענע זאכען, בנוגע דעם דועל, ווייל עס האט איהם שטארק אינטערעסירט, אז דוראי, וועמענ׳ס סעקונדאנט ער איז, זאל ניט מאכען קיין פעהלער.

— ווען מען וועט פרעגען: מיינע הערען, זייט איהר פערטיג? דאן מוזט איהר הויך און שטארק ענטפערן: יא! און ווען עס וועט געגעבען ווערען דאס קאמאנדא: פייער! זאלט איהר שנעל אויפ־הויבען דעם ארעם און שיסען, נאך איידער מען האט ביז דריי גע־צעהלט.

און דוראַי האט איבערגע'חזר'ט פאר זיך: און ווען עס וועט געגעבען ווערען דאס קאמאנדא: פייער! דאן זאל איך אויפהייבען שנעל דעם ארעם... און ווען עס וועט געגעבען ווערען דאס קאַמאנדא: פייער! דאן זאל איך אויפהויבען שנעל דעם דרעם... און ווען עס וועט געגעבען ווערען דאס קאמאנדא: פייער! דאן זאל איך אויפהויבען שנעל דעם ארעם און שיסען.

ער האט עס געזוברעט אויסוועניג, ווי די קינדער זייערע לעקציאָנען, אום ער זאל עס ניט פערגעסען, אום ער זאל זיך עס גוט אין געדעכנים ארייננעהמען:

— און ווען עס וועט געגעבען ווערען דאס קאמאנדא: פייער! דאן זאל איך אויפהויבען שנעל דעם ארעם...

דער וואגען האט זיך ארייגעקירעוועט אין וואלד אריין און האַט זיך אוועקגעטראַגען רעכטס איבער איין אלעע און דערנאָך לינקס און ווידער רעכטס. פלוצום האַט ריוואל א געשריי געטהאָן צום קוטשער: פערקירעוועט אהער אויף דעם שמאלען וועג! דער וואגען האט זיך פערקירעוועט אהין און האַט זיך געטראגען צווישען ביימער איבער דער פערפראַרענער ערד, וועלכע האט געציטערט און געקלונגען אונטער די פיס פון די ערד.

דוראַי האט נאָכאַנאַנד געחזר'ט: און ווען עס וועט געגעבען ווערען דאס קאַמאַנדאַ: פייער! דאן זאל איך אויפהויבען שנעל דעם אַרעם...

און ער האט געטראכט: אפשר וועט זיך נאך פון דער גאַנצער געשיכטע אויסלאזען גארנישט, דורך עפעס א סיבה. אך, ווען דער וואַגען וואלט זיך איבערגעקעהרט, וואס פאר א גליק עס וואלט געוועזען! אדער ווען יענער וואלט זיך א פוס אויסגעבראכען! אבער פלוצום האט ער דערזעהן אויף'ן עק, וואו די ביימער האבען זיך געענדיגט, א צווייטען וואגען און דארט זיינען געשטאַנען פיער מעננער וואס האבען ארומגעטאנצט און געקלאַפט זיך א פוס אָן א פוס, אום זיך צו דערוואַרימען.

דוראַי האָט דעם מויל געמוזט אויפמאכען, אזוי האט איהם געשטיקט.

צו ערשט זיינען ארונטערגעקראכען פון'ם וואגען די סעקונ־

דאנטען, דאן דער דאקטאר, דערנאך דוראַי.

ריוואל האט גענומען דעם קעסטעל מיט פיסטאָלעטען און איז אוועק מיט באַרענאַר'ן אין די ריכטונג, וואו די מעננער זיי־נען געשטאַנען. דוראַי האט געזעהן ווי זיי האבען זיך דאָרט פאַמיליאר בעגריסט און זיינען דאן אוועק צוזאמען אין דער ריכטונג, וואו דער פּלאַץ איז געווען פרייער. דאן האָבען זיי אבגעצעהלט די טריט און מיט מאטערנים אריינגעזעצט אין דער געפרארע־נער ערד צוויי שטעקלאך, ארום וועלכע זיי האבען זיך ארומגעש־טעלט אין א גרופּפּע.

דר. לע ברומען האט זיך געווענדעט צו דוראַי'ן: פיהלט איהר זיך גוט ? דארפט איהר פילייכט עטוואס ?

— ניין !

איהם האָט זיך אויסגעוויזען ווי ער וואָלט פון זיננען ארונ־טער, ווי ער וואלט געשלאפען, ווי ער וואלט גע'חלום'ט, ווי עס וואלט מיט איהם פאסירט עטוואס אונגעוועהנליכעס, אונגאטירלי־כעס. האָט ער זיך פילייכט געשראקען ? אויף זיכער האט ער עס ניט געוואוסט אבער אלעס האט איהם אויסגעוויזען אזוי מאדנע, אזוי מערקווירדיג, אזוי אונגעוועהנליך.

ריוואל האט זיך צוריקגעקעהרט און אנגעזאגט מיט א צו־פריעדענע מינע :

— אלעס איז פערטיג. דער גורל איז אויסגעפאלען מען זאל זיך דועלירען מיט אונזערע פיסטאלעטען.

דוראַי איז געבליעבען צו דעם גאנץ גלייכגילטיג.

מען האט איהם געהאלפען אויסטהאָן דעם אויבערראק. ער האָט געלאזען טאהן מיט זיך וואס זיי האָבען געוואלט. מען האט ארומגעטאפּט די טאשען פון זיין ראָק, אום זיך צו פערזיכערען, אז ער האָט דאָרט ביי זיך גאר נישט וואס זאל איהם בעשיצען גע־גען קוילען. און נאך אמאל האט ער פאר זיך איבערגע'חזר'ט, ווי ער וואלט א תפילה געזאגט :

— און ווען עס וועט געגעבען ווערען דאס קאמאנדא : פייער ! דאן זאל איך אויפהויבען שנעל דעם ארעם...

דערנאָך האָט מען איהם צוגעפיהרט צו איינעם פון די שטעק־

לאך, וואס האט געשטעקט אין דער ערד, און מען האט איהם דער־לאנגט זיין פיסטאָלעט.

דאן האָט ער פלוצים פאר זיך דערזעהן א מאן, וועלכער איז געשטאנען פונקט געגען איבער איהם, צום קאמפף גרייט, — א קורצען דיקען מאן, מיט א פליך און אין ברילען. דאס איז געווען זיין געגנער.

ער האָט איהם גוט געזעהן, אבער געטראכט האט ער נור: און ווען עס וועט געגעבען ווערען דאס קאמאנדא: פייער! דאן זאל איך אויפהייבען שנעל דעם ארעם.....

אין דער ארומיגער טיעפער שטילקייט האט אבגעהילכט א שטימע, וואס האט געקלונגען ווי פון זעהר, זעהר וויים:

— מיינע הערען, זיינט איהר פערטיג?

דוראַי האָט זיך אַנגערופען:

— יאָ!

דאן האָט יענע שטימע בעפעהלען: פייער!

דוראַי האָט שוין מעהר גארנישט געהערט, מעהר גארנישט געזעהן. ער האָט נור געפיהלט ווי ער האָט דעם ארעם א הייב גע־טאָהן און מיט דער גאנצער קראפט אויף דער ספרונזשינע פון דעם פיסטאלעט א דריק געטאָהן.

דעם שאָס האט ער ניט געהערט, אבער ער האט געזעהן ווי א גאנץ קליין וואלקענדעל רויך טראגט זיך פון דעם מויל פון זיין פיסטאָלעט.

און אזוי ווי זיין געגנער איז געשטאנען אין דער זעלבער רו־היגער פּאָזע ווי פריהער, האָט דוראַי בעמערקט אויך ביי יענעם איבער׳ן קאפ א קליין וויים וואלקענד׳ל שוועבען.

זיי האָבען ביידע אויסגעשאסען. ס׳איז געווען נאָך׳ן דועל!

זיינע סעקונדאנטען און דער דאָקטאָר האבען איהם אונטער־זוכט, פערנאנדער־געשפּילעט זיינע קליידער און איהם געפרעגט צוטראגען:

— איהר זייט ניט פערוואונדעט?

ער האָט געענטפערט סתם אין דער וועלט אריין.

— ניין, איך גלויב, אז ניט.

לאנגרעמאַן איז אויך ניט געווען פעהוואונדעט און ריוואל האט אונצופריעדען ארויסגעמורמעלט:

— מיט די פערפלוכטע פיסטאלעטען איז תמיד אזוי: אדער מען טרעפט גאר ניט, אדער מען טרעפט אויף טויט. אן עקעל־האפטע וואפע!

דוראַי איז געשטאנען ווי צוגעוואקסען צו דער ערד. ער איז געווען ווי פאראליזירט פאר איבעראשונג און פרייד.

נאכ'ן דועל! מען האט געמוזט ביי איהם אבנעהמען די וואפ־פע, וועלכע ער האט נאך אלץ אין דער האנט געהאלטען. ער האט זיך איצט געפיהלט בערייט צו הועלירען מיט דער גאנצער וועלט. נאך'ן דועל! גאטט, איז ער עס געווען אביסעל גליקלאך! ער האט זיך איצט געפיהלט העלד געווג, ארויסצופאדערען יעדען מענשען אויף א דועל.

די סעקונדאנטען האבען א פאאר מינוטען געשמועסט איינער מיט'ן אנדערען און האבען אבגערעדט צו טרעפען זיך שפעטער ערגעץ וואו, אום צו פראטאקאלירען דעם דועל. דאן האט מען זיך ווידער ארייננעזעצט אין וואגען און דער קוטשער, וועלכער איז געזעסען אויף דער קעלנע און געדרימעלט, האט זיך א כאפ געטהאן און א שמיץ געטהאן די פערד.

זיי האבען אלע זאלבע־פערט שפעטער געגעסען פריהשטיק אויף'ן בולוואר און געשמועסט וועגען דער גרויסער פאסירונג.

דוראַי האט דערצעהלט זיינע איינדריקע:

— מיך האט די גאנצע געשיכטע געארט ווי די קאטץ, אבער גאר פשוט ווי די קאטץ. אפילו א האאר האט עס מיך ניט געקי־מערט. איהר האט דאך מסתמה בעמערקט?

ריוואל האט געענטפערט.

— איהר האט זיך געהאלטען ווי אן אמת'ער העלד, בראוואָ!

ווען דער פראטאקאל איז פארטיג געווארען, האט מען איהם דערלאנגט דוראַי'ן ער זאל עס אבדרוקען אין דער ציימונג צווישען די לאקאלע נייעס.

ווען ער האט איבערגעלעזען, אז ער מיט הערען לודוויג לאנ־גרעמאן האבען צוויי קוילען אויסגעשאסען איז ער געווארען אונ־

רוהיג און האט געפרעגט ריוואלען :

— אבער מיר האָבען דאך בלויז צו איין קויל אויסגעשאסען !

ריוואל האט א שמייכעל געטהאָן :

— נו, געווים, יעדער צו איין קויל, מאכט צוויי.

דוראַי איז געבליבען צופריעדען פון דער דאזיגער ערקלע־רונג און האט זיך בערוהיגט.

דער אלטער וואלטער האט איהם ארום גענומען שטארק גע־ריהרט און געזאגט :

— בראַווא, בראַווא, איהר האט די פאהן פון דאס "פראנצוי־זישע לעבען" פערטהיידיגט.

יענעם אבענד האט זיך דוראַי געוויזען אין אלע רעדאקציא־נען פון די גרויסע צייטונגען און אין אלע גרויסע קאפעע־הייזער אויפ'ן בולוואר. דערביי האט ער זיך צוויי מאָל געטראָפען מיט זיין געגנער, וועלכער האט זיך אויך געוויזען אזוי ווי ער.

זיי האבען זיך ניט בעגריסט. וואלט איינער פון זיי פער־וואונדעט געווארען, וואלטען זיי זיך די האנד דערלאנגט. איבער־געגנס האבען זיי זיך ביידע געשווארען מיט אלע הייליגע שבועות אז זיי האבען געהערט דאס פייפען פון די קוילען.

אויף מארגען, אזייגער עלף אין דער פריה, האט דוראַי בע־קומען א טעלעגראמע :

"גאט, האב איך געציטערט. קום היינט נאך מיטאג אין "רו דע קאנסטאנטינאפל". איך זאל דיך קענען צודריקען צו זיך, מיין ליעבער. דו ביסט אזא העלד. איך ליעב דיך.

קלאָ"

ער איז אוועק אהין. זי האט זיך איהם אריינגעווארפען אין די ארימס און בעדעקט מיט קושען : דו ליעבער, ליעבער ווען דו וואלסט געוואוסט וואס פאר א שרעק איך האב דורכגעלעבט, ווען איך האב היינט אין דער פריה דיין צייטונג געלעזען. אבער דו מוזט מיר אלסדינג דערצייהלען, אלסדינג, איך מוז אלסדינג וויסען.

ער האט איהר דערצעהלט יעדע איינצעלהייט בעזונדער.

זי האט זיך אנגערופען: אבער די נאכט פאר דעם דועל האט

געמוזט זיין זעהר שרעקליך, ניט אמת ?

— א האָר ניט ! איך האָב געשמאק געשלאָפען.

— און איך וואלט געשטארבען פאר שרעק ! און ווי איז געווען דערנאָך דארט, אויף'ן פעלד, אין וואלד ?

דאן האט ער איהר דערצעהלט אין א גאנץ דראמאטישען טאן:

— ווען מיר זיינען געשטאנען צוואנציג שריט איינער פון דעם אנדערען, א שטרעקע אן ערך, פיער מאל אזוי ווייט ווי דאס דאזיגע צימער, האט ריוואל געפרעגט, אויב מיר זיינען פערטיג און א קאמאנדעווע געטאָהן : "פייער !"

איך האב דעם ארעם אהייב געטהאָן, זיך גוט צוגעצילט, אבער צום אונגליק האט זיך מיר דוקא געוואלט איהם טרעפען אין קאָפּ, נאר אזוי ווי די ספּרונזשינע פון דעם פּיסטאלעט האט זייער שווער געארבייט (איך בין געוואהנט צו פּיסטאלעטען וואס ארבייטען לייכט) האב איךביים אנדריקען דעם פּיסטאלעט איהם צו הויך אויפגעהייבען. אבער יעדענפאלס איז די קויל ניט ווייט געווען פון זיין שטערען. און דער לומפּ איז אויך א גוטער שיסער. איך האב גע־פיהלט ווי זיין קויל האט מיר א שמאלע געטהאָן דעם שלייף.

זי איז געזעסען אויף זיינע קניע, האט איהם געהאלטען פעסט ארומגענומען, אזוי ווי זי וואלט וועלען הורכלעבען מיט איהם אלע זיינע געפאהרען און זי האט געשטאמעלט :

— נעבעך, נעבעך, נעבעך !

און ווען ער האט געענדיגט האט זי זיך אבגערופען :

— דו ווייסט, אהן דיר קען איך ניט זיין. איך מוז דיך זעהן. אבער ווען מיין מאן איז אין פּאריז איז עס אונמעגליך. איך וואלט וועלען צו דיר אמאל קומען גאנץ פריה, ווען דו ביזט נאך אין בעט, פערברייגגען מיט דיר א שטונדע צייט, קושען דיר. אבער איך וואלט ניט וועלען געהן אין יענע העסליכע הויז. וואס טהוט מען ?

איהם איז איינגעפאלען א געדאנק, און ער האט געפרעגט :

— וואס צאהלסטו דא ?

— הונדערט פראנק א מאנאט.

— נו, וועל איך די וואהנונג נעהמען און אהער אין גאנצען

אריינציהען. די איצטיגע וואהנונג מיינע פאסט איבערהויפט ניט מעהר פאר מיר.

זי האט אויילע נאכגעטראכט און דאן האט זי געענטפערט:

— ניין, דאס וויל איך ניט.

ער האט געפרעגט פערוואונדערט:

ווארום?

— ווייל איך וויל ניט.

— דאס איז קיין ענטפער. די וואהנונג פאסט זייער גוט פאר מיר. איך בין דא און בלייב דא וואהנען.

און ער האט צוגעלייגט מיט א שמייכעל:

— איבעריגענס איז דאך די וואהנונג אויף מיין נאמען סיי ווי.

אבער זי האט פון דעם גאר ניט געוואלט הערען:

— ניין, ניין, דאס וויל איך ניט!

— אבער ווארום ניט, ווארום, ווארום?

זי האט איהם אריינגעשושקעט אין אויער:

— ווייל דו וועסט ברענגען אהער אנדערע פרויען, און דאס וויל איך בשום אופן ניט.

ער איז געווארען בייז:

— ס'פאלט מיר גאר ניט איין.

— ניין, דו וועסט זיכער ברענגען!

— איך שווער דיר אז ניט.

— איז עס אמת? קען מען דיר גלויבען?

— עהרען ווארט, דאס זאל אונזער וואהנונג זיין, נור אונזער וואהנונג.

און זי האט איהם פלוצים ארום גענומען, פעסט זיך צו גע־דריקט צו איהם און געזאגט איבערגליקליך:

— גוט, גוט, ליעבער, דאן בין איך איינפערשטאנדען. אבער געדיינק, ווען דו נארסט מיך אב, נאר איין מאל, דאן איז אויס!

ער האט זיך נאך אמאל געשווארען. צום סוף איז ביי זיי געבליעבען אז ער זאל נאך דעם זעלבען טאג אריינציהען אהין אום זי זאל איהם קענען זעהן ווען זי וועט נור וועלען.

דערביי האט זי געזאגט :

— דינסטאג מוזטו יעדענפאלס זיין ביי אונז צו מיטאג. מיין מאן ביזטו זעהר געפעלען.

דאס האט איהם געשמייכעלט.

— ווירקליך ?

— יא, דו האסט זעהר ביי איהם אויסגענומען. און נאך וואס: דו האסט מיר אמאל געזאגט, אז דו האסט זיך ערצויגען אין א שלאס אויף'ן דארף, ניט אמת.

— יא.

— איינ אזוי, רייד מיט איהם וועגען לאנד־ווירטשאפט, וועגען זייהען, שניידען; ער האט עס זעהר ליעב.

— גוט, איך וועל עס האבען אין זינען.

דערנאך האט זי איהם שטורמיש ארומגענומען, דען דער דאזיגער דועל האט זי איינפאך משוגע געמאכט. און זי איז אוועק.

און ווען דורא' איז דערנאך אין רעדאקציאן געגאנגען, האט ער געטראכט: זי איז דאך א מערקווירדיגע פרוי. וואס וויל זי אייגענטליך ? וואס ליעבט זי ? ווי האט געקענט דער דאזיגער בכבוד'יגער אייזענבאהן־בעאמטער חתונה האבען מיט אזא ציגיינער־נאטור ! דאס איז ווירקליך, א וואונדער. אבער ווער ווייס, פיליייכט איז דאס די ליעבע ?

און דער שלוס פון זיינע געדאנקען איז געווען: יעדענפאלס, זי איז א רייצענדע, אנגענעהמע פרוי און איך וועל זיין א נאר, ווען איך וועל מיט איהר ניט אנהאלטען די פערהעלטניסע.

8

דער דועל האט געמאכט דורא'ן פיר א זעלבסטשטענדיגען פעליעטאניסט אין דער צייטונג "דאס פראנצויזישע לעבען." אבער אזוי ווי עס איז איהם זעהר שווער געווען צו געפינען געדאנקען, האט ער זיך אלס ספעציאליטעט געמאכט צו שרייבען טרויעריגע ארטיקלען וועגען דער נעזונקענהייט פון די זיטען, וועגען דעם אונטערגאנג פון מענשען מיט כאראקטער, וועגען דער אפשוואכונג

פון דעם פאטריאטיזמוס און וועגן דער בלוט־ארימקייט פון דעם פראנצויזישען עהרען־געפיהל.

דאס ווארט "בלוט־ארימקייט" האט ער אליין געשאפען און איז געווען שטאלץ אויף דעם.

ער האט איצט געוואהנט אין די רו־דע־קאנסטאנטינאפעל, וואוהין ער האט אריינגעצויגען מיט זיין קופערט, זיין צייהן־בער־שטעל, זיין ראזיר־מעסער און זיין זייף, דאס הייסט מיט זיין גאנ־צער בעל הבית'ישקייט. צוויי אדער דריי מאל א וואך איז געקומען צו איהם פרוי מארעל, איידער ער איז נאך אויפגעשטאנען, האט שנעל זיך אויסגעטאן און ציטערענדיג נאך פון דער קעלט, וואס איז אין דרויסען געווען, האט זי זיך אריינגעכאפט צו איהם אין בעט אריין אונטער דער ווארימער דעקע.

און אין דער אייגענער צייט האט דוראַי יעדען דאנערסטאג געגעסען מיטאג ביי איהר צו הויז און זיך גע'חנפה'ט צו איהר מאן און געשמועסט מיט איהם וועגן לאנד־ווירטשאפט. און אזוי ווי ער, דוראַי, אליין האט ליעב געהאט צו ריידען אויף דער טהעמא, האבען זיך ביידע מענער מאנכעסמאל אזוי פערטיעפט אין זייער געשפרעך, דאס זיי האבען גאר אין גאנצען זיך פערגעסען אַן זייער בשותפות'דיגער ווייב, וואס איז דארט דערווייל אויף דער זאפא אנשלאָפען געווארען.

די קליינע לאורא האט אויך אין דער אייגענער צייט געדרי־מעלט דא ביי דעם פאטער אויף'ן שויס און דא ביי דעם שענעם פריינד אויף די קניע.

און ווען דער זשורנאליסט איז דערנאך אוועקגעגאנגען, האט הערר מארעל אלע מאל געזאגט אין זעהר א וויכטיגען טאָן, וועלכען ער האט א טבע געהאט צו בענוצען ביי יעדער אנגעלעגענהייט:

— עס איז א פערגעניגען צו ריידען מיט דעם יונגען מאן, ער איז א קענער, גאר א גרויסער קענער.

עס איז געווען אין די לעצטע טעג פון'ם מאנאט פעברואר. אויף די גאסען האט דוראַי שוין אָפט געפיהלט דעם דופט פון בייטשען־בלומען, ווען ער איז אין דער פריה געגאנגען פערביי די קליינע וועגעלאך פון די בלומען־פערקויפערינס.

עס האט איהם בעגליקט. דער הימעל איז פאר איהם געווען פול מיט מוזיק.

איין מאל, א ביינאכט, ווען ער האט זיך צוריק געקעהרט אהיים, האט ער דארט אונטער'ן טיר געפונען א בריעף, ער האט א קוק געטהאן אויף דעם פאסט־סטעמפל: "קיינס." ער האט געעפענט דעם בריעף און אנגעהייבען צו לעזען:

"קיינעס, ווילא דזשאלי.

מיין ליעבער פריינד: — איהר האט מיר אמאל געזאגט אז איך קען אויף אייך רעכענען צו יעדער און אין יעדער צייט. איצט, אין א שווערער מינוט, בין איך געצוואונגען זיך צו ווענדען צו אייך מיט א ביטע, איהר זאלט קומען אהער און מיך ניט איבערלאזען אליין ביי די לעצטע מינוטען פון שארל'ן, וועלכער ליגט אויף'ן טויטען בעט. פיליכט נאך וועט ער די וואך ניט איבערלעבען, הגם ער איז נאך ביים פולען בעוואוסטזיין. דער דאקטאר האט עס מיר געזאגט.

איך האב שיין ניט מעהר קיינע קרעפטען און קיין מוט צו־צוזעהן ווי ער געהט אוים און מיט שרעק דענק איך וועגען זיין טויט, וואס רוקט זיך אלץ נעהענטער און נעהענטער צו איהם. איך קען זיך נור ווענדען צו אייך, ווייל מיין מאן האט קיין פאמיליע ניט. איהר זייט געווען זיין פריינד, נור איהם האט איהר צו פערדאנקען פאר אייער שטעלע. קומט צו פאהרען, איך בעט אייך. איך האב קיינעם ניט צו וועמען איך קען זיך ווענדען.

אייער אויפריכטיגע פריינדין

מאגדאלען פארעסטיע."

א מאדנעם געפיהל האט זיך דורכגעטראגען ווי א הויך אין דורא'ס הארצען. דאס געפיהל פון בעפרייאונג, דאס געפיהל אזוי ווי עס וואלט זיך פאר איהם מיט א מאל געעפענט א ווייטע, אן אונענדליך־ווייטע אויססיכט. און ער האט געמורמעלט:

— איך קום. ארימער שארל, אזא אונגליק!

הערר וואלטער, וועמען ער האט געוויזען דעם בריעף פון דער יונגער פרוי, האט איהם ניט ווילענדיג ערלויבט צו פאהרען, אבער מיט די ווערטער:

— איהר מוזט אבער גיך קומען צוריק. די צייטונג קען אהן אייך ניט אויסקומען.

אויף מארגען איז דוראי אבגעפאהרען מיט דער זיעבען אוהר שנעל־צוג נאך קיינעס, נאך דעם ווי ער האט דער יונגער פרוי גע־לאזט וויסען דורך א טעלעגראמע, דאס ער פאהרט ארויס.

אויף'ן צווייטען טאג איז ער אנגעקומען אהין אזייגער פיער נאך מיטאג.

א דיענער האט איהם געבראכט צו דער ווילא דזשאלי, וואס איז געלעגען אויף א בארג צווישען וואלד און סכך־בוימער.

דאס הויז איז געווען קליין און ניעדריג, געבויט אין איטאליע־נישען סטיל און איז געשטאנען אויף א גאס, וועלכע האט זיך גע־דרעהט, אין א זיג־זאג צווישען בוימער. אויף יעדען שריט און טריט האבען זיך געווארפען אין די אויגען רייצענדע לאנדשאפטען.

דער דיענער פון הויז האט איהם די טיר געעפענט און אויס־געשריען:

— אך, הערר דוראי, די מאדאם ערווארטעט אייך מיט אזא אונגעדולד.

דוראי האט געפרעגט.

— וואס מאכט הערר פארעסטיע?

— אך, זייער שלעכט. ער וועט שוין לאנג ניט ציהען.

דער סאלאן אין וועלכער דער יונגער מאן איז אריינגעקו־מען איז געווען רויט, דורכגעווארפען מיט בלאהע שטרייפען. דאס ברייטע, הייכע פענסטער האט ארויסגעקוקט אויף שטאדט און ים.

דוראי האט געמורמעלט אונטער'ן נאז: צום טייוועל, אבער איז דאס א הויז, וואו נעהמען זיי דאס געלד אויף דעם?

ער האט דערהערט דאס רוישען פון א קלייד, האט ער זיך אומגעדרעהט.

מאדאם פארעסטיע איז געגאנגען צו איהם מיט ביידע הענט אויסגעשטרעקט:

— דאס איז שען פון אייך, זעהר שען.

און פלוצום האט זי איהם ארומגענומען, דאן האבען זיי זיך אנגעקוקט.

זי איז געווארען אביסעלע בלאסער, מאגערער, האט אויסגע־זעהן אבער פריש ווי אימער. אפשר נאך שעהנער און צארטער ווי געוועהנליך. זי האט געזאגט:

— עס איז שרעקליך. ער וויים, אז ער איז פערלארען און איצט מוטשעט ער מיך גאר אהן א סוף. איך האב איהם געזאגט, אז איהר קומט. אבער וואו איז אייער קופערט?

דוראי האט געענטפערט:

— איך האב איהם אויף דער באהן איבערגעלאזען. איך האב דאך ניט געוואוסט אין וועלכען האטעל איך וועל מוזען שטעהן אום צו זיין נאהענט נעבען אייך.

זי האט א ווײַלע זיך מיישב געווען, דערנאך האט זי געזאגט:

— איהר ווערט, נאטירליך, וואהנען דא ביי אונז אין דער ווי־לא. א צימער איז שוין פאר אייך אנגעגרייט. ער קען יעדען אויגענבליק שטארבען און ווען דאס זאל געשעהן אין מיטען נאכט, בין איך דאן גאנץ אליין. איך וועל שיקען נאך אייער קופערט.

ער האט זיך פערנייגט פאר איהר און געזאגט: "ווי איהר פער־שטעהט."

— און איצט קומט אויבען. זי האט געעפענט א טיר און דוראי האט בעמערקט אין א פאטעל, איינגעהילט אין דעקען, אויף וועלכע עס האט אבגעשלאגען א רייטליכע שיין פון דער אונטער־געהענדער זונן, א מין לעבעדיגען בר מנן, וואס האט געקוקט אויף איהם. ער האט איהם קוים דערקענט. אייגענטליך האט ער מעהר געטראפען ווי דערקענט אז דאס איז זיין פריינד.

אין צימער האט זיך שטארק געפיהלט דער מערקווירדיגער שווערער גערוך, וואס דער לונגען־קראנקער האט פון זיך ארויסגע־אטהעמט.

פארעסטיע האט מיט מאטערנים די האנד אויפגעהויבען און לאנגזאם ארויסגערעדט.

— דו ביזט דא, דו ביזט געקומען זעהן ווי איך שטארב. איך דאנק דיר.

דוראי האט געזוכט דערפון א שפאס צו מאכען.

— צו זעהן ווי דו שטארבסט, דאס וואלט ניט געווען קיין

גרויס פערגעניגען. צוליעב דעם בין איך ניט געקומען אין קייר־נעס. איך וויל נאר זעהן וואס דו מאכסט און דאן אביסעלע זיך אויסרוהען!

פארעסטיע האט ארויסגעמורמעלט:

— זעטץ זיך. און ער האט ארונטערגעלאזען דעם קאפ און זיך פערטיפט אין פערצווייפעלטע געדאנקען.

ער האט קוים געאטהעמט און געזיפצט הויך, אזוי ווי ער וואלט געוואלט דערמאנען די אנדערע אז ער איז קראנק.

ווען זיי האבען דערזעהן אז ער רעדט ניט, האט זיין פרוי ארויסגערוקט דעם קאפ פון פענסטער האט מיט א בעוועגונג אנגע־וויזען אויף דרויסען און געזאגט:

— קוקט נאר אהער, איז דאס ניט שען?

דארט, איבער, האט זיך געצייגט א בערגיל איבער א בערגיל, ביז דער סאמע שטאדט. דער הימעל הינטער די דונקעלע בערג איז געווען רויט, פון א בלוטיגע, גאלדענע רויטקייט, וואס האט אזוי געבלענדט אז דאס אויג האט לאנג ניט געקענט קוקען אויף דעם. דאס איז די זון דארט אונטערגעגאנגען. און דער דאזיגער זונען־אונטערגאנג האט אפילו אויף דוראי'ן געמאכט אן איינ־דרוק.

און ער האט געזאגט, ניט געפינענדיג קיין בעסערען אויסדרוק פאר זיין התפעלות.

— יא, דאס איז גוואלדיג!

פארעסטיע האט אויפגעהויבען דעם קאפ, האט זיך א קעהר געטהאן צו זיין פרוי און ארויסגעקרעכצט:

— לופט, לופט, אביסעלע פרישע לופט.

זי האט געענטפערט:

— זיי פארזיכטיג, די זון געהט אונטער, דו וועסט זיך נאך פערקיהלען און דו ווייסט ווי דו דארפסט זיך פאר דעם היטען אין דיין לאגע. ער האט א מאך געטהאן מיט דער רעכטער האנד, אזוי ווי ער וואלט זי געוואלט צונויפדריקען אין א פויסט און ארויסגע־מורמעלט מיט צארן:

— איך זאג דיר. איך ווער דערשטיקט. וואס ארט דיר אז

איך וועל נאך א טאג לעבען. האב נאר ניט מורא, איך בלייב ניט לעבען, איך בלייב ניט.

און בעת דעם האט אויף זיינע שמאלע ליפען און איינגעפאַלענע באקען, געציטערט דער שאטען פון טויט.

זי האט ווייט פערנאנדערגעעפענט דאס פענסטער. די לופט, וואס האט א שטראם געטהאָן פון דרויסען, האט זיי אלעמען בערירט ווי א צארטער קוש. עס איז געוועזען א שטילער ווארימער ווייכער בריז, א פריהלינגס־ווינד, וועלכער האט מיט זיך געבראכט דעם בערוישטען דופט פון קרייטיכער און בלומען וואס זיינען אין דיעזער געגענד געוואקסען. איצט האט מען קלאָהר געהאט אונטערשיידען דעם מחיה'דיגען גערוך פון דרויסען און דעם שווערען, שארפען גערוך פון דעם קראנקען צימער.

פארעסטיע האט געזופט די לופט, שווער אטהעמדיג. ער האט זיך איינגעסצשעמעט מיט די נעגעל אין דער ווענטעל פון זיין פאטעל און ארויסגעשיפעט מיט א שטילער פייפענדער שטימע, אין וועלכע עס האט זיך געהערט גאַל:

— מאך שוין צו דאס פענסטער, מאך שוין צו, איך קען ניט. שוין בעסער אזוי קראפירען.

זיין פרוי האט לאנגזאם צוגעמאכט דאס פענסטער, צו גערדריקט איהר שטערן צו די שויבען און ארויסגעקוקט אין די ווייטקייט.

דוראָי האט זיך געפיהלט שטארק אונאנגענעהם פון דער דאזיגער סצענע. ער וואלט וועלען ריידען צום קראנקען, טרייסטען איהם, בערוהיגען איהם, אבער ער האט ניט געפונען די פאסענדע ווערטער. דאך האט ער ארויסגעשטאמעלט:

— הייסט עס אז זייט דו ביזט דא פיהלסטו זיך נאך אלץ ניט בעסער, הא?

דער קראנקער האט אונגעדולדיג א דריק געטהאָן מיט די אקסלען.

— זעהסט דאך!

און ער האט ארונטערגעלאזט דעם קאָפּ.

דוראָי האט זיך אנגערופען:

— אין פערגלייך מיט פאריז איז דא זעהר שען. אין פא־ריז איז נאך ווינטער, עס שנעהט, עס האגעלט, עס רעגענט, ס'איז אזוי פינסטער, דאס אום דריי מוז מען שוין אנצינדען דעם לאמפ.

דער קראנקער האט א פרעג געטהאן:

— וואס הערט זיך אין דער צייטונג?

— קיין נייעס. אויף דיין פלאץ האט מען אוועקגעזעצט דעם קליינעם לאקרין, וועלכער האט געארבייט ביי וואלטער'ן, אבער ער טויג אויף פייער. ס'איז שוין צייט, ווירקליך, אז דו זאלסט שוין קומען צוריק.

דער קראנקער האט ארויסגעברומט:

— איך וועל שיין באלד מיינע ארטיקלען שרייבען ניין איי־לען אונטער ד'ערד.

דער געדאנק וועגען טויט האט ארויסגעקלונגען ווי א גלאק, פון יעדען ווארט וואס ער האט ארויסגערעט.

א שטיל שווייגען, א שמערצליך־טיף שווייגען. דער לעצטער גליהענדער שטראל פון דער אונטערגעהענדער זונן, איז אין דרוי־סען פערלאשען געווארען. דונקעל זיינען ארויסגעטראטען די שפי־צען פון די בערג אונטער דעם הימעל, וואס האט אנגעהייבען צו דרימלען. איין איינציגער ראנאווער ליכט־שטראל האט פער־בלאנדזשעט אין דעם צימער און אבגעשיינט אויף די מעבעל, אויף די וואנד און אויף די טאפעטען. דער שפיעגעל אויף דעם קאמין האט אויסגעזעהן ווי א בלוטיג־רויטע שטיק גלאז. באלד איז דער דאזיגער איינציגער, לעצטער שטראל אויך פערשוואונדען און די פינסטערנים פון דרויסען האט זיך צונויפגעגאסען מיט דער פינסטערנים אין'ם צימער.

מאדאם פארעסטיע איז נאך אלץ געשטאנען ביים פענסטער און האט זיך ניט בעוועגט. זי איז געשטאנען מיטען רוקען צום קראנקען און האט געפרעסט דעם שטערען צו די שויבען און גע־קוקט אין דעמערונג אריין.

דער קראנקער האט גענומען ריידען מיט א געהאקטע שטי־מע אהן אן אטהעם, ס'איז געוועזען א שרעק איהם צו הערען:

— ווי פיעל נאך אזעלכע זונען־אונטערגאנגען וועל איך זעהן?

אכט מאָל, צעהן, פיערצעהן, צוואנציג, פיליכט דרייסיג מאָל, ניט מעהר. איהר האט נאך צייט, פאר איך וועט נאך די זוהן אונטער־געהן און אויפגעהן, פאר מיר אבער איז עס שוין אוים. און ווען איך וועל שוין ליגען אין ד'רערד, ווען פון מיר וועט שוין מעהר קיין גדעכעניס ניט פערבלייבען, וועט די זון נאך אלץ אויפגעהן און אונטערגעהן, אזוי ווי איך וואלט גאר קיין מאל אויף דער וועלט ניט געווען.

ער האט א ווײלע געשוויעגען, דערנאך האט ער ווייטער גע־רעדט:

— אלסדינג וואס איך זעה דערמאָהנט מיך אן דעם, אז אין א פאאר טעג ארום וועל איך דאָס שוין מעהר ניט זעהן. עס איז שרעקליך. איך וועל מעהר קיין מאָל ניט זעהן דאָס וואס איך האב געליעבט, וואס איך האב געברויכט. איך וועל דאס שוין מעהר קיין מאָל ניט דארפען. גלעזער, טעלער, דאס בעט, אויף וועלכע איך בין געשלאָפען, דער וואגען אויף וועלכען איך בין שפּאַ־צירען געפאהרען. אך, איך האב אזוי ליעב געהאט צו פאהרען די אבענדען שפּאצירען.

ער האט געקלאפּט מיט די פינגער פוןביידע הענד איבער'ן פאטעל, ווי ער וואלט קלאוויר געשפּיעלט. ווען ער איז אנשוויגען געווארען איז געווען נאך שרעקליכער, נאך פיינליכער ווי בעת ער האָט גערעדט. מען האט געפיהלט דאס זיינע גדאנקען זיינען שווארצער פון דער יעסען נאכט.

און פּלוצום האט זיך דוראָי דערמאנט, וואס דע־ווארען האט איהם מיט א פּאאר וואכען צוריק געזאגט: "איך זעה דעם טויט אזוי נאהענט נעבען מיר, דאס מאנכעס מאל פיהל איך ווי אויס־צושטרעקען די ארימס אום איהם אוועקצושטויסען פון מיר."

דעמאלט האט דוראָי דאס ניט פערשטאנען, היינט אבער, ווען ער האט געזעהן פאר זיך פאָרעסטיע, האט ער עס בעגריעפען און א מורא'דיגער פּחד, וועלכען ער האט נאך ביז אהער ניט געקענט, האט איהם אנגעכאפּט. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז אויף'ן שטול, וואו דער קראנקער האט זיך געקארטשעט, האט ער דעם טויט געזעהן. עס האט זיך איהם געוואלט אנטלויפען, אנטלויפען צוריק

אין פאריז. אך, ווען ער וואלט עס פריהער געוואוסט, וואלט ער גאר אין גאנצען אהער ניט געקומען.

אין צימער איז געווארען אלץ דונקעלער און דונקעלער, ווי א טרויער־שלויער נאך דעם שטארבענדען האט זיך די נאכט איבער'ן קראנקען צימער פערשפרייט. מען האט נור געקאנט אונטערשיי־דען דאס פענסטער, נעבען וועלכען עס איז געשטאנען דער אונבע־וועגליכער שאטען פון דער יונגער פרוי.

פארעסטיע האט מיט גאל געפרעגט:

— מען וועט היינט גאר קיין לאמפ ניט אנצינדען? אט אזוי זעהט מען מיך צו.

דער שאטען פון דעם קערפער ביים פענסטער איז פערשוואונ־דען, און דאן האט זיך דערהערט אין דער ארומיגער שטילקייט דאס קלינגען פון דעם עלעקטרישען גלעקעל.

באלד האט א דיענער אריינגעטראגען א לאמפ און איהם אוועק געשטעלט אויפ'ן קאמין. מאדאם פארעסטיע האט זיך גע־ווענדעט צו איהר מאן:

— דו ווילסט זיך ליגען אין בעט, אדער וועסט ארונטער־געהן עסען?

ער האט געענטפערט צורייצט:

—איך וועל ארונטערגעהן.

אוןווארטענדיג אויפ'ן עסען, זיינען זיי אלע זאלבע דריט געזעסען ביי א שטונדע און מיט קיין גליעד ניט א ריהר געטהאן. נור ווען־ניט־ווען, איז אווארט ארויסגערעדט געווארען, א גלייכ־גילטיג, באנאל ווארט, אזוי ווי זיי וואלטען מורא געהאט, אז פון זייער לאנג שווייגען זאל די לופט אין צימער ניט פערגליווערט ווערען, אין דעם דאזיגען צימער, וואו דער טויט האט שוין זיינע ארעמס געהאלטען אויסגעשטרעקט.

צום סוף זיינען זיי געגאנגען עסען. דורא'ין האט זיך גע־דאכט, אז דער מאלצייט געדויערט לאנג, לאנג און, אז עס וועט צו איהם גאר קיין סוף נישט געהמען. זיי האבען ניט גערעדט, האבען שטיל געגעסען און זייערע פינגער האבען געשפיעלט מיט דאס ברויט. דער דיענער האט זיי סערווירט, איז אריין און ארויס

שטיל אהן געררויש, אזוי, דאס מען האט אפילו זיינע טריט ניט געהערט. ווייל פריהער האט דער ליארעם פון זיינע סקריפּענדיגע שיך פּארעסטיע'ן נערוועז געמאכט, האט דער דיענער איצט געטראגען פילצענע שיך; נור דער טיק־טאק פון וואנד־זייגער האט מיט זיין רעגעלמעסיגער, מעכאנישער בעוועגונג דאס שווייגען אין צימער אונטערבּראכען.

אזוי גיך ווי זיי האבען אבגעגעסען, איז דוראַי אוועק צו זיך אין צימער מיט דעם אויסרייד אז ער איז זעהר מיעד. ער האט זיך אנגעשפּארט אן פענסטער און געזעהן, ווי די פולע לבנה וועלבע איז געשטאנען אויף'ן הימעל ווי א גרויסער, א מעכטיגער לאמפּ, האט געווארפען אויף די ווייסע ווענט פון די וויללאס איהר פּארשלייערטען הארטען ליכט, און איבער'ן ים — ווייכע בעוועגליכע ליכטער. ער האט געטראכט וועגען עפּעס א תירוץ, אום גלייך צוריק אוועקצופאהרען, וועגען עפּעס א שפּיצעל, אדער אפשר א טעלעגראמע, וואס ער זאל האבען געקריעגען, אין וועלכער הערר וואלטער רופט איהם צוריק קיין פּאריז.

ווען ער איז אויפגעשטאנען אויף מארגען אין דער פריה, האט ער איינגעזעהן, אז אלע זיינע פּלענער צו אנטלויפען זיינען גאנץ שווער אויסצופיהרען. פרוי פארעסטיע וועט זיך אזוי גרינג ניט לאזען נארען און דורך זיין פייגהייט וועט ער פערליערען אלעס, וואס ער האט דורך זיין פריינדשאפט געוואונען.

און ער האט געזאגט צו זיך אליין: מילא וואס קען מען זיך העלפען, עס איז טאקע אונאנגענעהם, אבער אין לעבען זיינען דא שווערע צייטען אויך, און אפשר וועט עס שוין ניט לאנג געדויערען......

דער הימעל איז געוועזען בלוי און קלאַר, פון יענער טיעפער זידליכער בלויקייט, וואס פילט אן דאס הארץ מיט פרייד. דוראַי, איז ארונטער צום ים, זעהן פּארעסטיע'ן האט ער זיך ניט געאיילט.

ווען ער איז צוריקגעקומען צום פריהשטיק, האט דער דיענער צו איהם געזאגט :

— אונזער הערר האט שוין צוויי־דריי מאָל אויף אייך געפרעגט. ווילט איהר אזוי גוט זיין ארויפגעהן צו איהם ?

ער איז אוועק. פארעסטיע האט געשיינט צו שלאפען אין זיין שטול, זיין פרוי איז געלעגען אויף דער זאפע מיט א בוך אין האנד.

דער קראנקער האט א הויב געטהאן דעם קאפ. דוראי האט געפרעגט:

— נו, וואס מאכסטו? היינט אין דער פריה זעהסטו אוים גאנץ מונטער.

יענער האט ארויסגעברומט:

— יא, איך פיהל זיך בעסער, איך האב ווידער קרעפטען. עס אב שנעל פריהשטיק מיט מאגדאלענען, ווייל מיר ווילען אויס־פאהרען.

אזוי גיך ווי די יונגע פרוי איז געבליעבען אליין מיט דוראי׳ן, האט זי געזאגט:

—אך גאט, היינט דענקט ער, אז ער איז גערעטעט, דעם גאנצען פריהמארגען האט ער געהאלטען אין איין מאכען פלענער. מיר וועלען שפעטער פאהרען צום גאלף זשאן קויפען פאיאנסען פאר אונזער פאריזער וואהנונג, ער וויל אונבעדינגט ארויספאהרען. אבער איך האב שטארק מורא, אז עטוואס זאל נישט פאסירען אויף׳ן וועג, דאס טרייסלען זיך ביים פאהרען וועט ער גאר נישט קענען אויסהאלטען.

ווען די קארעטע איז געקומען, איז פארעסטיע, געשטיצט פון א דיענער, טריט ביי טריט פון די טרעפ ארונטער. אזוי שנעל ווי ער האט דערזעהן דעם קויטש, האט ער געהייסען איהם עפענען. זיין פרוי האט פראטעסטירט:

— דו וועסט זיך פערקיהלען! מאך נים קיין נארישקייטען!

אבער ער איז געבליעבען ביי דאס זייניגע:

— ניין, מיר איז א סך בעסער, איך פיהל זיך גאנץ גוט.

צוערשט זיינען זיי געפאהרען דורך יענע בעשאטענע וועגען, וואס ליגען אימער צווישען גארטענס און וועלכע גיבען צו קיי־נעם דעם אויסזעהן פון אן ענגלישען פארק. דאן זיינען זיי אנגע־קומען אין דער גאס פון אנטיבעס, וועלכע ציהט זיך אין דער לענג פון ים.

פארעסטיע האט ערקלעהרט די געגענד. צוערשט האט ער

נעצייגט די ווילא פון דעם פאריזער גראף. דאן האט ער אנגע־רופען אנדערע. ער איז געווען לעבעדיג מיט עפעס אן אומיסטנע נעמאכטער, קראפטלאזער פרעהליכקייט. און אנווייזענדיג די פערשיעדענע פלעצער, האט ער נור אויפגעהויבען איין פינגער, ווייל ער האט ניט געהאט די קראפט די האנד אויסצושטרעקען:

— דאס איז דער אינזעל סענט־מארגאריטא און דער שלאס פון וועלכען באציין איז אנטלאפען. דאס האט אונז דאן אנגע־מאכט א ביסעל צרות!

און דאן איז ער ארויף אויף אלטע עראינערונגען פון רעגי־מענט. ער האט אנגערופען נעמען פון אפיצירען, דערצעהלט פון זיי אלערליי געשיכטען. אבער פלוצום, ארייגקעהרענדיג זיך אין א געוויסער גאס, האבען זיי דערזעהן פאר זייערע אויגען דעם גאלף זשאן מיט זיינע ווייסע הייזער אין דעם הינטערגרונד און שפיץ פון אנטיבעס אויף דער אנדערער זייט. אויף פארעסטיע'ן איז פלוצום אנגעפאלען א קינדערשע פרייד און ער האט אויסגערופען:

— אך, די שיפען, דו וועסט באלד זעהן די שיפען!

אין מיטען פון די ווייטע בלויע וואסערען האט מען ווירקליך באלד דערזעהן א האלב טוץ מעכטיגע שיפען, וועלכע האָ־בען אויסגעזעהן ווי פעלזען, מיט נעסטען בעדעקט. זיי זיינען גע־זוען אזעלכע מאָדנע, אהן א שום פארמע, ריעזיג גרוים מיט טו־רעמס און שפיצען פון פארענט וועלכע האבען זיך איינגעבויערט אין וואסער, אזוי ווי זיי זאלען וועלען אנטאפען דעם גרונד פון'ם ים.

מען האט ניט געקענט פארשטעהן, ווי אזוי די דאזיגע מא־שינאס ריהרען זיך פון ארט, אזוי גרוים און אזוי שווער האבען זיי אויסגעזעהן.

און א גרויסער דריי־מאסטער האט זיך פארביי זיי פארביי געטראגען, אום אין דער ווייטער וועלט צו ציהען. לוסטיג האבען זיך אלע זיינע ווייסע זעגעל בעוועגט. ער האט אויסגעזעהן גרא־ציעז און שען נעבען די קריעגסשיפען, נעבען יענע אייזערנע ריע־זען, די העסליכע סטראשידלעס, וועלכע ליגען איינגעהויקערט אין וואסער.

פארעסטיע האט זיך געסטארעט זיי צו דערקענען און אנגע־רופען זייערע נעמען: "קאלבערט". "סופרען". "אדמיראל דיור־פער", "דעוואסטאציאן" דאן האט ער זיך פערכאפט :

— ניין, איך האב א טעות, דארט ליענט די "דעוואסטא־ציאן."

זיי זיינען צוגעקומען צו א גרויסען פאוויליאן נעבען ברעג מיט דער אויפשריפט: "קונסט טעפעריי פון גאלף זשאן". די קא־רעטע האט זיך אבגעשטעלט נעבען טיר.

פארעסטיע האט געוואלט קויפען צוויי וואזען פאר זיין בי־בער־שאפע: אבער אזוי ווי ער האט ניט געקענט ארויסגעהן פון קארעטע, האט מען איהם געבראכט מוסטערן אויף אויסצוקלייבען. ער האט א לאנגע צייט געקליעבען און אלץ זיך מיישב געווען מיט זיין פרוי און דוראי'ן.

— דו ווייסט, דאס איז פאר דער שאפע אין מיין ארבייטס־צימער. איך וואלט גערן וועלען האבען עפעס אן אנטיק — אין גריכישען סטיל.

ער האט זיי בעטראכט איינציגווייז, געהייסען ברענגען אנ־דערע, גענומען די ערשטע צוריק אין האנד אריין און צום סוף האט ער אויסגעקליעבען א פאאר. נאכדעם ווי ער האט פאר זיי בעצאהלט, האט ער פערלאנגט, מען זאל זיי גלייך אבשיקען צו איהם אהיים.

— אין א פאאר טעג ארום פאהר איך צוריק קיין פאריז — האט ער צוגעלייגט.

זיי האבען זיך אומגעקעהרט אהיים, אבער אויף'ן וועג האט זיי פלוצום געטראפען א קאלטער ווינד, וואס איז געקומען פון א טהאל, און דער קראנקער האט גענומען הוסטען.

צוערשט איז דאס נור געווען א קליינער אנפאל, אבער דער אנפאל איז געווארען אלץ שטארקער און שטארקער און איז ארי־בערגעגאנגען אין א מורא'דיגען הוסט, וועלכער האט זיך געענ־דיגט מיט א שווערען סאפען און כארכלען.

פארעסטיע האט געאטהעמט זעהר שווער און יעדעס מאל ווען ער האט אין זיך אריינגעצויגען די לופט, האט איהם געמא־

טערט דער הוסט, וועלכער איז טיעף פון זיין ברוסט ארויס. קיין זאך האט איהם ניט געקענט בערוהיגען, קיין זאך האט ניט געקענט לינדערן זיינע ליידען און מען האט איהם געמוזט אויף די הענד ארויפטראגען אויבען אין זיין צימער. דוראַי, וועלכער האט איהם געהאלטען פאר די קניע, האט ביי זיין יעדען אטהעם צוג געפיהלט, ווי די פיס פון'ם קראנקען װארפען זיך אהין און אהער.

דער אנפאל האט אנגעהאלטען ביז האלבע נאכט, אפילו די ווארימקייט פון בעט האט איהם ניט לינדער געמאכט. צום סוף האבען פערשיעדענע מעדיצינען איינגעשטילט דעם מורא'דיגען הוסט און דער קראנקער איז געבליעבען זיצען אין בעט מיט אפע־נע אויגען. אזוי איז ער אבגעזעסען ביז טאג.

זיינע ערשטע ווערטער זיינען געווען, אז מען זאל איהם שי־קען א בארבער, ווארום ער איז געוואהנט געווען זיך צו ראזירען יעדען טאג. צוליעב דעם איז ער אויפגעשטאנען, אבער מען האט איהם געמוזט גלייך צוריק אריינלייגען אין בעט. ער האט גע־נומען אטהמען אזוי שווער, אזוי קורץ און מיט אזא כארכלען, דאס פרוי פארעסטיע האט זיך שטארק דערשראָקען און געהייסען אויפ־וועקען דוראַי'ן, וועלכער האט זיך נור וואס געהאט געלייגט, אום איהם צו שיקען נאָך'ן דאקטאר.

עס האט לאנג גענומען און ער האט געבראכט דאקטאר גא־וואוט, וועלכער האט פערשריעבען עפעס א מעדיצין איהם צו בע־רוהיגען; אבער ווען דוראַי האט איהם אביסעל בעגלייט און גע־פרעגט זיין מיינונג וועגען קראנקען, האט דער דאקטאר געענטפערט:

— דאס איז דער סוף, מארגען אין דער פריה איז ער טויט. איהר מוזט זיין ארימע, יונגע פרוי פארבערייטען און שיקען נאך א פריסטער. איך האָב דא שוין מעהר גאָרנישט צו טהאָן, הגם איך וועל נאטירליך גערן שטעהן צו אייער דיענסט.

דוראַי האט געהייסען ארויסרופען פרוי פארעסטיע: — ער וועט שטארבען, דער דאקטאר ראטה צו שיקען נאך א פריסטער.

זי האט אַ ווײלע איבערלייגט און דאן האט זי געזאגט:

— יא, אזוי איז הפנים בעסער. איך וועל איהם פארבערײ־טען און זאגען, אז דער פריסטער וויל מיט איהם וועגען עפעס רע־

דען. עס וועט זיין זעהר ליעבענסווירדיג פון אייך, ווען איהר זאלט רופען א גייסטליכען, אבער קוקט זיך א פריהער גוט ארום און נעהמט, איך בעט אייך, אזעלכען, וואס זאל אונז ניט מאכען קיין צופיעל שוועריגקייטען. זעהט, אז ער זאל זיך בענוגענען נור מיט דער ווידוי און זאל אונז מיט דאס איבעריגע לאזען צופריעדען.

דער יונגער מאן האט געבראכט אן אלטען דיענער פון דער קירכע, וועלכער האט פערשטאנען וואס מען פערלאנגט פון איהם און איז אויף אלעס איינגעגאנגען. מאדאם פארעסטיע איז ארויס־געגאנגען און זיך געזעצט מיט דוראַי'ן אין א צווייטען צימער.

— עס האט אויף איהם שרעקליך געווירקט — האט זי גע־זאגט — ווען איך האָב מיט איהם גערעדט פון א פריסטער האט זיין פּנים אנגענומען אזא מורא'דיגען אויסדרוק, ווי ער וואלט דער־פיהלט עפּעס א מין... קאלטען הויך... ער האט בעגריעפען, אז מיט איהם איז אויס, אז זיינע שטונדען זיינען געצעהלט.

זי איז געווען זעהר בלייך און האט ווייטער גערעדט:

— איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסען דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט, איך גלויב ער האט אין דעם דאזיגען מאמענט ווירקליך דערזעהן פאר זיך דעם טויט, יא, ער האט איהם געזעהן!

זיי האבען געהערט, ווי דער פריסטער, וועלכער איז געווען עטוואס טויב, האט צו איהם געזאגט אביסעלע צו הויך:

— אבער ניין, אזוי שלעכט שטעהט מיט אייך נאך ניט, איהר זייט קראנק, אבער ניט געפעהרליך. דער בעווייז איז, וואס איך קום צו אייך איינפאך אלס פריינד, אלס שכן.

זיי האבען ניט געקענט פארשטעהן, וואס פארעסטיע האט געענטפערט. דער אלטער מאן האט אנגעהויבען פון דאס ניי:

— ניין, איהר דארפט זיך ניט קאמיוניצירען, וועגען דעם וועלען מיר ריידען, ווען איהר וועט ווידער געזונד ווערען. אבער ווען איהר ווילט זיך בענוצען מיט דער געלעגענהייט, וואס איך בין שוין דא, אום צו ווידוי זאגען, בין איך צופריעדען. איך בין דער הירט פון די נשמות און איך נעהם אן יעדע מעגליכקייט, צוריק צופיה־רען די שאָף צו זייער סטאדע.

א לאנגע צייט איז געווען שטיל. פארעסטיע האט מסתמא

געזעגנט מיט זיין טאַנלאַזער, ציטערדיגער שטימע. פּלוצום האָט דער פּריסטער מיט אַ גאַנץ אַנדער טאָן, מיט דעם טאָן וואָס דער גייסטליכער רעדט ביים אַלטאַר, געזאָגט:

— גאָט'ס באַרעמהערציגקייט איז אומענדליך, זאָגט דאָס געבעט, מיין קינד. איהר האָט עס פיליכט פערגעסען, איך וועל אייך העלפען. זאָגט מיר נאָך...

און ער האָט לאַנגזאַם געזומען זאָגען די לאַטיינישע ווערטער, וועלכע דער שטערבענדער האָט שטיל, שטיל נאָך איהם נאָכגעמורמעלט, דאַן האָט ער געזאָגט:

— און איצט בייכטעט.... —

די יונגע פרוי און דוראָי האָבען זיך ניט גערירט פון אָרט, צומישט אין פול אַנגסטליכער ערוואַרטונג.

דער קראַנקער האָט עטוואָס געמורמעלט, דער פּריסטער האָט ווידערהאָלט:

— איהר האָט געדולדעט געפעליגקייטען, וואָס זיינען בעצאָהלט געוואָרען מיט אַ זינדיגען פּרייז? און וואָס פאַר אַן אַרט מיין זוהן?

די יונגע פרוי האָט זיך אויפגעהויבען און געזאָגט איינפאַך:

— לאָמיר געהן אַביסעל אין גאַרטען. מען דאַרף זיינע געהיימניסע ניט אונטערהערען.

און זיי זיינען אַרונטערגעגאַנגען, האָבען זיך געזעצט פאַר'ן טיר אויף אַ באַנק, אונטער אַ בליהענדען רויז-בוש און פאַר אַ בייט פון שמעקענדיגע נעלקען, וועלכע האָבען אָנגעפילט די ריינע לופט מיט זייער שטאַרקען דופט.

דוראָי האָט געפרעגט נאָכדעם ווי זיי האָבען אַ פּאָאַר מאָמענטען געשוויגען:

— דענקט איהר דאַ נאָך לאַנג צו פערבלייבען?

זי האָט געענטפערט:

— אָ, ניין, אַזוי גיך ווי אַלעס איז צו ענדע, קום איך צוריק קיין פּאַריז.

— אין אַכט אָדער צעהן טעג?

— העכסטענס!

און ער האט ווידער אנגעהויבען:

— האט ער ־דען גאר קיין קרובים ניט?

— ניין, אויסער א פאאר גאנץ ווייטע פערוואנדטע. זיין פא־טער און מוטער זיינען געשטארבען, ווען ער איז געווען נאך גאר א קינד.

זיי האבען זיךביידע צוגעקוקט צו א שמעטערלינג, וועלכער האט אין די קנאפפען פון די בלומען זיין נאהרונג געזוכט און ווי ער איז שנעל מיט אויסגעשפרייטע פליגעל געפלויגען פון איין בלום אויף דער אנדערער.

זיי האבען לאנג געשוויגען.

דער דיענער איז געקומען, אום זיי אנצוזאגען, אז דער הערר פריסטער איז פערטיג. און זיי זיינען ביידע צוזאמען ווידער ארויפגעגאנגען.

פארעסטיע האט אויסגעזעהן א סך ערגער ווי מיט א טאג צוריק. דער פריסטער האט געהאלטען זיין האנד:

— צום ווידערזעהן, מיין זוהן, איך קום מארגען ווידער.

און ער איז אוועק.

אזוי שנעל ווי ער איז אוועק, האט דער שטערבענדער פרו־בירט אויסשטרעקען די הענד צו זיין פרוי, און געגומען שטאמלען:

— ראטעווע מיך! ראטעווע מיך, מיין טהייערע! איך וויל ניט שטארבען. איך וויל ניט שטארבען. ראטעווע מיך! זאגט מיר נור וואס מען דארף טהאן! רופט דעם דאקטאר! איך וועל טהאן אלעס, אלעס וואס איהר פערלאנגט! איך וויל ניט שטאר־בען! איך וויל ניט שטארבען!..

ער האט זיך צו־וויינט. גרויסע טרערען האבען זיך געקיי־קעלט פון זיינע אויגען אויף די אויסגעצעהרטע באקען, און די איינגעפאלענע ווינקלען פון מויל האבען זיך פערקרימט, ווי ביי א קליין קינד, וואס האט עפעס א צער.

דא האבען זיינע הענד, וועלכע זיינען מאכטלאז, אויף דאס בעט אראבגעפאלען, געגומען לאנגזאם און ניט רעגעלמעסיג טא־פען ארום זיך, ווי זיי וואלטען עפעס געזוכט אויף דער דעקע.

זיין פרוי, וועלכע האט זיך אויך צו־וויינט, האט געשטאמעלט:

— ניין, ניין, דאס איז גארנישט, עס איז נור אן אנפאל. מארגען וועסטו זיך פיהלען בעסער. דער נעכטיגער שפאציער־פאהר האט דיך מיעד געמאכט.

פארעסטיע האט געאטהעמט שווערער, ווי א הונד, ווען ער לויפט. מען האט שוין איצט ניט געקענט צעהלען זיינע אטהעמ־ציגע, ער איז געווען אזוי שוואך, אז מען האט איהם קוים געהערט.

ער האט געהאלטען אין איין ווידערהאלען :

— איך וויל ניט שטארבען. מיין גאט, מיין גאט, מיין גאט, וואס וועט מיט מיר זיין? איך וועל דאס אלעס מעהר קיין מאל ניט זעהן. א מיין גאט! א מיין גאט!

מיט אויסגעגלאצטע אויגען האט ער געקוקט פאר זיך, ווי ער וואלט געזעהן עטוואס שרעקליכעס, מורא'דיגעס, עטוואס וואס די אנדערע האבען ניט געזעהן. און זיינע ביידע הענד האבען אלץ געטאפט לאנגזאם און מיעד ארום זיך.

פלוצים האט ער זיך א טרייסעל געטהאן, א שוידער איז איבער זיין גאנצען לייב אריבער, און ער האט געשטאמעלט :

— דער בית עולם... איך... מיין גאט...

מעהר האט ער שוין ניט גערעדט. ער איז געבליעבען זי־צען אונבעוועגליך, געקוקט ארום זיך מיט צושראקענע בליקען און געקרעכצט. די צייט האט זיך גערוקט. פון דעם טורעם פון א דערבייאיגען קלויסטער האט געשלאגען די מיטאג־שטונדע. דוראי איז ארויס עפעס עסען. אין א שטונדע ארום איז ער צוריק געקו־מען. פרוי פארעסטיע האט גארנישט געוואלט פארזוכען. דער קראנקער האט זיך ניט באוועגט, ער האט נור געהאלטען אין איין טאפען מיט די מאגערע פינגער אויף דער דעקע, ווי ער וואלט זי וועלען אויפהויבען.

די יונגע פרוי איז געזעסען צופוסען פון בעט אויף א פאטעל. דוראי האט צוגערוקט נאך א שטוהל נעבען איהר און זיי האבען שווייגענדיג געווארט.

עס איז געקומען א קראנקען ווערטערין, וועמען דער דאקטאר האט געשיקט אהער; זי האט געדרימעלט ביים פענסטער. אויך

דוראַי האט גענומען איינשלאָפען; פלוצום האט זיך איהם געדאכט, אז עפעס פאַסירט ארום איהם. ער האט געעפענט די אויגען פונקט אין צייט צו זעהן, ווי פּארעסטיע האט זיינע געשלאָסען, ווי צוויי ליכט, וועלכע האבען זיך אויסגעלאָשען. א שטילער זיפץ איז נאָך ארויס פון דער ברוסט פון שטערבענדען, דאן זיינען די ווינקלען פון מויל געווארען בלוטיג רויט און צוויי שטראָמען האבען זיך א גאס געטהאָן אויף'ן העמד אראב. די הענד האבען אויפגעהערט צו טאפּען ארום זיך, האבען זיך מעהר ניט בעוועגט: פּארעסטיע האט אויפגעהערט צו אטהעמען.

זיין פרוי האט בעגריפען, וואס דאָ איז פארגעקומען, זי האט ארויסגעלאָזט א געשריי, זיך געווארפען אויף די קניע און בעהאַל־טען שלוכצענדיג דעם קאפּ אין די לייליאכער. דוראַי איז געווארען צומישט. האט זיך מעכאניש גענומען צלם'ען. די וועכטערין האט זיך אויפגעכאפּט, איז צוגעגאנגען צו דער בעט און געזאגט:

— ער איז טויט!

אבער דוראַי, וועלכער איז גלייך ווידער געקומען צו זיך, האט אויסגעברומט:

— עס איז געגאנגען שנעלער, ווי איך האב געמיינט!

נאכדעם ווי די ערשטע איבעראשונג איז אריבער און די ער־שטע טרערען זיינען פארגאָסען געווארען, האט מען דעם טויטען צום לעצטען מאָל געטהאָן זיין רעכט. דוראַי איז ארומגעלאָפען ביז שפּעט אין דער נאכט.

ווען ער איז צוריק אהיים געקומען איז ער געווען שטארק הונגעריג. פרוי פּארעסטיע האט זעהר ווייניג געגעסען. דאן זיי־נען זיי ביידע געבליעבען אין טויטען צימער, אום צו בעוואכען דעם טויטען.

אויף דעם נאכט־טישעל האָבען געברענט צוויי ליכט.

דער יונגער מאן און די יונגע פרוי זיינען געווען אליין מיט דעם, וועלכער האט שוין מעהר ניט געלעבט; פערטראכט, ניט ריי־דענדיג קיין ווארט, האבען זיי איהם אנגעקוקט. דוראַי, וועמען עס האט בעאונרוהיגט די דונקעלהייט ארום דעם מת, האט פון איהם ניט געקענט אברייסען זיינע אויגען. זיין אויג און זיין גייסט

זיינען צוגעצויגען כמעט פערכשופט געווארען דורך דעם דאָזיגען פארענדערטען געזיכט, וועלכער האט אויסגעזעהן נאָך איינגעפאַלענער, נאָך אויסגעצויגענער ביי דעם שיין פון די פלאַקערענדע ליכט. דאס איז געווען זיין פריינד, שאַרל פארעסטיע, וועלכער האט נאָך נעכטען מיט איהם גערעדט! וואס פאר א מורא'דיגער וואונדער, דאס דאזיגע אויפהערען אין גאנצען צו עקזיסטירען פון א מענשען! ער האָט זיך דערמאָנט אן נארבער דע ווארען'ס ווערטער, וועלכע די מורא פאר'ן טויט האט איינגעפלאַסען: קיינער קומט קיינמאָל ניט צוריק. מיליאנען און מיליארדען וועזענס וועלען געבארען ווערען כמעט עהנליכע, מיט אויגען, מיט א נאָז, א מויל, א קאָפּ און געדאנקען, אבער דער, וואס ליעגט דא אויסגעצויגען, וועט קיינמאָל, קיינמאָל זיך צוריק־קעהרען.

עטליכע יאהר נאָכאנאַנד האט ער געלעבט, געגעסען, געלאכט, געליעבט, געהאפט, ווי אלע אנדערע און איצט איז אלעס, אלעס אויף אויביג פאר איהם אויס. א מענשליך לעבען! זעהר ווייניג יאהרען געדויערט עס און דאָן איז אלעס אויס. מען ווערט געבארען, מען וואקסט, מען איז גליקליך, מען האפט און מען שטארבט. א מאן צו א פרוי, ביידע מוזען געהן און קומען קיינמאָל ניט צוריק אויף דער ערד; און דאך טראגט יעדער מענש אין זיך די פיבערהאפטע אונשטילבארע בייגקעניש נאָך דער אויביגקייט.

יעדערער איז עפּעס א מין וועלטעל אין דער גרויסער וועלט; און יעדער געהט באלד אונטער אום פעט צו מאכען די ערד פאר נייע זוימען. פלאנצען, חיות, מענשען, שטערן, וועלטען גאנצע, אלע ווערען זיי געבארען און שטארבען אום זיך אומצוואַנדלען. אבער צו אינסעקט, צו מענש, צו פלאַנעט — קיין מאָל איז נאָך קיין וועזען ניט צוריק געקומען.

א אונבעשטימטע, דריקענדע מורא האט ארומגעכאַפּט דוראָי'ס נשמה, די אנגסט פאר יענער מעכטיגער, אונבעגרענעצטער קראַפט, פון וועלכער קיינער אויף דער ערד קען זיך ניט ארויסדרעהען, וועלכע פערניכטעט אלע דיזע קורצע, עלענדע לעבענס. און אויך ער האט איינגעבויגען דעם קאָפּ פאר יענער סטראשענדיגער מאכט..

ער האט געטראכט וועגען דער איין־טאגיקער פליעג, וועלכע

לעבט נור א פאאר שטונדען, די חיות, וועלכע לעבען א פאאר טעג, די מענשען, וואס לעבען א פאאר יאהר, די וועלטען וואס געדויערען נור א פאאר יאָהרהונדערטע. מיט וואס האבען זיך איינע אונטערשיידעט פון די אנדערע, זיי האבען געזעהן א פאאר מאָל מעהר ווי די זון געהט אויף, דאס איז געווען דער גאנצער אונטערשיעד.

ער האט אבגעקעהרט די אויגען, אום ניט צו זעהן מעהר די לייכע. מאדאם פארעסטיע איז געזעסען דערביי, דעם קאפ איינגעבויגען, אין טרויעריגע געדאנקען פארזונקען.

איהרע בלאנדע האאר האבען אזוי שען געקליידעט צו איהר טרויעריגען געזיכט, אז א זיסער געפיהל האט זיך צוגאסען איבער דעם יונגען מאן'ס הארץ און ער האט ווידער גענומען האפען אויף א שענער צוקונפט.

צו וואס זאל ער פערצווייפלען? ער האט נאך אזוי פיעל יאהר פאר זיך.

און ער האט גענומען זי בעטראכטען. אין געדאנקען פערלארען, האט זי עם ניט בעמערקט.

ער האט געזאגט צו זיך אליין: דאס איינציגע וואס איז דא אין לעבען, איז דאך די ליעבע. א געליעבטע פרוי אין די אָרעמס צו האלטען, איז דער גרענעץ פון מענשליכען גליק.

וואס פאר א גליק דער טויטער דארט האט געהאט אזא רייצענדע, קלוגע לעבענס בעגלייטערין צו געפינען! ווי אזוי האָבען זיי זיך געטראפען, בעקאנט? ווי אזוי האט זי זיך געקענט ענטשליסען צו הייראטען מיט דיעזען ארימען, מיטעלמעסיגען יונג? ווי אזוי איז עם איהר געלונגען פון איהם עפעס צו מאכען?

דאן האט ער געטראכט פון אל־דאָס געהיימניספולע, וואס עס פאסירט אין מענשליכען לעבען. ער האט זיך דערמאָנט אן דעם גראף וואדרעק, אויף וועלכען מען האט געזאגט, אז ער האט איהר געגעבען די אויסשטאטונג און די חתונה געמאכט.

וואס וועט זי איצט טהאָן? מיט וועמען וועט זי הייראטהען? מיט א אבגעארדענטען, ווי פרוי מארעל האט געזאגט, אדער מיט עפעס א מאָן, וועלכער האט פאר זיך א צוקונפט, ס'הייסט א פער־

בעסערטע קאפיע פון פארעסטיע'ן ? האט זי וועלכע עס איז פלע־נער ? אבזיכטען ? איז זי שוין געווען ענטשלאסען צו עטוואס בע־שטימטעס ? ער וואלט עס זעהר גערן וועלען וויסען ! אבער וואס איז דאס זיין דאגה, וואס זי וועט טהאן ? ער האט זיך געשטעלט די ראזיגע פראגע און ענטדעקט, אז זיין אונרוהיגקייט שטאמט פון יענע געהיימע, אונבעשטימטע הינטער־געדאנקען, וועלכע מען בע־האלט פון זיך אליין און וועלכע מען ענטדעקט נור דאן, ווען מען קוקט אריין טיעף, טיעף צו זיך אין דער נשמה אריין.

— נו יא, פארוואס זאל ער אליין טאקע ניט פרובירען זי צו געווינען ? מיט איהר וואלט ער געווען שטארק. א מאכט א גאנצע. מיט איהר וואלט ער שוין שנעל און זיכער און ווייט, ווייט אוועק.

און ווארום זאל עס איהם ניט גליקען?

ער האט געפיהלט, אז ער איז איהר געפעלען, אז זי האט פאר איהם געהאט מעהר, ווי בלויז סימפאטיע. א געוויסע צונייגונג, וועלכע ענשטעהט צווישען פערוואנדטע נאטורען. זי האט גע־וואוסט, אז ער איז קלוג, געדולדיג און ענערגיש, זי האט צו איהם געקענט האבען צוטרויען.

אט האט זי איהם גערופען אין אזא ערענסטער צייט. וואו־רום האט זי איהם גערופען ? זאל ער ניט זעהן אין דעם עפעס א צייכען, עטוואס ווי א געשטענדניס, ווי א דייטליכען וואונק ? אויב זי האט גראדע ווענען איהם אין יענעם אויגענבליק געטראכט, ווען זי האט געדארפט ווערען אן אלמנה, האט זי אפשר אויך געטראכט, אז ער זאל ווערען איהר צוקינפטיגער לעבענס־בעגלייטער.

און עס האט איהם גענומען מאטערן די אונגעדולד עס צו וויסען, איהר צו פרעגען, איהרע אויסזיכטען צו ערפאהרען.

אין א טאג ארום האט ער געמוזט אבפאהרען, ווייל ער האט ניט געקענט פארבלייבען אליין אין הויז מיט דער יונגער פרוי. ער האט זיך אלזא געמוזט צואיילען, איידער ער פאהרט צוריק קיין פאריז, מיט צארט געפיהל און געשיקטליכקייט איהרע אבזיכטען ארויסקריעגען און זי ניט לאזען אהיים קומען, וואו זי וועט פי־לייכט אן אנדער'ן איהרווארט געבען און דאן זיין אויף אייביג

פארבונדען.

טיעפע שטילקייט האט געהערשט אין צימער. מען האט נור געהערט דעם פענדעל פון'ם זייגער אויף'ן קאמין געהן אהער און אהין. ער האט ארויסגעפליסטערט:

— איהר מוזט זיין זעהר מיעד.

זי האט געענטפערט:

— יא, איך פיהל זיך אין גאנצען צובראכען!

דער טאָן פון זייערע שטימען איז איהם פארגעקומען עפעס אזוי מאָדנע, און האט געקלונגען אזוי זעלטזאם אין דעם טרויערי־גען צימער.

פלוצום האָבען זיי א קוק געטהאָן אויף דעם טויטענ'ס פנים, עפעס אזוי ווי זיי וואָלטען ערווארט, אז ער וועט זיך בעוועגען, ווי ער האט עס געטהאָן נאך מיט א פאאר שטונדען צוריק, ווען ער האָט זיי געהערט ריידענדיג.

דוראָי האט געזאגט:

— דאס איז א גרויסער קלאפ פאר אייך, א גרויסע אויפרע־גונג פאר אייער הארצען, פאר אייערע אויסערליכע פערהעלטני־סע און א פאלשטענדיגע ענדערונג אין אייער לעבען.

זי האט א טיעפען זיפץ געטהאָן און גארנישט געענטפערט.

ער האט ווייטער גערעדט:

פאר א יונגע פרוי איז טרויעריג צו זיין אליין, ווי איהר וועט עס איצט זיין!

דא איז ער אנשווייגען געווארען.

זי האט ניט געענטפערט און ער האט געשטאמעלט:

— אויף יעדען פאל ווייסט איהר, וואס מיר האבען ביידע אבגעמאכט. איך בין אין גאנצען אייערער און בין בערייט אלעס פאר אייך צו טהאָן.

זי האט צו איהם אויסגעשטרעקט די הענד און געוואָרפען אויף איהם איינעם פון יענע מעלאנכאָלישע, זיסע בליקען, וועלכע דרינגען אונז טיעף אין דער נשמה אריין:

— א דאנק, איהר זייט זעהר גוט צו מיר. ווען איך זאל קענען עפעס טהאָן פאר אייך, וואלט איך אויך געזאגט: פער־

לאזט זיך אויף מיר, אלעס וועט געטהאָן ווערען.

ער האט גענומען די אויסגעשטרעקטע האנד, זי געהאלטען פעסט און געדריקט, דערביי האט ער געפיהלט א גליהענדען פער־לאנג זי צו קושען. צום סוף האט ער זיך ענטשלאסען, האט זי לאנגזאם צוגעצויגען צום מויל און האט אבגעפרעסט זיינע ליפען אויף די צארטע, עטוואס ווארעמע, שמעקעדיגע הויט.

און געפיהלט, אז די דאזיגע פריינדליכע לאסקע געדויערט צו לאנג, האט ער לאנגזאם און פארזיכטיג ארויסגעלאזען איהרע קליי־נע הענד. זיי האָבען זיך אראבגעגליטשט אויף'ן שוים פון דער יונגער פרוי, וועלכע האט ערנסט געזאגט:

— יאָ, איך וועל זיין זעהר איינזאם, אבער איך וויל זיך צווינגען צו האָבען מוט.

ער האט ניט געוואוסט ווי אזוי ער זאל איהר געבען צו פאר־שטעהן, אז ער וועט זיך שעצען גליקליך, זי צו האבען אלס פרוי.

ער האט עס איהר ניט געקענט זאגען אין דער דאזיגער שטונ־דע, דא, אין דער אנוועזענהייט פון דעם טויטען. אבער פיליכט וואלט ער קענען איהר דאס געבען צו פארשטעהן מיט א וואונק, מיט א פיעלדייטיגע בעמערקונג, מיט עפעס א אָנצוהערעניש.

ער וואלט פרובירט, אבער די לייכע האט איהם געשטערט, די פארגליווערטע לייכע, וועלכע איז דארט געלעגען אויסגעצויגען פאר זייערע אויגען און וועלכע ער האט געפיהלט צווישען זייביידע.

זייט א געוויסער צייט האט זיך איהם געדאכט, אז ער שפירט אין דער לופט עפעס א פערדעכטיגען גערוך, א הויך פון פארפוילט־קייט, וועלכער איז געקומען פון דעם טויטען'ס צופאלענער ברוסט.

דוראַי האט געפרעגט:

— קענען מיר אפשר אויפמאכען א פענסטער? איך גלויב, אז די לופט איז דא שלעכט.

זי האט געענטפערט:

— יא. איך האב עס שוין אויך באמערקט.

ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער און איהם געעפענט. די פרישע, שמעקעדיגע נאכט־לופט האט אריינגעשטראהמט אינעווי־ניג און ביידע ליכט, וועלכע האבען געברענט נעבען בעט, האָ־

בען געגומען טוקען. די לבנה האט געגאסען, ווי מיט אן אבענד פריהער, איהר רוהיגען, ווייכען ליכט איבער די ווייסע מויערן פון די ווילאס און אויף די ווייטע בליסטשעדיגע וואסער פון ים. דוראי האט טיעף אבגעצויגען דעם אטהעם און פלוצים איז זיין הארץ פול געווארען מיט האפנונגען, ווי דאס גליק וואלט זיך צו איהם דערנעהענטערט.

ער האט זיך א קעהר געטהאן:

— קומט שעפען אביסעל פרישע לופט, אין דרויסען איז וואונדער שען.

זי איז רוהיג צוגעקומען און זיך אנגעשפארט אויף זיין זיים.

דאן האט ער גענומען מורמלען מיט א שטיל קול:

— הערט מיך אויס און שענקט אויפמערקזאמקייט צו דעם וואס איך וועל זאגען: פריהער פאר אלץ בעט איך אייך, זייט ניט אויפגעבראכט דערפאר, וואס איך זאג אייך דאס אלעס גראדע אין דיעזען אויגענבליק; אבער איבערמארגען פארלאז איך אייך, און ווען איהר קומט צוריק קיין פאריז, קען שוין זיין צו שפעט... אלזא... איך בין אן ארימער טייפעל אהן געלד, וועלכער דארף זיך ערשט ארויפארבייטען, דאס ווייסט איהר. אבער איך האב א פעסטען ווילען און ווי מיר שיינט געוויסע שלויהייט, און איך בין אויף'ן בעסטען וועג; ביי א מאן, וועלכער האט זיך זיין שטעלונג שוין פערשאפט, ווייס מען וואס מען האט, ביי איינעם, וועלכער הייבט ערשט אן צו זוכען גליק, קען מען ניט וויסען, וואו מען וועט אנשפארען. קורץ איך האב אייך שוין אמאל געזאגט, אז עס איז מיין שעהנסטער טרוים צו הייראטען אזא פרוי ווי איהר. און היינט זאג איך דאס אייך נאך אמאל. ענטפערט מיר גארנישט, לאזט מיך אוועקפאהרען. איך וויל אייך איצט ניט שטעלען קיין פראגע, די צייט און דער ארט וואלטען זיין שלעכט געוועהלט, איך וויל נור, אז איהר זאלט עס וויסען: איהר קענט מיך מיט אייןווארט גליקליך מאכען, איהר קענט אין מיר האבען א פריינד, א ברודער אדער א מאן, עס הייגגט אב אן אייער ווילען. מיין הארץ און מיין אלעס געהערט צו אייך. איך בעט אייך, ענטפערט מיר איצט ניט. לאמיר דא מעהר דערפון ניט ריידען. ווען מיר

וועלען זיך ווידער זעהן אין פאריז, וועט איהר מיר זאגען צו וואס פאר אן ענטשלוס איהר זייט געקומען. ביז דאן לאמיר דערפון מעהר ניט ריידען. אבגעמאכט!

ער האט דאס אלעס אבגערעדט, ניט קוקענדיג אויף איהר, ווי ער וואלט זיינע רייד גערעדט גלאט אזוי אין דער נאכט אריין.

זי האט געשיינט גארנישט צו הערען, אזוי אונבעוועגליך איז זי געשטאנען און מיט שמארע בליקען ארויסגעקוקט אין די ווייטע, פון לבנה שיין פערגאסענע, לאנדשאפט.

א לאנגע צייט זיינען זיי געבליעבען אייגער נעבען אנדער'ן ארעם אין ארעם, פארטראכט, שוויינענדיג.

דאן האט זי אויסגעמורמעלט:

— עס הייבט אן צו ווערען קאלט — זי האט זיך אומגע־קעהרט און איז צו צום בעט. ער האט איהר געפאלגט.

ווען ער איז צוגעקומען נעהנטער, האט ער געשפירט, אז פא־רעסטיע האט טאקע אנגעהויבען צו שמעקען, און ער האט אבגע־רוקט זיין שטול, ווייל דעם גערוך פון צופוילטקייט וואלט ער ניט געקאנט לאנג אויסהאלטען. ער האט געזאגט:

— מען מוז איהם מארגען אריינלייגען אין טויטען־קאסטען.

זי האט געענטפערט;

— יא, דאס איז שוין בעזארגט. דער סטאליער קומט מאר־גען ארום אכט אזייגער.

און ווען דוראי האט מיט א זיפץ געזאגט: — ארימער קערל!

— האט זי אויך ארויסגעלאזען א לאנגען, אומעדיגען זיפץ.

זיי האבען איהם איצט ניט אזוי אפט אנגעקוקט, ביסלאכ־ווייז האבען זיי זיך צוגעוואהנט צום געדאנק וועגען טויט, און, אז יענער דארט איז אוועק אויף דער אויביגער וועלט. א געדאנק וועלכער האט פריהער זיי, וועלכע זיינען אויך שטערבליך, ערשי־טערט און אויפגעבראכט.

זי האבען מעהר ניט גערעדט; שטיל זיינען זיי געזעסען און געהאלטען וואך ביי דעם טויטען און זיך געמאטערט ניט צו שלא־פען; אבער ארום האלבע נאכט איז אויף דוראי'ן אנגעפאלען א שלאף. ווען ער האט זיך אויפגעכאפט, האט ער געזעהן, אז פרוי

פארעסטיע דרימעלט אויף....

ער האט זיך געזעצט אביסעל בעקוועמער און ווידער פער־מאכט די אויגען, ברומענדיג פאר זיך:

— צום טייפעל, אין בעט איז דאך אנגענעהמער.

פלוצום האט איהם א גערויש אויפגעוועקט און ער איז אויפ־געשפרונגען: די קראנקען וועכטערין איז אריינגעקומען. עס איז געווען ליכטיג. די יונגע אלמנה, וועלכע איז געזעסען אנטקעגען איהם, האט געשיינט צו זיין פונקט אזוי איבערראשט ווי ער. זי איז געווען עטוואס בלייך אבער נאך אלץ פריש, נעט, רייצענד, טראצדעם וואס זי האט די נאכט אויף א שטוהל פערבראכט.

דא האט דוראַי, וועלכער האט געווארפען א בליק אויף'ן טוי־טען, זיך פלוצום א טרייסעל געטהאן און האט אויסגערופען:

— מיין גאָט, זיין בארד! — אין די פאאר שטונדען איז א גרויסע בארד אויסגעוואקסען אויף די פלייש, וואס האט שוין גענומען פוילען. און זיי האבען זיך דערשראקען פאר דאס דאזי־גע לעבען, וואס האט אויף דעם דאזיגען טויטען ווייטער געבליהט, ווי פאר א שרעקליכען וואונדער, ווי פאר דעם געטליכען סטראשען פון תחית המותים.

ווען זיי האָבען זיך בערוהיגט זיינען זיי אוועק שלאפען ביז אזייגער עלף.

אין דיעזער צייט האט מען פארעסטיע'ן אריינגעלייגט אין טויטען־קאסטען. זיי האבען זיך גלייך געפיהלט ערלייכטערט און בערוהיגט. זיי האָבען זיך געזעצט איינער אנטקעגען אנדערן עסען פריהשטיק, און האָבען דערפיהלט א בעדירפנים צו רעדען וועגען טרויסטענדע, פרעהליכע זאכען, וועלכע זאלען זיי צוריק־פיהרען צום לעבען, ווייל מיט דעם טויט האבען זיי איצט שוין געענדיגט.

דורך'ן פענסטער, וועלכער איז געווען ווייט אפען, האט אריינ־געשטראָמט די ליעבע ווארימקייט פון'ם פריהלינג, און די לופט איז אנגעפיהלט געווארען מיט דעם דופט פון די נעלקען, וועל־כע האבען פאר דער טיר געבליהט.

פרוי פארעסטיע האט געמאכט דוראַי'ן א פארשלאג צו געהן

שפאצירען אין גארטען. זיי זיינען געגאנגען מיט לאנגזאמע טריט צווישען די רויז־בושעס, האבען איינגעזויגען אין זיך די ווארימע פרישע, שמעקעדיגע לופט און זיך געחיות׳ט.

און פלוצום האט זי גענומען ריידען מיט איהם, ניט אומ־קעהרענדיג צו איהם דעם פנים, ווי ער האט עס געטהאָן ביי נאכט, דארט, אויבען אין צימער, לאנגזאם, ערנסט מיט א פערשטיקט קול:

— הערט אויס, ליעבער פריינד! איך האב שוין נאָכגע־טראכט איבער דעם, וואס איהר האט מיר פארגעשלאגען, און איך וואלט אייך ניט וועלען לאזען אוועקפאהרען אהן א פאאר ווער־טער פון מיין זייט. איך וויל אייך ניט זאגען ניט "ניין" און ניט "יא", לאמיר ווארטען, זעהן וואס עס וועט זיין, זיך בעסער בע־קענען. איהר פון אייער זייט מוזט די זאך גאנץ גענוי איבערלע־גען. האנדעלט ניט נאך דער ערשטען אימפולס. און ווען איך רייד מיט אייך דערפון, נאך איידער דער ארימער שארל רוהט אין זיין קבר, איז נור דערפאר, אום אז איהר זאלט, נאכדעם וואס איהר האט מיר פארגעשלאגען, וויסען גענוי ווער איך בין. איהר מוזט דעם געדאנק מיך צו הייראטען אין גאנצען אויפגעבען, ווען איהר זייט ניט.... ניט.... מאן גענוג, מיך צו פערשטעהן און מיך אזוי צו נעהמען, ווי איך בין. הערט זיך גוט צו, פאר מיר בעדייטעד דאס פאמיליען לעבען ניט קיין קייטען, נור א פעראייניגונג. איך וויל זיין פריי, איך זאל קענען טהאָן און מאכען וואס איך וויל, קומען און געהן ווי און וואו מיר געפעהלט. איך דולדע ניט קיין וואָך איבער זיך, קיין אייפערזוכט, קיינע פארווירפע איבער מיין אויפפיהרונג. אום מיר זאלען זיך ריכטיג פערשטעהן, פערפליכ־טע איך מיך נאטירליך קיין מאָל ניט צו בעשמוצען דעם נאָמען פון דעם מאַן, וועמען איך וועל הייראטהען, איהם ניט צו קאמ־פראמעטירען אדער לעכערליך מאכען. אבער דער מאן מוז אין מיר זעהן א מענשען מיט גלייכע רעכטע און ניט קיין ניעדערי־גערע בעשעפעניש אדער נור די געהארכזאמע, איבערגעבענע הויז־פרוי. איך וויים גאנץ גוט, אז אין דער הינזיכט דענק איך נישט ווי די גאנצע וועלט דענקט, אבער איך וועל זיך שוין ניט איבער־

מאכען. דאס אלזא האב איך אייך געוואלט זאגען. און איך לייג אויך צו: ענטפערט מיר גארנישט, אויף דיזען פלאץ און אין דיע־זער צייט איז עס אונגיצליך און ניט פאסענד. מיר וועלען זיך נאך זעהן און שפעטער פיליכט נאך רעדען דערפון. איצט געהט שפא־צירען, איך געה צוריק צו איהם. צום ווידערזעהן היינט אבענד!

ער האט לאנג געקושט איהר האנד און איז אוועק ניט ענט־פערענדיג קיין ווארט.

אין אבענד האבען זיי זיך נור געטראפען ביים עסען, און דאן זיינען זיי ביידע אוועק אין זייערע צימערען, זיי זיינען בייד־דע געווען טויט מיעד.

שארל פארעסטיע איז אויף'ן צווייטען טאג בעערדיגט געווא־רען אהן שום פייערליכקייט אויף דעם בית עולם פון קייננעס, און דוראי האט געוואלט בענוצען זיך מיט דעם שנעלצוג נאך פא־ריז, וועלכער געהט אב האלב נאך איינס אזייגער.

פרוי פארעסטיע האט איהם בעגלייט צום וואקזאל. זיי זיי־נען רוהיג ארומגעגאנגען אהין און צוריק איבער'ן באהן־הויף, הא־בען געווארט אויף דעם צוג און גערעדט פון גלייכגילטיגע זאכען.

דער צוג איז אנגעקומען, ער איז בעשטאנען פון נור פינף וואַ־גאנעס, א ריכטיגער שנעלצוג.

דער זשורנאליסט האט זיך אבגעקליעבען א פלאץ אין וואַ־גאן און איז דאן ווידער ארויסגעקומען אום נאך א פאאר אויגענ־בליקען מיט איהר צו ריידען. פלוצום איז איהם בעפאלען א טרויער, א קומער, די מורא זי צו פערליערען, עפעס אזוי ווי ער וואלט זי אויף אויביג פערלאזען.

א קאנדוקטאר האט אויסגערופען:

— מארסעל! ליאן! פאריז! איינשטייגען!

דוראי איז אריין אין וואגאן און זיך אנגעשפארט אן פענס־טער, אום איהר צו זאגען נאך א פאאר אבשיעדס ווערטער. דער לאקאמאטיוו האט א פייף געטהאן, און דער צוג האט זיך גע־ריהרט.

דער יונגער מאן האט זיך ארויסגעבויגען פון פענסטער און נאכגעקוקט דער יונגער פרוי, וועלכע איז געשטאנען אונבעוועג־

ליך אויף'ן זעלבען ארט און האט אויך איהם נאכגעקוקט. פלוצום ווען ער האט זי נאך קוים געקענט זעהן, האט ער צוגעלייגט די פינגער צום מויל און איהר געווארפען א קוש.

זי האט געענטפערט אויף זיין קוש קוים מערקליך, אונענט־שלאסען, מיט א וואונק נור.

צווייטער טהייל

צווייטער טהייל.

.1

זשארזש דוראי האט ווידער געפיהרט זיין פריהערדיגען לע־בען. אין דעם קליינעם, אונטערשטען עטאזש אויף דער רו דע קאנסטאנטינאפאל האט ער געלעבט זעהר געלאסען, ווי איינער וואס וויל אנהויבען א נייעם לעבען. זאגאר זיינע בעציהונגען צו פרוי מארעל האבען זיך עטוואס געענדערט, עפעס אזוי ווי ער וואלט זיך שוין גענומען פארבערייטען צו דער צוקונפטיגער, וויכטיגער פאסירונג. און זיין געליעבטע, וועלכע האט זיך געוואונדערט איבער דער רוהיגער איינטאניגקייט, וואס זייערע ליעבע האט אנגענומען, האט לאבענדיג געזאגט :

— דו ביזט ווירקליך נאך מעהר שטוב זיצער, ווי מיין מאן, אויף אזא אופן לוינט זיך מיר גאר ניט צו בייטען.

מאדאם פארעסטיע איז נאך נישט צוריקגעקומען. זי איז נאך אלץ פערבליעבען אין קאננעס. ער האט פון איהר געקריעגען א בריעף, אין וועלכען זי האט געשריעבען, אז זי ערוואַרט ערשט אין מיטען אפריל צוריק צו קומען. וועגען זייער אבשייד האט זי ניט דערמאנט קיין ווארט. ער האט ביי זיך פעסט ענטשלאסען אלעם אנצווועגדען, אלעם צו טהאן און זי צווינגען מיט איהם צו הייראטען, אויב זי וועט זיך נאך אלץ קווינקלען.

אבער ער האט געגלויבט אין זיין גליק, געגלויבט אין דער פערפיהרונגס־קראפט וואס ער האט אין זיך געפיהלט, יענע אונ־ווידערשעהליכע געוואלט, וועלכע קיין פרוי קען ניט ביישטעהן.

א פאאר קורצע שורעם האבען איהם אנגעזאגט, אז דער עט־שיידענדער מאמענט איז געקומען :

איך בין ווידער אין פאריז. איך ערוואַרט אייך.

מאגדאלענע פארעסטיע

מעהר האט זי ניט געשריעבען. דער בריעף־טרעגער האט דעם דאזיגען בריעף געבראכט ניין אזייגער אין דער פריה. אין דעם זעלבען טאג דריי אזייגער איז ער אריין צו איהר. מיט א ליעבענס־ווירדיגען שמייכעל אויף די ליפען האט זי צו איהם אויסגעשטרעקט ביידע הענד. א פאאר סעקונדען נאכאנאנד האבען זיי זיך אנגע־קוקט, דאן האט זי געזאגט:

— עס איז געווען שען פון אייך, וואס איהר זייט דעמאלט אונטער יענע שרעקליכע אומשטענדען געקומען צו פאהרען.

ער האט געענטפערט:

— איך וואלט געטהאן אלעס וואס איהר וואלט פער־לאנגט.

און זיי האבען זיך געזעצט. זי האט זיך שטארק נאכגעפרעגט אויף די וואלטערס, אויף די מיטארבייטער, אויף דער צייטונג. זי האט נאך גאנץ אפט געטראכט פן דער צייטנגג:

— עס פעהלט מיר ווירקליך פיעלעס אין מיין איינזאמקייט, איך בין אויף אן אמת געווארען א גאנצער זשורנאליסט און האב ליעב די דאזיגע פראפעסיאן. — זי איז אנשוויגען געווארען.

ער האט געדענקט, אז ער פארשטעהט וואס זי מיינט. אין איהר שמייכעל, אין דעם טאן פון איהר שטימע האט ער געהערט א געוויסע הערויספאדערונג. און הגם ער האט זיך פארגענומען ניט צו איילען די זאך, האט ער אויסגעשטאמעלט:

— אבער ווארום.... ווארום זאלט איהר.... ניט אנהאלטען די פראפעסיאן, אונטער... אונטער... דעם נאמען דוראי ?

זי איז פלוצים ווידער געווארען ערנסט, האט איהם ארויפגע־לייגט די האנד אויף'ן ארעם און געזאגט:

— לאמיר דערפון נאך נישט רעדען.

אבער ער האט זיך אנגעשטויסען, אז זי וויליגט איין, איז איהר נעפאלען צו די פיס, גענומען ליידענשאפטליך קושען איהרע הענד און געשטאמעלט:

— א דאנק, א גרויסען דאנק. איך ליעב דיך ! איך ליעב דיך!

זי איז אויפגעשטאנען. ער אויך, און ער האט בעמערקט, אז זי איז זעהר בלייך. דאן האט ער בעגריפען, אז ער איז איהר גע־

פעלען, פיליכט שוין פון לאנג אן, און אזוי ווי זיי זיינען געשטאַנען איינער אנטקעגען אנדערן, האט ער זי ארומגענומען און א קוש געטהאָן אין שטערן מיט א לאנגען, צערטליכען ווארימען קוש.

ווען זיי האבען זיך לויז געמאכט, האט זי בעהאלטען דעם קאפּ אויף זיין ברוסט און געזאגט ערנסט :

— ליעבער פריינד, הערט אקארשט אויס. איך בין נאך ניט ענטשלאסען צו קיין זאך, פיליכט זאג איך שפּעטער דאך "יא", אבער איהר מוזט מיר פערשפּרעכען, אונבעדינגט צו שווייגען, ביז איך וועל אייך פון דעם דאזיגען פערשפּרעכען פריי מאכען.

ער האט עס איהר געשוואָרען און איז אוועק א גליקליכער.

פון דאן אן האט ער זיך זעהר צוריקגעהאלטען זי צו בעזוכען און זי ניט געאיילט מיט דער ענטשיידונג, ווארום זי האט גערעדט פון דער צוקונפט און געמאכט פּלענער פאר זייביידען אויף אזא ארט און וויזע, אז עס איז געווען א בעסערער און צארטערער ענטפער ווי א פאָרמאַלע פערלאבונג.

דוראַי האט פיעל געארבייט, וויניג אויסגעגעבען און געשפּארט יעדען סו, אום אז ווען ער וועט הייראטהען זאל ער ניט זיין גאר אהן מיטלען. און אזוי ווי ער איז פריהער געווען פארשווענדעריש אזוי איז ער איצט געוואָרען גייציג.

דער זומער איז אוועק, דאן דער הערבסט און קיינער פון זייערע בעקאנטע האט גארנישט געוואוסט, דען זיי האבען זיך געזעהן זעהר וויניג און זיך געהאלטען גאנץ פון וויטענס.

איין מאל אין אן אבענד רופט זיך מאגדאלענע אב צו איהם און קוקט איהם בעת דעם אריין אין די אויגען :

— האט איהר מיט פרוי מארעל קיין מאל ניט גערעדט וועגען אונזערע אבזיכטען ?

— ניין ! איך האב אייך געשוואָרען צו שווייגען און האב קיין לעבעדיגען ווערטער ניט געזאגט אפילו א ווארט.

— דאן איז צייט איהר צו לאזען וויסען. איך וועל עס זאגען די וואלטערס. איהר וועט עס טהאָן די וואך, ניט אמת ?

ער איז רויט געוואָרען :

— יא, איך טהו עס נאך מארגען.

זי האט לאנגזאם אבגעקעהרט די אויגען, ווי זי וואלט ניט וועלען בעמערקען זיין פערלעגענהייט און געזאגט:

— ווען עס איז פאר אייך פאסענד, קענען מיר אין אנפאנג מאי הייראטען, עס וואלט דאן געווען אין א שענער צייט.

— איך טהו אלעס, וואס איהר ווילט.

— איך וואלט גערן וועלען עס זאל געשעהן דעם צעהנטען מאי, עס פאלט אוים שבת, ווארום דאן איז מיין געבורטס־טאג.

— גוט, דעם צעהנטען מאי.

— אייערע עלטערן וואהנען דאך נעבען רוען, אזוי וויניגס־טענס האט איהר מיר געזאגט.

— יא, אין קאנטעליי נעבען רוען.

— וואס טהוען זיי?

— זיי זיינען... זיי זיינען... קליינע אייגענטהימער.

— אך, איך וואלט זיי זעהר וועלען קענען.

ער איז געווארען זעהר דערשראקען און ניט גלייך געענט־פערט:

— זיי זיינען אבער... זיי זיינען...

דאן האט ער געפאסט א מענליכען ענטשלוס און געזאגט:

— ליעבע פריינדין, זיי זיינען איינפאכע פויערים. זיי האלטען א שענק און האבען ביי זיך דעם ביסען פון מויל אבגעריסען אום מיר צו לאזען עפעס לערנען. איך דארף זיך מיט זיי ניט שעהמען. אבער זייער... איינפאכקייט, זייער... פויערשער בענעהמען זיך וועט אייך אפשר אונאנגענעהם זיין.

זי האט רייצענד א שמייכעל געטהאן, און א מילדע גוטסקייט האט פון איהרע אויגען ארויסגעשיינט:

— ניין, איך וועל זיי זעהר ליעב האבען. לאמיר זיי בעזוכען, איך פערלאנג עס, מיר וועלען דערפון נאך ריידען. איך קום אויך פון ארימען שטאנד, אבער איך האב מיינע עלטערן פערלארען. איך האב קיינעם ניט אויף דער גאנצער וועלט..

זי האט צו איהם אויסגעשטרעקט די הענד און צוגעלייגט:

— אויסער אייך.

ער האט געפיהלט ווי ער איז ווייך געווארען, בעוועגט, גע־ריהרט, וואס איז נאך מיט איהם קיין מאל ביי קיין אנדער פרוי ניט געשעהן.

— איך האב וועגען עטוואס געטראכט — האט זי געזאגט— אבער עס איז ניט לייכט צו ערקלעהרען.

ער האט געפרעגט :

— וואס איז עס דען ?

— מיין ליעבער פריינד, איך בין אזוי ווי אלע פרויען, איך האב אויך מיינע... שוואכקייטען, מיינע קליינליכקייטען. איך ליעב אלעם וואס גלאנצט, וואס קלינגט גוט. איך וואלט זעהר גערן גע־ווארען אן אדעליגע. קענט איהר ניט צו דער געלעגענהייט פון אונ־זער חתונה אנעהמען... אנעהמען עפעס א טיטול ?

איצט איז זי רויט געווארען, ווי זי וואלט איהם פארגעשלא־גען עטוואס נארישעס, טאקטלאזעס. ער האט געענטפערט גאנץ איינפאך :

— איך האב וועגען דעם שוין אפט געטראכט, אבער איך גלויב, דאס איז ניט אזוי לייכט.

—ווארום דען ?

— איך האב מורא זיך צו מאכען לעכערליך.

זי האט א דריק געטהאן מיט די אקסלען :

— אבער ווארום, ווארום ? דאס טהוען זיי דאך אלע און קיינער מאכט דערפון קיין רייד ניט. איהר צוטהיילט איינפאך אייער נאמען און שרייבט "דו־ראי !" דאס איז דאך זעהר לייכט.

ער האט גלייך געענטפערט ווי איינער וואס האט וועגען דעם שוין גוט נאכגעטראכט :

— ניין, דאס געהט ניט. דאס איז צו געוועהנליך, צו געמיין, צו אבגעדראשען. איך האב געטראכט אפשר וואלט איך געקאנט אנעהמען דעם נאמען פון מיין היימאט, צוערשט אלס ליטעראריש־שען פסעוודאנים. דאן ביסלעכווייז וואלט איך צו איהם צוגעלייגט מיין נאמען און איהם, שפעטער, ווי איהר האט מיר פארגעשלא־גען, צוטהיילט.

זי האט געפרעגט :

— אייער היימאט הייסט קאנטאליי ?

— יא.

זי האט א ווײלע געטראכט::

— ניין, דעם סוף ליעב איך ניט. ווען מען זאל אבער דאסווארט קאנטאליי ענדערן ?

זי האט גענומען א פעדער פון טיש און גענומען שרייבען נע־מען, אום צו זעהן ווי זיי קלינגען. פלוצים האט זי אויסגערופען:

— ווארט אויס, איך גלויב, אז איצט האב איך עס. און זי האט צוגעטראגען צו זיינע אויגען א שטיקעל פאפיער, אויף וועל־כער ער האט געלעזען : "פרוי דוראי דע קאנטעל".

ער האט נאכגעטראכט א פאאר אויגענבליקען, דאן האט ער ערקלעהרט מיט ענטשיעדענהייט :

— יא, דאס געהט זעהר גוט !

זי איז געווען ענטציקט און ווידערהאלט :

— דוראי דע קאנטעל, דוראי דע קאנטעל ! פרוי דע קאנ־טעל, פרוי דע קאנטעל ! דאס איז גרויסארטיג ! דאס איז גרויס־ארטיג !

זי האט צוגעלייגט מיט א איבערצייגענדער מינע :

— און איהר וועט זעהן, ווי לייכט די מענשען וועלען דאס אנעהמען. אבער מען מוז די געלעגענהייט אויסנוצען. שפעטער קען אפשר זיין צו שפעט. שוין פון מארגען אן מוזט איהר זיך אונטערשרייבען אונטער אייערע ארטיקלען "ד. דע קאנטעל". און אונטער די לאקאלע נייעס איינפאך "דוראי". דאס פאסירט דאך אין דער פרעסע איממער און קיין מענש וועט צו אייך גארנישט האבען. דערפאר צו דער חתונה קענען מיר עס נאך אביסעל ענדע־רען און דערצעהלען אונזערע פריינד, אז אוים בעשיידענהייט און צוליעב אייער שטעלונג האט איהר דעם טיטול אין אייער נאמען פארשוויגען, אדער מיר זאגען זיי איבערהויפט גארנישט. ווי איז אייער פאטער'ס ערשטער נאמען ?

— אלעקסאנדער.

זי האט געזאגט צוויי אדער דריי מאל נאכאנאנד :

— אלעקסאנדער, אלעקסאנדער... — צוהערענדיג זיך צו

דעם קלאנג פון די זיעלבען, און דאן האט זי אנגעשריעבען אויף א ווייסען בלאט פאפיער:

הערר און פרוי אלעקסאנדער דו־ראי דע־קאנטעל האבען די עהרע אייך די האכצייט פון זייער זוהן הערר זשארזש דו־ראי דע־קאנטעל מיט פרוי מאגדאלענע פארעסטיע אנצוצייגען.

זי האט געהאלטען דאס פאפיער פאר די אויגען און געקוואלען פון דער ווירקונג, וואס די דאזיגע איינלאדונג האט ביי איהר ארויסגערופען, און זי האט געזאגט:

— ווען מען פערשטעהט נור אביסעל א דרעה צו טהאָן, א קעהר צו טהאָן, קען מען מאכען אלעס, וואס מען וויל.

ווען ער איז ארויס אין גאס, איז ער געווען פעסט ענטשלאסען פון היינט אן זיך צו רופען דו־ראי און זאגאר דו־ראי דע קאנטעל. און דא האט ער דערפיהלט, ווי ער וואלט פלוצים געווארען א וויכטיגערער, א העכערער מענש. ער האט געטראטען מיט גרעסערער זיכערקייט, דעם קאפ פאריסען געדרעהט די וואנצעס, ווי א ריכטיגער עדעלמאן און ער האט געהאט גרויס לוסט יעדען פרבייגעהער אבצושטעלען און איהם זאגען:

— איך הייס דו־ראי דע־קאנטעל.

אבער אזוי גיך, ווי ער איז אהיים געקומען, האט איהם דער געדאנק וועגען פרוי מארעל גענומען בעאונרוהיגען, און ער האט איהר גלייך אנגעשריעבען א צעטעלע און געבעטען, זי זאל זיך מארגען מיט איהם זעהן.

—דאס וועט זיין א שווערער עסק — האט ער געטראכט פאר זיך — עס וועט קומען צו א עקעלהאפטען צוזאמענשטויס.

מיט דער לייכטקייט פון א מענשען, וועלכער שטעלט זיך ניט אב לאנג אויף די אונאנגענעהמע זייטען פון'ם לעבען, האט ער פערטריעבען פון זיך די בעאונרוהיגטע געדאנקען, און זיך געזעצט שרייבען אן ארטיקעל איבער נייע שטייערן, וועלכע מוזען געצאהלט ווערען, אום אויסצוהאלטען די קאסטען פון'ם שטאאט. ער האט געפאדערט פון די איינפאכע אדעליגע א שטייער פון הונדערט פראנק א יאהר און פון די באראנען ביז צו די פרינצען פון פינף הונדערט ביז טויזענד פראנק.

דעם דאזיגען ארטיקעל האט ער אונטערגעשריעבען: ד. דער־קאנטעל.

אויף'ן צווייטען טאג האט ער ערהאלטען א שטאדטישע טעלע־גראמע פון זיין געליעבטער מיט דער נאכריכט, אז זי וועט קומען איינם א זייגער.

ער האט זי ערווארט מיט א געוויסער אויפרעגונג, הגם ער איז געוועזן פעסט ענטשלאסען איהר גלייך אלעם ארויסצוזאגען. נאך דער ערשטער אויפרעגונג וועט ער איהר אלע זיינע גרינדע גענוי ערקלעהרען און איהר בעווייזען, אז ער קען דאך ניט זיין גאנץ לעבען בלייבען א בחור, און אזוי ווי הערר מארעל האט אפילו ניט אין זינען צו שטארבען, האט ער פאלגליך געמוזט א טראכט טהאן וועגען אן אנדערער, מיט וועמען ער זאל קענען גע־זעצליך הייראטען.

דאך איז ער געווען אויפגערעגט, און ווען עס האט זיך דער־הערט דער קלונג פון גלאק, האט איהם דאס הארץ גענומען קלא־פען.

זי איז איהם ארויפגעפאלען אויף'ן האלז:

— גוט מארגען שענער פריינד! — אבער געזעהן, אז ער האט זי קאלט ארומגענומען, האט זי איהם אנגעקוקט און געפרעגט:

— וואס איז מיט דיר?

— זעץ זיך, איך בעט דיך — האט ער געזאגט — איך מוז מיט דיר רעדען עטוואס ערנסטעס.

זי האט זיך געזעצט, ניט אויסטהאנדיג דעם הוט, האט נור אויפגעהויבען דעם שלייער און געווארט.

ער האט ארונטערגעלאזט די אויגען און געטראכט, ווי אזוי ער זאל אנהויבען. צום סוף האט ער גענומען ריידען לאנגזאם:

— ליעבע פריינדין, איך מוז זיך פאר דיר אין עפעס מודה זיין, וואס עס שטעלט מיך אין גרויס פערלעגענהייט און מאכט מיך זעהר טרויעריג. איך ליעב דיך! איך ליעב דיך מיט מיין גאנצען הארצען, און איך קען דיר נור זאגען, אז די מורא דיר וועה צו טהאן, מאכט מיך א סך טרויעריגער, ווי דאס וואס איך האב דיר צו זאגען.

זי איז בלייך געווארען, האט גענומען ציטערן און געשטא־מעלט :

— וואס איז געשעהן ? זאג דאך

ער האט געענטפערט אין א ענטשלאסענעם טאן, מיט יענער געמאכטער דערשלאגענקייט, וועלכע מען ציהט אויף זיך ארויף אום א גליקליכען אונגליק אנצוזאגען :

— איך וויל הייראטהען.

זי האט ארויסעלאזט א זיפץ, ווי א פרוי, וואס חלש'ט, א שמערצליכען זיפץ, וועלכער האט זיך פון דער טיעפעניש פון איהר נשמה ארויסגעריסען, דאן האט זי גענומען ציהען אין זיך די לופט און ניט געקענט ארויסברייגען קיין ווארט פאר אויפרעגונג.

ווען ער האט געזעהן אז זי זאגט גארנישט, האט ער אנגעהויבען פון דאס ניי :

— דו קענסט זיך גארנישט פארשטעלען, וואס איך האב אויס־געליטען, איידער איך בין געקומען צו דעם דאזיגען בעשלוס. אבער איך האב ניט קיין זיבערע שטעלונג, קיין געלד, איך בין אליין, פערלארען אין פאריז. איך האב געמוזט האבען אימיצען נעבען זיך, איבערהויפט אימיצען ווער עס זאל מיר קענען אן עצה געבען, זאל מיר זיין א טרייסט, א שטיצע. ווי זאל איך דיר עס זאגען? איך האב געזוכט א פערבינדעטע, א גענאסין, אין אוך האב אזא געפור־נען.

ער איז אנשווייגען געווארען, האפענדיג אז זי וועט איהם ענטפערן. און איז געווען פארבערייט אויף א מורא'דיגען אנפאל פון כעס, פון גיפט, אויף אלערליי געוואלדטהאטען און בעליידי־גונגען.

זי האט איין האנד אויף איהר הארץ געפרעסט, ווי זי וואלט עס געמוזט צוהאלטען און האט נאך אלץ געאטהעמט ארויף און אראב און איהר קאפ האט געצוקט.

ער האט גענומען די אנדערע האנד, וועלכע זי האט אנגע־שפארט אויף'ן ווענטעל פון שטול, אבער זי האט זי העפטיג א ריס געטהאן פון איהם, דאן האט זי ארויסגעמורמעלט ווי שטומפזיניג:

— א... מיין גאט !

ער האט זיך אראבגעלאזט פאר איהר אויף די קניע, האט אבער ניט געוואגט זי צו בעריהרען און געמורמעלט, מעהר גע־ריהרט פון איהר שווייגען, ווי ווען זי וואלט איהם געזידעלט מיט די ערגסטע שימפף ווערטער:

— קלא, ליעבע קליינע קלא, געה כאטש אויף איין מינוט אריין אין מיין לאגע, טהו נור א טראכט אין וואס פאר א אומ־שטענדען איך געפין זיך. זעהסטו, ווען איך זאל מיט דיר קענען הייראטהען, מיט דיר, דאן וואלט איך דאך געווען אזוי גליקליך! אבער דו ביזט פערהייראט! וואס האב איך געזאלט טהאן? באַ־רעכען עס נור, איך בעט דיך, בארעכען עס גוט. איך מוז מיר פער־שאפען עפעס א שטעלונג אין דער וועלט, און אזוי לאנג ווי איך האב קיין היים ניט, קען איך גארנישט טהאָן. אך, ווען דו זאלסט ויסען... עס זיינען געווען שטונדען, ווען איך בין אים שטאנד גע־ווען דיין מאן צו ערמאָרדען.

ער האט גערעדט מיט זיין ווייכער, פארשלייערטער, פארפיה־רערישער שטימע, וועלכע האט ווי מוזיק אין אויער געקלונגען.

ער האט געזעהן, ווי צוויי דיקע טרעהרען האבען זיך לאנגזאם ארויסגעקייקעלט פון די שטארע אויגען פון דער געליעבטער און אויף די באקען אראבגעפערעלט, וועהרענד צוויי אנדערע האבען זיך שוין ווידער אויף די ברעמען בעוויזען.

ער האט געשטאמעלט:

— אך וויין ניט. איך בעט דיך, וויין ניט, עס צורייסט מיר דאס הארץ.

דאן האט זי אויף זיך אנגעטהאָן א כח, אום זיך צו ווייזען שטאלץ און ווירדיג און געפרעגט מיט יענעם פערעכטליכען טאן פון א פרוי, וועלכע האלט זיך איין פון שלוכצען:

— ווער איז זי?

ער האט ניט גלייך געענטפערט, אבער דאן האט ער איינגע־זעהן, אז ער מוז עס דאך סיי ווי סיי זאגען און ער האט זיך אב־גערופען:

— מאגדאלענע פארעסטיע.

פרוי מארעל האט זיך א טרייסעל געטהאָן מיט'ן גאנצען קערפער, דאן איז זי געבליעבען זיצען שטאר און שטום, אזוי אין גע־דאנקען פארטיעפט, ווי זי וואלט גאר פארגעסען, אז ער ליעגט צו איהרע פיס.

און צוויי העלע טראפּען האבען אהן אויפהער אין איהרע אויגען געפּערעלט, זיינען אראבגעפאלען און זיך דאן ווידער געבילדעט.

זי האט זיך אויפגעהויבען. דוראי האט פערשטאנען, אז זי וויל געהן ניט זאגענדיג איהם קיין איין ווארט, אהן א פארוואורף, אבער אויך אהן פערצייהונג. דאס האט איהם בעליידיגט און טיעף ערניעדעריגט. ער האט זי געוואלט צוריקהאלטען, האט זי אנגע־כאפּט פאר'ן קלייד און ארומגעכאפּט איהרע פיס.

ער האט זיך ביי איהר געבעטען:

— איך באשווער דיך, געה ניט אוועק אזוי פון מיר.

דאן האט זי איהם אבגעמאסטען פון אויבען ביז אראב מיט יענעם פייכטען, פערצווייפעלטען בליק, רייצענד, טרויעריג פול טיעפען שמערץ, און האט ארויסגעשטאמעלט:

— איך האב... איך האב דיר גארנישט צו זאגען... איך וויל גארנישט... דו ביזט גאנץ גערעכט... דו האסט דיר אויסגעקליעבען דאס, וואס פאר דיר פּאסט.

און בעת זי האט אבגעטראטען א ביסעל צוריק, האט זי זיך פון איהם פריי געמאכט און איז אוועק. ער האט זי שוין מעהר ניט צוריגעהאלטען.

ער איז געבליעבען אליין. ער האט זיך אויפגעהויבען, אין גאנצען צודריקט ווי ער וואלט געקראגען א זעץ אין קאפּ; באלד אבער איז ער געקומען צו זיך און האט ארויסגעברומט:

— אך, נארישקייטען! פון מיינעט וועגען זאל זיין אזוי, אבי דער בארג איז פון מיינע פּלייצעס ארונטער. קיין סצענע האט זי מיר אויך ניט געמאכט איז אודאי גוט! און פּלוצים ווי פון א שווערער משא בעפרייט, האט ער זיך דערפיהלט לייכט, פריי. צו־פריעדען מיט זיין נייעם שיקזאל. פארשיכורט פון זיין ערפאלג, האט ער גענומען זעצען מיט די פויסטען אן וואנד מיט אזא קראפט, ווי ער וואלט זיך געשלאגען מיט'ן שיקזאל אליין.

ווען פרוי פארעסטיע האט איהם געפרעגט:

— האסטו עס שוין געזאגט דער פרוי מארעל? — האט ער געענטפערט גאנץ רוהיג:

— געוויס.

איהרע העלע אויגען האבען פארשענדיג זיך אויף איהם אבגעשטעלט.

— האט עס איהר ניט שטארק אויפגערעגט?

— ניין, א האאר אויך ניט! אין גענענטהייל, זי האלט אונזער פערבינדונג פאר זעהר א פאסענדע.

די נייעס איז באלד בעקאנט געווארען. אייניגע זיינען געווען זעהר ערשטוינט, אנדערע ווידער האבען בעהויפטעט, אז זיי האבען דאס נאך פריהער פאראויסגעזעהן, און נאך אנדערע האבען געשמייכעלט מיט א אונבעשטימטען שמייכעל.

פון איצט אן האט זיך דוראי אונטערגעשריעבען אונטער אלע זיינע פעליטאנען: ד. דע־קאנטעל, אונטער די לאקאלע נייעס: דוראי און אונטער די פאליטישע ארטיקלען, וועלכע ער האט פון צייט צו צייט געשריעבען: דו־ראי. א העלפט פון זיין צייט האט ער איצט פערבראכט ביי זיין כלה, וועלכע האט איהם בעהאנדעלט מיט שוועסטערליכער צערטליכקייט געמישט מיט אמת׳ער אבער נאך אונטערדריקטער ליעבע.

זי האט בעשלאסען, אז די חתונה זאל געפראוועט ווערען גאנץ שטיל. נור אין דער געגענווארט פון די עדות, און אין דעם זעלבען טאג נאך זאלען זיי אבפאהרען נאך רוען. אויף׳ן מארגען זאלען זיי בעזוכען דעם זשורנאליסט׳ס אלטע עלטערן און פארברענגען ביי זיי א פאאר טעג.

דוראי האט זיך געגעבען די גרעסטע מיה, איהר אבצורייעדען פון דעם דאזיגען פלאן, אבער אזוי ווי דאס איז איהם ניט געלונגען, האט ער עס געלאזען געהן ווי עס געהט.

דעם צעהנטען מאי איז אלזא דאס יונגע פאאר געקומען אהיים פון שטאנדעס אמט, וואו זיי האבען געהייראט, און זיך גלייך גענומען פאקען. אזוי ווי זיי האבען קיינעם ניט איינגעלאדען, האט זי געהאלטען די טרויאונג אין דער קירכע פאר איבעריג.

מיט דעם זעקס אוהר צוג אין אבענד זיינען זיי אבגעפאהרען קיין נארמאנדיע.

ביז זיי זיינען געזעסען אליין אין זייער וואגאן, האבען זיי איי־נער מיט'ן אנדער'ן ניט אויסגערעדט קיין צוואנציג ווערטער, אזוי שנעל ווי דער צוג האט זיך גענומען בעוועגען, האבען זיי זיך אנגע־קוקט און גענומען לאכען, אום צו בעהאלטען א געוויסע פערלעגענ־הייט, וואס זיי האבען ניט געוואלט ארויסצייגען.

דער צוג האט זיך לאנגזאם געטראגען דורך דעם לאנג אויס־געצויגענעם באהן הויף, דאן האט ער זיך גענומען יאגען דורך נא־קעטע פעלדער, וועלכע האבען זיך געצויגען ביז צו דער סיין אוועק.

דוראי און זיין פרוי האבען פון צייט צו צייט זיך דורכגעוואר־פען מיט א פאאר ווערטער און דאן ווידער ארויסגעקוקט פון פענס־טער.

ווען זיי זיינען געפאהרען איבער'ן בריק פון אויסניער, האבען זיי זיך געפרייט קוקענדיג אויף'ן שטראהם פול מיט שיפען, פול מיט פיש כאפער און קליינע לאדקעס פון רודערער געטריעבען.

די ליכטיגע מאיאווע זון איז געפאלען אין קרומע שטראהלען אויף די שיפלאך און אויף דעם רוהיג ליגענדיגען טייך, וועלכער האט געשיינט ניט צו שטראהמען און זיך ניט צו בעוועגען אונ־טער דער היץ און דעם העלען שיין פון דעם אבשטארבנדען טאג. אין מיטען פון שטראהם האט זיך געגליטשט א זעגעל שיף מיט צוויי גרויסע דרייקאנטיגע זעגלען פון ביידע זייטען. עס האט אויס־געזעהן ווי א גרויסער, גרויסער פויגעל, וואס אט־אט פליהט עס אין לופטען אוועק.

דוראי האט זיך אבגערופען :

— אך, ווי איך ליעב די אומגעגענד פון פאריז. מיר ליגט נאך אין מויל דער טעם פון די געבראטענע פיש, די בעסטע, וואס איך האב ווען אין מיין לעבען געגעסען.

זי האט געענטפערט :

—און די שיפלאך ! אך, ווי שען עס איז זיך ביי זונען־אונ־טערגאנג אויף'ן וואסער צו שיפען.

דאן זיינען זיי אנשוויגען געווארען, ווי זיי וואלטען ניט גע־וואגט אויסצודריקען זייערע געפיהלען וועגען זייער פערגאנגענעם לעבען. זיי זיינען געבליעבען זיצען שטום און געטראכט, פילייכט מיט חרטה איבער דעם צויבער פון זייער פערגאנגענהייט.

דוראי איז געזעסען אנטקעגען זיין פרוי, ער האט גענומען איהר האנד, זי לאנגזאם א קוש געטהאן :

— ווען מיר וועלען צוריק קומען אהיים, וועלען מיר ווען עס איז פאהרען ביין שאטאלי עסען, ניט אמת ?

זי האט געפליסטערט :

— אך מיר וועלען האבען אזוי פיעל צו טהאן — און געזאגט האט זי עס אין אזא טאן, ווי זי וואלט איהם וועלען געבען צו פער־שטעהן, אז זיי וועלען האבען וויכטיגערע ארבייט.

ער האט נאך אלץ געהאלטען איהר האנד און מיט אנגסט, האט ער זיך געפרעגט, ווי אזוי דער איבערגאנג צו צערטליכקייטען זאל געשעהן.

די אונשולד פון א יונגער מיידעל וואלט איהם ניט געבראכט אין פערלעגענהייט, אבער די דורכגעטריבענקייט און די ערפאה־רונג, וועלכע ער האט געדענקט צו געפינען אין מאגדאלענען, האט איהם צומישט און פארשעהמט.

ער האט מורא געהאט, ער זאל איהר ניט פארקומען נאריש, אדער צו שוואך אדער צו גראב, צו לאנגזאם אדער צו שנעל.

ער האט פון צייט צו צייט געדריקט איהר האנד, אבער זי האט אויף דעם דרוק ניט געענטפערט.

ער האט זיך אבגערופען :

— עס איז דאך קאמיש, וואס דו ביזט מיין פרוי.

זי איז געווארען ערשטוינט און געפרעגט :

— ווארום דען ?

— איך ווייס אויך ניט, אבער מיר קומט פאר זעהר קאמיש, איך וואלט דיך וועלען קושען און עס וואונדערט מיך, וואס איך האב דערצו א רעכט.

זי האט איהם רוהיג אויסגעשטעלט איהר באק, וועלכע ער האט א קוש געטהאן ווי די פון א שוועסטער.

ער האט אנגעהויבען פון דאס ניי :

— ווייסטו, דעם ערשטען מאהל, וואס איך האב דיר געזעהן, דו געדענקסט דאך, אויף דעם דינער צו וועלכען פארעסטיע האט מיך איינגעלאדען, האב איך א טראכט געטהאן : צום טייפעל ! ווען איך זאל אמאל קריגען אזא פרוי ! נו, און איצט איז זי דא ! איך האב זי !

זי האט געפליסטערט :

—דאס איז זעהר שען פון דיר.—און האט איהם אנגעקוקט, מיט נאך אלץ שמייכלענדיגע אויגען, גלייך אין פנים.

ער האט געטראכט: איך בין צו קאלט. איך בין א שוטה! איך מוז דרייסטער זיין. און ער האט געפרעגט :

— וואו האסטו זיך אויגענטליך מיט פארעסטיען בעקענט?

זי האט געענטפערט בייז און גראב :

— פאהרען מיר דען נאך רוען, אום צו ריידען פון איהם ?

ער איז רויט געווארען.

— יא, איך בין ווירקליך דום ! ווייסטו, אז דו האסט ביי מיר מיין דרייסטקייט צוגענומען ?

דאס האט זי געפרייט :

— איך ? ניט מעגליך ? ווי אזוי דען ?

ער האט זיך צוגערוקט גאנץ נאהענט צו איהר, אבער דא האט זי פלוצים אויסגערופען :

— זעה נור, א הירש !

דער צוג האט זיך געיאגט דורך דעם וואלד פון סיינט-זשערמען און זי האט דערזעהן א צושראקענעם הירש, וועלכער איז מיט איין שפרונג איבער'ן וועג אריבערגעשפרונגען.

ווערענד זי האט ארויסגעקוקט אין פענסטער, האט ער זיך צוגעבויגען און זי לאנג און צערטליך א קוש געטהאן אויף די האר־ערלאך הינטען אויף'ן האלז.

זי האט עס א פאאר אויגענבליקען שטיל געדולדעט, דאן האט זי אומגעקעהרט דעם קאפ צוריק :

— דאס קיצעלט, לאז איין ! — אבער ער האט זיך גע־טהאן דאס זייניגע און האט לאנגזאם מיט נערוועז מאכענדער

צערטליכקייט געגלעט מיט זיינע וואנצעס איהר ווייסע הויט.

זי האט איהם אבגעשטופט :

— לאז אב !

ער האט מיט דער רעכטער האנד איהר קאפ אנגענומען און איהם צו זיך אומגעקעהרט.

דאן האט ער זיך ארויפגעווארפען אויף איהר מויל, ווי א רויב-פייגעל אויף זיין אפפער.

זי האט זיך געוועהרט, האט איהם אבגעשטופט פון זיך און זיך געזוכט צו בעפרייען. צום סוף איז דאס איהר געלונגען און זי האט נאך אמאל אויסגערופען :

— אבער לאז דאך אב !

ער האט אבער ניט געהערט וואס זי רעדט, האט זי פעסט ארומגעכאפט, געקושט זי מיט בעגעהרענדע, ציטערענדע ליפען און דערביי פרובירט זי צו ווארפען אויף'ן זאפע.

זי האט זיך מיט אלע קרעפטען א ריס געטהאן און לעב-האפט געזאגט :

— אבער זשארזש לאז דאך צופריעדען ! מיר זיינען דאך שוין ניט קיין קינדער, מיר קענען דאך ווארטען, ביז מיר וועלען קומען אין רוען.

ער איז געבליעבען זיצען מיט א צופלאמט פנים, אבער דיא דאזיגע פערשטענדיגע קאלטע ווערטער האבען איהם ווי מיט אן עמער קאלטע וואסער איבער'ן קאפ אבגעגאסען. דאן, ווען ער האט זיך ווידער בערוהיגט, האט ער פרעהלאך געזאגט :

— גוט, איך ווארט, אבער ביז מיר קומען אויף'ן פלאץ, רעד איך ניט מעהר א ווארט, און בארעכען נור, אז מיר האבען ערשט נור וואס פערלאזען די סטאציאן פאיסא !

— דאן וועל איך רעדען — האט זי געזאגט און זיך רוהיג גע-זעצט נעבען איהם.

און זי האט גערעדט גאנץ געלאסען איבער אלסדינג, וואס זיי וועלען טהאן, ווען זיי וועלען צוריק קומען. זיי מוזען אנהאל-טען די וואהנונג, וועלכע זי האט בעוואהנט מיט איהר ערשטען מאן, יעדענפאלס וועט דאך דוראי ירש'ענען די שטעלע און דאס

געהאלט, וואס פארעסטיע האט געהאט אין דאס "פראנצויזישע לעבען".

אויגענטליך האט זי נאך פאר דער חתונה איינגעארדעט אלע אנגעלעגנהייטען פון זייער פאמיליען לעבען מיט דער אויסגע־רעכענטקייט פון א ערפאהרענעם געשעפטסמאן.

אלע מעגליכקייטען זיינען פאראויסגעזעהן געווארען: דער טויט, א גט, די געבורט פון איינע אדער עטליכע קינדער. דער יונ־גערמאן האט אין דער פאמיליע אריינגעבראכט, ווי ער האט בע־הויפטעט, פיער טויזענד פראנק, אבער דערפון האט ער זיך אויס־געליהען פופצעהן הונדערט פראנק, דאס געלד האט ער א גאנץ יאהר געשפארט האבענדיג אין זינען זיין צוקינפטיגע הייראט. די יונגע פרוי האט אריינגעבראכט פיערציג טויזענד פראנק, וועל־כע זי האט, ווי זי האט בעהויפטעט, געירש'ענט פון פארעסטיען.

איצט האט זי זיך אויך צורעדט פון פארעסטיען און איהם אוועקגעשטעלט אלס מוסטער: — ער איז געווען זעהר שפארזאם זעהר ארענטליך, זעהר פלייסיג, יענער וואלט אין א קורצער צייט א פערמעגען געמאכט.

דוראי האט שוין מעהר נישט געהערט, איהם איז עפעס אנ־דערעס געלעגען אין קאפ. מאנכעס מאל האט זי זיך אבגעשטעלט, אום שטיל נאכצוטראכטען, דאן האט זי ווידער אנגעהויבען:

— אין דריי אדער פיער יאהר ארום קענסטו גאנץ לייכט פון דרייסיג ביז פיערציג טויזענד פראנק א יאהר פערדיענען, דאס וואלט שארל געהאט, ווען ער וואלט געלעבט.

דוראַי'ן זיינען די דאזיגע בעטראכטונגען געווארען עטוואס לאנגוויילינג און ער האט געזאגט:

— איך האב געדענקט, אז מיר פאהרען קיין רוען, ניט אום וועגען איהם צו רעדען...

זי האט איהם א קלאפ געטהאָן איבער'ן באק:

— זעהר ריכטיג, עס איז געווען אונרעכט פון מיר! — און זי האט א לאך געטהאָן.

ער האט צוזאמענגעלייגט גאנץ שטיל די הענד און געמאכט א מיענע פון א קליין, ארטיג אינגעל.

— אזוי זעהסטו אוים זעהר נאריש ! — האט זי געזאגט.
ער האט געענטפערט :
— איך בין טאקע נאריש, דו האסט מיר נור וואס דער־מאנט אן מיין נארישקייט און איצט וועל איך שוין אימער בלייבען א נאר.
זי האט געפרעגט :
— ווארום?
ווייל דו האסט די פיהרונג פון גאנצען הויז אריינגענומען אין דיינע הענד און אפילו מיך אליין פיהרסטו אויף א שטריקעל. אלס אלמנה מוזט דו די דאזיגע זאכען גוט קענען?
זי האט געפרעגט ערשטוינט :
— וואס זאל דאס מיינען ?
— דאס זאל מיינען, אז דו האסט ערפארונג, וועהרענד איך בין נאך גאנץ אונוויסענד. דו האסט פראקטיק אין דעם פאמיליען לעבען, וועהרענד איך אלס בחור בין גאנץ אונבעהאלפען... און דו וועסט מיך מוזען לערנען. אזוי ! אלזא דאס איז עס !
זי האט אויסגערופען :
— דאס איז אבער שטארק געזאגט !
„ ער האט געענטפערט :
— אזוי איז דאס אבער. איך קען ניט די פרויען. איך מיין... נו, אלזא... דו אבער קענסט די מענער, ווייל דו ביזט דאך אן אלמנה. דו וועסט מיך אלזא נעהמען אויף דער לעהרע... היינט ביינאכט און אויב דו ווילסט, קענסט זאגאר גלייך אנהויבען... נא, אלזא צו דער זאך !
זי האט פרעהליך אויסגערופען :
— אבער הער אוים, ווען דו פערלאזט דערמיט אויף מיר...
ער האט געענטפערט מיט דעם טאן פון א שילער, וועלכער שטאמעלט ארוים זיין לעקציאן :
— נאטירליך פערלאז איך זיך אויף דיר. איך האף זאגאר נור אויף דעם, אז דו וועסט מיך גענוי אונטעריכטען... אין צוואנ־ציג שטונדען לערען איך פיעל... צעהן שטונדען פאר דעם אנפאנג, לעזען און גראמאטיק... און די אנדערע צעהן פאר פערפאלקאמונג.

איך ווייס גארנישט, אלזא...

דאס האט איהם פערשאפט פיעל שפאס און זי האט אויס גערופען:

— דו נאר איינער!

ער האט געענטפערט:

ווייל דו ביזט אזוי צערטליך, וויל איך אויך דיר עפעס זאגען, מיין ליעבע, איך קריעג דיך אלץ ליעבער און ליעבער פון מינוט צו מינוט און איך דענק, אז רוען איז פערפלוכט ווייט.

זי האט אויף איהם פון דער זייט א קוק געטהאן און ער האט אין איהרע אויגען אויסגעזעהן גאנץ רייצענד אבער זי האט בא קעמפפט אינעווייניג אין זיך דעם וואונש נאך די פרוכט, וועלכע מען וואלט גערן פון בוים ארונטערגעריסען, פאלגענדיג דער קאלטער איבערלייגונג, אז צום דעסערט נאך'ן דיענער וועט עס א סך בעסער שמעקען....

דאן האט זי געזאגט און איז רויט געווארען פון די געדאנקען, וועלכע זיינען איהר אין קאפ געקראכען:

—הער אויס, מיין קליינער שילער, און גלויב מיין ערפאהרונג, מיין גרויסער ערפאהרונג. צערטליכקייטען אויף דער אייזענבאהן האבען קיין צוועק, דערפון קריעגט מען נור מאגען קוועטשענעס.

דאן איז זי רויט געווארען נאך רויטער און געפליסטערט:

— מען דארף די פרוכט ניט ארונטעררייסען, ווען זי איז נאך גרין.

ער האט געלאכט, און די צווייד־טייטיגקייטען, וואס זיינען פון איהר מויל ארויס האבען איהם אויפגערעגט. ער האט געמאכט א קרייץ, און גענומען בעוועגען מיט די ליפען, ווי ער וואלט געבעטען, דאן האט ער ארויסגערעדט:

— דער הייליגער אנטאניוס זאל מיך בעשיצען, ער, וועלכער איז בייגעשטאנען א נסיון. פון איצט אן בין איך קאלט ווי מארמאר.

לאנגזאם איז צוגעפאלען די נאכט און האט זיך ארונטערגעלאזט מיט איהר דורכזיכטיגען, לייכטען שלייער איבער דעם בריי־

טען פעלד, וועלכער האט זיך געצויגען רעכטס פון זיי. דער צוג האט זיך געטראגען פערביי דער סיין און דאס יונגע פאאר פאלק האט געקוקט אויף דעם פלוס, וועלכער האט זיך געצויגען, ווי א ברייטער, בליסטשעדיגער, מעטאלענער פאס. רויטע רעפלעקסען האבען זיך אבגעשפיגעלט אויף'ן וואסער און די אונטערגעהענדיגע זון האט איהם בעשאטען מיט איהרע פארפור־שטראהלען.

בילאכוויז איז אויך דיזער שיין אבגעשטארבען, איז דונקעל געווארען און די לאנדשאפט האט זיך בעצויגען מיט א שווארצען שלייער.

די מעלאנכאליע פון דער אבענד־שטימונג, וועלכע האט זיך דורך דעם אפענעם פענסטער אריינגעריסען, איז אריינגעדרונגען אין זייערע נשמות, און דאס יונגע פאארל, וואס איז נור וואס געווען אזוי לוסטיג, איז איצט געבליעבען זיצען שטום און פארשטערט.

זיי האבען זיך צוגערוקט נאהנט איינער צום אנדער'ן, אום דאס אבשטארבען פון דעם שענעם מאי טאג צו בעאבאכטען.

אנגעקומען אין מאנטעס, האט מען אין וואגאן אנגעצונדען לאמפען און דער געלער ציטערענדער לאמפען־שיין איז געפאלען אויף דעם געלען פלאסטער.

דוראי האט ארומגענומען זיין פרוי און זי צוגעדריקט צו זיך. זיין גליהענדער בעגעהר פון פריהער האט זיך פערוואנדעלט אין זאנפטע צערטליכקייט און ער האט איצט נור געגארט שטילע לאסקעס, אזוינע, מיט וועלכע מען שלעפערט איין א קינד.

ער האט געפליסטערט:

— איך וועל דיך אזוי ליעב האבען, מיין קליינע מאגדא.

דער זיסער טאן פון זיין שטימע האט געריהרט די יונגע פרוי. א שוידער איז איהר פלוצים איבער'ן גאנצען לייב אריבער און זי האט איהם אויסגעשטעלט איהרע ליפען, ארונטערבויגענדיג זיך צו איהם, ווייל ער האט זיין קאפ אויף איהר ברוסט אנגעשפארט.

זיי האבען זיך געפונען אין א לאנגען שטומען קוש, דאן האבען זיי זיך א הויב געטהאן, עס האט געפאלגט א קורצער אטהעמלאזער קאמפף, און דאן איז עס געשעהן... פלוצים און אונבעקוועם.

נאכדעם זיינען זיי געבליעבען ליגען פעסט ארומגענומען, ביידע עטוואס ענטוישט, מיער און נאך צערטליך, ביז דער פייף פון לאקאמאטיוו האט אנגעצייגט אויף א נייער סטאנציאן.

פארריכטענדיג איהרע צוזוארפענע האאר מיט די שפיצען פון די פינגער, האט זי געזאגט :

דאס איז זעהר נאריש, מיר פיהרען זיך אויף, ווי קליינע קינדער.

אבער ער האט מיט פיבערהאפטער האסטיגקייט, געקושט איהרע הענד און זיך אבגערופען :

— איך ליעב דיך ביז צו משוגעת, מיין קליינע מאגדא.

ביז רועןן זיינען זיי געבליעבען זיצען אונבעוועגליך, צוגע־דריקט א באק צו א באק און האבען דורך דאס פענסטער אין די נאכט ארויסגעקוקט, אין וועלכער עס האט פון צייט צו צייט פון א הויז א ליכט אויפגעבליצט. זיי האבען געטרוימט, גליקליכע מיט זייער נאהענטקייט און פול מיט ערווארטונג אויף פרייערע, צערט־ליכערע ליעבע....

זיי האבען אבגעשטיגען אין א האטעל און זיך גלייך געלייגט אין בעט, ווי נור זיי האבען עפעס איבערגעביסען.

דאס דיענסט מיידעל האט זיי אויף מארגען אויפגעוועקט א זייגער אכט אין דער פריה. נאכדעם ווי זיי האבען אויסגעטרונקען א גלאז טהעע, וואס איז פאר זיי געווען אנגעגרייט אויף דעם נאכט־טישעל, האט דוראי אנגעקוקט זיין פרוי, דאן האט ער זי א כאפ געטהאן מיט שטורם אין זיינע ארעמס, ווי א גליקליכער וואס האט אן אוצר געפונען און ארויסגעשטאמעלט :

— מיין קליינע מאגדא, איך האב דיך אזוי ליעב. איך האב דיך אזוי ליעב, אזוי ליעב !

זי האט געלאכט מיט איהר צוטרויליכען, צופרידענעם גע־לעכטער און געפליסטערט געבענדיג איהם זיינע קושען צוריק :

— איך דיך פיליכט... אויך !

אבער איהם האט נאך אלץ בעאונרוהיגט דער בעזוך ביי זיי־נע עלטערן. ער האט זיין פרוי שוין לאנג פארבערייטעד און איהר געהאלטען גאנצע רעדעס; אבער ער האט געדענקט, אז עס וועט

ניט שאטען, איהר נאך אמאל צו ווארנען:

— דו מוזט וויסען, אז זיי זיינען פויערים, איינפאכע דארפס־מענשען, ווי זיי זיינען אין לעבען און ניט קיין טהעאטער־פויערים.

זי האט געלאכט.

— דאס וויים איך. דו האסט מיר אפט גענוג געזאגט! אבער איצט, זיי מוחל, שטעה אויף, אום איך זאל אויך קענען אויפ־שטעהן.

ער איז ארויסגעשפרונגען פון בעט און אנגעטהאן די זאקען.

— ביי מיינע עלטערן אין דער היים איז אבער ניט עלעגאנט. אין מיין צימער שטעהט נור איין אלטע בעט מיט א שטריי־זאק, קיין מאטראצען אויף ספרונדזשינעס זיינען אין קאנטעליי נישטא.

זי האט געשיינט צו זיין זעהר אין א גוטען מוט:

— דאס איז נאך בעסער. עס איז רייצענד צו שלאפען אמאל שלעכט אויך.. מיט.... דיר, און דאן פון די העהנער אויפגעוועקט צו ווערען.

זי האט ארויפגעווארפען אויף זיך א מארגען־ראק, א לאנגען ראק פון וויסען פלאנעל, וועלכען דוראי האט גלייך ווידער דער־קענט. דאס האט אויף איהם א פיינליכען איינדרוק געמאכט. ווא־רום? ער האט געוואוסט, אז זיין פרוי האט אודאי א טוץ פער־שידענע מארגען־קליידער און עס איז זעלבסט פערשטענדליך, אז זי האט ניט געדארפט נעהמען איהרע רייכע גארדעראבע, זי ארויס־ווארפען און קויפען נייע זאכען. אבער טראצדעם וואלט איהם אנ־גענעהם געווען צו זעהן, אז איהרע וועש, איהרע קליידער, וועל־כע זי האט אין דער שטונדע פון זייער ליעבע געטראגען, זאלען ניט זיין די זעלבע, וואס זי האט אויף זיך געהאט, ווען יענער האט געלעבט.... עס האט זיך איהם געדאכט, ווי דער ווייכער, ווארימער שטאף וואלט אין זיך איינגעהאלטען עטוואס פון פארעסטיע'ס בע־ריהרונג.

ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער און פאררויכערט א סיגא־רעט. דער אנבליק פון דעם האפען, דעם ברייטען פלוס פול מיט שיפען האט איהם צושטרייט, הגם ער האט איהם שוין פיעל מאל

געזעהן, און ער האט אויסגערופען:

— צום טייפעל, ווי שען דאס איז!

מאגדאלענע איז צוגעלאפען, האט זיך אנגעשפארט אויף איהר מאן'ס שולטער און איז געבליעבען אזוי שטעהן, גאנץ שטאר, ענטציקט און בעוועגט פון דעם אנבליק. זי האט געזאגט:

— אך, איז דאס שען, איז דאס שען! איך האב זיך גארנישט פארגעשטעלט, אז עס זיינען דא אזוי פיעל שיפען!

אין א שטונדע ארום זיינען זיי אוועקגעפאהרען, ווייל זיי האבען געוואלט פריהשטיקען ביי די עלטערן, וועלכע האבען זיי שוין זייט א פאאר טעג ערוואַרט. אן אפענע קארעטע, וועמעס פארזשאווערטע רעדער האבען נאכגעמאכט ליארעם ווי אין א קוזניע, האט זיי אהין אוועקגעפיהרט. צוערשט זיינען זיי געפאהרען דורך א העסליכע ברייטע גאס, דאן זיינען זיי צוגעקומען צו לאנקעס, וואו א שטיל טייכעל האט געפלאסען, דאן האבען זיי זיך פארנומען בארג ארויף.

מאגדאלענע איז געווען מיעד. זי האט איינגעדרעמעלט אונטער די ווארימע זונ־שטראהלען, וועלכע האבען זי אזוי מחיה'דיג געלאסטשעט אין דער אלטער קארעטע, אז זי האט געפיהלט ווי זי וואלט געלעגען אויסגעצויגען אין א ווארימער באד פון ליכט און פרישער דארפישער לופט.

איהר מאן האט זי אויפגעוועקט:

—טהו נור א קוק! — האט ער געזאגט. —

דער וואגען האט זיך אבגעשטעלט אין מיטען וועג נעבען א בעריהמטער לאנדשאפט, וועלכע ווערט פון אלע רייזענדע בעטראכט.

פון דאנען האט מען געקענט זעהן דעם גאנצען ברייטען לאנגאויסגעשטרעקטען טהאָל, אין וועלכען דער בליסטשענדיגער טייך האט זיך געצויגען פון איין עק ביז'ן אנדערן. דארט, פון יענער זייט האט ער זיך גענומען ציהען; איבער א סך אינזלען האט ער זיך געצויגען און גדרעהט און ביז ער איז אין רוען אריינגעלאפען, האט ער געמאכט א גרויסען קרייז.

דאן האט מען געזעהן די שטאדט אויף דעם רעכטען זייט

ברעג אין פריה מארגענדיגען נעבעל האלב פערשטעקט, מיט איה־רע שלאנקע קירכען־טהורעמס, שפיציגע אדער גערדרעהטע צארט און שען געמאכטע, ווי ריעזיגע שמוקזאכען.

אנטקעגען אויף דער אנדרערער זייט פון'ם טייך האבען זיך אויפגעהויבען די רונדע און שמאלע קוימענס פון די פאבריקען פון דער פארשטאדט סיינט־סעווער. העכער ווי די קירכען טהור־רעמס האבען זיי זיך אבגעצייכענט אין דער לופטען מיט זייער ציגעלנע זיילען, ווארפענדיג צום בלויען הימעל שווארצע וואל־קענס רויך.

און העכער פון אלע, אזוי הויך ווי א עגיפטישע פיראמידע, האט צום הימעל געשטייגט דער הויכער קוימען פון לאפאדר.

דארט, אהינטער דעם ארבייטער קווארטאל, איז געשטאנען א וואלד פון טאנען־בוימער און דער טייך סיין איז דארט גע־פלאסען. שיפען האבען זיך געטראגען איבער'ן טייך ארויף און אראב, פון דאמפפערס געשלעפט, און פון דערווייטענס האבען זיי אויסגעזעהן אזוי קליין ווי פליעגען. אינזלען זיינען געלעגען אין וואסער איינער נעבען דעם אנדער'ן, דורכגעשניטען מיט וואסער־שטרייפען.

דער קוטשער האט געווארט, ביז די רייזענדע האבען זיך זאט אנגעקוקט אויף דעם ארומיגען בילד. פון ערפאהרונג האט ער גענוי געוואוסט ווי לאנג עס האלט אן ביי די פערשיעדענע בעזו־כער זייער בעוואונדערונג.

ווען זיי האבען גענומען פאהרען ווייטער, האט דוראי פלוצים דערזעהן פון ווייטען צוויי אלטע לייט געהענדיג זיי אנטקעגען און ער איז ארויסגעשפרונגען פון קארעטע מיט א געשריי:

— אט זיינען זיי! איך האב זיי דערקענט.

דאס זיינען געווען צוויי פויערים, מאן און ווייב, וועלכע זיי־נען געגאנגען אונגלייכע טריט, וויגענדיג זיך אין גאנג, פון וואס זייערע שולטערן האבען זיך אלע ווייל אנגעריהרט. דער מאן איז געווען נידעריג, דיק, רויט מיט א קליין בייכעל, קרעפטיג, טראץ זיין אלטקייט; די פרוי הויך, צוטריקענט, טרויעריג, איינגעבויגען, א ריכטיגע פעלד ארבייטערין, וועלכע האט פון דער יוגענד אן

געהארעוועט און קיין מאל ניט געהאט קיין צייט צום לאכען, ווע־רענד דער מאן האט מיט זיינע געסט געפלוידערט און געטרונקען.

מאגדאלענע איז אויך ארויס פון וואגען און מיט א קלאפענ־דען הארצען און א טרויער, אין וועלכען זי וואלט פריהער אליין ניט געגלויבט, האט זי אנגעקוקט די צוויי ארימע וועזענס. זיי האבען ניט דערקענט זייער זוהן אין דעם דאזיגען שענעם, עלעגאנטען שטאדטישען הער, און עס וואלט זיי קיינמאל ניט איינגעפאלען אז די שענע דאמע אין דער העלער קלייד, איז זייער שנור.

ניט רעדענדיג צווישען זיך, זיינען זיי געגאנגען אנטקעגען דעם ערוווארטעטען זוהן און האבען ניט געשענקט קיין שום אויפ־מערקזאמקייט די דאזיגע שטאדט־מענשען נאך וועמען עס איז נאכגעפאהרען די קארעטע. זיי האבען שוין געוואלט פארבייגעהן, ווען זשארזש האט זיי לאכענדיג א רוף געטהאן:

— גוט מארגען, גוט מארגען פאטער דוראי!

גלייך זיינען זיי ביידע שטעהן געבליעבען, צוערשט גאנץ ערשטוינט, דאן ווי בעטויבט פון איבעראשונג. די אלטע איז די ער־שטע געקומען צו זיך און געזאגט ניט א טריט טהאענדיג נעהנ־טער:

— דו ביזט אונזער זוהן?

— נו, יא! געוויס מוטער!

ער איז צוגעגאנגען צו איהר, זי קרעפטיג ארומגענומען און א קוש געטהאן אין ביידע באקען, ווי א זוהן; דאן האט ער ארומ־גענומען דעם פאטער, וועלכער האט ארונטערגענומען זיין היטעל, א הויכע היטעל פון שווארצען זייד, ווי מען האט עס געטראגען אין רוען. דאן האט זשארזש געזאגט:

— דאס איז מיין פרוי! — און ביידע דארף־מענשען הא־בען מאגדאלענען אנגעקוקט. זיי האבען זי בעטראכט ווי א וואונ־דער טהיר, מיט געהיימער מורא און אונרוה; דער פאטער —מיט א געוויסער צופריעדענער גענוגטהואונג, די מוטער — מיט פיינד־ליכער אייפערזוכט.

דער מאן, וועלכער האט געהאט א לעבעדיגערן כאראקטער און יענע געוויסע פרעהליכקייט, וואס קומט פון זיסען עפעל ווייין

און פון אלקאהאל, האט געפאסט מוט און געפרעגט, א וואונק טהאַענדיג מיט אן אויג:

— א קוש וועל איך דאך איהר מסתמא מעגען געבען?

דער זוהן האט געענטפערט:

— געוויס, דאס פערשטעהט זיך! — און מאגדאלענע, ווע־מען עס איז ניט גאר פרעהליך געווען אויף'ן הארצען, האט אויס־געשטעלט איהרעביידע באקען, אום צו קריעגען די סמאקטשענדיגע קושען פון'ם פויער, וועלכער האט זיך דאן מיט דער האנד דעם מויל אבגעווישט.

נאכדעם האט אויך די אלטע א קוש געטהאָן איהר שנור מיט פיינדליכער צוריקהאלטונג. ניין, דאס איז ניט געווען די טאכטער, וואס זי האט זיך געוואונשען, א פריש, געזונד דארף־מיידעל, רויט ווי אן עפעל און רונד ווי א צעבער.

די דאזיגע דאמע דארט מיט איהרע פאלדען אין קלייד און דעם מאשום געשטאנק האט געמאכט דעם איינדרוק פון עטוואס ניט ריכטיגעס; דען יעדע פארפיום האט די אלטע געהאלטען פאר מאַשום.

מען האט זיך גענומען געהן הינטער דער קארעטע, וועלכע האט געפיהרט דעם קופערט פון דעם פאאר פאלק. דער אלטער האט גענומען דעם זוהן אונטערן ארעם, איהם אביסעל צוריקגעהאל־טען און געפרעגט מיט אינטערעס:

— נו זאג מיר אקארשט, געהט דאס געשעפט ביי דיר גוט?

— יא, אויסגעצייכענט!

— נו, דאס איז גוט. דאס פרייט מיך! זאג מיר אקארשט האט דיין פרוי עפעס געלד?

זשארזש האט געענטפערט:

— פערציג טויזענד פראנק!

דער פאטער האט לייכט א פייף געטהאָן פאר פערוואונדע־רונג און האט נור ארויסגעברומט:

— צום טייפעל! — אזא איינדרוק האט אויף איהם דיעזע סומע געמאכט. דאן האט ער צוגעלייגט אין אייפריכטיגער איבער־צייגונג:

— זי איז א שענע פרויענצימער! — און ער האט עס טאקע באמת געמיינט, ווייל זי איז איהם געפעלען געווארען. אין זיין צייט האט מען איהם געהאלטען פאר א גרויסען מבין.

מאגדאלענע און די מוטער זיינען געגאנגען איינע נעבען דער אנדערער ניט ריידענדיג א ווארט.ביידע מענער האבען זיי אנגעיאגט.

זיי זיינען אנגעקומען אין דארף, א קליינער ארט וואס האט זיך געצויגען אין דער ליינג פון דער דארפישער גאס און איז אין גאנצען בעשטאנען פון צעהן הייזער אויף יעדער זייט, דא אנגעזעהענע און דא ארימע פויערשע כאלופקעס, די ערשטע פון ציעגעל, די אנדערע פון שטיין. די האבען געהאט שטרייענע דעכער און די אנדערע זיינען געוועזן מיט שינדלען בארעקט.

דעם אלטען דוראי'ס שענק, "צו דער שענער אויסזיכט" גערופען, איז בעשטאנען פון א קעלער מיט א אויבערשטער שטוב. עס האט זיך געפונען לינקס אין אנהויב פון דארף. א טאנענצווייג איבער דער טהיר האט, נאך דער אלטער מאדע, אנגעצייגט, אז דא איז א שענק.

אין שענק זיינען געווען צוזאמענגערוקט צוויי טישען איינער נעבען אנדערן און צוגעדעקט מיט א טישטוך. א שכנה וועלכע איז געקומען העלפען דערלאנגען צום טיש, האט געמאכט א טיעפען קניקס, ווען זי האט דערזעהן פאר זיך אזא פיינע דאמע. און ווען זי האט דערקענט זשארזש'ן האט זי אויסגערופען:

— הערר יעזוס, דו ביזט עס קליינער?

ער האט געענטפערט פרעהלאך:

— יא, איך בין עס, מוטער ברולין.

און ער האט זי גלייך ארומגענומען, ווי ער האט זיין פאטער און מוטער ארומגענומען.

דאן האט ער זיך געווענדעט צו זיין פרוי:

— קום אין אונזער צימער, וועסט דארט אויסטהאָן דיין הוט.

און ער האט זי דורך דער רעכטער טיר אריינגעפיהרט אין א ווייס אויסגעקאלכטען, קאלטען צימער, וואו עס איז געשטאנען א בעט מיט וואלענע פארהאנגען. די איינציגע בעציערונג פון דעם דאזי־

גען ריינליכען אבער ארימען צימער איז געווען א קרייץ און צוויי בונטע בילדער, פאול און ווירגיניע אונטער א בלויער פאלמע און נאפאלעאן דער ערשטער אויף א געלען פערד.

אזוי שנעל ווי זיי זיינען געווען אליין, האט ער א קוש גע־טהאן מאגדאלענען:

— ווילקאמען מאגדא, עס פרייט מיך דאך די עלטערן ווידער צוזעהן. אין פאריז דענקט מען גאר נישט וועגען דעם, אבער ווען מען זעהט זיך ווידער, פרייט מען זיך דאך.

אבער דער פאטער האט געשריען, קלאפענדיג אין וואנד:

— שנעל, שנעל, די זופ איז אויף'ן טיש!

און זיי האבען געמוזט ארויסגעהן און זיך זעצען צום טיש.

עס האט געפאלגט א לאנגער פויערשער מאלצייט מיט א מא־סע געריכטען אונגעשיקט צוזאמענגעשטעלט.

פאטער דוראי, ועמען דער וויין האט פרעהלאך געמאכט, האט געזגאט זיינע בעסטע וויצען, דערצעהלט שטארק געפעפער־טע אונאנשטענדיגע געשיכטען וועלכע, ווי ער האט בעהויפטעט, האט פאסירט מיט זיינע פריינד. הגם זשארזש האט זיי אלע גע־וואוסט, דאך האט ער זיך פון זיי אמוזירט און געלאכט. די היי־מישע לופט, די געבארענע ליעבע צום טאטענס הויז האט איהם באהערשט. עס האט איהם געריהרט, וואס ער איז ווידער אין דעם ארט פון זיין קינדהייט. אלע איינדריקע, אלע אלטע ערינערונגען, יעדע קלייניגקייט, א צייכען מיט א מעסער אין טיר געשניצט, וואס האט דערמאנט אן עפעס א פריהערדיגע פאסירונג, א הינקענדי־גער שטול, דער דופט פון די בוימער אין דעם נאהנטען וואלד, דער גערוך אין הויז, דאס טייכעל, די מיסט אויף'ן הויף, אלעס, אלעס האט איהם אן זיין קינדהייט דערמאנט.

דוראי'ס מוטער האט ניט גערעדט קיין ווארט. זי איז געזע־סען ערנסט, טרויעריג, און בעטראכט די שנור מיט שטילען האס אין הארצען, מיט יענעם האס, וואס די אויסגעהארעוועטע פויערטע מיט איהרע פארגרעבטע הענד און פון שווערער פראצע צוקרימטע גליעדער, מוז פיהלען צו דער שטאדטישער פרוי, וועלכע איז איהר מיאוס אלס עטוואס לאסטערהאפטעס און פערדארבענעס, אלס א

אונריינע זאך נור צום פוילענצען און זינדיגען געשאפען. אלע ווייב־לע איז זי אויפגעשטאנען, אום די שפייזען צו דערלאנגען און דעם געלען, שארפען געטראנק פון קרוג אדער דעם רויטען, שווימענדען זיסען עפעל וויין פון די פלאשען אריינצוגיסען.

מאגדאלענע האט ווייניג גערעדט, ווייניג געגעסען, איז גע־זעסען שטיל, מיט איהר געוועהנליכען שמייכעל אויף די ליפען און א טרויעריגען בליק אין איהרע פארטראכטע אויגען. זי האט זיך געפיהלט ענטוישט, טרויעריג, ווארום? עס איז דאך געווען איהר וואונש אהער צו קומען. און זי האט געוואוסט, אז זי קומט צו פויערים, צו ארימע פויערים! ווי האט זי זיך דען די דאזיגע לייט פארגעשטעלט? זי וועלכע איז דאך געווען גענוג פראקטיש.

זי האט אליין ניט געוואוסט. שטעלען זיך דען ניט די פרוי־ען אימער פאר די זאכען אנדערש, ווי זיי זיינען? האט זיך איהר דאס אלעס פון וויטען אויסגעוויזען פאעטישער? ניין! אבער דאך פיליכט ראמאנטישער, פארנעהמער, שענער. און דאך האט זי זיי ניט געוואלט טרעפען אזוי ווי די פויערים אין די ראמאנען. טא ווי אזוי איז עס געקומען, וואס די דאזיגע מענשען האבען איהר וועה געטהאן מיט טויזענד אונזיכטבארע קליינינקייטען? מיט גע־וויסע קוים בעמערקבארע גראבקייטען, מיט זייער שפראך, מיט זייערע בעוועגונגען, מיט זייער פרעהליכקייט?

דאן האט זי זיך דערמאנט אן איהר אייגענער מוטער, וועגען וועלכער זי האט קיין מאל מיט קיין מענשען קיין ווארט ניט אויס־גערעדט. יענע איז געווען א פערפיהרטע לעהרערין, וועלכע איז אין סיינט דעניס אויסגעוואקסען און דארט פאר עלענד און קו־מער געשטארבען, ווען מאגדאלענע איז אלט געווען צוועלף יאהר. איין אונבעקאנטער האט דאס קליין מיידעל געלאזט ערציהען, הפנים איהר פאטער. אבער ווער? זי האט עס ניט געוואוסט, הגם זי האט געהאט א אונבעשטימטען פערדאכט.

דער מאלצייט האט זיך געצויגען אהן א סוף. איצט האבען גענומען געהן געסט, האבען געדריקט פאטער דוראי די האנד, גע־זאגט ווילקאמען צום זוהן און בעטראכט פון דער זייט די יונגע פרוי, מיט עפעס א מין בייזער מינע, וואס האט אויסגעדריקט:

— צום טייפעל, זשארזש דוראי איז נים געווען קיין נאר!

אנדערע וועלכע זיינען נים געווען אזוי נאהנט בעקאנט, האַ־בען זיך געזעצט ביי די הילצערנע טישען און אויסגערופען:

— איין ליטער! — א קווארט! — צוויי שנאפסען! —

און האבען זיך גענומען שפּיעלען דאמינא, און דערביי מיט די קליינע ווייסע און שווארצעביינדלאך אנגעמאכט א גרויסען ליאַ־רעם.

איצט איז מוטער דוראי ארומגעלאפען אהין און צוריק מיט איהר טרויעריגער מינע און די געסט בעדיענט, דאס געלד איינגע־נומען און אלע ווילע מיט איהר בלויען פארטוך דעם טיש אב־געווישט.

דער רויך פון די ליולקעס און די ביליגע ציגארען האט אנ־געפילט דעם צימער. מאגדאלענע האט אנגעהויבען צו הוסטען און געפרעגט:

— קענען מיר נים אביסעל ארויסגעהן? איך קען עס מעהר נים אויסהאלטען.

— דער מאלצייט האט זיך נאך נים געענדיגט. דער אלטער דוראי איז געווען אונצופרידען. דאן איז זי אויפגעשטאנען, זיך געזעצט אויף א שטול פאר דער טיר און געווארט, ביז איהר שווער און איהר מאן האבען זייער קאפע און זייער שנאפס אין גאנצען אויסגעטרונקען.

באלד איז אויך זשארזש צו איהר ארויסגעקומען.

— ווילסטו אפשר זיך דורכפאהרען איבער דער סיין?

זי האט מיט פערגעניגען איינגעוויליגט:

— יא, יא קום!

זיי זיינען ארונטערגעגאנגען פון בארג, געדונגען א שיפעל און דעם גאנצען נאכמיטאג האבען זיי פערבראכט אויף די אינזלען שלומערענדיג אונטער די ביימער אין דער זיסער פריהלינגס לופט, איינגעוויעגט פון דעם פלעשטשען פון׳ם פלוס.

ווען עס איז דונקעל געווארען, זיינען זיי ווידער ארויפגעגאנ־גען אויבען, אויף׳ן בארג.

פאר מאגדאלענען איז דער נאכט מאלצייט פאר דעם שיין

פון א ליכטעל געווען נאך שווערער אריבערצוטראגען, ווי דעם מיטאג. פאטער דוראי איז געווען אביסעל אנגעסנאסקעט און האט מעהר ניט גערעדט. די מוטער איז געווען ערנסט ווי פריהער.

דער שוואכער שיין פון דער ליכט האט אויף די גרויע ווענט געווארפען די שאטענס פון די קעפ מיט ריעזיגע נעזער און אי־בערטריעבענע בעוועגונגען. פון צייט צו צייט האט א מורא'דיג גרויסע האנד אויפגעהויבען א גאפעל גרויס ווי א גראבליע צו א מויל, וואס האט זיך געעפענט, ווי אן אבגרונד.

אזוי שנעל ווי דאס עסען האט זיך געענדיגט האט מאגדאלע־נע ארויסגערופען איהר מאן אויף'ן פעלד, אום ניט צו בלייבען אין דונקעלען צימער, וואו עס האט זיך אימער געטראגען דער גערוך פון שלעכטען טאבאק און פערגאסענע געטראנקען.

אזוי גיך ווי זיי זיינען געווען אין דרויסען, האט ער געזאגט:

— דו לאנגווייליסט זיך שוין ? — זי האט געוואלט ענטפערן, אבער ער איז איהר אריינגעפאלען אין מיטען די רייד :

—ניין, איך האב גאנץ גוט באמערקט. ווען דו ווילסט, פאה־רען מיר מארגען אוועק.

זי האט געפליסטערט :

— יא, דאס וועט מיר זיין זעהר אנגענעהם.

זיי האבען געטראטען לאנגזאם. די נאכט איז געווען א וואַ־רעמע און אין דער ווייכער, טיפער דונקעלהייט האבען אלער־ליי שטילע גערוישען ערוואכט. זיי זיינען ארויף אויף א שמאלען וועג און האבען געטראטען אונטער הויכע בוימער, צווישען אונ־דורכדרינגליכע, שווארצע בושעס.

זי האט געפרעגט :

— וואו זיינען מיר ?

ער האט געענטפערט :

— אין וואלד !

איז דער וואלד גרויס?

— זעהר גרויס! איינער פון די גרעסטע וועלדער אין פראנק־רייך.

א גערוך פון ערד, בוימער און מאך, יענער פרישער און אין

דער זעלבער צייט אלטער דופט פון געדיכטע וועלדער, וואס קומט פון דעם יונגען זאפט פון פרישע בוימלאך און פון די אבגעשטאר־בענע פארוועלקטע אלטע בלעטער, האט זיך איבער דעם דאזיגען וועג געטראגען. מאגדאלענע האט אויפגעהויבען דעם קאפ און צווי־שען די שפיצען פון די בוימער האט זי דערזעהן די שטערן, און הגם קיין הויך האט די צווייגען ניט בעוועגט, האט זי געפיהלט דאס לייכטע ציטערן פון דעם ים בלעטער.

עפעס א מאדנער שוידער איז איהר איבער דער נשמה אריי־בער און זי האט זיך א טרייסעל געטאהן מיט'ן גאנצען לייב. עפעס א מאדנע אנגסט איז אויף איהר אנגעפאלען. ווארום ? האט זי ניט בעגריפען, אבער זי האט זיך געפיהלט פערלארען, דער־טרונקען, ארומגערינגעלט פון געפאהרען, פון אלעמען פערלאזען, אליין, אליין אויף דער וועלט אונטער די דאזיגע בלישטשענדיגע שטערן, וואס האבען דארט געציטערט איבער איהר קאפ.

זי האט געפליסטערט :

— איך האב עפעס מורא. איך וואלט וועלען גיהן אהיים.

— גוט, לאמיר געהן !

— און מארגען פאהרען מיר צוריק קיין פאריז ?

— יא, מארגען !

— מארגען אין דער פריה ?

— ווען דו ווילסט, מארגען אין דער פריה.

זיי האבען זיך אומגעקעהרט אהיים. די עלטערן האבען שוין געשלאפען. זי האט ניט געקענט שלאפען. די אלע גערוישען אין דארף, וועלכע זיינען פאר איהר געוועזען ניי: דער געשריי פון דער אוילע פויגעל, דאס רייבען זיך פון א שוויין אן דער וואנט און דאס קרעהען פון'ם האן, וועלכער האט זיך געהערט פון האלבער נאכט אן האבען זי אלע ווילע אויפגעוועקט.

ווי נור עס איז טאג געווארען איז זי שוין געוועזען אויף און פערטיג צו דער רייזע.

ווען זשארזש האט געזאגט די עלטערן, אז זיי ווילען שוין אוועקפאהרען, האבען זיך ביידע אלטיטשקע שטארק דערשראקען, ווארום זיי ביידע האבען זיך אנגעשטויסען פון וועמען דער דאזי־

גער ענטשלום שטאמט.

דער פאטער האט געפרעגט איינפאך:

— קומסטו אין גיכען נאך אמאל?

— געוויס, נאך היינטיגען זומער!

— נו אויב אזוי איז גוט!

די אלטע האט געווארטשעט:

— מילא, איך האף נור, אז דו זאלסט ווען עס איז ניט חרטה האבען אויף דעם שריט, וואס דו האסט געמאכט.

אום זייער אונצופרידענהייט צו פערטרייבען, האט ער זיי געשיינקט צוויי הונדערט פראנק. און ווען די קארעטע, וואס א בעקאנטער האט געבראכט, איז אזייגער צעהן צוגעקומען צום הויף, האט דאס יונגע פאאר ארומגענומען די אלטע לייט און איז אוועקגעפאהרען.

ווען זיי זיינען שוין געווען אויף'ן וועג, האט דוראי געזאגט שמייכלענדיג:

— זעהסטו, איך האב עס דיר גלייך געזאגט, עס וואלט גע־ווען גלייכער, אז דו זאלסט ניט באקענט ווערען מיט די אלטע הערשאפטען, מיט דעם העררן און פרוי דו־ראי דע־קאנטעל.

זי האט זיך אויך צולאכט און געענטפערט:

— איך בין אבער זעהר צופריעדען, זיי זיינען בראווע לייט און איך גלויב, אז איך האב זיי שוין זעהר ליעב. איך וועל זיי אמאל עפעס שיקען פון פאריז.

דאן האט זי געמורמעלט:

דו־ראי דע־קאנטעל! דו וועסט זעהן, קיין מענש וועט זיך אויף אונזער איינלאדונג אונטער דיעזען נאמען ניט וואונדערן און מיר וועלען דערצעהלען, אז מיר האבען פערבראכט אכטאג ביי דיינע עלטערן אין שלאס.

און זיך צוגעדריקט צו איהם, האט זי איהם א קוש געטהאן אין די וואנצעס:

— גוט מארגען זשארזש!

ער האט געענטפערט:

— גוט מארגען מאגדא — און האט זי ארומגענומען ארום

טאליע.

פון ווייטען, אונטען אין טהאל אין דעם שיין פון דער פרי־מארגענדיגער זון, איז ווי א בליסטשענדיגע באנד געלעגען דער ברייטער טייך, זיינע געלעגען אלע יענע פאבריקען, וועלכע האבען דורך זייערע קוימענס גאנצע וואלקענס רויך צום הימעל גע־יאגט, און אלע יענע שפיציגע קירכען־טהורעמס, וואס האבען זיך הויך איבער דער שטאדט אויפגעהויבען.

2.

די דוראים זיינען זייט צוויי טעג געווען ווידער אין פאריז, און דער זשורנאליסט האט ווידער געטהאן זיין פריהערדיגע ארבייט, ביז ער וועט קענען איבערגעבען די רעדאקציאן פון די לאקאלע נייעס, אום איבערצונעהמען פארעסטיע'ס שטעלע און זיך אין גאנצען אבצוגעבען מיט פאליטיק.

אין דעם דאזיגען אבענד איז ער געגאנגען אהיים, אין דעם פריהערדיגען היים פון פארעסטיען, עסען. ער איז געווען גוט אויפגעלייגט און האט זיך געפרעהט, וואס ער וועט קענען ארומ־נעהמען זיין פרוי, וועלכע האט איהם מיט איהר חן אין גאנצען פער'כישופט. ווען ער איז אין דער רו נאטרדאם דע לארעט פער־בייגעגאנגען פערביי א בלומען־הענדלערין, איז איהם איינגעפא־לען א געדאנק, צו קויפען מאגדאלענען א בוקעט בלומען, און ער האט אויסגעקליבען א גרויסען בוקעט פון קוים געעפענטע דופ־טענדע קנאספען.

אויף יעדען טרעפעל פון זיין נייע וואהנונג האט ער זיך צו־פריעדען אנגעקוקט אין שפיגעל, וועלכער האט איהם דערמאנט אויף זיין ערשטען וויזיט אין דיעזען הויז.

אזוי ווי ער האט פערגעסען דעם שליסעל, האט ער אנגע־קלונגען און דערזעלבער דיענער, וועלכען ער האט אויף זיין פרוי'ס ראט אנגעהאלטען, האט די טיר געעפענט.

זשארזש האָט געפרעגט:

— איז מיין פרוי אין דערהיים?

— יא, מיין הערר!

אבער ווען ער איז פערבייגעגאנגען דעם עסצימער איז ער געווען זעהר ערשטוינט זעהענדיג, אז דער טיש איז געגרייט פאר דריי פערזאָן און אזוי ווי די פארטיערען פון סאלאָן זיינען געווען געעפענט, האט ער דערזעהן מאגדאלענען, וועלכע האט אריינגע־שטעלט אין א וואזע אויף'ן קאמין א בוקעט זעהר עהנליך צו זיי־נעם. דאס האט איהם פערדראסען, עפעס אזוי ווי מען וואלט ביי איהם זיין אידעע, זיין אויפמערקזאמקייט, דאס פערגעניגען, וואס ער האט דערפון ערווארטעט, צוגע'גנב'עט.

ער האט געפרעגט אריינגעהענדיג:

— האסטו אימעצען איינגעלאדען?

— ניט אומקעהרענדיג זיך און ניט אויפהערענדיג צו טהאָן איהר פריהערדיגע ארבייט, האט זי געענטפערט:

— יא און ניין. מיין אלטער פריינד גראף וואדרעק פלעגט יעדען מאנטאג עסען ביי אונז און ער קומט ווי פריהער.

געארג האט געברומט:

— דאס איז זעהר שען פון איהם!

ער איז געבליעבען שטעהן הינטער איהר מיט דעם בוקעט בלומען אין די הענד. אייגענטליך האט ער געהאט לוסט איהם צו בעהאלטען, איהם ארויסצוווארפען, דאך האט ער געזאגט:

— אט, איך האב דיר ראזען מיטגעבראכט!

זי האט זיך שנעל א קעהר געטהאָן און אויסגערופען לאַ־כענדיג:

— אך דאס איז אבער ליעב פון דיר, וואס דו האסט וועגען דעם געטראכט!

און מיט אפענע ארעמס האט זי צו איהם אויסגעשטרעקט איהרע ליפען, מיט אזא ווארימען אויסדרוק פון ליעבע און פרייד, אז ער האט זיך דערפיהלט געטרייסט.

זי האט גענומען די בלומען, זיי א שמעק געטהאָן, גליקזע־

ליג ווי א קינד און זיי ארייַנגעשטעקט אין דער צווייטער וואזע, וואס איז געשטאנען לעבען דער אנדערער.

דאן א קוק טהאָענדיג, ווי ביידע בוקעטען זעהן אויס, האט זי געזאגט:

— דאס פערשאפט מיר גרויס פערגעניגען, איצט איז מיין קאמין שען.

מיט דעם איבערצייגטעסטען טאן האט זי גלייך צוגעלייגט:

— דו ווייסט, וואדרעק איז א רייצענדער מענש, דו וועסט מיט איהם גלייך ווערען גאנץ אינטים.

דער קלונג פון גלאק האט אנגעזאגט, אז דער גראף איז געקומען. ער איז אריין רוהיג, ווי ער וואלט זיך געפיהלט פונקט ווי ביי זיך אין דער היים. נאכדעם ווי ער האט דער יונגער פרוי גאלאנט די האנד געקושט, האט ער זיך א קעהר געטהון צו איהר מאן און איהם ליעבענסווירדיג אויסגעשטרעקט די פינגער מיט דער פראגע:

— נו, ווי געהט עס אייך, ליעבער דו ראי?

איצט האט ער זיך ניט געהאלטען אזוי שטייף און שטאלץ ווי אמאל, פארקעהרט אין זיין פריינדליכקייט האט ער געלאזט מערקען, אז די אומשטענדען האבען זיך געענדערט. דער זשור־נאליסט איז געווען ערשטוינט. ער האט געענטפערט מיט נאך גרעסערער ליעבענסווירדיגקייט און אין פינף מינוטען ארום זיי־נען זיי ביידע געווען, ווי זיי וואלטען זיך געקענט און געליעבט שוין פון יאהרען.

דאן האט מאגדאלענע געזאגט מיט א שטראהלענדען גע־זיכט:

— איך לאז אייך אליין. איך האב נאך עפּעס צו טהאָן אין קיך.

ווען זי איז צוריק געקומען, האבען זיי גערעדט פון טעאטער, איבער א נייער שטיק און זייערע אנזיכטען זיינען געווען אזוי גלייך, זיי זיינען געווען אזוי איינפערשטאנדען איינער מיט'ן אנ־דער'ן, אז עפּעס א מין סארט פּלוצימדיגע פריינדשאפט האט זיך

צווישען זיי גלייך געבילדעט.

דער דיענער איז געוועזן רייצענד, זעהר אינטים און הערצ־ליך און דער גראף איז געבליעבען ביז שפעט ביינאכט, אזוי גוט האט ער זיך געפיהלט אין דעם דאזיגען הויז, ביי דעם דאזיגען ליעבען, יונגען, פאאר פאלק.

אזוי שנעל ווי ער איז אוועק האט מאגדאלענע געזאגט צו איהר מאן:

— ניט אמת, ער איז אן אמת'ער קאוואליער? ער געווינט זעהר, ווען מען ווערט מיט איהם נעהנטער בעקאנט, און ער איז א גוטער פריינד, אויפריכטיג, איבערגעבען און טריי, אך אהן איהם...

זי האט דעם זאץ ניט געענדיגט און זשארזש האט געענט־פערט:

— יא, איך דענק אז ער איז זעהר נעט. איך גלויב, אז מיר וועלען זיך גוט פערטראגען.

אבער זי האט גלייך געמאכט:

— הער אויס! איידער מיר וועלען געהן שלאפען היינט ביינאכט, האבען מיר נאך צו ארבייטען. איך האב עס דיר פאר'ן עסען ניט געקענט זאגען, ווייל וואדרעק איז געקומען אזוי שנעל. איך האב פריהער געקריגען וויכטיגע נאכריכטען איבער מא־ראקא. לאראש מאטיע, דער אבגעארדענטער, דער צוקינפטיגער מיניסטער, האט זיי מיר געבראכט. מיר מוזען אנשרייבען א גרויסען ארטיקעל, אן ארטיקעל, וואס זאל אנמאכען א סענסאצ־יאן; איך האב לויטער טהאטזאכען און צאהלען. מיר וועלען זיך נעהמען צו דער ארבייט, קום, נעהם אקארשט דעם לאמפ.

ער האט גענומען דעם לאמפ און זיי זיינען צוזאמען אוועק אין דעם ארבייטסצימער.

די זעלבע ביכער זיינען געשטאנען אין דער זעלבער ביכער־שאפע, וואס איז איצט בעפוצט געוועזן מיט די דריי וואזען, וועל־כע פארעסטיע האט א טאג פאר זיין טויט געקויפט אין גאלף זשואן. אונטער'ן טיש האט דעם פערשטארבענעם'ס קישעלע ער־ווארט דוראי'ס פיס, וועלכער האט זיך געזעצט און גענומען די

עלעפאנט ביינערנע פעדער אין האנד, וואסער שפיץ דער אנדע־רער האט עטוואס אבגעביסען.

מאגדאלענע האט זיך אנגעשפארט אן קאמין און פארויכערט א פאפיראס, האט זיך דערצעהלט איהרע נייעס. דאן האט זי גע־נויער אויסגעדריקט איהר אנזיכט, ווי אזוי דעם ארטיקעל דארף געשריעבען ווערען.

ער האט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט, איינינע זאכען נא־טירט און ווען זי איז פערטיג געווארען, האט ער געמאכט א מין פלאן נים נור פון איין ארטיקעל, נור פון א גאנצער רייהע ארטיק־לען אנטקעגען דעם איצטיגען מיניסטער. דער היינטיגער ארטי־קעל זאל זיין דער ערשטער אנגריף. זיין פרוי האט אויפגעהערט צו רויכערען, און וואס מעהר זי האט זיך פאראינטערעסירט אין דער זאך, אלץ אויפמערקזאמער האט זי נאכגעפאלגט דוראי'ס געדאנקענגאנג.

פון צייט צו צייט האט זי געמורמעלט:

— יא, יא! זעהר גוט! אויסגעצייכענט!

און ווען ער איז פערטיג געווארען, האט זי געזאגט:

— אזוי און איצט לאמיר עס אנשרייבען.

איהם איז אבער אימער שווער געווען דער אנפאנג און מיט גרוים מיה האט ער די ווערטער געפונען; דאן האט זי זיך אנגע־שפארט אויף זיין שולטער און איהם גאנץ שטיל אריינגעשושקעט אין אויער די ערשטע זאצען.

פון צייט צו צייט האט זי זיך אבגעשטעלט און געפרעגט:

דאס ווילסטו דאך זאגען, ניט אמת?

— יא, גאנץ גענוי!

זי האט געוואוסט ווי אזוי דעם מיניסטער צו שטעכען און מיט ריין ווייבערשער בייזקייט איהם צו בעליידיגען. און אזוי קונציג האט זי צוזאמענגעמישט וויצען איבער זיין אויסזעהן און זיין פאליטיק, אז מען האט געמוזט לאכען און דאך בעוואונדע־רען, ווי ריכטיג זי האט געכאפט יענעמ'ס לעכערליכע זייטען.

דוראי האט פון צייט צו צייט צוגעלייגט א פאאר שורות, וועלכע האבען די טיעפקייט און די ווירקונג פון'ם אנגריף נאך

שטארקער געמאכט. ער האט פערשטאנען די קונסט פון צווײדײ־טיגע אנצוהערענישען, וועלכע ער האט אלס רעדאקטאר פון די לאקאלע נייעס געלערנט. און ווען עטוואס, וואס מאגדאלענע האט אוועקגעשטעלט אלס א זיכערען פאקט, איז איהם דאך פאר־געקומען צווייפעלהאפט אדער קאמפראמענטירענד, האט ער גע־זוכט די געשיכטע אזוי אויסצודרעהען, אז מען זאל זיך אויף איהר אנשטויסען; אזוי אז עס האט נאך געמאכט א גרעסערען איינ־דרוק ווי אן אפענע בעשולדיגונג.

ווען דער ארטיקעל איז פערטיג געווארען, האט איהם זשארזש פארגעלעזען אין דער הויך נאך אמאל. זיי זיינען ביי־דע געווען פון איין מיינונג, אז ער איז אויסגעצייכענט. איבע־ראשט און ענטציקט האבען זיי געלאכט און זיך אנגעקוקט, ווי זיי וואלטען איינער דעם אנדער'ן ערשט יעצט ענטדעקט. זיי הא־בען זיך אריינגעקוקט טיעף אין די אויגען, פול געגענזייטיגער בעוואונדערונג און צערטליכקייט, דאן האבען זיי זיך ליידענ־שאפטליך צוקושט עפעס אזוי ווי די איינשימונג פון זייערע גיים־טער וואלט זייערע קערפערס אנגעצונדען.

דוראי האט ווידער גענומען דעם לאמפ און געזאגט מיט א ברענענדיגען בליק:

— נו, איצט געהן מיר אין בעט.

זי האט געענטפערט:

— געה פאראויס, מיין הערר און געביטער, דו בעלייכסט דאך דעם וועג.

ער איז אוועק און זי האט איהם געפאלגט אין שלאף־צימער, קיצלענדיג איהם מיט די שפיץ פינגער צווישען די האאר אין'ם קראגען, אום ער זאל שנעלער געהן.

דער ארטיקעל איז ערשיענען אונטער דעם נאמען: זשארזש דוראי דעקאנטעל, און האט געמאכט א פוראר. אין דער קאמער פון די אבגעארדענטע האט מען דאריבער דעבאטירט, דער אל־טער וואלטער האט דעם פערפאסער געוואונשען גליק און איהם געמאכט פאר'ן פאליטישען רעדאקטאר פון דאס "פראנצויזישע לעבען".

בורענאר האט ווידער געמוזט איבערנעהמען די לאקאלע נייעס.

און איצט האט זיך אויפגעהויבען אין דער ציימונג א געשיקטער, הייסער קאמפף אנטקעגען דעם הויפט מיניסטער. די אנגריפען האבען זיך אימער געשטיצט אויף טהאטזאכען, זיינען געווען צייטענווייז איראניש און דאן ווידער ערנסט, מאנכעס מאל שפאסהאפט, מאנכעס גיפטיג, האבען אבער אימער מיט אזא זיכערקייט געטראפען אין סאמע פונקט, אז די גאנצע וועלט איז געווען ערשטוינט. די אנדערע צייטונגען האבען געהאלטען אין איין ציטירען דאס "פראנצויזישע לעבען" האבען צייטענווייז איבערגעדרוקט פון איהר גאנצע ארטיקלען, און די מענער וואס שטעהען ביים רודער האבען זיך גענומען נאכפרעגען אויף דעם דאזיגען הארטנעקיגען פיינד זייער'ן, אויב מען קען איהם ניט אונטערקויפען מיט עפעס א שטעלע און דערמיט דעם מויל פערשטאפען.

דוראי איז בעריהמט געווארען ביי די פאליטישע פארטייען, אן דער ארט און ווייזע ווי אזוי מען האט איהם די האנד געדריקט, ווי מען האט איהם געגריסט, האט ער געפיהלט זיין וואקסענדען איינפלוס און ער איז געווען פול שטאלץ און בעוואונדערונג פאר זיין פרוי איבער איהר ערפרישענדען גייסט, איהר געשיקטקייט און דער גרויסער צאהל פון איהרע בעקאנטע.

יעדעס מאל קומענדיג אהיים, האט ער ביי זיך געפונען א סענאטאר, א אבגעארדענטען, א שטאאטסמאן, אדער א גענעראל, וועלכע האבען בעהאנדעלט מאגדאלענען מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט, ווי אן אלטע בעקאנטע. ווי אזוי האט זי זיך געקענט בעקענען מיט די דאזיגע אלע מענשען? זי האט געזאגט, אז זי האט זיי געטראפען אין געזעלשאפט; אבער ווי אזוי איז איהר געלונגען צו געווינען זייער פערטרויען און זייער צונייגונג? דאס האט ער ניט געקענט פערשטעהן.

— זי וואלט געווען אן אויסגעצייכענטער דיפלאמאט! — האט ער געטראכט.

אפט איז זי געקומען צום עסען שפעט, ציטערענדיג, מיט רויטע באקען און געזאגט נאך איידער זי האט דעם שלייער אויס־געטהאן:

— נו, היינט האב איך אבער נייעס פאר אונז. שטעל זיך פאר דער יוסטיצמיניסטער האט היינט צוויי נייע מענשען אין מיניסטעריום בערופען. איצט ווען מיר איהם אבער פארגעבען, אז ער וועט אונז האבען צו גדיינקען!

און אויף'ן צווייטען טאג האבען זיי דעם מיניסטער פארגע־בען, און אויף'ן דריטען ווידער און אויף'ן פיערטען ווידער אמאל.

דער אבגעארדענטער לאראש־מאטיע, וועלכער האט יעדען דיענסטאג, נאך דעם גראף וואדריק ביי זיי געזעסען, האט מיט דער גרעסטער פרייד דעם יונגען פאאר פאלק די האנד געדריקט. ער האט ניט אויפגעהערט צו זאגען:

— צום טייפעל! דאס איז אביסעל א קאמפף! ווען עס זאל איצט ניט גליקען!

געהאפט האט ער, אז עס וועט יא גליקען פריי צו מאכען די מיניסטער שטעלע, צו וועלכער ער האט שוין לאנג לוסט גע־האט.

ער איז געווען איינער פון יענע פאליטישע מאנטעל טרע־גער אהן איבערצייגונג, אהן ווירקליכען טאלאנט, אהן מוט, אהן ערנסטען וויסען; א געוועהנליכער פראווינציאנעלער אדוואקאט, וועלכער האט צווישען די עקסטרעמע פארטייען אנגעהאלטען דאס גלייכגעוויכט.

אונטער זיינע קאלעגען די אבגעארדענטע, האט איהם זיין פויערשע שטויהייט פערשאפט אנזעהן; און דורך זיין אויסערליכ־קייט דורך זיינע מאניערען, דורך זיין ליעבענסווירדיגקייט און הערראבלאסונג איז ער געווען דער ריכטיגער מאן עטוואס צו ערריי־כען. ער האט געמאכט א גוטען איינדרוק אין דער עטוואס גע־מישטער געזעלשאפט פון העכערע בעאמטע, וועלכע האבען זיך איצט געפונען ביים רודער.

איבעראל האט עס געהייסען: "לאראש מאטיע וועט ווערען

מיניסטער,״ און ער אליין איז געווען נאך איבערצייגטער ווי אלע אנדערע, אז לאראש־מאטיע וועט זיין א מיניסטער.

ער איז געווען איינער פון די הויפט אקציאנערן פון וואל־טער׳ס ציימונג, זיינער א קאלעגע און אויך א טהיילנעהמער אין פיעלע פינאנציעלע אונטערנעהמונגען.

דוראי האט איהם אונטערשטיצט פול פערטרויען מיט עפעס אונבעשטימטע האפנונגען פאר זיין אייגענער צוקונפט. איבערי־גענס האט ער נור פארגעזעצט פארעסטיע׳ס ארבייט, ועמען לא־ראש מאטיע האט צוגעזאגט אים פאל, אז זיי וועט געלינגען, צו געבען דעם ארדען פון דער עהרען־לעגיאן. דער ארדען וועט אלזא איינפאך איבערגעהן אויף דער ברוסט פון מאגדאלענעס נייעם מאן; ווייטער גארנישט. — און אין גרונד גענומען איז עס דאך טאקע אלעם איינס.

אין אלגעמיין האט מען אזוי שטארק געפיהלט, אז אלעס איז געבליעבען ווי געווען, אז דוראי׳ס קאלעגען האבען גענומען פון איהם מאכען שפאס, וואס עס האט איהם שטארק פערדראסען.

מען האט אנגעהויבען צו רופען ניט אנדערש, ווי פארעסטיע.

ווי ער איז נור אריין אין רעדאקציאן האט אימעצער אויסגע־רופען.

— זאג נור פארעסטיע...

ער האט זיך געמאכט ווי ער הערט נישט און גענומען זוכען פאפירען אין זיין שרייב טיש, אבער דא האט עס גענומען קלאנ־גען נאך העכער :

— העי, פארעסטיע ! — און עס האט זיך דערהערט א פארשטיקטער געלעכטער.

ווען דוראי האט גענומען געהן צום שעף אין צימער, האט דער וואס האט איהם פריהער גערופען, איהם פערלאפען דעם וועג:

— אך, ענטשולדיג, איך האב געוואלט ריידען מיט דיר. עס איז צו דום, איך פערבייט דיך אימער אויף דעם ארמען שארל, דאס קומט דערפון ווייל דיינע ארטיקלען זיינען אזוי שטארק עהנליך צו זיינע. מען פערבייט זיי אימער.

דוראי האט גארנישט געענטפערט, אבער אינווייניג אין איהם האט געקאכט, און א שטילער האס אנטקעגען דעם טויטען איז אין איהם אויפגעשטיגען.

אפילו דער אלטער וואלטער האט געזאגט, ווען מען האט זיך זעהר געוואונדערט איבער געוויסע עהנליכע ווענדונגען און גע־דאנקען אין די ארטיקלען פון דעם נייעם פאליטישען רעדאק־טאר:

— יא דאס איז עכטער פארעסטיע, אבער נערוועזער, קרעפ־טיגער, שטארקער.

איין אנדר מאל, ווען זשארזש דוראי האט צופעליג געעפענט די שאפע מיט די באלס, האט ער דערזעהן, אז זיין פארגייענגערס באלס האבען געטראגען שווארצען קרייפ און זיינער, וועלכען ער האט בענוצט, ווען סיינט־האטין האט איהם געלעהרענט שפיעלען איז געווען בעפוצט מיט א ראזאווען שלייף.

אלע זיינען זיי געווען אויסגעלייגט נאך זייער גרויס נאך אויף א ברעט און אויף א טאוועל איז געווען אנגעשריעבען: "אמאליגע זאמלונג פון פארעסטיע און קא. פארעסטיע־דוראי יורש. געזעצליך געשיצט.

ער האט רוהיג צוגעמאכט די שאפע און געזאגט אין דער הויך, אז אלע זאלען איהם הערען.

— פערדישע קעפ און נידער זיינען דא איבעראל!

אבער ער האט זיך געפיהלט בעליידיגט אין זיין שטאלץ, אין זיין אייטעלקייט, און יענער שריפטשטעלערישער אייטעל־קייט, וועלכע איז ביים רעפארטער פונקט אזוי גרויס ווי ביים זשעניאלען דיכטער.

דאסווארט "פארעסטיע" האט בעליידיגט זיין אויער, ער האט מורא געהאט עס צו הערען און איז רויט געווארען, ווען ער האט עס געהערט.

דער דאזיגער נאמען איז פאר איהם געווארען א בייסענדער שפאט, א ביטערער בעליידיגונג, דען ער האט בעדייטעט:

— דיין פרוי, מאכט דיינע געשעפטען, ווי זי האט פריהער די געשעפטען פון דעם אנדערן געמאכט! אהן איהר ביזטו א

נול. —

ער האט פאלשטענדיג צוגעגעבען, אז פארעסטיע אהן מאג־דאלענא׳ן וואלט געווען א גארנישט; אבער ער איז דאך עפעס גאר אן אנדער זאך.

ווען ער איז דאן אהיים געקומען, האט איהם דער דאזיגער געדאנקען ניט אבגעלאזען. איצט האט איהם דאס גאנצע הויז ער־אינערט אן דעם טויטען, די גאנצע מעבעל, יעדער קלענסטער גע־גענשטאנד, אלעס, וואס ער האט נור בעריהרט. אין דער ערשטער צייט, האט ער וועגען דעם ניט געטראכט, אבער די שפילקעס פון זיינע קאלעגען האבען אין זיין נשמה א וואונד געעפענט, וועלכע טויזענד, ביז דאן ניט בעמערקטע קלייניגקייטען האבען יעצט פארגיפטעט.

ער האט איצט ניט געקענט קיין זאך נעהמען אין האנד, אז ער זאל גלייך ניט פיהלען שארל׳ס האנד ליגען אויף דעם. ער האט נור געזעהן ארום זיך און בעריהרט זאכען, וועלכע האבען פריהער געהערט צו יענעם, וועלכע יענער האט געקויפט און בא־זעסען: און דוראי האט זאגאר גענומען ווערען אונרוהיג ביי דעם געדאנקען אן אמאליגע בעציהונגען פון זיין פריינד צו זיין פרוי.

מאנכעס מאל איז ער אליין געווען ערשטוינט איבער דעם דאזיגען שטורעם אין זיין הארצען, וועלכען ער האט ניט בעגריי־פען און ער האט זיך געפרעגט: "צום טייפעל, ווי קען דאס נור מעגליך זיין ? איך בין ניט אייפערזיכטיג צו מאגדאלענעס פריינד, עס ארט מיר קיין מאל ניט וואס זי טהוט. זי קומט און געהט וואו און ווען זי וויל, און די עראינערונג אן דעם דאזיגען שוטע, אן דעם דאזיגען טויטען שארל מאכט מיך פעריקט."

אין די געדאנקען האט ער צוגעלייגט :

"ער איז דאך אייגענטליך געווען א שטיק גארנישט. דאס בעליידיגט מיך וואהרשיינליך. עס פארדריסט מיך, וואס מאגדא־לענע האט געקענט הייראטהען אזא עזעל."

און אימער האט ער זיך ווידערהאלט די פראגע :

—ווי איז דאס געווען מעגליך, אז מיין פרוי זאל זיך אפילו אויף איין מאמענט פארקויפען צו אזא חיה."

און דורך טויזענד אונבעדייטענדע קליינינקייטען, וועלכע האבען איהם ווי מיט נאדלען געשטאכען, איז געוואקסען זיין האַס פון טאג צו טאג און די אונאויפהערליכע ערינערונג אן דעם אנדערן איז תמיד געוועקט געווארען דורך עפעס א בעמערקונג פון מאגדאלענא'ן, דורך א ווארט פון'ם דיענער אדער דער שטוב מיידעל.

איין מאל אן אבענד האט דוראי, וועלכער האט ליעב געהאט זיסע זאכען, געפרעגט:

— ווארום עסען מיר קיין מאל ניט קיין זיסע שפייזען? איך האב עס נאך קיין מאל ניט געזעהן אויף אונזער טיש?

די יונגע פרוי, האט געענטפערט:

— מיין גאט, דאס איז וואהר, עס פאלט מיר קיין מאל ניט איין. דאס איז דערפאר, ווייל שארל האט עס ניט גערן...

מיט א אונגעדולדיגער בעוועגונג האט ער איהר איבערגעשלאגען די רייד, ער האט זיך מעהר ניט געקענט בעהערשען:

—הער אויס, דיין שארל הייבט מיך אן צו לאנגווייליגען. שארל דא און שארל דארט; ער האט דאס געליעבט און ער האט יענעם געליעבט, שארל האט קראפירט און לאמיר איהם לאזען צורוה.

מאגדאלענע האט איהם אנגעקוקט גאנץ ערשטוינט, זי האט ניט פערשטאנען זיין פלוצימדיגען כעס. אבער אזוי ווי זי איז געווען גענוג קלוג און צארט פיהלענד האט זי זיך אנגעשטויסען, וואס אונגעפעהר אין איהם געהט פאר, האט דערפיהלט דעם האַס און די אייפערזוכט, וועלכע איז יעדען אויגענבליק גרעסער געווארען דורך אלעס, וואס האט אן דעם אנדער'ן דערמאנט.

עס איז איהר פיילייכט פארגעקומען קינדעריש, אבער עס האט איהר געשמייכעלט און זי האט גארנישט געענטפערט.

איהם האט פערדראסען פאר זיין אויסברוך פון כעס, וועלכען ער האט ניט געקענט אונטערדריקען; און אזוי ווי ער האט נאך דעם עסען געדארפט מאכען זיין מארגענדיגען ארטיקעל, האט ער ארויפגעשטעלט די פיס אויף דער קישעלע. ווען די ארבייט האט זיך איהם אבער ניט איינגעגעבען און ער האט ניט געקענט פער־

טיג ווערען, האט ער א שטוים געטהאן דאס קישעלע פון זיך און געזאגט לאבענדיג:

— האבען דען שארלען אימער געפרארען די לאפקעס?

זי האט געענטפערט אויך לאבענדיג:

— ער האט זיך דאך אימער מורא געהאט פאר א פערקיהלונג און זיינע לונגען זיינען געווען שוואך.

דוראי האט געענטפערט הארט:

נו, יא, דאס האבען מיר שוין בעמערקט! — דאן האט ער צוגעלייגט: — אויף מיין גליק! — און האט א קוש געטהאן זיין פרוי אין האנד.

אבער ווען זיי זיינען געגאנגען צו בעט, האט איהם דער געדאנק נאך אלץ ניט אבגעלאזען, און ער האט נאך אמאל געפרעגט: — האט שארל געטראגען א נאכט היטעל, אום ניט צו כאפען א צוג אין קאפ?

מיט א שמייכעל האט זי געענטפערט אויף דעם וויץ.

— ניין, ער האט נור מיט א טיכעל דעם שטערן ארומגעוויקעלט.

זאשרוש האט א דריק געטהאן מיט די אקסלען און געזאגט מיט א פערעכטליכען טאן:

— אזא אידיאט!

און פון איצט אן האט ער געהאלטען אין איין ווילען איבער שארלען. יעדען אויגענבליק האט ער פון איהם גערעדט און איהם גערופען "דער ארימער שארל" מיט דעם אויסדרוק פון אונענדליכען בעדויערען.

ווען ער איז אהיים געקומען פון רעדאקציאן, וואו מען האט איהם צוויי דריי מאל גערופען פארעסטיע, האט ער זיך מיט דעם טויטען אבגערעכענט דערמיט, וואס ער האט מיט זיינע בייסענדע שפאסען איהם רוהיג ניט געלאזט. ער האט אויסגערעכענט זיינע פעהלערן, זיינע לעבערליכקייטען, זיינע קליינע איינגענארטיגקייטען, עס האט איהם פערשאפט פערגעניגען זיי פארנאנדער צו ציהען, זיי צו איבערטרייבען, ווי ער וואלט געזוכט דעם איינפלוס, פון א געפעהרליכען קאנקורענט אין זיין פרוי'ס הארצען

צו דערשטיטען ער האט געזאגט:

—זאג נור מאגדא, געדענקסטו נאך, ווי דער עזעל, פארעס־טיע, האט בעהויפטעט, אז דיקע מענשען זיינען קרעפטיגער ווי מאגערע?

דאן האט ער געוואלט וויסען געוויסע אינטימע און פער־בארגענע איינצעלהייטען פון'ם טויטען. דער יונגער פרוי איז עס געווען אונאנגענעהם, זי האט ניט געוואלט דערפון ריידען אבער ער איז געבליעבען ביי דאס זייניגע און ווידער געפרעגט:

— אך, נארישקייטען, נו דערצעהל מיר אקארשט, ער האט דאך געמוזט זיין מורא'דיג קאמיש דערביי?

זי האט געפליסטערט:

— לאז דאך איהם צורוה!

ער האט אנגעהויבען איבער א נייעס:

— ניין, זאג נור, ער האט געמוזט ליעגען אין בעט ווי א פלאקען!...

ווען ער איז איינמאל אין אבענד געשטאנען פאר'ן אפענעם פענסטער און גערויכערט א סיגארעט, האט ער געקריעגען א פער־לאנג צו געהן נאך אביסעל שפאציערען. ער האט געפרעגט:

— מיין קליינע מאגדא, ווילסטו נאך געהן אוויילע אין די באאים?

— געווים, גערן!

זיי האבען גענומען א אפענע דראשקע און זיינען געפאה־רען צו די טשאמפס עליסיים, דאן צו דער עוועניו צו באאים. קיין ווינטעלע האט זיך ניט באוועגט, עס איז געווען איינע פון יענע הייסע נעכט, ווען די גליהענדע פאריזער לופט שטראהמט אריין אין די לונגען, ווי דער דאמפף פון א באק אויווען. א ים פון דראשקעס זיינען געפאהרען אונטער די בוימען ארומפיהר־רענדיג א גאנצע ארמעע מיט ליעבעס פאארלאך. די קויטשעס האבען געפאלגט איינע גלייך נאך דער אנדערער.

זשארזש און מאגדאלענע האבען זיך אמוזירט קוקענדיג אויף די פאארלאך, וועלכע האבען זיך געהאלטען ארומגענומען אין די קארעטען, די פרויען אין העלע קליידער, די מענער אין דונקעל־

רעק. איין ריעזיגער שטראהם פון פארליעבטע האט געפלאסען צום באאים צו, אונטער דעם אויסגעשטרענטען הימעל. מען האט נור געהערט דעם דומפפען גערויש פון די ריעדער אויף ד'רערד, זיי האבען זיך פארבייגעטראגען, די פאארלאך פון יעדען וואגען, שטום צוגעדריקט איינער צום אנדערען, פארטהאן אין געדאנקען וועגען זייערע ווינשע, אין די צערענדער ערוואַרטונג אויף די נעקסטע אומארמונג. די ווארימע דונקעלהייט האט געשיינט צו זיין אנגעפילט מיט קושען, עטוואס ווי שווימענדע צערטליכ־קייט, ווי שוועבענדע טיערישע ליעבע האט די לופט דיך געמאכט און עס איז שווער געווען צו אטהעמען. אלע די דאזיגע לייטע, וועלכע האבען געהאט די זעלבע פערלאנגען, וואס האבען געברענט מיט'ן זעלבען פייער, האבען פארשפרייט ארום זיך עפעס א מין פיעבער...

זשארזש און מאגדאלענע האבען זיך אויך געפיהלט אנגע־שטעקט דערפון. ניט ריידענדיג א ווארט, האבען זיי זיך גענו־מען פאר די הענד, עטוואס בעדריקט פון דער שווערער לופט און פון די געפיהלען, וואס האבען זיך אויף אין זייערע נשמות ארייג־גע'גנב'עט. ווען זיי זיינען אריין אין א זייטיגער אלעע, האבען זיי זיך גענומען קושען, און זי האט געשטאמעלט עטוואס פער־לעגען:

— מיר זיינען פונקט אזוי קינדיש ווי דעמאלט, ווען מיר זיינען געפאהרען נאך רועןָ.

דער גרויסער וואגענשטראם האט זיך איצט צוטהיילט. ביים ים, וואו דאס יונגע פאאר איז געפאהרען זיינען די דראשקעס אבי־סעל אבגעשטאנזין איינע פון דער אנדערער; אבער די דונקעל־הייט אונטער די בוימען, דאס רוישען פון וואסער, וועלכער האט זיך געהערט פון צווישען די צווייגען און דער גרויסער אויסגע־שטערענטער נאכט־הימעל האט צוגעגעבען צו די קושען פון די פערבייפאהרענדיגע פאארלאך א שטארקען און געהיימניספולערן רייץ.

— אך, מיין קליינע מאגדא... — און האט זי צוגעדריקט צו זיך.

זי האט זיך אבגרופען :

געדענקסטו נאך דעם וואלד ביי אייך ? אך, ווי פינסטער דארט איז געווען ! מיר האט זיך געדאכט, אז ער איז פול מיט מורא'דיגע חיות און אז ער האט גאר קיין סוף נישט. אבער דא איז רייצענד, דער ווינטעל איז מחיה'דיג. און איך וויים, אז סעוור ליעגט אויף דער אנדערער זייט פון דאס געהילף.

ער האט געענטפערט :

— אך, ביי אונז אין וואלד זיינען נור געווען הירשען, פוק־סען, רעהען און פון צייט צו צייט האט זיך געזעהן א פערסטער הויז.

דאס דאזיגעווארט וועלכע איז עהנליך געווען צו דעם נאמען פון'ם טויטען, ארויסגערעדט פון זיין אייגענעם מויל, האט איהם איבעראשט, ווי אימיצער פון צווישען די בושעם וואלט איהם אויסגערופען. ער איז פלוצים שטיל געווארען, און יענע אונאויפ־הערליכע, קוועלענדע אייפערזוכט, וועלכע האט איהם זייט א גע־וויסער צייט דאס לעבען פארביטערט, האט איהם אנגעכאפט פון דאס ניי.

אין א מינוט ארום האט ער געפרעגט :

— ביזטו מיט שארל'ען מאנכעס מאל אין אבענד אויף אהערגעקומען ?

זי האט געענטפערט :

— יא, אפט.

און פלוצים איז אויף איהם אנגעפאלען א פערלאנג, גלייך צוריק אהיים צו פאהרען; א פיעבערהאפטער פערלאנג,, וועלכער האט איהם געדריקט ווי א שווערער שטיין. פארעסיטעס בילד האט זיך איהם ווידער געשטעלט פאר די אויגען, האט איהם אין גאנצען באהערשט און ער האט געמוזט נור פון איהם דענקען און פון איהם רעדען.

ער האט געפרעגט מיט א בייסענדען טאן :

— זאג מיר אקארשט מאגדא...

— וואס דען ליעבער פריינד ?

— האסטו דעם ארימען שארל ארויפגעזעצט הערנער ?

זי האט געמורמעלט פערעכטליך :

— דאס איז צו נאריש ! צובלאז דאך ניט אימער די אלטע קוילען !

אבער ער איז געבליעבען ביי דאס זייניגע :

— נו, מיין קליין מאגדא, זיי אמאל אפען, גיעב צו, דו האסט איהם דאך ארויפגעזעצט הערנער ?

זי האט געשוויגען, בעליידיגט פון דער דאזיגער בעשולדי־גונג, ווי יעדע פרוי אויף איהר פלאץ וואלט געווען.

אבער ער האט זי ניט אבגעלאזט :

— צום טייפעל, אויב אימעצער האט ווען ניט איז אויסגע־קוקט, ווי א הערנערדיגער, איז דאס זיכער געווען ער ! אך, עס וואלט מיר פערשאפט גרויס שפאס, ווען איך זאל וויסען, אז דו האסט פארעסטיע'ן ארויפגעזעצט הערנער, אזא שוטע ווי ער איז געווען !

ער האט בעמערקט ווי זי שמייכעלט פילייכט פון עפעס אן ערינערונג און ער האט געפרעגט :

—אך, גאט, זאג דאך ! עס מאכט דאך גארנישט אויס ! אין געגענטהייל, עס וואלט דאך געווען שרעקליך קאמיש, ווען דו זאלסט מיר מודע זיין, אז דו האסט איהם בעטראגען ! גראדע ווען דו זאגסט עס מיר.

ער האט געציטערט פון האפנונג און פערלאנג, אז שארל, דער מיאוסער שארל, דער טויטער, וועמען ער האט געהאסט, וועמען ער האט פערפלוכט, זאל האבען געווען א לעכערליכער, בע־טראגענער מאן. — און דאך... און דאך האט איהם געמאטערט אן אנדער געפיהל, עפעס א אונבעשטימטע עמפפינדונג די ווארהייט ארויסצוקריגען.

ער האט ווידערהאלט :

— מאגדא, מיין קליינע מאגדא, איך בעט דיך, איך בעט דיך, זאג עס מיר. יענער האט דאך מעהר נישט פערדיענט. דו וואלסט געווען צו דום, ווען דו וואלסט עס ניט געטהאן. מאגדא גיעב עס דאך צו.

איצט איז איהר זיין איינגעשפארטער בעטען זיך הפנים

פארגעקומען קאמיש, ווייל זי האט פון צייט צו צייט געלאכט מיט א געהאקטען געלעכטער. ער האט צוגעטראגען זיינע ליפען גאנץ נאהנט צו זיין פרוי'ס אויער און געזאגט:

— איך בעט דיך, גיעב עס צו!

מיט א קורצער בעוועגונג האט זי זיך א כאפ געטהאן צו־ריק און פלוצום ערקלעהרט:

— אבער דאס איז שוין צו גראב. אויף אזעלכע פראגען ענט־פערט מען נים.

זי האט געזאגט אין אזא מאדנעם טאן, אז א קאלטער שוי־דער איז איהם איבערן לייב אריבער און גאנץ צושראקען איז ער אנשוויגען געווארען. ער איז געוועזן אויסער אטהעם, ווי ער־גריפען פון א פלוצימדיגער אויפרעגונג.

די דראשקע איז איצט געפאהרען פארביי דעם ים, און וועל־כען דער הימעל האט זיך מיט זיינע שטערן געשפיעגעלט; צוויי שוואנען, קוים נאך צו דערקענען, האבען זיך לאנגזאם געטראגען אין דער דונקעלהייט איבער'ן וואסער.

זשארזש האט א געשריי געטהאן צום קוטשער:

— אהיים!

און די דראשקע האט זיך אומגעקעהרט, און זיך בעגעגענט מיט די אנדערע קויטשעס, וועלכע זיינען געפאהרען טריט ביי טריט און ועמעס גרויסע לאנטערנעס האבען ווי אויגען געבליש־טשעט אין דער דונקעלהייט פון'ם וואלד.

זי האט עס ארויסגערעדט אויף אזא מערקווירדיגען אופן! דוראי האט זיך געפרעגט:

"איז דאס געווען א געשטענדנים?"

און פלוצים האט איהם די געוויסהייט, אז זי האט איהר ער־שטען מאן בעטראגען שטארק אויפגעבראכט. עס האט זיך איהם פערוואלט איהר שלאגען,ווערגען, די האאר איהר אויסרייסען.

ווען זי וואלט איהם געענטפערט:

— הער אוים, מיין טהייערער, ווען איך זאל איהם וועלען בעטריגען, וואלט איך דאך געטהאן מיט דיר — דאן וואלט ער זי ארומגענומען, געקושט, געהאלזט און בעוואונדערט.

ער איז געבליבען אונבעוועגליך, מיט פארלייגטע הענד, האט ארויפגעקוקט צום הימעל און איז נאך געווען צו אויפגערעגט אום נאכצודיינקען. ער האט נור געפיהלט, ווי אין זיין הארצען וואקסט דער געפיהל פון ראכע און צארן. צום ערשטען מאל האט ער דערפיהלט יענע אונבעשטימטע אנגסט פון פערהייראטהען מאן, וועלכער האט א פערדאכט. ער איז געווען אויפערזיכטיג, איי פערזיכטיג פאר דעם טויטען, אייפערזיכטיג אויף א זעלטזאמער ביטערער ארט, צו וועלכער עס איז גלייך צוגעקומען דער האס גע־גען מאגדאלענען. איין מאל האט זי בעטראגען דעם אנדער'ן, טא ווי אזוי האט ער געקענט האבען צו איהר צוטרויען ?

בישלאכוויז איז ער דאן רוהיגער געווארען, האט זיך גענו־מען שעהמען פאר זיינע ליידען און געטראכט: "אלע פרויען זיי־נען פראסטעטוטקעס. מען געברויכט זיי, אבער מען דארף זיי ניט געבען קיין ברעקעל פון דעם אייגענעם איך".

די ביטערקייט פון זיין הארצען האט זיך אין ווערטער פון פעראכטונג און עקעל אויף זיינע ליפען געריסען, אבער ער האט זיי ניט ארויסגערעדט און געזאגט צו זיך אליין: "דעם מוטיגען געהערט די וועלט ! מען מוז זיין שטארק און זיך קענען אויפ־הויבען איבער אזעלכע קלייניגקייטען."

דער וואגען איז געפאהרען שנעלער. זיי זיינען פארבייגע־פאהרען פארביי די פעסטונגען. דוראי האט דערזעהן איבער זיך, אין הימעל א רויטען פלאם פייער ווי דער פייער שיין פון א גרוי־סער, גרויסער קוזניע און האט געהערט א דומפפען, אונאויפהער־ליכען ליארעם, וועלכער האט זיך פון פערשיעדענע, אונצעהליגע גערוישען צוזאמענגעשטעלט. דאס איז געווען דער אטעם פון פאריז, פון דעם לעבעדיגען, ברויזענדען, שטירמישען פאריז, וועלכער האט זיך אין דער דאזיגער הייסער זומער נאכט געטרא־גען.

זשארזש האט געטראכט: "עס וואלט געווען צו נאריש פון מיין זייט, זיך צו ערגערן. יעדער געהט זיין וועג פאר זיך אליין. דעם מוטיגען געהערט דער זיעג ! אלעס איז עגאאיזמוס, און דער עגאאיזמוס צוליעב ערגייץ און געלד איז נאך אימער בעסער,

ווי דער עגאאיזמוס צוליעב פרויען און ליעבע."

די טריאומף ארק האט זיך א מיניע געטהאָן ביי'ם ארייגגאנג אין שטאדט.

זשארזש און מאגדאלענע זיינען איצט ווידער געפאהרען אין איינעם מיט א לאנגע רייהע קארעטען, וועלכע האבען געפיהרט אהיים אין די ווייכע בעטען, די נאך אלע ארומגענומענע, פער־ליעבטע פאארלאך. עס האט אויסגעזעהן, ווי די גאנצע מענש־הייט, שיכור פאר גליק און פרייד, וואלט זיך געטראגען דא, נעבען זיי.

די יונגע פרוי, וועלכע האט זיך הפנים איינגעשטויסען אויף דעם, וואס איז פארגעקומען אין איהר מאן, האט געפרעגט מיט איהר ווייך קול:

— וועגען וואס דענקסטו, ליעבער פריינד? זייט א האלבע שעה האסטו נישט אויסגערעדט קיין ווארט.

ער האט געענטפערט לאכענדיג:

— איך דענק וועגען אלע דיעזע נארישע מענשען, וואס האלטען זיך דא אין איין קושען און זאג מיר, אז עס איז ווירק־ליך דא א סך וויכטיגערע זאכען אויף דער וועלט צו טהאָן.

זי האט געפליסטערט:

—יא, אבער מאנכעס מאל איז עס דאך שען!

— שען... שען.. ווען מען האט ניט עפעס בעסערעס צו טהאָן.

זשארזש האט אלץ געטראכט אין איין ריכטונג און מיט עפעס א מין בייזען צארן האט ער געזאגט צו זיך אליין: "איך וועל ניט זיין מעהר אזוי דום, איך וועל מעהר ניט טראכטען, זיך ניט קוועלען און וועל מיר די נשמה ניט צורייסען, ווי זייט א געוויסער צייט!"

פארעסטיעס געשטאלט האט זיך פאר איהם א מיניע גע־טהאן, אבער זי האט איהם ניט אויפגערעגט. עס האט זיך איהם גערדאכט, ווי ער וואלט מיט יענעם'ס שאטען פריעדען געשלא־סען,, ווי זיי וואלטען ווידער גוט פריינד געווארען. עס האט זיך איהם פערוואלט אויסרופען:

„א גוטער נאכט אלטער פריינד!"

מאגדאלענע'ן איז דאס שווייגען אונאנגענעהם געווארען און זי האט געפרעגט:

— ווילען מיר פילייכט, איידער מיר פאהרען אהיים, אבשטייגען צו טאראני עסען אייז קרים?

ער האט זי אנגעקוקט פון דער זייט. איהר פיינער בלאנדער פראפיל איז אין דיעזער מינוט בעלויכטען געווארען פון דער העלען שיין פון א גאז לאטערנע, וועלכע האט געברענט נעבען א קאפע שאנטאן.

ער האט געטראכט פאר זיך: „שען איז זי! נו, איז אודאי גוט! גלייך מיט גלייך פאסט זיך גערן צוזאמען; אבער אויב מען דענקט, אז איך וועל צוליעב דיר זיך אפפערן, האט מען א גרויסען טעות!"

דאן האט ער געענטפערט:

— געווים מיין ליעבע!

און, אום זי זאל גארנישט פארשטעהן, האט ער איהר א קוש געטהאן.

דער יונגער פרוי, האט זיך געדאכט, אז איהר מאן'ס ליפען זיינען קאלט ווי אייז.

אבער ער האט געשמייכעלט ווי געוועהנליך און האט איהר געהאלפען אויסשטייגען, ווען זיי האבען זיך אבגעשטעלט פאר א קאפע.

3.

ווען דוראי איז אויף מארגען געקומען אין רעדאקציאן, איז ער צוערשט אוועק צו בוארענאר'ן.

— ליעבער פריינד — האט ער געזאגט — איך מוז דיר בעטען, זאלסט מיר טהאן א טובה. זייט א געוויסער צייט האלט מען עס פאר א וויץ, מיך צו רופען פארעסטיע, מיר איז דאס דערעסען. ווילסטו זיין אזוי גוט און די קאלעגען זאגען,

אז דעם ערשטען, וועלכער וועט זיך נאך אמאל ערלויבען דיע־זען שפאס, וועל איך גוט אנברעכען די ביינער. זאלען זיי זיך גוט איבערלייגען אויב דער דאזיגער דומער וויץ איז ווערט א דועל. איך ווענדע זיך צו דיר, ווייל דו ביזט א געזעצטער מענש, וועלכער וועט פיליכט וועלען פערהינדערען אונאנגע־נעהמע פאלגען, און ווייל דו ביזט דעמאלט געווען מיין סע־קונדאנט.

דוראי איז אוועק בעזארגען געוויסע זאכען, אין א שטונ־דע ארום איז ער צוריקגעקומען. קיין מענש האט איהם ניט גערופען פארעסטיע.

ווען ער איז אהיים געקומען, האט ער געהערט פרויען שטי־מען אין סאלאן. ער האט געפרעגט:

— ווער איז דארט?

דער דיענער האט געענטפערט:

— פרוי וואלטער און פרוי דע מארעל.

דאס הארץ האט איהם גענומען קלאפען אבער דאן האט ער זיך געמאכט מוט און געעפענט די טיר.

קלאטילדא איז געשטאנען נעבען קאמין, א ליכט שטראל פון פענסטער האט זי בעשיינט.

זשארזש'ן האט זיך אויסגעוויזען, אז זי איז עטוואס בלייכער געווארען, ווען זי האט איהם דערזעהן. בעגריסט פרוי וואלטער און איהרע צוויי טעכטער, וועלכע זיינען ווי צוויי שיל־דען נעבען דער מוטער געשטאנען, האט ער זיך א קעהר גע־טהאן צו זיין אמאליגער געליעבטער. זי האט איהם אויסגע־שטרעקט איהר האנד. ער האט זי גענומען און געדריקט פול בע־דייטונג, ווי ער וואלט וועלען זאגען: איך ליעב דיך נאך אימער. איהר האנד האט דעם דרוק ערווידערט.

ער האט געפרעגט:

— ווי איז איך געגאנגען ווערענד דעם יאהר הונדערט, וואס מיר האבען זיך ניט געזעהן?

זי האט געענטפערט גאנץ רוהיג:

— זעהר גוט, און איך, שענער פריינד?

דאן האט זי זיך געווענדעט צו מאגדאלענען און צוגעלעגט: לייגט

— דו ערלויבסט דאך, אז איך זאל איהם רופען שענער פריינד?

— נאטירליך, מיין ליעבע, איך ערלויב אלעס, וואס דו ווילסט.

א לייכטע איראני האט געקלונגען און די דאזיגע ווערטער.

פרוי וואלטער האט גערעדט וועגען א פעסט, וואס זשאק ריוואל האט זיך געקליעבען צו געבען אין זיין וואהנונג, א גרויסע געפעכט פארשטולונג, אויף וועלכע דאמען פון געזעלשאפט וועלען אנוועזענד זיין. זי האט געזאגט:

— עס וועט זיין זעהר אינטערעסאנט, אבער איך האב ליידער נים קיין הערן, וועלכער זאל אונז בעגלייטען, ווייל מיין מאן איז שטארק פערנומען.

דוראי האט גלייך פארגעשלאגען צו זיין איהר קאוואליער. זי האט אנגענומען. — מיר וועלען אייך זעהר דאנקבאר זיין דערפאר, מיינע טעכטער און איך — האט זי געזאגט.

ער האט בעטראכט די אינגסטע פריילען וואלטער און געטראכט: "די איז גארנישט אזוי מיאוס, די קליינע סוסאנע, גארנישט מיאוס." זי האט אויסגעזעהן ווי א בלאנדע, צארטע ליאלקע. אביסעלע צו קליין, אבער נעט, מיט א שלאנקער טאליע, שמאלע היפטען און א צארטען בוזעם. זי האט געהאט גרוי בלויע אויגען, ווי געמאלען פון דער האנד פון א פיינליך זארגפעלטיגען מיניאטור מאהלער, א צו ווייסע און צו גלאטע סאמעטענע הויט אהן פעהלער און אהן חן און אומישנע צושויבערטע, אויפגעפוזשעטע האאר, דופטיג ווי א וואלקען.

די עלטערע שוועסטער ראזא, איז געווען העסליך, איינע פון יענע מיידלאך, וועלכע קיינער בעמערקט נישט, מיט וועלכער קיינער רעדט נישט.

די מוטער האט זיך אויפגעהויבען און געווענדעט צו זשארזש'ן:

— אלזא, איך ערווארט אייך נעקסטען דאנערשטאג אום צוויי אוהר ?

ער האט געענטפערט :

— איך שטעה צו אייער בעפעהל, גנעדיגע פרוי.

אזוי גיך ווי זי איז אוועק האט זיך פרוי מארעל אויף אויפ־געהויבען :

— צום ווידערזעהן, שענער פריינד !

און זי האט איהם דערלאנגט די האנד און זי שטארק און לאנג געדריקט.

דורך דעם דאזיגען שטילען צייכען האט ער זיך דערפיהלט זעהר אויפגערעגט, און א פלוצימדיגע נייגונג צו דער דאזיגער קליינער, גוטמוטיגער ציגיינערשער ווייבעלע, וועלכע האט איהם פיליכט אויף אן אמת געליעבט, האט ווידער אויפגעפלאמט אין איהם.

„איך וועל זי מארגען בעזוכען" — האט ער א טראכט גע־טהאן.

אזוי גיך ווי ער איז געבליעבען אליין מיט זיין פרוי, האט מאגדאלענע גענומען לאכען אפען און לוסטיג און קוקענדיג אויף איהם שעלמיש, האט זי געזאגט :

— ווייסטו, אז דו האסט געמאכט אן איינדרוק אויף פרוי וואלטער ?

ער האט געענטפערט אונגלויביג :

— אך, געה !

— ווירקליך ! זי האט גערעדט פון דיר מיט א גאנץ פאר־ליעבטער בעגייסטערונג. זי ווינשט זיך צו קריעגען פאר איהרע איהרע טעכטער צוויי מענער, אזעלכע ווי דו. צום גליק האבען אזעלכע זאכען ביי איהר קיין בעדייטונג ניט.

ער האט ניט פערשטאנען, וואס זי וויל זאגען :

—וואס הייסט, עס האט קיין בעדייטונג ?

זי האט געענטפערט מיט דער איבערצייגונג פון א פרוי, וועלכע איז זיכער אין איהר זאך :

— פרוי וואלטער איז איינע פון דיעזע פרויען, וועלכע מען

האט קיין מאל גארנישט געקענט אויפוואַרפען, קיין מאל, קיין מאל! זי איז ריין אין יעדער בעציהונג. איהר מאן קענסטו דאך, אזוי גוט ווי איך. אבער זי, דאס איז שוין גאר אן אנדער זאך. זי האט גענוג געליטען דערפאר וואס זי האט געהייראט מיט א אידען, אבער זי איז איהם געבליעבען טריי, זי איז אן אנ־שטענדיגע פרוי.

דוראי איז געוועז ערשטוינט:

— איך האב געמיינט, אז זי איז אויך א אידישע פרוי.

— זי? ניין, עס הויבט זיך גאר ניט אן! זי איז די פרעז־זידענטין פון אלע וואהלטהעטיגקייטס אנשטאלטען פון דער מא־דעליינע־געמיינדע, זי האט זאגאר געהייראט אין דער קירכע. איך וויים ניט, צו דער שעף האט זיך געטויפט, אדער צו די קירכע האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג, אז ער איז א איד.

זשארזש האט געפרעגט:

—אלזא ביי איהר האב איך אויסגענומען?

— יא! זעהר! ווען דו וואלסט ניט געוועזן געבונדען, וואלט איך דיר געראטען זיך... צו שדכנ'ען צו סוסאנען. סוסאנע איז דאך בעסער ווי ראזא, ניט אמת?

ער האט געענטפערט און זיך געדרעהט די וואנצעס:

— נו, די מוטער לעבט דאך נאך אויך.

אבער מאגדאלענע איז געווארען אונגעדולדיג:

— וויסטו, ליעבער זוהן, די מוטער פארגין איך דיר, אבער פאר איהר האב איך קיין מורא ניט, אין איהר עלטער פאלט מען ניט צום ערשטען מאל, דאס האט מען געדארפט טהאן פריהער.

זשארזש האט נאכגעטראכט: "איז עס דען ווירקליך מעגליך, אז איך האב געקענט קריגען סוסאנען?"

דאן האט ער א דריק געטהאן מיט די אקסלען: "אך, דאס איז א משוגעת, דער פאטער וואלט זי מיר סיי ווי ניט געגעבען". אויף יעדען פאל האט ער זיך פארגענומען צו בעאבאכטען די האנדלונג פון פרוי וואלטער אנטקעגען איהם, ניט שטעלענדיג זיך, איבריגענס, קיין פראגען, אויב דאס קען איהם אמאל ברייגנען וועלכע ניט איז נוצען.

דעם גאנצען אבענד האבען איהם געפייניגט אלערליי ערי־נערונגען אן זיין פערהעלטניס מיט קלאטילדען, צארטע און זינלי־כע גערדאנקען זיינען איהם פון קאפ ניט ארויס, ער האט געטראכט וועגען איהר לוסטיגען כאראקטער, איהרע ליעבע שפאסען, איהרע משוגעת'ן און געזאגט צו זיך אליין: "זי איז ווירקליך רייצענד. מארגען בעזוך איך זי."

אזוי גיך ווי ער האט דעם נעקסטען טאג אבגעגעסען פריה־שטיק, איז ער ווירקליך אוועק צו דער רוע דע ווערנייל. דאס דיענסטמיידעל האט געעפענט די טיר און געפרעגט פאמיליאר, ווי די דיענערשאפט ביי איינפאכע מענשען:

— אך, ווי געהט עס אייך דען?

ער האט געענטפערט:

— אה, מיר געהט זעהר גוט, מיין קינד!

און ער איז אריין אין סאלאן, וואו א אונגעשיקטע האנד האט די טענער אויף א קלאוויר איינגעשטודירט. דאס איז געווען לארינא. ער האט געמיינט, אז זי וועט איהם פאלען אויף'ן האלז, אבער זי איז ערנסט אויפגעשטאנען, האט איהם פארמאל בע־גריסט, ווי אן ערוואקסענע, און איז אוועק אין אן אנדער צימער.

זי האט געמאכט דעם איינדרוק פון אן ערוואקסענער פרוי, און ער איז געווען זעהר ערשטוינט. איהר מוטער איז אריינגעקור־מען; ער האט גענומען איהרע הענד און זיי א קוש געטהאן.

— איך האב וועגען אייך אזוי פיעל געטראכט — האט ער געזאגט.

— און איך! האט זי געענטפערט.

זיי האבען זיך געזעצט און מיט א שמייכעל אריינגעקוקט איינער דעם אנדערן אין די אויגען אריין. זיי האבען ביידע גע־האט גרויס לוסט זיך צו קושען.

— מיין ליעבע קליינע קלאטילדא, איך האב דיך אזוי ליעב!

— און איך דיך אויך!

— דו ביזט אלזא ניט געווען זעהר בייז אויף מיר?

— יא און ניין. עס האט מיר זעהר וועה געטהאן, דאן אבער האב איך איינגעזעהן, אז דו ביזט גערעכט און איך האב מיר גע־

זאגט: אך, ווען עס איז אין א שענעם טאג וועט ער סיי ווי קומען צוריק צו מיר!

— איך האב ניט געוואגט צוריק צו קומען; איך האב מורא געהאט דו וועסט מיך ניט ווילען עמפפאנגען. איך האב ניט געוואגט, אבער איך האב געהאט א גרויסען פערלאנג דערצו. אבער וואס איז מיט לארינא'ן? זי האט מיך קוים בעגריסט און איז אנטלאפען אין כעס.

— איך וויים ניט, אבער זייט דו ביזט פערהייראט, טאר מען וועגען דיר גארניט רעדען. איך גלויב, אז זי איז אייפערזיכטיג

—אך, וואס רעדסטו?

—יא, גאנץ געווים! זי רופט דיך ניט מעהר שענער פריינד, זי רופט דיך איצט: הערר פארעסטיע.

דוראי איז רויט געווארען. דאן האט ער זיך דערנעהנטערט צו דער יונגער פרוי.

— לאז מיך דיר א קוש טהאן אין מויל!

זי האט זיך צוגעבויגען צו איהם.

—וואו קענען מיר זיך ווידערזעהן? — האט ער געפרעגט.

— אין... דער רוע דע קאנסטאנטינאפאל.

— אך... איז דען די וואהנונג ניט פארדונגען?

— ניין, איך האב זי אנגעהאלטען פאר זיך.

—דו האסט זי אנגעהאלטען?

—יא, איך האב ביי זיך געטראכט, אז דו וועסט צוריק קומען.

א שטאלצע פרייד האט איהם אנגעפילט די ברוסט. די דאזיגע פרוי האט איהם אלזא געליעבט מיט עכטער, שטארקער, טיעפער ליעבע. ער האט געפליסטערט:

— איך האב דיך אזוי ליעב!

דאן האט ער געפרעגט:

— ווי געהט עס דיין מאן?

— זעהר גוט! ער איז ניט לאנג צוריק געוועזען פיער וואכען אין דערהיים און זייט פארגעסטערן איז ער ווידער אוועקגעפאהרען.

דוראַי האָט געמוזט לאַכען:

— ווי דאָס פּאַסט זיך צו.

זי האָט געענטפערט נאַאיוו:

— יאָ, אָבער ווען ער איז דאָ שטערט ער מיר אויך ניט. דו ווייסט עס דאָך!

— דאָס איז וואָהר! ער איז אַ רייצענדער מאַן.

— און ווי האָסטו זיך צוגעפּאַסט צו דיין נייעם לעבען? — האָט זי געפרעגט:

—עס געהט מיט! מיין פרוי איז אַ גוטער קאַמעראַד און אַ פערבינדעטער!

— מעהר ניט?

— מעהר ניט... איהר האַרץ...

— איך פערשטעה שוין, אָבער זי איז דאָך שען!

— יאָ, אָבער זי רעגט מיך ניט אויף..

ער האָט זיך צוגעבויגען צו קלאָטילדאַ'ן און געפּליסטערט:

— ווען זעהן מיר זיך ווידער?

— נו... ווען דו ווילסט... מאָרגען!

— יאָ, מאָרגען, אום צוויי אוהר.

— אום צוויי!

ער איז אויפגעשטאַנען אוועקצוגעהן, און דאַן האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט עטוואָס פערלעגען:

— ווייסטו, איך וויל די וואָהנונג אין דער רוע דע קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל נעהמען אויף מיין רעכענונג. איך וויל עס. איך קען ניט צולאָזען, אַז דו זאָלסט פאַר איהר צאָהלען.

מיט אַ פּלעצליכען געפיהל, ווי זי וואָלט איהם פאַרגעטערט, האָט זי איהם אַ קוש געטהאָן אין האַנד און געפּליסטערט:

— טהו וואָס דו ווילסט, אַם ווענינגסטענס האָב איך זי אָנ־געהאַלטען ביז מיר האָבען זיך ווידערזעהן.

און דוראַי איז אַוועק אַ בעפריעדיגטער.

ווען ער איז פערבייגעגאַנגען אַ פאָטאָגראַף, האָט ער דער־זעהן אין שויפענסטער אַ בילד פון אַ סאָלידער פרוי מיט גרויסע

אויגען, וועלכע האט איהם דערמאנט אן פרוי וואלטער און ער האט א טראכט געטהאן "די איז נאך אויך ניט אזוי מיאוס. ווי קומט עס, וואס איך האב זי פריהער ניט בעמערקט. איך בין דאך נייגעריג, ווי זי וועט זיך דאנערשטאג מיט מיר האלטען."

און געהענדיג האט ער זיך געריבען די הענד פאר פרייד אי־בער זיינע ערפאלגען, צופרידען און גליקליך, וואס ער האט זיך אזוי לייכט און אזוי שנעל דורכגעשלאגען א וועג און געשמיי־כעלט פון דעם ערפאלג, וואס ער האט געהאט ביי די פרויען.

ווען דער דאנערשטאג איז געקומען, האט ער געפרעגט מאג־דאלענען:

— געהסטו מיט צו דער געפעכט פארשטעלונג ביי ריוואל?

זי האט געענטפערט:

— ניין, דאס פערשאפט מיר ניט קיין פערגעניגען. איך געה צו דער זיצונג פון די אבגעארדענטע.

עס איז געווען א וואונדער שענער וועטער און ער איז גע־קומען נאך פרוי וואלטער אין א אפענער קארעטע. ער איז געוואר־רען שטארק פערוואונדערט, ווען ער האט זי דערזעהן, אזוי יונג און שען האט זי אין זיינע אויגען אויסגעזעהן. זי האט געטראגען א העלע קלייד מיט געלע שפיצען ביי דער ברוסט. ער האט זי נאך קיין מאל ניט געזעהן אזוי פריש און אזוי בעגעהרענסווערט. זי האט זיך געהאלטען ווי געוועהנליך פארנעהם און געלאסען, מיט יענער רוהיגער מינע פון א "מאמא", וועלכע שיינקט ניט קיין שום אויפמערקזאמקייט די גאלאנט בליקען פון די מענער.

איהר טאכטער סוסאנע האט אין איהר ראזאווען קלייד אויס־געזעהן, ווי א פריש אויסגעמאהלענע קארטינקע פון דעם מאה־לער וואטטען, און די עלטערע שוועסטער האט געמאכט דעם איינ־דרוק, ווי זי וואלט געווען די ערציהערין פון דער דאזיגער רייצענ־דער קליינער מיידעל.

פאר ריוואל'ס טיר איז שוין געשטאנען א גאנצע רייהע פון קארעטען.

דוראי האט דערלאנגט פרוי וואלטער דעם ארעם און זיי זיינען אריין אין הויז. די פעבטפארשטעלונג האט געזאלט זיין צו צוגונסטען פון די ארימע פאריזער יתומים מיט דער מיטוויר־קונג פון די פרויען פון אלע סענאטארען און אבגעארדענטע, וואס זיינען געווען פערבונדען מיט דאס "פראנצויזישע לעבען".

פרוי וואלטער האט פערשפראכען צו קומען מיט איהרע טעכ־טער, אבער זי האט זיך ענטזאגט צו געבען איהר נאמען אלס איינע פון די מיטווירקענדע דאמען, ווייל זי האט אנטהייל גענו־מען נור אין אזעלכע אונטערנעהמונגען, וועלכע זיינען פעראנ־שטאלטעט געווארען פון דער קירכע. דאס פעסט וואס דער זשור־נאליסט האט געמאכט, האט געטראגען א מעהר רעפובליקאנישען כאראקטער, וועלכען מען האט געקענט אננעהמען פאר אנטי קלע־ריקאל.

זייט דריי וואכען איז געשטאנען אין אלע בלעטער:

"אונזער בעריהמטער קאלעגע זשאק ריוואל האט דעם גייסט־רייכען און עדעלען איינפאל געהאט צו פעראנשטאלטען א פעכ־טע פארשטעלונג צו גונסטען פון די יתומים אין דעם רייצענדען פעכטזאל, פון זיין וואהנונג.

די איינלאדונגען זיינען אונטערגעשריעבען מיט די נעמען פון די דאמען לאלאין, רעמאנטעל, ריסאלין די פרויען פון די בע־קאנטע סענאטארען און פון די פרויען פון די אבגעארדענטע לא־ראש־מאטיע, פערסעראל און פירמין. און די פרויען צווישען דער פארשטעלונג וועט געמאכט ווערען א קאלעקציאן און דאס איינ־גענומענע געלד וועט גלייך איבערגעגעבען ווערען צו דעם פאר־שטעהער פון דעם ווייזען הויז און זעקסטען בעצירק".

דאס איז געווען א ריעזיגע רעקלאמע, וואס דער פיפיגער זשורנאליסט האט פאר זיך אויסגעטראכט.

זשאק ריוואל האט די נייע געסט צוגענומען ביי דער טיר, וואו עס איז אויפגעשטעלט געווארען א בופעט, וועמעס קאסטען עס האבען געזאלט אראבגענומען ווערען פון דער איינאהמע.

דאן האט ער מיט א ליעבענסווירדיגער בעוועגונג אנגעוויזען,

אויף די טרעפּ אין קעלער, וואו דער פּעכט זאאל איז איינגערכ־טעט געווארען, און דערביי האט ער געזאגט:

— אונטען, מיינע דאמען, אונטען. די פארשטעלונג וועט זיין אין די אונטערשטע צימערן.

ער איז געלאפען אנטקעגען דער פרוי פון זיין שעף און דור־ראי'ן האט ער א דריק געטהאָן די האנד:

— א גוטען, שענער פריינד.

יענער איז געווארען ערשטוינט.

— ווער האט אייך דען געזאגט, אז...

ריוואל האט איהם ניט געלאזט אויסריידען:

— פרוי וואלטער האט ער געזאגט, אז זי דיינקט, אז דער צונעמעניש פּאסט אייך אויסגעצייכענט.

פרוי וואלטער איז רויט געווארען:

— יא, איך גיעב צו, אז ווען איך זאל אייך קענען נעהנ־טער, וואלט איך אייך, ווי די קליינע לארינא, גערופען שע־נער פריינד, דאס פּאסט צו אייך אזוי גוט.

דוראי האט געלאכט:

— טהוט עס דאך, גנעדיגע פרוי, איך בעט אייך.

זי האט ארונטערגעלאזען די אויגען.

— ניין, מיר קענען זיך ניט געגוג דערצו.

ער האט געמורמעלט:

— דארף איך האפען, אז מיר וועלען זיך נעהנטער בעקע־נען?

— מיר וועלען שוין זעהן — האט זי געזאגט.

ער איז צוגעקומען צו די ענגע טרעפּ, וועלכע זיינען בעלויכ־טען געוועזן פון א גאז ברענער; דער פלוצצומדיגער איבערגאנג פון דער בייטאגעדיגע העלקייט צו דעם געלען ליכט דארט, אויף די טרעפּ האט געהאט אין זיך עטוואס אונהיימליכעס. א דומפּפער קעלער גערוך האט זיי א קלאפּ געטהאָן אנטקעגען אויסגעמישט מיט אלערליי ווייבערשע פּארפיומען, אירים, פיילכען, אייזענ־קרויט.

אין דער לאָך אונטען האט מען געהערט שטימען און דאס דאס ברויזען פון א הין און הער שטראמענדען עולם.

דער גאנצער קעלער איז געווען בעלויכטען דורך גאז ברענער און פאפירענע לאנטערנעס, וועלכע האבען זיך געפונען צווישען גרי־נע בלעטער מיט וועלכע די ווענט זיינען פארדעקט געווארען; מען האט נור געזעהן צווייגען, דער באלקען איז געווען בעפוצט מיט קרייטיכער און דער פאל מיט בלומען און בלעטער בעשאטען. אלע האבען עס געפונען פאר רייצענד און געשמאקפאל. אין א קליי־נער לאך פון הינטען איז אויפגעבויט געווארען א ביהנע פאר די קעמפפער מיט פלעצער פאר די פרייז ריכטער. צעהן רייהען ביינק רעכטס, צעהן לינקס האבען געהאט פלאץ פאר אונגעפעהר צוויי הונדערט געסט. איינגעלאפען זיינען געווען פירהונדערט.

פאר דער ביהנע האבען זיך בעוויזען יונגע לייט אין פעכט קליידער, מאגערע מיט שלאנקע גליעדער און פארדרעהטע וואנ־צעס.

מען האט צווישען זיך אנגערופען זייערע נעמען, אנגעוויזען אויף די פראפעסיאנעלע פעכטער און אויף די, וואס זיינען בלויז אמאטיורען, ליעבהאבער. ארום זיי האט זיך גלייך ארומגע־קליעבען אן עולם מענער, קענער פון די פעכטקונסט, וועלכע הא־בען אויך געוואלט, מען זאל זיי זעהן.

אויף מעטאלע ביינק זיינען געזעסען דאמען, וועמעס קליי־דער האבען גערוישט, און וועלכע האבען געפלוידערט הויך, אויף א קול. זיי האבען זיך געפאכעט, ווי אין א טהעאטער, ווייל אין דעם מיט בלעטער בעפוצטען קעלער איז געווען היים ווי אין א באד.

פרוי וואלטער און איהרע טעכטער זיינען צוגעגאנגען צו זייערע פלעצער, וועלכע זיינען פאר זיי אנגעגרייט געווארען אין דער ערשטער רייהע.

דו־ראי האט זיי אהין בעגלייט און דאן האט ער געזאגט:

— איך מוז אייך איצט פערלאזען, די הערריז דארפען ניט זיצען.

פרוי וואלטער האט געענטפערט :

— עס וואלט מיר געווען אנגענעהם, איהר זאלט בלייבען דא, איהר וועט מיר אנרופען די נעמען פון די פעכטער. ווען איהר זאלט דא שטעהן אן דער זייט, קענט איהר קיינעם ניט שטערן.

זי האט איהם אנגעקוקט מיט איהר גרויסע, גוטע אויגען און נאך אמאל געבעטען :

— אך, בלייבט דא, איך בעט אייך... הערר... שענער פריינד, מיר נויטהיגען זיך אין אייך.

ער האט געענטפערט :

— גנעדיגע פרוי, איך פאלג אייך מיט פערגעניגען !

פון אלע זייטען האט זיך געהערט :

— דער קעלער איז גרויסארטיג !

זשארזש האט דעם דאזיגען קעלער גוט געקאנט. ער האט זיך דערמאנט אן דעם פריהמארגען, וועלכען ער האט דא פערבראכט איינער אליין אין דעם טאג פון זיין דועל.

זשאק ריוואל'ס שטימע האט געקלונגען פון די טרעפ :

— מיינע דאמען, גלייך פאנגט זיך אן די פארשטעלונג !

זעקס העררן אין גאנץ איינגע קאסטיומען זיינען ארויף אויף דער ביהנע און האבען פערנומען די פלעצער, וועלכע זיינען אנגעגרייט געווען פאר די פרייז ריכטער.

צווישען עולם האט איינער דעם אנדערן צוגעפליסטערט זייערע נעמען.

צוויי גרויסע פלאקאטען זיינען אויפגעהאנגען געווארען רעכטס און לינקס, אויף דעם רעכטען איז געשטאנען: "הערר קרע־וועקאער" און אויף דעם נלאקאט לינקס: "הערר פלומעא" !

דאס זיינען געווען צוויי פעכטמייסטערס, גוטע צווייטע קלאסע פעכטער. באלד האבען זיי זיךביידע בעוויזען,ביידע מאגער מיט א מיליטערישען אויסזעהן און עטוואס שטייפע בע־וועגונגען. זיי האבען זיך בעגריסט און גענומען פעכטען.

פון צייט צו צייט האט זיך געהערט אן אויפגערעגטער אויס־רוף: „גוט! געטראפען!"

און די זעקס ריכטער האבען געשאקעלט מיט די קעפּ מיט דער מינע פון קענער.

נאך די ערשטע קעמפפער האבען אויפגעטראטען צוויי אנדערע: איין ציוויל און איין מיליטערישער פעכטמייסטער מיט די נעמען פלאנטאן און קאראפין. הערר פלאנטאן איז געוועזן גאנץ קליין און הערר קאראפין זעהר דיק. מען האט געקענט מיינען, אז ביים ערשטען קלאפּ ווערט דער דאזיגער באלון צופּלאצט. הערר פלאנ־טאן איז ארומגעשפּרונגען ווי אן אפּפע; הער קאראפין האט נור בעוועגט זיין ארעם, דער גאנצער איבעריגער קערפּער איז געבליבען אין גאנצען אונבעוועגליך און אלע פינף מינוטען איז ער געפאלען אויף א שטוהל מיט אזא שוואכקייט און אזא אנשטרענגונג, ווי ער וואלט געהאט צו טהאן די שווערסטע ארבייט; נאכדעם האט ער זיך קוים מיט צרות געקענט ווידער אויפהויבען.

די קענער האבען זיין פעכטען ערקלעהרט פאר זעהר קרעפטיג און געשיקט, און דאס פובליקום האט זיי געגלויבט און אויך אזוי געדענקט.

דאן האבען זיך בעוויזען די הערען פאריאן און לאפאלם, איי־נער א פּראפעסיאנעלער פעכטמייסטער און דער אנדערער — א דילעטאנט, א ליעבהאבער, און האבען זיך ווילד א ווארף געטהאן איינער אויף דעם אנדערען. דאס האט דעם עולם שטארק אמוזירט. די דאמען האבען געלאכט, די מענער זיינען געווארען אויפגערעגט.

דער ערשטער טהייל פון דער פארשטעלונג האט זיך געשלאסען מיט א וואפען־פעכטעריי צווישען זשאק ריוואל און דעם בעלגישען פּראפעסאר לעבעג.

ריוואל האט ביי די דאמען ארויסגערופען גרויסע בייפאל. ער איז ווירקליך געוועזן א שעהנער יונג, גוט געבויט, בעוועגליך און גראציעזער ווי אלע פריהערדיגע. ער האט זיך געהאלטען אויף אן אריסטאקראטישען, עלעגאנטען ארט, וועלכע איז געפעלען געוועזן.

„מען פיהלט אין איהם דעם געבילדעטען מאן“, — האט מען גערעדט צווישען עולם.

ער האט געזיעגט און מען האט איהם פיעל אפלאדירט.

אבער זייט א פאר מינוטען האט די צושויער געגומען בעאונרוהיגען א געוויסער גערויש איבער זיי, וועלכער איז אלץ שטארקער און שטארקער געווארען. דאס איז געווען א שטארקער טופען מיט די פיס, באגלייט פון א הילכענדען געלעכטער. די צוויי הונדערט איינגעלאדענע געסט, וועלכע האבען ניט געקענט ארונטערגעהן אין קעלער, האבען זיך אמוזירט אויף זייער ארט. אויף די קליינע גערעהטע טרעפ האבען זיך צוזאמענגעשטופט מענשען. אונטען איז געווארען א מורא'דיגע היץ, דער עולם האט גענומען שרייען: — לופט! — עפעס טרינקען!

א וויצלינג האט א געשריי געטהאן גאנץ הויך מיט א הילכיגע שניידענדען קול:

— מאנדעלמילך! לימאנאד! ביער!

ריוואל איז צוגעלאפען רויט ווי פייער אין זיין פעכט־קאסטיום.

— איך וועל הייסען ברענגען ערפרישונגען — האט ער געזאגט און זיך געלאזט לויפען צו די טרעפ. אבער יעדע פערבינדונג מיט'ן אויבערשטען שטאק איז געווען אבגעריסען, מען וואלט גיכער געקענט אויסבויערען א לאך אין באלקאן אוידער זיך דורכברעכען א וועג צווישען די מענשען, וואס האבען זיך אויף די טרעפ צוזאמענגעפאקט.

ריוואל האט א געשריי געטהאן:

— אייז קרים פאר די דאמען! שנעל ארונטערברענגען!

פופציג שטימען האבען ווידערהאלט:

— אייזקרים!

דאן האט מען דערזעהן א גרויסע, גרויסע טאץ, אבער עס זיינען אויף איהר געשטאנען בלויז ליידיגע גלעזער, ווייל די ערפרישונגען זיינען אויפ'ן וועג צוכאפט געווארען.

אימיצער האט הויך א געשריי געטהאן:

— מען ווערט דא דערשטיקט! שלום! שלום! מיר ווילען אוועקגעהן!

אן אנדער שטימע האט זיך געבייזערט: „די קאלעקציאן!“ און דער גאנצער עולם האט א געשריי געטהאן אהן אטהעם:

— די קאלעקציאן! די קאלעקציאן!

דאן האבען זעקס דאמען גענומען געהן צווישען די ביינק אהין און אהער און מען האט געהערט, ווי דאס געלד איז מיט א קלינגעריי אין די בייטלען געפאלען.

דו־ראי האט אנגעוויזען פרוי וואלטער בעקאנטע פערזענליכקייטען פון דער געזעלשאפט, זשורנאליסטען פון די גרעסטע בלעטער, מאהלערס און סקולפטארען. ער האט איהר אויך געצייגט א דיכטער, א מיטגליעד פון דער אקאדעמיע, דאן צוויי מוזיקער און פיעלע פריינדע־אריסטאקראטען.

אימיצער האט צו איהם אויסגערופען:

— גוט מארגען, שעהנער פריינד!

דאס איז געווען גראף וואדרעק. דו־ראי האט זיך ענטשולדיגט פאר די דאמען און איז אוועק איהם די האנד דריקען. ווען ער איז צוריק געקומען האט ער געזאגט:

— וואדרעק איז א רייצענדער מענש, ער האט אין זיך עטוואס אנגענעהמעס.

פרוי וואלטער האט ניט געענטפערט. זי איז געווען עטוואס אויפגערעגט, און ביי יעדען אטהעם־צוג האט זיך איהר בוזים שטארק געהויבען, וואס עס האט צוגעצויגען דו־ראי'ס בליקען. פון צייט צו צייט האט ער זיך בעגעגענט מיט איהר בליק, וועלכער האט עטוואס צומישט און אונזיכער אויף איהם גערוהט, און ער האט געזאגט צו זיך אליין: „צום טייפעל, זאל עס זיין מעגליך, אז די דאזיגע פרוי זאל איך אויך האבען געפאנגען אין מיין נעץ?“

די דאמען וואס האבען געמאכט די קאלעקציאן זיינען פארביי־געגאנגען. זייערע בייטלאך זיינען געווען אנגעפילט מיט זילבער און גאלד.

אויף דער ביהנע האט זיך בעוויזען א נייע אנצייגע: „גרויסע איבערראשונג!“ די פרייז־ריכטער האבען זיך ווידער געזעצט אויף זייערע פלעצער. מען האט גענומען ווארטען.

צוויי דאמען האבען זיך בעוויזען אויף דער ביהנע אין פעכט קליידער, אין דונקעלען טריקא און זעהר קורצע קליידלעך. זיי זיינען געווען יונג און שעהן, האבען בעגריסט דאס פובליקום מיט א שמייכעל און געקריגען א לאנג־דויערנדען אפלאוז.

און זיי האבען גענומען פעכטען אונטער די הויכע אויסרופען, געפליסטערטע שפאסען פון די צושויער. א ליעבענסווירדיגער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף די ליפען פון די פרייז־ריכטער, וועלכע האבען יעדען קלאפ בעגריסט מיט א שטילען בראוואָ.

דער דאזיגער קאמפף איז געווען אין גאנצען נאך דעם געשמאק פון דער פובליקום און אלע האבען גאנץ אפען ארויסגעוויזען זייער בעגייסטערונג פאר די צוויי פרויען אויף דער ביהנע, וועלכע האבען ערוועקט פערלאנגען ביי די מענער און אויך אמוזירט די דאמען.

אזוי שנעל ווי איינע פון די פעכטערינען האט געקריגען א גור־טען, א געזונטען קלאפ, איז א פריידיגער שווידער איבער די רייהען צושויער אריבער. איינע פון זיי, וועלכע האט זיך אומגעקעהרט צום פובליקום מיט'ן רוקען (און א רוקען האט זי געהאט, אז עס איז געווען אויף וואס א קוק צו טהאן), האט אזוי היגנעריסען דעם עולם, אז אלע האבען אויפגעריסען מויל און אויגען און געקוקט, געקוקט ניט בלויז אויף דעם ארעם, וואס גיט קלעפ...

מען האט איהר שטורעמדיג אפלאדירט.

דאן האט געפאלגט א קאמפף אויף שווערדען, אבער קיינער האט זיך אויף דעם ניט אריינגעקוקט, ווייל מען איז נאך געווען גאנץ פול מיט דעם, וואס מען האט נור וואס געזעהן. פלוצים האט דער

עולם אין קעלער דערהערט עפּעס א טומעל, א ליארם, ווי מען רוקט איבער מעבעל איבער'ן פּארקעט. דאן האט מען גאנץ דייטליך דערהערט דאס שפּיעלען פון א פּיאנא און דאס קלאפּען צום טאקט פון טענצער.

דאס האבען די געסט אויבען, וועלכע האבען ניט געקענט ארונטערגעהן אונטען זעהן די פארשטעלונג, געמאכט א באלל.

צו ערשט האט אויסגעפּלאצט א הילכענדער געלעכטער אין פּעכט־זאאל, דערנאך האבען די דאמען געקריגען לוסט צו טאנצען. זיי האבען זיך שוין מעהר ניט אינטערעסירט מיט דעם, וואס איז פארגעקומען אויף דער ביהנע און האבען גערעדט הויך אויפ'ן קול.

מען האט גערעדט איבער דעם איינפאל פון די שפּעט־אנגעקומענע געסט און עס געפונען פאר זעהר קאמיש. זיי האבען זיך געוויס ניט געלאנגווייל דארט, איצט וואלטען אלע מיט פערגעניגען געווען אויבען.

אבער צוויי פעכטער האבען זיך בעגריסט און ארויפגעפאלען איינער אויף דעם אנדערען מיט אזא זיכערקייט, דאס אלע בליקען האבען זיך אויף זיי אבגעשטעלט. זיי האבען זיך אויסגעבויגען און ווידער אויפגעהויבען מיט אזא גראציע, מיט אזוי פיעל אבגעמאסטענער קראפט, מיט אזא זיכערקייט אין די בעוועגונגען, דאס די אונוויסענדע מאסע איז געבליבען זיצען גאנץ בעצויבערט פון דעם דאזיגען שוישפּיעל.

דאס פּובליקום האט דערפיהלט, אז מען ווייזט דא עטוואס גאנץ בעזונדערעס, אז צוויי קינסטלער אין זייער פאך שטעלען פאר זיי פאר דאס בעסטע, וואס צוויי מייסטער פון וואפען קענען ווייזען פאר אן עולם פון זייער געשיקטליכקייט, קערפּערליכער פלינקייט.

קיינער האט שוין מעהר ניט גערעדט, אזוי אויפמערקזאם האט מען זיך צו זיי צוגעקוקט. און דאן, ווען זיי האבען זיך נאך דעם לעצטען שטויס דערלאנגט די הענד, האט געפאלגט אן אלגעמיי־

נער הורא־געשריי... מען האט געטופעט מיט די פיס און געשריען. אלע האבען געוואוסט זייערע נעמען. דאס זיינען געווען סערזשענט און ריוואניאק.

די אלגעמיינע אויפרעגונג האט ארויסגערופען א פערלאנג צו שטרייטען. די מענער האבען אנגעקוקט זייערע שכנים, ווי זיי וואלטען געזוכט קריעג מיט זיי. צוליעב א שמייכעל האט געקענט ווערען א דועל. לייטע, וועלכע האבען אין זייער לעבען ניט גע־האלטען קיין שווערד אין האנד, האבען מיט זייערע שטעקענס פרובירט מאכען קונצען ווי מיט שווערדען.

אבער ביסלעכווייז האט דער עולם זיך ארויפגעדראפעט אויף די טרעפ. מען האט געוואלט עפעס טרינקען, עפעס געניסען און מען איז געווארען שטארק אויפגעבראכט, ווען מען האט דערזעהן, אז די טענצער האבען פערכאפט דעם גאנצען בופעט, אויפגענאשט אלעס וואס דארט איז געווען און זיינען דאן אוועק מיט דער בע־הויפטונג, אז עס איז ניט אנשטענדיג אראבצושלעפען צוויי הונ־דערט מענשען, ווען מען קען זיי ניט אמוזירען.

עס איז גארנישט געבליבען, ניט קיין ברעקעל פון די צוקער־געבעקס, ניט א טראפען שאמפאניער, קיין ליקער, קיין ביער, קיין איין קאנפעקטעל, גארנישט, גארנישט. זיי האבען אלעס אבגעראמט, געפלינדערט און אויפגענאשט.

מען האט זיך געלאזט פון די דיענער דערצעהלען ווי אזוי דאס איז צוגעגאנגען און יענע האבען מיט א טרויעריגער מינע, קוים איינהאלטענדיג זיך פון לאכען געזאגט:

— די דאמען זיינען געווען נאך פלייסיגער פון די מענער. זיי האבען נענעסען און געטרונקען ביז עס איז זיי אזש געקראכען צוריק.

און די געסט איז איצט פערבליעבען נור אוועקצוגעהן. די מענער האבען בעדויערט זייערע צוואנציג פראנק שטיק, וועלכע זיי האבען געשענקט ביי דער קאלעקציאן און זיי זיינען געווען

שטארק אויפגעבראכט אויף די אויבערשטע געסט, וועלכע האבען פאר זיי גארנישט איבערגעלאזט.

דאס קאמיטע האט איינגענומען מעהר ווי דריי טויזענד פראנק און נאך דעם ווי מען האט אראבגערעכענט אלע קאסטען, איז גע־בליעבען צוויי הונדערט און צוואנציג פראנק פאר די יתומים פון דעם זעקסטען בעצירק.

דו־ראי האט בעגלייט פרוי וואלטער מיט איהרע טעכטער אין זיין קארעטע.

און ווען ער איז געזעסען אין דער קארעטע אנטקעגען פרוי וואלטער, האט איהם ווידער באגעגענט איהר פארביילויפענדער, צער־טליכער בליק.

און ער האט א טראכט געטהאן: „צום טייפעל, איך גלויב, אז איך האב זי". ער האט געשמייכעלט ביי דעם געדאנק, אז ער האט ווירקליך גליק ביי די פרויען, דען פרוי מארעל האט איהם ארויסגעוויזען משוגע'נע ליעבע, זייט זייערע צערטליכקייטען האבען ווידער אנגעהויבען פון דאס ניי.

א פרעהליכער האט ער זיך אומגעקעהרט אהיים.

מאגדאלענא האט איהם ערווארט אין סאלאן.

— איך האב נייעס — האט זי געזאגט. — די מאראקער גע־שיכטע ווערט אימער ערנסטער. אין א פאר מאנאטען ארום מוז פראנקרייך שיקען אהין אן עקספעדיציאן; יעדענפאלס איז דא א געלעגענהייט דאס מיניסטעריום צו שטירצען, און לאראש וועט די געלעגענהייט בענוצען אום דאס פארטפעל פון אויסלענדישען מיניסטער צו בעקומען.

אום זיין פרוי צו ערגערען, האט דו־ראי זיך געמאכט אז ער גלויבט כלומר'שט ניט אין דעם.

אבער זי האט אונגעדולדיג א דריק געטהאן מיט די אקסלען:

— איך זאג דיר: אזוי וועט עס זיין! פערשטעהסטו דען ניט, אז דאס איז פאר זיי א גאלד־גרוב? היינטיגע צייטען, מיין

ליעבער, הייסט עס אין דער פאליטיק ניט מעהר: וואו איז די פרוי? נור: וואו איז דאס געשעפט?

ער האט ארויסגעברומט מיט פעראכטונג, אום זי אויפצר־רייצען:

— עט...

דא איז זי געווארען בייז:

— דו ביזט פונקט אזוי דום ווי פארעסטיע.

זי האט איהם געוואלט א שטאך טהאן, און געווארט, ער זאל בייז ווערען, אבער ער האט א שמייכעל געטהאן און געענטפערט:

— ווי דער בעטראגענער פארעסטיע?

דאס האט געווירקט און זי האט געזאגט:

— אבער זשארזש!

ער האט געמאכט א פרעכע, שפאטישע מינע און געענטפערט:

— וואס איז דא אזוי, דו האסט זיך דאך אנומעלט מודה געווען, אז דו האסט פארעסטיע בעטראגען. — און מיט דעם אויסדרוק פון טיעפסטען מיטלייד, האט ער צוגעלייגט: — ארימער טייפעל!

מאגדאלענע האט זיך צו איהם אומגעדרעהט מיט'ן רוקען, זי האט געהאלטען פאר אונטער איהר ווירדע אויף דעם צו ענט־פערען.

נאך א קורצען שטיל שוויגען האט זי ווידער אנגעהויבען:

— דיענסטאג וועלען מיר האבען געזעלשאפט. פרוי לארעש־מאטיע קומט מיט דער וויקאנטעסע פערסעמיור צום טיש. ווילסטו נאך איינלאדען ריוואל'ן און נארבערט דע ווארען? איך געה מארגען צו די וואלטערס און צו פרוי מארעל. פילייכט קומט נאך פרוי ריסאלין אויך.

זייט א געווויסער צייט האט זי אויסגענוצט דעם פאליטישען איינפלוס פון איהר מאן, זוכענדיג פערבינדונגען צווישען די פרויען פון די סענאטארען און די אבגעארדענטע, און אריינציהענדיג זיי אין איהר קרייז.

דו־ראי האט געענטפערט:

— גוט איך נעהם אויף זיך איינצולאדען ריוואל'ן און נארבערט'ן.

ער איז געוועזען צופריעדען און זיך געריבען די הענד, וואס ער קאן איצט ערגערען זיין פרוי. זייט זיי זיינען געפאהרען אין די באאס, האט עפּעס אן אונבעשטימטע, א בייסענדע אייפערזוכט אין איהם ערוואכט און ער האט זיך געגעבען א ווארט, יעדעס מאל ווען ער וועט דערמאהנען דעם נאמען פון פארעסטיע זאל ער אויך צולייגען נאך „דער בעטראגענער". ער האט געפיהלט, אז מיט דער צייט וועט עס מאגדעלענע'ן מאכען ווילד און ער האט אור־מיסטנע יענעם אבענד אמאל צעהן דערמאהנט: „פארעסטיע דער בעטראגענער".

ער איז שוין אויף דעם טויטען מעהר ניט געוועזען אין כעס, ער האט פאר איהם נקמה גענומען.

זיין פרוי האט זיך געמאכט ניט הערענדיג און גלייכגילטיג געשמייכעלט דערביי.

אזוי ווי זי האט אויף מארגען געוואלט געהן צו פרוי וואלטער זי איינצולאדען, האט ער איהר געוואלט פערכאפּען דעם וועג, אום צו טרעפען די פרוי פון זיין שעף אליין, און זעהן, אויב ער האט זי טאקע געוואונען. דאס האט איהם געמאכט שפּאס און געשמייכעלט זיין אייטעלקייט, און דאן... פארוואס ניט... אויב עס איז נור מעגליך.

ארום צוויי אזייגער איז ער אריין צו איהר. מען האט איהם ארייננעפיהרט אין דעם סאלאן. ער האט געווארט.

פרוי וואלטער איז אריין און האט מיט א גליקליכען שמייכעל אויסגעשטרעקט צו איהם די האנד.

— וואס פאר א גליקליכער צופאל ברענגט אייך אהער?

— קיין צופאל, נור דער וואונש אייך צו זעהן. אן אונבעשטימטעס געפיהל טרייבט מיך צו אייך, איך ווייס אליין ניט פאר־וואס. איך האב אייך גארנישט געוואלט זאגען. איך בין געקומען און בין דא! ענטשולדיגט מיר פאר דעם צו־פריהען וויזיט און דערפאר, וואס איך זאג עס אייך אזוי אפען ארויס.

ער האט עס געזאגט אין א גאלאנטען טאן, א שמייכעל אויף די ליפען און מיט טיעפער ערנסקייט אין דער שטימע.

זי איז געווען זעהר ערשטוינט, איז רויט געווארען און געשטא־מעלט:

— איך... איך פערשטעה אבער ניט! איך... איך בין זעהר ערשטוינט!

ער האט צוגעלייגט:

— דאס איז אן ערנסטע ערקלעהרונג, אבער אין א פרעהליכען טאן, אום אז איהר זאלט זיך ניט דערשרעקען.

זיי האבען זיך געזעצט איינער נעבען דעם אנדער'ן. זי האט די זאך אנגענומען אלס א שפאס.

— אן ערנסטע ערקלעהרונג?

— געוויס, איך האב עס איך שוין לאנג, לאנג געוואלט זאגען, אבער איך האב ניט געוואגט. איהר האט א נאמען פון זעהר אן ערנסטע און שטרענגע פרוי.

זי איז ווידער געווארען זיכער ביי זיך און געפרעגט:

— ווארום זייט איהר היינט געקומען?

— איך ווייס ניט! — דאן האט ער צוגעלייגט גאנץ שטיל: — אדער דערפאר, ווייל זייט געסטערן קען איך וועגען קיין זאך ניט טראכטען נור אויסער פון אייך.

זי איז בלאס געווארען און האט ארויסגעשטאמעלט:

— איצט לאמיר אויפהערען צו שפאסען, לאמיר רעדען בעסער פון עטוואס אנדערעס.

אבער ער האט זיך אזוי פלוצים, אזוי אונערווארטעט אווארף געטהאן צו איהרע פיס, דאס זי איז געווארען דערשראקען. זי האט געוואלט אויפשטעהן, אבער ער האט זי ארומגעכאפט מיט ביידע הענד פאר דער טאליע און זי געצוואונגען צו בלייבען זיצען אויף אן ארט, וועהרענד ער האט גערעדט מיט א ליידענשאפטלי־כען קול:

— יא, ווירקליך איך ליעב אייך, איך ליעב אייך, זייט לאנג, איך ליעב אייך משוגע. ענטפערט מיר ניט. אך, עס איז א משוגעת! אבער איך ליעב אייך, ווען איהר זאלט וויסען, ווי איך ליעב אייך!

זי האט שווער געאטהעמט, פראבירט רעדען און ניט געקענט ארויסברענגען קיין ווארט. מיטביידע הענד האט זי איהם אנגע־כאפט פאר די האאר און א שטויס געטהאן צוריק, אום אויסצומיידען זיין מויל, וועלכען זי האט געפיהלט זיך ציהענדיג צו איהרען, און גענומען דרעהען מיט'ן קאפ פון רעכטס אויף לינקס, פון לינקס אויף רעכטס, האסטיג אהין און אהער, מיט צוגעמאכטע אויגען, אום גארנישט צוזעהען.

ער האט זי בעריהרט דורך דאס קלייד און זי איז שוואך געווארען אונטער דער דאזיגער גראבער, אויפדרינגליכער לאסקע. פלוצים איז ער אויפגעשטאנען און זי געוואלט ארומנעהמען, אבער זי איז אנטלאפען, אזוי שנעל ווי זי האט זיך דערפיהלט אויף איין אויגענ־בליק פריי.

פערפאלגען זי האט ער געהאלטען פאר לעכערליך און ער האט זיך ארונטערגעלאזען אויף א שטול, בעהאלטען דעם פנים אין ביידע הענד און גענומען קראמפפהאפט שלוכצען.

דא האט ער זיך א הויב געטהאן און אויסגערופען:

— אדיע! אדיע! — און איז אנטלאפען.

אריין אין פירהויז, האט ער גאנץ רוהיג גענומען זיין שטאק און געזאגט צו זיך אליין: „צום טייפעל, איך גלויב, אז איך האב זי טאקע אויף אן אמת"!

ער איז אוועק אויף דער נעקסטער פאסט־סטאנציע אום צו שי־קען קלאטילדא'ן א טעלעגראם, אז זי זאל מארגען קומען צו איהם...

ווען ער איז אין דער געוועהנליכער צייט אהיים געקומען, האט ער געזאגט צו זיין פרוי:

— נו, האסט שוין אלע געסט צו דיין דינער?

זי האט געענטפערט:

— נור פרוי וואלטער ווייסט נאך ניט בעשטימט, אויב זי וועט קענען קומען, זי האט מיר עפעס דערצעהלט פון פפליכטען און געוויסען, זי האט היינט געמאכט זעהר א קאמישען איינדרוק. אבער איך דענק אז זי קומט סיי־ווי.

ער האט א דריק געטהאן די אקסלען.

— אך, זי וועט שוין קומען.

אבער דאך איז ער אין דעם ניט אזוי זיכער געוועזען, און ביז צו דעם טאג פון'ם דינער איז ער געוועזען זעהר אונרוהיג.

מאגדאלענע האט נאך יענעם אין דער פריה ערהאלטען א פאר צייל פון דעם שעף'ס פרוי:

„מיט גרויס מיה האב איך זיך פריי געמאכט און איך קום, אבער מיין מאן איז ליידער פערנומען.

דו־ראי האט געטראכט: „עס איז געוועזען פערדאמט קלוג פון מיר, וואס איך בין מעהר אהין ניט געגאנגען. איצט איז זי בערוהיגט און עס הייסט אז מען דארף אנגרייטען מויל און אויערען".

דאך איז ער געוועזען עטוואס אונרוהיג: ווי וועט זי זיך מיט איהם האלטען?

זי איז געקומען און האט געשיינט צו זיין זעהר רוהיג, עט־וואס קאלט און געקוקט פון אויבען אראפ. ער איז איהר געגאנגען אנקעגען, זעהר העפליך און ערנסט.

פרוי לאראש־מאטיע און פרוי ריסאלין האבען בעגלייט זייערע מענער; די וויקאנטיעסע דע־פערסעמיור האט דערצעהלט אלערליי געשיכטעס פון דער הויכער געזעלשאפט. פרוי דע־מארעל האט אויסגעזעהן רייצענד אין עפעס א פאנטאסטישען שפאנישען קלייד, שווארץ און געל, וועלכעס האט איהר שעהנע פיגור, איהר ברוזעם און איהרע רונדע ארעמס בעזונדערס שעהן אבגעצייכענט און איהר פויגעלשען קעפעלע אז ענערגישען אויסזעהן צוגעגעבען.

דו־ראי האט אוועקגעזעצט די פרוי פון זיין שעף רעכטס פון זיך און ביים דינער האט ער נור גערעדט פון ערנסטע זאכען מיט איבערטריעבענעם רעספעקט. פון צייט צו צייט האט ער געווארפען

א בליק אויף קאטילדא'ן. „זי איז געווים שעהנער און פרישער", האט ער געטראכט. דאן האט זיין בליק א שוועב געטהאן צו זיין פרוי, וועלכע איז איהם אויך גוט געפעלען געווען. הגם ער האט געטראגען אויף איהר א שטילען, פערביסענעם בייזען כעס...

אבער דעם שעף'ס פרוי האט איהם אויפגערעגט, מחמת עס איז איהם שווער געווען זי צו געווינען, און וויי'ל זי איז געווען עפעס א נייעס, און דאס ליעבען אלע מענער.

פרוי וואלטער האט געוואלט פריה אהיים פאהרען, ער האט זיך ארויסגערופען זי צו בעגלייטען.

זי האט זיך דערפון ענטזאגט. אבער ער האט זיך איינגע־שפארט:

— פארוואס ווילט איהר ניט? דאס בעליידיגט מיך ווירק־ליך, איך קען זיך גארניט פארשטעלען, אז איהר זאלט מיר ניט פערצייהען, איהר זעהט דאך, איך בין גאנץ רוהיג.

— איהר קענט דאך ניט אוועקגעהן און איבערלאזען די איבע־ריגע געסט?

ער האט געשמייכעלט:

— איך וועל אוועקגעהן אויף צוואנציג מינוט, קיינער וועט עס אפילו ניט בעמערקען. ווען איהר ענטזאגט מיר אין דעם, וועל איך זיך פיהלען טיעף בעליידיגט.

זי האט געפליסטערט:

— גוט, בעגלייט מיך.

אבער אזוי גיך ווי זיי האבען זיך געזעצט אין קויטש, האט ער גענומען איהר האנד און זי ליידענשאפטליך געקושט.

— איך ליעב אייך. איך ליעב אייך. איך ליעב אייך, דאס מעג איך אייך זאגען? איך וועל אייך גארנישט טהאן. איך זאג אייך נור, אז איך האב אייך ליעב.

זי האט געשטאמעלט:

— אבער דאס איז ניט רעכט פון אייך נאך אלסדינג, וואס איהר האט מיך פערשפראכען.

ער האט זיך געמאכט ווי ער האלט זיך איין מיט אלע זיינע קרעפטען. דאן האט ער אנגעהויבען מיט א פערשטיקטען קול:

— זעהט ווי איך בעהערש זיך און דאך... איך וואלט אייך בלויז וועלען זאגען איין זאך... איך ליעב אייך, און דאס וואלט איך אייך וועלען ווידערהאלען יעדען טאג... לאזט מיר נור פינף מינוטען ליגען ביי אייך צו די פיס, ארייננקוקען אין אייער געליעבטען פנים און נור די דריי ווערטער ווידערהאלען.

זי האט איהם געלאזט האלטען איהר האנד און געענטפערט, שטאמלענדיג:

— ניין, איך קען ניט, איך וויל ניט, בערעכענט זיך נור, וואס מען וועט זאגען. דערמאהנט זיך אן מיינע דיענער, מיינע טעכטער, ניין, דאס איז אונמעגליך, גאנץ אונמעגליך.

ער האט אנגעהויבען פון דאס ניי:

— איך קען מעהר אהן אייך ניט לעבען. מיר איז אלץ איינס צו איך זעה אייך אין אייער הויז, צו ערגעץ אנדערש, איך מוז אייך זעהן כאטש בלויז אויף איין מינוט, אבער יעדען טאג. איך מוז זעהן ווי איהר אטהעמט, די שטריכען פון אייער קערפער בע־טראכטען און אייערע שעהנע אויגען, וואס האבען מיך משוגע גע־מאכט.

זי האט ציטערענדיג זיך צוגעהערט צו די דאזיגע באנאלע ליעבעס ערקלעהרונגען און געשטאמעלט:

— ניין, ניין, דאס איז אונמעגליך, שווייגט.

גאנץ שטיל האט ער איהר אין אויער געקושט. ער האט בע־גריפען, אז די דאזיגע פרוי מוז ער נור ביסלעכווייז אין זיין נעץ ארייננכאפען. דיעזע איינפאכע פרוי מוז ער ברענגען אזוי ווייט, דאס זי זאל איינוויליגען אויף א צוזאמענקונפט. צו ערשט, וואו זי וויל, דאן וואו עס וועט פאר איהם פאסען.

— הערט אויס, עס מוז אזוי זיין... איך וועל אייך זעהן... איך וועל פאר אייער טהיר אויף אייך ווארטען... ווי א בעטלער און ווען איהר קומט ניט ארונטער צו מיר, דאן געה איך צו אייך

ארויף. אבער איך וועל אייך זעהן... איך וועל אייך זעהן... מארגען.

זי האט געשטאמעלט:

— ניין, ניין, קומט נישט. איך וועל אייך ניט צונעהמען. גיט א טראכט וועגען מיינע טעכטער!

— דאן זאגט מיר, וואו איך קען אייך טרעפען, אין גאס אדער וואו אנדערש, אלץ איינס וואו. צו יעדער צייט, ווען איהר ווילט... איך מוז אייך נור זעהן, אייך גריסען, אייך זאגען, „איך ליעב אייך" און דאן געה איך אוועק.

גאנץ הינגעריסען פון זיינע רייד האט זי געטראכט און ניט גע־קענט בעשליסען; און ווען דער קויטש איז צוגעפאהרען צו איהר הויז, האט זי שנעל ארויסגעפליסטערט:

— גוט, מארגען אום האלב פיער געה איך אין קירכע.

און ווען זי איז ארונטער פון קויטש, האט זי געזאגט צום קוטשער:

— פיהרט אב הערר דו־ראי צו זיין וואהנונג.

ווען ער איז צוריקגעקומען, האט איהם זיין פרוי געפרעגט:

— וואו ביזטו געווען?

ער האט געענטפערט שטילערהייט:

— איך בין געווען אין דער טעלעגראף ביורא וועגען זעהר א וויכטיגער דעפעשע.

פרוי מארעל איז צוגעגאנגען צו איהם:

— ניט אמת, שעהנער פריינד, איהר וועט מיך אבפיהרען אהיים? איהר ווייסט, אז נור אונטער דיעזער בעדינגונג בין איך אהער געקומען פון אזוי וועיט.

דאן האט זי זיך א קעהר געטהאן צו מאגדאלענע'ן:

— דו ביזט דאך ניט אייפערזיכטיג?

פרוי דו־ראי האט לאנגזאם געענטפערט:

— ניין, ניט זעהר!

די געסט האָבען זיך גענומען צו געהן. פרוי לאַראַש־מאַטיע האָט אויסגעזעהן ווי אַ דיענסט מיידעל פון אַ קליין שטעדטעל. זי איז געווען די טאָכטער פון אַ נאָטאַריוס, און לאַראַש־מאַטיע האָט מיט איהר געהייראַטה, ווען ער איז נאָך אַליין געווען אַ אָרימער אַדוואָקאַט.

פרוי ריסאָלין איז געווען אַן אַלטע פרוי מיט געוויסע פּרעטענ־זיעס. זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַמאָליגער הייבאַם, וועלכע האָט איהר בילדונג געקריגען אין דער לייה־ביבליאָטעק.

די וויקאָנטעסע האָט אויף איהר געקוקט פון אויבען אַרונטער און איהרע איידעלע פינגער האָבען נור אונווילליג בעריהרט די דאַ־זיגע געמיינע האַנד.

ווען קלאָטילדע, אין שפּיצען איינגעוויקעלט, איז געשטאַנען אין דער פאָר־הויז, האָט זי געזאָגט צו מאַטילדאַ'ן:

— דיין דינער איז געווען רייצענד. דו וועסט באַלד האָבען דעם ערשטען פּאָליטישען סאַלאָן אין פּאַריז.

אַזוי שנעל ווי זי איז געווען אַליין מיט זשאַרזש'ען, האָט זי איהם אַרומגענומען:

— אַך, מיין זיסער, ליעבער שעהנער פריינד, איך ליעב דיר וואָס אַ טאָג אַלץ מעהר.

די דראָזשקע האָט זיך געוויעגט ווי אַ שיף.

— אַך, אַזוי ווי אונזער צימער איז עס נישט.

ער האָט געענטפערט:

— אָה, ניין, — אָבער געטראַכט האָט ער וועגען פרוי וואַלטער.

4

דער פּלאַץ, וואו די קירכע איז געשטאַנען, איז געווען במעט אין גאַנצען ליידיג. עס האָט זיך ניט געזעהן קיין מענש. אַ דריי־קענדע היץ האָט געשטיקט פּאַריז, עפּעס ווי די לופט וואָלט פון

דאָרט אויבען שווער און ברענענדיג אויף דער שטאָדט ארונטער־געפאלען, א דיקע קאָכענדיגע לופט, וועלכע האָט וועה געטהאָן, ווען מען האָט זי איינגעאָטהעמט.

די קאסקאדען פאר דער קירכע האָבען שטיל געפּליעסטשעט, ווי זיי וואָלטען מיעד געוואָרען צו לויפען, און דאָס וואסער אין דעם באססיין, אין וועלכען עס זיינען ארומגעשוואומען בלעטער און שטיקלאך פּאפּיער, האָט אויסגעזעהן גריין, דיק און פערצויגען מיט שלאָם.

א הונד איז אריבערגעשפּרונגען איבער דעם שטיינערנעם ראנד און זיך אָבגעבאָדען אין דעם ניט גאָר ריינעם וואסער. א פּאָר מענשען וואָס זיינען געזעסען אויף די ביינק פון׳ם קליין גערטעל, וועלכער האָט זיך געפונען נעבען דער קירכע, האָבען כמעט מיט קנאה געקוקט אויף דעם הונד.

דו־ראָי האָט ארויסגענומען דעם זייגער. עס איז ערשט געווען דריי. ער איז געקומען מיט א האַלב שעה צו־פריה.

ער האָט געלאכט, טראכטענדיג וועגען דעם ראנדעוואו. "די קירכען זיינען ביי איהר גוט צו אלסדיג", האָט ער געזאָגט צו זיך אליין. זיי טרייסטען זי, וואָס זי האָט געהייראט מיט אַן אידען, גיבען איהר צו בעדייטונג אין דער פּאָליטישער וועלט, הויבען זי אויף אין די אויגען פון דער גוטער געזעלשאַפט און דיענען איהר ביי גאלאנטע צוזאמענקונפטען. זי בענוצט די רעליגיאָן ווי א געוויסען סאָרט שירם, ביי א שעהנעם וועטהער דיענט עס אלס א שטאָק, ביי זון־שיין, אלס זון־שירם, ווען עס רעגענט — אלס רעגען־שירם, און ווען מען געהט ניט ארוים, לאָזט מען איהם איבער אין קאָרידאָר. און אזוי זיינען דאָ הונדערטע, וועלכע לויבען דעם ליעבען גאָט, לאָזען ניט צו, אז מען זאָל איהם לעסטערען און ביי א פּאסענדער געלעגענהייט בענוצען זיי איהם אלס פערמיטלער. זיך צו טרעפען מיט א מאַן אין א בעשטימטער וואָהנונג האַלטען זיי פאר הימעל־שרייענד, אָבער מאַכען חנ׳דעלאך נעבען אלטאר איז ביי זיי א קלייניגקייט.

ער האט לאנגזאם געטראטען פארביי דעם באסיין. דערביי האט ער ווידער א קוק געטהאן אויף דעם זייגער אין דעם קירכען טהורעם, וועלכער איז אנטקעגען זיין אוהר געלאפען אין דריי מינוט. אויף איהם איז געוועזן דריי א זייגער מיט פינף מינוטען.

ער איז אריין אינוועניג,דענקענדיג אז דארט איז אפשר ניט אזוי היים. א קיהלע לופט, ווי פון א קעלער, האט איהם א זעץ געטהאן אנטקעגען. ער האט לייכטער אויפגעאטהעמט און זיך ארומגעקוקט ארום זיך, אום זיך צו אריענטירען.

אימיצע'ס רעגעלמעסיגע טריט האבען געקלונגען אין הינטער גרונד פון דעם דאזיגען גרויסען רוים.. ווי אן עכא צו זיינע אייגענע טריט. ער איז געווארען נייגעריג צו זעהן ווער דאס קען זיין, און גענומען זוכען מיט די אויגען דעם שפאציער־געהער. דאס איז געוועזן א דיקער הערר מיט א גרויסען פליך, ער האט געטראטען מיט די אויגען צום באלקען געריכטעט און האלטענדיג דעם הוט אין האנד הינטערען רוקען.

דא און דארט האט אן אלטע פרוי געקניהט און געבעטען, דעם פנים איןביידע הענד איינגעגראבען.

א געפיהל פון איינזאמקייט, פון פערלאזענקייט, פון פריעדען, האט ארומגעכאפט יעדען איינעם און דער פערשטיקטער שיין, וועלכע איז דורך די שויבען געפאלען, האט די אויגען ניט געבלענדעט.

דו־ראי'ען איז דער פלאץ זעהר געפעלען געווארען.

ער האט זיך ארומגעקוקט צוריק צום אריינגאנג און האט ווידער אמאל א קוק געטהאן אויפ'ן זייגער, אבער עס איז ערשט געוועזן א פיערטעל אויף פיער. ער האט זיך אוועקגעזעצט ביים הויפט אריינגאנג; עס האט איהם נור פערדראסען, וואס ער קען דא ניט רויכערן.

מען האט איצט געהערט גאנץ נאהענט נעבען אלטאר, אויף דער אנדערער זייט פון דער קירכע די טריט פון דעם דיקען הערר.

אימיצער איז אריינגעקומען. זשאַרזש האָט זיך שנעל אַרומ־געקוקט. דאָס איז געווען אַן איינפאַכע פרוי אין אַ וואָלענער קלייד וועלכע האָט זיך נעבען דער ערשטער בעסטער באַנק אויף די קניה אַרונטערגעלאָזט און איז געבליבען ליגען אונבעוועגליך מיט צו־זאַמענגעלעגטע הענד און דעם בליק אין דער הויך געריכטעט.

דו־ראַי האָט זי בעטראַכט מיט אינטערעס. ער האָט זיך געפרעגט וואָס פאַר אַ ליידען, וועלכער שמערץ, וואָס פאַר אַ פער־צווייפלונג האָט געמאַטערט דאָס דאָזיגע אָרימע האַרץ. דער הונגער האָט פון אַלע איהרע שטריכען אַרויסגעקוקט. פיליי֞כט האָט זי נאָך אַ מאַן, וועלכער שלאָגט זי, אָדער אַ שטאַרבענדעס קינד.

ער האָט געמורמעלט שטיל פאַר זיך אין געדאַנקען פערטהאַן:

— אַך, עס איז דאָ אַזוי פיעל ליידען אויף דער וועלט, און אַזוי פיעל אומגליק! — און אַ צאָרן אַנטקעגען דער אונגערעכטער נאַטור איז אין איהם אויפגעשטאַנען. דאַן האָט ער געטראַכט וועגען דעם, אַז די דאָזיגע אַלע אָרימע מענשען טרייסטען זיך וועניגסטענס דערמיט, וואָס זיי דענקען, אַז דאָרט אויבען קימערט מען זיך וועגען זיי, און אַז זייער לעבען און שטערבען ווערט זאָרגפעלטיג פערשריבען אין דעם אויבינגען הימעלשען בוך.

— דאָרט אויבען? אָבער וואו דען?

און דו־ראַי, וועמען די שטילקייט אין דער קירכע האָט געמאַכט צו טרוימען, איז אין די געדאַנקען דורכגעפלויגען דעם וועלט־רוים, און ער האָט געזאָגט שטיל פאַר זיך:

— אַך, ווי נאַריש איז דאָס אַלעס!

ער האָט זיך אַ טרייסעל געטהאַן. ער האָט דערהערט דאָס רויש־שען פון אַ קלייד. דאָס איז געווען זי.

ער איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו איהר. זי האָט איהם ניט געגעבען די האַנד און שטיל געפליסטערט:

— איך האָב נור אַן אויגענבליק צייט, איך מוז גלייך אַהיים פאָהרען. שטעלט זיך אויף די קניה נעבען מיר אַזוי, דאָס מען זאָל אונז ניט זעהן.

און זי איז אוועק צום אויבען־אן, זוכענדיג א פאסענדען פלאץ ווי איינער, וועלכער קען די קירכע גאנץ גענוי. זי האט בעהאלטען איהר פנים אונטער א געדיכטען שלייער און האט געטראטען לייכט, אזוי, דאס מען האט קוים געהערט איהרע טריט. ווען זי איז צו־געקומען נאהענט צום כאר, האט זי זיך אומגעדרעהט און גע־פליסטערט אין דער שטיל, ווי מען רעדט געוועהנליך אין דער קירכע:

— אויף יענער זייט איז בעסער, דא ווערט מען צו פיעל גע־זעהן.

זי האט זיך טיעף פערנייגט פאר די הייליגטימער פון אלטאר, דערנאך האט זי זיך א קעהר געטהאן רעכטס, איז ווידער געגאנ־גען א וויילע אין דער ריכטונג צום אריינגאנג און דאן איז זי ענט־שלאסען צוגעגאנגען צו א שטול און זיך אראבגעלאזט אויף די קניה.

דו־ראי האט געקניהט נעבען א דערבייאיגען שטוהל און גלייך ווי זיי זיינען געבליבען אונבעוועגליך, כלומרשט ווי פערזונקען אין א געבעט, האט ער געזאגט:

— דאנק! דאנק! דאנק! איך ליעב אייך משוגע! איך וואלט עס וועלען אייך זאגען אימער! איך וואלט אייך וועלען זאגען, ווי אזוי דאס איז געקומען, וואס איך ליעב אייך פון דעם ער־שטען בליק אן, ווי אזוי איהר האט מיך געוואונען. וועל איך אייך עס אמאל קענען זאגען? וועל איך קענען פאר אייך עפענען מיין הארץ?

זי האט איהם אויסגעהערט שטעהענדיג אזוי, ווי זי וואלט געוועזען פערטהאן אין געבעט און וואלט גארנישט געהערט; דאך האט זי געענטפערט, ריידענדיג צווישען די פינגער:

— איך בין משוגע אייך צו לאזען אזוי ריידען, משוגע, וואס איך בין געקומען אהער, משוגע, וואס איך טהו עטוואס אזוינס, משוגע אייך צו לאזען האפען, אז... פערגעסט אלעס און רעדט קיינמאל מעהר ניט דערפון.

זי האָט זיך אָבגעשטעלט. ער האָט געזוכט אַן ענטפער, געזוכט ליידענשאַפטליכע שטאַרקע ווערטער, אָבער אַזוי ווי ער האָט זיינע רייז ניט געקענט בעגלייטען מיט פּאַסענדע מינעם און זשעסטען, האָט ער זיך געפיהלט ווי געלעהמט.

ער האָט אָנגעהויבען:

— איך ערוואַרט גאַרנישט, איך האָף אויף קיין זאַך ניט. איך ליעב אייך. איהר קענט טהאָן וואָס איהר ווילט, איך וועל עס אייך זאָגען אַזוי אָפט, אַזוי הויך, אַזוי הייס, דאָס איהר וועט מיך ענד־ ליך מוזען פערשטעהן. מיין גאַנצע צערטליכקייט און ליעבע וואָלט איך וועלען אַריינגיסען אין אייער נשמה, אום אַז אייער האַרץ זאָל מילדער, זאָל ווייכער ווערען און זאָל אייך שפּעטער אַמאָל צווינגען מיר צו ענטפערען: איך ליעב דיך אויך!

ער האָט געפיהלט ווי איהר שולטער נעבען זיין זייט צוקט, ווי זי ציטערט. און דאַן האָט זי האַסטיג אויסגעשטאַמעלט:

— יאַ, איך ליעב אייך!

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן ווי מען וואָלט איהם אַ זעץ גע־ טהאָן אין קאָפּ און געזאָגט:

— אַך, מיין גאָט!

זי האָט ווידער אָנגעהויבען מיט אַ ציטערנדען קול:

— איך בין זיך מודה, איך פיהל זיך אַזוי שולדיג, אַזוי גע־ פאַלען. איך, אַ מוטער פון צוויי טעכטער, אָבער איך קען ניט, איך קען ניט אַנדערש. איך וואָלט עס קיין מאָל ניט געדענקט, קיין מאָל ניט געגלויבט, אָבער עס איז שטאַרקער פון מיר. הערט מיך אויס, הערט מיך אויס: איך האָב קיין מאָל קיינעם ניט גע־ ליעבט אויסער אייך, דאָס שווער איך אייך. איך ליעב אייך שוין זייט אַ יאָהר אין דער טיעפעניש פון מיין האַרצען. אַך, ווי איך האָב געליטען, ווען איהר זאָלט וויסען וויפיעל... ווי איך האָב געקעמפּפט... איך קען ניט מעהר... איך... איך ליעב אייך...

זי האט געשלוכצט אין איהרע הענד, מיט וועלכע זי האט דאס פנים פערשטעלט, און איהר גאנצער קערפער האט געציטערט ווי פון שטארקע קאנוואולסיעז.

זשארזש האט געפליסטערט:

— גיט מיר אייער האנד, אום איך זאל זי קענען בעריהרען און דריקען.

לאנגזאם האט זי צוגענומען די האנד פון איהר פנים. ער האט געזעהן, אז איהר באק איז נאס און אז א טרעהר הענגט אויף איהרע ברעמען, בערייט זיך ארונטערצוקייקלען.

ער האט גענומען איהר האנד און זי געדריקט, זאגענדיג:

— אך, איך וואלט וועלען טרינקען אייערע טרעהרען.

זי האט געזאגט מיט א שטילען, צובראכענעם קול, וואס האט געקלונגען ווי א קרעכץ:

— האט מיטלייד מיט מיר. איך בין פערלארען!

ער האט געפיהלט ווי זיך צולאכען. וואס האט ער איהר געקענט דא טהאן? ער האט ארויפגעלעגט איהר האנד אויף זיין הארץ און געפרעגט:

— פיהלט איהר ווי עס קלאפט? — ער האט מעהר ניט גע־וואוסט וואס צו זאגען.

אבער זייט א פאר מינוטען האט דער רעגעלמעסיגער טריט פון דעם שפאציערגעהער זיך געהערט אלץ נעהענטער און נעהענטער. ער איז ארומגעגאנגען דעם אלטאר און האט שוין מינדעסטענס צוויי מאל דורכגעשפרייזט די קירכע אהין און צוריק. ווען פרוי וואלטער האט איהם דערזעהן נאהנט פון דעם פלאץ, וואו זי האט זיך געפונען, האט זי אויסגעצויגען איהר האנד פון זשארזש'ן און בעהאלטען איהר פנים.

און זיי זיינען ביידע געבליבען אונבעוועגליך אויף זייערע קניה, ווי זיי וואלטען זייערע פעראייניגטע הייסע געבעטען געשיקט צום הימעל ארויף. דער דיקער הערר איז פאר זיי פארבייגעגאנגען,

האָט גלייכגילטיג אויף זיי אַ קוק געטהאָן און איז אוועק ווייטער, נאָך אַלץ מיט דער הוט אין האַנד הינטער'ן רוקען.

אָבער דו־ראַי, וועלכער האָט זעהר געוואָלט האָבען אַ צוזאַמענ־קונפט ערגעץ אַנדערש, ניט אין דער קירכע, האָט געפליסטערט:

— וואו זעה איך אייך מאָרגען ווידער?

זי האָט ניט געענטפערט. זי איז געשטאַנען אונבעוועגליך, ווי אַ פערגליווערטע סטאַטוע אין געבעט. ער האָט געפרעגט פון דאָס ניי:

— קען איך אייך מאָרגען טרעפען אין פּאַרק מאָנסאָ?

זי האָט אַרונטערגענומען די האַנד פון איהר פּנים, וועלכער איז געווען בלייך און צוקרימט פאַר מורא'דיגע יסורים, האָט זיך אַ קעהר געטהאָן צו איהם און געזאָגט אין אָבגעריסענע זאַצען:

— לאָזט מיך... לאָזט מיך איצט אָב... געהט... געהט... נור אויף פינף מינוטען... איך לייד צופיעל נעבען אייך... איך וויל בעטען... איך קען ניט... לאָזט מיך גאָט בעטען... אז ער זאָל מיר פערגעבען, לאָזט מיך בעטען... אליין... אז ער זאָל מיר רעטען... לאָזט מיר נור אויף פינף מינוטען...

איהר פּנים איז געווען אַזוי צוקרימט און האָט אויסגעדריקט אַזוי פיעל שמערצען, דאָס ער איז אויפגעשטאַנען ניט רעדענדיג אַ וואָרט. דאַן נאָך אַ קורצען נאָכדענקען האָט ער געזאָגט:

— איך קום באַלד ווידער.

זי האָט אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ, ווי זי וואָלט וועלען זאָגען: יאָ, שפּעטער. און ער האָט גענומען שפּרייסען איבער דער קירכע צום כאָר צו.

דאַן האָט זי געפּרובירט בעטען. זי האָט איבערגעוואָלד אָנ־געטהאָן אויף זיך אַ כח גאָט צו בעטען און ניט טראַכטען פון דעם מענשען צו וועלכען איהר קערפּער האָט זיך אַזוי געריסען. און מיט אַ פערצווייפעלטער נשמה האָט זי זיך ביי גאָט געבעטען ער זאָל איהר העלפען, ער זאָל זי שטאַרקען. זי האָט קראַמפּפהאַפט די אויגען צוגעמאַכט, אום ניט צו זעהן מעהר דעם, וועלכער איז נור

וואס פון איהר אוועק. זי האט איהם פערטריבען פון איהרע גע־דאנקען, זי האט זיך געוועהרט געגען איהם מיט אלע איהרע קרעפטען, אבער אנשטאדט דער ערוואַרטעטער הימעלשער הילף, נאך וועלכער זי האט זיך געווענדעט אין דער אנגסט און נויט פון איהר צוריסענעם הארצען, האט זי אליין געזעהן נור די ארויפ־געדרעהטע וואנצעס פון דעם יונגען מאן פאר איהרע אויגען.

זייט א יאהר האט זי אזוי געקעמפּפט געגען זיין בילד, וואס האט זי פערפאלגט אין איהרע טרוימען, האט זי אויפגערעגט און דעם שלאף פון איהר געטריבען. זי האט זיך געפיהלט געפאנגען ווי א חיה אין א שטייג, אין קייטען געשמידט, בעהערשט און בעזיעגט דורך די שעהנע וואנצעס און דעם אויסדרוק אין זיינע אויגען.

און איצט האט זי זיך געפיהלט דא אין קירכע, אין גאט׳ס נאהנטקייט נאך שוואכער, פערלארענער, אונגליקליכער, ווי ביי זיך אין דער היים. זי האט מעהר ניט געקענט בעטען, זי האט נור געקענט טראכטען וועגען איהם. זי האט שוין איצט געליטען דערפון, וואס ער איז אוועקגעגאנגען. אבער זי האט זיך פער־צווייפעלט געוועהרט, ניט געוואלט נאכגעבען און מיט דער גאנצער קראפט פון איהר נשמה האט זי גערופען נאך הילף. זי, וועלכע האט נאך קיין מאל ניט געטהאן קיין שלעכטען טריט, וואלט בעסער וועלען שטארבען, איידער אזוי צו פאלען. זי האט געמורמעלט פערצווייפעלטע געבעטען, אבער אין דערזעלבער צייט האט זי זיך צוגעהערט צו זשארזש׳ס טריט, וועלכע האבען איצט אבגע־הילכט פון ווייטען אין דעם גרויסען רוים.

זי האט געפיהלט, אז אלעס איז אויס, דער קאמפף איז אומזיסט. אבער זי האט ניט געוואלט נאכגעבען. און זי האט געקריגען איינעם פון יענע נערוועזע אנפאלען, אין וועלכע די פרויען ציטערען און שרייען און ווארפען זיך אין ווילדע קרעמפּפען איבער דער ערד ארום. אלע גלידער האבען זיך ביי איהר געטרייסעלט, זי האט געפיהלט, אז זי וועט פאלען און וועט מיט ווילדע קולות זיך נעהמען קייקלען אויף דער ערד צווישען די בײנק.

אימיצער איז צוגעקומען מיט שנעלע טריט. זי האט א קעהר געטהאן דעם קאפ, עס איז געווען דער פריסטער. דאן האט זי זיך אויפגעהויבען, האט זיך אווארף געטהאן צו איהם, אויסגעשטרעקט איהרע צוזאמענגעלייגטע הענד און געשטאמעלט:

— אך, ראטעוועט מיך! ראטעוועט מיך!

ער איז געבליעבען שטעהן ערשטוינט:

— וואס קען איך פאר אייך טהאן?

ער איז געווען א הויכער יונגער מאן, עטוואס דיק, מיט פולע אראבהענגענדיגע באקען, וועלכע האבען געהאט א דונקעלען גלאנץ, ווייל ער האט זיך זעהר ריין געראזירט, א שעהנער שטאדטישער פריסטער פון א רייכען קווארטאל, וועלכער איז געוואהנט געווען זעהן רייכע בעזוכער.

— איך וויל פאר אייך זיך מתודה זיין, און דאן גיט מיר אן עצה, שטיצט מיך, זאגט מיר, וואס איך זאל טהאן?

ער האט געענטפערט:

— יעדען שבת פון דריי ביז זעקס אזייגער נעהם איך אויף מענשען וואס זיינען זיך מתודה פאר מיר.

אבער זי האט איהם א כאפ געטהאן פאר'ן ארעם, איהם געדריקט און געשטאמעלט:

— ניין, ניין, ניין, גלייך, גלייך! דאס מוז גלייך געשעהן! ער איז דא! דא אין קירכע! ערווארט אויף מיר!

דער פריסטער האט געפרעגט:

— ווער ווארט אויף אייך?

— א מאן... וועלכער וועט מיך רואינירען... וועלכער וועט מיך פערשלעפען אין זיין נעץ, ווען איהר וועט מיך ניט ראטעווען... איך קען מעהר פון איהם ניט אנטלויפען... איך בין צו שוואך!... צו שוואך! אזוי מורא'דיג שוואך!

זי האט זיך ארונטערגעלאזען צו זיינע פיס און געשלוכצעט:

— האט מיטלייד מיט מיר, מיין פאטער, ראטעוועט מיך, אין גאטעס נאמען, ראטעוועט מיך!

זי האט איהם געהאלטען פעסט פאר זיין שווארצען פריסטער־מאנטעל, אזוי, דאס ער האט זיך ניט געקענט פון איהר אבךייסען. ער האט זיך ארומגעקוקט צושראקען אין אלע זייטען, טאמער געפינט זיך ניט וואו עס איז אן אונגלויביגעס אדער פרומע אויג, וועלכע האט די דאזיגע פרוי געזעהן צו זיינע פיס.

צום סוף האט ער איינגעזעהן, אז ער וועט זיך שוין פון איהר נים קענען ארויסדרעהען און ער האט געזאגט:

— שטעהט אויף. איך האב צופעליג ביי זיך דעם שליסעל פון דעם בייכט־קאמער.

ער האט א טאפ געטהאן אין קעשענע, ארויסגעצויגען א רינג שליסעלאך, אויסגעקליבען א שליסעל און איז אוועק מיט שנעלע טריט צו איינעם פון די קליינע הילצערנע שטיבלאך, אין וועלכע די גלויביגע ווארפען פון זיך אראב די זינד.

ער איז אריין דורך דער מיטעל־טהיר און א פערשלאסענע הינ־טער זיך, און פרוי וואלטער, וועלכע האט זיך אין דעם ענגען קעמערעל ארונטערגעלאזט אויף די קניה, האט געשטאמעלט מיט ליידענשאפטליכע האפנונג:

— בענשט מיך, מיין פאטער, איך האב געזינדיגט!...

דו־ראי איז ארומגעגאנגען ארום און ארום דער קירכע. ווען ער איז געשטאנען אין רעכטען מיטען, האט ער ווידער בעגעגענט דעם דיקען הערר מיט דעם פליך, וועלכער איז מיט רוהיגע טריט זיך געגאנגען זיין וועג, און ער האט זיך געפרעגט: וואס זוכט דא יענער חברה מאן?

דער שפאציער־געהער האט איינגעהאלטען זיינע טריט און אנגעקוקט דו־ראי'ן מיט אזא מינע, אז וועלכער עס איז קאנטיג געוועזן, אז ער וויל פערפיהרען מיט איהם א געשפרעך. ווען ער איז צוגעגאנגען צו איהם זעהר נאהענט, האט ער זיך פערנייגט און געזאגט זעהר העפליך:

— ענטשולדיגט, אויב איך שטער אייך, אבער קענט איהר

מיר אפשר זאגען, אין וועלכער צייט די דאָזיגע קירכע איז געבויט געוואָרען?

דו־ראַי האָט געענטפערט:

— דאָס ווייס איך אליין אויך ניט. איך דענק, א יאָהר צוואנציג אָדער פינף און צוואנציג צוריק. איך בין דאָ אויך צום ערשטען מאָל.

— איך אויך. איך האָב די קירכע פריהער קיינמאָל ניט געזעהן.

דאָ האָט זיך דער זשורנאליסט פּעראינטערעסירט און געזאָגט:

— עס שיינט, אז איהר בעטראַכט זי גאַנץ גענוי. הפּנים, איהר ווילט בעקאַנט ווערען מיט איהרע איינצעלהייטען.

דער אנדערער האָט געענטפערט:

— ניין, איהר האָט א טעות, איך בעטראַכט זי ניט. איך וואַרט דאָ אויף מיין פרוי, מיר האָבען אבגערעדט זיך דאָ צו טרעפען, אָבער זי האָט זיך פערשפּעטיגט.

ער איז אנשוויגען געוואָרען און אין א פּאָאַר סעקונדען ארום האָט ער ווידער אָנגעהויבען:

— עס איז מורא'דיג הייס אין דרויסען.

דו־ראַי האָט איהם בעטראַכט. איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אז ער זעהט אויס גאַנץ גוטמוטהיג און פּלוצים האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער איז עהנליך צו פאָרעסטיע'ן.

— זייט איהר פון דער פּראָווינץ? — האָט ער געפרעגט.

— יא, אוים רעננעס. און איהר? מעג איך פרעגען, אויב איהר זייט נור אוים נייגעריגקייט געקומען אין קירכע?

— ניין, איך ערוואַרט א דאַמע.

דער זשורנאליסט האָט זיך פערנויגט און איז אוועק שמייכעלענדיג. ווען ער איז ווידער צוגעקומען צום הויפּט ארייננאַנג, האָט ער ווידער אמאָל דערזעהן די אָרימע פרוי, וועלכע האָט נאָך אַלץ געקניעט און געבעטען, און ער האָט א טראַכט געטהאָן: צום טייפעל, די איז אָבער פרום! איצט האָט זי שוין אויף איהם קיין

איינדרוק ניט געמאַכט און ער האָט אויף איהר מעהר קיין רחמנות ניט געהאַט.

ער איז לאַנגזאַם פערבייגעגאַנגען און זיך גענומען רעכטס, אום צו טרעפען פרוי וואַלטער.

פון ווייטען האָט ער געזוכט דעם פּלאַץ, וואו ער האָט זי פערלאָזען און זיך געוואונדערט, וואָס ער זעהט זי ניט. ער האָט זיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטען. זי איז הפּנים אוועקגעגאַנגען! ער איז געוועזן זעהר ערשטוינט און אויסער זיך פאַר כעס. דאַן האָט ער זיך איינגערעדט, אַז זי זוכט איהם, און ער האָט נאָך אַמאָל גענומען געהן ארום און ארום דער קירכע. אַבער ווען ער האָט זי ניט געפונען, האָט ער זיך צוריק אומגעקעהרט צו דער באַנק, וואו ער האָט זי פערלאָזען, אין דער האָפנונג, אַז זי וועט קומען צוריק אהין. ער האָט זיך געזעצט און גענומען וואַרטען.

באַלד האָט אַ שטיל געמורמעל צוגעצויגען זיין אויפמערקזאַמקייט. ער האָט קיינעם ניט געזעהן אין יענעם ווינקעל פון דער קירכע, טאָ פון וואַנען זיינען אַלזאָ געקומען די דאָזיגע מורמלען?... ער איז אויפגעשטאַנען אַ קוק צו טהאָן וואָס דאָס איז, און ער האָט בעמערקט אַז הינטער דער טהיר פון דער בייכט־קאַמער קוקט ארויס אַ שטיק פון אַ קלייד. ער איז צוגעגאַנגען אַ קוק טהאָן אויף דער פרוי; ער האָט זי גלייך דערקענט. זי האָט זיך מתודה געוועזן.

ער האָט געהאַט אַ פערלאַנג זי אַ שלעפּ צו טהאָן פאַר די שולטערן און ארויסרייסען זי פון יענעם שטיבעל. אַבער דאַן האָט ער אַ טראַכט געטהאָן:

— אַך, וואָס מאַכט עס אויס, היינט איז דעם פּריסטער'ס טאָג, מאָרגען איז מיינער.

און ער האָט זיך רוהיג אוועקגעזעצט אַנטקעגען דער טהיר פון'ם בייכט־קאַמער און שטיל געוואַרט, לאַכענדיג ביי זיך אין האַרצען איבער דער גאַנצער פּאַסירונג.

לאנג האט ער אויף איהר געלויערט. צום סוף איז פרוי וואלטער ארויסגעקומען, האט איהם דערזעהן און איז צו איהם צוגעגאנגען. זי האט געהאט קאלטע, שטרענגע אויגען און האט געזאגט:

— איך בעט אייך, איהר זאלט מיך ניט בעגלייטען, איהר זאלט מיך ניט פערפאלגען און קיינמאל מיך ניט בעזוכען, ווען איך בין אליין. איך וועל אייך ניט אויפנעהמען. אדיע!

און זי איז אוועק מיט א מינע פול ווירדע.

ער האט זי געלאזט אוועקגעהן, ווייל אויס פרינציפ האט ער קיינמאל קיין זאך ניט גענומען מיט געוואלד. אבער ווען דער פריסטער איז דערנאך אליין עטוואס פערלעגען ארויסגעגאנגען פון זיין בעהעלטעניש, איז דו־ראי צוגעקומען גלייך צו איהם, האט איהם אריינגעקוקט אין די אויגען און אויסגערופען איהם אין פנים אריין:

— ווען איהר זאלט ניט האבען אויף זיך אט דעם דאזיגען ראק, וואלט איך צופראסקעט אייער נארישען פנים.

דאן האט ער זיך א דרעה געטהאן אויפ'ן קארעק און פייפענדיג פערלאזען די קירכע.

ביים ארויסגאנג איז נאך געשטאנען דער דיקער הערר מיט דער הוט אויפ'ן קאפ און די הענד נאך אלץ אויפ'ן רוקען פערלייגט. ער איז מיעד געווארען צו ווארטען און ער האט ארויסגעקוקט אויף דעם ברייטען פלאץ און אויף אלע גאסען, וועלכע זיינען זיך דארט צוזאמענגעקומען.

ווען דו־ראי איז פערבייגעגאנגען, האבען זיי זיך בעגריסט.

אזוי ווי ער האט ניט געהאט וואס צו טהאן, איז ער אוועק אין דער רעדאקציאן פון דאס „פראנצויזישען לעבען".

ווי ער איז נאר אריין, האט ער נאך דער פערהאוועטער מינע פון די מיטארבייטער דערזעהן, אז עטוואס אויסערגעוועהנליכעס האט דא פאסירט, און ער איז שנעל אוועק צום שעף.

דער אלטער וואלטער איז געשטאנען א נערוועזער, האט דיקטירט אן ארטיקעל אין אבגעהאקטע זאצען און, אין צווישען, אויך

געגעבען געוויסע אינסטרוקציאָנען צו די רעפּארטערס, וועלכע האָבען איהם ארומגערינגעלט.

ווען דו־ראי איז אריינגעקומען, האָט דער שעף אויסגערופען מיט פרייד אין קול:

— אָט איז דער שעהנער פריינד! ער קומט פּונקט אין צייט.

ער האָט זיך אבגעשטעלט עטוואס פערלעגען און זיך ענט־שולדיגט:

— ענטשולדיגט, וואָס איך האָב אייך אזוי גערופען, אָבער איך בין זעהר אויפגערעגט פון די פּאסירונגען און דאן העך איך נור פאר איינס, ווי מיין פרוי און מיינע טעכטער רופען אייך פון פריה ביז שפּעט רק „שעהנער פריינד" און אויף אזא אופן געוועהנט מען זיך צו צו דעם דאָזיגען נאָמען. איהר האָט דערפאר ניט קיין פעראיבעל, ניט אמת?

זשארזש האָט געלאכט:

— ניין, ניין, דאָס צונעמעניש בעליידיגט מיך ניט.

דער אלטער וואלטער האָט אָנגעהויבען איבער א נייעס:

— זעהר שעהן, דאן וועל איך אייך רופען שעהנער פריינד, ווי די גאנצע וועלט. אלזא, שטעלט זיך פאר, עס האבען פּאסירט גרויסע עראייגניסע. דאָס מיניסטעריום איז געפאלען, איצט קומט אונזער צייט. לאראש מאטיע ווערט מיניסטער. און אונזער צייטונג ווערט אַן אָפיציעלער אָרגאַן. איך האָב נאָר וואָס געמאַכט א לייט־ארטיקעל. איך ערקלעהר נור אונזערע פּרינציפּען און וויוז די מיני־סטאָרען זייער וועג.

ער האָט א שמייכעל געטהאָן און ווייטער גערעדט:

— דעם וועג, וועלכען זיי וועלען געהן, נאַטירליך! אָבער איך מוז האָבען עפּעס אינטערעסאנטעס איבער מאראָקאָ, עפּעס אן אר־טיקעל, וואָס זאָל מאכען א סענסאציאָן! און דאָס מוזט איהר מיר פערשאפען.

דו־ראי האָט א ווייל׳ע געטראכט און דערנאָך געענטפערט:

— איך האָב עס. איך גיעב אייך אן ארטיקעל איבער די פּאָליטישע לאגע פון אונזערע אפריקאנישע קאָלאָניעס. טונים לינקס, אלזשיר אין מיטען, מאראָקאָ רעכטס. א געשיכטליכען איבער־בליק איבער די ראסען, וועלכע בעוואָהנען די דאָזיגע ווייטע געגענ־דען און א בעריכט איבער א רייזע אויף די מאראקאָ׳ר גרענעצען ביז צום גרויסען אינזעל, וואהין קיין פוס פון קיין אייראפּעער האָט נאָך ניט איינגעדרונגען און וועלכער האָט איצט געפיהרט צום קאָנ־פליקט אין מיניסטעריום. געפעלט עס אייך?

דער אלטער וואלטער האָט אויסגערופען:

— גוט! גוט! און ווי זאָל ער הייסען?

— פון טונים קיין טאנזשער!

— אויסגעצייכענט!

און דו־ראי האָט צווישען די אלטע נומערן פון דאָס „פראנצוי־זישען לעבען" אויפגעזוכט זיין ערשטען ארטיקעל „ערא־ינערונגען פון אן אפריקאנישע יעגער". דער דאָזיגער ארטיקעל, אונטער אן אנדער נאָמען און אביסעלע אַ פּוץ געטהאן, וועט זיך אויסגע־צייכענט פּאסען ווייל אין איהם איז געוועזן די רייד פון קאָלאָניאל פּאָליטיק, פון דער בעפעלקערונג אין אלזשיר און פון רייזע אין דער פּראווינץ אראַן. אין דריי פיערטעל שעה איז די גאנצע געשיכטע איבערגעארבייט געווארען, צוגעגעבען עטליכע פרישע פּונקטען און אַ פּאָאר לויב־ווערטער פאר דאָס נייע מיניסטעריום.

ווען דער שעף האָט איבערגעלעזען דעם ארטיקעל, האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז אויסגעצייכענט! אויסגעצייכענט! אויסגעציי־כענט! איהר זייט אַ וואוילער יונג! איהר האָט מיין רעספּעקט!

און דו־ראי איז אוועק אהיים עסען, זעהר בעפריעדיגט פון היינ־טיגען טאָג, טראָץ זיין ניעדערלאגע אין דער קירכע, דען ער האָט געפיהלט, אז ער האָט טראצדעם געוואונען.

זיין פרוי האָט איהם ערוואַרטעט אין פיעבערהאַפטע אויפרעגונג און זי האָט אויסגערופען, ווי נור זי האָט איהם דערזעהן:

— דו ווייסט, לאַראַש איז געוואָרען מיניסטער?

— יאַ, איך האָב שוין צוליעב דעם געמאַכט אַן אַרטיקעל איבער אַלזשיר.

— וואָס הייסט?

— דו קענסט דעם אַרטיקעל. דער ערשטער, וואָס מיר האָבען צוזאַמען געשריבען: „ערינערונגען פון אַן אַפריקאַנישען יעגער". איך האָב איהם איצט דורכגעזעהן און איבערגעאַרבייט.

זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן און געזאָגט:

— יאַ, דאָס פּאַסט דאָך איצט אויסגעצייכענט!

און נאַכגעטראַכט אַ ווייל'ע האָט זי ווידער געזאָגט:

— איך דענק וועגען דער פאָרטזעצונג, וועלכע דו האָסט דאַמאָלט געוואָלט שרייבען און פון וועלכער... עס איז גאָרנישט געוואָרען. איצט קענען מיר זיך ווידער נעהמען דערצו. דערפון קען אַרויסקומען אַ גאַנצע רייהע זעהר גוטע אַרטיקלען.

ער האָט געענטפערט, זעצענדיג זיך צום טיש:

— זעהר ריכטיג, איצט שטעהט קיינער ניט אין וועג, ווייל פּאָרעסטיע, דער בעטראָגענער, האָט דאָך שוין קראַפּירט.

זי האָט זיך היציג אַ כאַפּ געטהאָן און געענטפערט מיט אַ קאַלטען בעליידיגטען טאָן:

— דיין שפּאַס האָט מיך דערעסען און איך בעט דיר, זאָלסטו מיך לאָזען צופריעדען. דו האָסט זיך לאַנג גענוג געוויצעלט.

ער האָט געוואָלט ענטפערען איראָניש, ווען מען האָט איהם געבראַכט אַ טעלעגראַמע אָהן אַן אונטערשריפט, וועלכע האָט ענטהאַלטען בלויז איין זאַץ: „איך האָב פערלאָרען דעם קאָפּ. פערצייהעט מיר און קומט מאָרגען אום פיער אַזייגער אין פּאַרק מאָנסאָ".

ער האָט פערשטאַנען און אַ גליקליכער האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי, וועהרענד ער האָט דאָס טעלעגראַמע בעהאַלטען:

— איך וועל דאס מעהר ניט טהאן, מיין ליעבע, איך זעה איין אז עס איז דום.

און ער האט גענומען עסען. וועהרענד ער האט געגעסען, האט ער שטיל פאר זיך איבערגערעדט די ווערטער:

„איך האב אין גאנצען דעם ־אפּ פערלארען. פערצייהעט מיר און קומט מארגען אום פיער אין פארק מאָנסאָ".

זי איז געווען בעזיעגט, דען דאס האָט געמיינט דאס־זעלבע ווי:

— איך גיב זיך אונטער. איך געהער אייך ווען און וואו איהר ווילט. —

ער האט גענומען לאכען.

מאגדאלענע האט געפרעגט:

— וואס איז דען געשעהן?

— עט, גארנישט. איך האָב געטראכט וועגען אַ פריסטער, וועלכען איך האב פריהער בעגעגענט און וועלכער האט אויסגעזעהן זעהר לעבערליך.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז דו־ראי געקומען פינקטליך צום ראנדע־וואו.

אויף אלע בענק פון פארק זיינען געזעסען מענשען און זיך געזוכט צו בעהאלטען פון דער שטיקענדע היץ, און נאכלעסיגע קינדער־מיידלאך זיינען דארט געזעסען און געטרוימט וועהרענד די קינדער האבען זיך געשפּיעלט אויפ'ן וועג אין זאמד.

ער האט געפונען פרוי וואלטער אין דער קליינער רואינע, וואו אַ קוואל האָט געפליעסטשעט. מיט אַן אונגליקליכען, אונזיכערען אויסזעהן האָט זי ארומגעשפּאצירט ארום יענעם פּלאַץ.

אזוי שנעל ווי ער האָט איהר בעגריסט האָט זי געזאגט:

— אך, וויפיעל מענשען דא זיינען ארום!

ער האט בענוצט די געלעגענהייט און געזאגט:

— יא דאס איז אמת, טאמער וואלטען מיר געגאנגען ערגעץ אנדערש וואו?

— אבער וואוהין?

— מיר וועלען שוין געפינען וואוהין! מיר וועלען נעהמען א קארעטע און ארונטערציהען די פארהאנגען, דאן וועט אייך קיינער ניט זעהן.

— יא, דאס וואלט געווען בעסער. איך שטארב פון שרעק.

— גוט — האט געזאגט דו־ראי — קומט ארויס אין פינף מי־נוטען ארום מיט דעם ארויסגאנג, וואס פיהרט צום בולוואר צו, דארט וועל איך ברענגען א דראשקע.

און ער איז אוועקגעלאפען.

ווי נור זיי האבען זיך ווידער געטראפען אין דער קארעטע מיט די ארונטערגעלאזענע פארהאנגען, האט זי געפרעגט:

— וואס האט איהר דעם קוטשער געזאגט? וואוהין זאל ער פאהרען?

זשארזש האט געענטפערט:

— זארגט זיך ניט וועגען דעם, ער ווייס שוין וואס צו טהאן.

ער האט דעם קוטשער געגעבען דעם אדרעס פון זיין וואהנונג אויף דער רו דע־קאנסטאנטינאפאל.

זי האט זיך אנגערופען:

— איהר קענט זיך ניט פארשטעלען, ווי איך לייד צוליעב אייך, ווי דאס אלעס קוועלט און פייניגט מיך. איך בין געסטערן געווען הארט אנטקעגען אייך אין קירכע, אבער איך האב געוואלט אנט־לויפען פון אייך, אנטלויפען אום יעדען פרייז, איך האב אזוי מורא געהאט צו בלייבען מיט אייך אליין. האט איהר מיר פערגעבען?

ער האט גענומען איהר האנד און געזאגט:

— יא, ווי זאל איך אייך ניט פערגעבען, ווען איך ליעב אייך אזוי שטארק.

זי האט איהם אנגעקוקט מיט געבעט:

— אבער הערט אויס, שאנעוועט מיך. האט מיטלייד מיט מיר. איהר דארפט ניט... איהר דארפט ניט... אז ניט וועל איך אייך ניט קאנען מעהר זעהן.

צוערשט האט ער ניט געענטפערט, נור אויף זיינע ליפּען האט יענער שמייכעל געשפּיעלט, וועלכער האט אלע פרויען געוואונען, און צולעצט האט ער ארויסגעפליסטערט:

— איך בין אייער שקלאף.

דא האט זי איהם גענומען דערצעהלען, ווי זי האט בעמערקט, אז זי ליעבט איהם. דאס איז געווען, ווען זי האט געהערט, אז ער הייראט מיט מאגדאלענע פארעסטיע. זי האט דערצעהלט אלע איינצעלהייטען, ווי דאס איז געשעהן און ווי אזוי.

פּלוצים איז זי אנשוויגען געווארען. די דראשקע האט זיך אבגעשטעלט, דער־ראי האט געעפענט די טהיר.

— וואו זיינען מיר? האט זי געפרעגט.

ער האט געענטפערט.

— קומט ארויס, און געהט אין דאס דאזיגע הויז, דא וועט אונז קיינער ניט שטערען.

— אבער וואו זיינען מיר?

— ביי מיר! דאס איז מיין בחור'שע וואוינונג, וועלכע איך האב געדונגען... אויף א פּאר טעג בלויז... אום אז מיר זאלען האבען א ווינקעל, וואו מיר זאלען זיך קאנען זעהן.

זי האט זיך איינגעקלאמערט אין די פּאלסטער פון דער קארעטע, אויסער זיך ביי דעם געדאנק, אז זי וועט דא זיין מיט איהם איינע אליין און זי האט געשטאמעלט: — ניין, ניין! איך וויל ניט! איך וויל ניט!

ער האט געזאגט מיט א איבערצייגענדען טאן:

— איך שווער אייך, אז איך וועל אייך גארנישט טהאן, קומט, מען קוקט זיך אויף אונז ארום. עס ווערט באלד ווערען א געזעמעל. שנעל! שנעל! קומט ארויס.

און ער האט ווידער צוגעלייגט:

— איך שווער, אז איך וועל אייך גארנישט טהאן.

א וויין־הענדלער האט זיך געשטעלט פאר זיין טיר און זיי אויפמערקזאם בעטראכט. א שרעק איז אויף איהר אנגעפאלען און

זי איז אריינגעלאפען אין הויז. זי האט געוואלט ארויפגעהן אויף די טרעפ. ער האט זי צוריקגעהאלטען פאר'ן ארעם.

— אט דא אונטען איז עס!

ער האט זי אריינגעשטופט אין זיין וואהנונג.

און ווי נור ער האט פערשלאסען די טהיר, האט ער זי א כאפ געטהאן ווי א רויב־טיער. זי האט זיך געוועהרט, געקעמפפט און געשטאמעלט:

— אך, מיין גאט! מיין גאט!

ער האט איהר ווילד געקושט די האלז, די ליפען, די אויגען, און זי האט זיך בשום אופן ניט געקענט ארויסרייסען פון זיינע הייסע לאסקעס.

און וועהרענד זי האט איהם צוריקגעשטויסען און זיין מויל אויסגעווייכט, האט זי ניט ווילענדיג איהם זיינע קושען צו־ריק געגעבען. פלוצים האט זי זיך אויפגעהערט צו וועהרען און א בעזיעגטע זיך געלאזען אויסטהאן. געשיקט און שנעל, מיט א לייכ־טער האנד, ווי א קאמער־מיידעל, האט ער איהר ארונטערגעשלעפט די זאכען איינע נאך דער אנדערער. זי האט פון איהם ארויסגע־ריסען די קאפטע אום צו בעהאלטען אין דעם איהר פנים און איז געבליעבען שטעהן אזוי אין גאנצען א ווייסע, איז מיטען פון איהרע קליידער, וועלכע זיינען געלעגען איהר צו די פיס. ער האט איהר געלאזען אין די שיך און זי אויף די הענד אוועקגעטראגען צום בעט. דא האט זי איהם גענומען פליסטערען אין אויער מיט א געבראכענע שטימע:

— איך שווער אייך... איך שווער אייך... איך האב קיין מאל ניט געהאט קיין געליעבטען—אט א שטייגער ווי א יונגע מיידעל וואלט געזאגט: „איך שווער אייך, איך בין ריין און אונשולדיג".

און ער האט געטראכט: „א גרויסע דאגה איז מיר צו דו האסט געהאט געליעבטע צו ניט!

5

עס איז געווארען הערבסט. די דר־ראי'ס זיינען א גאנצען זומער געבליעבען אין פאריז און האבען אין דאס „פראנצויזישען לעבען" געפיהרט אן ענערגישען קאמפף צו גונסטען דעם נייעם מיניסטעריום קאבינעט.

הגם עס איז ערשט געווען אקטאבער, האבען די זיצונגען אין מיניסטעריום זיך געזאלט גלייך אנפאנגען, ווייל די אנגעלעגענהייטען אין מאראקא האבען אנגענומען א בייזען כאראקטער.

די בעריהמטע רעדע פון גראף דע לאמבערט סאראציין האט געגעבען מאטעריאל פאר צעהן ארטיקלען איבער דער קאלאניע אין אלזשיר. דאס „פראנצויזישע לעבען" האט געוואונען א גרויסען איינפלוס א דאנק איהר בעציהונג צו די מאכט־האבער. זי איז געווען די ערשטע צו ברייננען פאליטישע נייעס און אלע איבעריגע בלעטער אין פאריז און אויף דער פראווינץ האבען געזוכט ביי איהר זייערע נייעס. מען האט זי געהאלטען אין איין ציטירען, מען האט פאר איהר מורא געהאט און זי אנגעהויבען צו אכטען.

איצט איז עס שוין מעהר ניט געווען דער צווייפעלהאפטער ארגאן פון א גרופע פאליטישע אינטריגאנטען, נור דער אפיציעלער ארגאן פון דער רעגירונג.

לאראש־מאטיע איז געווען די נשמה פון דער צייטונג און דר־ראי האט געשריעבען, וואס יענער האט געהייסען. דער אלטער וואלטער האט זיך צוריקגעצויגען אין הינטער־גרונד.

מאגדאלענע'ס סאלאן איז געווארען א איינפלוסרייכער מיטעל־פונקט, אין וועלכען א סך מיטגליעדער פונ'ם קאבינעט האבען זיך געטראפען יעדע וואך. זאגאר דער מיניסטער־פרעזידענט האט צוויי מאל ביי איהר געגעסען, און די פרויען פון די שטאטסמענער, וועלכע האבען פריהער זיך געקווינקעלט איהר שוועל אריבערצו

טרעטען, האבען זיך איצט בעריהמט מיט איהר פריינדשאפט און זי בעזוכט עפטער, ווי מאגדאלענע האט געקענט געהן צו זיי.

דער מיניסטער פון אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען איז ביי דו־ראים געווען ווי ביי זיך אין דער היים. ער איז געקומען צו יעדער צייט, געבראכט טעלעגראמען, אויסקינפטע, נאכריכטען, וועל־כע ער האט דיקטירט אדער דעם מאן, אדער דער פרוי, ווי זיי וואלטען געווען זיינע סעקרעטארן.

און ווען דער מיניסטער איז דערנאך אוועק און דו־ראי איז גע־בליבען אליין מיט מאגדאלענע'ן, איז ער געווען אויסער זיך פאר כעס און האט געסטראשעט און פערדעכטיגט דעם דאזיגען מיטעל־מעסיגען „פארוועניו", ווי ער האט איהם גערופען.

אבער זי האט מיט פול פעראכטונג געדריקט מיט די אקסלען און געזאגט:

— טהו איהם נאך! ווער אויך א מיניסטער און דאן קענסטו ריידען, אבער ביז דאן זיי גאנץ שטיל!

ער האט געדרעהט זיינע וואנצעס און זי אנגעקוקט פון דער זייט:

— ווער ווייס וואס איך וועל נאך א מאל ווערען? אין איין שעהנעם טאג וועט מען אויסגעפינען!

זי האט געענטפערט פילאזאפיש:

— אז מיר וועלען לעבען, וועלען מיר זעהן!

אין דעם פריה־מארגען, ווען דער קאבינעט האט זיך געזאלט עפענען, איז מאגדאלענא נאך געלעגען אין בעט און געהאט געגע־בען איהר מאן אלערליי אויפטרעגע, ווערהענד יענער האט זיך אנגעטהאן, אום צו פריהשטיקען ביי לאראש־מאטיע. ער האט געוואלט נאך פאר דער זיצונג וויסען געוויסע פונקטען, אום זיי צו געברויכען אין זיין לייט ארטיקעל פאר דעם מארגענדיגען נומער „פראנצויזישע לעבען". דער דאזיגער ארטיקעל האט געזאלט זיין א מין אפיציעלע פראגראם פון דעם נייעם קאבינעט.

מאגדאלענע האט געזאגט:

— פריהער פאר אלעם פערגעס ניט צו פרעגען, אויב דער גע־נעראל בעללאנקלע וועט געשיקט ווערען קיין אראן. מען האט פריהער וועגען דעם גערעדט. דאס איז זעהר וויכטיג.

זשארזש האט געענטפערט נערוועז:

— איך וויים דאך פונקט אזוי גוט ווי דו, וואס איך האב צו טהאן. לאז מיך ענדליך צופריעדען! אימער לערנסטו מיך!

זי האט רוהיג אנגערופען:

— ליעבער פריינד, דו פערגעסט אימער א העלפט פון אלע אויפטרעגע וואס איך גיב דיר פאר דעם מיניסטער.

ער האט געברומט:

— אך, דיין מיניסטער הויבט מיר אן צו דערעסען!

זי האט געזאגט רוהיג:

— ער איז גראדע אזוי גוט דיין מיניסטער, ווי מיינער: יע־דענפאלס איז ער דיר ניצליכער ווי מיר.

ער האט זיך א קעהר געטהאן צו איהר און געשמייכעלט:

— אין מיר איז ער ניט פערליעבט און מיר מאכט ער ניט קיין קאמפלימענטען.

זי האט ערקלעהרט לאנגזאם:

— מיר אויך ניט! אבער אונזער גליק מאכט ער יא.

ער האט געשוויגען, דאן אין א מינוט ארום האט ער זיך אנ־גערופען:

— ווייסטו, ווען איך זאל האבען אויסצוקלייבען צווישען דיינע פערהערער, דאן איז מיר דער אלטער וואדרעק נאך ליעבער. וואס מאכט ער, אויגענטליך? איך האב איהם זייט אכט טאג ניט גע־זעהן.

זי האט געענטפערט אהן אויפרעגונג:

— ער האט מיר געשריבען, ער ליעגט צום בעט. ער האט גע־האט אן אנפאל פון פאדאגרע. דו האסט אויגענטליך געקענט געהן איהם געוואהרווערען. דו ווייסט דאך, אז ער האט דיך ליעב. עס וועט איהם זיין אנגענעהם.

זשאַרזש האָט געענטפערט:

— געוויס, איך וועל שפּעטער אַריינגעהן צו איהם.

ער איז פערטיג געוואָרען מיט'ן אָנטהאָן זיך און גענומען די הוט. דאַן איז ער צוגעגאַנגען צום בעט און אַ קוש געטהאָן זיין פרוי אין שטערען:

— צום ווידערזעהן, מיין ליעבע, איך קען פאַר זיעבען אַ זייגער ניט זיין צוריק אין דער היים, — און ער איז אַוועק.

לאַראָש מאַטיע האָט איהם ערוואַרטעט. אין יענעם טאָג האָט ער געפּריהשטיקט אום צעהן אוהר. די זיצונג אין מיניסטעריום האָט זיך געזאָלט עפענען אום צוועלף.

אַזוי שנעל ווי זיי האָבען זיך געזעצט צום טיש, האָט דו־ראָי גענומען ריידען פון זיין אַרטיקעל. ער האָט איהם דערצעהלט דעם אינהאַלט נאָך די נאָטיצען, וואָס ער האָט זיך געמאַכט אויף אַ וויזיט־קאַרטע. ווען ער איז פערטיג געוואָרען, האָט ער געפרעגט:

— איז נויטהיג עטוואָס צו ענדערען, העררר מיניסטער?

— זעהר וועניג, ליעבער פריינד. פיליייכט זייט איהר איבער דער אַנגעלעגענהייט אין מאַראָקאָ צו פּאָזיטיוו. איהר קענט פון דער עקספּעדיציאָן ריידען, ווי זי וואָלט אונטערנומען געוואָרען; אָבער עס מוז דאָך אַרויסקלינגען, אַז זי וועט ניט אויסגעפיהרט ווערען, און אַז איהר גלויבט אַבסאָליוט ניט אין דעם. מאַכט עס אַז די לייטע זאָלען לעזען צווישען די שורות, אַז מיר האַלטען ניט דערפון.

— איך פערשטעה און איך וועל עס שוין מאַכען. איבריגעם האָט מיר מיין פרוי געהייסען אייך פרעגען, אויב גענעראַל בעל־לאַנקלע ווערט געשיקט נאָך אָראַן? נאָך דעם וואָס איהר האָט מיר איצט געזאָגט, דענק איך, אַז ניין.

דער שטאַאַטסמאַן האָט געענטפערט:

— ניין!

דאַן האָבען זיי גערעדט פון פּאָליטיק און לאַראָש־מאַטיע האָט איהם דערצעהלט פון זיינע פּלענער און די רעדען, וואָס ער האָט זיך

געקליבען צו האלטען אין פארלאמענט. אבער זשארזש, וועמען יערענ'ס ערפאלג האט געשטאכען ביים הארצען, האט געטראכט פאר זיך:

— רעד נור, רעד. איהר זייט גרויסע אידיאטען, איהר, העררען פאליטיקער.

און פערגלייכענדיג זיך אליין מיט דעם מיניסטער, דעם פלוי-דער-זאק, האט ער געזאגט צו זיך אליין:

— צום טייפעל, ווען איך זאל נור האבען הונדערט טויזענד פראנק, אום צו קאנען ארויסגעשטעלט ווערען אלס אבגעארדענטער פון מיין שעהנער היימאטה רוען און זאל מיינע בראווע, כיטרע, נארמאנישע לאנדסלייט אויסנוצען טראץ זייער שלייהייט! וואס פאר א שטאאטסמאן וואלט איך געווען אין פערגלייך מיט די דא-זיגע גארנישטען!

ביז צום קאפע האט לאראש-מאטיע ניט אויפגעהערט צו פלוי-דערען און ווען ער האט דערזעהן, אז עס איז געווארען שפעט, האט ער אנגעקלונגען און געהייסען דערלאנגען די קארעטע. ער האט אויסגעשטרעקט דורא'ין די האנד:

— ליעבער פריינד, מיר זיינען איינינ, ניט אמת?

— פאלשטענדיג, עקסעלענץ, איהר קענט זיך אויף מיר פער-לאזען!

און דורא'י איז לאנגזאם אוועק אין רעדאקציאן, צו שרייבען זיין ארטיקעל, וויל ביז פיער א זייגער האט ער גארנישט געהאט וואס צו טהאן. צו דיעזער צייט האט ער געזאלט טרעפען פרוי מארעל אין דער רו דע-קאנסטאנטינאפאל, וואו ער האט זי גע-זעהן רעגעלמעסיג צוויי מאל א וואך, מאנטאג און פרייטאג.

אבער ווען ער איז אריין אין דער רעדאקציאן, האט מען איהם דערלאנגט א שטאדטישע טעלעגראמע. עס איז געווען פון פרוי וואלטער און אין איהר איז געשטאנען:

„איך מוז אונבעדינגט היינט מיט דיר רעדען. עטוואס זעהר, זעהר וויכטיגעס. ערווארט מיר אום צוויי אוהר אין רו דע־קאָנ־סטאַטנינאָפּאָל. איך קען דיר ברענגען גרויסע נוצען.

געטריי ביז צום טויט ווירזשיניע.“

ער איז געוואָרען בייז:

— צום טייפעל! אזא אלטע שקאַפּע!...

און געוואָרען שלעכט אויפגערעגט, איז ער גלייך אוועק. אין אזא צושטאַנד האָט ער ניט געקענט ארביימען.

זייט זעקס וואָכען האָט ער זיך געמאַטערט פון איהר לויז צו ווערען און עס איז איהם בשום אופן ניט געלונגען. נאָך יענעם טאָג האָט זי געהאַט אַן אַנפאַל פון מורא'דיגע חרטה און די דריי מאָל וואָס זיי האָבען זיך נאָכדעם געטראָפען, האָט זי פערוואָר־פען איהר געליעבטען מיט פאַרווירפע און פלוכען. די דאָזיגע סצענעס האָבען איהם גערגערט און אויסער דעם האָט איהם די עלטערע, אלעם טראגיש נעהמענדע פרוי, לאַנג דערעסען. ער האָט זיך מעהר פאר איהר ניט געוויזען און געהאָפּט, אז אויף אזא אופן וועט צו זיין קורצע ליעבע נעהמען א סוף.

אָבער דאַן האָט זי זיך אויף איהם אָנגעהאָנגען מיט א פער־צווייפעלטע קראַפט און האָט זיך אריינגעוואָרפען אין זיינע אָרעמס ווי מען וואַרפט זיך אין וואסער מיט א שטיין אויפ'ן האלז. אוים שוואכקייט, אוים ליעבענסווירדיגקייט, אוים ריקזיכט האָט ער זיך אימער געלאָזען אריינכאַפּען און איצט האָט זי איהם פערוואָרפען מיט איהרע דערעסענדיגע צערטליכקייטען, האָט איהם פערפאָלגט מיט איהר ליעבע.

זי האָט איהם יעדען טאָג געוואָלט זעהן, אלע ווייל?ע איהם ארויסגערופען דורך א טעלעגראַם, אום פארבייגעהענדיג א קוק צו טהאָן אויף איהם אין א ראָג גאס, אין א קראָם אָדער אין פאַרק.

דאָרט האָט זי מיט די זעלבע ווערטער אימער ווידערהאָלט, אז זי פערעהרט, פערגעטערט איהם און האָט איהם פעלאָזען, שווערענ־

דיג, אז זי איז גאנץ גליקליך דערמיט אליין וואס זי האט איהם געזעהן.

זי האט זיך איהם געוויזען גאנץ אנדערש, ווי ער האט זי זיך פארגעשטעלט. זי האט זיך געסטארעט איהם צוציהען צו זיך מיט אלערליי קינדערשע און פאר איהר עלטער לעכערליכע לאסקעס. ביז אהער איז זי געווען ריין, אין איהר טוגענדהאפטען הארצען איז ניט געווען קיין געפיהל, קיין פערלאנג און איצט האט זיך ביי דער דאזיגער קלוגער פרוי דורכגעבראכען די שפעטערדיגע ליעבע ווי א פערוועלקטער פריהלינג, פול מיט קליינע פערטריקענטע בלומען.

זי האט איהם געשריבען צעהן בריעף א טאג, נארישע און משונה'דיגע, אין א פאעטישער און לעכערליכער פארמע, וואו זי האט איהם אנגערופען מיט טויזענד נעמען פון חיות און פויגלען.

אזוי שנעל ווי זיי זיינען געווען אליין, האט זי איהם מיט עפּעס א לעכערליכער ארט געקושט אין מויל און דערביי איז זי ארומגע־שפרונגען איבער'ן צימער און איהר צו שטארקער בוזעם האט זיך געהויבען ארויף און אראב. מעהר פון אלץ האט איהם פערצוויי־פעלט געמאכט, ווען זי האט איהם גערופען: „מיין הינטעל", „מיין קעצעלע", „מיין קליין מייזעלע", „מיין שאף", "מיין פויגעלע", און דאס אלעס האט זי בעגלייט מיט קינדישע מינעלאך און עפּעס מארנע אוואיעס וואס זי האט אפּנים געהאלטען פאר זעהר שעהן און חן'עוודיג.

זי האט געפרעגט: — „וועמעס מויל איז דאס?" — און ווען ער האט גלייך ניט געענטפערט: — „מיינער" — האט זי די פרא־גע איבערגע'חזרט אזוי פיעל מאל, ביז ער איז געווארען ווילד פאר נערוועזיטעט.

ער האט געדענקט, אז זי מוז פיהלען, אז די ליעבע פערלאנגט טאקט, קלוגשאפט און די אויסערליכע ריכטיגקייט אין דער האל־טונג; זי, די עלטערע פרוי, די דאמע פון דער הויכער געזעלשאפט, די מוטער, האט זיך איהם געדארפט אבגעבן מיט א ווירדיגען ערנסט, מיט א מין איינגעהאלטענער ליידענשאפט, שטרענג, מיט טרעה־

רען, אָבער מיט טרעהרען ניט פון א יונגער פערליעבטער מיידעלע.

זי האָט ווידערהאָלט אָהן אויפהער:

— איך האָב דיר אזוי ליעב, מיין הערצעלע! האָסטו מיך אויך אזוי ליעב, קינדעלע?

און זי האָט איהם אזוי דערגאַנגען מיט איהר „הערצעלע" און „קינדעלע", דאָס איהם האָט א חשק אָנגעכאַפּט זי צו רופען: „ליעבע אלטינקע".

זי האָט צו איהם גע'טענה'ט:

— איך וויים, איך בין משוגע, וואָס איך האָב זיך מיט דיר אריינגעלאָזען, אָבער איך האָב ניט קיין חרטה. די ליעבע איז אזוי זים.

דאָס אלעס האָט פון איהר מויל געקלונגען אזוי, דאָס זשאַרזש איז יעדעס מאָל געוואָרען אויפגעבראכט. זי האָט געזאָגט: „די ליעבע איז אזוי זים", מיט א טאָן, ווי א נאַאיווע אין טהעאַטער.

איהר אונגעשיקטליכקייט אין דער ליעבע האָט איהם פערצווייפעלט געמאַכט. זי, אין וועלכע די ליידענשאַפט האָט זיך פּלוצים ערוואכט אונטער דעם קוש פון דעם שעהנעם יונג, וועלכער האָט איהר דאָס בלוט אָנגעצונדען, האָט אין איהר אָבגעבונג ארויסגעוויזען אַ מאַכטלאָזען פייער... און דו־ראַי האָט געמוזט לאכען און דענקען וועגען די מענשען, וועלכע נעהמען זיך אויף דער עלטער לערנען לעזען.

און אָנשטאָט איהם צו דערשטיקען אין איהר אומארמונג, אָנשטאָט איהם צו פערברענען מיט יענעם טייערען מורא'דיגען בליק, וועלכע עס האָבען געוויסע עלטערע, אָבגעבליהטע פרויען אין זייער לעצטע ליעבע, אָנשטאָט איהם צו בייסען מיט אַ שטומען צוקערדיגען מויל, וועהרענד איהר פולער, גליהענדער לייב קלאַמערט זיך איין אין זיינעם — איז זי ארומגעשפרונגען ווי א גאַסען־מיידעל און געקוויטשעט ווי א קליין קינד, אום זיך כלומרשט ליעב צו מאַכען.

— איך האָב דיר ליעב, מיין קינדעלע! איך האָב דיר אזוי ליעב. גיב אַ שעהן קושעלע דיין קליינער פרוי!

און הערענדיג די דאָזיגע זיסע ריידעלאַך, איז אויף איהם אָנגעפאַלען אַ ווילדער כעס, ס'האָט זיך איהם געוואָלט פּלוכען, כאַפּען זיין הוט, אַנטלויפען און אַ זעץ טהאָן הינטער זיך מיט דער טהיר.

אין דער ערשטער צייט האָבען זיי זיך געזעהן אין דער רו דע־קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אָבער דו־ראָי האָט מורא געהאַט טאָמער טרעפט זי זיך דאָרט אַ מאָל מיט פרוי מארעל און ער האָט געפונען טויזענד תירוצים, אום אויסצומיידען דאָרט די צוזאמענ־קונפטען מיט פרוי וואַלטער.

דערפאַר האָט ער געמוזט כמעט יעדען טאָג צו איהר קומען, צום פריהשטאַק אָדער צו דינער. אונטער'ן טיש האָט זי איהם געדריקט די האַנד און הינטער דער טהיר האָט זי איהם געוואָלט קושען. אָבער ער האָט אַ סך מעהר פערגעניגען געהאַט צו פער־ברענגען מיט סוסאַנען, וועלכע האָט איהם אַמוזירט מיט איהר פרעהליכען כאַראַקטער. אין איהר קליין קערפּערעל האָט געשטעקט אַ לעבעדיגער, שלויער גייסט, וועלכער האָט זיך פון זיין בעהעלטניס אָפט ארויסגעריסען פון אויבען ארויף. זי האָט זיך געמאַכט לוס־טיג איבער אלעם און אלעמען, און זשאַרזש האָט איהר נאָך אונ־טערגעגעבען פייער, און זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט פערשטאַ־נען.

אַלע ווייַלע האָט זי איהם גערופען:

— הערט אַקאָרשט, שעהנער פריינד! שעהנער פריינד, קומט אַקאָרשט אַהער!

דאַן האָט ער פערלאָזען די מוטער, אום צו לויפען צו דער טאָכ־טער, וועלכע האָט איהם געזאָגט אויפ'ן אויער עפּעס אַ בייזען וויץ, איבער וועלכען ער האָט געמוזט הערצליך לאַכען.

ביסלעכווייז איז די מוטער איהם געוואָרען אזוי אָבשטויסענד, אזוי עקעלהאַפט, דאָס ער האָט זי מעהר ניט געקענט פערטראָגען.

ער האָט זי מעהר ניט געקענט אָנקוקען, זי הערען אָדער וועגען איהר טראַכטען, אז ער זאָל ניט ווערען אויסער זיך פאר כעס. און ער האָט זי אויפגעהערט צו בעזוכען, האָט מעהר ניט געענטפערט אויף איהרע בריעף און איז ניט געקומען, ווען זי האָט איהם גערופען.

צום סוף האָט זי בעגריפען, אז ער ליעבט זי ניט מעהר און זי האָט דערפון מורא'דיג געליטען. אָבער זי איז געווען אזוי פער־קאָכט אין איהם, דאָס זי האָט אויף איהם איבעראַל געלויערט, האָט איהם פערפאָלגט, געוואַרט אויף איהם אין א דראָזשקע מיט אַראָב־געצויגענע פאַרהאַנגען, פאר דער רעדאַקציאָן, ביז די טהיר פון זיין הויז, אין די גאַסען, דורך וועלכע ער האָט געמוזט געהן.

ער האָט שטאַרק חושק געהאָט זי צו בעליידיגען, צו שימפּפען, צו שלאָגען און אַ געשריי טהאָן איהר אין פּנים אריין:

— טראָג זיך אָב, איך קען דיר מעהר ניט אָנקוקען.

אָבער ער האָט זיך נאָך אַלץ בעהערשט אוים ריקזיכט פאר דאָס „פראַנצויזישע לעבען" און פּרובירט מיט קאַלטקייט, מיט הארטקייט אונטער אַ מאַנטעל פון אויסערליכער העפליכקייט און צייט צו צייט, זאָגאר דורך גראָבע ווערטער, איהר געבען צו פער־שטעהן, אז דאָס מוז אויפהערען.

פריהער פאר אַלצדינג האָט מען ביי איהר ניט געקענט פּועלען, אז זי זאָל אויפהערען צו קומען אין דער רו דע־קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און ער האָט אָהן אויפהער געציטערט, אזביידע פרויען זאָלען זיך ניט צוזאַמענטרעפען דאָרט פּנים לפנים.

זיין ליעבע צו פרוי מאַרעל איז פערקעהרט נור געוואַקסען און אין פערלויף פון'ם זומער נאָך שטאַרקער געוואָרען. ער האָט זי גערופען: „מיין בייבי!" און זי איז איהם אויף אַן אמת געפעלען געווען. זייערע נאַטורען האָבען זיך געפּאַסט איינע צו דער אנדער־רער, זיי זיינען געווען פון דעם זעלבען האַלץ געשניצט, האָבען ביידע געהערט צו דעם סאָרט אוואַנטיוריסטען אין לעבען, צו יענע ציגיינער פון דער געזעלשאַפט, וועלכע זיינען, אליין ניט וויסענדיג, אזוי ענליך צו די ציגיינער אויף דער לאַנדשטראַסע.

זיי האָבען פערבראַכט אַ וואונדערבאַרען ליעבעס זומער, ווי אַ סטודענט מיט זיין געליעבטע אין צייט פון זיין וואַקיישאַן.

פון צייט צו צייט האָבען זיי זיך ארויסגעריסען און געפאָהרען אין דער אומגעגענד פון פּאַריז, נאָך אַרזשאַנטייל, בוזשיוויוו, מאַי־סאָן, פּאָוססי, צום מיטאָג אָדער אבענד מאָלצייט. דאָן האָבען זיי זיך דאָרט שטונדען לאַנג ארומגעשיפּט אין שיפלאָך און געריסען בלומען אויף די ברעגעס פון טייך. זי האָט אָהן אַ ברעג ליעב גע־האַט די געבאַקענע פיש, וואָס מען האָט דאָרט געקריגען, די קליינע ליעטאַנקעס אין די שענקען, דעם געשריי פון די רודערער. ער האָט פערגעניגען געהאַט ארויסצופאָהרען מיט איהר און פערברענגען מיט איהר ערגעץ אויסער'ן שטאָדט.

און דערנאָך, ווען ער האָט געגעסען ביי די וואַלטערס, האָט ער געהאַסט די אַלטע האַרטנעקיגע געליעבטע און געטראַכט פון דער יונגער, וואָס ער האָט ניט לאַנג פערלאָזען און וועלכע האָט זיין ליידענשאַפט בעפריעדיגט, זיין פייער געקיהלט אין די הויכע גראָז ביים טייך.

צום סוף האָט ער שוין געמיינט אַז ער ווערט פּטור פון זיין שעפ'ס פרוי; ער האָט איהר גאַנץ אָפען און גאַנץ גראָב ער־קלעהרט, אַז זיי מוזען מאַכען אַ סוף צו זייערע פערהעלטניסע. ערשט מיט אַ מאָל האָט ער בעקומען אַ טעלעגראַמע, וואָס האָט איהם גערופען אין די רו דע־קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

אויף דער גאַס האָט ער נאָך אַמאָל איבערגעלעזען:

„איך מוז דיר אונבעדינגט זעהן. זעהר נויטהיג פאַר דיר. דיין ביז טויט געטרייע ווירזשינע“.

ער האָט געטראַכט: „וואָס וויל שוין ווידער פון מיר די דאָזיגע אַלטע שקאַפע? איך וויל וועטען, אַז עס איז גאָר ניט אַזוי נויטהיג פאַר מיר. מסתמא וויל זי מיר ווידער דערצעהלען, ווי זי ליעבט מיך. יעדענפאַלס מוז איך זי זעהן. אפשר האָט זי טאַקע עטוואָס נויטהיגעס פאַר מיר. אָבער קלאָטילדע קומט דאָך אום פיער. זאָל

גאַט אויסהיטען ווען די ביידע פרויען טרעפען זיך דאָרט. פער־פלוכטע ווייבער, אַלץ איז ביי זיי אַהן אַ טאַלק".

און ער האָט גענומען טראַכטען, אַז זיין ווייב איז די איינציגע פרוי וואָס מוטשעט איהם ניט. זי האָט געלעבט פאַר זיך און האָט איהם, קענטיג, געליעבט זעהר שטאַרק, אָבער מיט אַ טאַלק, אין בעשטימטער צייט. ניט מיט לאַנגזאַמע טריט איז ער געגאַנגען צום הויז אויף רו דע־קאָנסטאַנטינאָפּאָל און האָט אין הארצען געזידעלט און געשאָלטען זיין שעף'ס פרוי.

— ווען זי האָט מיר גאָר נישט וואָס צו זאָגען, וועל איך זי שוין גוט אָנזייפען... זי וועט שוין ביי מיר קריגען אַ גאַב... פון די ווערטער וואָס זי וועט פון מיר הערען, וואָלט זיך אַ פויער געשעהמט. פריהער פון אַלעם וועל איך איהר ערקלעהרען, אַז מיין פּוס וועט איהר שוועל מעהר ניט אריבערטרעטען.

און ער איז אריין אין זיין וואָהנונג, אום צו וואַרטען אויף פרוי וואַלטער.

זי איז באַלד געקומען און ווי נור זי האָט איהם דערזעהן, אַזוי גלייך האָט זי געזאָגט:

— גאָט צו דאַנקען, דו האָסט מיין טעלעגראַם ערהאַלטען!

ער האָט געמאַכט אַ בייז פּנים:

— יאָ, איך האָב עס געקראָגען אין דער רעדאַקציאָן, גראַד אין דער צייט, ווען איך האָב געוואָלט געהן אין פּאַרלאַמענט. וואָס נאָך ווילסטו פון מיר האָבען?

זי האָט אויפגעהויבען איהר שלייער אום איהם צו קושען און איז צוגעאַנגען צו איהם מיט אַ פורכטזאַמער, אַנגעשראָקענער מינע, ווי אַ געשלאָגענער הונד:

— דו ביזט אַזוי האַרט אַנטקעגען מיר... אין וואָס פאַר אַ טאָן דו רעדסט צו מיר... וואָס האָב איך דיר געטהאָן?... דו ווייסט נישט ווי איך לייד צוליעב דיר!

— עס הויבט זיך שוין ווייטער אָן? — האָט ער געברומט.

זי איז געשטאַנען נאָהנט נעבען איהם און געוואַרט אויף אַ שמייכעל, אום זיך צו וואַרפען איהם אויפ'ן האַלז.

זי האָט געפליסטערט:

— דו האָסט ניט געדאַרפט מיט מיר אָנהויבען, דו האָסט מיך געדאַרפט לאָזען טוגענדהאַפט און גליקליך ווי איך בין געווען. געדענקסטו וואָס דו האָסט מיר געזאָגט אין דער קירכע, ווי דו האָסט מיך אריינגעשלעפט אַהער? און איצט רעדסטו אין אַזאַ טאָן! ווי דו טהוסט מיר וועה!

ער האָט אַ טופּע געטהאָן מיט'ן פוס און געזאָגט היציג:

— אַך, איך האָב דאָס שוין גענוג געהערט! ווי נור איך זעה דיר אויף אַ מינוט, גלייך הויבט זיך אָן דאָס אַלטע ליעד! עס זעהט אויס ווי איך וואָלט דיר פערפיהרט צו צוועלף יאָהר און ווי דו וואָלסט געווען אונשולדיג ווי אַ מלאך. לאָמיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל פעסטשטעלען דעם פאַקט, מיין ליעבע. איך האָב ניט פערפיהרט קיין יונגע מיידעלע. דו ביזט צו מיר געקומען, ווען דו ביזט געווען אַלט און קלוג גענוג. פאַר דיין ליעבע דאַנק איך דיר, איך בין דיר זעהר, זעהר דאַנקבאַר, אָבער איך קען דאָך ניט ביז צו מיין סוף הענגען אָן דיין קליידעל. דו ביזט פערהייראַט און איך אויך, מיר זיינען ביידע ניט פריי, מיר האָבען צוזאַמען אַ שטיק געטהאָן, געהאַט אַ ביסעל שפּאַס און איצט איז עס אויס.

זי האָט געזאָגט:

— ווי גראָב דו ביזט! ווי גראָב און פערדאָרבען! ניין, קיין יונג מיידעל בין איך ניט געווען, אָבער איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געליעבט, קיין מאָל קיין שלעכטען טריט ניט געמאַכט.

ער האָט איהר איבערגעהאַקט די רייד:

— דאָס האָסטו מיר שוין צוואַנציג מאָל געזאָגט און איך וויים עס. אָבער דו האָסט דאָך שוין געהאַט צוויי קינדער, בין איך אַלזאָ ניט געווען דער ערשטער.

זי איז אָבגעשפּרונגען צוריק:

— זשאָרזש, דאָס איז אונפערשעהמט!

זי האט צוגעדריקטביידע הענד צו דער ברוסט, גענומען שווער אטהעמען און טרעהרען האבען זיך אין איהרע אויגען בעוויזען.

ווען ער האט דערזעהן די טרעהרען, האט ער אראבגענומען זיין הוט פון קאפ:

— אך, אזוי גאר, דו ווילסט קלאגען, דאן אדיע! צו אזא קאמעדיע האסטו מיך אהער גערופען?

זי איז איהם פערלאפען דעם וועג, האט שנעל ארויסגעכאפט א טאשענטיכעל און מיט א קרעפטיגער בעוועגונג אבגעווישט די אויגען. זי האט זיך געצוואונגען צו געבען איהר שטימע א פעסטען טאן און געזאגט דערשטיקענדיג אין זיך דעם וועהטאג:

— ניין... איך בין געקומען דיר... ברענגען א שטיקעל נייעס... א וויכטיגע פאליטישע נייעס! אום דיר צו מאכען מעג־ליך צו פערדיענען פופציג טויזענד פראנק, אדער נאך מעהר ווען דו ווילסט.

ער איז פלוצים ווייכער געווארען און געפרעגט:

— ווי אזוי? וואס מיינסטו דערמיט?

— איך האב געסטערן צופעליג געהערט עטליכע ווערטער, וואס מיין מאן האט גערעדט מיט לאראש'ן; איבריגענס היטען זיי זיך פאר מיר ניט. אבער וואלטער האט שטרענג פערזאגט דעם מי־ניסטער, ער זאל זיך פאר דיר היטען, ווייל אז ניט וועסטו אלעס אויפדעקען.

דו־ראי האט אוועקגעלייגט זיין הוט אויף א שטוהל און געהערט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט:

— אום וואס, אלזא, האנדעלט עס זיך?

— זיי ווילען איינגעהמען מאראקא!

— אך, דאס איז ניט מעגליך! איך האב געפריהשטיגט מיט לאראש'ן און ער האט מיר כמעט דיקטירט די אבזיכטען פון דעם קאבינעט.

— ניין, ליעבער זשארזש, זיי האבען דיר אנגעפייפט, ווייל זיי האבען מורא געהאט, דו זאלסט ניט ארויסגעבען זייערע פלענער.

— זעץ זיך! — האָט געזאָגט זשאַרזש.

און ער אַליין האָט זיך אויך געזעצט אויף אַ שטוהל.

דאַן האָט זי צוגערוקט אַ נידעריגען ביינקעלע, זיך דארויף אוועקגעזעצט צווישען דעם יונגען מאַן'ס קניה און גענומען ריידען מיט אַ שמייכעל:

— אזוי ווי איך דענק אימער וועגען דיר, שענק איך איצט אויפמערקזאַמקייט צו אַלעם, וואָס ווערט ארום מיר גערעדט.

און זי האָט איהם גענומען ערקלעהרען, ווי זייט אַ געוויסער צייט האָט זי זיך אַנגעשטויסען, אַז מען פּלאַנעוועט עפּעס הינטער זיין רוקען, אַז מען נוצט איהם אוים פאר זיך אין דער צייטונג, אָבער מען האָט מורא פאר זיין קאָנקורענץ.

זי האָט געזאָגט:

— ווייסטו, ווען מען ליעבט ווערט מען שלוי.

ערשט געסטערן האָט זי פערשטאַנען וואָס דאָ טהוט זיך. עס האנדעלט זיך אום אַ גרוים געשעפט, אַ ריעזען געשעפט, וועל־כער ווערט פאַרבערייטעט שטילערהייד.

זי האָט איצט געשמייכעלט צופרידען און גליקליך איבער איהר געשיכטליכקייט; זי איז געוואָרען אויפגערעגט און גערעדט ווי די פרוי פון אַ פינאַנסיסט, וועלכע איז געוועהנט צו זעהן בערזען ספּעקולאַציאָנען, וואָס קענען אין פערלויף פון צוויי שטונ־דען רואינירען טויזענדער אָרימע מענשען.

און זי האָט מיט היץ ווייטער גערעדט:

— אָה, זיי האָבען אַ ריעזען געשעפט פאר זיך, וואַלטער האָט דאָס אַלעם אויסגעקליגעלט און ער פערשטעהט זיך אויף דעם. עס איז ווירקליך אַ גרויסע זאַך.

דו־ראָי איז געוואָרען אונגעדולדיג פון דער לאַנגער פאַר־רעדע:

— רעד צו דער זאַך.

— אַלזאָ, עס האנדעלט זיך וועגען דעם: די עקספּעדיציאָן נאָך אַלזשיר איז געווען ביי זיי אַ בעשלאָסענע זאַך פון דעם טאָג אָן, ווען לאַראָש איז געוואָרען מיניסטער, און ביסלעכווייז האָבען זיי

אבגעקויפט די מאראקא'ער חובות, וועלכע זיינען געפאלען אויף פיער און זעכציג אדער פינף און זעכציג פראנק דורך אגענטען, וועלכע האבען ניט אויפגעוועקט ביי קיינעם ניט קיין פערדאכט. און איצט, ווען די עקספעדיציאן וועט ארויסגעשיקט ווערען, וועט פראנקרייך איבערנעהמען די מאראקא'ער שולדען. אויף אזא אופן וועלען זיי און זייערע פריינד מאכען פופציג אדער זעכציג מיליאן.

ער האט אויסגערופען:

— ביזטו זיכער אין דעם?

זי האט געענטפערט:

— גאנץ זיכער.

דאן האט ער ווידער גערעדט:

— דאס איז ווירקליך א קאלאסאלער פלאן. אבער דעם לומפ לאראש'ן וועל איך אנלערנען! דער באנדיט זאל זיך פאר מיר היטען, איך וועל נאך דעם מיניסטער'ס ראק פון איהם ארונטער־רייסען!

דאן האט ער גענומען נאכדענקען און געברומט:

— אבער די געלעגענהייט מוז מען אויסנוצען!

דו קענסט נאך קויפען פון די פאפיערען, זייער פרייז איז איצט צוויי און זיעבציג פראנק.

ער האט געענטפערט

— יא, איך האב אבער קיין געלד ניט אויסצולעגען!

זי האט איהם אנגעקוקט מיט געבעט:

— ווענען דעם האב איך געטראכט, און ווען דו ווילסט זיין זעהר פריינדליך צו מיר, ווען דו האסט מיך כאטש אביסעלע ליעב, וועסטו ערלויבען אז איך זאל דיר לייהען א ביסעלע געלד.

ער האט געענטפערט ערנסט, כמעט הארט:

— ניין, דאס בשום אופן ניט!

זי האט געזאגט מיט א בעטענדיגען קול:

— הער אויס, עס איז דא אן אויסגאנג עטוואס צו מאכען, ניט לייהענדיג קיין געלד. איך האב געוואלט קויפען פאר צעהן טוי־

זענד פראנק פון די דאזיגע פאפירען, אום צו האבען אויף טאשען געלד. נו, וועל איך אלזא קויפען פאר צוואנציג טויזענד בשותפות מיט דיר. דערפון, נאטירליך, קריגט וואלטער גארנישט. ווען די געשיכטע גליקט, געווינסטו זיעבציג טויזענד פראנק, און דו וועסט מיר מיין געלד אוועקגעבען ווען דו וועסט קענען.

ער האט געזאגט נאך א מאל:

— ניין, איך האב ניט ליעב אזעלכע געשעפטען!

דאן האט זי איהם גענומען איינריידען און בעווייזען, אז עס האנדעלט זיך נור אום צעהן טויזענד פראנק, וועלכע ער נעהמט אויף זיין ווארט, און אז ער שטעלט זיי איין אין געפאהר צו פערלירען, אויסער דעם לייהט זי איהם אייגענטליך גאר נישט דאס געלד, נור וואלטער'ס באנק לייגט אויס פאר איהם די דאזיגע סומע.

זי האט איהם אויך געגעבען צו פערשטעהן, אז ער איז דאך דאס געוועזען דער יעניגער וואס האט געפיהרט דעם גאנצען קאמפף אין דאס „פראנצויזישע לעבען" און נור א דאנק איהם איז דאס דאזיגע געשעפט צושטאנד געבראכט געווארען און אז ער וואלט געוועזען צו נאאיוו ניט צוציהען פאר זיך געוויסע נוצען דערפון.

און ווען ער האט זיך נאך אלץ געקווינקעלט, האט זי צו־געלייגט.

— אבער בארעכען זיך נור, אז די דאזיגע צעהן טויזענד פראנק לייהסטו דאך ביי וואלטער'ן און אז דו האסט איהם געבראכט נוצען, וועלכע זיינען א סך מעהר ווערט, ווי דאס.

— גוט, איך בין צופריעדען! איך מאכ מיט דיר שותפות, פערליערען מיר, בעצאהל איך דיר די צעהן טויזענד פראנק!

זי איז געוועזען אזוי גליקליך, אז זי איז אויפגעשפרונגען, גע־נומען זיין קאפ אין ביידע הענד און איהם הייס געקושט. צוערשט האט ער זיך ניט געוועהרט, אבער ווען ער האט געזעהן, אז זי ווערט צערטליכער, אז זי ציהט איהם צו זיך און פארשיט איהם מיט לאסקעס, האט ער א טראכט געטהאן וועגען דער אנדערער, וועלכע דארף באלד קומען אהער, אז אומזיסט פערליערט ער צייט און פייער

אין די ארעמס פון דער אלטער און אז עס וועט זיין גלייכער ער זאל דאס בעהאלטען פאר דער יונגער.

דארום האט ער זי לייכט אבגעשטויסען פון זיך און געזאגט:

— אך, זיי דאך פערנינפטיג!

זי האט איהם פערצווייפעלט אנגעקוקט:

— אך, זשארזש, איך טאר דיר שוין אפילו ניט א קוש טהאן?

ער האט געענטפערט:

— ניין, ניט היינט איך האב קאפשמערצען און דערפון ווערט עס נאך ערגער!

דאן האט זי זיך ווידער גאנץ פאלגזאם אוועקגעזעצט צווישען זיינע קניע און געפרעגט:

— ווילסטו מארגען ביי אונז עסען? דו וועסט מיך דערמיט אזוי גליקליך מאכען!

ער האט זיך געקווינקעלט, האט אבער ניט געוואגט צו זאגען ניין, און צום סוף איהר צוגעגעבען:

— גוט, איך קום!

— איך דאנק דיר, טייערער.

זי האט צערטליך געריבען איהר באק אן דער ברוסט פון דעם יונגען מאן און איינס פון איהרע לאנגע שווארצע האאר האט זיך פארטשעפעט אן זיין וועסט. זי האט עס באמערקט און פלוצים איז איהר איינגעפאלען א משוגענע אידעע. לאנגזאם האט זי גענומען ארומוויקלען דאס דאזיגע האאר אן איינעם פון די קנעפ, דעם צווייטען קנאפ האט זי ארומגעדרעהט מיט נאך א האאר און אזוי אלע קנעפ איינעם נאכ'ן אנדערען.

ווען ער וועט שפעטער אויפשטעהן וועט ער איהר די האאר אברייסען פון קאפ, ער וועט איהר וועה טהאן און דאס וועט זי גליקליך מאכען. און אליין ניט וויסענדיג וועט ער מיטנעהמען מיט זיך עטוואס פון איהר, א קליין לאק פון איהרע האאר. וואס ער האט ביי איהר קיין מאל ניט געבעטען. מיט א געהיימע, אונ־זיכטבארע האנד האט זי איהם צוגעבונדען, זי האט איהם איבער־

געלאָזען אַ טאַליסמאַן, ווילענדיג צו ניט ווילענדיג האָט ער געמוזט וועגען איהר דענקען, פון איהר טרוימען און שפּעטער, ווען זיי וועלען זיך טרעפען, אפשר אביסעל ליעב האָבען.

דאַ האָט ער פּלוצים געזאָגט:

— איך מוז דיך איצט פערלאָזען, ווייל מען ערוואַרטעט מיך אין פּאַרלאַמענט. היינט דאַרף איך ניט פעהלען.

זי האָט געזיפצט:

— אך, שוין?

דאַן האָט זי געזאָגט, פול האָפנונג:

— געה,מיין ליעבער, אָבער קום מאָרגען צום טיש.

און פּלוצים האָט זי זיך אָבגעבויגען צוריק. זי האָט דערפיהלט אַ שטאַרקען וועהטאָג אין קאָפּ, ווי מען וואָלט זי אַ שטאָך געטהאָן מיט הונדערט שפּילקעס. איהר האַרץ האָט געקלאַפּט, זי איז געווען גליקליך ליידענדיג דורך איהם.

— אדיע! — האָט זי געזאָגט.

ער האָט זי שמייכלענדיג ארומגענומען און קאַלט אַ קוש געטהאָן אין די אויגען.

פון דער בעריהרונג איז זי געוואָרען גאַנץ אויפגערעגט און גע־מורמעלט בעטענדיג:

— שוין? — און איהר בליק, פול בעגעהר, האָט געקוקט אויפ'ן צווייטען צימער, וואו די טהיר איז געווען אָפען.

ער האָט זי אָבגעשטופּט פון זיך און געזאָגט:

— איך מוז גלייך אוועק, אז ניט וועל איך קומען צו שפּעט.

דאַן האָט זי אויסגעשטרעקט צו איהם איהרע ליפּען, וועלכע ער האָט קוים בעריהרט, און נאָכדעם ווי ער האָט איהר דערלאַנגט איהר שירעם, וועלכען זי האָט פערגעסען, האָט ער געזאָגט:

— איצט, שנעל! עס איז שוין נאָך דריי!

זי איז ארויס פאַר איהם און געזאָגט נאָך אַמאָל:

— מאָרגען אום זיעבען!

ער האָט געענטפערט:

— גוט, איך וועל קומען! — זיי האָבען זיך צושיידעט, זי איז אוועק רעכטס, ער לינקס.

דו־ראָי איז אוועק צום בולוואר.

ווען ער איז פארבייגעגאנגען אַ צוקער־בעקעריי, האָט ער געזעהן אין פענסטער אויסגעלייגט שעהנע קאָנפעקטען און געצוקערטע פרוכטען, און ער האָט אַ טראַכט געטהאָן: „איך וועל קויפען עטליכע פאר קלאָטילדען“, און ער האָט געקויפט אַ גאַנצע קעסטעלע מיט געצוקערטע פרוכטען, וועלכע זי האָט שטארק ליעב געהאַט.

פיער אַ זייגער האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק, אום צו ערווארטען די יונגע געליעבטע.

זי האָט זיך עטוואָס פערשפעטיגט, ווייל איהר מאַן איז ניט לאַנג געקומען אַהיים אויף אכט טאָג. זי האָט געפרעגט:

— קענסטו מארגען ביי אונז עסען? מיין מאַן וועט עס זיין זעהר אנגענעהם.

— ניין, איך מוז עסען ביי די וואַלטערס. מיר האָבען צו בעשפרעכען פיעלע פּאָליטישע און פינאַנציעלע פראַגען.

זי האָט אויסגעטהאָן איהר הוט און אראָבגענומען איהר ווייסט, וועלכע איז איהר געווען אַביסעל ענג.

ער האָט אָנגעוויזען אויף דעם שאַכטעל אויפ'ן קאַמין:

— איך האָב דיר געבראַכט געצוקערטע פרוכטען.

זי האָט אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד:

— דאָס איז שעהן! דו ביזט גוט!

זי האָט גענומען, פערזוכט און געזאָגט:

— אַך, ווי געשמאַק זיי זיינען! איך וועל זיי שוין אויפנאַשען אַלע ביז איינע!

דאַז האָט זי צוגעלייגט, אַנקוקענדיג זשאָרזש'ן, פול מיט ליידענשאַפט:

— דו גיסט נאָך אַלע מיינע לאַסטער!

זי האָט לאַנגזאַם געגעסען די פּרוכטען, אַלע ווײלע אַרײנגע־קוקט אין שאַכטעל אַרײן, ווי זי וואָלט וועלען זעהן, אויב עס איז נאָך עפּעס דאָ אינווייניג און געזאָגט:

— קום, זעץ זיך אוועק דאָ, אויפ'ן שטוהל. איך וועל זיך צו־טוליען צו דײנע קניה און נאַשען מײנע פּרוכטען. דאָס מאַכט מיר פערגעניגען!

ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן, זיך געזעצט און אַרײנגענומען איהר קאָפּ צווישען זײנע קניה, ווי פריהער אַ ווײלע פרוי וואַלטער.

זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ צו איהם, און נאָך מיט אַ פולען מויל גענומען ריידען:

— שטעל זיך פאָר, איך האָב וועגען דיר געטרוימט. איך האָב געטרוימט, אַז מיר ביידע צוזאַמען מאַכען אַ גרויסע רייזע אויף אַ קעמעל, וועלכער האָט צוויי האָרבען. מיר זיצען יעדער אויף אַ האָרב און טראָגען זיך דורך דער וויסטעניש. מיר האָבען געהאַט מיט זיך ברויט מיט פּוטער, איינגעוויקעלט אין פּאַפּיער און אַ פלאַש וויין. און אַזוי האָבען מיר געפריהשטיגט אויף אונזער קע־מעל, אָבער מיר איז די געשיכטע ניט געפעלען, ווייל מיר האָבען ניט געקענט צוקומען איינער צום אַנדערען. מיר זײנען געווען צו ווייט און מיר האָט זיך פערוואָלט אַרונטער פון מיין הערבעל.

ער האָט געענטפערט:

— איך וואָלט אויך אַרונטער!

ער האָט געלאַכט. די געשיכטע האָט איהם געמאַכט שפּאַס און ער האָט זי געבראַכט דערצו, זי זאָל ריידען די אַלע נאַרישקיי־טען, דעם אונזין און קינדעריי מיט וועלכע פערליעבטע טראַקטירען איינער דעם אַנדער'ן. די דאָזיגע נאַרישקייטען, וועלכע האָבען איהם געקלונגען רייצענד שעהן אין פרוי מאַרעל'ס מויל, וואָלטען איהם געמאַכט ווילד פאַר כעס, ווען פרוי וואַלטער וואָלט זיי גע־רעדט.

קלאָטילדע האָט איהם אויך גערופען: „קליינער", „הער־צעלע", „מייזעלע". אָבער דיזע ווערטער זײנען איהם געווען אַנ־

געגעהם ווי א לאסקע, ווי א לאסקע פון דער יונגער, דער רייצענדער פרוי.

אבער בעת ער האט זיך אמוזירט פון איהר שפאסען האט ער אלץ געטראכט פון די זיעבציג טויזענד פראנק, וועלכע ער וועט געווינען, און פלוצים האט ער איבערגעריסען זיין פריינדין די רייד און געזאגט, א קלאפ טהאענדיג איהר צוויי מאל אין שטערען:

— הער אוים, מיין ליעבע, איך וויל דיר געבען אן אויפטראג פאר דיין מאן. זאג איהם אין מיין נאמען, ער זאל קויפען פאר צעהן טויזענד פראנק מאראקאנישע פאפירען. זיי שטעהען אויף צוויי און זיעבציג. איך פערשפרעך, אז אין פערלויף פון איין פערטעל יאהר וועט ער אויף זיי פערדיענען פון זעכציג ביז אכציג טויזענד פראנק. אבער ער מוז שווייגען, אבסאלוט שטיל שווייגען. זאג איהם אין מיין נאמען, אז די עקספעדיציאן נאך טאנזשיר איז א בעשלאסענע זאך, און אז דער פראנצויזישער שטאאט נעהמט אויף זיך איבער די מאראקאנישע שולדען, אבער פערפלוידער זיך ניט מיט אנדערע. איך טרוי דיר דא אן א שטאאטס-געהיימניס.

— איך דאנק דיר, איך וועל עס נאך היינט ביי־נאכט זאגען מיין מאן. דו קענסט זיך אויף איהם פערלאזען, ער איז ניט קיין פלוי־דער־זאק. מעגסט זיין גאנץ רוהיג!

זי האט אויפגעגעסען אלע איהרע פרוכט, צודריקט דאס שאכ־טעל צווישען די פינגער און זי אריינגעווארפען אין קאמין. דאן האט זי געזאגט: — „און איצט לאמיר געהן אין בעט“.

ניט אויפשטעהענדיג פון איהר ארט האט זי גענומען אבשפיע־לען זשארזש'ם וועסט.

— פלוצים האט זי זיך אבגעשטעלט און מיט צוויי פינגער אנגענומען א לאנגען האהר, וועלכער איז געבליבען הענגען אויף א קנאפ. זי האט זיך צולאכט:

— אט, קוק אן, דו האסט מיטגעשלעפט מאגדאלענע'ס א האהר, דאס הייסט א געטרייער מאן. אבער דא איז זי געווארען ערנסט און לאנג בעטראכט דעם דינעם פעדימעל אין איהר האנד.

— דאָס האָהר איז אָבער ניט מאַגדאַלענע׳ס, עס איז אַ ברוי־נער, — האָט זי אין אַ ווײַלע ארום געזאָגט.

ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן:

— אפשר איז דאָס דער הויז־מיידעל׳ס.

אָבער זי האָט בעטראַכט זיין וועסט מיט דער אויפמערקזאַמקייט פון אַ פּאָליציסט און האָט ארויסגעצויגען אַ צווייטע האָהר, וועלכע איז געוועזען ארומגעוויקעלט ארום אַ קנאָפּ. דאַן האָט זי בעמערקט אַ דריטען, איז געוואָרען בלייך, אויפגערעגט און האָט אויסגע־רופען:

— הער אויס, דו ביזט געוועזען מיט אַ פרוי, וועלכע האָט איהרע האָהר ארום דיינע קנעפּ ארומגעוויקעלט.

ער איז געוואָרען ערשטוינט און האָט ארויסגעשטאַמעלט:

— אַך, וואָס דיר פאַלט איין, דו ביזט פעררירקט!

פּלוצים האָט ער זיך געכאַפּט. ער האָט בעגריפען און איז צו ערשט געוואָרען פערלעגען. דאַן האָט ער מיט אַ שמייכעל אָבגעלייי־קענט איהר בעשולדיגונג. אין אַלגעמיין אָבער האָט ער געשמייי־כעלט, וואָס זי מיינט אַז ער האָט גליק ביי פרויען.

זי האָט געזוכט און נאָך אַלץ געפונען האאַר, זיי מיט כעס ארויסגעריסען און געוואָרפען אויפ׳ן טעפּיך.

מיט ווייבערשער שלייהייט האָט זי זיך גלייך אָנגעשטויסען וואָס דאָס מיינט און געשטאַמעלט צורייצט, מיט טרעהרען אין די אויגען:

— יענע ליעבט דיך... דאָס האָט זי געוואָלט, דו זאָלסט עטוואָס פון איהר מיטנעהמען... אָ, דו אַלטער בעטריעגער!

אָבער פּלוצים האָט זי אַ קוויטש געטהאָן פאַר פרייד:

— זעה, קוק נור אָן! דאָס איז אַן אַלטע, דאָ איז אַ ווייסע האָהר. איצט נעהמסטו שוין אַלטע ווייבער! זיי בעצאָהלען דיר מסתמא? נו, וויבאַלד דו האָסט זיך גענומען צו אַלטע ווייבער, דאַן דאַרפסטו מיך ניט מעהר! קענסט בלייבען מיט יענע!

זי האָט זיך אויפגעהויבען, איז צוגעלאָפען צו איהר ווייסט, וואָס איז געלעגען אויף א שטוהל און עס שנעל אנגעטהאָן.

ער האט זי געוואלט אבהאלטען און געשטאמעלט:

— ניין, קלאטילדע, זיי ניט קיין נאר. איך וויים ניט פון וואנען די האָהר קומען. הער אוים! זיי ניט קיין קינד! בלייב דא!

זי האָט ווידערהאָלט:

— האלט זיך מיט דיין אלטע פרוי! דו קענסט דיר לאָזען מאַכען א רינג פון איהרע האָהר, פון איהרע ווייסע האָהר, וואָס ליגען דאָ, עס וועט זיין פונקט גענוג...

זי האָט זיך שנעל אנגעטהאָן, צורעכט געמאַכט די האָהר און פערבונדען דעם שלייער.

ווען ער האָט זי געוואָלט צוריקהאַלטען, האָט זי איהם פּלוצים מיט איהר גאנצער קראפט דערלאנגט א פּאַטש און בעת ער איז געבליבען שטעהן א צומישטער, האָט זי געעפענט די טהיר און איז ארויסגעלאָפען.

ווי נור ער איז געבליבען אליין, איז אויף איהם אַנגעפאַלען א ווילדער כעס אויף דער אלטער שקאפע, דער פרוי וואלטער. היינטיגעס מאָל וועט ער איהר ניט שענקען! ער וועט זיך שוין מיט איהר אָברעכענען, אָבער אזוי ווי עס געהער צו זיין!

ער האָט אָבגעוואַשען זיין רויטע באַק אין קאלט וואסער, דאַן איז ער אוועק טראכטענדיג וועגען ראַכע. היינטיגעס מאָל וועט ער איהר ניט מוחל זיין! איצט איז אלעס אוים!

ער איז אוועק צום בולוואר, האָט זיך ארומגעטריבען א ווייל, דאַן איז ער געבליבען שטהען פאר דער קראָם פון א יוּאַוועליער און בעטראכט אַ כראָנאָמעטער, וועלכען עס האָט זיך איהם שוין לאַנג געוואָלט קויפען, אָבער ער האט געקאסט אַכטצעהן הונדערט פראנק.

פּלוצים איז איהם פרעהליך געווארען אויפ'ן הארצען און ער האָט א טראַכט געטהאָן: „ווען איך געווין די זיעבציג טויזענד

פראנק, דאן קען איך מיר עס קויפען". און ער האָט גענומען אין די גערדאנקען אויסרעכענען, וואָס ער וועט אויפטהאָן מיט די זיעבציג טויזענד פראנק. פריהער פאר אלץ וועט ער זעהן, מען זאָל איהם ארויסשטעלען אלס אבגעארדענטען, דען וועט ער קויפען דעם כראַ־נאָמעטער, דערנאָך וועט ער פּרואווען זיין מזל אויף דער בירזשע און דאן...

ער האָט ניט געוואָלט געהן אין דער רעדאקציאָן, און איידער ער זעהט זיך מיט וואלטער'ן און שרייבט דעם ארטיקעל, האָט ער זיך בעסער געוואלט דורכשמועסען וועגען דעם מיט מאגדאלענען.

ווען ער איז צוגעקומען צום ראָג פון זיין גאס, איז ער פּלוצים געבליבען שטעהן. ער האָט פערגעסען אריינצוגעהן געוואהר ווע־רען דעם גראף וואדרעק, וועלכער האט געוואהנט אויף דעם שאססע דע אנטין. ער האָט זיך אומגעקעהרט צוריק, וועבענדיג גליקליכע חלומות וועגען טויזענד גוטע זאכען, וועגען צוקונפטיגען גליק און אויך וועגען דעם ביטרען קריבער לאראש און די אלטע שקאפע, די פרוי וואלטער. אויגעטליך האט איהם קלאָטילדע'ס כעס ניט שטארק געארט. ער האָט געוואוסט, אז זי וועט איהם גאנץ שנעל פערצייהען.

ער איז צו צום הויז, וואו דער גראף האָט געוואָהנט און גע־פרעגט דעם הויז־וועכטער:

— וואָס מאכט דער גראף? איך האָב געהערט, אז ער פיהלט זיך ניט גוט די לעצטע עטליכע טעג.

דער מאן האָט געענטפערט:

דער הערר גראף איז זעהר קראנק. די פּאָדאגרע איז איהם ארויף אויפ'ן הארצען. ער וועט וואהרשיינליך ניט איבערלעבען היינטיגע נאַכט.

ד־ראָי האָט זיך אזוי דערשראָקען, אז ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טהאָן. וואדרעק שטאַרבט? אלערליי זאכען, אין וועלכע ער האָט זיך פריהער ניט געוואגט מודה זיין פאר זיך אליין,

זיינען איהם איצט אויף די געדאנקען געקומען און האבען איהם צוטומעלט:

— א שעהנעם דאנק! איך קום באלד צוריק — האט ער ארויס־געמורמעלט, ניט וויסענדיג וואס אייגענטליך ער זאגט

דאן איז ער ארייגעשפרונגען אין א דראזשקע און געפלויגען אהיים.

זיין פרוי האט שוין געהאט צוריק אהיים געקומען. אהן אַ אטהעם איז ער אריין אין צימער און איהר גלייך געזאגט:

— ווייסט, אז וואדרעק האלט ביים שטארבען?

זי איז געזעסען און געלעזען א בריעף. זי האט אויפגעהויבען די אויגען און געזאגט דריי מאל נאכאנאנד:

— וואס? וואס איז געשעהן? וואס איז געשעהן?

— איך זאג דאך דיר, גראף וואדרעק האלט ביים שטארבען.

די פאדאגרע האט אנגעגריפען זיין הארץ.

דאן האט ער צוגעלייגט:

— וואס דענקסטו צו טהאן?

זי איז געווארען טויט בלייך, איהרע פיס האבען נערוועז גע־ציטערט. זי האט זיך אויפגעהויבען און גענומען מורא'דיג וויינען, בעהאלטענדיג איהר פנים איןביידע הענד.

אזוי איז זי געבליבען שטעהן א ווײלע שלוכצענדיג; אבער פלוצים האט זי זיך בעהערשט, האט אונטערגעדריקט איהר שמערץ און אבגעווישט די אויגען:

— איך געה אהין. איך געה אהין. זארג זיך ניט וועגען מיר. איך וויים ניט ווען איך וועל צוריק קומען, דו דארפסט מיך ניט ערווארטען.

ער האט געענטפערט:

— גוט, געה.

זיי האבען זיך געדריקט די הענד און זי איז אזוי שנעל אנטלא־פען, אז זי האט פערגעסען איהרע האנד־שוה.

נאכדעם ווי זשארזש איז געבליבען איינער אליין, האט ער זיך גענומען צו שרייבען דעם ארטיקעל. ער האט איהם פערפאסט, פונקט אזוי ווי דער מיניסטער האט געהייסען. דאן האט ער איהם געבראכט אין דער רעדאקציאן, גערעדט א ווייל׳ע מיט דעם שעף און איז אוועק רויכערענדיג זיין סיגאר, מיט אן ערלייכטערטען הארצען.

זיין פרוי האט זיך נאך ניט אומגעקעהרט אהיים. ער האט זיך געלייגט אין בעט און איז אנשלאפען געווארען.

ארום האלבע נאכט איז מאגדאלענע צוריקגעקומען. זשארזש האט זיך פלוצים אויפגעכאפט און זיך אויפגעהויבען פון בעט. עה האט געפרעגט:

— וואס הערט זיך?

ער האט זי נאך קיינמאל ניט געזעהן אזוי בלייך און בעוועגט. זי האט ארויסגערעדט פאר זיך:

— ער איז טויט!

— אה, האט ער נאך גערעדט מיט דיר?

— ניין! ווען איך בין געקומען איז ער שוין געוועזן בע־וואוסטלאז.

זשארזש האט איבערלייגט. אלערליי פראגען זיינען איהם אויפ׳ן זינען געקומען, אבער ער האט ניט געוואגט זיי ארויסצור־ריידען.

— לייג זיך שלאפען — האט ער געזאגט.

זי האט זיך שנעל אויסגעטהאן און געלייגט אין בעט. ער האט געפרעגט:

— זיינען געוועזן קרובים ביי זיין קראנקער בעט?

— נור איין פלימעניק.

— אזוי, האט איהם דער פלימעניק פריהער אפט בעזוכט?

— ניין, זיי האבען זיך זייט צעהן יאהר ניט געזעהן.

— האט ער געהאט נאך אנדערע קרובים?

— ניין, איך גלויב ניט.

— איז וואדרעק זעהר רייך?

— יא, זעהר רייך.

— וויפיעל א שטייגער האט ער געקענט פערמאגנען?

— איך וויים ניט גענוי, פיליכט איינעם אדער צוויי מיליאן.

ער האט מעהר גאר נישט געפרעגט. ער האט אויסגעלאשען דאס ליכט, און וואכענדיג זיינען זייביידע געבליבען ליגען אין דער פינסטער, זייט ביי זייט, שטיל, יעדער מיט זיינע געדאנקען בעשעפטיגט.

עס האט זיך איהם מעהר ניט געוואלט שלאפען. איצט האבען די זיעבציג טויזענד פראנק, וואס פרוי וואלטער האט איהם צוגעזאגט, פערלארען ביי איהם די בעדייטונג. פלוצים האט זיך איהם געדאכט, אז מאגדאלענע וויינט. ער האט געפרעגט אום זיך צו איבערצייגען אין דעם:

— דו שלאפסט?

— ניין!

איהר קול האט געציטערט, פון טרעהרען פערשטיקט און ער האט זיך אנגערופען:

— איך האב דיר פריהער פערגעסען צו זאגען, אז דיין מיניסטער האט אונז גוט אנגעפייפט.

— ווי אזוי?

און ער האט איהר גענוי, מיט אלע איינצעלהייטען דערצעהלט דעם פלאן, וואס לאראש און וואלטער געהען אויספיהרען.

ווען ער האט געענדיגט, האט זי געפרעגט:

— פון וואנען ווייסטו דאס?

ער האט געענטפערט:

— ווע דו ערלויבסט, זאג איך דאס דיר ניט. דו האסט מיטלען און וועגען צו קריגען בעריכטען, אויף וועלכע איך פרעג זיך ניט נאך, איך האב זיך מיינע און וויל זיי האלטען פאר זיך. אויף יעדען פאל בין איך דיר ערוב, אז דאס איז אמת.

זי האט געפליסטערט:

— יא, עס קען זיין, איך האב געפיהלט, אז זיי טהוען עפּעס אהן אונזער וויסען.

זשארזש האט שוין מעהר ניט געקענט שלאפען און ער האט זיך צוגערוקט צו זיין פרוי און זי שטיל א קוש געטהאן אין אויער. זי האט איהם מיט אימפּעט א שטויס געטהאן צוריק:

— לאז מיך צו פריעדען, איך בעט דיך. איך בין ניט אויפ־געלעגט צו צערטלען זיך.

ער האט זיך ניט געקענט העלפען, זיך אומגעקעהרט צום וואנד, צוגעמאכט די אויגען און צום סוף איז ער איינגעשלאפען.

6

די קירכע איז געווען אינגאנצען מיט שווארץ בעשלאגען און א גרויסער פאנציר מיט א קרוין האבען אנגעוויזען, אז אן אדעליגער איז בעערדיגט געווארען.

די צערעמאניעס האבען זיך געענדיגט, די פריינד האבען זיך לאנגזאם גענומען צוגעהן, דריקענדיג דעם פּלימעניק פון גראף די האנד, אלס צייכען פון מיטגעפיהל.

ווען זשארזש דורואי און זיין פרוי זיינען ארוים אין דרויסען, האבען זיי גענומען שפּרייסען איינער נעבען אנדערען. זיי האבען געשוויגען, ביידע אין געדאנקען פערטהאן.

צום סוף האט זשארזש געזאגט ווי ער וואלט גערעדט צו זיך אליין:

— דאס וואונדערט מיך ווירקליך.

מאגדאלענע האט געפרעגט:

— וואס דען, ליעבער פריינד?

— דאס וואס וואדרעק האט אונז גארנישט איבערגעלאזען.

זי איז פּלוצים רויט געוואָרען, ווי אַ ראָזאָװער שלייער וואָלט איהר פּנים און איהר האַלז בעדעקט.

— פאַרוואָס עפּעס זאָל ער אונז וואָס איבערלאָזען? דערצו איז ניטאָ קיין שום אורזאַכע! — דאַן נאָך אַ קורצער פּאַוזע האָט זי ווייטער גערעדט:

— און אפשר ליגט וואו עס איז ביי אַ נאָטאַריוס אַ צוואה. מיר קענען דאָך גאָר נישט וויסען.

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט, דאַן האָט ער בעמערקט:

— יאָ אזוי איז דאָס מסתּמא, ווארים ער איז דאָך אויגענטליך געווען דער בעסטער פריינד פון אונז ביידען. צוויי מאָל אַ וואָך האָט ער ביי אונז געגעסען, איז געקומען יעדען אויגענבליק; ער איז געווען ביי אונז ווי ביי זיך אין דער היים. ער האָט דיך גע־ליעבט ווי אַ פאָטער, און אַליין האָט ער ניט געהאַט קיין פאַמיליע, קיין קינדער, קיין שוועסטער, קיין ברודער, נור איין פּלימעניק. עס מוז זיין אַ צוואה. איך ערוואַרט ניט פיעל, נור אַן אַנדענקען, וואָס זאָל אונז בעווייזען, אַז ער איז אונז דאַנקבאַר געווען פאַר דער ליעבע, וואָס מיר האָבען איהם אַרויסגעוויזען. ער איז דאָס אונז שולדיג געווען אַלס אַ בעווייז פון זיין פריינדשאַפט.

זי האָט געזאָגט גלייכגילטיג מיט אַ פערטראַכטע מינע:

— עס איז זעהר מעגליך, אַז עס געפינט זיך וואו עס איז אַזאַ צוואה

ווען זיי זיינען אַהיים געקומען, האָט אַ דיענער דערלאַנגט מאַגדאַלענאַ'ן אַ בריעף. זי האָט איהם געעפענט און געגעבען איהר מאַן. ער האָט איבערגעלעזען:

דאָקטאָר לאַמאַנער
נאָטאַריוס

17 רו דו פאָסזשעס.

געעהרטע פרוי!

זייט אַזוי גוט און בעזוכט מיך אין מיין ביוראָ דיענסטאָג,

מיטוואך אדער דאנערשטאג, פון צוויי ביז פיער אוהר. עס האנ־דעלט זיך וועגען א וויכטיגער אנגעלעגענהייט.

לאמאנער.

איצט איז זשארזש רויט געווארען.

— דאס מוז עס הפנים זיין. עס איז מאדנע וואס מען רופט דיך אהין און ניט מיך, דעם הויפט פון דער פאמיליע.

זי האט ניט גלייך געענטפערט. דאן נאך א קורצער איבער־לייגונג האט זי געזאגט:

— ווען מיר שפעטער צוגעהן אהין?

— פון מיינעט וועגען!

זיי האבען אבגעגעסען פרישטיק און גלייך אוועק.

ווען זיי זיינען אריין אין ביורא האט מען זיי העפליך צוגענומען און גלייך אריינגעפיהרט צום שעף.

דער נאטאריוס איז געווען א קליינער, רונדער מענש. זיין קאפ האט אויסגעזעהן ווי א פילקע ארויפגעשלאגען אויף אן אנדער פילקע, וועלכע עס האבען געטראגען צוויי קורצע גראבע פיסלעך, וואס האבען אויגענטליך אויך אויסגעזעהן ווי פילקעס. ער האט זיי בעגריסט, געבעטען זיצען און זיך געווענדעט צו מאגדאלענע'ן:

— גנעדיגע פרוי, איך האב אייך גערופען אום אייך איבער־צוגעבען די צואה פון גראף וואדרעק.

זשארזש האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און א געשריי געטהאן:

— איך האב עס גלייך פערשטאנען!

דער נאטאריוס האט ווייטער גערעדט:

— איך וועל אייך פארלעזען דעם דאזיגען דאקומענט, וועלכער איז אגב זעהר א קורצער:

„איך, דער אונטערגעצייכענטער, פאול עמיל ציפריאן גאנטראן, גראף דע וואדרעק דריק אוים ביי פולען בעוואוסטזיין מיין לעצטען ווילען ווי פאלגט:

אזוי ווי דער טויט קען קומען צו מיר יעדען אויגענבליק, וויל איך זיין פארבערייטעט, דעריבער שרייב איך מיין טעסטאמענט און לאז איהם ביי דעם נאטאריוס, דאקטאר לאמאנער, אין פאריז.

אזוי ווי איך האב ניט קיין נאהענטע לייבליכע קרובים, לאז איך איבער מיין גאנצען פערמעגען, בעשטעהענדיג אויס פאפיערען, און וועקסלען אין ווערט פון זעקס הונדערט טויזענד פראנק און גרונד אייגענטום אין ווערט פון אונגעפעהר פינף הונדערט טויזענד פראנק צו פרוי קלארא מאגדאלענא דו־ראי. איך בעט זי אנצונעהמען דאס דאזיגע געשאנק פון א טויטען פריינד, אלס בעווייז פון טיעפען רעספעקט, איבערגעבענהייט און סימפאטיע."

דער נאטארוים האט צוגעלייגט:

— דאס איז אלעס, דאס דאזיגע טעסטאמענט איז דאטירט פון לעצטען אויגוסט און איז ביי מיר איינגעלעגט געווארען אנשטאט אן אנדערען, וועלכער איז געמאכט פאר צוויי יאהרען אויף דעם נאמען פון פרוי קלארא מאגדאלענא פארעסטיע. איך האב אויך דעם ערשטען טעסטאמענט, וועלכער קען בעווייזען, אז דעם גראף'ס ווילען האט זיך ניט געענדערט, אים פאל אז זיינע קרובים זאלען בעשטרייטען די ירושה.

מאגדאלענע איז געווארען בלייך און האט אראבגעלאזען די אויגען. זשארזש האט נערוועז געדרעהט די וואנצעס צווישען די פינגער, און דער נאטאריוס האט נאך א קורצע פויזע צוגעלייגט:

— נאטירליך, הערר דו־ראי, קען אייער פרוי דאס געשענק ניט אננעהמען אהן אייער צושטימונג.

דו־ראי איז אויפגעשטאנען און געזאגט טרוקען:

— איך וואלט וועלען האבען צייט צו איבערלייגען.

דער נאטאריוס האט געשמייכעלט, ער האט זיך פערנייגט און געזאגט מיט א ליעבענסווירדיגען טאן:

— איך פערשטעה אייך זעהר גוט און איך וויל נור נאך בעמערקען, אז דעם גראף וואדרעק'ס פלימעניק איז דא היינט אין דער פריה געווען און אויסגעהערט די צוואה פון זיין אנקעל. ער איז

בערייט צו אנערקענען די צוואה ווען מען זאל איהם געבען הונדערט טויזענד פראנק. מיין מיינונג איז, אז ער קען די צוואה ניט בע־קעמפפען; אבער א פראצעס וועט אנמאכען א גערודער, וועלכעז איהר וואלט אפשר וועלען אויסמיידען. די מענשען זיינען אפט שארף אין זייער אורטהייל. איבעריגענס קענט איהר מיר ביז שבת לאזען וויסען אייער לעצטע מיינונג.

זשארזש האט זיך פערנייגט:

— געוויס, הערר דאקטאר.

דאן האט ער זיך נאך אמאל פארמאל פערנייגט, האט דורכ־געלאזען פריהער זיין פרוי, וועלכע האט ניט אויסגערעדט קיין ווארט, און איז ארויס אזוי שטיל, אז דער נאטאריוס האט אויפ־געהערט צו שמייכלען.

אנגעקומען אהיים, האט זשארזש העפטיג צוגעשלאסען די טהיר און א ווארף געטהאן זיין הוט אויפ'ן בעט:

— דו ביזט געוועזן וואדרעק'ס געליעבטע — האט ער געזאגט.

מאגדאלענע, וועלכע האט אויסגעטהאן דעם שלייער, האט זיך שנעל א קעהר געטהאן צו איהם:

— איך?

— יא, דו! מען לאזט ניט איבער א פרוי זיין גאנץ פערמעגען, סיידען...

זי האט געציטערט און איז ניט געוועזן אימשטאנד דאס דורכ־זיכטיג געוועב פון איהר פנים ארונטערצונעהמען. דאן נאך א קורצען ארומטראכטען האט זי געזאגט שמייכלענדיג און מיט אן אויפגערעגטען קול:

— הער אויס... דו ביזט... דו ביזט... פעררייקט! האסטו... האסטו... האסטו... אליין פריהער ניט געזאגט, אז... ער... ער האט דיר געדארפט עפעס איבערלאזען?

זשארזש איז געבליעבען שטעהן נעבען איהר און שארף נאכ־געקוקט אלע איהרע אויפגערעגטע בעוועגונגען, ווי א ריכטער. ער האט געזאגט און בעטאנט יעדען ווארט:

— יא,מיר האט ער געקאנט עפעס איבערלאזען, מיר, דיין מאן... מיר... זיין פריינד, אבער ניט דיר... דיר, זיין פריינדין, וועלכע איז מיין פרוי. דאס איז א זעהר גרויסער אונטערשיעד, א זעהר בעדייטענדער אונטערשיעד פון דעם שטאנדפונקט פון טאקט און פון דער עפענטליכער מיינונג.

איצט האט איהם מאגדאלענע אריינגעקוקט אין די אויגען פאר־שענדיג, ווי זי וואלט וועלען דארט עטוואס איבערלאזען, ווי זי וואלט וועלען אריינדרינגען אין דער טיעפסטער טיעפעניש פון זיין נשמה, און זי האט לאנגזאם געזאגט:

— איך דענק, אז ווען... אז מען וואלט אזא גרויסע ירושה אויף דיין נאמען בייטראכט פאר גראדע אזוי זעלטזאם, גראדע אזוי מערקווירדיג.

— ווארום?

— ווייל...—זי איז א ווייל‌ע געווען אונענטשלאסען, דאן האט זי פארגעזעצט: — ווייל דו ביזט מיין מאן, ווייל... דו האסט איהם אוינענטליך זעהר ווייניג געקענט... ווייל איך בין זייט א גאנץ לאנגער צייט זיין פריינדין... ווייל זיין ערשטע צוואה, וועז פארעסטיע האט נאך געלעבט איז שוין געווען אויסגעמאכט אויף מיין נאמען.

זשארזש איז ארומגעלאפען מיט גרויסע טריט אהין און צוריק און האט ערקלעהרט:

— דו קענסט עס ניט אננעהמען!

זי האט געענטפערט גלייכגילטיג:

זעהר שעהן, דאן דארפען מיר ניט ווארטען ביז שבת, מיר קענען דאס גלייך לאזען וויסען דעם נאטאריוס.

ער איז געבליעבען שטעהן פאר איהר און ווידער האבען זיי א מינוט לאנג אנגעקוקט איינער דעם אנדער'ן אין די אויגען, מא־טערנדיג זיך ביז אין די טיעפסטע געהיימניסע פון זייערע נשמות אריינצודרינגען און זייערע פערבארגענסטע געדאנקען צוטרעפען. מיט א שטומער ברענענדיגער פראגע האבען זיי געזוכט דערגעהן,

וואס ביי'ם אנדער'ן אין הארצען, אויפ'ן געוויסען טהוט זיך. דאס איז געווען א שטומער קאמפף פון צוויי וועזען וואס לעבען זייט ביי זייט און דאך זיינען זיי פרעמד, פערדעכטיגען איינער דעם אנדער'ן, בעשולדיגען און שפיאנירען און וועלען זיך קיין מאל ניט קענען ביז צו דעם שמוציגען גרונד פון זייערע הערצער.

און פלוצים האט ער איהר מיט א שטיל קול א שליידער געטהאן אין פנים:

— איצט, זיי זיך מודה, אז דו ביזט געווען וואדרעק'ס געליעבטע.

זי האט א דריק געטהאן מיט די אקסלען:

— דאס איז לעכערליך! וואדרעק האט זיך אימער געהאלטען אנטקעגען מיר זעהר פריינדליך, זעהר... אבער ניט מעהר... קיין מאל ניט!

ער האט א טופע געטהאן מיט'ן פוס:

— דו לייגסט, דאס איז אונמעגליך!

זי האט געענטפערט גאנץ רוהיג:

— עס איז אבער פארט אזוי.

ער האט ווידער גענומען לויפען אהין און צוריק און איז דאן איבער־ארנייעס געבליבען שטעהן:

— דאן ערקלעהר מיר, איך בעט דיך, ווי ער קומט דערצו דיר איבערצולאזען זיין גאנץ פארמעגען, דיר?

גלייכגילטיג און ניט פעראינטערעסירט האט זי איהם געגעבען די ערקלעהרונג:

— דאס איז זעהר איינפאך. ווי דו האסט פריהער ריכטיג בעמערקט, האט ער ניט געהאט קיין אנדערע פריינדע, אויסער אונז, אדער בעסער געזאגט, מיר, דען ער האט מיך געקענט פון מיין קינדהייט און מיין מוטער איז געווען געזעלשאפטערין ביי איינעם פון זיינע קרובים. ער איז אימער געקומען אהער אין הויז און אזוי ווי ער האט ניט געהאט קיין בעשטימטע יורשים, האט ער זיך דערמאנט אן מיר. פילייכט האט ער מיך אויך אביסעל געליעבט,

דאס איז גאנץ מעגליך, אבער וועלכע פרוי איז אויף אזא אופן ניט געליעבט געווארען? און אפשר האט דער דאזיגער געהיימער געפיהל איהם דיקטירט מיין נאמען, ווען ער האט זיין לעצטען ווילען פארשריבען? יעדען מאנטאג האט ער מיר גע־בראכט בלומען און דו האסט זיך דערפון גארניט געוואונדערט. דיר האט ער דאך קיין בלומען ניט געבראכט. היינט לאזט ער מיר אוים דעם זעלבען גרונד איבער זיין פערמעגען, און ווייל ער האט קיינעם ניט, וועמען ער זאל עס קענען געבען. און געגענ־טייל, עס וואלט געווען זעהר זאנדערבאר, ווען ער וואלט עס דיר געלאזען. פארוואס עפעס דיר? וואס פאר א מחותן ביזטו געווען מיט איהם?

זי האט גערעדט אזוי רוהיג, אזוי נאטירליך, אז זשארזש האט אין פלוג ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען.

צום סוף האט ער געזאגט:

— עס איז אלץ איינס, אונטער דיעזע אומשטענדען קענען מיר די ירושה ניט אננעהמען. עס וועט מאכען זעהר א שלעכטען איינדרוק. אלע מענשען, די גאנצע וועלט וועט דער פון רעדען און מיך אויסלאכען, די קאלעגען זיינען שוין אזוי אויך גענוג אייפער־זיכטיג אויף מיר און זוכען נור א געלעגענהייט מיך אנצוגרייפען. איך מוז מעהר ווי ווער עס איז היטען מיין כבוד און מיין גוטען נאמען. איך קען בשום אופן ניט צוגעבען, אז מיין פרוי זאל אנעהמען א ירושה פון א מאן, אויף וועלכען די וועלט קוקט שוין לאנג ווי אויף איהר ליעבהאבער. פארעסטיע האט עס פילייכט געדולדעט, אבער איך ניט.

זי האט געזאגט:

— נו, טא לאמיר עס ניט אננעהמען, מיין ליעבער פריינד. איין מיליאן ווייניגער אין קעשענע, וואס שפיעלט פאר א ראליע?

ער איז נאך אלץ ארומגעלאפען הין און צוריק איבער'ן צימער און גענומען טראכטען אין דער הויך, רעדענדיג אויף אזא אופן אי צו זיין פרוי, אי צו זיך אליין:

— אלזא שעהן! א מיליאן... אמת, דאס איז א היבשע סומע. ער האט אבער ניט געטראכט, ווען ער האט זיין צוואה געשריבען. ווי טאקטלאז ער איז געווען, ווי ער האט פארלעצט די אנשטענדיג־קייט און אין וואס פאר א פאלשער, א לעבערליכער לאגע ער וועט מיך דערמיט אוועקשטעלען. אין לעבען איז אימער די הופטזאך, ווי א געשעפט ווערט געמאכט. ווען ער זאל מיר געלאזט לאזען א העלפט פון זיין פארמעגען, וואלט עס דאן שוין געהאט אן'אנדער אויסזעהן.

ער האט זיך געזעצט, פארלייגט א פוס אויף א פוס, געדרעהט זיינע וואנצעס, ווי ער האט עס אימער געטהאן, ווען מיט איהם האט פאסירט עטוואס אונאנגענעהמעס, אדער ווען ער האט געמוזט ענטשיידען א שווערע פראגע.

מאגדאלענע האט גענומען איהר האנד ארבייט און זוכענדיג די פארבען פון די וואל האט זי געזאגט:

— איך קען נור שווייגען. דו מוזט זיך די זאך איבערלייגען.

ער האט א לאנגע צייט ניט געענטפערט. דאן האט ער גע־זאגט ניט גאר דרייסט:

— די וועלט וועט קיינמאל ניט פארשטעהן ווי אזוי וואדרעק האט דיר גמאכט פאר זיין הויפט יורש'טע און ווי אזוי איך האב דאס צוגעגעבען. קריגען דאס געלד אויף אזא אופן, הייסט איינ־פאר זיך מודה געווען... מודה געווען: פון דיין זייט אין א אונ־מאראלישען פערהעלטניס, פון מיין זייט אין מאכען א שווייג. פארשטעהסטו דען ניט, ווי מען וועט קוקען אויף אונז? מען מוז וויניגסטענס געפינען א מיטעל, צו פארדעקען די געשיכטע מיט עפעס עס איז, פערשפרייטען א קלאנג, אז ער האט דאס געלד צוטהיילט צווישען אונזביידען. איין העלפט דעם מאן, א צווייטע העלפט דער פרוי.

זי האט געזאגט:

— איך ווייס ניט ווי אזוי מען קען דאס טהאן, אזוי לאנג ווי עס איז דא א געשריבענע צוואה.

ער האט געענטפערט:

— אך, דאס איז גאנץ איינפאך. דו קענסט זיך מיט מיר אבּ־שרייבען, אז דו שענקסט מיר א העלפט נאך ביים לעבען. קיין קינדער האבען מיר ניט, איז דאס דאך זעהר לייכט צו טהאן. אויף אזא אופן וועלען מיר פערשטאָפּען די בייזע מיילער, די צינגער.

זי האט געענטפערט עטוואס אונגעדולדיג:

— אבער איך זעה נאך אלץ ניט איין, ווי מען וועט דערמיט די בייזע מיילער די צינגער פערשטאָפּען, אזוי לאנג ווי די צוואה עקזיסטירט נאך אלץ שווארץ אויף ווייס אונטערגעשריבען פון וואדרעקס האנד.

ער האט געענטפערט אומגעבראכט:

— מיר מוזען עס דאך ניט צייגען און ניט אויפקלעפּען אויף אלע ווענט. דו ביזט פארט א נאר! מיר וועלען איינפאך זאגען אז גראף וואדרעק האט זיין פערמעגען צוטהיילט צווישען אונזביידען. אויסער דעם ווייסטו דאך מסתמא, אז אָהן מיין צושטי־מונג קענסטו די ירושה ניט אָננעהמען, און איך גיב זי דיר נור אונטער די בעדינגונגען אז מיר זאלען זיך טהיילען, אום איך זאל ביי לייטען ניט ווערען צו שפּאָט און צו שאנד.

זי האט איהם ווידער שארף אנגעקוקט:

— ווי דו ווילסט, איך בין איינפערשטאַנען.

ער האט זיך אויפגעהויבען און ווידער גענומען שפּרייזען אי־בער'ן צימער אונענטשלאָסען, און אויסמיידענדיג זיין פרוי'ס פאר־שענדען בליק, האט ער געזאגט:

— ניין, עס איז דאך בעסער די געשיכטע אינגאנצען ניט אנ־צונעהמען, עס וועט זיין עהרענהאפטער, ריכטיגער, קיין מענש וועט ניט האבען וואס צו רעדען, און די פיינסטע מענשען וועלען מוזען אראבנעהמען פאר אונז די הוטעל.

ער איז געבליבען שטעהן פאר מאגדאלענע'ן.

— הער, מיין ליעבע, ווען דו ווילסט, וועל איך אליין אריבער־געהן צום נאטאריוס, איך וועל זיך מיט איהם דורכריידען און איהם

אונזער אנזיכט ערקלעהערען. איך וועל ניט בעהאלטען פון איהם מיינע צווייפעל און וועל צולייגען, אז מיר האבען אוים טאקט גע־פיהל, אום אויסצומיידען לייטישע רייד, זיך בעשלאסען צוטהיילען מיט דער ירושה. מיט דעם וואס איך נעהם אן די העלפט פון דער ירושה נעהם איך ביי אלעמען אוועק דאס רעכט צו זאגען א שלעכט ווארט וועגען דיר. דאס הייסט: ערקלעהרט הויך און אפען פאר אלעמען: „מיין פרוי, נעהמט אן, ווייל איך נעהם אן, איך איהר מאן, וועלכער האט צו באשטימען, וואס זי מעג טהאן אהן דעם, אז זי זאל זיך קאמפראמענטירען". אז ניט וואלט אונז אונ־מעגליך געווען צו פערמיידען א סקאנדאל.

מאגדאלענע האט געזאגט איינפאך:

— ווי דו ווילסט.

ער האט ווידער גענומען זי בעשיטען מיט רייד:

— אז מיר טהיילען זיך ווערט אלעס קלאהר ווי דער טאג. מיר ירש'ענען פון א פריינד, וועלכער האט צווישען אונז קיין אונטער־שיעד ניט געמאכט, וועלכער האט ניט געוואלט זאגען: „מיר איז ליעבער די פרוי ווי דער מאן און איך ציה זי פאר נאך מיין טויט ווי איך האב עס געטהאן פאר מיין לעבען". אמת, ער האט טאקע די פרוי ליעבער געהאט, אבער דערמיט, וואס ער האט דאס געלד געלאזען פארביידען, האט ער קלאהר געוואלט אויסדריקען, אז זיין ליעבע איז געווע ריין פלאטאניש. דו קענסט זיין גאנץ זיכער, ווען ער זאל וועגען דעם א טראכט געטהאן, וואלט ער אזוי געטהאן. ער האט איינפאך וועגען דעם ניט געטראכט, ער האט ניט פאראויסגעזעהן די פאלגען. דו האסט פריהער זעהר ריכטיג גע־זאגט, דיר האט ער יעדע וואך געבראכט בלומען; דיר האט אויך געגאלטען זיין לעצטער געדאנק, אבער ער האט ניט פאראויס־געזעהן...

זי איז איהם עטוואס אויפגערעגט אריינגעפאלען אין די רייד:

— איך בין איינפערשטאנען. איך פערשטעה, צו וואס טויגען דיר אזוי פיעל רייד? געה גלייך צום נאטאריוס.

ער האט ארויסגעשטאמעלט רויט ווערענדיג:

— דו ביזט גערעכט.

ער האט גענומען זיין הוט און ארויסגעהענדיג פון צימער האט ער געזאגט:

— איך וועל פרובירען אבמאכען מיט דעם פלימעניק פאר פופציג טויזענד פראנק.

זי האט געענטפערט שטאלץ:

— ניין, גיב איהם די גאנצע הונדערט טויזענד פראנק וועלכע ער פערלאנגט. אויב דו ווילסט, קענסטו עס אראבציהען פון מיין העלפט.

ער האט געענטפערט פערשעהמט:

— אך ניין, מיר טהיילען זיך, ווען מיר וועלען איהםביידע געבען די פופציג טויזענד פראנק, בלייבט אונז נאך אלץ איבער א קיילעכדיגער מיליאן. — דאן האט ער צוגעלייגט:

— צום ווידערזעהן, מיין קליינע מאגדא!

ער איז אוועק צום נאטאריוס אום איהם מיטצוטהיילען די אבמאכונג, וועלכע, ווי ער האט בעהויפטעט, זיין פרוי האט אויסגעטראכט.

אויפ׳ן צווייטען טאג האבען זיי אונטערגעשריבען א פאפיער, וואו מאגדאלענע דו־ראי האט געשענקט איהר מאן פינף הונדערט טויזענד פראנק. ווען זיי האבען פערלאזען די ביורא, האט דו־ראי פארגעשלאגען, אזוי ווי דער וועטהער איז געווען שעהן, צו געהן צו פוס ביז צו די בולווארען. ער איז געווען ליעבענסווירדיג, אויפמערקזאם, פול ריקזיכט און צערטליכקייט פאר זיין פרוי. ער האט געשמייכעלט, איז געווען גליקליך מיט אלדינג, בעת זי האט זיך געהאלטען עטוואס ערנסט.

עס איז געווען א קאלטער הערבסט טאג. די ארומיגע מענשען זיינען געגאנגען אייליג זייער וועג... דו־ראי האט צוגעפיהרט זיין פרוי צו דער קראם, וואו ער האט געזעהן דעם געווינשטען כראנאמעטער.

— זאָל איך דיר קויפען עפּעס ציהרונג?

זי האָט געענטפערט גלייכגילטיג:

— ווי דו ווילסט.

זיי זיינען אריין אינווייניג און ער האָט געפרעגט:

— וואָס געפעהלט דיר בעסער, אַ האַלז באַנד, אַ בראַסלעט, אָדער אויער רינגעלאַך?

דער אנבליק פון די גאָלדענע און בריליאַנטענע זאַכען האָבען פארטריבען איהר קאַלטקייט, און מיט אַ לעבהאַפטען, נייגעריגען בליק האָט זי געקוקט אויף די גלעזערנע קאַסטענס מיט טהייערע ציהרונג אָנגעפילט. פּלוצים האָט זי געקראָגען אַ וואונש:

— אַך, דאָס איז אַ שעהנער בראַסלעט!

דאָס איז געווען אַ קייט מערקווירדיג שעהן געמאַכט, און יעדער גליעד האָט געטראָגען אַן אַנדער שטיין.

זשאָרזש האָט געפרעגט:

— וואָס קאָסט דער בראַסלעט?

דער יואוועליער האָט געענטפערט:

— דריי טויזענד פראַנק.

— ווען איהר וועט עס מיר פאַר מינף און צוואַנציג הונדערט פראַנק געבען, דאַן נעהם איך עס.

דער מאַן האָט אַ ווייל געטראַכט, דאַן האָט ער געזאָגט:

— ניין, דאָס איז אונמעגליך.

דו־ראַי האָט געענטפערט:

— ווייסט איהר וואָס, איך נעהם נאָך דיעזען בראַנאַמעטער אויף פאַר פופצעהן הונדערט פראַנק, צוזאַמען מאַכט עס פיער טויזענד. איך בעצאָהל גלייך דאָס געלד. זייט איהר צופריעדען? ווען ניט געה איך אין אַן אַנדער פּלאַץ.

דער יואוועליער איז געווען אַ ביסעל ערשטוינט און צום סוף האָט ער איינגעוויליגט:

— גוט. מיר מאַכען געשעפט.

און דער זשורנאַליסט האָט צוגעלייגט, געבענדיג זיין אדרעס:

— לאזט אויסגראווירען אויף דעם כראָנאָמעטער די ערשטע בוכשטאַבען פון מיין נאָמען, ווי א מאָנאָגראַם און פון אויבען א זיעבענצאַקיגע קרוין

מאגדאלענע איז געוואָרען ערשטוינט, האָט א שמייכעל געטהאָן און ווען זיי זיינען ארויסגעגאנגען, האָט זי זיך מיט א געוויסע צערטליכקייט אנגעהאנגען אויף זיין אָרעם. זי האָט איינגעזעהן, אז ער איז דאָך געשיקט און קלוג. ער האָט זעהר ריכטיג געטהאָן, איצט, אז ער האָט געהאַט געלד, האָט ער אויך געמוזט האָבען א טיטעל. דער סוחר האָט זיך טיעף פערנויגט פאר זיי:

— איהר קענט זיך אויף מיר פערלאָזען, דאָנערשטאָג איז עס פערטיג, הערר באראָן!

זיי זיינען פארביי געגאנגען פאר דעם וואָדעוויל טהעאַטער, וואו עס האָט זיך געשפּיעלט א נייע שטיק.

— ווען דו ווילסט, געהען מיר היינט ביי־נאַכט אין טהעאַטער, לאָמיר פּרואווען קריגען א לאָזשע.

עס איז נאָך געבליבען איינע. ער האָט זי גענומען און געזאָגט:

— ווּעלען מיר אפשר עסען אין א רעסטאָראן?

— פון מיינעטוועגען.

ער איז געווען גליקליך ווי א קעניג און האָט אלץ געטראַכט וואָס נאָך אזוינס קען מען טהאָן.

— לאָמיר פערגעהן צו פרוי מארעל און פערברענגען צוזאַמען דעם אָבענד; איך האָב געהערט, אז איהר מאַן איז אין דער היים. איך וואָלט איהם גערן ווּעלען זעהן.

זיי זיינען אוועק אהין און זשאָרזש'ן, וועלכער האָט מורא געהאַט צוזאמענטרעפען זיך מיט זיין געליעבטע נאָך יענע סצענע, איז אנגענעהם געווען, וואָס זיין פרוי איז דערביי און עס איז ניט מעגליך קיין שום ערקלעהרונג. אָבער קלאָטילדע האָט, ווי עס שיינט, שוין פערגעסען די גאנצע געשיכטע און האָט זאָגאר געצוואונגען איהר מאַן אָנצונעהמען די איינלאַדונג.

דער דינער איז געווען פרעהליך און דער אבענד רייצענד. זשאָרזש און מאגדאלענע האָבען זיך שפּעט אומגעקעהרט אהיים; דאָס געז איז שוין געווען אויסגעלאָשען און אום צו בעלויכטען דעם וועג האָט זשאָרזש אלע ווייל אָנגעצונדען שוועבעלאך.

ווען זיי זיינען ארויף די טרעפּ פון דעם ערשטען שטאק, האָבען זיי פּלוצים דערזעהן אין שפּיגעל זייערע פּנים'ער, וועלכע האָבען זיך שאַרף אָבגעצייכענט אין דער ארומיגער פינסטערניש. זיי האָבען אויסגעזעהן ווי צוויי פּלוצים ערשיינענע גייסטער, וועלכע זיינען גלייך ווידער אין דער נאַכט פערשוואונדען.

דו־ראָי האָט אויפגעהויבען די האַנד, אום זייערע פּנים'ער גאַנץ העל צו בעלויכטען, און האָט געזאָגט מיט אַ טריאומפירענדען שמייכעל:

— אָט געהען זיי, די מיליאָנערען!

7

זייט צוויי מאָנאטען אז מאַראָקאָ איז איינגענומען געוואָרען. פראנקרייך האָט איצט געהאָט טאַנזשער אין איהרע הענד און אויף אזא אופן בעזעסען די ברעגעס פון דעם מיטעל־מעער אין אפריקא ביז טריפּאָלים. די שולדען פון דעם ניי־ערָאָבערטער לאַנד האָט איבערגענומען אויף זיך די פראנצויזישע רעגיערונג.

מען האָט גערעדט, אז צוויי מיניסטאָרען האָבען דערביי פערדיענט איבער צוואנציג מיליאָן פראנק און גאַנץ אָפען אָנגערופען לאַראָש־מאַטיע.

פון וואַלטער'ן האָט באַלד געוואוסט יעדער מענש אין פּאַריז, אז ער האָט צוויי פליעגען מיט איין קלאַפּ געשלאָגען, אז ער האָט געמאַכט פון דרייסיג ביז פערציג מיליאָן פון מאַראָקאָ'ס שולדען און דערצו פון אכט ביז צעהן מיליאָן פון קופּער און אייזען מינען.

אויסער דעם האט ער פריהער אויסגעקויפט גרויסע שטיקער לאנד האלב אומזיסט, און נאכהער, נאך דער עראבערונג, האט ער עס פערקויפט צו די פראנצויזישע קאלאניאל געשעפטען.

ער איז שוין איצט ניט געווען דער איד וואלטער, דער שעף פון א צווייפעלהאפטען באנק, און ארויסגעבער פון א צווייפעל־האפטער צייטונג, און אבגעארדענטער, וועמען מען האט פערדעכטיגט אין אלערליי אונריינע זאכען. איצט איז ער געווען הערר וואלטער, דער רייכער איזראעליט.

און ער האט געוואלט ווייזען אז ער איז רייך.

פרינץ דע־קארלסבורג, וועלכער האט געהאט איינעם פון די שעהנסטע פאלאצען אויף דער רו דו־פאבורג סענט האנאר, האט זיך געפונען אין זעהר א געדריקטע לאגע, און וואלטער, וויסענדיג דאס, האט איהם פארגעשלאגען צו קויפען ביי איהם דאס גרונדשטוק מיט האק און פאק ווי עס שטעהט און געהט, ניט ריהרענדיג פון ארט אפילו א שטוהל. ער האט דערפאר פארגעשלאגען דריי מיליאן און דער פרינץ, צומישט פון אזא גרויסער סומע, האט איינגעווי־ליגט.

אויפ'ן צווייטען טאג האט וואלטער אריבערגעצויגען זיך אין זיין נייע דירע.

דאן איז איהם איינגעפאלען אן אנדער געדאנק, א געדאנק צו עראבערען גאנץ פאריז, אן אמת'ער גאוני'שער געדאנק.

אין יענער צייט האט גאנץ פאריז זיך געשטופט צו זעהן א גרויסע בילד פון דעם הונגארישען מאהלער קארל מארקאוויטש, וואס איז געווען אויסגעשטעלט ביי דעם קונסט הענדלער יאקאב לענאבל. דאס בילד האט פארגעשטעלט און געטראגען דעם נאמען „קריסטוס וואנדערט אויפ'ן ים".

די בעגייסטערטע קונסט־קריטיקער האבען אויפגעהויבען דיעזע בילד ביז צום הימעל און עס געמאכט פאר דאס גרעסטע מייסטער־ווערק פון דעם יאהר הונדערט.

וואלטער האט עס געקויפט פאר א האלב מיליאן, צוגענומען פון דעם פלאץ וואו עס איז געווען אויסגעשטעלט און אויף אזא אופן געצוואונגען גאנץ פאריז צו רעדען פון זיך מיט קנאה, מיט פערדרוס אדער מיט רעכטפערטיגונג.

דאן האט ער געדרוקט אין די צייטונגען אן אנאנסע, אז אין א געוויסען אבענד וועט ער איינלאדען אלע בעקאנטע פערזאנען פון דער פאריזער געזעלשאפט אום דאס מייסטערווערק פון דעם אויסלענדישען קינסטלער צו בעוואונדערען, אום מען זאל איהם ניט קענען בעשולדיגען, אז ער האט גענומען א גרויסע קונסט־ווערק און עס בעהאלטען אין זיין פאלאץ. זיין הויז איז אפען פאר אלעמען, ווער עס וויל קען קומען, ער דארף ביים אריינגאנג נור ווייזען די איינלאדונגס קארט.

אויף דער קארטע איז געשטאנען:

„הערר און פרוי וואלטער נעהמען זיך די עהרע אייך איינ־צולאדען דעם דרייסיגסטען דעצעמבער, צווישען ניין און צוועלף אזייגער, צו בעטראכטען דאס בילד פון קארל מארקאוויטש, „קריסטוס וואנדערט אויף'ן ים", פאר עלעקטרישער בעלייכטונג..

גאר אונטען, אין א ווינקעל, איז מיט גאנץ קליינע בוכשטאבען געשטאנען: „נאך צוועלף ווערט געטאנצט". אלזא, ווער עס וועט וועלען, וועט קענען בלייבען און צווישען זיי וועלען די וואל־טערס אויסקלייבען זייערע צוקונפטיגע בעקאנטע.

די איבעריגע וועלען בעטראכטען דאס בילד, דאס הויז און די אייגענטהימער, נייגעריג, פריעך אדער גלייכגילטיג און דאן וועלען זיי זיך קענען געהן ווי זיי זיינען געקומען. דער אלטער וואלטער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז זיי וועלען קומען נאך אמאל, ווי זיי זיינען גע־קומען צו די אנדערע אידען, וועלכע זיינען רייך געווארען אזוי ווי ער.

צוערשט מוזען אלע אריסטאקראטען פון וועלכע מען רעדט אין די צייטונגען, קומען צו איהם אין הויז אריין. זיי וועלען קו־מען זעהן, ווי עס זעהט אויס א מענש, וועלכער האט אין פערלויף

פון זעקס וואכען געמאכט זעכציג מיליאָן. זיי וועלען בלומרשט נור קומען א קוק טהאָן ווער נאך איז געקומען און זיי וועלען קור־מען, ווייל ער האט געהאט טאקט און שכל זיי איינצולאדען צו איהם, דעם זוהן פון ישראל, גראדע א בילד פון קריסטוס'ן צו בעטראכטען.

עפּעס אזוי, ווי ער וואָלט צו זיי זאָגען:

„איך האָב בעצאָהלט אַ האַלבען מיליאָן פאר דאָס רעליגיעזע מייסטער־ווערק פון קאַרל מאַרקאָוויטש „קריסטוס וואנדערס אויפ'ן ים". די דאָזיגע מייסטער־ווערק וועט פון איצט אָן בלייבען אונטער מיין השגחה, אין מיין הויז, אין דעם הויז פון'ם אידען וואַלטער".

אין דער העכסטער געזעלשאַפט, אין דער געזעלשאַפט פון די הערצאָגינען און פירסטינען, האט מען גערעדט פון דער דאָזיגער איינלאַדונג, וועלכע האט אויגענטליך צו קיין זאך ניט פער־פליכטעט. מען וועט אהין געהן ווי מען געהט בעטראכטען קונסט־זאכען צו הערר שולץ אָדער מילער.

די וואַלטערס האבען געהאט א מייסטער־ווערק, און אין א געוויסען אבענד האבען זיי געעפענט די טויערען פון זייער הויז, אום די וועלט זאָל עס קענען בעטראכטען. ווייטער גאָרנישט!

זייט פיערצעהן טעג זיינען אין דעם לאָקאַלען טהייל פון דעם „פראנצויזישע לעבען" געשטאַנען נאָטיצען איבער דעם דאָזיגען אבענד־געזעלשאַפט דעם דרייסיגסטען דעצעמבער, וועלכע האבען געוועקט די נייגעריגקייט פון'ם פובליקום.

דו־ראַי האט זיך געקאכט איבער דעם שעף'ס ערפאָלג. ער האט זיך געהאלטען פאר רייך מיט דעם האלבען מיליאָן, וואס ער האט ארויסגעקריגען ביי זיין פרוי, אבער איצט האט ער זיך געפיהלט אָרעם, שרעקליך אָרעם, פערגלייכענדיג זיינע לומפּיגע פאר פראנק מיט דעם מיליאָנען־רעגען, וועלכער האט געשטראָמט ארום איהם, און פון וועלכען ער האט גאָרנישט געהאט.

זיין קנאה, זיין כעס איז געוואקסען פון טאָג צו טאָג. ער איז געווען בייז אויף דער גאנצער וועלט, בייז אויף וואלטער'ן, וועל־

כער האָט איהם שוין מעהר ניט בעזוכט, אויף זיין פרוי, וועלכע גע־
נארט פון לאראש'ן האָט איהם אָבגעראטען צו קויפען מאראָקאנישע
פאפירען און מעהר פון אלץ אויף דעם מיניסטער, וועלכער האָט
איהם אָנגעפייפט, וועלכער האָט איהם אויסגענוצט און וועלכער
האָט צוויי מאָל אַ וואָך ביי איהם געגעסען.

זשאָרזש האָט איהם געדיענט אַלס סעקרעטער, אַלס אַגענט,
אַלס אַ שרייב־מאַשין, און שרייבענדיג דאָס וואָס יענער דיקטירט,
האָט איהם אָפט אָנגעכאַפּט אַ ווילדער פערלאַנג צו דערשטיקען
דעם דאָזיגען מיאוס'ן, טריאומפירענדען שוטה. אַלס מיניסטער
האָט לאראש קיין גרויסען ערפאָלג ניט געהאַט און אום איינצו־
האַלטען זיין פאָרטפעל, האָט ער געמוזט בעהאַלטען, אַז זיינע קע־
שענעס זיינען אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד.

אָבער דו־ראָי האָט דערשמעקט געלד אין דער פאררוסענער
שפראך פון אַן ארויפגעארבייטען אדוואקאט, אין זיין אונפער־
שעהמטער האַלטונג, אין זיינע געוואגטע מיינונגען און אין דעם
אונגעהויערען גלויבען אין זיך אליין.

לאראש איז איצט געווען אַ גאַנצער מאַכער אין דו־ראָי'ס
הויז. ער האָט איינגאַנצען פערנומען דעם פלאַץ און די טעג
פון גראף וואדרעק און גערעדט מיט די בעדיענטע, ווי ער וואָלט
געווען דער צווייטער בעל־הבית.

זשאָרזש האָט איהם געדולדט ציטערנדיג ווי אַ הונד, וועלכער
וויל בייסען און טאָר ניט. אָבער ער איז אָפט געווען הארט און
גראָב אנקעגען זיין פרוי, וועלכע האָט געדריקט מיט די אקסלען
און איהם בעהאַנדעלט ווי אַן אונערצויגענעם קינד. זי האָט זיך
געוואונדערט איבער זיין אונאויפהערליך שלעכטען מוטה און
געזאָגט:

— איך פערשטעה דיך ניט. דיין לאַגע איז אַן אויסגעצייכענטע
און דו האַלסט זיך אין איין בעקלאָגען.

ער האָט זיך צו איהר אומגעקעהרט מיט'ן רוקען און גאָרנישט
געזאָגט.

צוערשט האט ער ערקלעהרט, אז ער וועט ניט בעזוכען דעם פעסט פון זיין שעף און אז זיין פוס וועט מעהר ניט אריבערטרעטען דעם שוועל פון דעם שמוציגען אידען.

זייט צוויי מאנאטען האט איהם פרוי וואלטער געשריבען יעדען טאג בריעף ער זאל קומען צו איהר, אדער בעשטעלען א צוזאמענ־קונפט וואו ער וויל, אום זי זאל איהם קענען אבגעבען די זיעבציג טויזענד פראנק, וואס זי האט פאר איהם געוואונען.

ער האט ניט געענטפערט און איהרע פערצווייפעלטע בריעף אין פייער אריינגעווארפען. ניט חלילה ווייל ער האט ניט געוואלט אבנעהמען זיין טהייל געווינס, נור ווייל ער האט זי געוואלט ברענגען צו פערצווייפלונג, איהר זיין פעראכטונג ארויסווייזען און זי אונטער די פיס טרעטען. זי איז געוועזן צו רייך! ער האט זיך געוואלט ווייזען שטאלץ.

אין דעם טאג ווען דאס בילד האט געזאלט געצייגט ווערען, האט מאגדאלענע איהם בעוויזען, ווי אונרעכט עס איז פון איהם ניט צו געהן אהין, אבער ער האט בייז געענטפערט:

— לאז מיך צופריעדען, איך בלייב אין דער היים.

דאן, נאכ'ן עסען, האט ער פלוצים ערקלעהרט:

— איך מוז טראצדעם מיטמאכען די קאמעדיע, טהו זיך שנעל אן.

זי האט נור אויף דעם געווארט.

— אין א פיערטעל שטונדע בין איך פארטיג.

ער האט זיך אנגעטהאן און זיך געבייזערט, און אפילו זיצענדיג אין דראזשקע האט ער זיך נאך אלץ ניט בערוהיגט.

דער אינוויינינגסטער הויף פון דעם פאלאץ איז געוועזן בעלויכ־טען מיט פיער קוגלען, וועלכע האבען אויסגעזעהן ווי פיער קליינע לבנה'ס אין פיער פערשיעדענע עקען. א וואונדער שעהנער טעפיך איז אויף די ברייטע טרעפ אויסגעשפרייט געווארען און אויף יעדער טרעפעל איז ווי א שטייפע סטאטוע, א דיענער אין א ליוורייע גע־שטאנען.

דו־ראי האט געברומט:

— קוק אן, וואס פאר אן אנשטעל זיי מאכען דאס!

ער האט א דריק געטהאן מיט די אקסלען און זיין פנים האט זיך פערקרימט פון קנאה.

זיין פרוי האט צו איהם געזאגט:

— זיי דאך שטיל און טהו איהם בעסער נאך!

זיי זיינען אריין און איבערגעגעבען זייערע שווערע אויבער־קליידער די דיענער. איניגע דאמען, וועלכע זיינען געשטאנען מיט זייערע מענער, האבען אויך אויסגעטהאן זייערע מאנטלען. פון אלע זייטען האט זיך געהערט:

— עס איז פראכטפאל, פראכטפאל, גרויסארטיג!

דאס גרויסע פיהר־הויז איז געווען בעהאנגען מיט גאבעלינס, וועלכע האבען מיט זיך פארגעשטעלט די גאנצע געשיכטע פון מארס און ווענוס.

רעכטס און לינקס האבען זיך געצויגען צוויי מערקווירדיגע טרעפען, וועלכע זיינען זיך צוזאמענגעקומען אויף'ן ערשטען שטאק. דאס געלענדער איז געווען א וואונדער פון שמיעד אר־בייט. די טרעפ פון רויטען מארמאר זיינען פון די זייטען אין זייער גאנצער לענג בעגילט געווען מיט בלאסען גאלד.

ביים אריינגאנג אין סאלאן האבען צוויי קליינע מיידעלאך, איינע אין ראזאווע קליידער די אנדערע אין בלויע, דערלאנגט די דאמען בוקעטען פון לעבעדיגע בלומען.

דאס איז אלעמען שטארק געפעלען געווען.

די גרעסטע טהייל פון די פרויען זיינען געווען אנגעטהאן איינפאך, אזוי ווי זיי וואלטען מיט דעם געוואלט ווייזען, אז זיי זיינען געקומען אהער ווי אויף א פריוואטע אויסשטעלונג, און יענע פון זיי וואס האבען בדעה געהאט צו פערבלייבען טאנצען, זיינען אנגעטהאן געווען ווי צו א באלל.

מאדאם וואלטער איז געזעסען אין'ם צווייטען צימער צווישען פריינד און האט פריינדליך געענטפערט אויף די בעגריסונגען

פון די בעזוכער. א סך האבען זי ניט געקענט און זי בעטראכט מיט נייגעריגקייט, אקוראט ווי זי וואלט אויך געווען א טהייל פון דער אויסשטעלונג.

דערזעהענדיג דו־ראַי׳ן איז זי בלייך געוואָרען פאר אויפרעגונג או איז בעדייט געווען ווארפען זיך איהם אויפ׳ן האלז. זי האט זיך אבער בעהערשט, איז געבליבען זיצען אויף איהר ארט און געווארט, ער זאל צו איהר צוגעהן.

ער האט זיך העפליך פערנייגט פאר איהר און זי האט איהם געזאגט קאמפלימענטען אהן א שיעור.

ער האט איבערגעלאזען זיין פרוי נעבען איהר און איז אליין פערשוואונדען צווישען עולם און זיך געסטארעט צו כאפען די פיינדליכע בעמערקונגען, וואס ער האט ערווארטעט צו הערען פון אלע זייטען.

פינף זאאלען האבען זיך געצויגען איינער נאכ׳ן אנדערען. זיי זיינען געווען בעשלאגען מיט די טהייערסטע שטאפען, מיט די בעסטע איטאליענישע אוצרען, מיט אריענטאלישע טעפיכער פון פערשיעדענעם קאליר און סטיל. אויף די וואנד זיינען געהאנגען בילדער פון די אלטע מייסטערס. א בעזונדערע בעגייסטערונג האט ארויסגערופען א צימערעל אין דעם סטיל פון לודוויג דעם זעכצעהנטען; א קליינער בודואר, בעשלאגען מיט בלויען זייד, אויף וועלכען עס זיינען אויסגענייהט געווען ראזאווע בלומען. די בעגילדעטע מעבעל, די ארבייט פון א מייסטער, איז אויך בעשלא־גען געווען מיט דעם זעלביגען שטאף.

זשארזש האט דא געזעהן אלע בעריהמהייטען: די הערצאגין דע־פעראסין, דעם גראף און גרעפין דע־ראוועגדול, דעם גענעראל, פירסט דע־אנדרעמאן, די רייצענדע מארקיזע דע־דיון און די אלע יענע, וואס בעזוכען די ערשטע פארשטעלונגען.

אימיצער האט איהם אנגעכאפט ביים ארעם און איהם א שושקע געטהאן אויפ׳ן אויער: — „דאס זייט איהר, שעהנער פריינד? ווארום זייט איהר צו אונז ניט געקומען?“

דאס איז געווען סוסאנא וואלטער, וועלכע האט געקוקט אויף איהם מיט איהרע בלישטשענדיגע, פוטערדיגע אויגען פון אונטער א וואלקען געקרויזטע בלאנדע האהר

ער האט זיך דערפרעהט, בעת ער האט זי דערזעהן, און האט איהר אויפריכטיג א דריק געטהאן די האנד. דערנאך האט ער זיך פאר איהר ענטשולדיגט:

— איך האב ניט געקענט, איך בין געווען אזוי בעשעפטיגט די לעצטע צוויי מאנאטען, דאס איך בין כמעט פון'ם הויז ניט ארויס.

— דאס איז זעהר און זעהר ניט שעהן פון אייך — האט זי געזאגט ערנסט — דאס פערדריסט אונז. איך און מאמא פערגע־טערען דאך אייך. איך קען אהן אייך ניט לעבען. ווען איהר זייט ניטא בין איך אויסער זיך, איךביינק אזוי נאך אייך. איך רייד מיט אייך אזוי אפען, אום איהר זאלט וויסען, אז איהר האט קיין רעכט ניט צו בעזוכען אונז. קומט, איך וועל אייך אליין ווייזען דאס בילד „קריסטוס וואנדערט איבער'ן ים". פאפא האט אויפגעהאנגען דאס בילד אין דעם לעצטען זאאל, הינטער דער אררענזשערעע, אום די געסט זאלען מוזען דורכגעהן אלע צימערען. דער פאפא מאכט זיך לעבערליך.

זיי האבען זיך דורכגעקוועטשט צווישען עולם. אלע האבען זיך אומגעקוקט אויף דעם דאזיגען שעהנעם יונגען מאן און אויף דער דאזיגער שעהנינקע ליאלקע.

איינער פון די בעוואוסטע מאהלערס האט זיך אנגערופען:

— אט דאס איז א רייצענדע פארעל... א פערגעניגען צו קוקען.

זשארזש האט א טראכט געטהאן:

— אט ווער עס האט געדארפט זיין מיין פרוי. און דאס וואלט דאך געקענט זיין מעגליך אויך. ווי האב איך וועגען דעם ניט א טראכט געטהאן? ווי אזוי האב איך זיך געקענט היגרייסען מיט

יענער? ווי דום איך בין געוועןl אלע מאל האנדעל איך געאיילט, ניט ארומגעטראכט.

און קנאה, ביטערע קנאה האט איהם גענומען עסען, פער'סם'ט זיין נשמה, פער'סם'ט זיין פרייד און אלסדינג פאר איהם און ארום איהם איז ווי מיט א וואלקען בעצויגען געווארען.

— אה, קומט צו אונז אפטער, שעהנער פריינד, — האט סוסאנע געזאגט — איצט, ווען דער פאפא איז אזוי רייך געווארען, וועלען מיר הוליען אויף וואס די וועלט שטעהט.

— יעצט וועט איהר הייראטהען א שעהנעם פירסט און מיר וועלען זיך שוין ניט זעהן מעהר — האט ער געזאגט.

— אה, ניין, ניין, איך וועל נאך ווארטען ביז אימיצער וועט מיר געפעלען ווערען, זעהר געפעלען ווערען, אבער גאר שטארק געפעלען ווערען.

ער האט שפאטיש א שמייכעל געטהאן און גענומען איהר ווייזען צווישען עולם אויף יענע, וואס האבען פערקויפט זייערע אלטע, פערראסטעטע טיטולען צו טעכטער פון רייכע פינאנסיסטען, און היינט לעבען זיי מיט זייערע פרויען אדער אליין פריי און פערשווענדעריש און ווערען אליץ געעהרט און רעספעקטירט פון דער גאנצער וועלט.

— אין א זעקס מאנאטען שפעטער וועט איהר זיך אויך קויפען אזא טיטול מיט א מאן — האט ער געזאגט. איהר וועט ווערען א מארקיזע, צו א גרעפין, צי א פירסטין און דאן וועט איהר קוקען אויף מיר פון אויבען ארונטער.

זי איז בייז געווארען, האט איהם א זעץ געטהאן מיט איהר פאכער איבער דער האנד און זיך געשווארען, אז זי וועט נור הייראטען אוים ליעבע.

ער האט זיך צולאכט:

— מיר וועלען זעהן. איהר זייט צו רייך, אום עס צו טהאן.

— אבער איהר אליין האט דאך אויך בעקומען א ירושה,

— א פערגלייך. צוואנציג טויזענד פראנק יעהרליכער איינ־קונפט, אויך מיר געלד...

— אבער אייער פרוי האט דאך אויך בעקומען אזוי פיעל.

— יא, מירביידע האבען בעקומען א מיליאן, דאס איז א פערציג טויזענד יעהרליכער איינקונפט. ניט גענוג אפילו אויף צו קענען זיך פערגינען צו האלטען אייגענע פערד.

אזוי ריידענדיג זיינען זיי אריין אין דעם לעצטען זאאל און האבען דערזעהן א פראכטפאלען ווינטער־גארדען. הויכע טראפישע פלאנצען האבען ארויסגעטראטען פון צווישען בושעס זעלטענע און טהייערע בלומען. דאס ליכט האט זיך געגאסען צווישען די געדיכטע בלעטער אין ווייכע זילבער־שטראהמען. עס האט זיך גע־פיהלט די פרישע לופטיגקייט פון פייכטע ערד און די לופט איז אנגעזאפט געווען מיט שטארק־שמעקענדיגע רוחות, וואס האבען בערוישט. אין דאס אלעס איז געווען עטוואס אוננאטירליכעס, אויפ־רעגענדעס, פול מיט גיפט, לוסט און לײדענשאפט. זיי זיינען גע־גאנגען צווישען די הויכע פלאנצען איבער טעפיכער, וואס זיינען עהנליך געווען צו מאך. פלוצים האט דו־ראי דערזעהן צווישען פאלמען־ביימער א זעהר גרויסען באססיין פון וויסען מראמאר. ביי די זייטען זיינען געשטאנען פיער ווייסע שוואנען פון דעל־פייאישען פארצעליי און פון זייערע פארנאנדערגעעפענטע שטאבלען האט געשטראהמט דאס וואסער.

אויפ׳ן גרונד פון באסיין איז געלעגען א גאלדענער זעמדעל. משונה׳דיג גרויסע פישען מיט גרויסע אויגען, מיט דונקעל־בלויע שופען, עפעס א מין כינעזישע פערזעהענישען, זיינען דארט ארום־געשוואומען. די דאזיגע ברואים, וואס האבען זיך געטראגען איבער דעם גאלדענעם זעמדעל, האבען דערמאהנט אן די וואונדערבארע אוזארען אויף די כינעזישע שטריקערייען.

דו־ראי איז געשטאנען בעצויבערט, דער אטהעם האט איהם פערכאפט.

— אַט דאָס הייסט פּראַכט! — האָט ער געטראַכט — אַט ווי אַזוי מען דאַרף לעבען! אַנדערע האָבען עס ערגרייכט, וואָרום זאָל איך עס ניט קענען ערגרייכען?

ער האָט גענומען טראַכטען, ווי אַזוי מען ערגרייכט אַזאַ לעבען, האָט ניט געזעהן קיין מעגליכקייט און דאָס האָט איהם בייז געמאַכט.

סוסאַנאַ איז געשטאַנען פערטראַכט און האָט געשוויגען. ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר און נאָך אַ מאָל אַ טראַכט געטהאָן:

— איך האָב נור געדאַרפט הייראַטהען אַט די דאָזיגע פּופּע!

— קומט, — האָט זי געזאָגט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט.

זיי האָבען זיך ווידער דורכגעקוועטשט צווישען דעם עולם און האָבען שנעל זיך פערקירעוועט רעכטס.

צווישען די זעלטענע פלאַנצען, וואָס האָבען אויסגעשטרעקט זייערע ציטערענדיגע בלעטער, ווי הענד מיט דינע פינגער, איז אונבעוועגליך פערגליווערט געשטאַנען אין מיטען ים אַ מאַן.

דער איינדרוק איז געווען אַ גוואַלדיגער. דאָס בילד, וואָס זיינע ברעגען האָבען זיך צונויפגעגאָסען מיט דער גרינקייט פון די לעבעדיגע פלאַנצען, האָט אויסגעזעהן, ווי אַ גרויסע אָפענע פענסטער, וואָס האָט ארויסגעקוקט אויף אַ פאַנטאַסטישע, רייצענדע ווייטהייט.

מען האָט געדאַרפט זיך גוט איינקוקען אום צו פערשטעהן דעם זין פון דעם בילד. אויף אַ שיף זיינען געזעסען די אַפּאָסטאָלען, שוואַך בעלויכטען פון די קרומע שטראַהלען פון אַ לאַנטערנע. איינער פון די אַפּאָסטאָלען איז געשטאַנען אויפ'ן עק פונ'ם שיף און האָט געלאָזט פאַלען דאָס גאַנצע ליכט פון דער לאַנטערנע אויף כריסטוסען, וועלכער האָט דאָרט געוואַנדערט.

כריסטוס האָט אויפגעהויבען אַ פוס איבער אַ כוואַליע און מען האָט געזעהן ווי זי דרעהט זיך, לאַסצעט זין און ציהט זיך צו איהם, ביז זי איז מיט הכנעה געבליבען ליגען אונטער זיינע פיס.

ארום דעם געטליכען מאן איז צוגאסען געווען א דונקעלהייט, נור די שטערען האבען אויפ'ן הימעל געפינקעלט.

די פנים'ער פון די אפאסטאלען, וואס זיינען בעלויכטען געווען פון דעם בלייכען שיין פון דער לאנטערנע, זיינען דארט ווי פער־גליווערט געווען פאר ערשטוינונג.

דאס איז געווען א געוואלדיגע ווערק פון אן אמת'ן מייסטער, איינע פון יענע בילדער, וואס וועקען דעם געדאנק און פערבלייבען אויף לאנג אין אונזער זכרון.

די לייטע, וואס האבען דאס בילד בעטראכט, האבען אין אנהויב געשוויגען, דאן זיינען זיי אוועק פערטראכטע און שפעטער נור געערדט פון דעם פרייז פון דאס בילד.

דו־ראי האט עס אויך א ווייל בעטראכט, דערנאך האט ער געזאגט:

— עס איז גוט, אז מען קען זיך קויפען אזא צאצקע.

און אזוי ווי דער עולם פון הינטען האט זיך געשטופט און געשטויסען אין פאראויס, האט ער אבגעטראטען דעם וועג, נאך אלץ האלטענדיג סוסאנע'ס קליין הענטעלע אין זיין ארעם.

זי האט געזאגט:

— קומט לאמיר געהן טרינקען א גלאז סעקט.ביים בופעט וועלען מיר זעהען דעם פאפא.

זיי זיינען לאנגזאם אוועק צוריק דורך אלע סאלאנען, וואו דער עולם איז אלץ געוואקסען און געוואקסען, האט זיך געטראגען אהין און אהער, פיהלענדיג זיך ווי ביי זיך אין דער היים. עס האט אויסגעזעהן ווי א עלעגאנטעס פובליקום וואלט זיך אויף אן עפענט־ליכען פעסט געפונען.

זשארזש האט זיך פלוצלים געדאכט, אז ער הערט עפעס א שטימע זאגענדיג:

— דאס איז לאראש און פרוי דו־ראי! — די דאזיגע ווערטער האבען זיך דערטראגען צו זיין אויער ווי א ווייטער גערויש, וואס דער ווינד פערטרייבט. וואו זיינען זיי געווען, זיי ביידע? ער

האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען און באלד האט ער ווירקליך דערזעהען זיין פרוי, וועלכע איז פארבייגעגאנגען מיט'ן מיניסטער געארמט. זיי האבען שטיל געפלוידערט, זיך צוגעדריקט איינער צום אנדערען און געשמייכעלט אריינקוקענדיג איינער דעם צווייטען אין די אויגען. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז די לייטע, קוקענדיג אויף זיי, שושקען זיך צווישען זיך, און א נארישער און בייזער פערלאנג האט אין איהם ערוואכט, א ווארף טהאן זיך אויף די דאזיגע צוויי מענשען און זיי דער'הרג'ענען.

זי מאכט איהם לעבערליך. ער האט זיך דערמאהנט אן פארע־סטיען. איצט האבען אפשר די בעקאנטע גערעדט וועגען איהם און איהם אנגערופען „דו־ראי דער בעטראגענער". ווער איז זי? א קליינע אוואנטיוריסטקע, הגם זעהר א פעהיגע, א געשיקטע, אבער אין אלגעמיין א גאנץ אונבעדייטענדע. מען איז געגאנגען צו איהר, ווייל מען האט מורא געהאט פאר איהם, ווייל מען האט געוואוסט, אז ער איז מעכטיג, אבער הינטער ארום האט מען זיך ניט שטארק זשענירט, ווען מען האט גערעדט פון דער דאזיגער זשורנאליסטען־פאמיליע. מיט דיזער פרוי, וועט ער קיינמאל גארנישט עררייכען, זי וועט איהם נור קאמפראמעטירען מיט איהר האלטונג, מיט איהר אויפפיהרונג פון וועלכע מען זעהט גלייך ארויס די אינטריגאנטקע. זי וועט איהם איצט נור זיין א שטערונג. אך, ווען ער װאלט פריהער געוואוסט, ווען ער וואלט פערשטאנען! וואס פאר א גרויסע, א געוואגטע שפיעל ער האט געקענט שפיעלען. ווי אזוי האט ער געקענט זיין אזוי בלינד, דאס ניט איינצוזעהן?

זיי זיינען אריין אין עס־צימער; דארט איז געווען א גרויסער זאאל מיט מארמארנע זיילען, אויף די ווענט זיינען געהאנגען אלטע גאבעלינס. װאלטער האט דערזעהן זיין מיט־ארבייטער, איז איהם געגאנגען אנטקעגען און פריינדליך געדריקט די האנד.

— האט איהר געזעהן אלצדינג? זאג אקארשט, סוסאנע, האסטו איהם אלם געצייגט? וואס פאר אן עלעגאנטער עולם!

ניט אמת, שעהנער פריינד? האט איהר געזעהן דעם פרינץ גערש? ער איז דא נאר וואס געווען, האט געטרונקען א גלאג פונש.

דאן האט ער זיך א ווארף געטהאן צום סענאטאר ריסאלין, וועלכער האט געשלעפט מיט זיך זיין טויבע פרוי, אנ'אויסגעפוצטע אין עסיג און האניג.

א הערר האט געגריסט סוסאנע'ן. א הויכער מאגערער מאן מיט א בלאנדער בערדעל, א קליין פליך און זעהר פיינע אריסטא־קראטישע מאניערען. זשאדזש האט געהערט זיין נאמען: מארקיז דע קאזאל און ער איז פלוצלים אייפערזיכטיג געווארען צו דיעזען מענשען. זייט ווען האט זי איהם געקענט? געוויס זייט דען ווי זי איז רייך געווארען. ער וויל זיך מסתמא צו איהר שדכנ'ען.

אימיצער האט איהם גענומען אונטער'ן ארעם. עס איז געווען נארבערט דע ווארען. דער אלטער דיכטער איז ארומגעגאנגען צווישען די געסט מיעד און גלייכגילטיג.

— אט דאס רופען זיי פערגעניגען! — האט ער געזאגט — שפעטער וועט מען טאנצען און דערנאך געהן שלאפען, און די יונגע וועלען זיין ענטציקט. טרינקט באטש שאמפאניער, דער שאמפאניער איז אויסגעצייכענט!

ער האט אנגעפילט זיין גלאז און געטרונקען צו דו־ראי'ן וועלכער האט אויך גענומען א גלאז:—פאר דעם זיעג פון דעם גייסט איבער די מיליאנען.

דאן האט ער צוגעלייגט מיט א ווייך קול:

— דאס געלד איז פרעמדע קעשענעס ארט מיך ניט און איך בין ניט מקנא די מיליאנערען. אבער איך פראטעסטיר אין דעם נאמען פון פרינציפ.

זשארזש האט איהם ניט געהערט. ער האט געזוכט מיט די אויגען סוסאנע'ן, וועלכע איז פערשוואונדען מיט דעם מארקיז דע קאזאל. ער האט פלוצים פערלאזען דע־ווארענ'ען און זיך געלאזען לויפען זוכען דאס יונגע מיידעל.

א געזאַמעל מענשען, וועלכער האָט זיך געשטופּט צום בופעט, האָט איהם אַבגעהאַלטען און ווען ער האָט זיך ענדליך דורכגעשטופּט א וועג, האָט ער זיך געטראָפען פנים לפנים מיט דאָס פּאָר פאַלק מאַרעל.

די פרוי האָט ער שטענדיג געזעהן, אבער דעם מאַן האָט ער שוין לאַנג ניט געטראָפען. הערר דע מארעל האָט זיך א וואָרף געטהאָן צו איהם און איהם אָנגענומען פאַרביידע הענד:

— איך דאנק אייך טויזענד מאָל, ליעבער פריינד, פאַר דער עצה, וואס איהר האט מיר געגעבען. איך האב אויף די מאראקאַ־נישע פּאפּירען געוואונען ארום הונדערט טויזענד פראנק, און דאָס האָב איך אייך צו פערדאנקען. איהר זייט ווירקליך א טהייערער פריינד.

אייניגע מענער האָבען זיך אומגעקוקט אויף דער שעהנער, עלעגאַנטער ברונעטקע. דו־רואַ האָט געענטפערט:

— אלס בעלאהנונג פאר דער גוטער עצה, ליעבער פריינד, נעהם איך צו אייער פרוי, דאָס הייסט נאָר איהר ארעם. מאַן און ווייב מוז מען אימער צושיידען.

דע מארעל האָט זיך פערנייגט:

— זעהר ריכטיג! און טאָמער פערלירען מיר זיך, דאן טרעפען מיר זיך אין א שטונדע ארום אויף דיעזען פּלאַץ.

— איינפערשטאַנדען!

און ביידע יונגע מענשען האבען זיך גענומען דורכשטופּען דורכ'ן עולם געפאָלגט פון מארעל'ן.

קלאָטילדע האָט געזאָגט:

— ס'רא גליקליכע מענשען זיי זיינען די וואלטערס! געשעפט מוז מען הפנים פערשטעהן!

זשארזש האָט געענטפערט:

— אך, מענשען מיט ענערגיע און שטארקען ווילען ברעכען זיך אימער דורך א וועג, אזוי צו אזוי!

זי האָט וויי̇טער גערעדט:

— דיביידע מיידלעך וועלען איצט קריגען פון צוואנציג ביז דרייסיג מיליאן נדן יעדע און דערצו איז סוסאנע נאך שעהן אויך!

ער האט גארנישט גענטפערט. זיין אייגענער געדאנק אויסגעשפראכען פון א פרעמדען מויל, האט איהם אויפגערעגט.

זי האט נאך ניט געזעהן דאס בעוואונדערטע מייסטערווערק, „קריסטוס וואנדעלט אויפ'ן ים". ער האט פארגעשלאגען זי דארט אוועקצופיהרען און זיי האבען זיך אונטערהאלטען דערמיט, וואס זיי האבען בארערט און אבגעלאכט פון די געסט.

סיינט פאטין איז פארביינעגאנגען פארביי זיי אינגאנצען בעדאנגען מיט ארדענס; דאס האט זיי פערשאפט א סך שפאס. נאך איהם איז געגאנגען א געזאנדעטער, אבער דער לעצטער האט געהאט א סך ווייניגער ארדענס.

דו־ראי האט געזאגט:

— וואר פאר א געמיש פון קליידער און פנים'ער!

בוא דענאר האט איהם א דריק געטהאן די האנד; ער האט איצט ווידער געטראגען אין זיין קנאפלאך דאס גרינע און געלע באנד וואס דו־ראי האט ביי איהם בעמערקט אינ'ם טאג פון דעם דועל.

די וויקאנטעסע דע פרעסמיור, שטארק אויסגעפוצט, האט געשמועסט מיט עפעס א הערצאג אין א קליינעם בודואר אינ'ם סטיל פון לודוויג דעם זעכצעהנטען.

זשארזש האט געשעפטשעט:

— קוק אן דאס פערליעבט פאארעל!

ווען זיי זיינען דורכגעגאנגען די אראנזשערעע, האט ער ווידער דערזעהן זיין פרוי, וועלכע איז געזעסען האלב פערשטעקט צווישען די פלאנצען לעבען לאראש־מאטיע'ן, ווי זי וואלט וועלען זאגען: „מיר האבען בעשטעלט זיך צו טרעפען דא, פאר אלעמען, אין די אויגען. ווייל מיר פייפען אויף דעם וואס לייט וועלען זאגען".

פרוי מארעל' האט אנערקענט, אז דאס בילד פון קארל מאר־קאוויטש איז זעהר שעהן. זיי האבען זיך אומגעקעהרט צוריק; הערר דע־מארעל'ן האבען זיי פערלארען

זשארזש האט געפרעגט:

— איז לארינא נאך אלץ אין כעם אויף מיר?

— יא, זי וויל דיך ניט זעהן, און ווען מען רעדט פון דיר, אנטלויפט זי פון צימער.

ער האט ניט געענטפערט. דאס פלוצלימדיגע פיינדשאפט פון דאס קליין מיידעלע האט איהם וועה געטהאן און פערדראסען.

ווען זיי זיינען דורכגעגאנגען דורך א טהיר, האט סוזאנע זיי אבגעשטעלט און אויסגערופען:

— אט זיינען זיי! נו, שעהנער פריינד, איצט לאזען מיר אייך אליין, איך מוז דער שעהנער קלאטילדע ווייזען מיין צימער.

און ביידע פרויען זיינען שנעל פערשוואונדען.

אין דער זעלבער מינוט האט א שטימע אויסגערופען:

— זשארזש!

דאס איז געווען פרוי וואלטער. זי האט צוגעלייגט גאנץ שטיל:

— אך, ווי גרויזאם איהר זייט, ווי מורא'דיג גרויזאם! ווארום פייניגט איהר מיך אזוי פיעל אומזיסט און אומנישט? איך האב סוזאנען געהייסען אוועקרופען די פרוי, וואס איז מיט אייך געגאנ־גען, אום איך זאל קענען ריידען מיט אייך א פאר ווערטער. הערט מיך אויס. איך מוז היינט בייגאכט מיט אייך ריידען אדער... אדער... איהר קענט זיך ניט פארשטעלען אויף וואס איך בין פעהיג. געהט אין דער אראנזשערעע. דארט, לינקס איז פאראן א טהיר, וועלכע פיהרט אין גארטען. געהט גלייך. איבער דער אלעע, גאר צום סוף שטעהט א לעטאנקע, דארט אינעווייניג זאלט איהר אויף מירווארטען אין צעהן מינוט ארום. ווען איהר וועט עס ניט טהאן, שווער איך אייך, אז איך וועל אייך מאכען א סקאנדאל דא אויפ'ן ארט.

ער האט געענטפערט פון אויבען אראב:

— גוט, אין צעהן מינוטען בין איך דארט, וואו איהר ווילט.

און זיי האבען זיך צושיידט. אבער זשאק ריוואל האט איהם שיער ניט געצוואונגען צו פערשפעטיגען.

ער האט איהם גענומען אונטער׳ן ארעם און אנגעהויבען דער־צעהלען נייעס. ער איז געווען שטארק אויפגערעגט. הפנים אז ער איז נאר וואס ארוים פון בופעט, וואו ער האט גאנץ געשמאק אריינגעגאסען. צום סוף האט זיך דו־ראי פון איהם בעפרייט, איבערלאזענדיג איהם מיט דע מארעל׳ן, וועלכען זיי האבען גע־טראפען אין טהיר.

ער איז שנעל אוועק. ער האט נאר געמוזט אכטונג געבען, אז זיין פרוי און לאראש־מאטיע זאלען איהם ניט זעהן. דאס איז איהם געלונגען, ווייל זיי זיינען געווען שטארק פערטהאן איינער מיט׳ן אנדער׳ן. ער איז ארוים אין גארטען.

די קאלטע לופט האט איהם ארומגעכאפט ווי אן אייז קאלטע באד און ער האט געטראכט: „צום טייפעל, איך׳ל זיך נאך פער־קיהלען אין דרויסען!" און ער האט ארומגעבונדען די האלז מיט זיין נאז־טיכעל.

פארזיכטיג האט ער געטראטען איבער דער אלעע. נאך דער העלער בעלייכטונג אין די זאאלען, האט זיך אויסגעוויזען, אז דא איז זעהר פינסטער.

רעכטס און לינקס האט ער אונטערשיידעט נאקעטע בושעס, וועמעס צווייגען האבען געציטערט. גרויע פאסען ליכט זיינען געפאלען אויף די צווייגען פון די פענסטער פון פאלאץ. אויפ׳ן וועג פאר איהם האט זיך א מיניע געטהאן עטוואס ווייסעס; דאס איז געווען מאדאם וואלטער, וועלכע איז דארט געשטאנען מיט א בלויזען האלז און נאקעטע ארעמס. זי האט געשטאמעלט מיט א ציטערענדען קול:

— אך, דאס ביזטו! דו ווילסט מיך טאקע טויטען?

ער האט געענטפערט פרעך:

— איך בעט דיך, שפּיעל ניט קיין דראַמע, אַדער איך בין שוין נישטאָ.

זי איז איהם געפאַלען אויפ'ן האַלז, און איהר מויל נאָהנט צו זיינעם, האט זי זיך געבעטען:

— וואָס אַזוינס האָב איך דיר געטהאָן? פאַר וואָס בעהאַנ־דעלסטו מיך אַזוי שלעכט? וואָס, זאָג, וואָס האָב איך דיר געטהאָן?

ער האָט פּרובירט זי אָבצושטויסען פון זיך:

— ווען מיר האָבען זיך געזעהן דעם לעצטען מאָל, האָסטו דיינע האָאָר אַרום מיינע קנעפּ אַרומגעוויקעלט! דאָס האָט שיער ניט געפיהרט צו אַ שיידונג צווישען מיר און מיין פרוי.

זי איז געוואָרען שטאַרק ערשטוינט. דאַן האָט זי אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און אויסגערופען:

— אָך, דיין פרוי אַרט עס ווייניג. איינע פון דיינע געליעבטע האָט דיר מסתמא געמאַכט אַ סצענע.

— איך האָב ניט קיין געליעבטע.

— דערצעהל מיר מעשות! וואָרום קומסטו מעהר ניט צו מיר? וואָרום ווילסטו ניט כאָטש איין מאָל אַ וואָך עסען ביי מיר? איך לייד דעם גיהנום ביי מיר אין הארצען. אָ, איך ליעב דיר אַזוי, אַז איך קען פון קיין זאַך ניט טראַכטען אויסער פון דיר. דו שטעהסט מיר איבעראַל פאַר די אויגען, איך האָב מורא צו זאָגען אַ וואָרט, איך זאָל דיין נאָמען ניט אויסרעדען. דאָס קענסטו ניט בעגרייפען! מיר דוכט זיך, אַזוי ווי אימיצער וואָלט מיך פערהאַלטען אין אייזערנע צוואַנגען, ווי מען וואָלט מיך אין אַ זאַק פערנעהט, איך ווייס אַליין ניט וואָס מיט מיר איז געשעהן! דאָס שטענדיגע טראַכטען פון דיר פערשטיקט מיר די האַלז, צורייסט מיר די ברוסט, נעהמט מיר אָב הענד און פיס, אַז איך קען זיך ניט ריהרען פון אָרט, און איך זיץ אַ גאַנצען טאָג אויף אַ שטול, ווי אַ משוגע'נע און טראַכט נאָר וועגען דיר.

ער האָט זי ערשטוינט אָנגעקוקט. דאָס איז ניט געווען מעהר די דיקע, פּעררייקטע פּראָווינצימער, וועלכע ער האָט פריהער גע־

קענט, נור א פערצווייפעלטע, אונגליקליכע פרוי, וואס איז פעהיג אויף אלסדינג.

איז זיין מוח האט זיך גענומען וועבען אן אונבעשטימטער פלאן. ער האט געענטפערט:

— מיין ליעבע, די ליעבע איז ניט אייביג. מענשען קומען זיך צוזאמען און געהען זיך ווידער פארנאנדער. אבער ווען דאס געדויערט אזוי לאנג, ווי צווישען אונז, דאן פאלט די געשיכטע צו לאסט. איך האב עס געהאט צו זאט און מעהר וויל איך נישט! דאס איז דער אמת. אבער ווען דו ווילסט זיין קלוג און קענסט מיך בעהאנדלען ווי א פריינד, דאן וועל איך ווידער קומען צו דיר אזוי ווי פריהער. ביזטו דערצו פעהיג?

זי האט ארויפגעלייגט ביידע נאקעטע ארעמס אויף זשארזש'ס שווארצען פראק און געפליסטערט:

— אום דיך צו זעהן קען איך אלעס טהאן.

— גוט — האט ער געזאגט. — מיר זיינען פריינד און ווייטער גארנישט. אבגעמאכט?

זי האט געשטאמעלט:

— אבגעמאכט!

אבער דאן האט זי איהם אויסגעשטרעקט איהרע ליפען:

— נאך איין קוש, דעם לעצטען!

ער האט איהר ווייך אבגעוועהרט:

— ניין, איצט מוזען מיר האלטען אונזער אבמאך.

זי האט זיך אבגעקעהרט און אבגעווישט איהרע טרעהרען. דאן האט זי ארויסגענומען פון קלייד א פעקעל פאפירען איבער־געבונדען מיט א ראזעווע שטייגעלע, און עס דערלאנגט דו־ראי'ן:

— דא איז דיין חלק פון דעם מאראקאנישען געווינס. עס פרעהט מיך אזוי, וואס איך האב דאס פאר דיר געוואונען. אבער נעהם עס דאך צו!

אבער ער האט זיך ענטזאגט:

— ניין, איך נעהם דאס געלד ניט!

דאן איז זי בייז געווארען:

— ניין, דאס דארפסטו איצט ניט טהאן, עס געהערט צו דיר און עס איז דיינס! ווען דו נעהמסט עס ניט, ווארף איך עס אין טייך אריין. דאס וועסטו מיך דאך ניט צווינגען צו טהאן, זשארזש.

ער האט גענומען דעם פעקעל געלד און אריינגעלייגט אין קעשענע.

— מיר מוזען זיך אומקעהרען — האט ער געזאגט — דו קענסט זיך נאך פערקיהלען און קריגען א לונגען ענטצינדונג.

זי האט געפליסטערט:

— דאס וואלט געווען א גוטע זאך. אך, ווען איך זאל קענען שטארבען!

זי האט א כאפ געטהאן זיין האנד, גענומען זי קושען ליידענשאפטליך, משוגע, מיט פערצווייפלונג. דערנאך איז זי אנטלאפען אהיים.

ער איז געגאנגען לאנגזאם, פערטראכט. דערנאך איז ער אריין צוריק אין דער אראנזשערעע מיט א הויך אויפגעהויבענעם קאפ און א שמייכעל אויף די ליפען.

זיין פרוי און לאראש זיינען שוין דארט מעהר נישט געווען. דער עולם איז קלענער געווארען. הפנים צום באלל האט ער ניט געוואלט פערבלייבען. דא האט ער דערזעהן סוסאנע'ן געארעמט מיט איהר שוועסטער. זיי זיינען ביידע צו איהם צוגעגאנגען און געבעטען ער זאל טאנצען מיט זיי דעם ערשטען קאדריל צוזאמען מיט דעם גראף לאטור־איוועלין.

ער איז געווען ערשטוינט:

— ווער איז דאס שוין ווידער?

סוסאנע האט געענטפערט מיט א כיטרען שמייכעל:

— א נייער פריינד פון מיין שוועסטער.

ראזא איז רויט געווארען און ארויסגעשעפטשעט:

— דו ביזט א שלעכטס, סוסאנע, ער איז גראדע אזוי דיין פריינד, ווי מיינער.

דו־ראַי האָט אַ לאַך געטהאָן:

— אַך אַזוי? איך פערשטעה שוין!

ראַזע איז געוואָרען אין כעס, האָט זיך אומגעקעהרט צו זיי מיט'ן רוקען און איז אוועק.

דו־ראַי האָט גענומען די אינגערע שוועסטער אונטער'ן אָרעם און געזאָגט צו איהר מיט זיין ווייכען, שמייכלענדען קול:

— הערט, מיין טייערע, גלויבט איהר, אַז איך בין אייער פריינד?

— געוויס, שעהנער פריינד!

— האָט איהר צו מיר צוטרויען?

— גאַנץ בעשטימט!

— געדענקט איהר נאָך וואָס איך האָב אייך פריהער געזאָגט?

— וואָס דען?

— וועגען אייער חתונה, אָדער בעסער געזאָגט, וועגען דעם מאַן, מיט וועלכען איהר וועט חתונה האָבען.

— יאָ, אַלזאָ?

— אַלזאָ ווילט איהר מיר עפּעס פערשפּרעכען?

— יאָ, אָבער וואָס?

— איהר זאָלט מיר יעדעס מאָל דערצעהלען, ווען מען וועט זיך צו אייך שדכנ'ען, און זאָלט קיינעם ניט געבען אייער וואָרט ביז וואַנען איהר האָט זיך מיט מיר נישט בעראַטהען.

— דאָס וועל איך טהאָן זעהר גערן.

— אָבער דאָס בלייבט צווישען אונז, איהר דאַרפט ניט זאָגען קיין וואָרט דערפון דעם פאַטער אָדער דער מוטער.

— גוט, קיין וואָרט!

— גיט איהר מיר אייער וואָרט?

— יאָ, מיין וואָרט!

עס איז אַריינגעלאָפען ריוואַל שטאַרק פערהאַוועט:

— גנעדיגע פריילין אייער פאַטער רופט אייך טאַנצען...

זי האָט געזאָגט:

— קומט, שעהנער פריינד!

אבער ער האט זיך ענטזאגט. ער האט געוואלט גלייך אוועק־געהן. ער האט געמוזט זיין אליין, אום נאכצודענקען. צופיעל נייע פלענער האבען זיך אין זיין נשמה געריסען. ער האט גענומען זוכען זיין פרוי, ער האט זי אין גיכען דערזעהן: זי איז געשטאנען ביים בופעט מיט צוויי אונבעקאנטע העררן און געטרונקען שאקאָלאד. זי האט זיי פארגעשטעלט איהר מאן, ניט אנרופענדיג זייערע נעמען.

אין א פאר מינוט ארום האט ער געפרעגט:

— פאהרען מיר אהיים?

— ווען דו ווילסט.

זי האט איהם גענומען אונטער'ן האנד און זיי זיינען אוועק צוריק דורך די זאאלען, אין וועלכע עם זיינען פארבליעבען גאנץ ווייניג מענשען.

זי האט געפרעגט:

— וואו איז פרוי וואלטער? איך וואלט זיך וועלען מיט איהר זעגענען.

— דאס איז ניט נויטיג. זי וועט אונז זוכען צו פערהאלטען צום באלל, און מיר איז גענוג פאר היינט!

— דו ביזט גערעכט.

דעם גאנצען וועג אהיים האבעןביידע געשוויגען, אבער אזוי גיך ווי זיי זיינען אריין אין שלאפצימער, האט מאגדאלענע געזאגט לאכענדיג:

— ווייסטו, אז איך האב פאר דיר אן איבערראשונג?

ער האט געבורטשעט שלעכט אויפגעלייגט:

— וואס?

— טרעף!

— עס לוינט מיר טאקע זיך נאך צו ברעכען דעם קאפ אויף דעם.

— נו אלזא, איבערמארגען איז דאך ניי יאהר.

—יא!

— דאן גיט מען זיך ניי־יאהר פרעזענטען.

—יא, אלזא.

— אלזא, אט דאָ איז דיין פּרעזענט, וועלכען לאַראָש האָט מיר פריהער געגעבען.

און זי האט איהם דערלאנגט א קליין שווארץ קעסטעלע, וואס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ קעסטעלע פון ציערונג. ער האָט זי גלייכ־גילטיג געעפענט און דערזעהן אינוויינינג דאס קרייץ פון דער עהרען לעגיאָן. ער איז בלייך געווערען, דאן האָט ער אַ שמייכעל געטהאָן און געזאגט:

— צעהן מיליאָן וואלטען מיר אנגענעהמער געווען. דאס קאָסט איהם ניט פיעל.

זי האט ערווארטעט, אז ער וועט זיך שטארק פרעהן און זיין קאלטקייט האט איהר פערדראסען.

— דו ביזט א מאדנער מענש! קיין זאך פרעהט דיך נישט!

ער האט געענטפערט גאַנץ רוהיג:

— דער מאן בעצאָהלט נור זיינע שולדען און ער איז מיר נאך זעהר פיעל שולדיג.

זי איז געווארען ערשטוינט איבער דעם טאָן מיט וועלכען ער האט עס געזאגט.

— איך דענק, אז פאר דיין עלטער איז עס דאך גענוג עררייכט?

ער האט געענטפערט:

— איך האב געקענט נאך מעהר עררייכען.

ער האט גענומען דאס קעסטעלע, אוועקגעשטעלט עס אן אפענע אויפ'ן קאמין און פאר א מינוט בעטראַכט דעם בליסטשענדיגען שטערן אינעווייניג, דאן האט ער צוגעמאכט דעם דעקעל, א דריק געטהאן מיט די אקסלען און זיך געלייגט אין בעט.

* * *

דעם ערשטען יאנואר איז אין דעם שטאאטס־אנצייגער געווען אנאָנסירט, אז דער זשורנאליסט פראספער זשארזש דורואַ איז

ערנאנט געווארען צום ריטער פון דער עהרען לעגיאָן פאר אויסער־געוועהנליכע פערדיענסטען.

דער נאמען איז געווען געשריעבען מיט צוויי ווערטער, דאס האט זשאָרזש'ן פערשאפט מעהר פערגעניגען ווי דער אָרדען אליין.

אין א שטונדע ארום ווי ער האט איבערגעלעזען די שטיקעל נייעס, האט ער בעקומען א בריעף פון פרוי וואלטער וועלכע האט איהם געבעטען קומען אין אבענד מיט זיין פרוי צום עסען, אום די אויסצייכנונג צו פייערען.

ער האט געטראכט א פּאָר מינוט, דאן האט ער אריינגעוואָרפען דעם בריעף אין פייער אריין און געזאגט צו מאגדאלענע'ן:

— מיר עסען היינט ביינאכט ביי די וואלטערס.

זי איז געווארען ערשטוינט.

— דו האסט, דאכט זיך, געזאגט, אז דיין פוס וועט מעהר אהין ניט קומען?

ער האט נור ארויסגעמורמעלט:

— איך האב געענדערט מיין בעשלוס.

ווען זיי זיינען אהין געקומען, איז פרוי וואלטער געווען אין איהר בודואר אין דעם סטיל פון לודוויג דעם פופצעהנטען, דארט האט זי איצט צוגענומען איהרע נעהענטערע בעקאנטע. זי איז געווען אנגעטהאָן אין שווארצען, די האאר אנגעפּודערט און האט אויסגעזעהן זעהר גוט. פון ווייטען האט זי אויסגעזעהן ווי אן אלטע דאמע, פון נאהענטען ווי גאר א יונגע און ווען מען האט זי גענוי בעטראכט, האט זי נאך אלץ מיט זיך פארגעשטעלט עטוואס אינטערעסאנטעס פאר'ן אויג.

— זייט איהר אין טרויער? האט געפרעגט מאגדאלענע.

זי האט געענטפערט אומעטיג.

— יא און ניין! איך האב ניט פערלאָרען קיינע פון מיינע קרובים, אבער איך האב עררייכט יענעם עלטער, ווען מען טרויערט נאכ'ן אייגענעם לעבען. היינט האב איך אנגעהויבען דערמיט,

וואס איך האב אנגעטהאן שווארצע קליידער און פון היינט אן וועל איך טראגען טרויער אין הארצען.

דו־ראי האט געטראכט פאר זיך: ווי לאנג וועט איהר בעשלום אנהאלטען?

ביים עסען איז געווען שטיל, נור סוסאנע האט ניט אויפ־געהערט צו פלוידערען. ראזע האט געשיינט צו זיין פערטראכט. פון אלע זייטען האט מען דעם זשורנאליסט געוואונשען גליק. נאכ'ן עסען זיינען זיי אוועק פלוידערענדיג איבער די זאאלען און דאן אין דער אראנזשערעע.

ווען דו־ראי איז געגאנגען הינטער די אנדערע מיט דער וויר־טין פון הויז, האט זי איהם אויף א ווייל אבגעהאלטען און שטיל געזאגט:

— הערט אויס, איך וועל מעהר קיינמאל אייך גארנישט זאגען... אבער קומט אהער! איהר זעהט, איך רוף אייך מעהר ניט דו, אבער איך קען אהן אייך ניט לעבען. איהר קענט זיך ניט פארשטע־לען וואס פאר א יסורים איך טראג אריבער. איהר שטעהט מיר שטענדיג פאר די אויגען, און איך פיהל אייך אין מיין הארצען, אין מיין קערפער טאג און נאכט, ווי איהר וואלט מיר איינגעגעבען עפעס א גיפט, וואס פרעסט מיך אויף. איך קען ניט מעהר, ניין, איך קען ניט. איך וויל זיין פאר אייך נור אן אלטע פרוי. איך האב מיינע האהר אנגעפודערט און זיי ווייס געמאכט. אבער קומט אהער, קומט צו מיר פון צייט צו צייט אלס פריינד.

זי האט גענומען זיין האנד און זי געדריקט מיט איהר גאנצער קראפט, און איהרע נעגעל האבען זיך איינגעגראבען אין זיין פלייש.

ער האט געענטפערט גאנץ רוהיג:

— איינפערשטאנדען. עס איז אומזיסט וועגען דעם צו רעדען איהר זעהט דאך אליין, איך בין היינט גלייך געקומען צו אייך, ווי נור איך האב געקריגען אייער בריעף.

וואלטער איז געגאנגען פאראוים מיט זיינעביידע טעכטער און מאגראלענא'ן. ער האט זיך אבגעשטעלט ביי „קריסטוס וואנדעלט אויפ'ן ים" און דארט האט ער געווארט אויף דורוי'ן. ער האט געזאגט מיט א שמייכעל:

— שטעלט זיך פאר, נעכטען טרעף איך מיין פרוי פאר דעם בילד אויף די קניע, ווי אין א קירכע. זי האט געבעטען און איך האב זיך גוט אנגעלאכט.

פרוי וואלטער האט געענטפערט מיט א פעסטען טאן און אין איהר שטימע האט זיך געהערט געהיימע אויפרעגונג:

— דער דאזיגער קריסטוס וועט מיך ראטעווען. ער גיט מיר מוט און קראפט יעדעס מאל וואס איך קוק אויף איהם.

און אנווייזענדיג אויף גאט, ווי ער שטעהט אויף די כוואליעס האט זי ארויסגעשעפטשעט:

— ווי שעהן ער איז! און די מענשען, ווי זיי האבען מורא פאר איהם און ווי זיי ליעבען איהם! זעהט נור זיין קאפ און זיינע אויגען! ווי איינפאך ער איז און דאך אבער אזוי איבערנאטירליך!

סוסאנע האט אויסגערופען:

— ער איז עהנליך צו אייך, שעהנער פריינד! זעהר עהנליך! ווען איהר וואלט געטראגען א בארד אדער ער וואלט געווען געראזירט וואלט איהר ביידע געהאט איין פנים. דאס איז אבער מערקווירדיג.

ער האט זיך געמוזט שטעלען נעבען דעם בילד און אלע האבען ערקלעהרט אז זיי זיינען ווירקליך עהנליך איינעם צום צווייטען.

אלע האבען זיך געוואונדערט. וואלטער איז געווען ערשטוינט און מאגדאלענע האט ערקלעהרט לאכענדיג, אז קריסטוס אויפ'ן בילד זעהט אויס א סך מענליכער.

פרוי וואלטער איז געבליבען אונבעוועגליך און האט מיט שטארע אויגען בעטראכט דעם פנים פון איהר געליעבטען נעבען דעם בילד פון קריסטוס און דערביי איז זי געווארען אזוי וויים, ווי איהרע ווייסע האאר.

8

אין פערלויף פון דעם ווינטער איז דו־ראי אפט געגאנגען צו די וואלטערס. זעהר אפט איז ער דארט געזעסען איינער אליין. מאג־דאלענע איז געווען מיעד, אדער זי האט געוואלט בלייבען אין דערהיים.

ער האט אויסגעקליבען פרייטאג פאר זיין בעשטימטען טאג און פרוי וואלטער האט פאר יענעם טאג קיין אנדערע געסט ניט איינגעלאדען. פרייטאג האט געהערט דעם שעהנעם פריינד. איהם גאנץ אליין. נאכ'ן עסען האט מען געשפיעלט אין קארטען, מען האט געגעבען די כינעזישע פיש שפייז, מען האט פערבראכט און זיך אונטערהאלטען ווי אייגענע מענשען. מאנכעס מאל, ווען זיי זיינען געשטאנען צווישען געדיכטע בלעטער אין דער אראנ־זשערעע, אדער ערגעץ וואו אין א פינסטער ווינקעל, האט פרוי וואלטער פלוצים אנגעכאפט איהר ברוסט און געשעפטשעט: — איך ליעב דיך!... איך ליעב דיך ביז צום שטארבען!... — אבער ער האט זי אימער קאלט אבגעשטויסען און געזאגט טרוקען:

— ווען איהר הויבט ווידער אן, קום איך ניט מעהר אהער.

ענדע מארט האט מען פלוצים גענומען רעדען פון א פערלאַ־בונג בייביידע שוועסטער. עס האט געהייסען, אז ראזע וועט הייראטען מיט דעם גראף לאטור־איוועלין און סוסאנע מיט דעם מארקיז קאצאל. די ביידע מענער זיינען געווארען נאהענטע פריינד פון דער פאמיליע און מען האט זיי ארויסגעוויזען בעזונדערע אויפמערקזאמקייט.

צווישען זשארזש'ן און סוסאנ'ען איז ענטשטאנען עפעס א מין ברידערליכע פריינדשאפט. זיי האבען שטונדען לאנג גע־פלוידערט, געלאכט פון דער גאנצער וועלט און זיינען גערן געווען צוזאמען.

זיי האבען מעהר קיין מאל ניט גערעדט פון סוסאנע'ס מעג־ליכער חתונה אדער פון די חתנים וואס זיינען צו זיי געקומען. און איין מאל, א טאג ווען דער שעף האט איינגעלאדען דו־ראי'ען צום פריהשטיק, האט מען פרוי וואלטער אוועקגערופען גלייך נאכ'ן עסען.

דו־ראי האט זיך געווענדעט צו סוסאנע'ן:

— קומט, מיר וועלען געהן קארמענען די גאלדענע פישלעך.

זיי האבען גענומען יעדערער צו שטיק ברויט פון טיש און זיינען אוועק אין דער אראנזשערעע.

אויף דער ערד ביי די ברעגעס פון דעם מארמארנעם באסיין זיינען געלעגען קישעלאך, אום מען זאל זיך קענען זעצען אויף די קניע און פון נאהענטע בעטראכטען די קליינע פישלאך.

די יונגע לייט האבען גענומען צו קישען און זיך צובויגענדיג צום וואסער האבען זיי גענומען אהין ווארפען שטיקלאך ברויט.

אזוי שנעל ווי די פיש האבען עס בעמערקט, האבען זיי זיך געלאזט שווימען צו זיי, בעוועגענדיג מיט די עקען, דרעהענדיג מיט זייערע גרויסע רונדע אויגען; אלע וויילע האבען זיי אונטער'ן וואסער אונטערגעטויכט, זוכענדיג צו כאפען די שטיקלאך ברויט, וועלכע זיינען ארונטערגעזונקען אויפ'ן דעק, דאן זיינען זיי ווידער ארויפגעשוואומען פון אויבען, אזוי ווי ווארטענדיג אויף נאך שפייז. זיי האבען זיך קאמיש בעוועגט, און פלוצים, מיט אן אפענעם מויל, זיך א ווארף געטהאן פאראויס, ווי קליינע ווילדע חיה'לאך.

זשארזש און סוסאנע האבען געזעהן ווי זייערע פנים'ער שפיעג־לען זיך אב אין וואסער פערקעהרט און האבען געשמייכעלט.

פלוצים האט ער געזאגט שטיל:

— עס איז ניט שעהן, סוסאנע, וואס איהר בעהאלט אלס פון מיר.

זי האט געזאגט:

— וואס בעהאלט איך דען פון אייך, שעהנער פריינד?

— געדענקט איהר דען ניט, וואס איהר האט מיר פערשפרא־

כען אין דעם אבענד פון באָלל אַט דאַ, אויף דעם זעלבען אָרט?

— ניין.

— זיך יעדעס מאָל מיט מיר צו בעראטהען, ווען מען וועט זיך צו אייך שדכ׳ענען.

— נו, איז וואָס?

— נו, מען האָט זיך צו אייך גע׳שדכ׳נט.

— ווער דען?

— איהר ווייסט עס אליין.

— ניין, איך פערזיכער אייך...

— איהר ווייסט זעהר גוט. דער דאָזיגער פראנט מארקיז דע־קאַצאָל.

— פריהער פאַר אלץ איז ער ניט קיין פראנט.

— זאָל זיין ניט! אָבער ער איז אַ שוטה, איז רואינירט פון שפיעלען און אינגאַנצען צומוטשעט פון הוליאנקעס. דאָס איז אַ שעהנער שידוך פאַר אייך, אַזאַ פרישע, אַזאַ שעהנע, אַזאַ קלוגע, ווי איהר זייט!

זי האָט געפרעגט מיט אַ שמייכעל:

— וואָס האָט איהר געגען איהם?

— איך? גאָרנישט.

— וואָס הייסט גאָרנישט? טאַ וואָס רעדט איהר אַזוי? ער איז גאָרניט אַזוי ווי איהר מאַכט פון איהם.

— מעג זיין, אבער ער איז אַ דום־קאָפּ, און אינטריגאַנט.

זי האָט אויפגעהערט צו קוקען אין וואַסער און זיך אַ קעהר גע־טהאָן צו איהם:

— אָבער וואָס איז מיט אייך?

ער האָט געזאָגט, ווי מען וואָלט ארויסגעריסען אַ געהיימניס פון דער נשמה ארויס:

— מיט מיר... מיט מיר... איך... בין... אייפערזיכטיג צו איהם.

זי האָט געפרעגט עטוואָס פערוואונדערט:

— איהר?

— יא, איך!

— פארוואס עפעס?

— ווייל איך ליעב אייך! און ווייל איהר ווייסט עס גאנץ גוט, איהר שלעכט קינד וואס איהר זייט!

זי האט געזאגט ערנסט:

— איהר זייט פון זינען ארונטער, שעהנער פריינד!

— איך וויים גאנץ גוט, אז איך בין משוגע, ווייל איך זאג דאס אייך. איך, א פערהייראטהער מאן, אייך — א יונגער מיידעלע! איך בין נאך מעהר ווי משוגע, איך בין א פערברעכער, א לומפ! אבער איך האב קיין האפנונג ניט און ביי דעם דאזיגען געדאנק פערליער איך מיין פערשטאנד, און ווען איך הער, אז איהר וועט מיט אימיצען חתונה האבען, כאפט מיך אזא בייז צארן, אז איך וואלט געוועזן בערייט איהם צו טויטען. פערצייהט מיר, סוסאנע, פערצייהט!

ער איז אנשווייגען געווארען. די פיש, וועמען מען האט מעהר קיין ברויט ניט געווארפען, זיינען געבליבען שטעהן אונבעוועגליך, כמעט אויסגעשטעלט אין איין רייהע, ווי ענגלישע סאלדאטען, און האבען בעטראכט ביידע קעפ פון די מענשען, וועלכע האבען זיך מעהר וועגען זיי ניט געקימערט. דאס יונגע מיידעל האט גע־ענטפערט האלב טרויעריג, האלב פרעהליך:

— א שאד וואס איהר זייט פערהייראטה. אבער איצט איז דאך שוין פערפאלען. נישטא פון וואס צו ריידען...

ער האט זיך פלוצים א קעהר געטהאן צו איהר און געזאגט גאנץ נאהנט נעבען איהר אויער:

— ווען איך זאל זיין פריי, וואלט איהר מיך גענומען פאר א מאן?

זי האט געענטפערט מיט אן ערנסטען טאן:

— יא, שעהנער פריינד, איך וואלט אייך גענומען, דען איהר געפעלט מיר מעהר ווי אלע אנדערע בעקאנטע מיינע.

ער איז אויפגעשטאַנען און ארויסגעקרעכצט:

— א דאנק ... אַ דאנק... אָבער איך בעט אייך, גיט נאָך קיינעם ניט אייער וואָרט. וואָרט נאָך אוים אַ קליין ביסעלע, איך בעט אייך. ווילט איהר דאָס מיר פערשפּרעכען?

זי האָט ארויסגעשעפּטשעט עטוואָס אויפגערעגט און ניט פערשטעהענדיג וואָס אייגענטליך ער פערלאַנגט פון איהר:

— איך פעשפּרעך עס אייך.

דו־ראַי האָט אריינגעוואָרפען דאס גאַנצע שטיק ברויט אין וואַסער אריין און איז אנטלאָפען ניט זעגענענדיג זיך, ווי ער וואָלט אין גאנצען דעם קאָפּ פערלאָרען.

די פיש האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן נאָך דעם שטיק ברויט, וואָס איז געשוואומען פון אויבען איבער'ן וואסער און עס גענומען פּיקען פון אַלע זייטען. זיי האָבען עס אוועקגעשלעפּט אויף דער אנדערער זייט באסיין, האָבען זיך גערדרעהט און געשטופּט ארום דעם אַלע אינאיינעם, ווי אַ קנויל, וועלכער האָט אויסגעזעהן ווי אַ בעוועגליכע בלום, וואס איז אריינגעפאַלען אין וואסער פון אויבע' אראָב.

סוסאַנע האָט זיך אויפגעהויבען אַ פערוואונדערטע און אויפגערעגטע און איז לאנגזאם אוועק אהיים. דער זשורנאַליסט איז פערשוואונדען.

ער האָט זיך גאַנץ רוהיג אומגעקעהרט אהיים און געפרעגט מאגדאַלענע'ן, וועמען ער האָט געפונען שרייבענדיג בריעף.

— געהסטו פרייטאג עסען צו די וואָלטערס? איך געה.

זי האָט געענטפערט אונזיכער:

— ניין, איך פיהל זיך עפּעס ניט אינגאנצען. איך וועל בעסער בלייבען אין דער היים.

— ווי דו ווילסט, קיינער צווינגט דיך ניט.

דאן האָט ער גענומען זיין הוט און איז גלייך אוועק.

זייט אַ לאַנגע צייט האָט ער איהר נאכגעשפּיאָנירט, זי געהיט און שטילערהייד נאָך איהר נאָכגעגאַנגען; ער האָט געוואוסט

איהר יעדען שריט. איצט איז געקומען זיין צייט. ער האָט ניט קיין טעות געהאַט אין דעם טאָן, מיט וועלכען זי האָט געזאָגט: „איך בלייב בעסער אין דער היים".

די לעצטע עטליכע טעג איז ער געווען זעהר פריינדליך צו איהר, און אליין איז ער געווען גאָר פרעהליך, וואָס האָט שוין לאַנג מיט איהם ניט געטראָפען. זי האָט צו איהם געזאָגט:

— דו ווערסט ווידער ליעב!

פרייטאָג האָט ער זיך אָנגעטהאָן פריה און געזאָגט, אַז ער האָט נאָך איינינע זאכען צו בעזאָרגען איידער ער געהט צום שעף עסען.

אַרום זעקס אַ זייגער איז ער אוועק פון הויז אַ קוש טהאַנדיג זיין פרוי. אויפ'ן סקווער פון נאָטר־דאַם דע לאָרעט האָט ער גענו־מען אַ דראָזשקע און געזאָגט צום קוטשער:

— איהר וועט זיך אָבשטעלען אין דער רו פאָנטען, אַנקעגען דעם נומער זיעבצעהן און וועט דאָרט וואַרטען ביז איך וועל אייך הייסען ווייטער פאָהרען. דאַן וועט איהר מיך אוועקפיהרען אין רע־סטאָראַנט אויף דער רו לאַפּאַעט.

דער פערד האָט זיך גענומען לאַנגזאַם בעוועגען און דו־ראַי האָט אַראָבגעצויגען די פאָרהאַנגען איבער די פענסטער. ער האָט זיך אָבגעשטעלט אַנטקעגען זיין אייגענער הויז און זיך איינגעגע־סען מיט די אויגען אין טהיר. אין צעהן מינוטען אַרום האָט ער דערזעהן מאַגראַלענע'ן אַרויסגעהענדיג פון הויז. זי איז אוועק אין דער ריכטונג פון די בולוואַרען. אַזוי שנעל ווי זי איז אוועק, האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון פענסטער און אויסגערופען:

— פאָהרט ווייטער!

— די דראָזשקע האָט זיך לאַנגזאַם בעוועגט און איהם אוועקגע־פיהרט „צום פאַזאַן", אַ בעוואוסטער רעסטאָראַן אין יענער גע־גענד.

זשאָרזש איז אַריין אין דעם גרויסען זאַאַל און זיך געזעצט עסען, קוקענדיג פון צייט צו צייט אויפ'ן זייגער. אויסגעטרונקען זיין קאַפּע און צוויי קאָניאַקס און אויסגערייכערט אַ גוטען סיגאַ־

רעט איז ער אום האַלב אַכט אַ זייגער פון דאנען אוועק. ער האָט צוגערופען אן אנדער דראזשקע, וועלכע איז פערביי געפאהרען אַ לייי־דיגע און זיך געהייסען פיהרען אין דער רו לאַ־ראשעל.

ניט פרעגענדיג אויפ'ן פּאָרטיער איז ער ארויף אויפ'ן דריטען שטאָק פון דער הויז, אויף וועלכען ער האָט אָנגעוויזען דעם קוטשער און ווען אַ מיידעל האָט איהם געעפענט די טהיר, האָט ער גע־פרעגט:

— הערר גילבערט דע לאַרם איז אין דער היים?

— יאָ.

מען האָט איהם אריינגעפיהרט אין אַ זאַאַל, וואו ער האָט אַ ווײַלע געוואַרט. באַלד איז אריין אַ הויכער מאַן, מיט אָרדענס אויף דער ברוסט און מיט אַ מיליטערישען אויסזעהן; ער האָט געהאַט גרויע האָהר, הגם ער איז נאָך געווען יונג.

דו־ראָי האָט זיך פערנייגט און געזאָגט:

— עס איז אזוי, ווי איך האָב פריהער פאָראויסגעזעהן, הערר פּאָליציי קאָמיסאַר. מיין פרוי געפינט זיך מיט איהר געליעבטען אין אַ געמעבלירטער וואָהנונג, וואָס זיי האָבען געדונגען צו דיעזען צוועק, אין דער רו מאַרטיר.

דער קאָמיסאַר האָט זיך פערנייגט:

— איך שטעה אייך צו דיענסט!

זשאָרזש האָט געענטפערט:

— מיר האָבען צייט ביז ניין אוהר, ניט אמת? שפּעטער האָט איהר ניט קיין רעכט אריינצוקומען אין אַ פּריוואַטע וואָהנונג, אום פעסטצושטעלען דעם פאַקט פון אַ בעטאַגענעם פאַמיליען לעבען.

— ניין, ווינטער ביז זיבען, פון 31 מאַרטש ביז ניין. היינט איז דער פינפטער אפּריל. אלזאָ איז נאָך צייט ביז ניין.

— אלזאָ, הערר קאָמיסאַר, איך האָב אונטען אַ דראזשקע. מיר קענען גלייך מיט זיך נעהמען עטליכע אגענטען, וואָס זאָלען אונז בעגלייטען. ווען נויטהיג קענען מיר וואַרטען אַ ווײַלע פאַר

דער טהיר. וואס שפעטער מיר קומען, אלץ זיכערער זיינען מיר זיי צו כאפען אין מיטען פון פערברעכען.

— ווי איהר ווינשט!

דאן איז ער ארויס און צוריקגעקומען מיט זיין אויבערראק, וועלכער האט פערשטעלט זיין דריי־פארביגען שארף. ער האט זיך געשטעלט אן א זייט, אום א פריהער דורכצולאזען דעם זשורנאליסט, אבער דו־ראי האט געזאגט צוטראגען:

— אפריהער געהט איהר, דאן איך!

דער בעאמטער האט געענטפערט:

— ניין, ניין, איך בין ביי זיך אין דער היים!

דאן האט זשארזש זיך פערנייגט און איז ארויס פאראויס.

צוערשט זיינען זיי אוועק צו א פאליציי סטיישאן און גענומען דריי פאליציסטען אנגעטהאן אין ציווילנע קליידער. יענע האבען שוין אויף זיי געווארט, ווייל זשארזש האט נאך ביי־טאג געלאזט וויסען דעם קאמיסאר, אז היינט וועט די געשיכטע אויפגעדעקט ווע־רען. איינער פון די אגענטען איז ארויף אויף דער קעלניע. די אנדערע צוויי האבען זיך געזעצט אינווייניג אין דראזשקע און זיי אלע זיינען אוועקגעפאהרען צו דער רו מארטיר.

דו־ראי האט געזאגט:

— איך האב א פלאן פון דער וואהנונג. זי געפינט זיך אויפ'ן צווייטען שטאק. צוערשט געהט א קליינע פארהויז, דאן קומט דאס עס צימער, דערנאך דער שלאפצימער. די דריי צימערען פיהרען איינער צום אנדער'ן. קיין אנדער אויסוועג, דורך וועלכען זיי זאלען קענען אנטלויפען איז נישטא. ניט ווייט פון דאנען וואהנט א שלאסער, וועלכער וועט זיין בערייט אין פאל, אז איהר וועט איהם דארפען האבען.

ווען זיי זיינען אנגעקומען צו דער בעשטימטער הויז, איז געווען א פיערטעל אויף ניין, און זיי האבען שווייגענדיג געווארט איבער צוואנציג מינוטען. ווען עס איז געווארען א פיערטעל צו ניין, האט זשארזש געזאגט:

— איצט לאמיר געהן!

און זיי זיינען ארויף אויף די טרעפ, זיך ניט קימערענדיג וועגען דעם פארטיער, וועלכער האט זיי אויך ניט בעמערקט.

איינער פון די פאליציסטען איז געבליבען אויף דער גאס אום צו היטען דעם ארויסגאנג.

די פיער מענער האבען זיך אבגעשטעלט אין צווייטען שטאק און דו־ראי האט צוגעלייגט זיין אויער צו דער טהיר און זיך צוגעהערט: דאן האט ער אריינגעקוקט דורכ'ן שליסעל־לאך.

דער קאמיסאר האט געזאגט צו זיינע בעאמטע:

— איהר בלייבט דא ביז איך וועל אייך רופען.

אזוי ווי דו־ראי האט גארניט געהערט און גארניט געזעהן, האט ער אנגעקלונגען, און זיי האבען גענומען ווארטען. אין צוויי־דריי מינוט ארום האט זשארזש ווידער אנגעקלונגען עטליכע מאל נאכאנאנד. אין דער וואהנונג האט זיך דערהערט א שטילער גערויש, דאן האבען אבגעקלונגען לייכטע טריט, ווי אימיצער וואלט צוגעקומען הערען וואס דא איז. דער זשורנאליסט האט אנגעקלאפט און א פארשטעלטע פרויען־שטימע האט געפרעגט פון אינוויינינג:

— ווער איז דארט?

דער קאמיסאר האט געענטפערט:

— עפענט אין נאמען פון געזעץ!

די שטימע האט ווידער געפרעגט:

— ווער זייט איהר?

— איך בין דער פאליציי קאמיסאר, עפענט, אדער איך הייס אויסברעכען די טהיר.

— וואס פערלאנגט איהר?

דו־ראי האט געענטפערט:

— איך בין דאס, מאך ניט קיין קונצען, איהר וועט זיך פון אונזערע הענד ניט ארויסדרעהען.

די לייכטע טריט האבען זיך דערווייטערט, און אין א פאר סעקונדען האבען זיי זיך ווידער דערהערט.

זשארזש האט זיך אנגערופען:

— אויב איהר עפענט ניט, ברעך איך אוים די טהיר! — ער האט א דריק געטהאן די קליאמקע, זיך אנגעלייגט מיט איין שול־טער אן טהיר און מיט אלע קרעפטען זי א שטויס געטהאן; דער אלטער שלאס האט נאכגעגעבען און די טהיר האט זיך געעפענט. דער יונגער מאן איז שיער ניט געפאלען אויף מאגדאלענע'ן, וועלכע איז געשטאנען אין פארהויז מיט א ליכט אין האנד. זי איז געווען בארוועס, אין איין העמד און אן אונטער קליידעל, איהרע האהר זיי־נען געווען צולאזען.

ער האט א געשריי געטהאן:

— איהר האבען מיר שוין — און זיך א ווארף געטהאן איני־ווענינג אין די צימערען.

דער קאמיסאר האט ארונטערגענומען די הוט און איז אוועק נאך איהם. און די יונגע פרוי, א צומישטע, איז געגאנגען הינטער זיי מיט דער ליכט אין האנד.

זיי זיינען פארבייגעגאנגען דעם עס־צימער. אויפ'ן טיש איז נאך געשטאנען דאס איבערבלייבעכץ פון מאל־צייט; ליידיגע פלאשען שאמפאניער, ארומגעגריזשעטעביינער פון א הוהן, עטליכע שטיק ברויט. אויפ'ן בופעט זיינען געשטאנען צוויי טעלער מיט אויסטער שעלען.

אין דעם שלאף־צימער איז געווען א שרעקליכער אונארדנונג. אויף איין שטוהל איז געלעגען א פרויען־קלייד, פון'ם אנדערען זיי־נען ארונטערגעהאנגען א פאר מענערשע גאדקעס.

פיער שיך, צוויי גרויסע און צוויי קליינע זיינען געלעגען אנגע־ווארפען צו פוסען פון בעט.

דאס איז געווען א טיפישע מעבלירטע וואהנונג, מיט פראסטע מעבעל און שלעכטער, פערשטיקטער לופט, מיט יענעם בעזונדערען גערוך וואס פיהלט זיך אין אזעלכע וואהנונגען פון די פארהאנגען, דעם מאטראץ, די שטוהלען. עס האט זיך געדאכט, אז יעדער, וואס האט דא פערבראכט א טאג אדער זעקס מאנאטען, האט דא

איבערגעלאזען זיין אייגענעם בעזונדערען גערוך און דער דאזיגער גערוך, אויסמישענדיג זיך מיט די רוחות פון די, וואס האבען דא פריהער געלעבט, האט עס געבילדעט יענע אוננאטירליכע, שטי־קענדע אטמאספערע, וואס הערשט געוועהנליך אין אזעלכע פלע־צער.

אויפ'ן קאמין איז געשטאנען א טעלער מיט צוקער געבעקס, פלאש שארטרעז און צוויי שנאפס גלעזלאך האלב אנגעפיעלטע. אויף דעם בראנזאווען זייגער איז אנגעטהאן געווען א צילינדער הוט.

דער קאמיסאר האט זיך געווענדעט צו מאגדאלענע'ן און גע־זאגט קוקענדיג איהר גלייך אין די אויגען:

— איהר זייט פרוי קלארא מאגדאלענא דו־ראי, די געזעצליכע פרוי פון דעם שריפטשטעלער פראספער זשארזש דו־ראי, וועלכער שטעהט דא דערביי?

זי האט געענטפערט מיט א פערשטיקט קול:

— יא.

— וואס טהוט איהר דא?

זי האט ניט געענטפערט.

דער בעאמטער האט נאך אמאל געפרעגט:

— וואס טהוט איהר דא? איך געפין אייך אויסער אייער היים, כמעט אן אויסגעטהאנענע, אין א מעבלירטע וואהנונג. צו וואס זייט איהר אהער געקומען?

ער האט געווארט נאך א פאר אויגענבליקען און געזעהן, אז זי שווייגט נאך אלץ, האט ער געזאגט:

— גנעדיגע פרוי, ווען איהר ווילט זיך ניט מורה זיין, וועל איך זיין געצוואונגען אליין אויסצוגעפינען די פאקטען.

אין בעט האט זיך געזעהן א קערפער איינגעדרעהט אין א דעקע. דער קאמיסאר איז צוגעגאנגען און אויסגערופען:

— מיין הערר!

דער מאן, וואס איז אין דער דעקע געלעגען, האט זיך ניט

בעוועגט. ער איז געלעגען אומגעקעהרט מיט'ן רוקען צום צימער און דעם קאָפּ אונטער'ן קישען בעהאַלטען.

דער קאמיסאר האט איהם אנגענומען פאר א שולטער און גע־זאגט נאך אמאל:

— איך בעט אייך, צווינגט מיך ניט אנצואווענדען געוואלט.

אבער דער קערפּער אין דער דעקע איינגעדרעהט איז געב־ליעבען ליגען אונבעוועגליך, ווי ער וואלט געווען טויט.

דו־ראַי האט זיך מיט אימפּעט א ווארף געטהאן צו איהם, אראבגעשלעפּט די דעקע, ארויסגעריסען די קישען און דערזעהן דאס טויט בלייכע פּנים פון לאַראש מאטיע. ער האט זיך איינגעבויגען צו איהם און ציטערענדיג פונ'ם פערלאנג איהם צו דערשטיקען, האט ער א געשריי געטהאן סקריצענדיג מיט די צייהן:

— האָט אַם ווענינסטען דעם מוטה צו ענטפערען אויף אייער נידערטרעכטיגקייט!

דער קאמיסאר האט ווידער געפרעגט:

— ווער זייט איהר?

דער צושראקענער ליעבהאבער האט ניט געענטפערט און דער קאמיסאר האט נאך אמאל געזאגט:

— איך בין דער פּאליציי קאמיסאר און איך פאדער פון אייך, איהר זאלט מיר זאגען אייער נאמען.

דו־ראַי האָט זיך געטרייסעלט פאר כעס און האָט א געשריי גע־טהאן:

— ענטפערט דאך, פייגלינג! אז ניט וועל איך זאגען אייער נאמען.

דער מאן, וואס איז געלעגען אין בעט, האט דאן ארויסגע־שטאמעלט:

— הערר קאמיסאר, איך בעט אייך, לאזט ניט דעם דאזיגען מענשען מיך בעליידיגען. האָב איך מיט אייך צו טהאָן, אדער מיט איהם? האָם איך אייך אָדער איהם צו ענטפערען?

זיין מויל איז געווען פארטריקענט, ער האט קוים געקענט רעדען.

דער בעאַמטער האט געענטפערט:

— איהר האט צו טהאָן מיט מיר, נור מיט מיר. איך פרעג אייך ,ווער זייט איהר?

דער אנדערער האט געשוויגען. ער האט ארויפגעצויגען דעם לייליך ביז צום האלז און געשראקען געקוקט ארום זיך. זיינע קליינע פארדרעהטע וואנצעליך האבען אויסגעזעהן גאנץ שווארץ אויף זיין טויט בלייכען פנים.

דער קאמיסאר האט געזאגט פון דאס נייי:

— אויב איהר וועט ניט ענטפערען, מוז איך אייך לאזען ארעס־טירען. אויף יעדען פאל, שטעהט אויף. ווען איהר וועט זיין אנ־געטהאן, וועל איך פארטזעצען די אונטערזוכונג.

דער קערפער האט זיך גענומען בעוועגען אין בעט און דער קאפ האט ארויסגעברומט:

— איך קען ניט אויפשטעהן... אין אייער געגענוואַרט...

דער בעאמטער האט געפרעגט:

— פארוואס קענט איהר ניט?

יענער האט געשטאמעלט:

— ווייל איך בין... איך בין... איך בין אין גאנצען א נאקעטער!

דו־ראַי האט זיך צולאכט, האט אויפגעהויבען א העמד, וואס איז געלעגען אויף דער ערד, עס אווארף געטהאן אויפ'ן בעט און אויסגערופען:

— נו, הייבט זיך אויף, זייט מוחל. אויב איהר האט זיך ניט געשעהמט פאר מיין פרוי זיך אויסצוטהאן, מעגט איהר זיך ניט שעהמען פאר מיר אנצוטהאן.

דאן האט ער זיך אומגעקעהרט צו איהם מיט'ן רוקען און איז צוגעגאנגען צום קאמין.

מאגדאלענע איז דערווייל געקומען צו זיך און האט צוריק־געוואונען איהר גאנץ קאלטבלוטיגקייט. זי האט איינגעזעהן, אז

אלעס איז פערלארען און איז אויף אלעס בערייט געווען. א מין סארט שפאטישער צולהכעים האט אין איהרע אויגען געבלישטשעט. זי האט צונויפגעוויקעלט א שטיקעל פאפיער, און ווי פאר א גרויסען פעסט אנגעצונדען אלע צעהן ליכט אין די ביליגע קאנדעלאברעס, וואס זיינען געשטאנען פוןביידע זייטען קאמין. דאן האט זי זיך אנגעשפארט אן דעם מארמערנעם קאמין און אויפגעהויבען צום אויסגעהענדיגען פייער איהר בארפעסע פיס. דערביי האט דאס אונטער־קלייד וואס האט זיך קוים געהאלטען אויף איהרע היפטען, עטוואס פארקאשערט פון הינטען. דאן האט זי ארויסגענומען פון א ראזאווער קעסטעלע א סיגארעטעל און עס רוהיג גענומען רויכערען.

דער קאמיסאר איז צוגעגאנגען צו איהר און שווייגענדיג געווארט אז איהר מיטשולדיגער זאל זיך אנטהאן.

זי האט איהם געפרעגט אין א אונפארשעהמטען טאן:

— איהר פארנעהמט זיך אפט מיט אזא ארבייט?

ער האט געענטפערט ערנסט:

— אזוי זעלטען ווי מעגליך, גנעדיגע פרוי!

זי האט זיך צולאכט איהם אין פנים אריין:

— איך גראטוליר אייך דערצו. מען קען ניט זאגען אז דאס איז זעהר א זויבערע ארבייט.

זי האט געמאכט אן אנשטעל, אז זי קימערט זיך וועגען דער גאנצער געשיכטע ניט און האט אויף איהר מאן אפילו ניט א קוק געטהאן.

דער מאן אין בעט איז דערווייל אויפגעשטאנען. ער האט אנגעטהאן די הויזען, די שטיוועל און צושפיעלענדיג די וועסט איז ער צו זיי צוגעגאנגען.

דער קאמיסאר האט זיך א קעהר געטהאן צו איהם און געפרעגט:

— נו, וועט איהר מיר איצט זאגען ווער איהר זייט?

ער האט ניט געענטפערט.

דער קאמיסאר האט דאן געזאגט:

— דאן בין איך געצוואונגען אייך צו ארעסטירען.

איצט ערשט האט דער מאן אויסגערופען אין דער הויך:

— ריהרט מיך ניט אן, איהר האט דערצו קיין רעכט ניט, מיך טאר קיינער ניט בעליידיגען.

דו־ראי האט זיך א ווארף געטהאן אויף איהם, ווי ער וואלט איהם וועלען צוטרעטען און א געשריי געטהאן איהם אין פנים אריין:

— מיר האבען אייך געכאפט ביים האנד אויפ'ן פלאץ, אין מיטען פון אייער פערברעכען... איך קאן אייך ארעסטירען, אז איך וויל... יא, איך קאן.

דאן האט ער געזאגט מיט א ציטערנדען קול: — דאס איז לאראש־מאטיע, דער מיניסטער פון אויסלענדישע אנגעלעגענ היטען.

דער פאליציי קאמיסאר האט אבגעשפרונגען צוריק א צושראַ־קענער און געשטאמעלט:

— ווילט איהר מיר פארט ניט זאגען ווער איהר זייט?

דער מאן האט זיך ענטשלאסען און געזאגט:

— דיעזען מאל האט דער לומפ דארט קיין ליגען ניט געזאגט. איך הייס ווירקליך לאראש־מאטיע, און בין מיניסטער.

און אנצייגענדיג מיט דער האנד אויף זשארזש'ס ברוסט, וואו אין די קנעפלאך האט געבלישטשעט דער ארדען פון דעם עהרען לעגיאן, האט ער צוגעלייגט:

— און דעם ארדען, וועלכען דער לומפ דארט טראגט אויף זיין ברוסט, האב איך עס איהם געגעבען.

דו־אי איז געווארען בלייך ווי דער טויט. מיט א שנעלער בעוועגונג האט ער ארויסגעריסען דאס שמאלע, רויטע באנד פון דעם קנאפלאך און עס אריינגעשמיסען אין קאמין:

— אט דאס האט די ווערטה אז ארדען, וועלכער קומט פון אזא שופט, ווי איהר זייט.

זיי זיינען געשטאַנען איינער אנטקעגען דעם אנדער'ן, איינער א מאָגערער, דער אנדערער אַ דיקער,ביידע מיט פארסקרייטע צייהן, צורייצטע, און מיט צוזאַמענגעדריקטע פויסטען.

דער קאָמיסאר האָט זיך שנעל אריינגעוואָרפען צווישעןביידען און זיי אַבגעשטופּט איינעם פון אנדער'ן.

— מיינע העררען, זייט ניט אזוי אויפגערעגט, פערגעסט ניט אייער ווירדע!

זיי האָבען געשוויגען און אומגעקעהרט זיך איינער צום אנ־דער'ן מיט'ן רוקען.

מאגדאלענע האָט נאָך אַלץ געוויינט. זי איז געשטאַנען אונבעוועגליך און געשמייכעלט.

דער פּאָליציי קאָמיסאר האָט ווידער אַנגעהויבען:

— הערר מיניסטער, איהר זייט געלעגען אין בעט, זי כמעט אַ נאַקעטע דאָ אין צימער. אייערע קליידער זיינען געלעגען אויס־געמישט אויף שטוהלען, דאס איז גענוג אום פעסטצושטעלען דעם פאקט פון פאמיליען־בעטרוג. איהר קענט עס ניט אַבלייקענען. האָט איהר עפּעס צו זאָגען דערויף?

לאראש־מאטיע האָט געברומט:

— איך האָב גאָרנישט וואס צו זאָגען, טהוט אייער פפליכט.

דער קאָמיסאר האָט זיך געווענדעט צו מאגדאלענען:

— גנעדיגע פרוי, גיט איהר צו, אז דער דאָזיגער הערר איז אייער געליעבטער?

זי האָט געענטפערט מיט שטאָלץ:

— איך לייקען עס ניט, געוויס איז ער מיין געליעבטער.

— דאס איז גענוג!

דער קאָמיסאר האָט געמאַכט עטליכע נאָטיצען איבער דעם צושטאַנד אין וועלכען ער האָט געפונען די וואהנונג. ווען ער איז פערטיג געוואָרען מיט זיין שרייבען, האָט דער מיניסטער, וועלכער האָט זיך דערוויילע אינגאַנצען אָנגעטהאָן און געוואַרט מיט דעם אויבער ראק אויפ'ן ארעם און דעם צילינדער אין האנד, געפרעגט:

— דארפט איהר מיך נאָך האָבען? וואָס האָב איך צו טאָהן? קען איך געהן?

דו־ראַי האָט זיך אַ קעהר געטהאָן צו איהם און געזאָגט מיט אַ פּרעכען געלעכטער:

— וואָרום ווילט איהר אוועקגעהן? מיר זיינען פּארטיג! איהר קענט ווידער געהן אין בעט אריין. מיר לאָזען אייך איצט אליין.

און ארויפלייגענדיג אַ פינגער אויף דעם קאָמיסאר'ס אָרעם, האָט ער געזאָגט:

— הערר קאָמיסאר, מיר קענען געהן, מיר האָבען דאָ ניט מעהר צו זוכען.

דער בעאַמטער האָט איהם נאָכגעפאָלגט עטוואָס ערשטוינט, אָבער ביים שוועל פון צימער האָט זשאָרזש אָבגעטראָטען עטוואָס צוריק, אום איהם צו לאָזען געהן פאראויס. דער אנדערער האָט זיך אנטקעגען דעם געוועהרט, אָבער דו־ראַי איז געבליבען ביי דאָס זייניגע: געהט איהר פאראויס, איך בעט אייך!

דער קאָמיסאר האָט געענטפערט:

— איך געה נאָך אייך!

דאן האָט זיך דער זשורנאליסט טיעף פערנייגט און געזאָגט מיט אַן איראָנישער העפליכקייט:

— איצט זייט איהר אין דער רייהע, הערר קאָמיסאר. דאָ בין איך כמעט ווי אין דער היים.

דאן האָט ער שטיל צוגעמאכט די טהיר, ווי ער וואָלט זיך וועלען ווייזען זעהר צארטפיהלענד.

אין אַ שטונדע ארום איז זשאָרזש דו־ראַי אריין אין דער רעדאקציאָן פון דער „פראנצויזישער לעבען".

הערר וואַלטער איז שוין דאָ געוועזען, ווארים ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין דער שפּיצע פון זיין צייטונג און האָט זיך מיט איהר שטאַרק אינטערעסירט. די צייטונג איז איצט געוואָרען שטאַרק פערשפּרייטעט און פאר זיינע גרויסע פינאַנסיעלע אונטערנעהמונגען איז זי געוועזען זעהר אַ בעדייטענדע שטיצע.

דער שעף האט אויפגעהויבען די אויגען און געזאגט:

— אך, דאס זייט איהר! אבער ווי מאדנע איהר זעהט אויס! ארוואס זייט איהר ניט געקומען צו אונז עסען? פון וואנען קומט איהר?

דער יונגער מאן, זיכער אז ער וועט מאכען א שטארקען איינדרוק, האט געענטפערט בעטאנענדיג יעדעס ווארט בעזונדער:

— איך האב נאר וואס ארונטערגעווארפען דעם מיניסטער פון אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען!

דער שעף האט געמיינט, אז ער מאכט שפאס.

— ארונטערגעווארפען דעם מיניסטער?... וואס הייסט?

— איך וועל אומבייטען די מיטגליעדער פון קאבינעט, דאס איז אלעס. עס איז שוין לאנג צייט געווען ארויסצושמייסען דעם עזעל.

דער אלטער איז געווען שטארק פערוואונדערט און האט א טראכט געטהאן, אז זיין מיטארבייטער איז שיכור. ער האט געזאגט:

— וואס טהוט זיך מיט אייך? זייט איהר משוגע? וואס רעדט איהר?

— איך בין ניט משוגע און רייד וואס איך מיין. איך האב נור וואס געכאפט לאראש־מאטיע מיט מיין ווייב אין א האטעל. דער פאליציי קאמיסאר איז געווען דערביי און דעם פאקט פעסטגעשטעלט. דער מיניסטער וועט פליהען פון ביינקעל.

וואלטער, א צושראקענער, האט ארויפגערוקט זיינע ברילען אויפ'ן שטערען און געפרעגט:

— איהר מאכט פון מיר שפאס?

— עס הויבט זיך גאר נישט אן. איך שרייב גלייך וועגען דעם אן ארטיקעל פאר דער צייטונג!

— אבער וואס וועט אייך ארויסקומען דערפון?

— איך וויל דעם דאזיגען גנב, דעם שופט, דעם פערברעכער און כלל טהוער ארונטעררייסען! ער האט אווארף געטהאן זיין הוט אויף א שטוהל און צוגעלייגט:

— וועה צו דעם יעניגען, ווער עם וועט זיך מיר שטעלען אין וועג! איך בין קיינעם קיינמאל ניט מוחל!

דער שעף, וועלכער האט נאך אלץ ניט פערשטאנען וואס דא טהוט זיך, האט ארויסגעשטאמעלט:

— אבער... אייער פרוי...

— מארגען נאך גיב איך אריין א קלאגע וועגען א גט. איך וויל זי שיקען צוריק צו דעם זעלביגען פארעסטיע.

— איהר ווילט זיך מיט איהר גט'ן?

— געוויס! איך האב געשפיעלט די ראליע פון א נאר ביז וואנען איך האב זיי געכאפט! איצט אבער איז אלעס אין מיינע הענד!

הערר וואלטער האט ניט געקענט קומען צו זיך. א צושראקע־נער האט ער אנגעקוקט דו־ראי'ן און געטראכט פאר זיך: — „צום טייפעל, צו האבען צו טהאן מיט דעם יונג איז א ביטערער עסק"!

זשארזש האט געזאגט:

— איצט בין איך פריי... איך האב א ביסעל געלד. אין אקטאבער, צו די נייע וואהלען, וועל איך זיך לאזען ארויסשטעלען אלס קאנדידאט אין מיין היימאטה, וואו איך בין גוט בעקאנט און בעליעבט. מיט אזא פרוי האב איך ניט געקענט פערנעהמען קיין וויכטיגע שטעלע, ווייל זי האט ביי אלע מענשען גלייך ארויסגע־רופען א פערדאכט. זי האט מיר פערשלעפט אין איהר נעץ און האט מיך אויסגענארט ווי א דום־קאפ. אבער זייט איך האב זיך דערוואוסט ווער זי איז, האב איך זי גענומען היטען און איצט האב איך זי געפאקט, די בעסטיע!

ער האט זיך פלוצים צולאכט און געזאגט:

— דער ארימער פארעסטיע איז נעבעך בעטראגען געווארען און אליין האט ער פון קיין זאך ניט געוואוסט צו זאגען, האט אפילו גארנישט פערדעכטיגט. איצט בין איך פטור פון דער מתנה, וואס ער האט מיר איבערגעלאזט. מיינע הענד זיינען איצט פריי און איך וועל זיך דורכשלאגען א וועג!

ער האט זיך געזעצט רייטענדיג אויף א שטוהל און געזאגט צו זיך, ווי פער'חלום'ט:

— איך וועל זיך שוין דורכשלאגען מיין וועג!

דער אלטער וואלטער האט נאך אל'ץ געקוקט אויף איהם מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען, די ברילען אויפ'ן שטערען פעררוקט, און געטראכט:

— יא, דער יונג וועט זיך מאכען א וועג און וועט אוועק ווייט! זשארזש איז אויפגעשטאנען:

— איצט וועל איך שרייבען דעם ארטיקעל. דאס מוז זעהר פארזיכטיג געטהאן ווערען! אבער דעם מיניסטער וועט עס קאסטען זיין קאפ. איך וועל איהם אזוי דערטרינקען, אז ער וועט שוין קיין תחית המתים ניט אויפשטעהן. דאס „פראנצויזישע לע־בען" האט ניט קיין אורזאכע איהם צו שאנעווען.

דער אלטער האט א ווײַלע געטראכט, דאן האט ער געזאגט:

— גוט, שרייבט! רעכט אויף זיי, זאלען זיי זיך ווייטער ניט פערנעהמען מיט אזעלכע מאוס'ע געשיכטעס.

9

עס זיינען אוועק דריי מאנאטען. דו־ראי האט געקראגען א גט. זיין פרוי האט זיך ווידער גענומען רופען פארעסטיע. די וואלטערס האבען געדארפט אוועקפאהרען קיין טרואוויל דעם פופ־צעהנטען דזשולײַ און זיי האבען בעשלאסען צו פערברענגען א טאג פאר זייער אוועקפאהרען אונטער'ן שטאדט.

עס איז בעשטימט געווארען א דאנערשטאג; זיי זיינען ארוים־געפאהרען אין דער פריה אין א גרויסע קארעטע, אין פיער פערד געשפאנט.

זיי האָבען געוואָלט פריהשטיקען אין סען זשערמאַן, אין דעם פּאַווילִיאָן פון הענריך דעם פיערטען. דער שעהנער פריינד האָט געשטעלט א תנאי, אז זיי זאָלען ניט איינלאַדען קיין אַנדערע מע־נער אויסער איהם, ווייל ער האָט ניט געקענט אָנזעהן דעם מאַרקיז קאַצאָל.

אין דער לעצטער מינוט האָט מען בעשלאָסען צו רופען דעם גראַף לאַטור איוועלין. וועגען דעם האָט מען איהם נאָך נעכטען געלאָזט וויסען.

זיי זיינען דורכגעפאָהרען די יעליסייער פעלדער און אריין אין׳ם בולאָנער וואַלד.

עס איז געווען א וואונדער־שעהנער זומערדיגער טאָג, ניט צו הייס. די שוואַלבען האָבען זיך מחנות ווייז געטראָגען אין דער בלויער לופט.

די דריי דאַמען זיינען געזעסען פון איין זייט, די מוטער צווי־שען דיביידע טעכטער. זיי אַנטקעגען זיינען געזעסען די הערען און וואַלטער צווישען זיינע געסט.

זיי זיינען איריבערגעפאָהרען די סעין, פערביי דעם מאָנט וואַלעריאַן, דאַן זיינען זיי אוועק איבער׳ן ברעג טייך דורך בור־זשיוואַל אין פּעק.

גראַף לאַטור־וועלין, א מענש שוין ניט גאָר קיין יונגער, מיט א דינער לאַנגער באַקען־באָרד, האָט צערטליך געקוקט אויף ראָזא׳ן.

זייט פיער וואָכען זיינען זיי געוועזען פערקנאַסט.

זשאַרזש איז געווען זעהר בלייך און האָט אָפט געקוקט אויף סוסאַנע׳ן, וועלכע איז געווען פּונקט אַזוי בלייך ווי ער. זייערע בלי־קען האָבען זיך בעגעגענט, האָבען צוגעגעבען מוטה איינער דעם אַנ־דער׳ן, האָבען זיך עפּעס דערצעהלט און גלייך ווידער אָבגעקעהרט. פרוי וואַלטער איז געווען רוהיג און גליקליך.

דער פריהשטיק האָט געדויערט א לאַנגע צייט. איידער זיי זיינען געפאָהרען צוריק קיין פּאַריז, האָט זשאַרזש פאָרגעשלאָגען צו מאַכען א שפּאַציער איבער דער טעראַסע.

צו ערשט זיינען זיי געבליבען שטעהן און בעטראכט די אויס־זיכט. שטעהענדיג אין א רייהע, איינער נעבען דעם אנדער'ן, האבען זיי בעגייסטערט געקוקט אויף דעם ווייטען האריזאנט. צום פוס פון א הויכען בארג האט זיך געדרעהט די סעין, ווי א ריעזיג־גרויסע שלאנג, וואס דרעהט זיך אין גרינס. רעכטס, אויפ'ן שפיץ פון בארג, האט זיך געזעהן די וואסערלייטונג פון מארלי און אונטען איז געלעגען מארלי, פון געדיכטע בוימער פערשטעלט.

אנטקעגען האבען זיך געצויגען ווייטע, ווייטע פעלדער און דא און דארט האט זיך געזעהן א דארף. די טייכען פון קעסינעט האבען זיך אבגעצייכענט פון'ם גרינעם וואלד ווי קלאהרע, ליכטיגע פלע־קען. אויף דער לינקער זייט האט פון ווייטען ארויסגעקוקט דער הויכער, שפיציגער גלאקען־טהורעם פון סאטראוויל.

וואלטער האט געזאגט:

— אזא אויסזיכט איז נישטא אויף דער גאנצער וועלט, אפילו אין דער שווייץ!

דאן האבען זיי זיך געלאזט געהן לאנגזאם איבער דער טעראסע. זשארזש און סוסאנע זיינע אביסעל אבגעשטאנען.

אזוי שנעל ווי זיי זיינען געווען עטליכע טריט ווייט פון די איבעריגע, האט ער צו איהר געזאגט אין דער שטיל מיט אן איינגעהאלטענעם אטהעם:

— סוסאנע, איך ליעב אייך, איך ליעב אייך ביז צו משוגעת!

זי האט געפליסטערט:

— איך אויך, שעהנער פריינד!

ער האט ווייטער גערעדט:

— ווען איהר וועט ניט ווערען מיין פרוי, פערלאז איך פאריז, פערלאז איך פראנקרייך.

זי האט געענטפערט:

— פרובירט איבעררײדען מיט פאפא. פיליייכט וועט ער איינוויליגען.

ער האָט געמאַכט אַן אונגעדולדיגע בעוועגונג:

— ניין, איך זאָג אייך שוין צום צעהנטען מאָל, דאָס איז גאַנץ אומזיסט. מען וועט מיר פערבאָטען צו קומען אין הויז, מען וועט מיר ארויסיאָגען פון דער צייטונג און איך וועל אפילו ניט האָבען קיין געלעגענהייט זיך מיט אייך צו זעהן. אָט דערצו וועט פיהרען מיין אָפענער פאָרשלאַג. מען האָט פערשפּראָכען דעם מארקיז קאַצאָל, אז איהר וועט זיין זיינע; מען האָפט, אז איהר וועט נאָך זאָגען „יא" און מען וואַרט.

זי האָט געפרעגט:

— אלזאָ, וואָס זאָלען מיר טהאָן?

ער האָט געטראַכט און זי אָנגעקוקט פון דער זייט:

— ליעבט איהר מיך גענוג, אום צו בעגעהן א משוגעת?

זי האָט געענטפערט ענטשלאָסען:

— יא!

— א גאַנץ גרויסע משוגעת?

— יא!

— דאָס ערגסטע וואָס איהר קענט טהאָן?

— יא!

— ווירקליך?

— יא!

— עס איז פאַראַן נאָר איין איינציגער מיטעל. איהר מוזט די זאַך מאַכען, ניט איך. איהר זייט אַ נאָכגעגעבען, פאַרצערטעלט קינד, אייך איז אלעס ערלויבט און א געוואַגטער פערלאַנג פון אייער זייט וועט ניט שטאַרק איבערראַשען אייערע עלטערען. הערט אלעס אוים: היינט ביי־נאַכט, ווען איהר וועט קומען אהיים, זאָלט איהר אוועקגעהן צו אייער מוטער, און ווען איהר וועט זיין מיט איהר איינע אליין, זאָלט איהר זיך פאַר איהר מודה זיין, אז איהר ווילט מיט מיר חתונה האָבען. זי וועט ווערען שרעקליך אויפגערעגט, שרעקליך בייז...

סוסאַנע האָט איהם אונטערבראָכען:

— אך, די מאמא וועט שוין מרוצה ווערען.

ער האט ווייטער גערעדט:

— ניין איהר קענט זי ניט. זי וועט זיין מעהר אויפגעבראכט און צוקאכט, ווי אייער פאטער. איהר מעגט זיין זיכער, אז זי וועט אייך ניט נאכגעבען. אבער איהר מוזט פעסט בעשטעהן אויף אייערס, זיך ניט לאזען איבעררעדען און האלטען אין איין טענה'ן, אז איהר וועט מיט מיר חתונה האבען, נור מיט מיר און ווייטער מיט קיינעם ניט. וועט איהר דאס טהאן?

— יא, איך וועל עס טהאן!

און נאכדעם, ערשט ווי איהר זייט געווען ביי דער מוטער, זאלט איהר געהן צום פאטער און איהם אויך זאגען דאס זעלבע מיט א גאנץ ערנסטען און ענטשלאסענעם טאן.

— יא, יא. און דאן?

— און דאן... דאן ערשט קומט דאס רעכטע געדיכטע. אויב איהר האט אויף אן אמת בעשלאסען, גאנץ פעסט בעשלאסען צו ווערען מיין פרוי, מיין ליעבע, קליינע סוסאנע... דאן... וועל איך מיט אייך אנטלויפען!

זי האט גענומען פאטשען מיט די הענד פון פערגעניגען:

— אך, ווי שעהן! איהר ווילט אנטלויפען מיט מיר? ווען־זשע וועט איהר עס טהאן?

די גאנצע פאעזיע פון די פערגאנגענע צייטען, ווי זי שפיעגעלט זיך אב אין די ראמאנען, וואו עס ווערט דערצעהלט פון אנטלאפענע געליעבטע, ווי זיי טראגען זיך אין א שווערען עקיפאזש דורך וואלד און פעלד, ווי זיי פערברענגען אין דארפישע שענקען און וועגען, די פיעלע דאמאנטישע פאסירונגען, וואס טרעפען מיט זיי אויפ'ן וועג, האט ערוואכט אין איהר געדעכעניש ווי א שעהנער טרוים, וועל־כער קען ווערען א ווירקליכקייט. און זי האט געפרעגט נאך א מאל:

— ווען ווילט איהר מיט מיר אנטלויפען?

ער האט געענטפערט גאנץ שטיל:

— היינטיגען אבענד! היינט ביינאכט!

זי האט געפרעגט ציטערנדיג:

— און וואוהין וועלען מיר אוועק?

— דאס איז א סוד. אבער איהר זאלט זיך גוט איבערלייגען וואס איהר טהוט! איהר מוזט וויסען, אז נאך דעם דאזיגען אנט־לויפען מוזט איהר ווערען מיין פרוי. דאס איז דער איינציגער מיטעל און דאס איז... זעהר געפעהרליך פאר אייך!

זי האט ערקלעהרט:

— איך בין פעסט ענטשלאסען... און וואו וועל איך אייך טרעפען?

— קענט איהר אליין ארויסגעהן פון פאלאץ?

— יא, איך קען עפענען די צווייטע טהיר.

— אלזא גוט! ווען דער שווייצאר וועט איינשלאפען נאך האל־בער נאכט, דאן קומט אויף דעם קאנאקארדיען פלאץ. איך וועל ווארטען אויף אייך אין א דראזשקע פונקט אנטקעגען דעם מארין מיניסטעריום.

— איך קום!

— זיכער?

— גאנץ זיכער!

ער האט גענומען איהר האנד און געדריקט:

— אך, ווי איך ליעב אייך! וואס פאר א וואווילינקע איהר זייט און וואס פאר א דרייסטע! איהר ווילט אלזא ניט הייראטהען מיט דעם מארקיז דע קאצאל?

— ניין, ניין!

— איז אייער פאטער געווען זעהר בייז, ווען איהר האט גע־זאגט „ניין”?

— געוויס, וואס פאר א פראגע! ער האט מיר געוואלט אוועק־שיקען אין א קלויסטער!

— אט זעהט, אז מען מוז זיין זעהר ענערגיש!

— און איך וועל עס זיין.

זי האָט געקוקט אין דער ווייטער ווייטקייט אין גאַנצען אריינ־געטהאָן אין'ם גערדאנק וועגען איהר אנטלויפען. זי ווערט אוועק ווייט... ווייט... נאָך ווייטער ווי דער בליק דערגרייכט... מיט איהם... ער ווערט איהר גנב'ענען. אויף דעם איז זי געווען זעהר שטאָלץ! זי האָט ניט געטראַכט וועגען איהר גוטען נאָמען, וועגען דעם, אז מיט איהר קען פּאַסירען עטוואָס בייזעס. האָט זי עס דאן פערשטאַנען? האָט זי איבערהויפּט געוואוסט וואס זי טהוט?

מאַדאַם וואַלטער האָט זיך אומגעדרעהט און אויסגערופען:

— קום אהער, מיין קינד. וואס האסטו זיך דארט אזוי פעררעדט מיט'ן שעהנעם פריינד?

זיי זיינען צוגעקומען צו די איבעריגע. מען האָט גערעדט וועגען די ים־בעדער, וואו זיי וועלען באַלד זיין.

דאן האָבען זיי זיך אומגעקעהרט איבער שאָטו, אום ניט צו פאָהרען מיט דעם זעלבען וועג.

זשאָרזש האָט מעהר נישט גערעדט. ער איז געזעסען שטיל און געטראַכט:

— ווען די קליינע זאָל נור האָבען אביסעל מוט, דאן ווערט געהן א גאַנג!

זייט דריי מאָנאַטען, אז ער האָט פערצויגען ארום איהר א נעץ מיט זיינע אונווידערשטעהליכע צערטליכקייטען. ער האָט זי בע־צויבערט, פאַרפיהרט, דיינגעריסען. ער האָט זיך אריינגע'גנב'עט צו איהר אין דער נשמה אריין און זי בעהערשט. ער האָט זי גע־צוואונגען צו פערליעבען זיך אין איהם, ווי נור ער האָט עס געקענט! עס איז איהם ניט גאָר שווער אָנגעקומען צו געווינען די נשמה פון דער דאָזיגער לייכטזיניגער ליאַלקע.

אפריהער האָט ער ביי איהר געפועלט, זי זאָל אָבזאָגען דעם מאַרקיז דע קאַזאַל. איצט איז זי מרוצה געוואָרען מיט איהם צו צו אַנטלויפען. און קיין אנדער מיטעל איז נישטאָ!

ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אז מאַדאַם וואַלטער ווערט קיין מאָל ניט איינוויליגען ער זאָל הייראַטען מיט איהר טאָכטער. זי

האט איהם נאך אלץ געליעבט און וועט איהם אימער ליעבען מיט'ן זעלבען פייער, מיט דער זעלבער ליידענשאפט. ער האט זי צוריק־געהאלטען מיט זיין אויסגערעכענטער קאלטקייט, אבער ער האט גוט געוואוסט, וואס פאר א מאכטלאזע ווילדע ליידענשאפט עס ברויזט אין איהר. איהר האט ער קיינמאל ניט געקענט געווינען, זי וועט קיינמאל ניט צוגעבען, אז ער זאל קריגען סוסאנע'ן.

אבער איין מאל וועט ער האבען די מיידעל אין זיינע הענד, דאן וועט איהם אויסקומען צו אונטערהאנדלען מיט'ן פאטער.

פארטאהן אין זיינע מחשבות, האט ער ניט געהערט וואס מען רעדט און געענטפערט געהאקט, אפט ניט צו דער זאך, ווען מען האט זיך צו איהם געווענדעט.

ווען זיי זיינען אריינגעפאהרען אין פאריז איז ער ווידער גע־קומען צו זיך.

סוסאנע איז אויך געווען פערטראכט. אין איהרע געדאנקען האט זי געהערט קלינגען די גלעקלאך פון די פיער פאטשטאווע פערד און פאר איהרע אויגען האבען זיך געטראגען אונענדליכע דארפישע וועגען פון דער לבנה שיין בעלויכטען, טונקעלע וועלדער דורך וועלכע זיי טראגען זיך פייל פון בויגען, שענקען אויפ'ן וועג, בעל העגלות, וואס בייטען אין גרוים איילעניש די פערד, ווייל זיי פערשטעהען אז מען יאגט זיך נאך זיי נאך.

דער עקיפאזש איז צוגעפאהרען צו פאלאץ. מען האט זשארזש'ן געבעטען בלייבען צום עסען. ער האט זיך ענטזאגט און איז אוועק אהיים.

ער האט אבגעגעסען און גענומען ברענגען אין ארדנונג זיינע פאפירען, ווי פאר א לאנגע רייזע. ער האט פערברענט קאמפרא־מעטירענדע בריעף, אנדערע בעהאלטען און געשריבען צו א פאר פריינד עטליכע ווערטער.

פון צייט צו צייט האט ער געקוקט אויפ'ן זייגער און געטראכט:

— איך שטעל מיך פאר וואס דארט טהוט זיך איצט — און דאס הארץ האט ביי איהם געקלאפט פון אויפרעגונג און אונרו־

היגקייט — ווען זיין פלאן זאל זיך איהם ניט איינגעבען! אבער וואס האט ער מורא צו האבען? אויף יעדען פאל ועט ער זיך קענען אויסדרעהען! און דאך, וואס פאר א גרויסע קארט ער האט געשפיעלט היינט ביי־נאכט.

אזייגער עלף איז ער ווידער ארויס פון הויז, האט זיך ארומ־געדרעהט א געוויסע צייט, דאן האט ער גענומען א דראזשקע, איז אוועק צום קאנקארדיען־פלאץ און זיך אבגעשטעלט אנטקעגען דעם מארין מיניסטעריום.

פון צייט צו צייט האט ער אנגעצונדען א שוועבעלע אום א קוק צו טהאן אויפ'ן זייגער. נאהנט צו האלבע נאכט איז אויף איהם אנגעפאלען א פיבערהאפטע אונרוהיגקייט און ער האט יעדען אוי־גענבליק ארויסגעקוקט פון פענסטער, זעהן טאמער געהט זי.

פון ווייטען האט זיך דערהערט א זייגער שלאגען צוועלף מאל, דאן אנ'אנדערער עטוואס נעהנטער, דערנאך צוויי אין איין צייט, דאן ווידער אמאל איינער גאנץ ווייט. ווען עס האט אבגעהילכט דער לעצטער קלאפ, האט ער א טראכט געטהאן:

— אוים, איצט איז אלעס פערלארען, זי קומט ניט!

אבער ער האט בעשלאסען צו ווארטען ביז טאג. אין אזעלכע צופאלען מוז מען האבען געדולד. ער האט געהערט ווי עס האט געשלאגען א פיערטעל, דאן האלב, דאן דריי פיערטעל. און די זייגערס האבען ווידער געשלאגען איינס, ווי זיי האבען פריהער איינער נאכ'ן אנדערען געשלאגען צוועלף.

ער האט שוין מעהר אויף איהר ניט געווארט. ער איז געבליבען זיצען אין זיך צובראכען דעם קאפ, טראכטענדיג וואס אזוינס דארט האט געקענט פאסירען. דאן פלוצים האט זיך פאר'ן פענסטע־ פון דער דראזשקע בעוויזען א פרויען־קאפ און א קול האט געפרעגט:

— איהר זייט עס שעהנער פריינד?

ער האט זיך א טרייסעל געטהאן, דער אטהעם האט איהם פאר־כאפט:

— דאס זייט איהר, סוסאנע?

— יא איך!

פאר אויפרעגונג האט ער ניט געקענט אזוי גיך געפינען די טירל פון קארעטע און ער האט געפרעגט נאך אמאל:

— איהר?... איהר?... שנעל קומט אריין.

זי איז אריין און געפאלען אין זיינע ארעמס. ער האט א געשריי געטהאן צום קוטשער:

— פאהרט שנעל!

און די דראזשקע האט זיך גענומען טראגען.

סוסאנע איז געווען אהן אטהעם און ניט געקענט אויסרעדען א ווארט.

— נו ווי איז עס עפּעס געגאנגען?

זי איז געווען נאהנט צום חלש'ן און האט געענטפערט שטיל:

— אך, עס איז געווען שרעקליך, איבערהויפּט מיט דער מאמען.

ער איז געווארען אונרוהיג.

— וואס, וואס האט די מאמע געזאגט? דערצעהל מיר.

— עס איז געווען שרעקליך! איך בין געקומען און האב איהר דערצעהלט מיין געשיכטע. זי איז געווארען בלייך ווי קאלך און גע־נומען שרייען הויך אויפ'ן קול: „קיין מאל ניט, קיין מאל אין לע־בען ניט!..." איך האב געוויינט, בין געווארען צוקאכט און האב געשווארען, אז איך וועל מיט קיין אנדער'ן ניט הייראטען, אויסער מיט אייך. איך האב געדענקט אז זי וועט מיך שלאגען, אזוי משוגע איז זי געווען, און זי האט געזאגט, אז מארגען וועט מען מיך פערשיקען אין א קלייסטער. אין אזא צושטאנד האב איך זי נאך קיינמאל ניט געזעהן, קיין מאל זייט איך געדענק. אויף איהרע קולות איז דאן דער פּאפּא אריינגעלאפען. ער איז ניט געווען אזוי בייז ווי זי, אבער ער האט אויך געזאגט, אז איהר זייט פאר מיר קיין שידוך ניט!

אבער איך האב זיך אויך צוקאכט און געשריען נאך מעהר ווי זיי און דער פּאפּא האט מיר דאן געהייסען ארויסגעהן, מיט א

דראמאטישען טאן, וועלכער האט זיך צו איהם גארנישט געפאסט. דאס אלעס האט מיין בעשלום מיט אייך צו אנטלויפען שטארקער געמאכט. און אט בין איך דא. וואוהין פאהרען מיר?

ער האט זי לאנגזאם אנגענומען ביי דער טאליע און מיט א קלאפענדיגען הארצען האט ער זיך אנגעשטרענגט צוגעהערט צו דעם ארום. א פערשטיקטער האס האט זיך אויפגעהויבען אין זיין הארצען אנטקעגען יענע לייט. אבער זייער טאכטער איז געווען אין זיינע הענד. איצט וועט ער שוין לערנען מיט זיי בלק!

ער האט געענטפערט:

—דעם צוג האבען מיר שוין פערשפעטיגט. מיר וועלען מוזען פאהרען מיט דער דראשקע ביז צום סעווס, דארט בלייבען מיר איבער נאכט און מארגען פאהרען מיר נאך לא־ראשע־גוואן. דאס איז א שעהנער, קליינער דערפעל אויפ'ן ברעג פון דער סעין צווישען מאנטעס און באטיער.

זי האט געפליסטערט:

— אבער איך האב ניט קיין קליידער מיט זיך.

ער האט א שמייכעל געטהאן:

— נו, דאס איז ניט קיין גרויס אונגליק, מיר וועלען שוין קריע־גען קליידער.

די דראשקע איז געפאהרען אלץ ווייטער און ווייטער און זשארזש האט גענומען די האנד פון דער יונגער מיידעל און זי אנגעהויבען צו קושען לאנגזאם און מיט רעספעקט. ער האט ניט געוואוסט וואס ער זאל איהר זאגען, ער איז ניט געווען געוואהנט צו פלא־טאנישע ליעבע. פלוצים האט זיך איהם אויסגעוויזען אז זי וויינט. ער האט געפרעגט צושראקען.

— וואס איז מיט אייך מיין טהייערע?

זי האט געענטפערט מיט טרעהרען אין איהר קול:

— מיין ארימע מאמע שלאפט איצט געוויס ניט, אויב זי האט בעמערקט, אז איך בין ניטא.

* * *

און איהר מאמע האט ווירקליך ניט געשלאפען.

אזוי שנעל ווי סוסאנע האט פערלאזען דעם צימער און פרוי וואלטער איז געבליעבען מיט איהר מאן אליין, האט זי א פערצוויי־פעלטע, א דער'הרגעטע געפרעגט:

— מיין גאט וואס זאל עס בעדייטען?

וואלטער האט אויסגערופען:

— עס בעדייטעט, אז דער אינטריגאנט האט איהר דעם קאפּ פערדרעהט, אז ער איז שולדיג אין דעם, וואס זי האט אבגעזאגט קאצאל'ן, עס געפעהלט איהם הפנים איהר נדן!

ער האט גענומען ארומלויפען א צוקאכטער איבער'ן צימער און גערעדט:

— אבער דו האסט אויך שטענדיג געמאכט צו איהם חן'דלאך, האסט איהם געשמייכעלט, געפּעסטשעט און גאַרנישט געוואוסט וואס צו טהאן מיט איהם. א גאנצען טאג נאכאנאנד האט מען נור געהערט — דער שעהנער פריינד דא, דער שעהנער פריינד דאָרט, פון פריה ביז נאכט האט מען ניט אויפגעהערט צו רעדען וועגען איהם. איצט האסטו דיר דערפאר!

זי האט געענטפערט בלייך ווערענדיג:

— איך האב צו איהם געמאכט חן'דלאך?

ער האט א געשרעה געטהאן איהר אין פנים אריין:

— יא, דו! איהר זייט אלע משוגע, איינע פונקט אזוי ווי די אנדערע, די פרוי מארעל, סוסאנע און די אלע אנדערע. דו דענקסט אז איך האב ניט בעמערקט, אז דו קענסט גאר אהן איהם ניט אויס־האלטען?

זי האט אנגענומען א פאזע און שטאלץ געזאגט:

— איך ערלויב דיר ניט מיט מיר אזוי צו רעדען, דו פערגעסט אז איך האב זיך ניט ערצויגען אין א קרעמעל אזוי ווי דו!

ער איז געבליעבען שטעהן אונבעוועגליך, צומישט; דערנאך האט ער זיך גוט אויסגעזידעלט און איז ארויס, א קלאפּ־טהוענדיג מיט דער טהיר.

געבליבען אליין, איז זי מעכאניש צוגעגאנגען צום שפּיעגעל, א קוק געטהאן אויף זיך און זעהן, צו האט זיך ניט עפּעס אויף איהר געענדערט, צו איז זי נאך די זעלבע ווי פריהער. אזוי אונמעגליך, אזוי הימעל־שרייענד האט איהר אויסגעזעהן דאס, וואס איז נור וואס געשעהן. סוסאנע האט געליעבט דעם שעהנעם פריינד, און דער שעהנער פריינד האט געוואלט חתונה האבען מיט סוסאנע'ן! ניין! דאס מוז זיין א טעות, דאס קען ניט זיין. דאס יונג מיידעל האט נור א גאנץ נאטירליכע נייגונג צו איהם, דעם שעהנעם מאן, און דערפאר האט זי זיך איינגערעדט, אז מען וועט איהר ניט שטערען חתונה צו האבען מיט איהם. אבער ער? האט ער אויך וועגען דעם גע־וואוסט? האט ער אויך געוואוסט וועגען סוסאנע'ס קאפּריז?

זי האט זיך פערטראכט גאנץ צוטומעלט און דערשלאגען, ווי פון א גרויס אונגליק.

ניין, דער שעהנער פריינד האט גאר ניט געוואוסט וועגען דעם!

און זי האט געפּרואווט אריינטראכטען זיך אין דער נשמה פון דעם דאזיגען מענשען, געוואלט פערשטעהן, ווי ווייט ער איז שול־דיג אין דעם און ווי ווייט ניט.

און אפשר איז עס אינגאנצען זיין אויפטהו? זאל עס מעג־ליך זיין? איז עס דען מעגליך, אז ער זאל זיין אזא טויגעניכטס? און וואס וועט זיין ווייטער? אה, וויפיעל יסורים זי וועט נאך הא־בען אויסצושטעהן!

אויב ער ווייסט נאך גאר נישט, דאן קען מען נאך אלץ פער־ריכטען. מען וועט נור דארפען סוסאנע'ן לאזען א רייזע מאכען אויף א זעקס חדשים, דאן וועט זי איהם פערגעסען.

אבער ווי וועט זי אליין דערנאך קענען טרעפען זיך מיט איהם? זי האט דאך איהם געליעבט. די דאזיגע ליידענשאפט האט זיך ווי א קויל איינגעגעסען אין איהר הארצען און מען האט זי בשום אופן ניט געקענט פון דארט ארויסרייסען.

אהן איהם קען זי ניט לעבען, בעסער דער טויט.

אזוי האט זי געטראכט און זיך געמוטשעט. א שארפער וועה־טאג האט גענומען עגבערען איהר קאפ. געדאנקען, שווערע און פערפלאנטערטע, האבען געדריקט אויף איהר מוח. עס האט זי געמוטשעט די אונקלאהרע לאגע, זי איז געווארען פערצווייפעלט.

זי האט א קוק געטהאן אויפ'ן זייגער, עס איז געווען נאך איינס.

דאן האט זי זיך געזאגט:

— איך קען עס לענגער ניט איבערטראגען. איך מוז אלסדינג קלאהר וויסען. איך וועל געהן אויפוועקען סוסאנע'ן און זי אויס־פרעגען.

בארפוס, אום מען זאל איהרע טריט ניט הערען, מיט א ליכט אין דער האנד, איז זי אוועק צו איהר טאכטער אין צימער. זי האט שטיל געעפענט די טהיר, א קוק געטהאן. דאס בעט איז געווען ליידיג, דאס בעט־געוואנד גאר ניט געריהרט. אפריהער האט זי ניט פערשטאנען און געמיינט, אז זי איז אוועק צו איהר פאטער איבערריידען. באלד אבער האט זי זיך אנגעשטויסען, עס האט איהר א ברען געטהאן אין'ם מוח און זי איז אוועקגעלאפען צו איהר מאן.

ווען זי איז אריינגעלאפען צו איהם איז זי געווען בלייך ווי קאלך. ער איז געלעגען און האט געלעזען. ער האט געפרעגט אויפגערעגט:

— וואס איז געשעהן?

— האסטו געזעהן סוסאנע'ן?

— ניין. ווארום?

— זי... זי... איז אוועק. זי איז ניטא אין'ם צימער.

ער האט זיך האסטיג א כאפ געטהאן, ארונטערגעשפרונגען פון בעט, אנגעטהאן די פאנטאפעלס און איז אין איין העמד אוועקגע־לאפען צו זיין טאכטער אין צימער.

ביי איהם איז קיין ספק ניט געווען. זי איז אנטלאפען. אויסצושטעהן!

ער האט זיך ארונטערגעלאזט אין א פאטעל און אוועקגע־שטעלט דעם לאמפ אויף דר'ערד.

די ווייב איז צוגעגאנגען צו איהם:

— נו?

ער האט קיין דרעפטען ניט געהאט צו ענטפערען. ער איז מעהר ניט ביין געווען, ער האט נור געקרעכצט:

— פערלארען. זי איז ביי איהם אין די הענד. מיר זיינען פערלארען.

זי האט ניט פערשטאנען.

— וואס מיינסטו, מיר זיינען פערלארען?

— יעצט וועט זי מוזען חתונה האבען מיט איהם.

זי האט אויסגעשריען ווי א צורייצטע חיה:

— ער! קיינמאל ניט! ביזטו פון זינען ארונטער?

ער האט טרויעריג געענטפערט:

— יעצט וועט דאס שרייען ניט העלפען. ער האט זי פערפיהרט און איהר עהרע בערויבט. יעצט מוזען מיר זעהן, ער זאל מיט איהר חתונה האבען. אויב מיר ווילען זיין פארזיכטיג, ווילען מיר קע־נען פערמיידען א סקאנדאל.

זי האט געפיהלט, אז זי געהט ארונטער פון'ם זינען און האט געמורמעלט:

— ניין, ניין, קיינמאל ניט. ער וועט מיט סוסאנע'ן ניט חתונה האבען, איך וועל עס ניט דערלאזען! ניין, קיינמאל ניט!

וואלטער האט צומישט גע'טענה'ט:

— אבער זי איז דאך ביי איהם. פערפאלען. ער וועט זי אזוי לאנג האלטען ביי זיך, ביז מיר ווילען נאכגעבען. אום צו פער־מיידען א סקאנדאל, איז קליגער, אז מיר זאלען גלייך נאכגעבען.

זיין ווייב מיט א צורימענע הארץ, האט געערדט:

— ניין, ניין, איך וועל קיינמאל ניט נאכגעבען, קיינמאל ניט!

ער האט זיך אנגערופען מיט אונגעדולד איז'ם קול:

— יעצט זיינען אומזיסט אלע רייד. אזוי מוז עס זיין. אך, שופט, ווי ער האט אונז אבער אריינגעכאפט! און צוריק גערעדט: מיר וואלטען געפונען פאר איהר א מאן פון דער העכערער געזעלשאפט, וואס זאל אונז פערשאפען כבוד, אבער זיכער ניט א מענשען מיט מעהר שכל. ער האט פאר זיך א גלענצענדע צוקונפט. ער וועט נאך אמאל זיין א דעפוטאט און א מיניסטער.

זיין ווייב האט ערקלעהרט מיט ווילדער אויפרעגונג:

— איך וועל קיינמאל ניט צולאזען, ער זאל חתונה האבען מיט סוסאנע'ן... דו הערסט... קיינמאל ניט!

ער איז בייז געווארען און ווי א פראקטישער מענש האט ער אנגעהויבען צו פערטהיידיגען דעם שעהנעם פריינד:

— שווייג... איך זאג דיר, אז עס מוז זיין אזוי... יעצט איז עס דער איינציגער אויסוועג... און ווער ווייס? אפשר וועלען מיר נאך צופריעדען זיין, וואס עס האט זיך אזוי געמאכט. וואס פון אזוינע מענשען קען אמאל ארויסקומען, קען מען גאר ניט וויסען. דו האסט אליין געזעהן, ווי מיט דריי ארטיקלען איז ער פערטיג געווארען מיט דעם נאר לאראש־מאטיע. און מיט וואס פאר א ווירדע ער האט עס געטאהן, אין זיין לאגע איז עס געווען זעהר א שווערער עסק. ער איז דאך געווען אין דער לאגע פון דעם מאן. קורץ: מיר מוזען האנדלען קלוג. מיר זיינען אין זיינע הענד און קיין אנדער אויסוועג איז ניטא...

זי איז געווען אויסער זיך, האט געוואלט שרייען, יאמערען,ווארפען זיך אויף דר'ערד, רייסען אויף זיך די האהר. מיט א קול, פול פערצווייפלונג, האט זי געשריען:

— ער וועט זי ניט האבען... איך... וויל... ניט...

וואלטער האט זיך אויפגעהויבען, גענומען דעם לאמפ און געזאגט:

— דו ווייסט, דו ביזט אזוי נאריש, ווי אלע פרויען. איהר ווערט נור בעהערשט פון'ם געפיהל. איהר קענט זיך ניט אונטער־

ווארפען די אומשטענדען... איהר זייט נאריש! איך זאג דיר, אז ער וועט יא חתונה האבען מיט איהר. אנדערש קען עס ניט זיין.

און ער איז ארוים, שליאפענדיג מיט די פאנטאפלען. ווי א געשפענסט האט ער זיך בעוועגט אין איין נאכט־העמד איבער דעם ברייטען קארידאר פון דעם אין־שלאף־פערזונקענעם האטעל.

זיין ווייב איז געבליבען שטעהן מיט א הארצען פול מיט יסורים און פיין. זי האט נאך אינגאנצען ניט בעגריפען, וואס עס האט פאסירט. זי האט נור געליטען. דערנאך האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז זי וועט קיין כוח ניט האבען צו שטעהן אזוי ביז אין דער פריה...

זי האט דערפיהלט א גוואלדיגען פערלאנג אנטלויפען, אויפהויבען א יאמער מען זאל איהר העלפען, מען זאל זי ראטעווען.

צו וועמען לויפען? וואוהין? צו וועמען זיך ווענדען נאך הילפע?

זי האט ניט געוואוסט. צום פריסטער! יא, יא, צום פריסטער! זי וועט זיך צו זיינע פיס ווארפען, וועט איהם אלסדינג דערצעהלען, אין אלסדינג זיך מודה זיין פאר איהם, וועט בעטען מחילה אויף איהרע זינד, וועט אויסגיסען איהר פערצווייפעלט הארץ. ער וועט פערשטעהן, אז דער דאזיגער שופט טאר ניט חתונה האבען מיט סוסאנע'ן, ער וועט עס ניט דערלאזען.

זי מוז זעהן דעם פריסטער גלייך!

אבער וואו זוכט מען איהם? וואוהין געהט מען? בלייבען דא קען זי ניט, זי קען ניט.

דא האט פאר איהרע אויגען מיט אמאל אויפגעלעבט דאס ערנסטע געזיכט פון קריסטוס'ן אויפ'ן ים. זי האט איהם געזעהן אזוי קלאהר, אזוי דייטליך, ווי זי וואלט אויף דאס בילד געקוקט. ער האט זי גערופען צו זיך.

ער האט גערעדט:

— קום צו מיר, קניה פאר מיר. איך וועל דיר טרויסטען, איך וועל דיר לערנען, וואס דו זאלסט טהאן.

זי האָט גענומען אַ ליכט און איז אוועק אין דער אראנזשער־רעע. קריסטוס איז דאָרט געווען, אין׳ם קליינעם צימער וואָס איז אָבגעטהיילט געווען פון דער אראנזשערעע דורך אַ גלעזערנער טהיר, אום די פייכטקייט פון די פלאנצען זאָל דעם בילד ניט שאדען.

דאָס איז געווען אַ מין קאַפּעלע, אין מיטען אַ וואלד פון זעל־טענע בוימער און בלומען.

ווען זי איז אריין אין אראנזשערעע, וועלכע זי האָט ביז אהער געזעהן נור אין פולער בעלויכטונג, איז זי פערציטערט געוואָרען פון דער טיעפער דונקעלהייט, וואָס איז דאָרט איצט פערשפּרייט געווען. די מעכטיגע פלאנצען פון׳ם הייסען זידען האָבען אָנגע־פיהלט די לופט מיט זייערע דריקענדע ריחות. די טהירען זיינען געווען צוגעמאַכט און עס איז שווער געווען צו אָטהעמען אין דעם דאָזיגען זעלטענעם וואלד, וועלכער איז געלעגען פערשלאָסען אונטער אַ גלעזערנעם דאך. די דאָזיגע ריחות האָבען בערוישט, פערווירט, געוועקט געפיהלען פון פערגעניגען און פון וועה, פון זיס־ליידענ־שאַפטליכער אויפרעגונג און פון טויט.

די אונגליקליכע פרוי האָט זיך בעוועגט אין דער דאָזיגער דונקעלהייט ווי אַ שאָטען. די זעלטענע פלאנצען, בעלויכטען צוויי־טענווייז פון דעם אויפפלאקערענדיגען פלאָם פון דער ליכט, האָבען אָנגענומען דאָס אויסזעהן פון פערשיעדענע ברואים.

פלוצים האָט זי דערזעהן קריסטוס׳ן. זי האָט געעפענט די טהיר און זיך אַ וואָרף געטהאָן פאר איהם אויף די קניה.

צוערשט האָט זי געבעטען ווי אַ משוגע׳נע, האָט געשטאַמעלט ווערטער, פול מיט ליעבע, פול ליידענשאַפט, פערצווייפלונג. דער־נאָך, ווען זי איז רוהיגער געוואָרען, האָט זי אויפגעהויבען די אויי־גען און איז פערגליווערט געוואָרען פאר מורא׳דיגען שרעק. אונטער דעם שוואַכען שיין פון דער ליכט איז קריסטוס שטאַרק עהנליך גע־ווען צו דעם שעהנעם פריינד... די זעלביגע אויגען, דער זעלביגער שטערן, דער זעלביגער אנבליק, דער זעלביגער האכמוטהיגער און קאַלטער אויסדרוק...

זי האָט געשטאַמעלט:

— קריסטוס! קריסטוס! קריסטוס! — און דאָס וואָרט זשאַרזש האָט זיך געריסען אויף איהרע ליפּען. פּלוצים איז איהר איינגעפאַלען, אַז אין דיעזער מינוט, קען זיין, פערברענגט זשאַרזש ערגעץ מיט איהר טאָכטער... ער איז מיט איהר אליין ערגעץ־וואו אין אַ צימער... ער מיט סוסאַנע'ן!...

זי האָט ווידער געשטאַמעלט: קריסטוס! קריסטוס!...

אָבער געטראַכט האָט זי וועגען איהר טאָכטער און וועגען איהר געליעבטען. זיי זיינען געוועזן אליין אין אַ צימער... אין מיטען נאַכט... זי האָט זיי געזעהן, אַזוי קלאָהר, אַזוי דייטליך; זיי זיינען געשטאַנען דאָ, האָבען פערשטעלט מיט זיך דאָס בילד פון קריסטוס'ן. זיי האָבען געשמייכעלט איינער צום אַנדערען. האָבען זיך געקושט. אין'ם צימער איז דונקעל, דאָס בעט איז אויפגע־דעקט... זי האָט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צו זיי, אום איהר טאָכטער ביי די האָהר אָנצוכאַפּען, אום זי ארויסצורייסען פון זיינע אָרעמס. זי איז גרייט געווען צו דערשטיקען זי, זי, איהר איינענע טאָכטער, וועלכע זי האָט איצט געהאַסט. זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהר... איהרע הענד האָבען בעריהרט דעם לייוועַנד, זי האָט זיך אָנגעשטויסען אויף קריסטוס'עס פיס...

זי האָט ארויסגעלאָזט אַ ווילדען געשריי און איז געפאַלען אַהינטער, אויפ'ן רוקען. דאָס ליכט האָט זיך אוועקגעקייקעלט און זיך פערלאָשען.

דערנאָך? דערנאָך האָבען זיך איהר פאָרגעשטעלט מורא'דיגע זאַכען. זי האָט געזעהן סוסאַנע'ן אין די אָרעמס פון זשאַרזש'ן און קריסטוס צווישען זיי, וועלכער האָט געבענטשט זייער פערברעכערישע ליעבע.

זי האָט קוים געוואוסט וואו זי איז. האָט געוואָלט אויפהויבען זיך, אַנטלויפען, האָט אָבער ניט געקענט. זי איז געווען ווי גע־לעהמט אויף אַלע איהרע גליעדער. דער געדאַנק האָט נור געאַר־ביים, דער געדאַנק, וואָס איז געווען פערנעבעלט און האָט זיך גע־

פלאַנטערט צווישען מורא'דיגע, פאַנטאַסטישע בילדער. זי איז אריינגעפאַלען אין אַ קראַנקהאַפטען טרוים, אין אַן אונגאַטירליכען און אָפט זעהר געפעהרליכען טרוים, וואָס די פלאַנצען פון די הייסע לענדער רופען ארוים, מיט זייערע פאַנטאַסטישע פאָרמען און בע־רוישענדען דופט.

אין דער פריה האָט מען זי געפונען אַ גע'חלש'טע, אַ האַלב טויטע, נעבען דעם בילד פון קריסטוס'ן. זי איז געווען אַזוי קראַנק, דאָס מען האָט שוין געמיינט, אַז זי שטאַרבט. ערשט אויף מאָרגען איז זי געקומען צו זיך. דאַן האָט זי אָנגעפאַנגען צו וויינען.

די דיענערשאַפט האָט מען דערצעהלט, אַז סוסאַנע'ן האָט מען אַוועקגעשיקט אין אַ קלויסטער. אויף דעם לאַנגען בריעף פון דו־ראַי'ן, אין וועלכען ער האָט געבעטען סוסאַנע'ס האַנד, האָט וואַלטער געענטפערט מיט יאָ.

דער שעהנער פריינד האָט ארויסגעשיקט דעם בריעף, ווען ער מיט סוסאַנע'ן האָבען פערלאָזען פאַריז. אין רעספּעקטפולע ווער־טער האָט ער געשריבען, אַז ער ליעבט שוין לאַנג דאָס יונגע מיי־דעל, אַז ער האָט זי ניט פערפיהרט, נור זי איז געקומען צו איהם אַליין מיט איהר אייגענעם ווילען און איהם ערקלעהרט: „איך וויל זיין אייער פרוי". ער דענקט, אַז ער האָט אַ רעכט צו האַלטען זי ביי זיך, זאָגאר צו פערבעהאַלטען זי, ביז ער וועט בעקומען אַן ענטפער אויף זיין בריעף. דער ווילען פון זיין כלה האָט פאַר איהם אַ גרעסערע ווערטה ווי דער ווילען פון איהרע עלטערען.

ער האָט געבעטען וואַלטער'ן צו ענטפערען איהם אויף דעם אדרעס פון פּאָסט־דעפּאַרטמענט, אַ פריינד זיינער וועט איהם איבערשיקען דעם בריעף.

ווען ער האָט בעקומען דעם ענטפער מיט דער צושטימונג, האָט דו־ראַי געבראַכט סוסאַנע'ן צוריק נאָך פּאַריז און זי אַוועקגעשיקט צו איהרע עלטערען. אַליין האָט ער זיך דעווייילע איינגעהאַלטען פון צו בעזוכען וואַלטער'ס הויז.

זיי האָבען זעקס טעג פערבראכט ביים ברעג פון דער טייך סעין, אין לאראש־גיוואָן.

נאָך קיינמאָל האָט דאָס מיידעל ניט פערבראכט אזוי פרעה־ליך די צייט. ער האָט זי אומעטום פאַרגעשטעלט אלס זיין שוועסטער. די בעציהונגען צווישען זיי זיינען געווען פרייע און ריינע, ווי צווישען קאמעראדען. ער האָט זיך בערעכענט, אז איהם לוינט זיך בעסער זי ניט צו בעריהרען

אויף מאָרגען, נאָכדעם ווי זיי זיינען אָנגעקומען אהין, האָט זי זיך וועש געקויפט, פויערשע קליידער און א גרויסע שטרויענע הוט, בעפוצט מיט פעלד־בלומען.

זי איז בעצויבערט געווען פון דער געגענד. דאָרט זיינען א סך זעלטענע זאכען.

זשאָרזש האָט זיך געקויפט א מאַטראָסען־אנצוג. גאנצע טעג האָבען זיי ארומגעשפּאַצירט ביים ברעג טייך, האָבען געכאַפּט פיש, זיך געשיפט אויף א שיפעל. זיי האָבען זיך נאָכאַנאַנד געקושט, זי אונשולדיג, ער, קוים בעהערשענדיג אין זיך זיינע פערלאַנגען.

ער האָט אָבער געקענט זיך בעהערשען. און ווען ער האָט איהר שפּעטער געזאָגט: „מאָרגען פאָהרען מיר צוריק נאָך פּאַריז, אייער פאָטער האָט געענטפערט, אז ער איז נישט דאַגעגען“, האָט זי זיך אָנגערופען גאַנץ נאַאיוו:

— שוין? און מיר איז דאָ אזוי פרעהליך געווען צו זיין אייער ווייב!

10

אין דער קליינער וואָהנונג, אין דער רו דע־קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איז געווען גאַנץ דונקעל. זשאָרזש און קלאָטילדע דע־מארעל האָ־בען זיך אָנגעשטויסען אין דער טהיר, זיינען שנעל אריין און זי

האט זיך אָנגערופען, נאָך איידער ער האט די לאַדענס געעפענט:

— אלזאָ, דו הייראטסט סוסאנע וואלטער?

ער האט ניט געלייקענט און אין אַ גאַנץ רוהיגען טאָן גע־ענטפערט:

— האסטו עס דען ניט געוואוסט?

זי האט גערעדט ווייטער, אויסער זיך פאר אויפרעגונג און צאָרן:

— דו הייראטסט סוסאנע וואלטער? דאס איז צו פיעל! שוין דריי מאָנאטען ווי דו חנפה'סט זיך צו מיר, אום מיך צו פער־בלענדען, אום עס צו פערבעהאלטען פון מיר. די גאנצע וועלט ווייס וועגען דעם, נור איך ניט. איך האב עס דערוואוסט זיך פון מיין מאַן!

דו־ראָי האט זיך צולאַכט, אבער עטוואס געצוואונגען. דערנאָך האט ער אוועקגעלייגט די הוט אויף דעם קאַמין־געזימס און זיך געזעצט אויף אַ שטוהל.

זי האט איהם אַ קוק געטהאָן גלייך אין די אויגען אריין און געזאָגט מיט אַ פערשטיקטען קול:

— דו האסט זיך צו דעם געגרייט זייט דו האסט זיך גע'גט מיט דיין פרוי, ניט אמת? און מיך האסטו איינגעהאלטען אלס דיין גע־ליעבטע, אום די צייט אויסצופילען? וואס פאר אַ לומפּ דו ביזט!

ער האט זיך אָנגערופען:

— איך פערשטעה ניט, ווארום בין איך אַ לומפּ? איך האב געהאט אַ פרוי, וועלכע האט מיך בעטראָגען. איך האב זי געטראָפען מיט איהר געליעבטען, גע'גט זיך מיט איהר און הייראט יעצט אַן אנדערע. דאס איז, דאכט זיך, גאנץ נאַטירליך.

זי האט זיך אַ טרייסעל געטהאָן און ארויסגעשעפּטשעט:

— אָה, וואס פאר אַ געפעהרליכער שופט דו ביזט!

ער האט זיך ווידער צולאַכט:

— דו ווייסט דאָך, אַז די גוטע זיינען שטענדיג דו דומע!

אבער זי האט איהם ניט געהערט און גערעדט ווייטער:

— ווי אזוי האב איך דיר גלייך ניט דערקענט? אבער ניין איך האב זיך דאך ניט געקענט פארשטעלען, אז דו זאלסט זיין אזא לומפ!

ער איז געווארען ערנסט און האט זיך אנגערופען:

— איך בעט דיר, ניט צו עפענען אזא מויל...

זי האט זיך אנגעצונדען:

— וואס? דו ווילסט נאך איך זאל דיר בעהאנדלען איידעל? אפשר נאך אנטהאן זיידענע הענד־שוה, ווען איך רייד צו דיר? דו בענעהמסט זיך געגען מיר זינט איך קען דיר ווי א לומפ, און איך זאל עס דיר נאך ניט זאגען? דו בעטריגסט די גאנצע וועלט, אלעמען נוצטו אויס, אמוזירסט זיך וואו נור דו קאנסט און נעהמסט געלד וואו נור דו קריגסט! און דו ווילסט נאך, איך זאל דיר בעהאנדלען ווי אן אנשטענדיגען מענשען?

ער איז אויפגעשפרונגען און האט געזאגט מיט א ציטערנדיגען קול:

— פערמאך דיין פיסק, אז ניט ווארף איך דיר ארויס!

זי האט אויסגעשריהען:

— דו וועסט מיך ארויסווארפען?... ארויסווארפען... פון ואנען?... פון דאנען?... דו?... דו?...

זי האט מעהר נישט געקענט ריידען; דער צארן האט זי געשטיקט און מיט א מאל האט זי ארויסגעפלאצט, אזוי ווי איהר גאנצער איינגעהאלטענער צארן וואלט זיך דורכגעבראכען:

— דו וועסט מיך ארויסווארפען? דו האסט אפנים פערגעסען, אז די וואהנונג געהערט צו מיר, אז פון דעם ערשטען טאג אן האב איך געצאהלט פאר איהר. ווער האט זי גענומען?... איך! ווער האט זי אויפגעהאלטען?... איך! און דו ווילסט מיך ארויס־ווארפען פון מיין וואהנונג? שוויוג בעסער, דו לומפ. מיינסט, אז איך וויים ניט, ווי אזוי דו האסט ארויסגעקראגען ביי מאגדא־לענען א העלפט פון דער ירושה, וואס וואדרעק האט איהר איבער־געלאזט? מיינסטו, אז איך וויים ניט, אז דו האסט זיך געוואלגערט

מיט סוסאנען, אום איהרע עלטערען זאָלען דערנאך געצוואונגען זיין צו טהאָן מיט דיר דעם שידוך?

ער האָט זי אָנגעכאפּט ביי די אקסלען און גענומען זי טרייס־לען:

— וואג ניט צו ריידען וועגען דעם! איך פערוועהר עס דיר!

זי האָט געשריען:

— דו האָסט זיך געוואָלגערט מיט איהר! איך וויים!

ער וואָלט געדולדעט אלסדינג, אָבער דער דאָזיגער ליגען האָט איהם אויפגעבראכט. די אמת'ן, וואָס זי האָט איהם אין פּנים גע־שליידערט, האָבען ביי איהם ארויסגערופען פעראכטונג, אָבער די דאָזיגע רכילת אויף דאָס יונגע מיידעל, זיין צוקונפטיגע פרוי, האָבען אין איהם ערוועקט א ווילדען פערלאַנג זי צו שלאָגען.

ער האָט ווידער געזאָגט:

— שוויינ... איך וואָרן דיר... שוויינ...

און ער האָט זי געטרייסעלט, ווי מען טרייסעלט אַ צווייג, ווען מען וויל די פרוכטען זאָלען ארונטערפאַלען.

זי האָט געשריען ניט מיט איהר קול און איהרע האָר זיינען בעת דעם געווען צופלאָטערט און איהר בליק איז געווען ווילד:

— דו האָסט זיך געוואָלגערט מיט איהר!

ער האָט זי אָבגעלאָזט און איהר אזוי אריינגעפאָהרען אין באַק, דאָס זי איז אָבגעפלויגען צו דער וואַנד. זי, אָבער, האָט זיך אומגעדרעהט צו איהם, אָנגעשפּארט זיך אָן די עלענבויגענס און ווידער אויסגעשריען:

— דו האָסט זיך געוואָלגערט מיט איהר!

דאָן האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף איהר, געקייקעלט זי איבער דר'ערד און זי געשלאָגען אזוי, ווי מען שלאָגט אַ מאַנס־פּארשוין.

זי איז פּלוצים אנשווייגען געוואָרען און האָט אָנגעהויבען צו קרעכצען פאר וועהטאָג. זי האָט זיך ניט אַ ריהר געטהאָן, גע־

האלטען דעם פּנים אריינגעגראָבען אין דער פּאָדלאָגע און ארויס־געלאָזט שטילע, רחמנות'דיגע קרעכצען.

ער האָט זי אויפגעהערט צו שלאָגען. דערנאָך איז ער זיך דורכ־געגאנגען איבער'ן צימער אום זיך צו בערוהיגען. דאן איז ער אריין אין צווייטען צימער, האָט אָנגעגאָסען אַ שיסעל מיט קאלטע וואסער און אריינגעטהאָן אַהין דעם קאָפּ. דערנאָך האָט ער אויסגעוואשען די הענד און איז אוועק זעהן, וואס זי טהוט.

זי האָט זיך ניט גערירט, איז נאָך אלץ געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע און האָט שטיל געוויינט:

ער האָט זיך אָנגערופען:

— ווערסטו אמאָל אויפהערען צו יאמערען?

זי האָט ניט געענטפערט. דאן איז ער געבליבען שטעהן אין מיטען צימער, עטוואס צומישט און פערשעהמט פון דעם געדאנק, אז די דאָזיגע פרוי ליגט אזוי, ווייל ער האָט זי אומגעוואָרפען און געשלאָגען.

דערנאָך האָט ער זיך פּלוצים אויף עפּעס ענטשלאָסען, גענומען זיין הוט פון'ם קאמין־געזימס און געזאָגט:

— אדיע. דעם שליסעל זאָלסטו אָבגעבען דעם שווייצאר, ווען דו וועסט אוועקגעהן. איך האָב ניט קיין געדולד צו ווארטען, ביז דער קאָלטען וועט זיך ביי דיר אָבדרעהען...

ער איז ארויס, האָט פערשלאָסען די טהיר, איז פערגאנגען צום שווייצאר און האָט איהם געזאָגט:

— די מאדאם איז פערבליבען. זי געהט באלד אוועק. איהר זאָגט אייער בעל הבית, אז איך האלט די וואָהנונג נור ביז דעם ערשטען אָקטאָבער. היינט האָבען מיר דעם זעכצעהנטען אוי־גוסט, הייסט עס, אז איך האָב אַ רעכט זיך צו ענטזאגען פון דער וואָהנונג פון דעם קומענדען מאָנאַט אָן.

און ער אזי אוועק, אויפקויפען פּרעזענטען פאר זיין כלה.

די חתונה איז בעשטימט געווארען אויף דעם צוואנציגסטען אָקטאָבער, באלד נאָך דער ערעפנונג פון'ם פּארלאמענט. די חתונה־

צערעמאָניע האָט געזאָלט פאָרקומען אין דער קירכע פון דער היי־ליגער מאגדאלענא'ן. עס האָבען זיך געטראָגען פערשיעדענע קלאַנ־גען וועגען חתן־כלה, אָבער וואָס פאַר אַ קלאַנגען האָט קיינער אויף זיכער ניט געוואוסט. מען האָט דערצעהלט, אז ער האָט זי אי־בערגוואלד פערפיהרט, אָבער בעשטימט האָט עס קיינער ניט גע־וואוסט.

ווי די דיענער האָבען דערצעהלט, האָט מאדאם וואלטער, וועלכע האָט ניט גערעדט מיט איהר צוקונפטיגען איידעם, זיך פער'סם'ט אין דעם אייגענעם אבענד, ווען עס איז בעשטימט גע־וואָרן דער טאָג פון דער חתונה. מען האָט זי קוים אָבגעראַטעוועט. אָבער געזונד ווי פריהער וועט זי שוין קיינמאָל ניט ווערען. זי האָט איצט אויסגעזעהן שטאַרק פערעלטערט; די האָהר אויפ'ן קאָפּ זיינען אינגאַנצען וויים געוואָרען; זי איז געוואָרען זעהר פרום און יעדען זונטאָג געהט זי אין קירכע און איז זיך מתודה אין איהרע זינד פאַר דעם פּריסטער.

אין די ערשטע טעג פון סעפּטעמבער האָט די צייטונג „דאָס פראַנצויזישע לעבען" אַנאָנסירט, אז באראָן דו־ראָי דע־קאַנטעל איז געוואָרען איהר שעף־רעדאקטאָר און היר'ר וואלטער איז פערבלי־בען איהר ארויסגעבער.

באלד זיינען איינגעלאַדען געוואָרען אַ מענגע פון בעקאַנטע פּעליטאַנ'סטען, רעפּאָרטערס, פּאָליטישע שרייבער, קונסט און טהעאַטער קריטיקערס, וועלכע מען האָט אוועקגענומען פון די גרויסע, אלטע, בעדייטענדסטע צייטונגען.

איצט האָבען שוין די אלטע הויך־געאַכטעטע זשורנאַליסטען מעהר ניט געדריקט מיט די אַקסלען, ווען זיי האָבען גערעדט וועגען „דאָס פראַנצויזישע לעבען". דער גרויסער, שנעלער ערפאָלג פון דער דאָזיגער צייטונג האָט געצוואונגען אלעמען, די סאַמע ערנסטע זשורנאַליסטען אפילו, צו קוקען אויף איהר מיט דרך־ארץ.

מיט דער האַכצייט פון דעם שעף־רעדאקטאָר האָט גע'רעשט

גאנץ פאריז. די לעצטע צייט האט מען זעהר פיעל גערעדט פון דו־ראי'ן און פון וואלטער'ן. אלע פראמינענטע מענשען אין שטאדט האבען געהאפט צו זיין אויף דער חתונה.

די חתונה איז געפייערט געווארען אין א קלאהרען הערבסט־טאג.

פון אכט אין דער פריה זיינען די אנגעשטעלטע פון דער קירכע, וואו די חתונה־צערעמאניע האט געזאלט פארקומען, פערנומען געווען מיט אויסלייגען רויטע טעפיכער פאר דער קירכע; די פארבייגעהער האבען פון דעם זיך אנגעשטויסען, אז מען גרייט זיך צו עפעס א גרויסע האכצייט.

די בעאמטע, וואס זיינען געגאנגען אין זייערע דעפארטאמענטען, די ארבייטערינס, די אנגעשטעלטע פון די מאגאזינען האבען זיך אבגעשטעלט, געקוקט און געטראכט וועגען די רייכע, וואס גיבען אויס אזוי פיעל געלד, אום זיך צו פעראייניגען...

ארום צעהן האבען זיך אנגעהויבען צו פערקלייבען פאר דער קירכע גאנצע געזעמעלס פון נייגעריגע, זיינען געשטאנען א ווייל, געהאפט אז באלד וועט זיך עס אנפאנגען און זיינען זיך באלד ווידער צוגאנגען.

ארום עלף זיינען אנגעקומען פאליסלייט צו דער קירכע און האבען אנגעהויבען פאנאנדערצוטרייבען דעם נייגעריגען עולם.

דערנאך האבען זיך בעוויזען די ערשטע איינגעלאדענע, האבען געוואלט פערכאפען די בעסטע פלעצער, אום בעסער צו זעהן.

דערנאך זיינען געקומען אנדערע: פרויען, וואס האבען געראושט מיט זייערע זיידענע קליידער, אנגעבלאזענע מענער, כמעט אלע מיט פליכעוואטע קעפ. זיי אלע האבען געטראכטען מיט פייערליכע מינעס.

די קירכע איז ביסלעכווייז אנגעפילט געווארען. די שטראהלען פון דער זון האבען זיך אריינגעריסען אין דער גרויסער אפענער טהיר און האבען בעלויכטען די ערשטע רייהע פון די איינגעלאדענע. אין'ם כאר, וואס האט ארויסגעזעהן דונקעל, האט דער אלטאר מיט

די וואקסענע ליכט געוואָרפען אַ שוואכען געלען שיין, וואָס האָט אויסגעזעהן זעהר בלייך געגען דעם מעכטיגען העלען שיין פון די זונען־שטראהלען, וועלכע האָבען זיך געריסען אין דער אָפענער טהיר.

בעקאַנטע האָבען זיך דאָ געטראָפען, איינער דעם אַנדערען בעגריסט, איינער צום אַנדערען צוגעגאַנגען. די ליטעראַטען, וואָס זיינען ניט אַזוי רעספּעקטיוו געווען ווי די מענער פון דער געזעל־שאַפט, האָבען האַלב שטיל געפּלוידערט. מען האָט זיך צוגעקוקט צו די פרויען.

נאָרבער דע־וואָרען האָט געזוכט אַ פריינד. ער האָט דערזעהן זשאַק ריוואַל'ן און איז צוגעגאַנגען צו איהם מיט די ווערטער:

— די צוקונפט געהערט צו די זשוליקעס!

דער אַנדערער, וועלכער איז ניט געווען פון די ניט־פערגינער, האָט זיך אָנגערופען:

— דעסטאָ בעסער פאַר איהם. ער האָט זיך זיין קאַריערע געמאַכט!

און זיי האָבען אָנגעהויבען צו ריידען וועגען בעקאַנטע, אָנרופענדיג נעמען.

ריוואַל האָט געפרעגט:

— ווייסט איהר ניט, וואָס איז געוואָרען פון זיין פרוי?

דער דיכטער האָט אַ שמייכעל געטהאָן:

— יאָ און ניין! זי לעבט זעהר צוריקגעצויגען, ווי מען זאָגט, אין מאָנמאַרטער־קוואַרטאַל. אָבער... אָבער... עס איז דאָ אַן „אָבער"... זייט אייניגע צייט לעז איך אין דער צייטונג „פעדער" פּאָליטישע אַרטיקלען, וועלכע זיינען זעהר עהנליך צו די אַרטיקלען פון דו־ראָי און פאָרעסטיע. זיי זיינען געשריבען פון אַ געוויסען זשאַן לע־דאַל, אַ יונגען שעהנעם קערל פון דעם סאָרט יונגע לייט, ווי אונזער פריינד דו־ראָי. דער דאָזיגער יונגער מאַן האָט זיך בעקאַנט מיט דו־ראָי'ס פריהערדיגער פרוי. פון דעם שליס איך, אַז זי האָט אַלע מאָל ליעב געהאַט אָנפאַנגער און וועט זיי אויביג ליעבען. אגב איז זי

רייך, וואדרעק און לאראש־מאטיע זיינען ניט אומזיסט געווען איהרע הויז־פריינד...

ריוואל האט ערקלעהרט:

— זי איז גאר ניט מיאוס, די קליינע מאגדאלענקע. זי איז גאר א פיינע סחורה! אפנים ביי אינטימער נאהנטקייט מוז זי זיין זעהר רייצענד... אבער ערקלעהרט מיר, ווי אזוי קען דר־ראי זיך טרויען אין א קירכע נאכדעם, ווי ער האט זיך אפיציעל געג'גט?

נארבער דע־ווארען האט געענטפערט:

— ווייל פון דעם שטאנדפונקט פון דער קירכע איז ער מיט יענער ניט געווען געזעצליך פערהייראטה.

— וואס הייסט?

— יא, אונזער שעהנער פריינד, צו אוים גלייכגילטיגקייט, צו אוים שפארזאמקייט, האט זיך בענוגענט מיט א ציוויל חתונה, בעת ער האט מיט מאגדאלענע'ן געהייראט. ער האט זיך בעגאנגען אהן דער ברכה פון א פריסטער... און אין די אויגען פון דער הייליגער קירכע איז אזא חתונה קיין חתונה ניט. קורץ: פאר דער קירכע איז ער היינט א בחור און זי פייערט זיין האכצייט מיט דעם גאנ־צען טאראם, פאר וועלכען אגב דער אלטער וואלטער וועט בעצאהלען מיט שווערע קלינגענדיגע מזומנים...

דער ליארם פון דער מענגע אין דער קירכע איז געווארען אלץ העכער און העכער. מאנכע האבען גערעדט הויך אויפ'ן קול. מען האט אנגעוויזען איינער דעם אנדערען אויף בעריהמטהייטען, וואס האבען זיך געלאזט זעהן און זיינען גליקליך געווען פון דעם, וואס מען קוקט אויף זיי. זיי האבען זיך געהאלטען מעשה אונ־געוועהנליכע מענשען, מיט גאנץ בעזונדערע מינעס און מאניערען.

ריוואל האט ווידער אנגעהויבען:

— זאגט נור, ליעבער פריינד, איהר קומט דאך אפט אריין צו הערר וואלטער אין הויז, איז עס אמת, אז מאדאם וואלטער און דו־ראי ריידען ניט איינער מיט'ן אנדערען?

— אמת, זי האט איהם ניט געוואלט פאר אן איידעם, אבער

ער האָט געהאַלטען הערר וואַלטער'ן אין זיינע נעגעל און איהם גע־סטראשעט מיט אויפדעקען סודות. וואַלטער האָט זיך דערשראָקען און נאָכגעגעבען. אָבער די מוטער, וועלכע איז אזא עקשן'טע ווי אַלע פרויען, האָט זיך איינגעשפּארט, אז זי וועט קיינמאָל ניט אויס־ריידען אַ וואָרט מיט איהר איידעם. עס איז זעהר קאָמיש צו זעהן זיי ביידען צוזאמען. זי קוקט אויס ווי אַ געטין פון ראכע, און ער זעהט אויס זעהר פערלעגען, הגם ער האַלט זיך שטייף, וואָרים דער חברה־מאַן קאָן זיך האַלטען.

קאַלעגען זיינען צוגעגאַנגען צו זיי, אום די האַנד צו דריקען. מען האָט גערעדט פון פּאָליטיק, און דומפּף, ווי דאָס ווייטע רוישען פון ים, האָט זיך צוזאַמען מיט די שטראַהלען פון דער זון אין קירכע אריינגעריסען דאָס געפּילדער פון דער מענגע אין דרויסען, און דער דאָזיגער געפּילדער האָט זיך געהויבען צו דעם געוועלב איבער די קעפּ פון די אויסגעוועהלטע איינגעלאַדענע געסט.

פּלוצים האָט דער שווייצאַר אַ קלאַפּ געטהאָן דריי מאָל איבער די שטיינערנע טרעפּ. אלס האָט זיך אַ קעהר געטהאָן, אומגעקוקט זיך: מען האָט דערהערט דעם רוישען פון קליידער, דאָס רוקען פון שטוהלען, און די יונגע כלה האָט זיך בעוויזען, אַנגעלעגט אויף איהר פאָטער'ס אָרעם, אין דער העלער טהיר.

זי האָט נאָך אַלץ אויסגעזעהן ווי אַ שפּיעל־צייג, אַ רייצענדע ווייסע ליאַלקע מיט אָראַנזש בלומען אין די האָהר.

אַ ווייל'ע איז זי געשטאַנען אויפ'ן שוועל. ווע זי האָט דער־נאָך דעם ערשטען טריט געטהאָן, האָט דער אָרגעל גענומען ברויזען און אַנגעזאָגט מיט גוואַלדיגע מעטאַלענע קולות, אז די אַנגעקומען.

מיט אַן ארונטערגעלאָזטען קאָפּ האָט זי זיך בעוועגט איבער דער קירכע, אָבער ניט פערלעגען, ניט צומישט, נור זעהר אויפגע־רעגט, בעוועגט, שעהן און רייצענד, אַ כלה אַ ליאַלקע.

די דאמען האבען געשמייכעלט און זיך געשושקעט צווישען זיך... די מענער האבער געמורמעלט:

— שעהן! רייצענד!...

הערר וואלטער האט געטראטען מיט איבערטריבענער גדלות, מיט די ברילען אויפ'ן נאז.

הינטער זיי זיינען געגאנגען פיער חבר'טעס, אלע אין ראזאווע קליידער, אלע שעהנינקע, ווי א סוויטע הינטער א קעניגין. די אונטערפיהרער זיינען געגאנגען און האבען זיך געהאלטען, ווי פון א באלעט־לעהרער איינגעשטודירט.

הינטער זיי איז געגאנגען מאדאם וואלטער, אנגעלעגט אויף דעם ארעם פון דעם אלטען פאטער פון איהר אנדער איידעם, אויפ'ן ארעם פון דעם צוויי און זיעבציג יאהריגען מארקיז דע־לאטור איוועלין. זי איז ניט געגאנגען, נור האט זיך קוים געשלעפט און עס האט זיך געדאכט, אז אט־אט פאלט זי אין חלשות.

איהרע פיס האבען זיך ווי געקלעפט צו דער פאדלאגע און דאס הארץ אין איהר ברוסט האט אזוי געפלאטערט, ווי א פויגעלע, וואס וואלט זיך פון א שטייגעל געריסען...

זי איז מאגערער געווארען. אונטער איהרע ווייסע האהר האט איהר פנים אויסגעזעהן בלייכער, איינגעפאלענער. זי האט געקוקט פאר זיך אין איין פונקט, אום קיינעם ניט זעהן, אום ניט אפצורייסען זיך פון די פיינליכע געדאנקען.

דאן האט זיך בעוויזען זשארזש דו־ראי מיט אן אלטער דאמע, וועלכע קיינער האט ניט געקענט.

ער האט געטראטען מיט א הויך פעררייסען קאפ; זיינע אויגען האבען געקוקט גלייך און פעסט פון אונטער די אנגעכמורעטע ברעמען. זיינע וואנצעס האבען זיך אביסעל בעוועגט איבער דער ליפ. ער האט זיך געהאלטען שטאלץ, גלייך און געטראטען פעסט. דער פראק איז געלעגען אויף איהם ווי אויסגעגאסען און אויפ'ן לאץ האט ער געטראגען א קליינע רויטע שטיינגע פון דעם עהרען־לעגיאן, ווי א העל־רויטען בלוט־פלעק.

דערנאָך זיינען געגאנגען די פערוואנדטע — ראזא מיט דעם סענאַטאָר ריססאָלען. זי האָט געהייראט מיט זעקס וואָכען צוריק. גראף דע־לאטור איוועלין, געארמט מיט דער וויקאנטעסע דע פערסעמיור.

צולעצט זיינען געגאנגען אַ גאנצע רייהע פון דו־ראַי'ס בעקאנטע און פריינד, מענשען פון צווייפעלהאפטען כאראקטער, וואָס זיינען גוט בעקאַנט געווען צווישען די פאַריזער פראָסטיטוטקעס, מענשען פון זיין גלייכען, רואינירטע עדעל־לייט און אזוי ווייטער. צווישען זיי זיינען אויך געווען הערר דע־קעלווין, מארקיז דע־באנזשאנען, גראף און גרעפין דע־ראוועגעל, הערצאג דע־ראמאראנע, פירסט קראַ־וואלאוו, דער אדעליגער וואלעריאל. אויסער יענע, וואָס וואלטער האָט איינגעלאדען, פירסט דע־געריש, הערצאָג און די הערצאָגינע דע־פעראסין, די שעהנע מארקיזע דיונע... צווישען די דאזיגע פארשוינען האָבען די פּאָר קרובים פון מאדאַם וואלטער אויסגעקוקט ווי קליינשטעדטעלדיגע בעלי בתים.

און דער ארגעל האָט געשפּיעלט און זיינע גוואלדיגע מעטאלענע טענער האָבען אָבגעהילכט איבער דער גרויסער קירכע, ווי זיי וואָל־טען דערצעהלט וועגען די ליידען און פריידען פון מענשען.

מען האָט צוגעמאַכט די טהירען פון דער קירכע און מיט אמאָל איז פינסטער געוואָרען, אזוי ווי מען וואָלט די זונען־שטראהלען ארויסגעיאָגט.

איצט האָט זיך דו־ראַי ארונטערגעלאָזט אויף די קניה נעבען זיין כלה, געגען דעם אלטאַר.

דער נייער בישאָף פון טאנגער מיט אַ שטאָק אין האנד, מיט זיין בישאָף־מיצעל אויפ'ן קאָפּ, איז ארויסגעגאנגען פון דעם היי־ליגען קאמער הינטער דעם אלטאר, אום זיי צו פעראייניגען אין דעם נאמען פון גאָט.

ער האָט זיי געשטעלט די געוועהנליכע פראגען, האָט אומגעבי־טען די רינגען און האָט געזאָגט ווערטער, וואָס האָט זיי ווי מיט קייטען פערבונדען. דערנאָך האָט ער געהאַלטען פאַר חתן־כלה זיין

קריסטליכע דרשה. ער האט גערעדט לאנג וועגען טריי זיין אין הויכע אויסדריקען. ער איז געווען א הויך־געוויקסיקער מאן, איינער פון יענע קירכען־פירסטען, וועמען א היבשער בייכעל גיט צו א בעזונדערע בכבוד'יגקייט...

עס האט זיך דערהערט א פערשטיקטער יאמער. אייניגע האבען זיך אומגעקוקט. מאדאם וואלטער האט געוויינט, דעם פנים מיט די הענד צוגעדעקט.

זי האט געמוזט נאכגעבען. וואס האט זי געקאנט טהאן? אבער פון יענעם טאג אן, ווי זי האט ארויסגעטריבען איהר טאכטער פון איהר צימער, בעת יענע האט זיך צוריקגעקעהרט אהיים, פון יענעם טאג אן, בעת זי האט שטיל געזאגט צו דו־ראי, ווען יענער האט זיך פאמיליאר פערגנויגט פאר איהר: "איהר זייט די ניעדער־טרעכטיגע בעשעפעניש. וואס איך האב אמאל ווען געטראפען, רעדט צו מיר ניט, ווייל איך וועל אייך קיינמאל ניט ענטפערען" — פון יענעם טאג אן האט זי געליטען די מורא'דיגסטע יסורים. זי האט געהאסט איהר טאכטער מיט דעם ביטערסטען האס — א רעזולטאט פון משוגענער ליידענשאפט און פערצווייפעלטער איי־פערזוכט, פון דער אונגעוועהנליכער אייפערזוכט פון א מוטער און פון א געליעבטער, פון אן אייפערזוכט, וועגען וועלכער זי טאר ניט רעדען, אבער וועלכע ברענט, ברענט ווי א פייער...

און איצט בענשט דער בישאף דעם בונד פון איהר טאכטער מיט איהר געליעבטען אין א קירכע, אין דער אנוועזענהייט פון צוויי טויזענד מענשען, און איהר אייגענער אנוועזענהייט... זי קען ניט זאגען, זי קען ניט שטערען, זי קען ניט אויסשרייען: „דער דאזיגער מענש געהערט מיר, ער איז מיין געליעבטער. דיעזער בונד, וועלכען איהר בענשט, איז א זינד, א שאנד!"

א פאר דאמען זיינען געריהרט געווארען פון איהר געוויין און האבען געפליסטערט:

— ווי די ארימע מוטער איז געריהרט!

דער בישאף האט גערעדט:

—איהר געהערט צו די גליקליכסטע אין דער וועלט, צו די רייכסטע און אנגעזעהנסטע. איהר, מיין העהר, וואס אייער טאלאנט שטעלט אייך הויך איבער אלעמען, איהר, וואס איהר שרייבט, וואס איהר לערענט דאס פאלק, איהר האט א הויכען צוועק אינ'ם לעבען, אן ערהאבענדע מיססיאן צו ערפילען, א ביישפיעל דער גאנצער וועלט צו געבען...

דו־ראי האט זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער און איז אין גאנצען פער'שיכור'ט געווען פון עהר־גייץ. דאס האט גערעדט צו איהם א הויכער פירסט פון דער רוימישער קירכע, צו איהם אליין! און ער האט געפיהלט הינטער זיין רוקען די גאנצע מענגע פון די אויסגעוועהלטע געסט, פון דער העכסטער געזעלשאפט, וואס זיינען געקומען נור צוליעב איהם, און עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, ווי עפעס א שטארקע קראפט הויבט איהם און טראגט איהם אין דער לופטען, הויך, הויך, צום הימעל... ער וועט זיין איינער פון די מעכטיגסטע אויף דער ערד! ער! ער! דער זוהן פון ארימע פויערים אין קאנטעל...

און פלוצים האט ער זיך דערמאהנט אן זיי, אן זייער ארימען שענק אויפ'ן שפיץ בארג איבער דעם גרויסען טהאל פון רואן, און עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער זעהט זיין טאטע־מאמע, ווי זיי דערלאנגען דארט בראנפען צו די דארפישע פויערים.

ווען ער האט געקראגען וואדרעק'ס ירושה, האט ער זיי דאמאלט פינף טויזענד פראנק געשיקט, איצט וועט ער זיי פופציג טויזענד שיקען, דאן וועלען זיי זיך קענען א קליינעם גוט קויפען און וועלען צופריעדען און גליקליך לעבען.

דער בישאף האט זיין רעדע געענדיגט. א פריסטער אין גאל־דענעם טראכט איז צום אלטאר צוגעגאנגען. דער ארגעל האט ווידער אנגעהויבען צו שפיעלען לכבוד דאס יונגע פאאר.

פון צייט צו צייט האט ער ארויסגעלאזט לאנגע טענער, וואס האבען זיך געטראגען ווי כוואליעס, אזוינע הויכע און מעכטיגע, דאס עס האט זיך געדאכט, אז אט־אט רייסען זיי דורך דעם דאך און טראגען זיך אוועק העט־העט צום בלויען הימעל... די דאזיגע טענער האבען אנגעפילט די גאנצע קירכע און געמאכט פלאטערען לייב און זעעל. דערנאך זיינען זיי מיט אמאל שוואכער געווארען, און עס האבען זיך א גאס געטהאן ווייכע צארטע טענער, וואס האבען געלאסצעט דעם אויער ווי דאס פליסטערן פון א פריהלינגס־ווינטעל... דאס זיינען געווען רייצענדע מעלאדיען וועלכע האבען ארומגעפלאטערט אין דער לופטען ווי קליינע פייגעלאך. דערנאך האט די דאזיגע מוזיק פלוצים ווידער גענומען הילכען שטארק און מעכטיג, מעכטיגער און מעכטיגער אזוי ווי א זעמדעלע וואלט זיך אין א גאנצע וועלט צו־וואקסען...

דערנאך האבען זיך דערהערט מענשליכע שטימען איבער די איינגעבויגטע קעפ. בארי און לאנדעק, זינגער פון דער גרענד־אפערא האבען גענומען זינגען. דער ווייה־רויך האט פערשפרייט זיין פיינעם גערוך און אויפ'ן אלטאר האט מען א געטליכען קרבן געבראכט.. גאט דער פאטער האט אויפ'ן רוף פון פריסטער זיך מטריח געווען ארונטערצוקומען אויף דער ערד אום צו בענשען דעם טריאומף פון דעם באראן זשארזש דו־ראי.

דער "שעהנער פריינד", וועלכער איז געשטאנען אויף די קניה נעבען סוסאנע'ן האט ארונטערגעלאזט דעם קאפ. אין דיעזער מינוט האט ער זיך געפיהלט כמעט א גלויביגער, כמעט רעליגיעז, פון דאנקבארקייט צו דער גאטהייט, וואס האט איהם אזוי געשיצט, וואס איז געווען אזוי גנעדיג צו איהם. און ניט וויסענדיג קלאהר צו וועמען ער בעט, האט ער איהר געדאנקט.

ווען דער גאטעס־דיענסט איז געווען פאראיבער, האט ער זיך אויפגעהויבען, דערלאנגט דעם ארעם זיין פרוי און איז אוועק מיט

איהר צום הייליגען קאמער. דאן האט זיך אנגעפאנגען א לאנגע סדרה פון גראטוליאציאנען. זשארזש איז פאר פרייד ווי פון זינען ארונטער; עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער איז א קעניג וועמען זיין פאלק נעהמט אויף מיט יובעל־געשרייען.

ער האט געדריקט די הענד, האט געשטאמעלט ווערטער, וואס האבען קיין בעדייטונג ניט געהאט און האט אויף אלע גראטוליאציאנען געענטפערט:

— איהר זייט זעהר ליעבענסווירדיג!

פלוצים האט ער בעמערקט פרוי מאראל, און די עראינערונג וועגען אלע קושען, וועלכע ער האט איהר געגעבען און זי האט צוריקגעקעהרט, דער געדאנק וועגען אלע איהרע צערטליכקייטען, איהרע שטיפערייען, דעם קלאנג פון איהר שטימע, דעם טעם פון איהרע ליפען, האט פלוצים אין איהם אנגעצונדען א נייעם בעגעהר זי צו האבען... זי איז געווען שעהן, עלעגאנט, מיט איהר ארויספארדערענדיגען אויסדרוק און מיט איהרע ברענענדיגע אויגען.

דו־ראי האט א טראכט געטהאן:

— זי איז דאך א רייצענדע געליעבטע!

זי איז צוגעגאנגען צו איהם אביסעל פערלעגען, אביסעל אויפגערעגט און האט איהם דערלאנגט די האנד.

ער האט זי גענומען און געהאלטען א היבשע וויילע אין זיינער. דא האט ער דערפיהלט דעם שטילען דרוק פון דער דאזיגער פרויען־האנד, דעם זיסען דרוק, וואס פערצייהט און רופט צו זיך.

און ער האט געענטפערט אויך מיט א דרוק, אזוי ווי ער וואלט איהר וועלען זאגען:

— איך ליעב דיך נאך אלץ, איך בין דיינער!...

זייערע אויגען האבען זיך אנגעקוקט, בלישטשענדיגע, שמייכלענדיגע און פערליעבטע... זי האט ארויסגעשעפטשעט מיט איהר זיסער שטימע:

— אויף ווידערזעהן, הערר דו־ראי.

ער האט פרעהלאך געענטפערט:

— אויף ווידערזעהן, גנעדיגע פרוי

און זי איז אוועק.

אנדערע פערזאנען זיינען צו זיי צוגעגאנגען, איינע נאך די אנ־דערע, און זיינען ווייטער אוועק, ווי א שטראם האבען די מענשען זיך געטראגען פארביי דאס יונגע פארעל. צולעצט איז געווארען גראמער ארום זיי. די לעצטע איינגעלאדענע זיינען צוגעגאנגען צו זיי. דו־ראי האט ווידער דערלאנגט סוסאנען זיין ארעם, אום צו פער־לאזען מיט איהר די קירכע.

די קירכע איז געוועזען פול מיט מענשען, ווייל יעדער האט זיך ווידער צוריקגעקעהרט אויף זיין פלאץ, אום צו זעהן, ווי דאס יונגע פאארל וועט ארויסגעהן.

ער האט געטראטען לאנגזאם מיט א רוהיגער מינע, מיט א הויך־פערריםענעם קאפ, מיט די אויגען געריכטעט אויף די ארויס־גאנגס־טיר, אין וועלכע די העלע לאכענדיגע זונן האט אריינגעקוקט. ער האט געפיהלט, ווי א שוידער נעהמט איהם דורך אינגאנצען, יענער זיסער שוידער, וואס רעדט פון אונענדליכען גליק. ער האט קיינעם ניט געזעהן פאר זיך. ער האט נור געטראכט וועגען זיך אליין.

צוגעגאנגען צום שוועל, האט ער דערזעהן פאר זיך דעם פערזאַ־מעלטען המון, א פינסטערע, ליארעמדיגע מענגע, וואס איז גע־קומען אהער צוליעב איהם, צוליעב זשארזש דו־ראי. גאנץ פאריז האט פון איהם אנגעקוואלען, גאנץ פאריז האט איהם מקנא געוועזען.

דערנאך, אז ער האט אויפגעהויבען די אויגען, האט ער דארט דערזעהן געגענאיבער דעם דעפוטאטען־קאמער, און עס האט זיך איהם אויסגעדאכט אז מיט איין שפרונג וועט ער זיין דארט אינ־ווייניג פערנעהמען א בכבוד'יגען פלאץ...

מיט לאנגזאמע טריט האט ער זיך ארונטערגעלאזט פון די טרעפ, צווישען צוויי געדיכטע רייהען פון צושויער, אבער ער האט זיי ניט געזעהן; ער האט זיך ניט אומגעקוקט אויף זיי. זיינע געדאנקען האבען געבלאנדזשעט און פאר זיינע אויגען, פון דער זונן פער־בלענדעט, האט זיך געטראגען דאס בילד פון פרוי מארעל, ווי זי שטעהט פאר'ן שפיגעל און פריזירט זיך די האאר ארום די שלייפען, די האאר, וואס פלעגען שטענדיג ווערען צושויבערט, בעת זי פלעגט אויפשטעהן פון זייער ליעבעס־געלעגער.

ע נ ד ע.